STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09946

# GEGENZAYTIGE HILF BAY HAYES UN MENSHEN

Petr Alekseevich Kropotkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געגענזייטיגע הילף

## ביי חיות און מענשען

אלס א פאקטאר פון ענטוויקלונג

פון

**פעטער קראפאטקין**

איבערזעצט אין אידיש פון

**דר. י. א. מעריסאָן**

מיט אַ ספעציעלער פאָררעדע פון פערפאסער
צו דער אידישער אויסגאַבע

ניו יאָרק, 1913.

אַרויסגעגעבען פון דער
„קראפאָטקין ליטעראַטור-געזעלשאַפט“.

# אינהאלטס־פערצייכניס

פון די ארויסגעבער ........................ ז. VI.

פון דעם איבערזעצער ........................ ז. VII.

דעם פערפאסער'ס פארדעדע צו דער אידישער אויסגאבע........................ VIII.—XIV.

איינלייטונג ........................ ז. 18—5

קאפיטעל I

געגענזייטיגע הילף ביי חיות............... ז. 54—19

„דער קאמפף פאר עקזיסטענץ". — געגענזייטיגע הילף אלס נאטור־געזעץ און הויפט פאקטאר פון פראגרעסיווער ענטוויקלונג. — די ניט־רוקענביינינגע חיות. — מוראשקעס און ביענען. — פויגלען: זייערע פעראיינען פאר געיעג און פיש־פאנג. — זייער געזעלשאפט־ליכקייט. — געגענזייטיגע בעשיצונג ביי קליינע פויגלען. — בושלען; פאפאגייען.

קאפיטעל II

געגענזייטיגע הילף ביי חיות (פארטגעזעצט)........ ז. 190—55

די וואנדערונגען פון די פויגלען. — געמיינשאפטען אויסצובריהען די יונגע. — די הערבסט־געזעלשאפטען. — זויגטהיערען: די קליינע צאהל פון ניט־געזעלשאפטליכע טהיערען. — די געיעג־פעראייני־גונגען פון וועלף און אנדערע. — די געזעלשאפטען פון גריזונעס און אפפען. — די געגענזייטיגע הילף אין קאמפף פאר'ן לעבען אין די גרענעצען פון דעם מין. — די נאטירליכע שטערונגען פון א צו־גרויסער פערמעהרונג. — וועגען דער פערניכטונג פון די צווישען־רינגען. — די בעזייטיגונג פון דער קאנקורענץ אין דער נאטור.

## קאַפּיטעל III

**געגענזייטיגע הילף ביי די ווילדע ...............ז. 158—110**

די השערה פון אַ מלחמה פון יעדערן אַנטקעגען אַלעמען. — דער שטאַם אַלס אורשפּרונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. — דאָס שפּעטערע אויפטרעטען פון דער בעזונדער פאַמיליע. — בושמענער און האָטענטאָטען. — אויסטראַליער, פּאַפּואַסען, עסקימאָזען, אַלע־אוטען. — דאָס לעבען פון די ווילדע איז פאַר אייראָפּעער שווער צו פערשטעהן. — דער בעגריף פון גערעכטיגקייט ביי די דאַיאַקס. — דאָס געמיין־רעכט.

## קאַפּיטעל IV

**געגענזייטיגע הילף ביי די באַרבאַרען ...........ז. 203—159**

די גרויסע וואַנדערונגען. — די נויטיגקייט פון אַ נייער אָרגאַני־זאַציע: די דאָרף־געמיינדע. — געמיינדע־אַרבייט. — די געריכטס־פאָרמען. — רעכט־פערהעלטניסען צווישען די שטאַמען. — אילוס־טראַציעס פון היינטיגען לעבען. — די בוריאַטען. — די קאַבילען. — די קאַווקאַזישע בערג־פעלקער. — די אַפריקאַנער בערג־פעלקער.

## קאַפּיטעל

**אין דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט ...........ז. 224—204**

דער וואוקס פון אויטאָריטעט אין דער באַרבאַרישער געזעלשאַפט. — די לייבאייגענשאַפט אין די דערפער. — דער אויפשטאַנד פון די פעסטונגס־שטעדט: זייער בעפרייאונג, זייערע פריוויליגיעס־פּאַפּיער־רען. — די גילדען. — דער דאָפּעלטער אורשפּרונג פון דער פרייער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט. — אויטאָנאָמע יוריסדיקציע און זעלבסט־פערוואַלטונג. די בכבוד'ע לאַגע פון אַרבייט. — האַנדעל דורך דער גילדע און דורך דער שטאָדט.

## קאַפּיטעל VI

**אין דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט (פאָרטגעזעצט)..ז. 287—245**

עהנליכקייט און פערשיידענקייט צווישען די מיטעלאַלטערליכע שטעדט. — די האַנדווערקער־גילדען: שטאַאַט־אייגענשאַפטען ביי יעדערער פון זיי. די האַלטונג פון דער שטאָדט געגענאיבער די פויערים; די פּראָבעס זיי צו בעפרייען. — די פעאָדאַלע פריצים. — וואָס די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט האָט אויפגעטהאָן אויף די געביעטען פון קונסט און וויסענשאַפט. — די אורזאַכען פון זייער אונטערגאַנג.

## קאַפּיטעל VII

געגענזייטיגע הילף אין היינטיגער געזעלשאַפט ......ז. 228—332

פאָלקס־אויפשטאַנדען אין אָנהויב פון דער שטאַאַט־פעריאָדע. — געגענזייטיגע הילף־אינסטיטוציעס אין אונזער צייט. — די דאָרף־געמיינדע: איהר קאַמפף מיט דעם שטאַאַט, וואָס זוכט זי צו פערניכטען. — די מנהגים וואָס שטאַמען פון דער דאָרף־געמיינדע זיינען פערבליבען אין אונזערע היינטיגע דערפער. — די שווייץ, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד.

## קאַפּיטעל VIII

געגענזייטיגע הילף אין היינטיגער געזעלשאַפט......ז. 338—368
(פאָרטגעזעצט)

דאָס ענטשטעהען פון אַרבייטער־יוניאָנס, נאָכדעם ווי די גילדען זיינען פערניכטעט געוואָרען דורכ'ן שטאַאַט. — זייערע קאַמפּפען. — געגענזייטיגע הילף אין סטרייקס. — קאָאָפּעראַציעס. — פרייע פעראייניגונגען פאַר פערשיעדענע צוועקען. — זעלבסטאָפּפערונג. — אונצעהליגע פעראיינען פיר צוזאַמענווירקען אויף אַלע מעגליכע געביעטען. — געגענזייטיגע הילף אין לעבען פון די אָרימסטע קוואַרטאַלען. — פערזענליכע הילף.

שלום־וואָרט ..........................ז. 369—376

אנהאַנג ..............................ז. 377—422

אנצייגער און וואָרט־ערקלערער...............ז. 423—433

# פון די ארויסגעבער

דער „יובילעאום קאָמיטעט“, וועלכער האָט פאָריגען יאָהר ארויסגעבראכט, לכבוד גען. פּ. קראָפּאָטקין׳ס 70־יעהריגען יובי־לעאום, א נייע אידישע אויסגאבע פון זיינע „מעמוארען פון א רעוואָלוציאָנער“, האָט זיך רעאָרגאניזירט און איז אויסגעוואקסען אין א ברייטערער אָרגאניזאציע אונטער׳ן נאָמען „די קראָ־פּאָטקין ליטעראטור געזעלשאפט“ — די איצטיגע ארויסגעבער פון אָט דעם בוך.

די האָפענונג, וואָס איז דאמאָלסט אויסגעדריקט געוואָרען פון דעם קאָמיטעט, צו קאָנען אינגיכען ארויסגעבען אין אידיש פּ. קראָ־פּאָטקין׳ס „געגענזייטיגע הילף“, איז איצט צו אונזער פרייד פערווירקליכט געוואָרען אין אָט דער שעהנער פאָרם, וועלכע, מיר זיינען זיכער, וועט צופריעדען שטעלען דעם לעזער אין אלע הינזיכטען. עס בלייבט אונז נאָר איבער צו ווינשען, אז די צאָהל פון אונזערע מיטגליעדער זאָל זיך פיעל פערגרעסערען, כדי מיר זאָלען מיט וועניגער שוועריגקייט קאָנען פאָרטזעצען אונזער ארבייט צו שאפען א סאָציאל־וויסענשאפטליכע ליטעראטור אין אידיש, און ארויסגעבען א חוץ קראָפּאָטקין׳ס ווערק — דער נעכסטער אויפ׳ן פּראָגראם איז זיין בוך „פעלדער, פאבריקען און ווערק־שטעפער“ — אויך די ווערק פון אונזערע בעריהמטע קלאסיקער, ווי גאדווין, פּרודאָן, באקונין און אנדערע.

מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטע דאנקבארקייט דעם פּערפאסער, אונזער לעהרער און גענאָסע, פּעטער קראָפּאָטקין, פאר דער זעהר פאסיגער פאָררעדע, וואָס ער האָט געשריבען ספּעציעל צו אונזער אידישער אויסגאבע פון זיין אנערקענטען מייסטער־ווערק, ווי אויך פאר זיינע סימפּאטישע בעציהונגען צו דער ארבייט פון אונזער געזעלשאפט בכלל.

**די קראָפּאָטקין ליטעראטור געזעלשאפט.**

ניו יאָרק, 1913.

# פון דעם איבערזעצער

איך נעהם מיר די געלעגענהייט צו מאכען אייניגע בעמער־קונגען וועגען דער איבערזעצונג פון „געגענזייטיגע הילף“, וואס ליעגט דא פאר'ן לעזער. ווי אין מיינע פריהערדיגע איבערזעצונגס־ארבייטען, אזוי האב איך אויך דא זיך געהאלטען בכלל אן דער מעטאדע פון פינקטליכקייט און טרייהייט צום אריגינאל. איך מוז אבער בעמערקען, אז אין אט דעם פאל האב איך געהאט פאר זיך צוויי אריגינאל־טעקסטען — דעם ענגלישען און דעם רוסישען, — און וואו עס האט זיך געפונען א חלוק אין גירסא צווישען זיי, האב איך, נאטירליך, געמוזט וועהלען איינס פון די ביידע.

אין זיין פארווארט צו דער רוסישער אויסגאבע, וועלכע איז ארויסגעקומען אין יאהר 1907, מיט 5 יאהר שפעטער איידער די ענגלישע, זאגט דער פערפאסער, אז ער האט גענוי איבערגעקוקט דעם גאנצען (ענגלישען) טעקסט, האט פערריכט קליינע טעות'ן און מוסיף געווען, אויף גרונדען פון אייניגע נייע ווערק, געוויסע פונק־טען, דערהויפט אין דעם אנהאנג. איך האב דעריבער זיך געהאלטען אין אלע שטעלען, וואס זיינען מיר פארגעקומען ווי פערבעסערונ־גען, נעהענטער צו דעם רוסישען טעקסט און האב אויך אריבערגע־נומען פון איהם אלע נייע אנהאנג־הוספות, וועלכע פעהלען אין דער ענגלישער אויסגאבע. דער לעזער קריגט אויף דעם אופן אין אט דער אידישער איבערזעצונג אלע הוספות און אויסבעסערונגען, וואס געפינען זיך אין דער שפעטיגערער רוסישער אויסגאבע, מיט אלע מעלות אין סטיל פון דעם ענגלישען טעקסט, וועלכען דער פער־פאסער אליין ציהט פאר, ווי ער האט מיר פערזענליך געשריבען וועגען דעם.

דעם אנצייגער צום סוף בוך האב איך, פערשטעהט זיך, אליין צונויפגעשטעלט, ניט איבערזעצט, און האב אריינגעגעבען אין איהם די בעדייטונג פון אייניגע פרעמד־ווערטער, וועלכע מען בעגעגענט ניט אפט אין דער אידישער ליטעראטור.

ניו־יארק, דעצעמבער 1913.

דר. י. א. מעריסאן.

# פערפאסער׳ס פאָררעדע

## צו דער אידישער אויסגאבע פון „געגענזייטיגע הילף“.

מעהר ווי צעהן יאָהר איז שוין פאָראיבער זינט די ערשטע אויסגאבע פון אָט דעם בוך איז ערשיענען אין ענגליש. דער געדאנק, אַז געגענזייטיגע הילף און שטיצע שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיגען פאַקטאָר פאַר דער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג פון די מינים, וועלכער איז אין אָנהויב אויפגענומען געוואָרען מיט מיסטרויען, ווערט איצט, ווי עס זעהט אויס, אָנגענומען פון פיעלע ביאָלאָגען. אין די מעהרסטע הויפּט ווערק וועגען עוואלוציע, וואָס זיינען ערשיענען די לעצטע צייט אין דייטשלאנד, ווערט שוין אָנערקענט, אַז מען מוז אונטערשיידען צוויי פערשיעדענע זייטען פון דעם קאַמפּף פאר׳ן לעבען: דער קאַמפּף פון יעדען מין, אָדער פון גרויסע אָבטיילונגען פון דעם מין, אנטקעגען צו־ווידערדיגע נאַטירליכע אומשטענדען און געגנערישע מינים; און דער קאַמפּף צווישען די איינצעלנע אין דעם מין גופא. מיט אַנדערע ווערטער: **אויסערליכע** קריעג־פיהרונג און **איגערליכע** מלחמות. אין דער זעלביגער צייט הויבט מען שוין אויך אָן צו אנערקענען, אַז דער קאַמפּף פאר׳ן לעבען **אינצווישען** דעם מין איז פיעל איבערטריבען געוואָרען, און אַז די געגענזייטיגע הילף איז וועניגסטענס, פּונקט אזוי פיעל אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ אין דער נאַטור, ווי דער נעגענזייטיגער קאַמפּף; בעת פאַר דער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג איז די געגענזייטיגע הילף גאָר קיין ספק ניט דער העכסט וויכטיגער פּרינציפּ פון די ביידע.

די וויכטיגקייט פון אָט דער אנערקענונג קאָן ניט אוועקגעמאַכט ווערען מיט׳ן האַנד. דאַרווין האָט דאָס שוין איינגעזעהען. ניט מען איינמאָל צו, אַז דער געזעלשאַפטליכער אינסטינקט איז אַ

דויערהאַפטיגער און שטארקער אינסטינקט ביי יעדען מין פון די בעלי חיים און נאָך מעהר ביים מענשען, קאָנען מיר דאן בויען דעם פונדאמענט פון דער עטהיק (פון דער געזעלשאַפטליכער מאָראל) אויף דעם פעסטען גרונד פון נאטור־בעאָבאכטונגען און דארפען עס ניט זוכען אין איבערנאטירליכע ענטפלעקונגען. די אידעע, וואָס בעקאַן, גראָטיוס, געטהע און דארווין אליין (אין זיין צווייטען ווערק, „די אָבשטאַמונג פון מענשען") האָבען פערטיידיגט, געפינט אויף דעם אופן א פאָלשטענדיגע בעשטעטיגונג, אזוי באלד ווי מיר נעהמען בעטראכטען דעם ערך וויפיעל געגענזייטיגע הילף עס קומט פאָר אין דער נאטור. מיר זעהען גלייך איין, וואָס פאר א שטארקע וואָפען דאָס שטעלט מיט זיך פאָר אפילו פאר דעם שוואכסטען מין אין זיין קאַמפף אנטקעגען די צו־ווידערדיגע נאטור־אומשטענדען, ווי עס פערזיכערט די איינצעלנע מיט א לאנגען לעבען, מיט אָנ־קלייבען ערפאהרונג און מיט דער ענטוויקלונג פון העכערע אינ־סטינקטען און פערנונפט, וואָס עס מאכט מעגליך עס זאָל אָנוואַק־סען אין דעם מין.

בעווייזען די וויכטיגקייט פון דעם געזעלשאַפטליכען אינ־סטינקט, אלס א באזיס פאר דער עטהיק, איז די ארבייט, מיט וועלכער איך בין איצט פערנומען.

נאָך א וויכטיגע בעטראכטונג, צו וועלכער עס פיהרט אונז די פאָרשונג פון געגענזייטיגער הילף אין דער נאטור, איז וואָס עס גיט אונז די מעגליכקייט צו קאָנען בעסער בעגרייפען, וויפיעל די ענטוויקלונג פון יעדען לעבעדיגען מין, און נאכמעהר, די ענט־וויקלונג פון מענשליכע געזעלשאַפטען און בעזונדערע איינצעלנע, הענגט אָב פון די אומשטענדען פון לעבען, אונטער וועלכע זיי ענטוויקלען זיך. אט די אידעע, וועלכע איז אזוי קרעפטיג פערטיידיגט געוואָרען פון די פראנצויזישע ענ־ציקלאָפעדיסטען צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט און פון זייערע סאָציאליסטישע און אנארכיסטישע נאָכפאָלגער אין דעם נעקסטען

יאהרהונדערט — אנהויבענדיג מיט גאדווין, פוריע און ראבערט אווען — ווערט מיט פערביסענקייט בעקעמפפט פון די פערטייידיגער פון קאפיטאליזם און דעם שטאאט, ווי אויך פון די רעליגיעזע פרעדיגער. און מיר ווייסען אלע, וואס פאר א נוצען זיי האבען געמאכט פון דעם „קאמפף אומס לעבען"-געדאנק פאר דער פערטיידיגונג פון זייער פאזיציע — ברענגענדיג ביז צו פערצווייפלונג דארווינען אליין.

איצטער, ווען מיר זעהען, אז דער געדאנק פון א אינערליכען קאמפף אינצווישען פון דעם מין איז גראב איבערטריבען געווארען פון דארווינ'ס נאכפאלגער, פערשטעהען מיר, אז בעת ער האט אין זיינע שפעטיגערע ווערק נאך דעם בוך „די אבשטאמונג פון די מינים", (אין זיין „אבשטאמונג פון מענשען" און ספעציעל אין זיין ווערק „ענדערונגען ביי חיות און מענשען") צוגעשריבען אלץ מעהר וויכטיגקייט צו דער ווירקונג פון אויסערליכע אומשטענדען אויף דעם גאנג פון דער ענטוויקלונג פון אלע לעבעדיגע וועזענס, האט ער דערמיט ניט געמאכט קיין הנחות צו זיינע געגנער, ווי אייניגע פון זיינע ענגלישע נאכפאלגער דערצעהלען אונז. ער האט איינפאך צונויפגערעכענט די רעזולטאטען פון די אונגעהויערע פארשונגען בנוגע די אורזאכען פון וואריאציעס, וואס ער האט געמאכט נאכדעם, ווי ער האט אבגעדרוקט אין יאהר 1859 זיין ערשטען עפאכע מאכענדען ווערק, די „אבשטאמונג פון די מינים".

איצטער קאן מען שוין שטודירען די ווירקונגען פון דער סביבה אויף דער ענטוויקלונג אי פון געזעלשאפטען אי פון איינצעלנע, גאנץ געטוי און אהן ליידענשאפטען, און אזא שטודיום וועט זיכער עפענען נייע און וויכטיגע אויסזיכטען וועגען עוואלוציע אין אלגעמיין. עס וועט אין דער זעלביגער צייט אויך בעפרייען דעם געזעלשאפט-רעפארמאטאר פון די ספיקות, וואס ער וואלט געקאנט פיהלען בנוגע זיין ארבייט, וואס ער ווענדט אן צו ענדערען אפריהער די היינטיגע לעבענס-אומשטענדען פון דער מענשהייט, און

זיין בעהויפּטונג וואָס ער מאַכט, אַז די בעסערע אומשטענדען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס וועט זיין געבויט אויף געגענזייטי־גער שטיצע און גלייכהייט, וועט שוין במילא אויפהויבען דעם מענ־שען'ס מאָראַלע בעגריפען צו אַזאַ הויך, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געקאָנט דערגרייכען אונטער דעם היינטיגען סיסטעם פון שקלאַפעריי און עקספּלואַטאַציע.

א דריטער פּונקט, אויף וועלכען די פאָרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין אָט דעם בוך, קאָנען וואַרפען א ניי ליכט, איז — דער אורשפּרונג פון דעם שטאַאט. אייניגע געדאַנקען וועגען דעם ענין, וואָס זיינען אַרויסגעפיהרט געוואָרען פון די פאָרשונגען וועגען דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, און וואָס געפינען זיך אין דעם בוך „געגענזייטיגע הילף“, האָב איך צונויפגעפאַסט אין א בראָשור אונטער'ן נאָמען „דער שטאַאט און זיין היסטאָרישע ראָליע“. וועגען דעם ענין וואָלט מען אָבער גע־קאָנט זאָגען פיעל מעהר, און ווי יעדער פאָרזיכטיגער לעזער קאָן אליין איינזעהען, עפענען אויף די קאַפּיטלען, וואָס איך האָב אָב־געגעבען אין דעם בוך צו דער „געגענזייטיגער הילף אין די מיטעל־אַלטערליכע שטעדט“ און פריהער צו די דאָרף־געמיינדען, גאַנץ נייע ליניען פון פאָרשונגען, וועלכע קאָנען פיהרען צו וויכטיגע פּראַקטישע רעזולטאַטען. צום אומגליק שטעהט די פערגעטערונג פון דעם רוימישען צענטראַליזירטען שטאַאט און דעם רוימישען געזעץ, וועלכע הערשט איבער אַלץ אין אונזערע אוניווערזיטעטען, אין וועג פון אַזוינע מעגליכע פאָרשונגען. דערהויפּט נאָך דערפאַר, וואָס אַזוינע פאָרשונגען, ווען מען זאָל זיי נאָר מאַכען, וואָלטען געדיענט אַלס א שטיצע פאַר די געדאַנקען, וואָס וואַקסען איצטער אין די ראָמאַנישע און אַנגלאָ־זאַקסישע געמיינדען, בנוגע דער נויטיגקייט פון זעלבסטשטענדיגקייט אָדער „האָם רול“ ניט נאָר פאַר בעזונדערע נאַציאָנאַליטעטען, נאָר אויך פאַר יעדער געאָגראַפיש־אָב־געטיילטער טעריטאָריע, פאַר יעדער געמיינדע און יעדען בעצירק.

אזא זעלבסטשטענדיגקייט — הויבט שוין אָן איצט צו ווערען קלאָהר — וואָלט געווען דער איינציג־ריכטיגער וועג איינצופיהרען אַן אמת'ע פעראייניגונג צווישען די פערשיעדענע טיילען פון א טעריטאָריע, אָנשטאָט דעם געמאַכטען צוזאַמענבונד, וואָס ווערט איצט אויף זיי ארויפגעצוואונגען דורך זייער אַלעמענס אונטערוואָרפענקייט אונטער א געוויסער אויסערליכער אויטאָריטעט.

אין אייניגע איבערבליקען איבער אָט דעם בוך איז אויסגעדריקט געוואָרען די מיינונג, אז איך האָב אין א געוויסער מאָס מגזם געווען די גוטע שטריכען פון די מיטעלאַלטערליכע פרייע רעפּובליקען. ווען דאָס בוך אָבער וואָלט ניט געווען געשריבען פאַר'ן אַלגעמיינעם לעזער און איך וואָלט געקאָנט אַריינברענגען אין איהם די אונגעהויערע מאַסע מאַטעריאַל, וואָס איך האָב צונויפגעקליבען פון צופערלעסיגע קוועלען פון יענע צייטען און ערנסטע מאָדערנע ווערק וועגען דעם ענין, וואָלט יעדער געקאָנט זעהען, אז אָנשטאָט צו האָבען מגזם געווען, בין איך, פערקעהרט, גאָר געווען געצוואונגען צו בענרעניצען מיינע בעלייכטונגען ביז צו א גאַנץ קליינעם טייל פון די פונקטען, וואָס איך האָב געקענט געבען. די ביישפּיעלען אַליין, וועלכע זיינען געבליבען אין מיינע מאַנוסקריפּטנאָטיצען, וואָלטען קלעקען אויף א צווייטען באַנד.

איצטער, אז מיר זעהען צווישען די אַרבייטער פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ אַזאַ גרויסע בעוועגונג אַליין אויסצואַרבייטען די פאָרמען, וועלכע די פּראָדוקציאָן און אויסטויש דאַרף אָננעהמען אין א געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך בעפרייט פון דעם יאָך פון קאַפּיטאַל און שטאַאט, ראַטה איך גאַנץ ערנסט די דאָזיגע אַרבייטער, וועלכע דענקען שוין אין דער ריכטונג, אַריינצוטראַכטען זיך אין די פאַקטען, וואָס מיר וויסען וועגען די ערשטע צוויי יאָהרהונדערטען פון אונאַבהענגיגען לעבען אין די מיטעלאַלטערליכע שטעדט, נאָכדעם, ווי זיי האָבען אַרונטערגעוואָרפען דעם יאָך פון די פעאָדאַלע באַראָנען, בישאָפען און קעניגע, און האָבען אָנגעהויבען א נייע ענט־

וויקלונג אויף די ליניען פון פרייהייט און פּעדעראַציע. עס פערשטעהט זיך, מיר טאָרען ניט זוכען נאָכצואהמען די פערגאַנגענהייט, — די געשיכטע ווידערהאָלט זיך ניט; און איך האָב אָנגעוויזען אין אָט דעם בוך די פעהלערען, וואָס די מיטעלאַלטערליכע שטעדט האָבען געמאַכט, בעת זיי האָבען אויסגעאַרבייט זייערע פרייהייט־חארטען. וואָס מיר דאַרפען טהאָן איז נאָכצוזעהן, צי די פּרינציפּען פון אוּאבהענגיגקייט און פרייע פּעדעראַציעס וואָלטען ניט אונענדליך בעסער געפּיהרט צו וואוילזיין און אַ העכערער גייסטיגער ענטוויקלונג, איידער דאָס אונטערוואַרפען זיך צו אויסערליכע אויטאָריטעטען און דאָס פערקנעכטען זיך צו דער קירך און דעם שטאַאט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די עפּאָכע, וועלכע איז געקומען נאָך דעם אונטערגאַנג פון די פרייע שטעדט און האָט געמאַכט די התחלה פון דעם וואוקס פון די מיליטער־שטאַאטען.

דאָס זיינען די בעמערקונגען, וועלכע איך קאָן מאַכען פאַר דער נייער אויסגאַבע פון אָט דעם בוך. דערביי וויל איך זאָגען, אַז עס איז מיר דאָס גרעסטע פערגעניגען צו זעהען אָט דאָס ווערק מיינס אַרויסקומענדיג אין אידיש. ביי דער איצטיגער צייט איז די אידעע פון צענטראַליזאַציע און צענטראַליזירטע שטאַאטען אַזוי פיעל אין מאָדע, אַפילו צווישען סאָציאַליסטען, אַז מיר הערען גאַנץ אָפט מענשען זאָגענדיג אַז די קליינע נאַציאָנאַליטעטען האָבען קיין גרונד ניט צו עקזיסטירען; אַז וואָס גיכער זיי וועלען איינגעשלונגען ווערען פון די גרעסערע נאַציאָנען, וואָס שנעלער זיי וועלען פערגעסען זייער מוטער־שפּראַך — אַלץ בעסער וועט זיין.

די ערפאַהרונג פון מיין גאַנצען לעבען האָט מיר געלערענט אַקוראַט פערקעהרט. אַלץ, וואָס איך האָב געלערענט אין מיין לעבען, האָט מיך, אדרבא, איבערציינגט, אַז דער זיכערסטער וועג, ווי אַזוי אַריינצוברענגען אַ האַרמאָניע פון בעשטרעבונגען צווישען די פערשיידענע נאַציאָנען, איז — אַז יעדער טייל פון דער מענשהייט

זאָל אַלץ ווייטער ענטוויקלען און רייכער מאכען די שפראַך, וואָס ווערט געדעדט פון די מאסען פון דעם דאָזיגען טייל פון דער מענש־הייט. דאָס וועט אויך זיין דער זיכערסטער וועג, ווי אַזוי אָט די אַלע טיילען וועלען איינשטימען צווישען זיך מכח דער איין שפראַך, אָדער די צוויי שפראַכען, וואָס וועלען שפּעטער אָנגענומען ווערען אַלס דאָס הויפּט מיטעל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פערקעהר. דערהויפּט נאָך, אז אויסלערנען זיך נאָך א שפראַך א חוץ די איי־גענע איז א גאַנץ לייכטע זאַך צו דערגרייכען, דורך די פּערפעאָל־קאָמטע מעטאָדען פון לערנען שפראַכען, וועלכע זיינען שוין איצט אויסגעארבייט.

א חוץ דעם איז דאָס אויך דער זיכערסטער וועג, ווי אַזוי צו סטימולירען יעדע נאַציאָנאַליטעט צו ענטוויקלען דאָס בעסטע, וואָס זי האָט אויסגעארבייט אין פערלויף פון יאָהרהונדערטען אין איהר אייגענער סביבה. עס איז דער זיכערסטער וועג צו בעררייכערען אונ־זער אַלגעמיינע ירושה מיט אַלע יענע נאַציאָנאַלע שטריכען, וועלכע האָבען א ספּעציעלען ווערטה פאַר די פילאָסאָפיע בעגריפען, דער פּאָעזיע און קונסט.

אָט דערפאַר פיהל איך מיך ספּעציעל אַזוי אנגענעהם צו זעהן „די געגענזייטיגע הילף" געדרוקט אין א שפראַך, וואָס ווערט גערעדט פון א היבשען טייל פון דער מענשהייט און וואָס האָט־שוין אַן אייגענע אָריגינעלע ליטעראַטור, וועלכע טראָגט אריין זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע שטריכען אין די אַלגעמיינע אוצרות פון דער מענשהייט.

פּ. קראָפּאָטקין.

ברייטאָן, ענגלאַנד,
נאָוועמבער, 1913.

# געגעזעגענע הילף

# איינלייטונג

צוויי זייטען פון טהיערען־לעבען האבען אויף מיר געמאכט דעם גרעסטען איינדרוק, בעת איך האב אין מיין יוגענד ארומגערייזט אין מזרח־סיביר און צפון־מאנדזשוריע. ערשטענס, די מורא׳דיגע שווערקייט פון׳ם קאמפף פאר עקזיסטענץ, וואס די מעהרסטע מינים חיות מוזען פיהרען קעגען דער גרויזאמער נאטור, מיט דער אונגעהויערער לעבען־פערניכטונג, וואס קומט פעריאדיש פאר פון נאטירליכע סבות, און ממילא די שפארעודיגקייט פון דער בעפעלקערונג איבערן גאנצען געביעט, וועלכען איך האב בעאבאכטעט. און צווייטענס, דער פאקט, וואס איך האב אפילו אין די עטליכע פלעצער, וואו לעבעדיגע ברואים זיינען געווען לרוב, ניט געקענט געפינען, הגם איך האב עס פלייסיג געזוכט, יענעם ביטערן קאמפף פאר די מיטלען פון עקזיסטענץ צווישען **די בעלי חיים, וואס געהערן צו איין מין**, וועלכען די מייסטע דארוויניסטען (אבוואויל ניט אלעמאל דארווין אליין) האבען בעטראכט פאר דעם הערשענדען כאראקטער־שטריך פון לעבענס־קאמפף און פאר דעם הויפט־פאקטאר פון ענטוויקלונג.

די שרעקליכע שנעע־שטורעמס, וועלכע טראגען זיך איבער דעם צפון־טייל פון אזיע אין סוף ווינטער, מיט די אייזיגע פרעסט, וואס קומען אפט נאכדעם; די פרעסט און שנעען, וואס קעהרען זיך אום יעדען יאהר אין מיטען מאי, ווען די בוימער שטעהען שוין אין פולען בליהען און די אינזעקטען שווירבלען און גריבלען איבעראל; די פריהצייטיגע פרעסטלעך און אפטמאל די טיעפע שנעען, וואס פאלען ארויס שוין אין יולי און אויגוסט, אפילו אין די גראזסטעפעס פון מערב־סיביר, און פערניכטען מיט איין קלאפ מיליאנען אינזעקטען, ווי אויך די צווייטע אויסבריהונגען פון די פויגלען; די שלאקס־רעגענס — א פאלגע פון די מאנסון־ווינטען — וואס הויבען אן גיסען אין אויגוסט און געדויערן וואכען נאכאנאנד אין די מילדערע געגענדען פון דעם אמור און אוססורי, ברייגענדיג אין די נידערלענדער פון אמור און סונגארי אזוינע פערפלייצונגען,

וועלכע זיינען נאָר בעקאַנט אין אַמעריקאַ און אין מזרח־סיביר, און וועלכע פּערוואַנדלען אונגעהויערע שטרעקען פון הויכע פלאַכ־לענדער, די גרויס ווי גאַנצע אייראָפּעאישע מדינות, אין זומפּיגע בלאָטעס; און ענדליך די טיפע שנעען, וואָס פאַלען אָפטמאָל ארויס אָנהויב אָקטאָבער, פערדעקענדיג אַ שטח, די גרויס ווי פראַנקרייך אָדער דייטשלאַנד, און אָבשניידענדיג לחלוטין די חיונה פון אַלע מעלי גרה'דיגע בהמות, וועלכע קומען טאַקע אום דאמאָלסט אין די טויזענדער — אַט דאָס זיינען די אומשטענדען, אונטער וועלכע די טהיערען־וועלט האָט צו קעמפּפען פאר'ן לעבען אין צפון־אזיע.

אַט די אומשטענדען האָבען שוין דעמאָלט געצויגען מיין אויפ־מערקזאַמקייט אויף דער אונגעהויערער וויכטיגקייט אין דער נאַטור פון דער דאָזיגער רייה ערשיינונגען, וועלכע דאַרווין רופט אָן „די נאַטירליכע אָבהאַלטונגען פון צופיעל־פערמעהרונג“, — אין פער־גלייך מיט דער וויכטיגקייט פון דעם אונדערבאַרמליכען ק אַ מ פּ ף פאר די מיטלען פון עקזיסטענץ, וועלכער קאָן דאָ און דאָרט פאָר־קומען צווישען די איינצעלנע פון דעמזעלבען מין, אָבער אַלעמאָל נישט מעהר ווי אין אַ בעגרענצטער מאָס, און איז קיינמאָל ניט אזוי וויכטיג ווי דער פריהער דערמאָנטער פאַקטאָר. ניט איבערבעפעלקערונג, נאָר פערקעהרט, אַ שפּאָרעוודיגקייט אין בעפעלקערונג איז דער כאַראַקטער־שטריך פון יענעם אונגעהויערן טייל פון ערדקוגעל, וועלכען מיר רופען אָן צפון־אזיע. דאָס זיינען געוועזען די רעזולטאַטען פון מיינע בעאָבאַכטונגען, און שוין פון דענסטמאָל אָן האָב איך אָנגעהויבען צו האָבען שטאַרקע ספיקות — וועלכע האָבען זיך שפּעטער טאַקע בעשטעטיגט — וועגען דעם דאָזיגען כלומר'שט־שרעקליכען קאַמפּף פאַר די לעבענסמיטלען צווישען די מיטגליעדער פון דעמזעלבען מין, וועלכער איז געוואָרען אָן אמת'ער „אני מאמין“ ביי די מייסטע דאַרוויניסטען. אזוי האָב איך שוין דאַמאָלסט אויך אָנגעהויבען צווייפלען אין דעם הער־שענדען איינפלוס, וואָס אַט דער סאָרט קאַמפּף האָט, לויט דער מיינונג פון די דאַרוויניסטען, אויף דער ענטוויקלונג פון נייע מינים.

פון דער אַנדער זייט ווידער, וואו מיר איז נאָר אויסגעקומען צו זעהען אַ קאָכיג, צאָהלרייך טהיערען־לעבען, ווי צום ביישפּיעל פריהלינגצייט ביי די אָזערעס, וואו מיליאָנען פויגלען פון צעהנדליגע

מינים קומען זיך צונויף אויסצובריהען זייערע יונגע, אָדער אין די בעפעלקערטע קאָלאָניעס פון די גריזונגעס, אָדער אין דער צייט פון די פויגעל־וואַנדערונגען, וואָס איז דאַמאָלסט פאָרגעקומען אויף אַן עכט אַמעריקאַנישען מאָסשטאַב אין די טהאָלען פון דעם אוססורי, אָדער בעת אַ געוויסער גרויסער וואַנדערונג פון דאַם־הירשען, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו בעאָבאַכטען אויפ'ן אַמור, ווען צעהנדליגע טויזענדער פון די דאָזיגע קלוגע חיות זיינען ענטלאָפען פון אַ גרויסער טעריטאָריע צו ראַטעווען זיך פון די אַרויסגעפאַלענע טיעפע שנעען, און האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין גרויסע סטאַדעס, כדי אַריבערצושווימען דעם אַמור וואו ער איז אַם שמעלסטען, אין קליין־כינגאַן — אין אָט די אַלע סצענעס פון טהיערען־לעבען, וואָס האָבען זיך אָבגעשפּיעלט פאַר מיינע אויגען, האָב איך געזעהן אַזוי פיעל פאַקטען פון געגענזייטיגער הילף און געגענזייטיגער שטיצע, אַז איך האָב ניט ווילענדיג זיך געמוזט פערטראַכטען וועגען דער זעהר גרויסער בעדייטונג, וואָס זיי מוזען האָבען פאַר דער ערהאַלטונג פון לעבען, פאַר דעם קיום המין און פאַר זיין ווייטערדיגער ענטוויקלונג.

ענדליך איז מיר אויסגעקומען צו בעמערקען צווישען די האַלב־ווילדע רינדער און פערד אין טראַנסבאַיקאַל, און אומעטום צווישען די וועווערקעס און ווילדע חיות בכלל, אַז ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו קעמפּפען אַנטקעגען אַ דוחק אין שפּייז, מחמת איינער פון די פריהער דערמאָנטע סבות, פלעגט דאָס *גאַנצע* טייל פון דעם מין, וועמען דאָס אומגליק האָט געטראָפען, אַרויסקומען פון קאַמפּף אַזוי געבראָכען אין כחות און געזונד, אַז עס איז אונמעגליך צו גלויבען, אַז אַ *פּראָגרעסיווע ענטוויקלונג פון די מינים זאָל קאָנען זיין בעגרינדעט אויף אַזעלכע פעריאָדען פון שאַרפער קאָנקורענץ*.

שפּעטער, ווען די שיכות'ן צווישען דאַרוויניזם און סאָציאָלאָגיע האָבען געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט, האָב איך צוליעב אָט די אָנגעוויזענע אורזאַכען ניט געקענט איינשטימען מיט קיינע ניט פון די זעהר פיעלע ווערק, וועלכע בעהאַנדלען אויף פערשיידענע אופנים די דאָזיגע העכסט וויכטיגע פראַגע. זיי אַלע האָבען געזוכט צו בעווייזען, אַז דער מענש מיט זיין הויכען שכל און וויסען

קען מילדערן די שטרענגקייט פון דעם לעבענסקאמפף צווישען מענשען; און דערזעלבער צייט אבער האבען זיי אלע אנערקענט, אז דער קאמפף פאר די עקזיסטענץ־מיטלען פון יעדער חיה אנט־קעגען אלע איבעריגע חיות פון איהר מין און דער קאמפף פון יעדען איינצעלנעם מענשען אנטקעגען אלע מענשען איז א „געזעץ פון דער נאטור“. איך האב ניט געקענט איינשטימען מיט אזא בליק, ווייל איך בין שוין פריהער געווען איבערצייגט, אז אויב מען זאל גלויבען אין אן אונדערבארעמליכען קאמפף פאר עקזיסטענץ אין די גרעניצען פון יעדען מין און בעטראכטען אזא מלחמה אלס א בעדינג פון פראגרעס, וואלט עס געהייסען, אז מען נעהמט אן עפעס אזוינס, וואס איז ניט נאר נאך ניט בעוויזען געווארען, נאר וואס עס ווערט פשוט ניט בעשטעטיגט דורך דירעקטע בעאבאכטונגען.

דאגעגען, ווען איך האב זיך בעקענט מיט דער לעקציע „וועגען דעם געזעץ פון געגענזייטיגער הילף“, וואס דער בעריהמטער זאאלאג, פראפעסאר קעססלער, דער דאמאלטיגער דעקאן פון דעם פעטערבורגער אוניווערזיטעט, האט געהאלטען פאר דעם רוסישען קאנגרעס פון נאטורפארשער אין יאנואר 1880, האב איך דערזעהן, אז ער ווארפט נאר א נייע ליכט אויף דער גאנצער פראגע. לויט קעססלער׳ס מיינונג עקזיסטירט אין דער נאטור א חוץ דעם געזעץ פון געגענזייטיגען קאמפף נאך א געזעץ פון געגענזייטיגער הילף, וועלכער שפיעלט א סך א וויכטיגערע ראליע אין דעם ערפאלג פון לעבענס־קאמפף און ספעציעל אין דער פראגרעסיווער ענטוויקלונג פון די מינים, איידער דאס געזעץ פון קאמפף. אט די מיינונג, וועלכע איז אין אמת׳ן נישט מעהר ווי א ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון די אידעען, וואס דארווין אליין האט ארויסגעזאגט אין זיין „אבשטאמונג פון מענשען“, האט זיך מיר אויסגעוויזען, איז אזוי ריכטיג און האט אזא גרויסע וויכטיגקייט, אז פון יענער צייט אן, וואס איך האב זיך בעקענט מיט איהר, (אין 1883) האב איך אנגעהויבען זאמלען מאטעריאל פאר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער דאזיגער אידעע, וועלכע קעססלער האט נאר לייכט אנגעריהרט אין זיין רעדע און האט ניט געהאט די מעגליכקייט זי ווייטער צו ענטוויקלען, אזוי ווי ער איז געשטארבען אין 1881טען יאהר.

נאר אין איין פונקט האב איך ניט געקענט אינגאנצען איינ־

שטימען מיט קעססלער'ס אנזיכטען. ער האט גערעדט וועגען „די געפיהלען פון עלטערן" און דער זארג פאר'ן נייען דור (זעה ווייטער, קאפיטעל I), ווי וועגען דעם קוואל פון וואנען עס נעהמט זיך ביי חיות די געגענזייטיגע געגוויגטקייט פון איינעם צום אנדערן. איך דענק אבער, אז די פראגע, וויפיעל אט די צוויי געפיהלען האבען ווירקליך מיטגעווירקט אין דער ענטוויקלונג פון די געזעלשאפטליכע אינסטינקטען ביי חיות, און וויפיעל אנדערע אינסטינקטען האבען אויך געווירקט אין דער אייגענער ריכטונג, געהערט צו א גאנץ בעזונדערען ענין און איז אזא פערוויקעלטע פראגע, אויף וועלכער מיר זיינען דערווייל נאך קוים אימשטאנד צו געבען אן ענטפער. ערשט נאכדעם אז מיר וועלען ריכטיג פעסטשטעלען די פאקטען גופא פון געגענזייטיגער הילף ביי פערשיידענע קלאסען חיות, ווי אויך זייער וויכטיגקייט פאר דער ענטוויקלונג, וועלען מיר קענען אבטיילען דאס, וואס געהערט אין דער ענטוויקלונג פון די געזעלשאפטליכע אינסטינקטען צו די עלטערנליכע געפיהלען און דאס, וואס געהערט צו דער געזעלשאפטליכקייט אליין; און דערביי וועט מסתמא אויסקומען צו זוכען די אבשטאמונג פון דער לעצטער אין גאר די ערשטע שטופען פון דער ענטוויקלונג פון טהיערען־וועלט — אפשר גאר אין די „קאלאניאלע שטופען" 1). איך האב דעריבער די הויפט אויפמערקזאמקייט אבגעגעבען פריהער פאר אלץ אויף פעסטצושטעלען די וויכטיגקייט פון געגענזייטיגער הילף *אלס פאקטאר פון עוואלוציאן*, און האב איבערגעלאזען פאר ווייטערע פארשונגען די פראגע וועגען דער *אבשטאמונג* פון די אינסטינקטען פון געגענזייטיגער הילף.

די וויכטיגקייט פון דעם פאקטאר פון געגענזייטיגער הילף — „ווען מען זאל נאר קענען בעווייזען זיין אלגעמיינע אנווענדונג" — איז ניט פרעמד געוועזן געטהע'ן, ביי וועמען עס האט זיך אזוי קלאר

---

1) איך האב דא אין אויג יענע שטופען, ווען די גאנץ נידעריגסטע טהיערען פעראייניגען זיך אין גרופען. זעה וועגען דעם אגוסט קאנט, אבהאנדלונג „ביאלאגיע" אין זיין „פאליטיק פאזיטיוו", וואו ער רעזומירט זיין פאזיטיווע פילאסאפיע; ספענסער'ס „פרינציפען פון ביאלאגיע", און בעזונדערס דאס ווערק איבער „טהיערען־קאלאניען" פון פעריע.

אַרויסגעוויזען דער זשעניע פון אַ נאַטורפאָרשער. ווען עקערמאַן האָט אַמאָל דערצעהלט געטהע'ן — דאָס איז געווען אין 1827טען יאָהר — אַז ער האָט געפונען די צוויי יונגינקע קעניג־פויגעלעך, וואָס זיינען פון איהם אַנטלאָפען נאָכדעם ווי ער האָט געשאָסען זייער מוטער, אין דעם נעסט פון אַ רויט־העלזעל, וועלכע האָט געקאָרמעט די פרעמדע פויגעלעך צוגלייך מיט איהרע אייגענע, איז געטהע שטאַרק נתפעל געוואָרען פון דער מעשה. ער האָט אין דעם געזעהן אַ בעשטעטיגונג פון זיינע פאַנטעאיסטישע אַנזיכטען איבער דער נאַטור און האָט געזאָגט: „אויב עס איז אמת, אַז אַזאַ אַרט קאָרמענען פרעמדע קומט פאָר אין דער גאַנצער נאַטור, ווי עפּעס וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַן אַלגעמיינעם געזעץ, דאַן וואָלטען פיעלע רעטענישען געלעזט געוואָרען". דעם נעקסטען טאָג האָט ער זיך ווידער אומגעקעהרט צו דער פראַגע און האָט שטאַרק געבעטען עקערמאַנען (וועלכער איז, ווי בעקאַנט, געווען אַ זאָאָלאָג) ער זאָל ספּעציעל שטודירען דעם געגענשטאַנד, צולעגענדיג אַז ער וועט אויף דעם אופן אודאי דערגרייכען „גאָר גרויסע, אונשעצבאַרע רעזולטאַטען". (געשפּרעכע, אויסגאַבע 1848, דריטער באַנד, ז. 221, 219.) ליידער איז אַזאַ שטודיום קיינמאָל ניט אונטערנומען געוואָרען, הגם עס איז זעהר מעגליך אַז ברעהם, וועלכער האָט צונויפגעקליבען אין זיינע ווערק אַזוינע רייכע מאַטעריאַלען וועגען גענענזייטיגער הילף ביי חיות, איז אַרויפגעפיהרט געוואָרען אויף דעם געדאַנק דורך געטהע'ס בעמערקונג.

אין משך פון די יאָהרען 1886—1872 זיינען געדרוקט געוואָרען אייניגע וויכטיגע ווערק וועגען דעם גייסטיגען לעבען און דער פערנונפט פון טהיערען, (די ווערק ווערען דערמאָנט אין אַ הערה צום ערשטען קאַפּיטעל), דריי פון וועלכע האָבען אַ מעהר נאָהענטע שייכות צו דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ. זיי זיינען: „די געזעלשאַפטען פון חיות" פון עספּינאַס, (פּאַריז 1877), „דער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ און די פעראייניגונג פאַר'ן קאַמפּף", אַ לעקציע פון ל. לאַנעסאַן (אַפּריל 1881), און לודוויג ביכנער'ס בוך „ליעבע און ליעבעסלעבען אין דער טהיערוועלט", וואָס איז צום ערשטען מאָל ערשיענען אין 1881 אָדער 1882, און אַ צווייטע, פיעל פערגרעסערטע אויפלאַגע, איז ערשינען אין 1885. אָבער אונגעאַכטעט אויף די אויסגעצייכענטע מעלות פון יעדען

איינעם פון די דאָזיגע ווערק, לאָזען זיי פון דעסטוועגען איבער א ברייטען פלאַץ פאר א ווערק, אין וועלכען די געגענזייטיגע הילף זאָל בעטראַכט ווערען ניט נאָר ווי אַן ארגומענט צו גונסטען פון דער לעהרע, אז די מאָראַלע אינסטינקטען זיינען עלטער פאר'ן מענשען, נאָר אויך ווי א נאַטור־געזעץ און א פאַקטאָר פון עוואָלוציאָן. עספינאַס האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַזוינע געזעלשאַפטען פון חיות (מוראַשקעס און ביענען), וועלכע זיינען בעגרינדעט אויף פיזיאָלאָגישע חלוקים פון געבוי אין פערשיידענע מיטגליעדער פון דעמזעלבען מין, און אויף א פיזיאָלאָגישער טיילונג פון דער ארבייט צווישען זיי. אָבער אָבוואויל זיין ארבייט גיט אויסגעצייכענטע אָנדייטונגען אין אַלערליי מעגליכע ריכטונגען, איז זי דאָך געשריבען געוואָרען אין א צייט, ווען די ענטוויקלונג פון די מענשליכע געזעלשאַפטען האָט ניט געקענט בעהאַנדעלט ווערען ווי מיר קענען זי איצטער בעהאַנדלען, א דאַנק דער סומע וויסענשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען פון יעמאָלט אָן. לאַנעסאַן'ס לעקציע טראָגט גיכער דעם כאַראַקטער פון א גלענצענד־אָנגעצייכענטען אַלגעמיינעם פּלאַן פאר אַן ארבייט, אין וועלכער די געגענזייטיגע שטיצע זאָל בעהאַנדעלט ווערען, אָנהויבענדיג פון די פעלזען אויפ'ן ים און אויסלאָזענדיג מיט דער וועלט פון פלאַנצען, חיות און מענשען. און וואָס געהערט ביכנער'ס ווערק, איז הגם עס דייטעט אָן אויף דער ראָליע פון געגענזייטיגער הילף אין דער נאַטור, און איז רייך אין פאַקטען, קען איך אָבער ניט איינשטימען מיט זיין הויפּט אידעע. דאָס בוך פאַנגט זיך אָן מיט א לויבגעזאַנג צו דער ליעבע, און כמעט אַלע זיינעביישפּיעלען האָבען דעם צוועק צו בעווייזען די עקזיסטענץ פון ליעבע און סימפּאַטיע ביי חיות. אָבער ארונטערברייגגען דעם סאָציאַלען טריעב פון חיות צו ליעבע און סימפּאַטיע, מיינט איינענטליך צו פערשמעלערן זיין אַלגעמיינהייט און וויכטיגקייט; פּונקט ווי די מענשליכע עטיק, וועלכע איז בעגרינדעט בלויז אויף ליעבע און פערזענליכער סימפּאַטיע, פיהרט צו א פערשמעלערונג פון דעם בעגריעף פון מאָראַלען געפיהל בכלל. עס איז ניט דער געפיהל פון ליעבע צו מיין נאָכבאַר, וועלכען איך קען אָפטמאָל גאָרניט, וואָס בעוועגט מיך צו כאַפּען אַן עמער וואַסער און לויפען לעשען זיין הויז, וואָס שטעהט אין פלאַמען, בעת מיין אייגען הויז שטעהט ניט אין קיין סכנה פון פייער: מיך

בעוועגט א סך א ברייטערער, הגם ניט אזא קלארער, געפיהל, אדער ריכטיגער געזאגט, אן אינסטינקט פון מענשליכער סאלידאריטעט און געזעלשאפטליכען צוזאמענלעבען. דאס זעלבע בעמערקען מיר אויך ביי חיות. עס איז ניט ליעבע, און עס איז אפילו ניט סימ־פאטיע, אין ריכטיגען זין פון די ווערטער, וואס עס בעוועגט א סטאדע בהמות אדער פערד אויסצושטעלען זיך אין א קרייז, כדי צו בעשיצען זיך פון אן אנפאל פון וועלף; און עס איז זיכער ניט ליעבע, וואס בעוועגט די וועלף זיך צו פעראייניגען אין מחנות צוליעב געיעג. אזוי אויך איז עס ניט ליעבע, וואס מאכט אז די קעצעלעך אדער שעפסעלעך זאלען זיך שפיעלען איינע מיט די אנדערע, און ניט די ליעבע פיהרט צוזאמען די יונגע הערבסט־פויגעלעך, וועלכע פערברייינגען אינאיינעם גאנציגע טעג כמעט דעם גאנצען הערבסט. ענדליך קען מען ניט צושרייבען, ניט צו ליעבע, ניט צו פערזענליכער סימפאטיע דעם אומשטאנד, וואס פיעלע טויזענדער דאם־הירשען, צעווארפענע איבער א שטח די גרויס ווי פראנקרייך, קלייבען זיך צונויף אין צעהנדליגע בעזונדערע סטאדעס און מארשירען צו א בעשטימטען פונקט, כדי אריבערצושווימען דארט'ן א טייך. אין אט די אלע פעלען שפיעלט די הויפט־ראליע א געפיהל, וועלכער איז ניט אן ערך ברייטער איידער ליעבע אדער פערזענליכע סימפאטיע; — דא טרעט ארוים אן אינסטינקט פון געמיינשאפטליכקייט, וועלכער האט זיך לאנגזאם ענטוויקעלט ביי חיות און מענשען אויף די פריהעסטע שטופען פון זעהר א לאנגער פעריאדע פון ענטוויקלונג, און וועלכער האט אויסגעלערנט אי די חיות, אי די מענשען צו בעגרייפען די קראפט וואס זיי בעקומען, פראקטיצירענדיג געגענזייטיגע הילף און שטיצע, ווי אויך די פרייד, וואס מען קען געפינען אין געזעלשאפטליכען לעבען.

די וויכטיגקייט פון דעם אונטערשיעד וועט קענען לייכט אבשאצען יעדער איינער, וואס שטודירט די פסיכאלאגיע פון חיות און דערהויפט די מענשליכע עטיק. ליעבע, סימפאטיע און זעלבסט־אפפערונג שפיעלען גאנץ געוויס א זעהר גרויסע ראליע אין דער פראגרעסיווער ענטוויקלונג פון אונזערע מאראלע געפיהלען; די מענשליכע געזעלשאפט אבער איז גאר ניט געבויט אויף ליעבע און אויך ניט אפילו אויף סימפאטיע. זי איז געבויט אויפ'ן בעוואוסטזיין — זאל עס זיין אפילו נישט מעהר ווי אינסטינקטיוו

— פון סאָלידאַריטעט און געגענזייטיגער אָבהענגיגקייט פון מענ־שען. די מענשליכע געזעלשאַפט איז בעגרינדעט אויף דער אונ־בעוואוסטזיניגער אָדער האַלב־בעוואוסטזיניגער אָנערקענונג פון דער קראַפט, וואָס יעדער מענש שעפּט פון דער געגענזייטיגער הילף; אויף דעם איינזעהן, אַז יעדען איינעמס גליק הענגט אָב פון אַלעמענס גליק, און אויף דעם געפיהל פון גערעכטיגקייט אָדער יושר, וואָס איז גורם דעם יחיד צו בעטראַכטען, אַז יעדער אַנדערער האָט די זעלבע רעכט ווי ער אַליין. — די פראַגע אָבער טרעט אַריבער די גרעניצען פון אַט דעם ווערק און דעריבער וועל איך דאָ בלויז אָנווייזען אויף מיין פּאַרטראַג „גערעכטיגקייט און מאָראַל“, וועלכער איז געווען אַן ענטפער אויף האַקסלי׳ס „עטיק“, וואו איך האָב בעהאַנדעלט די פראַגע מעהר אויספיהרליך 1).

צוליעב אַט דעם אַלעם האָב איך גערעכענט, אַז אַ בוך וועגען „געגענזייטיגער הילף אַלס נאַטורגעזעץ און פאַקטאָר פון עוואָלו־ציאָן“ וואָלט געקענט פערענטפערן אַ זעהר וויכטיגע נויט. ווען האַקסלי האָט אַרויסגעלאָזען זיין „מאַניפעסט“ (אין 1888) וועגען דעם קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ („קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ און זיין שייכות צום מענשען“), וועלכער איז נאָך מיין מיינונג געווען אַ זעהר ניט־ריכטיגע פאַרשטעלונג פון די נאַטור־ערשיינונגען, ווי מיר זעהען זיי אין פעלד און וואַלד, האָב איך זיך געווענדעט צום רעדאַקטאָר פון „ניינטינטה סענטיורי“ און איהם געבעטען מיר געבען פּלאַץ אין זיין זשורנאַל פאַר אַן אויספיהרליכער קריטיק אויף די אַנזיכטען פון איינעם פון די אָנגעזעהענסטע דאַרוויניסטען; און מר. דזשיימס נאָולז האָט זיך פערהאַלטען צו מיין פאָרשלאַג מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע. איך האָב אויך גערעדט וועגען דעם מיט וו. בעיטס, — דעם גרויסען „נאַטורפאָרשער אויף דער טייך אַמאַזאָן“, וועלכער האָט, ווי בעוואוסט, געזאַמעלט מאַטעריאַל פאַר וואַליים און דאַרווין, און וועמען דאַרווין האָט גאַנץ ריכטיג כאַראַקטעריזירט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אַלס איינעם פון די קליגסטע מענשען, וואָס ער האָט בעגעגענט. „יאָ, געוויס. דאָס

1) זעה אויך דעם ערשטען קאַפּיטעל פון מיין אַרבייט וועגען עטיק, וואָס איז אונלענגסט ערשיענען אין „ניינטינטה סענטיורי“: „די אויפגאַבען פון דער עטיק“ און „זיטליכקייט אין דער נאַטור“.

איז דער אמת׳ער דאַרוויניזם!״ האָט בעיטס אויסגעשריען. „עס איז פּשוט אַ שרעק וואָס זיי האָבען געמאַכט פון דאַרווינען. שרייבט נאָר אייערע אַרטיקלען, און ווען זיי וועלען זיין געדרוקט, וועל איך אייך אָנשרייבען אַ בריעף, וועלכען איהר וועט קענען פערעפענטליכען״. — ליידער האָט די צוזאַמענשטעלונג פון מיינע אַרטיקלען מיר גענומען כמעט זיעבען יאָהר, און ווען דער לעצטער אַרטיקעל איז געווען אָבגעדרוקט, איז בעיטס שוין מעהר ניט געווען צווישען די לעבעדיגע.

נאָכדעם ווי איך האָב בעטראַכט אין מיינע אַרטיקלען די וויכטיגקייט פון גענענזייטיגער הילף צווישען פערשיידענע קלאַסען חיות, בין איך נאַטירליך געווען געצוואונגען צו בעאורטיילען די וויכטיגקייט פון דעמזעלבען פאַקטאָר אין דער ענטוויקלונג פון מענשען. דאָס איז געווען נאָך מעהר נויטיג דערפאַר, ווייל עס זיינען פאַראַן עוואָלוציאָניסטען, אַ שטייגער ווי הערבערט ספּענסער, וועלכע זיינען גרייט אָנצוערקענען די וויכטיגקייט פון גענענזייטיגער הילף ביי חיות, אָבער לייקענען עס אָב בנוגע צום מענשען. פאַר דעם פּרימיטיווען מענשען, בעהויפּטען זיי, איז דער קריעג פון אַלע אנטקעגען אַלעמען געווען דאָס העכסטע געזעץ פון לעבען. אויף וויפיעל אָט די בעהויפּטונג, וועלכע ווערט מיט גרויס חשק ווידער־האָלט אָהן אַ געהעריגער אונטערזוכונג זינט האָבב׳ס צייטען, שטימט מיט די פאַקטען, וואָס מיר ווייסען וועגען די ערשטע פאַזען פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, האָב איך זיך בעמיהט צו אונטער־זוכען אין די קאַפּיטלען וועגען דעם לעבען פון די ווילדע און באַרבאַרען.

די צאָהל און די וויכטיגקייט פון די אינסטיטוציעס פון גענענ־זייטיגער הילף, וואָס דער שאַפענדער גייסט פון די ווילדע און האַלב־ווילדע מאַסען האָט ענטוויקעלט אין די צייטען, ווען דער שטאַם איז געווען די פאָרם פון דער געזעלשאַפט, און נאָך מעהר שפּעטער, אין די צייטען פון דער דאָרף־געמיינדע; ווי אויך דער אונגעהויערער איינפלוס, וואָס אָט די אינסטיטוציעס האָבען אויס־געאיבט אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט ביז אויף היינטיגע צייטען, האָט מיך בעוואויגען אויסצובריייטערן מיינע אונטערזוכונגען אויך אויף די נאָך־שפּעטערע, היסטאָרישע פּעריאָדען. דערהויפּט האָב איך זיך אָבגעשטעלט אויף דער העכסט־

אינטערעסאַנטער עפּאָכע פון די פרייע רעפּובליקען־שטעדט פון מיטעלאַלטער, ווייל זייער אַלגעמיינהייט און זייער איינפלוס אויף אונזער מאָדערנער ציוויליזאציע זיינען נאָך ביז היינט ניט אָבגע־שאַצט געוואָרען ווי געהעריג איז. ענדליך האָב איך אויך פּרובירט אָנווייזען אין קורצען אויף דער וויכטיגער ראָליע, וואָס די געוועהנ־הייטען פון געגענזייטיגער שטיצע, וועלכע די מענשהייט האָט געקריגען בירושה אין משך פון איהר לאַנגער ענטוויקלונג, שפּיעלען אפילו איצטער, אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, וואָס איז כלומרשט געבויט אויף׳ן פּרינציפּ פון „יעדערער פאַר זיך און דער שטאַאט פאַר אַלעמען״ — אַ פּרינציפּ, פערבייגעהענדיג בעמערקט, וועלכען די מענשליכע געזעלשאַפטען האָבען קיינמאָל ניט איינגאַנצען גע־פאָלגט און וועלכער וועט אויך קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען.

מען קען מיר אפשר אויפוואַרפען, אַז אין דעם בוך ווערען סיי די מענשען, סיי די חיות פאָרגעשטעלט אין אַ צו־גינסטיגען ליכט: אַז זייערע געזעלשאַפטליכע מעלות ווערען צופיעל ארויסגעשטעלט, בעת זייערע אַנטי־סאָציאַלע נייגונגען און עגאָאיסטישע אינסטינק־טען ווערען קוים בעמערקט. דאָס איז אָבער על כל פנים געווען אונפערמיידליך. מיר האָבען זיך אזוי פיעל אָנגעהערט די לעצטע צייט וועגען דעם „גרויזאַמען, אונדערבאַרעמליכען קאַמפּף פאַר׳ן לעבען״, וואָס יעדע חיה פיהרט כלומרשט אַנטקעגען יעדער אַנדערע חיה, יעדער ווילדער אַנטקעגען אַלע איבעריגע ווילדע און יעדער ציוויליזירטער מענש אַנטקעגען זיינע אַלע מיטבירגער — אַזעלכע בעהויפּטונגען זיינען געוואָרען אַ מין דאָגמאַ, אַ רעליגיע, אין דער געבילדעטער געזעלשאַפט — אַז עס איז געוואָרען נויטיג פריהער פאַר אַלץ אוועקצושטעלען אַנטקעגען דעם אַ לאַנגע רייה פאַקטען, וואָס מאָלען דאָס לעבען פון חיות און מענשען פון אַ גאַנץ אַנדער זייט. עס איז געווען נויטיג אַפריהער צו בעווייזען די וויכטיגערע ראָליע, וואָס די סאָציאַלע געוועהנהייטען שפּיעלען אין דעם לעבען פון דער נאַטור און אין דער פּראָגרעסיווער עוואָלוציאָן ביי די מינים פון חיות, ווי ביי די מענשליכע וועזענס. מען האָט גע־דאַרפט דערווייזען, אַז זיי גיבען די לעבעדיגע ברואים אַ בעסערן שוטץ אַנטקעגען זייערע פיינד, אַז זיי מאַכען זיי גרינגער צו בעקומען שפּייז (אָבצולעגען אַ פאָרראַט פאַר׳ן ווינטער, איבער־וואַנדערן, אוועקשטעלען וועכטער א. ד. ג.), אַז זיי פערלענגערן

זייער לעבען און פערלייכטערן ממילא די ענטוויקלונג פון די גייס־טיגע פעהיגקייטען; אז זיי האבען געגעבען די מענשען א חוץ דעם אלעם די מעגליכקייט אויסצוארבייטען די אינסטיטוציעס, וואס האבען געהאלפען דער מענשהייט איבערלעבען דעם שווערען קאמפף מיט דער נאטור און זיך פערפאלקאמענען טראץ אלע געשיכטליכע שטערונגען. עס איז א בוך וועגען דעם געזעץ פון געגענזייטיגער הילף, וואס בעטראכט איהם אלס איינעם פון די הויפט־פאק־טארען פון עוואלוציאן — ניט פון אלע פאקטארען פון עוואלוציאן אין דעם ערך פון יעדערנס בעזונדערן ווערטה; און אזא בוך האט געמוזט געשריבען ווערען פריהער, איידער די ווייטערע פארשונג קען זיין מעגליך.

איך בין געווים דער לעצטער, וואס זאל אונטערשעצען די ראליע, וואס די זעלבסט־בעהויפּטונג פון יחיד האט געשפּיעלט אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. די פראגע אבער פאדערט נאך מיין מיינונג א פיעל טיעפערע בעהאנדלונג, איידער זי האט ביז איצטער געקריגען. אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט האט די זעלבסט־בעהויפּטונג פון יחיד אפט פארגעשטעלט מיט זיך, און שטעלט אויך איצט פאר, עטוואס גאנץ פערשיעדענעס, עטוואס ברייטערעס און טיעפערעס איידער די קליינליכע, נארישע קורצ־זיכטיגקייט, וואס די מעהרסטע שריפטשטעלער גיבען ארוים אלס „אינדיווידואליזם“ און „זעלבסט־בעהויפּטונג“. אזוי אויך זיינען די יחידים־בעוועגער פון דער געשיכטע ניט בלויז די, וועלכע די היסטאריקער שטעלען אונז פאר אלס די העלדען. איך האב דעריבער בדעה, אויב די אומשטענדען וועלען נאר ערלויבען, צו בעהאנדלען אין א בעזונדער ווערק די ראליע, וואס די זעלבסט־בעהויפּטונג פון יחיד האט געשפּיעלט אין דער פראגרעסיווער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. דערווייל וויל איך נאר מאכען די פאלגענדע אלגעמיינע בעמערקונג: —

ווען די אינסטיטוציעס פון געגענזייטיגער הילף — דער שטאם, די דארף־געמיינדע, די גילדען, די מיטעלאלטערליכע שטאדט — האבען אנגעהויבען, אין פערלויף פון דער געשיכטע, צו פערלירען זייער אורשפּרינגליכען כאראקטער; ווען עס האט זיך אין זיי אנגעהויבען בעווייזען פּאראזיטישע געוויקסען און זיי זיינען געווא־רען אויף דעם אופן שטערונגען צום פּראגרעס, האט דער ווידער־

שטאַנד פון די איינצעלנע אַנטקעגען די דאָזיגע אינסטיטוציעס אַלע מאָל אָנגענומען צוויי פערשיידענע פאָרמען. אַ טייל האָט געשטרעבט אָבצושאַפען די אַלטע אינסטיטוציעס פון די פרעמדע עלעמענטען, אָדער אויסצואַרבייטען העכערע פאָרמען פון אַ פרייען געמיינשאַפטליכען לעבען, וועלכע זאָלען זיין געבויט אויף דיזעלבע פּרינציפּען פון געגענזייטיגער הילף. זיי האָבען פּרובירט צ. ב. ש. איינפיהרען דעם פּרינציפּ פון „קאָמפּענסאַציע" (פערגיטיגונג) אַנשטאָט דעם „לעקס טאַליאָנים" (געזעץ פון ראַכע), און שפּעטער — די פערצייהונג פון אומרעכטען, אָדער נאָך אַ העכערן אידעאַל פון גלייכהייט פאַר דעם מענשליכען געוויסען, אָנשטאָט די „קאָמפּענסאַציע", וואָס איז געווען פערשיידען לויט דעם קלאַסען־שטאַנד פון דעם גע'עולה'טען. אין דערזעלבער צייט אָבער האָט אַנאַנדער טייל פון די רעבעלירענדע איינצעלנע געשטרעבט צו צערשטערען די בעשיצענדע אינסטיטוציעס פון געגענזייטיגער שטיצע, מיט דער פּשוט'ער כונה כדי צו פערשטאַרקען זייער פּערזענליכע מאַכט און פערגרעסערן זייער רייכטום. אין אָט דעם דרייפאַכען קאַמפּף — צווישען די צוויי קלאַסען רעבעלירענדע איינצעלנע און די קאָנסערוואַטיווע פערטיידיגער פון דער אַלטער אָרדנונג — ליעגט דיווירקליכע טראַגעדיע פון דער געשיכטע. עס וואָלט אָבער גענומען וועניגסטענס אַזוי פיעל צייט צו שילדערן דעם קאַמפּף און עהרליך אויסשטודירען די ראָליען, וואָס אָט די דריי קרעפטען האָבען געשפּיעלט אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, וויפיעל עס האָט מיר גענומען אָנשרייבען אָט דעם בוך.

פון די ווערק, וועלכע בעהאַנדלען אונגעפעהר דעמזעלבען ענין, וואָס זיינען ערשיענען נאָכדעם ווי מיינע אַרטיקלען וועגען געגענזייטיג הילף ביי חיות זיינען געדרוקט געוואָרען, מוז איך דערמאָנען „די לאָועל לעקציעס וועגען דעם אויפשטייגען פון מענשען" פון הענרי דרומאָנד (לאָנדאָן 1894) און „דער אורשפּרונג און וואוקס פון מאָראַלען אינסטינקט" פון אַ. סאָדערלאַנד (לאָנדאָן 1898).ביידע זיינען אין אַ גרויסען ערך געבויט אויף דעם זעלבען פּלאַן ווי ביכנער'ס בוך: אין דעם צווייטען ווערק איז דאָס עלטערן־און פאַמיליען־געפיהל אַלס דער איינציגער פאַקטאָר אין דער ענטוויקלונג פון די מאָראַלע געפיהלען בעהאַנדעלט געוואָרען גאַנץ אויספיהרליך. אַ דריטעס ווערק, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט'ן מענשען

און איז געשריבען אויפ'ן זעלבען פלאן, איז פראפעסאר גידדינג'ס בוך „די פרינציפען פון סאציאלאגיע", וואס איז ערשיענען אין דער ערשטער אויפלאגע אין ניו יארק און לאנדאן אין 1896, און די הויפט אידעען פון וועלכען זיינען אנגעצייכענט געווארען פון דעם פערפאסער אין א בראשורע אין יאהר 1894. איך מוז אבער איבערלאזען פאר דער קריטיק די אויפגאבע אויסצוגעפינען, אין וועלכע פונקטען די דאזיגע ווערק שטימען איין, קומען זיך צוזאמען, אדער געהען זיך פאנאנדער, מיט מיין ארבייט.

די פערשיידענע קאפיטלען פון דעם בוך זיינען צוערשט געווען געדרוקט אין דער „ניינטינטה סענטיורי" („געגענזייטיגע הילף ביי חיות" אין סעפטעמבער און נאוועמבער 1890; „געגענז. הילף ביי ווילדע" אין אפריל 1891; "געגענז. הילף ביי בארבארען" אין יאנואר 1892; „געגענז. הילף אין דער מיטעלאלטערליכער שטאדט" אין אויגוסט און סעפטעמבער 1894, און „געגענז. הילף אין היינטי־גער געזעלשאפט" אין יאנואר און יוני 1896). ארויסגעבענדיג די ארטיקלען אין בוך־פארם איז מיין ערשטע כונה געווען צוצוגעבען אין אן אנהאנג די גאנצע מאסע מאטעריאלען, וועלכע איך האב געמוזט ארויסלאזען אין די זשורנאל־ארטיקלען. עס האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז אזא אנהאנג וואלט פערדאפעלט די גרויס פון בוך, און איך בין געווען געצוואונגען אויפצוגעבען, אדער וועניגסטענס, אבצולעגען עס אויף אנאנדער געלעגענהייט. דער איצטיגער אנהאנג ענטהאלט נאר די בעהאנדלונג פון עטליכע פונקטען, וועגען וועלכע עס איז אנגעגאנגען א וויסענשאפטליכע דיסקוסיאן אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר; און אין דעם טעקסט גופא האב איך צוגעגעבען נאר ע ט ו ו א ס, וואס האט זיך געלאזט ארייננשטעלען, ניט ענדערענדיג דעם אלגעמיינעם געבוי פון דעם ווערק.

איך בענוץ זיך מיט דער געלעגענהייט אויסצודריקען דעם ארויסגעבער פון דער „ניינטינטה סענטיורי" מיין בעסטען דאנק פאר זיין ליעבענסווירדיגער גאסטפריינדליכקייט, וואס ער האט אנגענומען אין זיין זשורנאל מיין ארבייט, אזוי באלד ווי ער האט זיך בעקאנט מיט איהר אלגעמיינעם געדאנק, ווי אויך פאר דער געפעליגער ערלויבניש, וואס ער האט מיר געגעבען איבערצודרוקען די ארטיקלען אין בוך־פארם.

## קאַפּיטעל I.

# געגענזייטיגע הילף ביי חיות

„דער קאַמפף פאַר עקזיסטענץ". — געגענזייטיגע הילף אַלס נאַטור־געזעץ און הויפּט פאַקטאָר פון פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג. — די ניט־רוקענביי־ניגע חיות. — מוראַשקעס און ביענען. — פויגלען: זייערע פעראייניגען פאַר געיעג און פיש־פאַנג. — זייער געזעלשאַפטליכקייט. — געגענזייטיגע בעשיצונג ביי קליינע פויגלען. — בושלען; פּאַפּוגייען.

דער בעגריף פון אַ קאַמפף פאַר עקזיסטענץ אַלס פאַקטאָר פון ענטוויקלונג, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער וויסענשאַפט דורך דאַרווין און וואָללייס, האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט צונויפצופאַסען אין איין אַלגעמיינעם געדאַנק אַן אונגעהויער גרויסע מאַסע ערשיינונגען; און אַט דער אַלגעמיינער געדאַנק איז פון יעמאָלט אָן געוואָרען די גרונדלאַגע פון אַלע אונזערע פילאָסאָפישע, ביאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע טעאָריען. אַן אונצעהלבאַרע מענגע פון די פערשיידענאַרטיגסטע פאַקטען, וועלכע מיר פלעגען פריהער דערקלערן דורך פערשיידענע אורזאַכען, יעדען פאַקט בעזונדער, איז אַ דאַנק דאַרווינ'ען איצטער אומגעפאַסט געוואָרען אין איין ברייטען אַלגעמיינעם בעגריף. די צופאַסונג פון די לעבעדיגע וועזענס צו זייער סביבה, זייער פּראָגרעסיווע אַנאַטאָמישע און פיזיאָלאָגישע ענטוויקלונג, דער גייסטיגער פאָרטשריט און אויך די מאָראַלישע פערפאָלקאָמענונג — אַט די אַלע ערשיינונגען האָבען זיך אונז אָנגעהויבען פאָרשטעלען ווי טיילען פון איין אַלגעמיינעם פּראָצעס. מיר האָבען זיי אָנגעהויבען צו פערשטעהן ווי אַ רייה אונאויפהערליכע אָנשטרענגונגען — ווי אַ „קאַמפף" אנטקעגען פערשיידענע אונגינסטיגע אומשטענדען, וואָס האָט געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון אַזעלכע פערזאָנען, ראַסען, מינים און געזעלשאַפטען, וועלכע זאָלען קענען פערווירקליכען די גרעסטע פולקייט,

די מעהרסטע פערשיידענארטיגקייט און די העכסטע אינטענסיווי־טעט פון לעבען.

עס איז גאנץ מעגליך, אז אין אנהויב פון זיין ארבייט איז דארווינ׳ען אליין ניט גאר קלאר געווען די גאנצע בעדייטונג און אלגעמיינקייט פון דעם פאקטאר — דעם קאמפף פאר עקזיסטענץ — וועלכען ער האט ארויסגערופען, כדי צו דערקלערען בלויז איין רייה פאקטען — די אנזאמלונג פון אינדיווידועלע שנוים און די בילדונג פון נייע מינים. ער האט אבער איינגעזעהן, אז דער אויס־דרוק, וועלכען ער האט איינגעפיהרט אין דער וויסענשאפט, וועט פערלירען זיין פילאסאפישע ריכטיגע בעדייטונג, אויב מען וועט איהם פערשטעהן בלויז אין זיין ענגען זין, ד. ה. אין דעם זין פון א קאמפף צווישען די איינצעלנע פאר די מיטלען פון עקזיסטענץ. דעריבער האט ער גלייך אין אנפאנג פון זיין בעריהמטען ווערק וועגען דער אבשטאמונג פון די מינים בעטאנט, אז דער „קאמפף פאר עקזיסטענץ״ מוז פערשטאנען ווערען „אין זיין ברייטען מעטא־פארישען (בדרך משל׳דיגען) זין, וואס שליסט איין די אבהענגיג־קייט פון איין לעבעדיג וועזען פון די אנדערע און — וואס איז נאך וויכטיגער — ניט נאר די ערהאלטונג פון דעם איינצעלנעמס לעבען, נאר די מעגליכקייט צו לאזען נאך זיך א נייעם דור״. 1)

הגם, הייסט עס, דארווין אליין האט פאר זיין ספעציעלען צוועק געברויכט די ווערטער „קאמפף פאר עקזיסטענץ״ דאס רוב אין זייער ענגען זין, האט ער אבער געווארענט זיינע נאכפאלגער ניט צו בעגעהען דעם פעהלער (וואס ער אליין האט ווי עס שיינט צו איין צייט בעגאנגען) פון איבערשעצען דעם דאזיגען ענגען זין. אין זיין שפעטיגערן ווערק „די אבשטאמונג פון׳ם מענשען״ האט ער אפילו אבגעגעבען עטליכע שעהנע, שטארקע בלעטלעך, כדי צו דערקלערען דעם אמת׳ן, ברייטען זין פון דעם דאזיגען קאמפף. ער האט בעוויזען, ווי ביי זעהר פיעלע געזעלשאפטען פון חיות פ ע ר־ש ו י נ ד ט א י נ ג א נ צ ע ן דער קאמפף פאר עקזיסטענץ צווישען זייערע איינצעלנע מיטגליעדער, און ווי אנשטאט דעם ק א מ פ ף בעוויזט זיך די מ י ט ו ו י ר ק ו נ ג (קאאפעראציע), וועלכע פיהרט צו אזא ענטוויקלונג פון די גייסטיגע פעהיגקייטען

1) „דער אורשפרונג פון די מינים״, אנהויב דריטען קאפיטעל.

און זיטליכע מעלות, וואָס פערזיכערט פאַר דעם געוויסען מין די בעסטע שאַנסען צו לעבען און זיך פערמעהרען. ער האָט אויף דעם אופן אָנגעוויזען, אַז אין אַזוינע פעלען זיינען די פאַסיגערע ניט די, וואָס זיינען פיזיש שטאַרקער, געשייטער אָדער פלינקער פאַר אַנדערע, נאָר די, וועלכע קענען זיך בעסער פעראייניגען און אונ־טערשטיצען איינע די אַנדערע — די שטאַרקערע ווי די שוואַכע — צום וואוילזיין פון דער גאַנצער געמיינשאַפט. „יענע געזעל־שאַפטען“, האָט ער געשריבען, „וועלכע ענטהאַלטען די גרעסטע צאָהל מיטגליעדער, וואָס סימפּאַטיזירען איינער מיט דעם אַנדערען, וועלען געדייהען אַם בעסטען און לאָזען נאָך זיך אַ גרעסערע צאָהל קינדער.“ (די צווייטע ענגלישע אויפלאַגע, ז. 163).

דער אויסדרוק, וועלכען דאַרווין האָט געבאָרגט פון מאַלטוס'עס פאָרשטעלונג וועגען אַ קאַמפּף פון אַלע אַנטקעגען אַלעמען, האָט אויף דעם אופן פערלאָרען זיין שמאָלקייט, ווען ער איז איבער־געאַרבייט געוואָרען אין קאָפּ פון אַ מענשען, וואָס האָט טיעף פער־שטאַנען די נאַטור.

לײדער זיינען די דאָזיגע בעמערקונגען, וועלכע וואָלטען גע־קאָנט ווערען די גרונדלאַגע פאַר העכסט פרוכטבאַרע פאָרשונגען, פערשטעלט געוואָרען פון אַ מאַסע פאַקטען, וואָס זיינען צונויפ־געקליבען געוואָרען צו בעווייזען אַ ווירקליכען קאַמפּף פאַר די מיטלען פון עקזיסטענץ צווישען די איינצעלנע. דערצו האָט דאַר־ווין פערפעהלט צו שטעלען אונטער אַ גענויערע אונטערזוכונג די פערגלייכענדע וויכטיגקייט און לפי ערך'דיגע פערשפּרייטקייט פון די צוויי פאָרמען פון לעבענס־קאַמפּף אין דער טהיערען־וועלט: פון דעם **דירעקטען** קאַמפּף פון בעזונדערע אינדיווידומען צווישען זיך, און דעם **געמיינשאַפטליכען** קאַמפּף פון פיעלע אינדיווידומען צוזאַמען; און ער האָט אויך ניט געשריבען דאָס ווערק, וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו שרייבען, וועגען די נאַטירליכע מניעות פון אַ צו־שטאַרקער פערמעהרונג פון לעבעדיגע וועזענס, ווי אויסטריקענונגען, פערפלייצונגען, פּלוצלונגדיגע קעל־טען, עפּידעמישע קראַנקהייטען א. ד. ג. אַזאַ אונטערזוכונג איז אָבער גראָד געווען נויטיג, כדי צו בעשטימען דעם ריכטיגען ערך און בעדייטונג אין דער נאַטור פון חיות פון דעם איינצעלנעם קאַמפּף צווישען די מיטגליעדער פון דעמזעלבען מין, און פערגלייך מיט

דעם קאמפף פון א גאנצער געמיינשאפט אנטקעגען די נאטירליכע שטערונגען און אנטקעגען די פיינד פון אנדערע מינים. נאך מעהר, אין דעם זעלבען בוך וועגען דער אבשטאמונג פון מענשען, וואו ער האט געשריבען די פריהער דערמאנטע שטעלען, וואס לייקענען אב דעם שמאלען מאלטוזיאנישען בעגריף פון „קאמפף", שווימט ווידער ארויף דער אלטער מאלטוזיאנישער גיפט — צום ביישפיעל דארט, וואו ער האט זיך געשטעלט די פראגע: צי איז כדאי אויפ־צוהאלטען דאס לעבען פון די „גייסטיג און קערפערליך שוואכע" אין אונזערע ציוויליזירטע געזעלשאפטען? (קאפיטעל 5) אזוי ווי די טויזענדע „קערפערליך־שוואכע" פאעטען, וויסענשאפטסמענער, ערפינדער און רעפארמאטארען, ווי אויך די אזוי גערופענע „גייסטיג־שוואכע ענטוזיאסטען" וואלטען גאר ניט געווען די שטארקסטע וואפען פון דער מענשהייט אין איהר לעבענס־קאמפף — אין דעם קאמפף דורך גייסטיגע און מאראלע וואפען, וואס דארווין אליין האט אזוי שעהן בעשריבען זייער בעדייטונג אין די זעלבינע קאפיטלען פון זיין בוך!

מיט דארווין'ס טעאריע האט פאסירט דאס אייגענע, וואס פאסירט מיט אלע טעאריען, וועלכע האבען א שיכות צום מענשליכען לעבען. זיינע נאכפאלגער האבען ניט נאר ניט ברייטער געמאכט זיין טעאריע, אין איינקלאנג מיט זיינע אנדייטונגען, נאר פערקעהרט, זיי האבען זי נאך פערשמעלערט. און אין דערזעלבער צייט, וואס הערבערט ספענסער, ארבייטענדיג אונאבהענגיק אין דער אייגענער ריכטונג, האט געזוכט ביז א געוויסען גראד אויסצוברייטערן די פארשונג פון דער פראגע: „ווער זיינען די מעהרצוגעפאסטע?" (בעזונדערס אין דער ביילאגע צו דער דריטער אויפלאגע פון זיין „דאטא אוו עטהיקס"), האבען די צאהלרייכע נאכפאלגער פון דארווין פערשמעלערט דעם בעגריף פון קאמפף פאר עקזיסטענץ ביז זיינע ענגסטע גרעניצען. זיי האבען גענומען אויסמאלען די טהיערען־וועלט, ווי א וועלט פון שטענדיגען קאמפף צווישען אייביג־פערהונ־גערטע ברואים, וואס דארשטען איינער נאך דעם אנדערנס בלוט. זיי האבען אנגעפילט די מאדערנע ליטעראטור מיט די געשרייען פון „וועה צו די בעזיעגטע!" און האבען ארויסגעגעבען אט דעם קריעגס־רוף אלס דאס לעצטע ווארט פון דער וויסענשאפט פון לעבען. דעם „אונדערבארעמליכען" קאמפף פאר פערזענליכע נוצען

האָבען זיי דערהויבען צו דער הויך פון א פּרינציפּ, פון א ביאָלאָגישען געזעץ, צו וועלכען דער מענש מוז זיך אונטערוואַרפען, אויב ער וויל ניט אומקומען אין דער דאָזיגער וועלט, וואָס איז געבויט אויף געגענזייטיגער פערניכטונג. שוין ניט רעדענדיג פון די פּאָליטישע עקאָנאָמען, וועלכע ווייסען פון דעם גאַנצען געביעט פון נאַטור־וויסענשאַפט געוועהנליך נישט מעהר ווי עטליכע איינפאַכע פראַזען, און דאָס אויך געבאָרגט ביי ביליגע פּאָפּולאַריזאַטאָרען, מוז מען מודה זיין, אז אפילו די מעהר אָנערקענטע פאָרשטעהער פון דאַרווין׳ס אָנזיכטען טהוען אַלעס מעגליכע אויפצוהאַלטען אָט די פאַלשע אידעען. ווען מיר נעהמען צ. ב. ש. האקסלי, וועלכער רעכענט זיך אָהן צווייפעל פאַר איינעם פון די בעסטע פאָרשטעהער פון דער ענטוויקלונגס־טעאָריע, געפינען מיר, ווי ער לערנט אונז, אין זיין אַרטיקעל „דער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ און זיין בעדייטונג פאַר׳ן מענשען“, אז „פון דעם מאָראַליסט׳ס שטאַנדפּונקט שטעהט די טהיערען־וועלט אויפ׳ן זעלבען שטאַנד, ווי דער קאַמפּף פון גלאַדיאַ־טאָרען. די חיות ווערען גוט געפיטערט און אַרויסגעפיהרט אויפ׳ן געפעכט: די שטאַרקסטע, פלינקסטע און מעהר געשייטע בלייבען לעבען נאָך א מאָל צו פעכטען. דער צושויער דאַרף אפילו ניט אַרונטערבויגען דעם גראָבען פינגער אלס א צייכען פון אונדערבאַ־רעמליכקייט: דאָ גילט קיין רחמנות ניט.“

אין דעמזעלבען אַרטיקעל זאָגט האקסלי ווייטער, אז ביי חיות ווי ביי פרימיטיווע מענשען „זיינען די שוואַכסטע און נאַרישעסטע אומגעקומען, בעת די שטאַרקסטע און געשייטסטע, די וואָס זיינען בעסער געווען צוגעפּאַסט איינצולעבען זיך אין זייערע אומשטענדען, אָבער ניט די בעסטע אויף קיין אַנדער אופן, זיינען געבליבען לעבען. דאָס לעבען איז געווען א בעשטענדיגער אָפענער קאַמפּף און, א חוץ די בעשרענקטע און צייטווייליגע פאַמיליען־בעציהונגען, איז די „האָבעזישע“ מלחמה פון יעדען אַנטקעגען אַלעמען געווען דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון לעבען.“1)

אויף וויפיעל אַזא בליק אויף דער נאַטור האָט א ווירקליכען גרונד, וועט מען קענען זעהן פון די פאַקטען, וואָס ווערען געבראַכט

---

1) „ניינטינטה סענטורי“ פאַר פעברואַר 1888, ז. 165; אויך איבער־געדרוקט אין זיינע „עססייס“.

האָ אין בוך אי פון דער טהיערען־וועלט, אי פון׳ם לעבען פון פּרימי־טיווען מענשען. מיר קענען אָבער שוין גלייך בעמערקען, אַז האקסלי׳ס בליק אויף דער נאַטור איז פּונקט אַזוי וועניג בערעכטיגט צו הייסען אַ וויסענשאַפטליכער שלוס, ווי דער געגענגעזעצטער בליק פון רוססאָ, וועלכער האָט נאָר געזעהן אין דער נאַטור ליעבע, פריעדען און הארמאָניע, ביז וואַנען דער מענש איז געקומען און געמאַכט פון דעם אַ תל. דער אמת איז, אַז דער ערשטער שפּאַציער אין וואַלד, די ערשטע בעאָבאַכטונג פון אַ וועלכער עס איז געזעל־שאַפט פון חיות, אָדער אפילו אַ בעקאַנטשאַפט מיט אַ וועלכען עס איז ערנסטען ווערק וועגען דעם לעבען פון חיות (אַ שטייגער ד׳אָרביני, אָדיבאָן, לע־וואַליאַן) מוז דעם נאַטורפאָרשער צווינגען צו פערטראַכטען זיך וועגען דער ראָליע, וואָס דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען שפּיעלט אין דער וועלט פון חיות, און מוז איהם פערהיטען פון צו בעגרייפען די נאַטור ווי אַן אַלגעמיינעם שלאַכטפעלד, פּונקט ווי פון דעם פערקעהרטען עקסטרעם, וואָס זעהט אין דער נאַטור דורכאויס הארמאָניע און פריעדען. רוססאָ׳ס טעות איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אינגאַנצען ארויסגעלאָזען פון אויג דעם קאַמפּף מיט די „צייהן און נעגעל"; און האקסלי איז בעגאַנגען דעם פערקעהרטען פעהלער. אבער ניט רוססאָ׳ס אָפּטימיזם און ניט האקסלי׳ס פּעסימיזם קענען אָנגענומען ווערען אלס אַן אונפּאַר־טייאיש־וויסענשאַפטליכע אויסטייטשונג פון דער נאַטור.

אזויבאַלד ווי מיר הויבען אָן שטודירען די חיות — ניט נאָר אין לאַבאָראַטאָריען און מוזעען, נאָר אויך אין וואַלד און אויפ׳ן פעלד, אין די סטעפּעס און אויף די בערג — אַזוי בעמערקען מיר גלייך, אַז אָבוואויל קאַמפּף און אויסראָטונג קומען פאָר אין אַ זעהר גרויסען ערך צווישען די פערשיעדענע מינים, און בעזונדערס צווישען פערשידענע קלאַסען חיות, איז אָבער אין דערזעלבער צייט פאַראַן פּונקט אַזוי פיעל, אָדער אפשר נאָך מעהר, געגענזייטיגע שטיצע, געגענזייטיגע הילף און געגענזייטיגע פערטיידיגונג ביי חיות, וואָס געהערען צו דעם זעלבען מין, אָדער ווענינגסטענס ביי די, וואָס געהערען צו דערזעלבער געמיינשאַפט. די געזעלשאַפטליכקייט איז פּונקט אַזויפיעל אַ נאַטור־געזעץ, ווי דער געגענזייטיגער קאַמפּף. עס פערשטעהט זיך, עס וואָלט געווען זעהר שווער אָנצוגעבען אין ציפער, אפילו נאָר אונגעפעהר, די לפי ערך׳דיגע בעדייטונג

פון אַט די ביידע רייהען ערשיינונגען. ווען מיר זאָלען אָבער מאַכען א אינדירעקטע פּראָבע און א פרעג טהאָן די נאַטור: „וועלכע צייגען זיך ארוים אַלס די מעהר צו־געפּאַסטע, די וואָס פיהרען שטענדיג מלחמות איינער אנטקעגען אנדערן, אָדער פערקעהרט די, וועלכע שטיצען איינע די אַנדערע?" — ווילען מיר גלייך איינזעהען, אַז יענע חיות, וואָס האָבען זיך ערוואָרבען די געוועהנהייטען פון געגענזייטיגער הילף, זיינען גאַר אָהן א שום ספק די מעהר־צוגעפּאַסטע. זיי האָבען מעהר שאַנסען צו בלייבען לעבען אי אַלס איינצעלנע, אי אַלס מין, און זיי גרייכען, יעדערער אין זיין קלאַס (אינזעקטען, פויגלען, זויגטהיערען), די העכסטע גייסטיגע און קערפּערליכע ענטוויקלונג. ווידער, ווען מען זאָל נעהמען אין בעטראַכט די אונצעהליגע פאַקטען, וואָס רעדען אַלע צוגונסטען פון דעם בליק, דאַן קען מען זאָגען מיט זיכערקייט, אַז די געגענזייטיגע הילף איז פּונקט אזא געזעץ פון טהיערען־לעבען, ווי דער געגענזייטיגער קאַמפף. נאָך מעהר ווי דאָס. אַלס א פאַקטאָר פון עוואָלוציע, ד. ה. אַלס א בעדינג פון ענטוויקלונג בכלל, האָט זי לויט אַלע וואהרשיינליכקייטען א פיעל גרעסערע בעדייטונג איידער דער געגענזייטיגער קאַמפף, דערפאַר ווייל זי העלפט דער ענטוויקלונג פון אַזוינע געוועהנהייטען און אייגענשאַפטען, וועלכע פערזיכערן די דערהאַלטונג און ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם מין, געבענדיג אין דערזעלבער צייט די איינצעלנע דאָס מעהרסטע וואוילזיין און לעבענס גענוס ביי דעם וועניגסטען אונניצליכען פערברויך פון זייער ענערגיע און קראַפט.

דער ערשטער, ווי ווייט איך וויים, פון דאַרווין'ס וויסענשאַפט־ליכע נאָכפאָלגער, וועלכער האָט געזעהן אין דער געגענזייטיגער הילף די נויטווענדיגקייט פון א נ א ט ו ר ג ע ז ע ץ און א ה ו י פּ ט פ א ק ט אָ ר פ ו ן ע ו ו אָ ל ו צ י ע, איז געווען דער גוט־בעקאַנ־טער רוסישער זאָאָלאָג, דער געוועזענער דעקאַן פון פעטערבורגער אוניווערזיטעט, פּראָפעסאָר ק. פ. קעססלער. ער האָט ענטוויקעלט אַט דעם געדאַנק אין א פּאָרטראַג, וואָס ער האָט געהאַלטען אין יאַנואר 1880, עטליכע מאָנאַט פאַר זיין טויט, אויף א קאָנגרעס פון רוסישע נאַטורפאָרשער. אָבער אַזוי ווי א סך אַנדערע גוטע זאַכען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרען נאָר אין רוסיש, איז אויך

יענער מערקווירדיגער פאָרטראַג געבליבען כמעט אינגאַנצען אונ־בעקאַנט.1)

אלס אַן אַלטער זאָאָלאָג, האָט קעססלער געזאָגט, פיהלט ער זיך פערפליכטעט צו פּראָטעסטירען אנטקעגען דעם מיסגעברויך פון

---

1) ניט רעכענענדיג די פאַר־דאַרווינישע שרייבער, ווי טוסענעל, פעע און פיעלע אַנדערע, זיינען פערעפענטליכט געוואָרען פריהער איידער קעססלער'ס אַרבייט איניגע ווערק, וועלכע האָבען ענטהאַלטען אַ סך אויפ־פאַלענדע ביישפּיעלען פון געגענזייטיגער הילף — דער עיקר אָבער צו בעווייזען דעם פערשטאַנד פון חיות. פון די דאָזיגע ווערק קען איך דערמאָנען: הוזאָ, „די גייסטיגע פעהיגקייטען פון חיות (פראַנצויזיש) צוויי בענדער, בריסעל 1872; ל. ביכנער'ס, „אויס דעם גייסטעס לעבען דער טהיערע" (דייטש) 2טע אויפלאַגע, 1877, און מאַקסימיליאַן פּעטרי'ס „איבער דאָס זעעלענלעבען דער טהיערע" (דייטש), לייפּציג 1876. עספּינאַס האָט פערעפענטליכט זיין העכסט מערקווירדיג ווערק „די געזעלשאַפטען פון חיות" (פראַנצ.) אין 1877, וואו ער האָט אָנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט פון די טהיערען־געזעלשאַפטען און זייער ווירקונג אויפ'ן קיום פון די מינים, געבענדיג דערביי זעהר ווערטהפולע אַנדייטונגען וועגען דעם אורשפּרונג פון דער געזעלשאַפט בכלל. אין אַט דעם בוך איז פאַקטיש ענטהאַלטען אַלץ וואָס איז ביז דאַן געשריבען געוואָרען וועגען געגענזייטיגער הילף, אַ חוץ אַ סך אַנדערע פּונקטען. דאָך דערמאָן איך דאָ ספּעציעל קעססלער'ס פאָרטראַג, ווייל ער האָט די געגענזייטיגע הילף דערהויבען צו דער הויך פון אַ געזעץ, וואָס האָט אַ פיעל גרעסערע בעדייטונג פאַר דער עוואָלוציע איידער דאָס געזעץ פון געגענזייטיגען קאַמפּף. דיזעלבע אידעען זיינען בעאַרבייט געוואָרען דעם נעקסטען יאָהר (אַפּריל 1881) פון זש. לאַנעסאַן אין אַ לעקציע געדרוקט אין 1882 אונטער דעם נאָמען „דער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ און די פעראייניגונג פאַר'ן קאַמפּף." (פראַנצ.) ג. ראָמיינעס' גרויסעס ווערק „דער פערשטאַנד ביי טהיערען" (ענגליש) איז ערשיענען אין 1882 און אַ יאָהר שפּעטער — זיין „גייסטיגע ענט־וויקלונג ביי חיות." אַרום דערזעלבער צייט (1883) האָט ביכנער פער־עפענטליכקייט אַנאַנדער ווערק „ליעבע און ליעבעס לעבען אין דער טהיער־וועלט," פון וועלכען עס איז ערשיענען אַ צווייטע אויפלאַגע אין 1885.

ווי מען קען דערפון זעהען, האָט זיך די אידעע געטראָגען אין דער לופט.

דעם אויסדרוק „קאַמף פאַר עקזיסטענץ“, וואָס מען האָט ענטנומען פון דער זאָאָלאָגיע: וועניגסטענס, אַנטקעגען דער איבערשעצונג פון זיין וויכטיגקייט. „אויף יעדען טריט, דערהויפּט אין דער זאָאָלאָגיע און אין די וויסענשאַפטען, וועלכע גיבען זיך אָב מיט'ן אַלזייטיגען שטודיום פון מענשען“, האָט קעססלער געזאָגט, „ווייזען זיי אָן אויף דעם גרויזאַמען געזעץ פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ און לאָזען אָפּט אינגאַנצען אַרויס פון אויג, אַז עס איז פאַראַן אַנאַנדער געזעץ, וועלכען מען קען אָנרופען דאָס געזעץ פון געגענ־זייטיגער הילף, און וועלכער איז וועניגסטענס בנוגע צו חיות כמעט וויכטיגער איידער דאָס געזעץ פון קאַמף פאַר עקזיס־טענץ.“[1] דערצו האָט קעססלער אָנגעוויזען, ווי די נויט צו לאָזען נאָך זיך אַ נייעם דור פיהרט אונפערמיידליך די חיות צו אַ פעראייניגונג, און „וואָס נעהענטער די מיטגליעדער פון אַ געוויסען מין האַלטען זיך איינע צו די אַנדערע, וואָס מעהר געגענזייטיגע הילף זיי ווייזען אַרויס, אַלץ זיכערער איז דער קיום פון מין און אַלץ מעהר שאַנסען האָט ער צו געהן ווייטער אין זיין ענטוויקלונג און צו פער־פאָלקאָמענען זיך אויך גייסטיג.“ „חיות פון אַלע קלאַסען פּראַקטי־צירען געגענזייטיגע הילף, דערהויפּט אָבער די העכערע קלאַסען,“ זאָגט ער ווייטער (זייט 131), און ער בעפעסטיגט זיין געדאַנק מיט ביישפּיעלען, גענומען פון דעם לעבען פון די קברנים־זשוקעס, פון געזעלשאַפטליכען לעבען פון די פויגלען און איינינגע זויגטהיערען. ער האָט קיין פיעלע ביישפּיעלען ניט געגעבען — פון אַ קורצען פאָרטראָג האָט מען מעהר ניט געקענט דערוואַרטען — די הויפּט פּונקטען אָבער זיינען געווען קלאָר אַוועקגעשטעלט. דערמאָנענדיג ווייטער, אַז אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט האָט די געגענ־זייטיגע הילף געשפּיעלט נאָך אַ וויכטיגערע ראָליע, האָט פּראָפ. קעססלער געשלאָסען זיין רעדע מיט די פאָלגענדע בעמערקונגען:

„איך לייקען, פערשטעהט זיך, ניט אָב דעם קאַמף פאַר עקזיס־טענץ; איך בעהויפּט נאָר, אַז די פּראָגרעסיווע ענטוויקלונג פון טהיערען־רייך, און ספּעציעל פון דער מענשהייט, בעקומט מעהר הילף

---

1) פאָרטראָג „וועגען געזעץ פון געגענזייטיגער הילף“ אין „די אַרבייטען פון דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט.“ באַנד XI, 1880, זייטען 129—128.

פון דער געגענזייטיגער שטיצע אוידער פון דעם געגענזייטיגען קאַמפּף.... אַלע לעבעדיגע וועזענס האָבען צוויי גרינדליכע נויטען — די נויט צו קריגען נאַהרונג און די נויט צו פאָרטזעצען דעם מין. די ערשטע נויט פיהרט זיי צום קאַמפּף פאַר די מיטלען. פון עקזיס־טענץ און צו אַ געגענזייטיגער אויסראָטונג, בעת די אַנדער נויט פון דערהאַלטען דעם מין פיהרט זיי זיך נעהענטער צו בעגעגענען און צו שטיצען געגענזייטיג איינער דעם אַנדערן. אויף דער ענט־וויקלונג אָבער פון דער אָרגאַנישער וועלט, אויף דער ענדערונג פון די לעבענספאָרמען, איז קיין ספק ניט, אַז די דערנעהענטערונג צווישען די איינצעלנע פון איין מין האָט אַ גרעסערע ווירקונג אוידער דער קאַמפּף צווישען זיי."1)

די מעהרסטע רוסישע זאָאָלאָגען, וואָס זיינען געווען אַנוועזענד אויפ'ן קאָנגרעס, האָבען איינגעזעהן די ריכטיגקייט פון די דאָזיגע מיינונגען, און סיעווערצאָוו, וועמעס פאָרשונגען זיינען גוט בעקאַנט צווישען די אָרניטאָלאָגען (נאַטורפאָרשער פון פויגלען) און געאָגראַ־פען, האָט זיי אונטערשטיצט און בעלויכטען מיט נאָך איניגעביישפּיעלען. ער האָט דערמאָנט וועגען איניגע מינים סאָקאָלען (פאַלקען), וועלכע „זיינען בעשאָנקען פון דער נאַטור מיט כמעט דעם בעסטען געבוי פאַר דעם צוועק פון רויב", און דאָך שטאַרבען זיי אויס, בעת אַנדערע מינים סאָקאָלען, וועלכע פּראַקטיצירען געגענ־זייטיגע הילף, זיינען אין אַ בליהענדען צושטאַנד. „פון דער אַנדער זייט — האָט ער געזאָגט — נעהמט אַזאַ געזעלשאַפטליכען פויגעל ווי די ענטיל: אין אַלגעמיין איז זי זעהר שלעכט געבויט, זי פּראַק־טיצירט אָבער געגענזייטיגע שטיצע, און ווען מען זאָל אורטיילען פון איהרע אונצעהליגע מינים און וואַריעטעטען, שטרעבט זי פּאָזי־טיוו צו פערשפּרייטען זיך איבער דעם גאַנצען ערד־קוגעל."

וואָס די רוסישע זאָאָלאָגען זיינען געווען גרייט אָנצונעהמען קעססלער'ס אידעען, דערקלערט זיך גאַנץ נאַטירליך דערמיט, ווייל זיי האָבען כמעט אַלע געהאַט די געלעגענהייט צו שטודירען די וועלט פון חיות אויף די ברייטע, ניט־בעפעלקערטע געגענדען פון צפון־אַזיע אָדער מזרח־רוסלאַנד. איך געדענק דעם איינדרוק, וואָס די טהיערען־וועלט פון סיביר האָט אויף מיר געמאַכט, בעת איך האָב אויסגע־פאָרשט די אָלעקמין־וויטימער בערג־געגענדען, אינאיינעם מיט אַזאַ

1) דאָרט גופא, ז. 135 און 136.

בעגאַבטען זאָאָלאָג, װי מײַן פֿרײַנד איװאַן סעמיאָנאָװיטש פּאָליאַקאָװ איז געװען. מיר זײַנען בײדע געװען אונטער דעם פּרי־שען אײַנדרוק פֿון דאַרװין'ס „אורשפּרונג פֿון די מינים"; מיר האָבען אָבער אומזיסט געזוכט די שאַרפֿע קאָנקורענץ צװישען חיות פֿון דעמזעלבען מין, װעלכע מיר זײַנען געװען גרײט צו געפֿינען, לעזענ־דיג דאַרװין'ס װערק — שױן נעהמענדיג אַפֿילו אין בעטראַכט זײַן בעמערקונג צום דריטען קאַפּיטעל פֿון בוך (אױף דער זײַט 54).

— „װאו־זשע איז פֿאַרט דער קאַמפֿ?" — פֿלעג איך איהם פֿרעגען. מיר האָבען געזעהן אַ סך צופּאַסונגען פֿאַר קאַמפֿ, גאַנץ אָפֿט פֿאַר אַן אַלגעמײנעם קאַמפֿ, אַנטקעגען פֿײַנדליכע קלימאַטישע אומשטענדען, אָדער אַנטקעגען פֿערשײדענע שונאים, און פּאָליאַקאָװ האָט אָנגעשריבען עטליכע אױסגעצײכענטע זײַטלעך װעגען דער געגענזײַטיגער אָבהענגיגקײט פֿון די רױב־טהיערען, פֿיה און גריזונעס אין זײער געאָגראַפֿישער פֿערטײלונג. פֿון דער אַנדער זײַט האָבען מיר געזעהן אַ היבשע צאָהל פֿאַקטען פֿון געגענזײטיגער שטיצע, דערהױפּט בײַ פֿױגלען און פֿיה אין דער צײַט פֿון זײער װאַנדערן; אָבער אַפֿילו אין די אַמור און אוזורי געגענדען, װאו דאָס טהיער־לעבען איז אונגעהױער רײַך אין צאָהל, איז מיר זעהר זעלטען פֿאָר־געקומען צו בעמערקען צװישען די העכערע טהיערע פֿון דעמזעלבען מין װירקליכע פֿאַקטען פֿון קאָנקורענץ און קאַמפֿ, אָבװאױל איך האָב אַזױנע פֿאַקטען פֿלײסיג געזוכט. דעם אײגענעם אײַנדרוק קען מען אַרױסטראָגען פֿון די װערק פֿון די מײסטע רוסישע זאָאָלאָגען, און דאָס איז װאַהרשײנליך די ערקלערונג װאָרום קעססלער'ס אידעען זײַנען אַזױ פֿרײַנדליך אױפֿגענומען געװאָרען פֿון די רוסישע דאַרװיניסטען, בעת בײַ די נאָכפֿאָלגער פֿון דאַרװין אין מערב אײראָפּאַ האָבען אַזױנע אידעען קײן גאַנג ניט געהאַט.

די ערשטע זאַך װאָס פֿערװאונדערט אונז, װי נאָר מיר הױבען אָן צו שטודירען דעם קאַמפֿ פֿאַר עקזיסטענץ, סײ אין דעם דירעק־טען, סײ אין דעם מעטאַפֿאָרישען זין פֿון דעם אױסדרוק, איז דער איבערפֿלוס פֿון פֿאַקטען פֿון געגענזײטיגער הילף, װעלכע װערט פּראַקטיצירט ניט נאָר פֿאַר דעם צװעק פֿון ערציהען אַ נײעם דור, װי דאָס האָבען אָנדערקענט די מעהרסטע עװאָלוציאָניסטען, נאָר אױך כּדי צו בעשיצען די אײנצעלנע און זײ העלפֿען בעקומען די

נויטיגע נאַהרונג. געגענזייטיגע הילף איז דער רעגעל ביי אַ סך גרויסע אָבטיילונגען פון טהיערען־קעניגרייך. מען בעגעגענט עס אָפילו ביי די גאַנץ נידעריגע חיות, און מען קען דערוואַרטען צו הערען ווען עס איז פון די, וואָס שטודירען דאָס לעבען פון מיקראָסקאָפּישע חיה׳לעך אין די שטעהעדיגע וואַסערן, וועגען פאַקטען פון אַן אונבעוואוסטזיניגער געגענזייטיגער שטיצע אפילו צווישען די גאַנץ קלענסטע מיקראָ־אָרגאַניזמען.

אונזערע ידיעות וועגען דעם לעבען פון די ניט־רוקענבייניגע ברואים, מיט דער אויסנאַהם פון די טערמיטען, מוראַשקעס און ביענען, זיינען נאַטירליך גאַנץ בעשרענקט; דאָך קאָנען מיר ברייננגען אייניגע פאַקטען פון גאַנץ זיכערער געגענזייטיגער הילף אפילו פון דעם לעבען פון די נידעריגסטע חיות. די אונצעהליגע געמיינשאַפטען פון היישעריקען, שמעטערלינגען — בעזונדערס די וואַנעסען־שמעטערלינגען — גרילען, זשוקעס (ציצינדעלען) א. ד. ג. זיינען פאַקטיש נאָך גאָר ניט אויסגעפאָרשט; אָבער דער פאַקט אליין, וואָס אַזעלכע געמיינשאַפטען עקזיסטירען, בעווייזט, אַז זיי מוזען זיין געבויט אונגעפעהר אויף דיזעלבע גרונדלאַגען, ווי די צייטווייליגע געמיינדען פון מוראַשקעס און ביענען פאַר די צוועקען פון מיגראַציאָן 1). וואָס געהערט די זשוקעס, האָבען מיר גאַנץ ריכטיג־בעאָבאַכטעטע פאַקטען פון געגענזייטיגער הילף צווישען דעם מין, וועלכער הייסט די טויטען־גרעבער (נעקראָפאָרוס). אַט די זשוקעס מוזען האָבען עפּעס אַ פוילען אָרגאַנישען קערפּער, אין וועלכען צו לעגען זייערע אייעלעך און צו פערזאָרגען די לאַרוועז מיט נאַהרונג, אָבער דער דאָזיגער שטאָף מוז ניט פוילען צו־שנעל. זיי בעגראָבען דעריבער אין דער ערד די טויטע קערפּער פון אַלערליי־חיה׳לעך, וואָס זיי געפינען צופעליג ליעגענדיג אויף זייער וועג. אין אַלגעמיין לעבען זיי אַן אָבגעזונדערט לעבען, נאָר ווען איינער פון זיי געפינט די נבילה פון אַ מויז אָדער אַ פויגעל, וועלכע ער קען אליין ניט בעגראָבען, רופט ער צונויף נאָך עטליכע זשוקעס (אַמאָל קומען זיי זיך צוזאַמען זאַלבע זעקסט), כדי אָבצוטהאָן די ארבייט מיט פעראייניגטע קרעפטען. ווען נויטיג, שלעפען זיי אַריבער די נבילה אויף אַ פּאַסיגען אָרט, וואו די ערד איז ווייכער. בכלל ווערט די ארבייט

1) זעה אָנהאַנג I.

אָבגעטהאָן אויף אַ זעהר אויסגערעכענטען אופן, אָהן שום מחלקת מכח דער פראַגע, ווער פון זיי זאָל האָבען די פּריווילעגיע צו לעגען די אייעלעך אין דעם פערגראָבענעם קערפּער. ווען גלעדיטש האָט צוגעבונדען אַ טויטען פויגעל צו אַ קרייץ, וואָס ער האָט געמאַכט פון צוויי שטעקלעך, אָדער ער האָט אַרויפגעהאַנגען אַ פראָש אויף אַ שטעקען, וואָס ער האָט אַריינגעשטעקט אין דער ערד, האָבען די טויטען־גרעבער אויף דעם פריינדליכסטען אופן אָנגעשטרענגט זייערע פעראייניגטע מוחות, כדי בייצוקומען דעם מענשענס קונציגע איינפעלען. דיזעלביגע פעראייניגונג פון קרעפטען קען מען אויך בעמערקען ביי די מיסט־זשוקעס.

אָבער אפילו ביי ברואים, וואָס שטעהען אויף נאָך אַ נידעריגערער שטופע פון געבוי, קענען מיר אויך געפינען אַזוינע ביישפּיעלען. אייניגע לאַנד־קרעבסען פון וועסט אינדיע און צפון־אמעריקא פעראייניגען זיך אין זעהר גרויסע מחנות, ווען זיי וואַנדערן צום ים, כדי צו לעגען דאָרט זייערע איקרע, און אַזאַ וואַנדערונג זעצט אונבעדינגט פאָראויס אַ געוויסע געגענזייטיגע פערשטענדיגונג אויס־צופיהרען אַ געמיינשאַפטליכע אַרבייט, און געגענזייטיגע שטיצע. וואָס געהערט צו די גרויסע מאַלוקקאַ־קרעבסען (לימולוס), בין איך ערשטוינט געוואָרען, בעמערקענדיג אין דעם אַקוואַריום אין ברייטאָן (1882) וויפיעל הילף די דאָזיגע אומגעלומפּערטע ברואים זיינען קאַפּאַבעל צו געבען אַ חבר אין אַ פאַל פון נויט. עס האָט זיך געטראָפען, אַז איינער פון זיי איז געפאַלען אויפ'ן רוקען אין אַ ווינקעל פון דעם גרויסען וואַסער־קאַסטען וואו זיי האַלטען זיך אויף, און האָט בשום אופן זיך ניט געקענט אומדרעהען צוריק צו זיין נאַטירליכער פּאָזע, צוליעב זיין שווערען רוקען־שילד, וואָס זעהט אויס ווי אַ מין גרויסער טאָפּ. דערצו איז אין יענעם ווינקעל גראָד געווען אַן אייזערנע גראַטע, וועלכע האָט נאָך שווערער געמאַכט די אַרבייט פון איבערדרעהען זיך. זיינע חברים זיינען איהם גלייך געקומען צו הילף, און אַ פולע שעה צייט האָב איך זיך צוגעקוקט ווי זיי האָבען זיך געמאַטערט צו העלפען זייער געפאַנגענעם חבר. פון אָנהויב האָבען זיך בעוויזען צוויי קרעבסען און האָבען גענומען שטופען זייער פריינד פון אונטען, ביז עס האָט זיך זיי איינגעגעבען נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איהם אויפצושטעלען גלייך, די אייזערנע גראַטע אָבער האָט זיי ניט געלאָזען פערענדיגען זייער רעטונגס אַרבייט און

דער קרעבס איז ווידער שווער ארונטערגעפאַלען אויפ'ן רוקען. נאָך עטליכע אַזוינע פּראָבעס איז איינער פון די רעטער אַוועקגע־גאַנגען און געבראַכט מיט זיך נאָך צוויי קרעבסען, וועלכע האָבען מיט פרישע כחות פון דאָס־ניי זיך גענומען אויפהויבען און אונטער־שטופּען זייער אונבעהאָלפענעם חבר. מיר האָבען פערבראַכט אין אַקוואַריום העכער ווי צוויי שטונדען, און אַוועקגעהענדיג, זיינען מיר צוגעגאַנגען נאָך אַמאָל אַ קוק טהאָן אויפ'ן וואַסער־קאַסטען: די רעטונגס־אַרבייט איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען! זינט איך האָב דאָס צוגעזעהן, איז מיר ניט שווער צו גלויבען די בעאָבאַכטונג, וואָס עראַזמוס דאַרווין האָט דערמאָנט, אַז „די געוועהנליכע קרעבסען, בעת עס בעגייט זיך ביי זיי די שאָל, שטעלען אַוועק אויפ'ן וואַך אַזעלכע, וואָס האָבען נאָך זייער אַלטע שאָל, אָדער וואָס זייער נייע איז שוין גענוג האַרט, כדי צו בעשיצען די איבעריגע, וועלכע זיינען אין אַ נאַקעטען צושטאַנד, פון אַן אָנפאַל פון זייערע שונאים פון ים.“1)

די פאַקטען פון געגענזייטיגער הילף ביי טערמיטען, מוראַשקעס און ביענען זיינען אַזוי גוט בעקאַנט, דערהויפּט דורך די פּאָפּולערע ווערק פון ראָמיינעס, ל. ביכנער און סער דזשאָהן לובבאָק, אַז איך קען זיך בעגנוגענען מיט נאָר עטליכע בעמערקונגען.2) ווען מיר בעטראַכטען אַ נעסט פון מוראַשקעס, זעהען מיר, אַז ניט נאָר אַלערליי סאָרטען אַרבייט — האָדעווען קינדער, אָנזאַמלען שפּייז, בויען נעס־טען, האַלטען זויג־חיה'לעך, א. ד. ג. — ווערען אויסגעפיהרט לויט די פּרינציפּען פון פרייוויליגער געגענזייטיגער הילף, נאָר מיר מוזען

---

1) ג. ראָמיינעס, „אַנימאַל אינטעלידזשענס“, 1סטע אויפלאַגע, ז. 233.

2) פּיעררע הובער „פאָרשונגען וועגען די מוראַשקעס“ (פראַנצ.) זשענעוואַ 1810, איבערגעדרוקט אין 1861; פאָרעל, „וועגען די מוראַשקעס פון דער שווייץ“ (פראַנצ.) ציריך 1874, און דזש. ט. מאָגגרידזש "האַר־וועסטינג אַנטס ענד טראַפּדאָר ספּיידערס,“ לאָנדאָן 1873. אָט די ביכער וואָלט מען געדאַרפט געבען לעזען יעדען קינד. זעה אויך בלאַנשאַרד „מעטאַמאָרפאָזען פון אינזעקטען“ (פראַנצ.) פּאַריז 1868; זש. ה. פאַבר „ענטאָמאָלאָגישע ערינערונגען“ (פראַנצ.) פּאַריז 1886; עבראַרד „שטודיען פון די מנהגים פון די מוראַשקעס“ (פראַנצ.) זשענעוואַ 1864; סער דזשאָהן לאַבבאָק „מוראַשקעס, ביענען און וועספּען“ (ענגליש), און אַנדערע.

אויך אָנמערקען, אינאייינעם מיט פּאַרעל, אַז דער הויפּט גרונדשטריך פון דעם לעבען פון פיעלע מינים מוראַשקעס איז דער פאַקט, וואָס יעדע מוראַשקע טיילט זיך, און איז מחויב צו טיילען זיך, מיט איהר שפּייז, וועלכע זי האָט שוין ארונטערגעשלונגען און טיילוויז פערדייהט, מיט יעדען מיטגליעד פון דער געמיינדע, וואָס פערלאַנגט עס פון איהר. ווען צוויי מוראַשקעס, וועלכע געהערן אָן צוויי בעזונדערע מינים אָדער צוויי פיינדליכע נעסטען, בעגעגענען זיך צופעליג, מיידען זיי אוים איינע די אַנדערע. אָבער צוויי מוראַשקעס, וועלכע געהערן צו דעמזעלבען נעסט, אָדער צו דערזעלבער קאָלאָניע, וועלען אַלע מאָל צוגעהן איינע צו דער אַנדערער און מאַכען אַ פּאָר בעגריסונג־בעוועגונגען מיט זייערע פיהל־הערעלעך, און „אויב איינע פון זיי איז הונגעריג אָדער דאַרשטיג און די אַנדערע האָט אַ פולען מאָגען, וועט די ערשטע גלייך בעטען שפּייז“. די מוראַשקע ביי וועמען מען בעט שפּייז, וועט קיינמאָל ניט אָבזאָגען: זי צועפּענט איהרע קינבאַקען, שטעלט זיך אַוועק אין אַ געוויסער פּאָזע און ברייננגט ארוים אַ טראָפּען פליסיגקייט, וועלכען די הונגעריגע לעקט באַלד אוים. ארויסברעכען שפּייז צו קאָרמענען אַנדערע איז אַזאַ וויכטיגער שטריך אין לעבען פון די מוראַשקעס (אין פרייהייט) און ווערט שטענדיג אַזוי זיכער פּראַקטיצירט, סיי צו שפּייזען הונגעריגע חברים, סיי אויסצוקאָרמענען די לאַרווען, אַז נאָך פּאַרעל'ס מיינונג נאָך, בעשטעהען זייערע פערדייהונגס־אָרגאַנען פון צוויי פערשיידענע טיילען: איין טייל, דאָס הינטערשטע, איז בעשטימט פאַר דעם ספּעציעלען געברויך פון דעם אינדיווידום אַליין, און דאָס אַנדערע, דאָס פּאָדערשטע טייל, הויפּטזעכליך פאַר די נוצען פון דער געמיינדע. ווען אַ מוראַשקע, וועלכע האָט אַ פולען מאָגען, וואָלט זיך ארויסגעצייגט עגאָאיסטיש און ניט אָנגעקאָרמעט אַ הונגעריגען חבר, וואָלט מען זיך מיט איהר בעגאַנגען ווי מיט אַ פיינד אָדער נאָך ערגער. און ווען דער אָבזאָג וואָלט געשעהן בעת איהרע האַלטען מלחמה מיט אַנאַנדער מין, אָדער מיט אַ פרעמדען נעסט, וואָלטען די אייגענע ארויפגעפאַלען אויף דעם גייציגען מיטגליעד מיט אַ גרעסערער אכזריות איידער אפילו אויף די שונאים גופא. אויב אָבער אַ מוראַשקע וואָלט זיך ניט אָבגעזאָגט אָנצוקאָרמענען אַנאַנדערע, וואָס געהערט אָן דעם פיינדליכען לאַגער, דאַן וואָלטען יענערס קרובים זיך בעגאַנגען מיט איהר ווי מיט אַ פריינד. דאָס אַלץ ווערט

בעשטעטיגט דורך העכסט פינקטליכע בעאָבאַכטונגען און עקספּערי־מענטען, וועלכע לאָזען ניט איבער דעם מינדסטען ספק, ניט אין דער ווירקליכקייט פון די פאַקטען גופא, ניט אין דער ריכטיגקייט פון זייער אויסטייטשונג.1)

מיר זעהען, הייסט עס, אַז אין אַט דער אונגעהויער־גרויסער אָבטיילונג פון טהיערען־רייך, וועלכע נעהמט אַרום מעהר ווי טויזענד מינים און איז אַזוי צאָהלרייך, אַז בראַזיליע, ווי די בראַזיליאַנער בעהויפּטען, געהערט ניט די מענשען נאָר די מוראַשקעס — עקזיס־טירט לחלוטין ניט קיין קאַמפף אָדער אָנגריף פּאַר שפּייז צווישען די מיטגליעדער פון דעמזעלבען נעסט אָדער פון דערזעלבער קאָלאָ־ניע פון נעסטען. ווי שרעקליך די מלחמות זאָלען ניט זיין צווישען די פערשיידענע מינים מוראַשקעס און זייערע פערשיידענע נעסטען, און ווי גרויס די רציחות זאָלען ניט זיין אין דער צייט פון מלחמה — אין דער געמיינדע איז די גענענזייטיגע הילף און די זעלבסט פער־לייקענונג צוליעב די אַלגעמיינע נוצען געוואָרען אַ געוועהנהייט, און די זעלבסטאויפּאָפּפערונג פון דעם איינצעלנעם לטובת הכלל — אַן אַלגעמיינער רעגעל. די מוראַשקעס און די טערמיטען האָבען זיך, הייסט עס, אָבגעזאָגט פון דעם „האָבבעזישען קריעג“ און האָבען דער־ביי דוקא פיעל געוואונען. זייערע וואונדערבאַרע נעסטען, זייערע געביידען, וועלכע שטייגען אַריבער פערהעלטניסמעסיג די הויך פון די מענשליכע געביידען; זייערע געפלאַסטערטע וועגען און גע־וועלבטע גאַלערעען צווישען די נעסטען; זייערע גערוימיגע זאַאַלען און תבואה־שפּייכלערס, זייערע קאָרן־פעלדער, זייער תבואה־שניידען און זייער „פערמאַלצען“ די קערנער 2); די וואונדערבאַרע „גער־

1) פאָרעל, „אונטערזוכונגען“ זייטען 278, 275, 244. די אויסגע־צייכענטע בעשרייבונג פון אַט דעם אויפפיהר געהערט הובערט'ן; איהם געהערט אויך די אָנדייטונג וועגען דעם מעגליכען אורשפּרונג פון דעם אינסטינקט (פאָלקס אויסגאַבע, זייטען 160, 158). — זעה אויך דעם אָנהאַנג II צום סוף בוך.

2) די אַגריקולטור פון די מוראַשקעס איז אויף אַזוי פיעל וואונ־דערבאַר, אַז מען האָט אַ לאַנגע צייט גאָרניט געוואָלט גלויבען אין דעם. די פאַקטען זיינען איצטער גאַנץ זיכער פעסטגעשטעלט דורך די אַרבייטען פון מאַגגרידזש, דר. לינצעקום, מאַק קוק, קאָרנעל סייקס און דר. דזשער־

טנער" פון די „שירעם־מוראשקעס", וועלכע בייסען אן בלעטער און בעמיסטיגען שטיקלעך ערד מיט קייקלעך פון צוקאיטען בלאט, וואס דורכדעם וואקסט אין די דאזיגע גערטנער נאר איין סארט שוועמלעך און אלע אנדערע סארטען ווערען אויסגעראטעט; זייערע ראציאנאלע מעטאדען אויפצופאסען אויף די אייעלעך און די לאר־ווען; דאס בויען פון בעזונדערע נעסטען און שטעלכלעך צו האדעווען די בלאט־לייז, וועלכע ליגנע האט אזוי טרעפליך אנגערופען „די מוראשקעס' קיה," און ענדליך זייער מוטה, דרייסטקייט און הויכע גייסטיגע ענטוויקלונג — דאס אלעס איז דער נאטירליכער רעזולטאט פון דער געגענזייטיגער הילף, וואס זיי פראקטיצירען אויף יעדען טריט פון זייער טהעטיגען און ארבייטזאמען לעבען. די געזעלשאפט־ליכקייט פון די מוראשקעס האט אויך געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון נאך א וויכטיגען שטריך אין זייער לעבען — פון א שטארקער אינדיווידועלער איניציאטיווע, וועלכע האט פון איהר זייט מיטגע־בראכט די ענטוויקלונג פון אזוינע הויכע און פערשיידענארטיגע גייסטיגע פעהיגקייטען ביי די מוראשקעס, אז זיי רופען ארוים די ענטציקונג און פערוואונדערונג פון יעדען בעאבאכטער. 1)

ווען מיר וואלטען ניט געווען בעקאנט מיט קיינע אנדערע פאקטען פון טהיערען־לעבען א חוץ מיט די פאקטען, וואס מיר ווייסען וועגען די מוראשקעס און טערמיטען, וואלטען מיר שוין דערפון אליין קענען בעשליסען, אז די געגענזייטיגע הילף, (וועלכע

---

דאן, און עס איז מעהר קיין צווייפעל ניטא וועגען דעם. זעה די אויס־געצייכענטע זאמלונג פון בעווייזען אין ראמיינעס' ווערק. זעה אויך „די פילצגארטען איניגער זיד־אמעריקאנישען אמייזען" פון אלפרעד מעללער אין שימפער'ס „באטאנישע מיטטהיילונגען אוים דען טראפען", באנד 6, 1893.

1) אט דער צווייטער פרינציפ איז ניט גלייך אנערקענט געווארען. די פריהערדיגע פארשער פלעגען אפט רעדען וועגען „קעניגע", „קעני־גינען", „פיהרער" א. ד. ג. זינט אבער הובער און פארעל האבען פער־עפענטליכט זייערע גענויע און אויפריכטיגע בעאבאכטונגען, קען שוין מעהר קיין ספק ניט זיין, אז אין אלץ וואס די מוראשקעס טהוען, (אפילו אין זייערע מלחמות) האט יעדער יחיד א פרייען רוים ארויסצו־ווייזען זיין פערזענליכע איניציאטיווע.

פיהרט צו א געגענזייטיגען צוטרוי, וואָס איז דער ערשטער בעדינג פון מוטהיגקייט) און די אינדיווידועלע איניציאטיווע (דער ערשטער בעדינג פון גייסטיגען פּאָרטשריט) זיינען די צוויי בעדינגען, וועלכע זיינען ניט דער ערך וויכטיגער אין דער ענטוויקלונג פון דער טהיערען־וועלט איידער דער געגענזייטיגער קאמפף. דער פאקט איז, אז די מוראשקעס געדייהען, אָבוואוויל זיי האָבען ניט קיין איינע פון די פערטיידיגונגס־מיטלען, אָהן וועלכע קיין איינציגע פוי די חיות, וואָס פיהרען אן איינזאם לעבען, קען זיך ניט בעגעהן. זייערע פיינד קענען זיי לייכט בעמערקען דורך זייער קאָליר, און די הויכע נעסטען פון א סך מינים ציהען אויף זיך אַלעמענס אויפ־מערקזאמקייט אין די וועלדער און אויף די לאָנקעס. די מוראשקע האָט ניט קיין הארטע שאָל, און איהר שטאָך, ווי געפעהרליך ער זאָל ניט זיין ווען הונדערטע מיט אמאָל שטעכען זיך אריין אין קערפּער פון א חיה, האָט גאָר א קנאפּען ווערטה פאר דער אינ־דיווידועלער פערטיידיגונג. אין דערזעלבער צייט זיינען די אייעלעך און די לארוועז פון די מוראשקעס א געשמאַקער ביסען פאר פיעלע איינוואוינער פון די וועלדער. און דאָך, ניט קוקענדיג וואָס זיי זיינען אזוי צאָהלרייך, ווערען זיי ניט פיעל פערניכטעט פון די פויגלען, אָדער אפילו פון די מוראשקעס־פרעסער, נאָר פער־קעהרט, זיי ווארפען אָן א שרעק אויף אנדערע אינזעקטען, וואָס זיינען פיעל שטארקער פאר זיי. ווען פּאָרעל האָט אויס־געשאָטען אויף א לאָנקע א זעקעל פול מיט מוראשקעס, האָט ער געזעהן ווי „די גרילען זיינען זיך צולאָפען און געלאָזען זיי־ערע נאָרעס פאר די מוראשקעס צו פּלינדערן; די שפּינען און זשוקעס האָבען אוועקגעוואָרפען זייערע קרבנות אויס מורא אליין ניט צו ווערען קיין קרבנות; די מוראשקעס האָבען אפילו פערכאַפּט די נעסטען פון די פערד־פליעגען, נאָך א גע־שלעג, אין וועלכער פיעלע פון זיי זיינען אומגעקומען פאר דעם וואוילזיין פון דער געמיינדע. אפילו די פלינקסטע אינזעקט־טען האָבען ניט בעוויזען זיך צו ראַטעווען, און פּאָרעל׳ן איז אָפּט אויסגעקומען צו זעהן, ווי די מוראשקעס פלעגען פּלוצלונג בעפאלען און דער׳הרג׳נען שמעטערלינגען, קאמארעס, פליעגען און דערגלייכען. זייער קראַפט בעשטעהט אין דער געגענ־זייטיגער שטיצע און אין דעם צוטרויען, וואָס זיי האָבען איינע

צו די אנדערע. און אויב די מוראשקע — שוין ניט צו רעדען פון די נאָך מעהר ענטוויקעלטע טערמיטען — שטעהט לויט איהרע גייסטיגע פעהיגקייטען אויפ'ן רעכטען שפּיץ פון גאנצען אינזעקטען־קלאַס; אויב מען קען זי פערגלייכען אין מוטהיגקייט מיט די פיעל שטאַרקערע רוקען־ביינינגע חיות, און אויב איהר מארך — רעדענדיג מיט דארווין'ס ווערטער — שטעלט מיט זיך פאַר איינעם פון די וואונדערבארסטע אטאָמען פון מאַטעריע אין דער וועלט, וואונדער־ליכער אפילו איידער דעם מענשענ'ס מארך — דארף זי ניט פאַר דאָס אַלץ פערדאנקען דעם פאַקט, וואָס די געגענזייטיגע הילף האָט לחלוטין אָבגעשאַפט דעם געגענזייטיגען קאַמפף אין איהרע געמיינ־שאַפטען?

דאָס אייגענע איז אויך ריכטיג בנוגע צו די ביענען. אָט די קליינינקע אינזעקטען, וועלכע וואָלטען אַזוי לייכט געקענט ווערען די רויב פון אונצעהליגע פויגלען, וואָס זייער האָניג ציהט־צו אַלע קלאַסען חיות, פון דעם זשוק ביז'ן בער, — האָבען אויך ניט קיין איינציגע פערטיידיגונגס־אייגענשאַפט, ניט אין געבוי, ניט אין מימיקרי, 1) אָהן וועלכע אינזעקטען, וואָס פיהרען אַן אָבגעזונדערט לעבען, קענען קוים האָבען א קיום. און דאָך, א דאנק דעם וואָס זיי פראַקטיצירען געגענזייטיגע הילף, האָבען זיי זיך פערשפּרייט וויט און ברייט איבער'ן גאנצען ערדקוגעל, בעזיצען זיי א וואונדערבארען פערשטאַנד און האָבען אויסגעארבייט וואונדערליכע פאָרמען פון געמיינזאַמען לעבען.

דערמיט וואָס זיי ארבייטען געמיינשאַפטליך, פּערפיעלפאַכען זיי אין אַן אונגלויבליכען ערך זייערע אינדיווידועלע קרעפטען, און דורכדעם וואָס זיי פיהרען איין א צייטווייליגע צוטיילונג פון דער ארבייט — וועלכע נעהמט ניט אוועק פון דעסטוועגען די פעהיגקייט פון יעדער ביען צו טהאָן אַלערליי ארבייט ווען נויטיג — דער־גרייכען זיי אַזאַ הויכע שטופע פון וואוילשטאַנד און זיכערקייט, וואָס

1) מימיקרי — נאָכאַהמונג — רופט מען אָן דעם פאַקט, וואָס פיעלע לעבעדיגע וועזענס נעהמען אָן דעם קאָליר פון דער סביבה, אין וועלכער זיי לעבען, און דאָס ראַטעוועט זיי פון די פערפאָלגונגען פון זייערע פיינד. די ביענען ווי די מוראשקעס האָבען ניט אַזאַ מיטעל. זייער שוואַרצער קאָליר העלפט זיי ניט אויסצובעהאַלטען זיך פון זייערע פיינד.

קיין איזאָלירטע חיה, ווי שטאַרק און גוט־בעוואָפענט זי זאָל ניט זיין, קען קיינמאָל ניט האָפען צו דערגרייכען. די ביענען שטייגען אַריבער אין זייערע געמיינשאַפטליכע פיהרונגען אָפטמאָל אַפילו דעם מענשען, בעת ער פערנאַכלעסיגט די נוצען פון אויסגערע־כענטער געגענזייטיגער הילף. אַזוי צום ביישפיעל, ווען אַ שוואָרם פון ביענען קלייבט זיך צו פערלאָזען דעם ביענשטאָק, כדי צו גרינדען אַ נייע געמיינדע, פליהט אַפריהער אַוועק אַ געוויסע צאָהל ביענען אויסצופאָרשען די אַרומיגע געגענד, און אויב עס גיט זיך זיי איין צו ענטדעקען אַ פּאַסיגען פּלאַץ פאַר אַ וואוינונג — למשל אַן אַלטע קאָרב, אָדער עפּעס דערגלייכען — נעהמען זיי עס צו רייניגען און היטען עס אָפטמאָל אַ גאַנצע וואָך נאָכאַנאַנד, ביז וואַנען דער שוואָרם קלייבט זיך אַריבער און קומט זיך בעזעצען אויף דעם אויסגעקליבענעם נייעם אָרט. וויפיעל מאָל אָבער קומען מענשען אום בעת'ן איבערוואַנדערן פון איין פּלאַץ אויף דעם אַנדערן, נאָר דערפאַר וואָס די איבערוואַנדערער האָבען ניט פער־שטאַנען די נויטיגקייט פון פעראייניגען זייערע קרעפטען! מיט זייער פעראייניגטען פערשטאַנד קענען די ביענען אָפטמאָל בייקומען אונגינסטיגע אומשטענדען, אַפילו ווען די אומשטענדען זיינען אונגעוועהנליכע און גאָר ניט קיין פאָראויסגעזעהענע, ווי עס האָט פּאַסירט צ. ב. ש. מיט די ביענען אויף דער פּאַריזער אויסשטעלונג, וואו זיי האָבען מיט זייער קלעע פערקלעפּט די לאָדען פון אַ פענסטער, וואָס איז געווען איינגעבויט אין זייער ביענשטאָק. 1) דערצו האָבען זיי גאָר ניט אַזעלכע בלוטדורשטיגע נייגונגען און אַזאַ לוסט צו אומזיסטע געשלעג, ווי פיעלע שרייבער רעדען אַזוי גערן אָן אויף אַלע חיות. די היטער, וואָס שטעהען אויפ'ן וואַך

---

1) מען האָט זיי געהאַלטען אין אַ ביענשטאָק, וואָס האָט געהאַט אַ גלעזערנעם פענסטער, דורך וועלכען מען האָט געקענט אריינקוקען וואָס עס טהוט זיך אינעווייניג. דאָס פענסטער האָט זיך פערמאַכט פון דרויסען מיט אַ לאָדען. אַזוי ווי די ביענען האָבען וואהרשיינליך ניט געקענט פערטראָגען דאָס ליכט, וואָס איז אויף זיי געפאַלען יעדעס מאָל, ווען די בעזוכער פון דער אויסשטעלונג פלעגען עפענען די לאָדען, האָבען זיי אין עטליכע טעג צוגעקלעפּט די לאָדען מיט אַזאַ קלעפּיגען שטאָף, וואָס הייסט ביענען־קלעע אָדער פּראָפּאָליס.

ביים אריינגאנג אין ביענשטאָק, דער׳הרג׳נען אַלע רויבער־ביענען, וועלכע ווילען זיך אריינכאַפּען אינעווייניג; פרעמדע ביענען אָבער, וועלכע קומען צו לויפען על פּי טעות, דערהויפּט ווען זיי זיינען בעלאָדען מיט געזאַמעלטע בלומען־פּאָלען, און יונגע, וואָס האָבען פערבלאָנדזשעט און קענען ניט געפינען זייער היים — די טהוען ווי קיין שלעכטס ניט. זייער קריעג־פיהרונג איז אויף דעם אופן בעשרענקט נור אויף דאָס שטרענג־נויטיגסטע.

די געזעלשאַפטליכקייט פון די ביענען איז דערמיט נאָך מעהר לעהררייך, וואָס עס שטעקט נאָך אין זיי רויבערישע אינסטינקטען און פוילקייט, וועלכע צייגען זיך ארויס יעדעס מאָל, ווען די אומ־שטענדען זיינען גינסטיג דערצו. עס איז בעקאַנט, אַז עס געפינט זיך שטענדיג אַ געוויסע צאָהל ביענען, וועלכע ווילען בעסער פיהרען אַ רויבער־לעבען, איידער דאָס טהעטיגע לעבען פון אַן ארבייטס־ביהן; און אין צייטען פון מאַנגעל, ווי אין די צייטען פון גרויסער שפע, וואַקסט די צאָהל פון די רויבער־ביענען זעהר שנעל. ווען די שניט־צייט איז געענדיגט און עס בלייבט ווייניג מאַטעריאַל אויף אונזערע פעלדער און לאָנקעס פון וואָס אויסצואַרבייטען דעם האָניג, בעווייזען זיך די רויבער־ביענען אין אַ גרויסער צאָהל; פון דער אנדער זייט ווידער, ווערט רויבעריי, פוילקייט און זעהר אָפט שכרות אַ געוועהנליכע ערשיינונג צווישען די ביענען, אויף די צוקער־פּלאַנטאַציעס פון ווערסט־אינדיע, ווי אויך אין די צוקער־פאַבריקען אין אייראָפּא. מיר זעהען אויף דעם אופן, אַז ביי די ביענען עקזיסטירען נאָך אַנטי־סאָציאַלע אינסטינקטען; אָבער די נאַטירליכע צוכטוואַהל מוז זיי וואָס ווייטער, אַלץ מעהר אויס־ראָטען, היות ווי די סאָלידאַריטעט ווייזט זיך ארויס פיעל ניצליכער פאַר דעם מין, איידער די ענטוויקלונג פון אַזוינע איינצעלנע, וועלכע האָבען רויבערישע נייגונגען. „די געשייטערע און די וואָס שטעלען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָב“, וועגען וועלכע האַקסלי האָט גערעדט, ווערען פערניכטעט, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַזוינע, וואָס פערשטעהען די נוצען פון אַ געמיינשאַפטליכען לעבען און געגענזייטיגער שטיצע.

געווים האָבען זיך ניט דערהויבען, ניט די מוראשקעס, ניט די ביענען, און אפילו ניט די טערמיטען, צו דעם בעגריף פון אַ העכערער סאָלידאַריטעט, וואָס זאָל ארומנעהמען זייער גאַנצען מין.

אין דעם פּרט איז קלאָר, אַז זיי האָבען ניט דערגרייכט אַזאַ שטופּע פון ענטוויקלונג, וועלכע מיר געפינען נאָך ניט אַפילו צווישען די פּאָליטישע, וויסענשאַפטליכע און רעליגיעזע פיהרער פון דער מענש־הייט. זייערע געזעלשאַפטליכע אינסטינקטען געהען כמעט ניט אריבער די גרעניצען פון דעם מוראַשקען־נעסט אדער דעם ביענשטאָק. פונדעסטוועגען האָט פּאָרעל בעשריבען קאָלאָניעס פון מוראשקעס אויפ'ן מאָן־טאַנדר און מאָן סאַלעוו, וואָס האָבען ענטהאַלטען ניט וועניגער ווי צוויי הונדערט נעסטען, און די מיטגליעדער האָבען אָנגעהערט צו צוויי בעזונדערע מינים (פּאָרמיקאַ עקזעקטאַ און פּ. פּרעססילאַבריס). פּאָרעל בעהויפּטעט דערביי, אַז יעדעם מיטגליעד פון די קאָלאָניעס דערקענט אַלע איבעריגע מיטגליעדער, און אַז זיי אַלע נעהמען אָנטייל אין דער אַלגעמיינער פערטיידיגונג. מאַקוק האָט בעאָבאַכטעט אין פּענסילוואַניע אַ גאַנצע נאַציאָן פון מוראשקעס, וועלכע איז בעשטאַנען פון 16 ביז 17 הונדערט נעסטען, וואָס האָבען געלעבט צווישען זיך אין פּאָלשטענדיגער איינשטימונג; און בעיטס האָט בעשריבען גרויסע שטרעקען אין די סטעפּעס פון בראַזיליע, וועלכע זיינען בעדעקט מיט בערגלעך פון טערמיטען, וואו עטליכע נעסטען האָבען געדיענט אַלס ענטרינונגס־פּלעצער פאַר צוויי אָדער דריי פערשיידענע מינים, און די מעהרסטע נעסטען זיינען געוועזען פעראייניגט דורך געוועלבטע גאַלערעען און געדעקטע אַרקאַדען. 1) אַט אַזוי בעגעגענען מיר אייניגע פּראָבעס פון פּער־איינינונג ביי גרויסע אָבטיילונגען פון דעם מין פאַר די צוועקען פון געגענזייטיגער אונטערשטיצונג און געזעלשאַפטליכען לעבען אַפילו צווישען די ניט־רוקענבייניגע ברואים.

אריבערגעהענדיג איצטער צו די העכערע חיות, געפינען מיר נאָך מעהר ביישפּיעלען פון בלי ספק־בעוואוסטזיניגער געגענזייטיגער הילף, וואָס ווערט פּראַקטיצירט פאַר אַלערליי צוועקען — הגם מיר מוזען דאָ גלייך בעמערקען, אַז אונזערע ידיעות וועגען דעם לעבען אַפילו פון די העכערע חיות זיינען נאָך אַלץ ווייט ניט פּאָלקאָמען. אַ גרויסע צאָהל פאַקטען פון דעם סאָרט זיינען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען פון ערשטער קלאַסע זאָאָלאָגען, עס זיינען נאָך אָבער

1) וו. ה. בייטס, „דהי נאַטוראַליסט אָן דהי ריווער אַמאַזאָן“, באַנד 3, ז. 59 און ווייטער.

פאַראַנען גאַנצע אָבטיילונגען פון טיערען־רייך, וועגען וועלכע מיר ווייסען נאָך אַזוי גוט ווי גאָרניט.

דערהויפּט האָבען מיר ווייניג זיכערע ידיעות וועגען די פיש — טיילווייז, וויל די בעאָבאַכטונגען זיינען פערבונדען מיט שוועריג־קייטען, און טיילווייז מחמת מען האָט דעם ענין ביז איצט ניט געשאָנקען די נויטיגע אויפמערקזאַמקייט. וואָס געהערט די זויג־טהיערען, האָט שוין קעססלער בעמערקט, ווי ווייניג בעקאַנט מיר זיינען מיט זייער לעבען. פיעלע פון זיי געהען אַרוים פון זייערע נאָרעס נאָר ביינאַכט, אַנדערע בעהאַלטען זיך אונטער ד׳ערד, און די מעלי־גרה׳דיגע, וועמעס געזעלשאַפטליך לעבען און וואַנדערונגען זיינען אַזוי שטאַרק אינטערעסאַנט, לאָזען ניט דעם מענשען צוקומען נאָהענט צו זייערע סטאַדעס. די בעסטע ידיעות האָבען מיר וועגען די פויגלען, דאָך בלייבט אונז דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען פון זעהר פיעל מינים גאָר ווינציג בעקאַנט. בכלל אָבער האָבען מיר זיך ניט צו קלאָגען, אַז עס פעהלען אונז ריכטיג פעסטגעשטעלטע פאַקטען, ווי מיר וועלען עס זעהען פון דאָס וואָס קומט ווייטער.

איך האָב דאָ ניט נויטיג זיך אָבצושטעלען אויף די פער־אייניגונגען צווישען די זכרים און נקבות פאַר דעם צוועק פון ערציהען זייערע יונגע און בעזאָרגען זיי מיט שפּייז די ערשטע צייט פון זייער לעבען, ווי אויך כדי צו פליהען צוזאַמען אויף נעיעג; אָבוואויל מען קען דערמאָנען, אַז אַזוינע פאַמיליען־אַסאָציאַציעס זיינען שטאַרק פערשפּרייט אפילו ביי די ווייניגער־געזעלשאַפטליכע פלייש־עסענדע חיות און רויב־פויגלען, און דער פאַקט איז דערהויפּט אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס אָט די פאַמיליען־פעראייניגונג שאַפט אַ סביבה, אין וועלכער עס ענטוויקלען זיך די צאַרטערע געפיהלען אפילו ביי חיות, וואָס זיינען אויסערסט גרויזאַם אין אַלע אַנדערע הינזיכטען. מען קען אויך צולעגען, אַז די זעלטענקייט פון אַזוינע פעראייניגונגען צווישען די פלייש־עסער און רויב־פויגלען, וואָס זאָלען אַריבער־שטייגען די גרעניצען פון דער פאַמיליע, מעג טאַקע אין די גרעסטע צאָהל פעלען זיין אַ פועל יוצא פון דער אַרט ווי אַזוי זיי קריגען זייער נאַהרונג; עס קען אָבער ביז אַ געווויסען גראַד אויך דערקלערט ווערען אַלס אַ פאָלגע פון די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער טהיערען־וועלט דורך די שנעלע פערמעהרונג פון דער

מענשהייט. אַלענפאַלס שאַדט ניט צו בעמערקען, אַז עס זיינען פאַראַן מינים, וועלכע פיהרען אַ פאַלשטענדיג־איינזאַם לעבען אין גערדיכט בעפעלקערטע געגענדען, בעת דיזעלבע מינים, אַדער נאָהענטע קרובים זייערע, לעבען סטאַדעס־ווייז אין די ערטער, וואָס זיינען ניט בעוואוינט פון מענשען. אַלס ביישפיעל קען מען אָנווייזען אויף וועלף, פוקסען און אייניגע רויב־פויגלען.

על כל פנים, די פעראייניגונגען וואָס שטייגען ניט אַריבער די גרעניצען פון דער פאַמיליע, האָבען פאַר אונז אַ פערהעלטניס־מעסיג קנאַפּען אינטערעס; דערהויפּט דערפאַר, וואָס מיר ווייסען פון אַ סך אַנדערע פעראייניגונגען, וועלכע טראָגען אַ פיעל־אַלגע־מיינערען כאַראַקטער, ווי צ. ב. ש. די אַסאָציאַציעס, וואָס אַ סך חיות שטעלען צונויף צוליעב געיעג, געגענזייטיגער שטיצע, אָדער פּשוט צוליעב דער הנאה פון לעבען. אַדיבאָן האָט שוין אָנגעוויזען, אַז אַדלערס פליהען זיך אָפטמאָל צונויף אין אַ חברותא, און זיין בעשרייבונג וועגען די צוויי פיש־אַדלערס, אַן ער און אַ זי, וואָס האָבען געטריבען יאַגד אויף'ן מיסיסיפּי, איז וואויל בעקאַנט אַלס אַ קונסטאַרבייט. אָבער איינע פון די העכסט איבערצייגענדע בעאָבאַכטונגען פון דער אַרט געהערט סיעווערצאָוו'ן. שטודירענדיג די פאַונאַ פון די רוסישע סטעפּעס, האָט ער איינמאָל דערזעהן אַן אַדלער, וואָס האָט געהערט צו אַ געזעלשאַפטליכען מין (אַ וויים־עקיגער, האַליאַעטאַס אַלביצילא) פליהענדיג הויך אין הימעל. אַ האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד האָט דער אַדלער שווייגענדיג בעשריבען זיינע וויימע קרייזען, ביז עס האָט זיך פּלוצלונג געלאָזט הערען זיין הילכיגער געשריי. אויף דעם געשריי האָט באַלד אָבגעענטפערט דער געשריי פון נאָך אַן אַדלער, וואָס איז צוגעפלויגען צו דעם ערשטען; נאָך איהם איז געקומען אַ דריטער, אַ פערטער א. אַז. וו. ביז וואַנען עס האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום ניין אָדער צעהן זייערע, וועלכע זיינען באַלד פערשוואונדען. נאָכמיטאָג איז סיעווערצאָוו אוועקגעגאַנגען צו יענעם פּלאַץ, וואו ער האָט בעמערקט אַז די אַדלערס זיינען אוועקגעפלויגען; זיך בעהאַלטענדיג אונטער אַ בערגעל אויף דער סטעפּע, איז ער צוגעקומען נאָהענט צו דער מחנה און האָט דערזעהן, אַז זי האָט זיך אַרומגעקליבען אַרום דער נבילה פון אַ פערד. די אַלטע, וועלכע בדרך כלל עסען אָב פריהער — אַזאַ רעגעל איז שוין אין דער אַדלער־געזעלשאַפט — זיינען

שוין געזעסען אויף די דערבייאיגע סטאָגעס היי אַלס וועכטער, בעת די יונגע האָבען נאָך געגעסען, ארומגערינגעלט פון מחנות קראָהען. פון אָט דער און אַנדערע אַזוינע בעאָבאַכטונגען איז סיעווערצאָוו געקומען צום שלוס, אַז די ווייס־עקיגע אָדלערס פעראייניגען זיך צוליעב געיעג; ווען זיי הויבען זיך אויף גאַנץ הויך, לאָמיר זאָגען, זאַלבע צעהנט, קענען זיי איבערבליקען אַ שטרעקע פון וועניגסטענס 50 קוואדראַט ווירסט, און ווי נאָר איינער פון זיי ענטדעקט עפּעס, לאָזט ער גלייך וויסען וועגען דעם זיינע חברים. 1)

מען וואָלט נאַטירליך געקענט זאָגען, אַז דער אינסטינקטיווער געשריי פון דעם ערשטען אָדלער בעת ער האָט דערזעהען די רויב, אָדער פּשוט זיין בעוועגונג אַליין, האָט געקענט צוציהען די אַנדערע; אין דעם אויבענגעבראַכטען פאַל אָבער איז דאָ אַ שטאַרקער בעווייז, אַז דאָס איז געווען אַ געגענזייטיגע וואָרנונג, וואָרים די אָדלערס זיינען זיך פריהער צונויפגעפלויגען, איידער זיי האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער נבילה פון טויטען פערד. אַ חוץ דעם האָט סיעווערצאָוו איינינע מאָל שפּעטער געהאַט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען, אַז די ווייס־עקיגע אָדלערס פליהען זיך אַלע מאָל צוזאַמען, עטליכע אינאיינעם, ביי אַ נבילה, און אַז אייניגע פון זיי (אין אָנהויב מאַלצייט, די יונגע) האַלטען שטענדיג די וואָך, בעת די איבעריגע עסען. דער פאַקט איז, אַז דער ווייס־עקיגער אָדלער — איינער פון די מוטהיגסטע און בעסטע יעגער — איז בכלל אַ געזעלשאַפטליכער פויגעל, און ברעהם זאָגט, אַז אין געפאַנגענשאַפט ווערט ער שנעל צוגעבונדען צו מענשען.

די געזעלשאַפטליכקייט בעווייזט זיך אַלס אַן אַלגעמיינער שטריך אויך ביי זעהר פיעל אַנדערע רויב־פויגלען. דער בראַזיליאַנער קאָרשון (קאַראַקאַרא), איינער פון די אונפערשעהמ־טעסטע רויבער, איז פון דעסטוועגען זעהר געזעלשאַפטליך. זיינע געיעג־חברותות זיינען בעשריבען געוואָרען פון דאַרווין און אַנדערע נאַטורפאָרשער, און עס איז אַ פאַקט, אַז ווען ער כאַפּט אַ צו גרויסע רויב, רופט ער צונויף פינף אָדער זעקס חברים כדי דאָס אָוועקצו־שלעפּען צוזאַמען. אין אָווענד, ווען אָט די קאָרשונעס, וואָס זיינען

---

1) סיעווערצאָוו, „פּעריאָדישע ערשיינונגען אין לעבען פון זויג־טהיערען, פויגלען און רעפּטיליען פון וואָראָנעזשער גובערניע" (רוסיש).

אימער אין בעוועגונג, ווילען זיך אַברוהען נאָך אַ גאַנצען טאָג ארומפליהען, זעצען זיי זיך אוים אויף אַן איינזאַמען בוים אין דער סטעפּע און קלייבען זיך צוזאַמען אין ניט־גרויסע מחנות, אַן וועלכע עס שליסען זיך אַן די פערקנאַפּטערען, אַזוינע קליינע דונקעלפליגעל־דיגע קאַרשונעס, וואָס זיינען עהנליך צו קראָהען — „זייערע אמת׳ע פריינד“, ווי ד׳אַרביני זאָגט. 1) אין דער אַלטער וועלט, אין די טראַנסקאַספּישע סטעפּעס, האָבען די קאַרשונעס, לויט זארודני׳ס בעאָבאַכטונגען, דיזעלבע געוועהנהייט צו בויען זייערע נעסטען עטליכע צוזאַמען אויף איין אָרט. די „געזעלשאַפטליכע גריפען“ (אָטאָגיפּס אָוריקולאַרים) — איינער פון די שטאַרקסטע מינים קאַרשונעס — האָבען געקריגען זייער נאָמען צוליעב זייער ליעבע צו געזעלשאַפט. זיי לעבען אין זעהר גרויסע מחנות, און מען טרעפט אין אפריקאַ בערג, וואו יעדער פרייער פּלאַץ איז בוכשטעבליך בעדעקט מיט זייערע נעסטען. זיי זיינען זיך פּשוט מחיה מיט דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און קלייבען זיך צונויף אין זעהר גרויסע חברותות צו מאַכען הויכע אויספלוגען לשם ספּאָרט. „זיי לעבען צווישען זיך אין גרויסער פריינדשאַפט“, זאָגט לע־וואַליאַן, און „איך האָב אָפט געפונען אין איין העהל ביז דריי נעסטען.“ 2) די אָרובו־קאַרשונעס פון בראַזיליען זיינען פּונקט אַזוי געזעלשאַפטליך, אויב ניט מעהר, ווי די קראָהען, זאָגט בעיטס. 3) די קליינע עגיפּטישע קאַרשונעס (פּערקנאָפּטערוס סטערקאָראַריוס) לעבען אויך אין גרויסער פריינדשאַפט. זיי שפּיעלען זיך מחנות־ווייז אין דער לופט, פערברייינגען אינאיינעם די נאַכט, און אויף מאָרגען פריה לאָזען זיי זיך אוועק אין חברותא זוכען זייער שפּייז, און עס קומט צווישען זיי קיינמאָל ניט פאָר אפילו די קלענסטע מחלקת, לויט די עדות פון ברעהם, וועלכער האָט געהאַט די בעסטע מעגליכקייט צו בעאָבאַכטען זייער לעבען. דעם רויטבריסטיגען

---

1) ד׳אַרביני, „רייזע אין צענטראל אמעריקאַ“ (פראַנצ.), באַנד 4, ברעהם, פויגלען, באַנד 3.

2) לע־וואַליאַן, „נאַטורגעשיכטע פון די פויגלען אין אַפריקאַ“, (פראַנצ.) 1795, באַנד 1, ז. 70, פון וואַנען ברעהם נעהמט אַרויס אַ גרויסען אויסצוג. ברעהם „טהיערלעבען“, דריטע אויפלאַגע, באַנד 6, ז. 449.

3) בעיטס, „אַ נאַטורפאָרשער אויף׳ן אַמאַזאָן“, (ענגליש), ז. 151.

פאלק־פויגעל בעגעגענט מען אויך אין גרויסע מחנות אין די בראזילישע וועלדער, און אזוי פערזאמעלט זיך אין גרויסע געזעל־שאפטען אויך דער טורעם־פאלק (טיננונקולוס צענכרים), בעת ער פערלאזט אייראפא און גרייכט די סטעפעס און וועלדער פון אזיע, אין ווינטער. ער פיהרט (אדער ריכטיגער געזאגט: ער האט געפיהרט) אזא געזעלשאפטליך לעבען אין די סטעפעס פון דרום־רוסלאנד, אז נארדמאן האט איהם געזעהן אין גרויסע מחנות צוזאמען מיט אנדערע פאלקען (פאלקא טיננוקולוס, פ. אעסולאן און פ. סובבוטעא), וועלכע פלעגען זיך אין שעהנע טעג פערזאמלען ארום 4 א זייגער נאכמיטאג און פערברייינגען אין ארומפליהען ביז שפעט אין דער נאכט. זיי פלעגען געוועהנליך פליהען אלע צוזאמען אין א גאנץ גלייכער ליניע ביז א געוויסען בעשטימטען פונקט, פון וואנען זיי פלעגען זיך גלייך אומקעהרען צוריק אויף דערזעלבער ליניע, און דערנאך ווידערהאלען דעמזעלבען מארשרוט. 1)

אזעלכע אויספלונגען מחנות־ווייז צוליעב דעם פערגעניגען גופא פון פליהען איז א געוועהנליכע זאך ביי אלע סארטען פויגלען. טש. דיקסאן דערצעהלט, אז סוף אויגוסט בעווייזען זיך אפט, סעפציעל אויף די בלאטעס ארום טייך הומבער, צאהלרייכע מחנות פון רויטבריסטלעך, וועלכע בלייבען דארט איבער ווינטער. די אויספלוגען פון די דאזיגע פויגלען זיינען אויסערסט אינטערעסאנט: צונויפקומענדיג זיך אין א גרויסער מחנה, פליהען זיי אין קרייזען אין דער לופט, דערנאך צושפרייטען זיי זיך און קלייבען זיך ווידער אמאל צונויף, דורכמאכענדיג די מאנעוורע מיט דער פינקטליכקייט פון גוט־מושטירטע סאלדאטען. עס געפינען זיך דורכגעמישט

---

1) „קאטאלאג רעזאנע דעז אוואזא דע לא פאן פאנטיק", אין דעמידאוו'ס „וואיאזש". אויסצוגען ביי ברעהם, באנד 3, ז. 360. — אין דער צייט פון וואנדערן קלייבען זיך די רויבפויגלען אויך צוזאמען אין מחנות. איין מחנה, וועלכע ה. זעעבאהם האט בעאבאכטעט, בעת זי איז דורכגעפלויגען די פירענעען, האט פארגעשטעלט א זאנדערבארע חברה פון 9 קארשונעס, איין בושעל און איין וואנדער־פאלק. זעה „די פויגלען פון סיביר" (ענגליש), 1901, ז. 417.

צווישען זיי פיעלע ברוסט־קאַלירטע פון אַנדערע מינים, ווי אויך זאַמד־לויפער און רעגענפייפער. 1)

אויסרעכענען דאָ אַלע פערשיידענע געיעג־פעראייניגונגען פון די פויגלען איז פשוט אונמעגליך. מען מוז אָבער וועניגסטענס דערמאָנען די פישער־געמיינשאַפטען פון די פעליקאַנעס, וואו די דאָזיגע אומגעלומפערטע פויגלען ווייזען אַרויס אַ מערקווירדיגע אָרגאַניזאַציע און פערנינפטיגקייט. זיי געהען צום פיש־פאַנג אַלע מאָל אין גרויסע מחנות, און ווען זיי האָבען אויסגעזוכט די פאַסענדע בוכטע, שטעלען זיי זיך אויס אין אַ ברייטען האַלב־קרייז מיט'ן פנים צום ברעג; ביסלעכווייז ווערט דער האַלב־קרייז ענגער, וואָס נעהענטער זיי קומען צו צום ברעג, און אויף דעם אופן פאַנגען זיי אויס אַלע פיש, וואָס געפינען זיך אין דעם האַלב־קרייז. אויף שמאָלע טייכען און קאַנאַלען צוטיילען זיי זיך זאָגאַר אויף צוויי פאַרטייען, וועלכע שטעלען זיך אויס אין האַלב־קרייזען יעדער בעזונדער און שווימען איינע אַנטקעגען די אַנדערע, פונקט ווי צוויי פאַרטייען מענשען וואָלטען געגאַנגען איינע אַנטקעגען די אַנדערע מיט צוויי לאַנגע נעצען, כדי אריינצוכאַפען די פיש, וואָס געפינען זיך צווישען די צוויי נעצען. ווען די נאַכט קומט אָן, פליהען די פעליקאַנעס אַוועק צו זייער רוה־פּלאַץ — יעדע מחנה האָט זיך שטענדיג איהר בעזונדער אָרט — און קיינער האָט קיינמאָל ניט געזעהן, עס זאָל ביי זיי ווען עס איז פאָרקומען מחלוקות איבער דעם פּלאַץ פון פיש־פאַנג אָדער פאַר דעם פלאַץ פון אָברוה. אין דרום־אַמעריקאַ קלייבען זיך די פעליקאַנעס צוזאַמען אין מחנות פון 40 ביז 50 טויזענד, און בעת איין טייל שלאָפט, שטעהט אַ צווייטער טייל אויפ'ן וואך און אַ דריטער טייל געהט כאַפען פיש. 2)

ענדליך וואָלט איך בעגאַנגען אַ גרויס אומרעכט אַנטקעגען אונזערע פיעל־פערלוימדעטע שפערלינגען (וואָראָבייטשיקעס), ווען איך זאָל ניט דערמאָנען, ווי עהרליך יעדערער פון זיי טיילט יעדעס געפונענע שטיקעל שפּייז מיט אַלע איבעריגע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער בעלאַנגט. דער פאַקט איז שוין געווען

1) דיקסאָן, „בוירדס אין דהי נאָרטהערן שוירס“, ז. 207.

2) מאַקס פּערטי, „איבער דאָס זעעלענלעבען דער טהיערע“ (לייפּציג 1876), ז. 87 און 103.

גוט בעקאַנט די אַלטע גריעכען, און מיר האָבען בקבלה, ווי אַ גריכישער אָראַטאָר האָט אַמאָל אויסגעשריען (איך ציטיר פון זכרון): — „בעת איך רעד דאָ צו אייך, איז דערווייל געקומען צו פליהען אַ שפּערלינג אָנזאָגען די אַנדערע שפּערלינגען, אַז אַ קנעכט האָט אויסגעשאָטען אַ זאַק מיט קאָרן, און זיי זיינען אַלע אַוועקגעפלויגען אויספּיקען די קערנער“. עס איז דעריבער אַ נחת רוח ווען מען קען געפינען אַ בעשטעטיגונג פאַר אָט דער בעאָבאַכטונג פון די אַלטע אין אַ היינטיגען ביכעל פון גורנעי, ביי וועמען עס איז קיין ספק ניט, אַז די שפּערלינגען לאָזען וויסען איינער דעם אַנדערן, ווען מען קען כאַפּען וואו עס איז אַ ביסען. ער זאָגט אזוי: „ווי ווייט פון הויף מען זאָל ניט האָבען געדראָשען די תבואה, די שפּערלינגען אויפ'ן פאַרם האָבען אימער געהאַט זייערע וואָליעס אָנגעשטאָפּט מיט קערנער“. 1) אמת, די שפּער־לינגען פּאַסען זעהר שטאַרק אויף, אַז קיין פרעמדער זאָל זיך ניט אריינכאַפּען אויף זייער געביעט; אזוי צ. ב. ש. אין ליוקסעמבורג־גאָרטען אין פּאַריז, פאַלען אָן די שפּערלינגען מיט גרויס רציחה אויף אַלע אַנדערע שפּערלינגען, וואָס זוכען אויך אַמאָל הנאה צו האָבען פון גאָרטען און פון דער גוטהערציגקייט פון די דאָרטיגע בעזוכער. דערפאַר אָבער פּראַקטיצירען זיי געגענזייטיגע אונטער־שטיצונג צווישען זייערע אייגענע געמיינשאַפטען אָדער גרופּען גאָר אויף אַ גרויסען אופן, אָבוואויל עס געהט ניט אַלעמאָל דורך גאָר אָהן עפּעס אַ מחלוקת, ווי עס פּאַסירט אָפטמאָל אפילו צווישען די בעסטע פריינד. 2)

געהן אויף געיעג און עסען צוזאַמען מחנות'וויז איז אויף אַזוי פיעל אַ געוועהנליכע זאַך אין דער פויגעל־וועלט, אַז עס איז קוים נויטיג צו ברייגגען נאָך ביישפּיעלען: מען מעג עס בעטראַכטען אַלס אַ גאַנץ זיכער־פעסטגעשטעלטען פאַקט. וואָס געהערט דער קראַפט, וועלכע אַזוינע פעראייניגונגען גיבען די פויגלען, איז עס גאַנץ קלאָר פון אויבען אויף. די שטאַרקסטע רויב־פויגלען זיינען מאַכטלאָז אַנטקעגען די אַסאָציאַציעס פון די קלענסטע פויגלען. אפילו די אָדלערס — אפילו דער מעכטיגער און שרעקליכער שטיין־

---

1) ג. ה. גורנעי, „דהי האָוז ספּאַררא̇ו“ (לאָנדאָן, 1885) ז. 5.

2) זעה אָנהאַנג III.

אָדלער, אָדער דער קעניג־אָדלער, וועלכע האָבען אזא גבורה, אז זיי קענען אוועקטראָגען אין זייערע נעגעל א האָז אָדער א יונגען אנטעלאָפּ, — מוזען אמאָל אָבלאָזען זייער רויב צו די באַנדעס בעטלער, די קאָרשונעס, וועלכע לאָזען זיך אוועק אויפ'ן אָדלער אין אַן עכטען געיעג, ווען זיי בעמערקען אז ער האָט געכאַפּט א גוט שטיק רויב. די קאָרשונעס יאָגען זיך אויך נאָך דעם שנעלען פיש־אָדלער און רויבען ביי איהם אוועק די פיש, וואָס ער האָט געפאַנגען; קיינעם אָבער איז ניט אויסגעקומען צו בעמערקען, אז די קאָרשונעס זאָלען זיך שלאָגען צווישען זיך פאַר דעם רויב, וואָס זיי האָבען אויף דעם אופן געכאַפּט. דר. קועס האָט געזעהן אויף דער קער־געלען־אינזעל ווי דער בופהאַגוס (פון דער פאַמיליע סטאַר־פויגלען, אָדער דאָס ים־היהנדעל, ווי די זעע־לייט רופען עס אָן) פערפאָלגט די מעווען (טשייקאַס), כדי זיי צו צווינגען אויסשפּייען זייער שפּייז; אָבוואוויל פון דער אנדער זייט טרייבען אוועק די מעווען צוזאַמען מיט די ים־שוואַלבען דאָס ים־היהנדעל, ווי נאָר עס וויל צוקומען נאָהענט צו זייערע ערטער, דערהויפּט אין דער צייט פון נעסטען־בויען. 1) די קליינע, אָבער זעהר פלינקע, קיביצער (וואַנעלוס קריסטאַטוס) אַטאַקירען מוטהיג די רויב־פויגלען. „די אַטאַקע פון קיביצער אויף א בוזארד, א קאָרשון, א ראָב אָדער אַן אָדלער, איז איינס פון די העכסט־אינטערעסאַנטע אַנבליקען. מען פיהלט, אז זיי זיינען זיכער מיט זייער זיעג און מען זעהט דעם פערצווייפעלטען כעס פון דעם רויב־פויגעל. אין אזוינע פעלען שטיצען די קיביצער פאָלשטענדיג איינע די אנדערע, און וואָס גרעסער זיי זיינען אין צאָהל, אלץ מוטהיגער ווערען זיי". די קיביץ האָט פאָלשטענדיג פערדיענט דעם צונאָמען „גוטע מוטער", וואָס די גריכען האָבען איהר געגעבען, דען זי זאָגט זיך קיינמאָל ניט אָב צו פערטיידיגען אנדערע וואַסער־פויגלען אַנטקעגען די אַנגריפען פון זייערע פיינד. אָבער אפילו דער קליינער איינוואוינער פון אונזערע גערטנער, דער ווייסער עק־פאָכער (מאָטאַציללאַ אלבאַ), וואָס איז אינגאַנצען 8 צאָל

1) דר. עלליאָט קועס, „פויגלען פון דער קערגעלען אינזעל" (ענגליש) אין „סמיטסאָניען מיססעלענאָס קאָלעקשענס", באַנד 13, 2, ז. 11.

2) ברעהם, 3טע אויפלאַגע, באַנד 6, ז. 59.

די לענג, צווינגט אָפּטמאָל דעם שפּאַרבער אָבצולאָזען זיין רויב. „איך פלעג אָפט ענטציקט ווערען פון זייער מוטה און געשיקטקייט — האָט געשריבען דער אַלטער ברעהם — און איך בין איבערצייגט, אַז נאָר דער פאַלק אַליין איז בכח צו כאַפּען דעם עק־פּאָכער. ווען אַ מחנה פון די קליינע פויגלען צווינגט אַ וועלכען עס איז רויב־פויגעל צו ענטלויפען, פערקלינגען זיי די לופט מיט זייער פרייד־קוויטשעריי און לויפען זיך דערנאָך פונאַנדער“. אין דעם פאַל קלייבען זיי זיך צוזאַמען צוליעב דעם ספּעציעלען צוועק צו יאָגען זיך נאָכ׳ן שונא, ווי מיר זעהען די אייגענע זאַך, ווען די גאַנצע פויגעל־בעפעלקערונג פון וואַלד הויבט זיך מיט איינמאָל אויף, דערהערענדיג אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ נאַכט־פויגעל, און אַלע — די רויב־פויגלען ווי די קליינע, אונשולדיגע זינג־פויגעלעך — הויבען זיך אָן יאָגען נאָך דעם פרעמדען, ביז זיי צווינגען איהם סוף כל סוף זיך אומצוקעהרען אין זיין נאָרע.

וואָס פאַר אַן אונגעהויערער חלוק צווישען די כחות פון אַ קאַרשון, אַ בוזזאַרד אָדער אַ שפּאַרבער, און אַזעלכע קליינע פויגעלעך ווי די עק־פּאָכערס פון די לאָנקעס! און דאָך, אַ דאַנק זייער געמיינשאַפטליכען און מוטהיגען ווירקען, זיינען די דאָזיגע קליינע פויגעלעך גובר די רויבער, וועלכע בעזיצען אַזאַ מעכטיגען פליה־אויס און זיינען אַזוי אויסגעצייכענט בעוואָפענט פאַר אַן אַטאַקע. אין אייראָפּאַ יאָגען זיך אָט די עק־פּאָכערס ניט נאָר נאָך רויב־פויגלען, וועלכע קענען זיין געפעהרליך פאַר זיי, נאָר אַפילו נאָך די פיש־אָדלערס — „גיכער צום שפּאַס, איידער מיט דער כונה איהם צו טהאָן שאָדען“, זאָגט ברעהם. אין אינדיע, לויט די עדות פון דר. דזשערדאָן, יאָגען זיך נאָך די גאַלקעס נאָך די קאַרשונעס „פּשוט פון פערגעניגען וועגען“. פּרינץ וויעד דערצעהלט, אַז מחנות טוקאַנעס און קאַססיקס (פויגלעך וואָס זיינען נאָהענטע קרובים פון אונזערע קראָהען) רינגלען אָפּטמאָל אַרום דעם בראַזיליאַנער אָדלער אורוביטינגאַ און רייצען זיך מיט איהם. „דער אָדלער — זאָגט וויטער וויעד — פערהאַלט זיך געוועהנליך צו אַזעלכע בעלעסטיגונגען גאַנץ רוהיג, אָבער פון צייט צו צייט כאַפּט ער דאָך איינעם פון זיי.“ אָט אַזוי זעהען מיר אין די אַלע פעלען (און מען וואָלט געקענט ברייננען צעהנדליגע אַזוינע ביישפּיעלען) ווי קלייניקע פויגלעך, ניט דער ערך שוואַכער פאַר׳ן רויב־פויגעל,

ציינען זיך ארום שטארקער פון איהם, נאר א דאנק דעם, וואס זיי ווירקען אין איינעם. 1)

די מערקווירדיגסטע רעזולטאטען פון געמיינשאפטליכען לעבען, — אין דעם זין פון פערהיטען דעם איינצעלנעם פון געפאהר, פערזיכערען איהם גענוס פון לעבען און ענטוויקלונג פון די גייסטיגע פעהיגקייטען — האבען דערגרייכט צוויי גרויסע פויגעל־פאמיליען: די בושלען און די פאפאגייען. די בושלען זיינען אויסערסט געזעלשאפטליך און זיי לעבען אין אויסגעצייכענטע בעציהונגען ניט נאר מיט זייערע קרובים, נאר אויך מיט די מייסטע וואסערפויגלען. זייער פארזיכטיגקייט איז ניט ווענינער וואונדערבאר איידער זייער פערשטאנד. זיי אריענטירען זיך שנעל אונטער נייע אומשטענדען און פאסען זיך צו צו די נייע פאדערונגען. זייערע וועכטער געפינען זיך אלעמאל אויפ'ן וואך, בעת די מחנה עסט אדער רוהט זיך אב, און יעגער ווייסען פון ערפאהרונג ווי שווער עס איז צוצוקומען צו זיי. ווען א מענשען געלינגט אמאל זיי צו איבערראשען, אויף א געוויסען פלאץ, וועלען זיי שוין מעהר זיך ניט אומקעהרען אויף יענעם ארט, איידער זיי וועלען ניט ארויסשיקען אפריהער איין מרגל און גלייך נאך איהם א גאנצע פארטיי מרגלים; און ווען די פארטיי מרגלים קעהרט זיך אום

1) וואס געהערט די שפערלינגען, בעשרייבט דער נייזעעלאנדער פארשער ט. וו. קירק אן אטאקע פון אט די „אונפערשעמטע" פויגלעך אויף דעם „אומגליקליכען" שפארבער, ווי פאלגט: „איינמאל האט ער דער־הערט אן אונגעוועהנליכען טומעל, אזוי ווי אלע קליינע פויגלען פון גאנצען געגענד וואלטען פערפיהרט א קאלאסאלען קריעג. ארויסגעהענדיג א קוק טהאן וואס דער מעהר איז, האט ער דערזעהן א גרויסען שפארבער (דעם וואס נעהרט זיך פון נבלות), וועלכען א מחנה שפערלינגען האבען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. דער אומגליקליכער שפארבער איז געווען פאלשטענדיג אהנמעכטיג זיך צו וועהרען אנטקעגען זיינע אנגרייפער. ענדליך דערזעהענדיג א שטרויך, האט ער זיך א לאז געטהאן צו איהם און זיך דארט בעהאלטען צווישען די צווייגען; אבער די גרופע שפערלינגען האט ניט אבגעלאזען, זיי האבען ארומגערינגעלט דעם שטרויך און ניט אויפגעהערט צו צווישערן און לארעמען". (פון א פארטראג אין נייזעעלאנד אינסטיטוט, נייטשור, 10טען אקטאבער, 1891.)

מיט דער ידיעה, אז עס זעהט זיך ניט קיין סכנה, ווערט אפריהער ארויסגעשיקט א צווייטע פארטיי מרגלים צו בעשטעטיגען דעם בעריכט פון דער ערשטער פארטיי, איידער די גאנצע מחנה בעשליסט זיך צו ריהרען פון ארט. מיט פערוואנדטע מינים טרעטען די בושלען אריין אין אן אמת'ער פריינדשאפט, און אין געפאנגענשאפט איז ניטא נאך אזא פויגעל — מיט דער אויסנאהם פון דעם ניט וועניגער געזעלשאפטליכען און פערשטענדיגען פאפאגיי — וואס זאל אריינטרעטען אין אזא ווירקליכער פריינדשאפט מיט'ן מענשען. „דער בושעל זעהט אין דעם מענשען ניט נאר דעם בעל-הבית, נאר אויך א פריינד, און ער זוכט עס ארויסצו-ווייזען אויף אלערליי אופנים", זאגט ברעהם, און זיין מיינונג איז בעגרינדעט אויף פערזענליכער ערפאהרונג. פון פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט איז דער בושעל אלעמאל טהעטיג. אויף זוכען שפייז, וואס בעשטעהט דערהויפט פון פלאנצען, גיט ער אב בלויז עטליכע שטונדען אין דער פריה, די איבעריגע צייט גיט ער אב דעם געזעלשאפטליכען לעבען. „ער כאפט פון דער ערד קליינע שטיקלעך האלץ אדער שטיינדלעך, שליידערט זיי אין דער לופטען און זוכט זיי צוריק צו כאפען; בויגט אויס דעם האלז, לאזט פונאנדער די פליעגלען, טאנצט, שפרינגט אונטער, לויפט ארום און דריקט אויס אויף אלערליי אופנים זיין פרייד פון לעבען, און בלייבט אימער גראציעז, אימער שעהן."1) אזוי ווי ער לעבט שטענדיג אין געזעלשאפט, האט ער כמעט גאר קיין שונאים ניט, און אבוואויל ברעהם האט אמאל געזעהן ווי א קראקאדיל האט געפאנגען א בושעל, דאך בעהויפטעט ער, אז אויסער דעם קראקאדיל וויים ער ניט פון קיינעם, וואס איז דעם בושעל'ס א שונא. דעם בושעל'ס פארזיכטיגקייט, וואס איז שוין געווארען א שפרוכווארט, היט איהם אויס פון אלע פיינד, און ער דערגרייכט בכלל א טיעפען עלטער. עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואס דער בושעל דארף ניט האדעווען קיין גרויסע פאמיליע כדי צו דערהאלטען זיין מין, און ער לעגט געוועהנליך ניט מעהר ווי צוויי אייער. וואס געהערט דער הויכער ענטוויקלונג פון זיין פערשטאנד, איז גענוג צו בעמערקען, אז אלע פארשער אנערקענען איינשטימיג, אז די גייסטיגע פעהיגקייטען

1) ברעהם, באנד 5, ז. 678, דריטע אויפלאגע.

פון דעם בושעל דערמאָנען זעהר שטאַרק אָן די פעהיגקייט פון דעם מענשען.

אַנאַנדער אויסערסט־געזעלשאַפטליכער פויגעל, דער פּאָפּאַגיי, שטעהט, ווי בעוואוסט, לויט דער ענטוויקלונג פון זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען, אויפ׳ן שפּיץ פון דער גאַנצער געפעדערטער וועלט. ברעהם האָט אַזוי פּאַרטרעפליך בעשריבען די לעבענסגעוועהנהייטען פון די פּאָפּאַגייען, אַז עס איז גענוג איבערצוגעבען דעם פאָלגענדען אויסשניט אַלס די בעסטע כאַראַקטעריסטיק:

„די פּאָפּאַגייען לעבען אין זעהר צאָהלרייכע געזעלשאַפטען אָדער מחנות, אַחוץ אין דער צייט פון בריהען. זיי קלייבען זיך אויס פאַר זייער וואוין־פּלאַץ אַן אָרט אין וואַלד, פון וואַנען זיי געהען אַוועק יעדען פריהמאָרגען אויף זייערע געיעג־עקספּעדיציעס. די מיטגליעדער פון יעדער מחנה זיינען זעהר צוגעבונדען איינער צום אַנדערען און טיילען צווישען זיך אַלע פריידען און ליידען. אַלע אינדערפריה לאָזען זיי זיך צוזאַמען אַוועק אין פעלד אָדער אין גאָרטען אָדער אויף וועלכען עס איז פרוכט־בוים, כדי אָנצועסען זיך מיט די פרוכטען אָדער תבואה. זיי שטעלען אויס היטער צו בעשיצען די גאַנצע מחנה און פאָלגען גענוי זייערע וואָרנונגען. אין פאַל פון געפאַהר, איילען זיך אַלע צו ענטלויפען, העלפענדיג איינע די אַנדערע ווי וויית מעגליך, און קעהרען זיך אום אין אבענד אַלע אין איין צייט צו זייער רוה־פּלאַץ. אין קורצען גערעדט: זיי לעבען אַלעמאָל אין אַן ענגען, פריינדליכען פערבאַנד.“

זיי געפינען אויך פערגעניגען אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע פויגלען. אין אינדיען, זאָגט לאַטאַרד, קומען צופליהען די העהער און די קראָהען פון מיילען אַרום, כדי צו פערברענגען די נאַכט מיט די פּאָפּאַגייען אין די באַמבו־שטרויכען. ווען זיי געהען אויף געיעג, צייגען די פּאָפּאַגייען אַרויס ניט נאָר אַ וואונדערבאַרע פערשטענדיגקייט און פאָרזיכטיגקייט, נאָר אויך די פעהיגקייט זיך צוצופּאַסען צו די אומשטענדען. אַזוי צ. ב. ש. איידער אַ מחנה ווייסע פּאָפּאַגייען אין אויסטראַליע נעהמט זיך פּלינדערן אַ פעלד פון תבואה, שיקט זי אונבעדינגט אַרויס אַפריהער אַ פּאַרטיי מרגלים, וועלכע זעצען זיך אויס אויף די העכסטע ביימער אין דער נאַכבאַרשאַפט פון דעם אָנגעמערקטען פעלד, בעת אַנדערע מרגלים זעצען זיך אַוועק אויף די צווישענדיגע ביימער, צווישען וואַלד און פעלד, און גיבען איבער סיגנאַלען. אויב די סיגנאַלען לאָזען וויסען

אז „ס'איז אלץ אין אָרדנונג“, טיילען זיך אָב אַ צעהנדליג פּאָפּאַ־גייען פון דער מחנה, פליהען אַרום עטליכע קרייזען אין דער לופט און לויפען צו צו די נעהענטסטע בוימער נעבען פעלד. אַט די פּאַרטיי פון איהר זייט אונטערזוכט אויף די נאַכבאַרשאַפט אַ היבשע צייט, און ערשט נאָך אַזאַ אונטערזוכונג גיט זי דעם סיגנאַל, אַלע זאָלען זיך אויפהויבען — די גאַנצע מחנה גיט זיך דאַן אַ נעהם מיט איינמאָל און זיי קלייבען אַרום אויף שנעל דאָס גאַנצע פעלד. די אויסטראַלישע קאָלאָניסטען האָבען די גרעסטע שוועריגקייט איבערצוקליגען די פּאָרזיכטיגקייט פון די פּאָפּאָגייען; אָבער ווען עס גיט זיך איין דעם מענשען מיט זיין גאַנצער שלוי־הייט און אַלע זיינע וואָפען צו דער'הרג'ענען עטליכע פּאָפּאָגייען, ווערען זיי נאָכדעם אַזוי פּאָרזיכטיג און וואַכזאַם, אַז עס העלפט שוין ניט אַנטקעגען זיי קיין עצה און תחבולה פון זייערע פיינד.1)

עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אַז נאָר אַ דאַנק דעם געזעל־שאַפטליכען כאַראַקטער פון זייער לעבען האָבען די פּאָפּאָגייען געקענט דערגרייכען די הויכע ענטוויקלונג פון פערשטאַנד און די געפיהלען, וואָס איז כמעט נאָהענט צו דער מענשליכער מדרגה, וועלכע מיר בעגעגענען ביי זיי. זייער הויכער פערשטאַנד האָט מיטגעבראַכט די בעסטע נאַטורפאָרשער אַנצורופען איינינגע פון זייערע מינים — דערהויפּט די גרויע פּאָפּאָגייען — „פויגעל־מענשען“. און וואָס געהערט זייער געגענזייטיגער צוגעבונדענקייט, איז בעוואוסט, אַז ווען איינער פון זייער מחנה ווערט געטויטעט פון אַ יעגער, הויבען די איבעריגע אָן אַרומצופליהען אַרום דעם קערפּער פון זייער חבר מיט בענומענע געשרייען און „פאַלען אַליין אַ קרבן פון זייער פריינדשאַפטליכער צוגעבונדענקייט“ — ווי אָדיבאָן האָט געשריבען. און ווען צוויי געפאַנגענע פּאָפּאָגייען, אפילו אַז זיי געהערען צו צוויי בעזונדערע מינים, ווערען בעפריינ־דעט צווישען זיך, און איינער פון זיי שטאַרבט צופעליג, געהט אָפּט דער אַנדערער אויך אויס פון אומעט און טרויער נאָך דעם געשטאָרבענעם פריינד.

עס איז אויך ניט ווייניגער קלאָר, אַז די פּאָפּאָגייען געפינען אין זייערע געמיינשאַפטען ניט דער ערך אַ גרעסערע בעשיצונג פון

1) ר. לענדענפעלד אין „דער זאָאָלאָגישע גאַרטען“, 1889.

פיינד, איידער זיי וואלטען עס געקענט האבען ביי דער בעסטער ענטוויקלונג פון „שנאבעל און נעגעל“. וועניג רויבפויגלען און זוויג־טהיערען האבען דעם מוטה אנצופאלען אויף די פאפאגייען — און דאס אויך נאר אויף די קלענערע סארטען — און ברעהם איז פאלשטענדיג גערעכט, ווען ער זאגט וועגען די פאפאגייען, אז זיי, ווי די בושלען און די געזעלשאפטליכע אפפען, האבען כמעט ניט קיין אנדער פיינד אחוץ דעם מענשען. דערביי לעגט ער צו: „עס איז זעהר וואהרשיינליך, אז די גרעסערע פאפאגייען שטארבען פון אלטהייט און ניט פון די נעגעל פון זייערע פיינד.“ נאר דער מענש אליין, א דאנק זיין העכערען פערשטאנד און זיינע וואפען — וועלכע זיינען אויך א רעזולטאט פון זיין געזעלשאפטליכען לעבען — האט בכח ביז א געוויסער שטופע צו אויסראטען די פאפאגייען. זייער לאנג לעבען גופא צייגט זיך אויף דעם אופן ארויס אלס א רעזולטאט פון זייער געזעלשאפטליכקייט. און דאס אייגענע מעג מען גאנץ וואהרשיינליך אויך זאגען וועגען זייער וואונדערבארען זכרון, וועלכער האט בלי ספק צו פערדאנקען זיין ענטוויקלונג דער געזעלשאפטליכקייט, ווי אויך דעם לאנגען לעבען, וואס זיי פערברענגען ביי זייערע פולע קערפערליכע און גייסטיגע פעהיגקייטען ביז אין טיעפען עלטער.

עס איז קלאר פון אלץ וואס איז ביז אהער געזאגט געווארען, אז דער קאמפף פון אלע אנטקעגען אלעמען איז דורכאוים ניט דאס העכסטע געזעץ פון דער נאטור. געגענזייטיגע הילף איז פונקט אזוי־פיעל א נאטור־געזעץ ווי דער גענענזייטיגער קאמפף; און דאס וועט אונז ווערען נאך קלערער, ווען מיר וועלען בעטראכטען נאך אנדערע געזעלשאפטען פון פויגלען און דאס געזעלשאפטליכע לעבען פון די זוויג־טהיערען. אייניגע שנעלע אנדייטונגען וועגען דער בעדייטונג פונ׳ם געזעץ פון גענענזייטיגער הילף פאר דער ענטוויקלונג פון טהיערען־רייך זיינען שוין געגעבען געווארען אויף די פריהערדיגע זייטען; זייער בעדייטונג אבער וועט נאך קלערער ווערען, ווען מיר וועלען זיין אימשטאנד, אויף גרונדען פון נאך וויטערע פאקטען, צו ציהען אונזערע שלוסען.

## קאַפּיטעל II.

# געגענזייטיגע הילף ביי חיות

(פאָרטזעצונג)

די וואַנדערונגען פון די פויגלען. — געמיינשאַפטען אויסצובריהען די יונגע. — די הערבסט־געזעלשאַפטען. — זויגטהיערען: די קליינע צאָהל פון ניט־געזעלשאַפטליכע טהיערען. — די געיעג־פעראייניגונגען פון וועלף און אנדערע. — די געזעלשאַפטען פון די גריזונגעס און אַפּפען. — די געגענזייטיגע הילף אין קאַמפף פאַר'ן לעבען. — דאַרווין'ס אַרגומענטען אויף צו בעווייזען דעם קאַמפף פאַר'ן לעבען אין די גרעניצען פון דעם מין. — די נאַטירליכע שטערונגען פון א צו־גרויסער פערמעהרונג. — וועגען דער פערניכטונג פון די צווישען־רינגען. — די בעזייטיגונג פון דער קאָנקורענץ אין דער נאַטור.

אזוי באַלד ווי דער פריהלינג קומט אָן אין דעם טעמפּעראַטור־מעסיגען ערד־פּאַס, קלייבען זיך צונויף מיליאָנען פויגלען, וואָס זיינען געוועזן צושפּרייט אין די ווארעמע דרום־געגענדען, אין אונצעהליגע מחנות, און פול מיט פרייד און ענערגיע איילען זיי זיך צו די צפון־לענדער — צו ברענגען א נייעם דור אויף דער וועלט. יעדע העק, יעדעם וועלדעל, יעדער פעלזען אויף די ברעגעס פון ים, יעדע אָזערע אָדער טייך, וועלכע זיינען צעוואָרפען איבער נאָרד־אַמעריקאַ, נאָרד־אייראָפּאַ און נאָרד־אַזיע, וואָלטען אונז אין אַט דער צייט פון יאָהר געקענט דערצעהלען, וואָס די געגענזייטיגע הילף שטעלט מיט זיך פאָר אין דעם לעבען פון די פויגלען: וואָס פאַר א קראַפט, וואָס פאַר אַן ענערגיע און וויפיעל שוטץ זי גיט יעדען לעבעדיגען בעשעפעניש, ווי שוואַך און שוטצלאָז דאָס בעשעפעניש זאָל זאָנסט ניט זיין. נעהמט צום ביישפּיעל איינע פון די אונצעהליגע אָזערעס פון די רוסישע אָדער סיבירישע סטעפּעס,

אָנהויב פריהלינג. איהרע ברעגעס זיינען בעפּעלקערט פון מיליאָנען וואַסער־פויגלען, וועלכע געהערען וועניגסטענס צו צוואַנציג פערשיידענע מינים, און דאָך לעבען אַלע אין פּאַלשטענדיגען פריעדען, שטיצענדיג שטענדיג איינער דעם אַנדערען. אָט ווי סיעווערצאָוו בעשרייבט איינע פון אַזעלכע אָזערעס: —

„טונקעל זעהט זיך אָן די אָזערע צווישען דעם געלב־רויטליכען זאַמד און די טונקעל־גרינע וואַסער־בוימער און ראָהרען.... עס שווימעלט מיט פויגלען. דער קאָפּ דרעהט זיך פון דעם גערודער... די לופט איז פול מיט די פיש־כאַפּער (לאַרוס רודיבונדוס און סטערנאַ הירונדאַ) און ציטערט פון זייער הילכיגען געשריי. טויזענדער זאַמדלויפער דרעהען זיך אַרום ביים ברעג און פּייפען אונטער. ווייטער, כמעט אויף יעדען וואַל וויעגט זיך און קוואַקעט אַן ענטיל. אין דער הויך ציהט זיך אַ מחנה ווילדע גענז; אביסעל נידעריגער פליהען אַלע ווייל אַן קליינע אָדלערלעך (אַקווילאַ קלאַנגאַ) און זומפּען־קאָרשונעס, נאָך וועלכע עס יאָגט זיך באַלד נאָך אַ טומעלדיגע מחנה פיש־כאַפּער... איך האָב ניט געוואוסט וואוהין פריהער צו קוקען."1)

אומעטום איז פול מיט לעבען. אָבער אָט זיינען אויך די רויבטהיערען — „די שטאַרקסטע און געשייטסטע", ווי האַקסלי רופט זיי אָן און „די אַמבעסטען צוגעפּאַסטע אַנצופאַלען", ווי סיעווערצאָוו זאָגט. און איהר הערט זייערע הונגעריגע, גייציגע, פערביטערטע געשרייען, ווי זיי וואַרטען שטונדען־לאַנג אויף אַ גינסטיגע געלעגענהייט אַרויסצורייסען פון אָט דער מאַסע לעבעדיגע בעשעפעניסען כאָטש איין ניט־בעשיצט חיה'לע. אָבער אַזוי שנעל ווי זיי קומען נאָר צו נעהנטער, לאָזען שוין וויסען וועגען זיי צעהנדליגע פריייוויליגע וואַך־היטער און הונדערטע מעווען און ים־שוואַלבען הויבען אָן יאָגען דעם רויבער. אַן אויפגערייצטער פון הונגער, פערגעסט ער ענדליך זיין געוועהנליכע פאָרזיכטיגקייט און וואַרפט זיך פּלוצלינג אַרויף אויף דער לעבעדיגער מאַסע פויגלען; אָבער, אַזוי ווי ער ווערט אַטאַקירט פון אַלע זייטען, איז ער וויעדער געצוואונגען אָבצוטרעטען. אַ פערצווייפעלטער וואַרפט ער זיך

1) ה. א. סיעווערצאָוו, „פעריאָדישע ערשיינונגען אינ'ם לעבען פון חיות", מאָסקווע 1855, ז. 251.

ארויף אויף די ווילדע ענטלעך; אָבער די פערשטענדיגע געזעל־שאפטליכע פויגלען קלייבען זיך שנעל צונויף אין זייער מחנה און פליהען אוועק, אויב דער רויבער איז א פיש־אָדלער; אויב עס איז א פאלק לאָזען זיי זיך ארונטער אין אָזערע, איז עס אָבער א קאָר־שון — הויבען זיי אויף א וואָלקען פון וואסער־שפריי, אזוי אַז דער רויבער ווערט איינגאנצען א צוטומעלטער.1) און בעת דאָס לעבען אויף דער אָזערע שוויבעלט און גריבעלט ווי פריהער, פליהט אוועק דער רויבער מיט א צאָרנדיגען געשריי און זוכט א נבילה, אָדער א וואָסער עס איז יונג פויגעלע, אָדער א פעלד־מייזעל, וועלכעס האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו פאָלגען אין צייט די וואָרנונגען פון זיינע חברים. אין אָנגעזיכט פון אָט דעם גאנצען קאָכיגען לעבען מוז זיך דער בעסטענס־בעוואָפענטער רויבער בענוגענען מיט די ברעקלעך אָבפאלען פון לעבען!

נאָך ווייטער צו צפון, אין די ארקטישע ארכיפעלאָגען, „קענט איהר שווימען גאנצע מיילען אין דער לענג פון ברעג און איהר וועט זעהן, אז אלע ריפפען, אלע פעלזען און ווינקלען פון די משופע׳דיגע בערג, פון צוויי ביז פינף הונדערט פוס הויך, זיינען בוכשטעבליך בעדעקט מיט ים־פויגלען, אזוי אַז פון זייערע ווייסע בריסטלעך, וואָס טיילען זיך אויס אויף׳ן שטח פון די טונקעלע פעלזען, דוכט זיך אויס ווי די פעלזען וואָלטען געווען בעשפריצט מיט קאלך. פון נאָהענט און ווייט איז די לופט אָנגעפילט מיט פויגלען.2)

יעדערער פון אזוינע „פויגעל־בערג“ שטעלט מיט זיך פאָר א לעבעדיגען ביישפיעל פון געגענזייטיגער הילף, ווי אויך אַן אונ־ענדליכע פערשיידענארטיגקייט פון כאראקטערען, פון די איינצעלנע ווי פון די מינים, וועלכע קומט אלס א רעזולטאט פון געזעלשאפט־ליכען לעבען. אזוי צ. ב. ש. איז דער אָיסטער־פאנגער (העמאטאָ־פוס) בעריהמט דערמיט, וואָס ער איז גרייט צו אטאקירען יעדען רויב־פויגעל. דער זומפּ־לויפער (לימאָזאַ) איז בעקאנט פאַר זיין

1) זייפערליטץ, ציטירט פון ברעהם, באַנד 6, ז. 637.

2) „די אַרקטישע רייזען פון א. ע. נאָרדענסקיאָלד“ (ענגליש), לאָנדאָן 1879, ז. 135. זעה אויך דיקסאָן׳ס שטאַרקע בעשרייבונג פון די קילדי אינזלען (ציטירט פון זעעבאָהם), און אויך אייגענטליך די בע־שרייבונג פון וועלכער עס איז אַרקטישער רייזע.

פאַרזיכטיגקייט און פעהיגקייט צו ווערען א פיהרער פון פריעדלי־
כערע פויגלען. דער מאַרינעל, א קרוב פון זומפּ־לויפער, ווען ער
געפינט זיך צווישען חברים, וואס געהערען צו שטארקערע מינים,
לאָזט ער זיי זיך זאָרגען וועגען דער פערטיידיגונג פון דער געמיינ־
שאפט און ווערט אליין גאר א פּחדן; קומט איהם אָבער אוים צו
זיין צווישען קליינע פויגעלעך, נעהמט ער אויף זיך, אין אינטע־
רעס פון דער געזעלשאפט, די פליכטען פון א וועכטער און פאַדערט
פאר זיך געהאָרכזאמקייט — דערצעהלט ברעהם. דאָ קענט איהר
בעאָבאכטען די געוועלטיגענדע שוואַנען, און אין איין רייה מיט זיי
— די אויסערסט־געזעלשאפטליכע און עדעלע איסלאַנדישע מעווען,
צווישען וועלכע, ווי היימאַן זאָגט, עס טרעפען זעהר זעלטען
מחלקות, און קיינמאָל ניט אויף לאַנג. איהר זעהט די רייצענדע
פּאָלארע לוממען, וועלכע זיינען שטענדיג צערטליך איינע צו די
אנדערע; די עגאָאיסטישע גענז, וועלכע לאָזען איבער אויף גאָט'ס
בעראָט די יתומים פון זייער א דער'הרג'עטער פריינדין, און אין
איין רייה מיט זיי — אנדערע גענז, וועלכע זאָרגען זיך וועגען אזוינע
יתומים און שווימען, ארומגערינגעלט פון א 50—60 יונגע, אויף
וועמען זיי פּאסען אויף, אקוראַט ווי זיי וואָלטען אלע געוועזען זייערע
לייבליכע קינדער. זייט ביי זייט נעבען די פּינגווינען, וועלכע
גנב'ענען איינע ביי די אנדערע די אייער, וועט איהר זעהן די
מאַרנעללען, וועמעס פאמיליען־בעציהונגען זיינען אזוי „רייצענד און
ריהרענד", אז אפילו ליידענשאפטליכע יעגער בעשליסען זיך ניט
צו שיסען א זי, וואָס זיצט ארומגערינגעלט פון איהרע קליינע;
אָדער די איידער־ענטען, צווישען וועלכע (אזוי ווי ביי די סאמעט־
ענטלעך אָדער די „קאראיאס" פון די סאוואנאס) איינינגע זי'ען
זיצען אוים די אייער אין איין נעסט; אָדער די לוממען, וועלכע
(ווי עס בעהויפּטען פערטרויענסווערטהע בעאָבאכטער) בייטען־אָב
איינע די אנדערע בעת'ן אויסזיצען. די נאטור איז די פערשיידענ־
ארטיגקייט אליין, און זי ברענגט ארוים אלערמעגליכע שאטירונגען
פון כאראקטערען ביז צו די העכסטע: דעריבער טאקע קען מען זי
ניט אָבשילדערען מיט איין אלגעמיינער בעהויפּטונג. נאָך ווייניגער
קען מען זי אורטיילען פון דעם שטאנדפּונקט פונ'ם מאָראַליסט,
דען די מיינונגען פון דעם מאָראַליסט זיינען אליין א רעזולטאַט —

מעהרסטענטיילס אַן אונבעוואוסטזיניגער — פון די בעאָבאַכטונגען אויף דער נאַטור.1)

די געוועהנהייט זיך צוזאַמענצוקומען אין דער צייט פון נעסטען־בויען איז אַזאַ אַלגעמיינע ביי די מייסטע פויגלען, אַז עס איז קוים נויטיג צו ברענגען נאָך מעהר ביישפּיעלען. די שפּיצען פון אונזערע בוימער זיינען בעקרוינט מיט גרופּען פון קראָהען־נעסטען, די ראַנד־בוימער זיינען פול מיט נעסטען פון קליינע פויגעלעך, אויף די פּאַרמען נעסטלען זיך קאָלאָניעס שוואַלבען, אין די אַלטע טורעמס און גלאָקען־הייזער האַלטען זיך אויף הונדערטער־טויזענדער פויגלען, און עס וואָלט לייכט געווען אָנצופילען גאַנצע ביכער מיט העכסט בעצויבערענדע בעשרייבונגען פון פריעדען און האַרמאָניע, וואָס מען בעגעגענט כמעט אין אַט די אלע פויגעלשע נעסטען־געמיינשאַפטען. וואָס איז שייך דער בעשיצונג, וואָס די שוואַכסטע פויגלען בעקומען פון אַזוינע פעראייניגונגען, זעהט מען עס גאַנץ קלאָר פון אויבען־אויף. אַזאַ אויסגעצייכענטער בעאָבאַכ־טער ווי דער אַמעריקאַנער דר. קועס, האָט געזעהן, צום ביישפּיעל, ווי די קליינע שוואַלבען האָבען אויסגעבויט זייערע נעסטען האַרט נעבען דעם פּלאַץ פון דעם פּרעירי־פּאַלק (פּאַלקאָ פּאָליאַרגוס). דער פּאַלק האָט אויסגעפלאָכטען זיין נעסט אויפ'ן שפּיץ פון איינער פון די ליימענע מינאַטורען, וועלכע זיינען פאַראַן אַזוי פיעל אין די קאַניאָנען פון קאָלאָראַדאָ, און די שוואַלבען־קאָלאָניע האָט געוואוינט גלייך אונטער איהם. די קליינע פריעדענסליעבענדע פויגלען האָבען קיין מורא ניט געהאַט פאַר זייער רויבערישען שכן: זיי האָבען איהם פשוט ניט צוגעלאָזען נאָהענט צו זייער קאָלאָניע. ווען ער האָט פּרובירט צוקומען, האָבען זיי איהם גלייך אַרומגע־רינגעלט און אָנגעהויבען טרייבען, אַזוי אַז ער האָט אויף שנעל געמוזט ענטלויפען.2)

1) זעה אָנהאַנג III.

2) עלליאָט קועס אין „בולעטין יונ. סט. געאָלאָג. סורוועי אָוו טעריטאָריעס" IV נומער 7, ז. 556, 579 און ווייטער. — ביי די מעווען (לאַרוס אַרגענטאַטוס) האָט פּאָליאַקאָוו בעאָבאַכטעט אין די זומפּען פון צפון־רוסלאַנד, אַז די ערטער וואו עס געפינען זיך די נעסטען פון א גרויסער צאָהל פון אַט די פויגלען, פלעגען ווערען בעוואַכט פון

דאָס לעבען אין געזעלשאַפטען הערט ניט אויף נאָכ־
דעם ווי עס איז אַריבער די צייט פון אויסזיצען די אייער אין די
נעסטען : עס נעהמט נאָר אָן אַ נייע פאָרם. די יונגע קומען זיך
צוזאַמען צווישען זיך אין געמיינשאַפטען, אין וועלכע עס געפינען
זיך צו עטליכע פערשיידענע מינים. דאָס געזעלשאַפט־לעבען ווערט
אָנגעפיהרט דער עיקר צוליעב דעם פערגעניגען דערפון, און טייל־
ווייז אויך צוליעב דער זיכערקייט. אַזוי געפינען מיר אין אונזערע
וועלדער, אין הערבסט צייט, געזעלשאַפטען פון יונגע נוס־קנאַקערס
(סיטטאַ קאַעזיאַ) צוזאַמען מיט מייז־פויגלען, בוכפינקען, צווינ־
קעניגלעך, קריכערס און גרינע האָלץ־פיקערס.[1] אין שפאַניען בעגע־
גענט מען שוואַלבען אין געזעלשאַפט מיט טורעם־פאַלקען, פליעגענ־
כאַפּער און אפילו טויבען. ווייט אין מערב־אַמעריקאַ לעבען די יונגע
הויבען־לערכען אין גרויסע געזעלשאַפטען צוזאַמען מיט אַנאַנדער
מין, די פעלד־לערכען, מיט די סאַוואַנאַ־שפערלינגען און עטליכע
מינים שפּיער־שוואַלבען.[2] אין דער ווירקליכקייט וואָלט אַ סך

אַן „ער“, וועלכער האָט געוואָרענט די גאַנצע קאָלאָניע, ווען עס האָט זיך
געמאַכט עפּעס אַ סכנה. אין אַזאַ פאַל פלעגען זיך אויפהויבען אַלע
פויגלען מיט אַמאָל און מיט גרויס קראַפט זיך אַרויפוואַרפען אויפ'ן
פוינד. די „זי'ען“, וועלכע האָבען געהאַט פינף אָדער זעקס נעסטען אין
אַ רייה אויף יעדען בערגעל פון זומפּ, פלעגען זיך האַלטען אָן אַ געווי־
סען סדר, ביים פערלאָזען די נעסטען אויף צו זוכען שפּייז. די יונגינקע,
גאַנץ שוצלאָזע פויגעלעך, וועלכע וואָלטען לייכט געקאָנט פערצוקט
ווערען פון די רויב־פויגלען, „זיינען קיינמאָל ניט איבערגעלאָזען
געוואָרען אַליין אָהן בעשיצונג“. („הויזליכע מנהגים ביי די וואַסער־
פויגלען“, אין די בעריכטען פון דער זאָאָלאָגישער אָבטיילונג פון פּעטער־
בורגער נאַטורפאָרשער־געזעלשאַפט, דעצ. 17, 1874.)

1) דער עלטערער ברעהם, ציטירט פון א. ברעהם, באַנד 4, ז. 190.
זעה אויך „ווהייט'ס נאַטורעל היסטאָרי אָוו סעלבאָרן“, עלפטער בריעף.
אויפ'ן טייך אָב האָט הערר דעריוגין בעגעגענט קריך־פויגלען (סיטטאַ
אוראַלעניז) צוזאַמען מיט וואַנערענדע מחנות פויגלען פון דעם מין
פּאָעצילע צינקטאַ. (בעריכטען פּעטערב. נאַטור־פאָרשער געזעל., 1898.)

2) דר. קועס, „פויגלען פון דאַקאָטאַ און מאָנטאַנאַ“, אין בולעטין
וניוטעד סטייטס סורוועי אָוו טעריטאָריעס, באַנד 4, נומ. 7.

גרינגער געוועזן צו בעשרייבען אַלע מינים, וואָס פיהרען אַן אָבגע־זונדערט לעבען, איידער אַנרופען נאָר מיט'ן נאָמען די מינים, וואָס זייערע יונגע בילדען הערבסט־געזעלשאַפטען, גאָר ניט מיט דעם צוועק פון געיענ אָדער אייער־אויסזיצען, נאָר נישט מעהר ווי הנאה צו האָבען פון געזעלשאַפטליכען לעבען און פערברענגען די צייט אין שפּיעלען און ספּאָרט נאָך די עטליכע שטונדען, וואָס זיי מוזען אָבגעבען אויף צו זוכען זייער שפּייז.

צום שלוס האָבען מיר נאָך אַן אונגעהייער גרויסען געביעט פון גענענזייטיגער הילף ביי פויגלען, אין דער צייט פון זייערע וואַנדערונגען. דער געביעט איז אַזוי גרויס, אַז איך קען זיך קוים דערוועגען צו דערמאָנען אָט דעם גרויסען פאַקט פון דער נאַטור מיט עטליכע ווערטער. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז פויגלען, וועלכע האָבען ביז דאַן געלעבט גאַנצע חדשים אין קליינע מחנות, צושפּרייט אויף אַ גרויסען שטח, הויבען זיך אָן צונויפצוקלייבען אין פריהלינג אָדער הערבסט טויזענדערווייז. עטליכע טעג כסדר, אַמאָל אַ וואָך אָדער נאָך מעהר, פליהען זיי זיך צוזאַמען אויף איין בעשטימטען אָרט, איידער זיי לאָזען זיך אַוועק אין וועג, און עס זעהט אויס, אַז זיי בעקלערען די פּרטים פון דער רייזע, וואָס שטעהט זיי פאַר. עטליכע מינים מאַכען יעדער פאַרנאַכט איבונגען אין פליהען, זיך צוגרייטענדיג צו דער וויטער רייזע. אַלע וואַרטען אויף זייערע פערשפּעטיגטע קרובים און ענדליך, אין איין שעהנעם טאָג ווערען אַלע פערפאַלען צוזאַמען — ד. ה. זיי פליהען אַוועק אין אַ בעוואוסטער, ריכטיג־געוועהלטער ריכטונג, וואָס זיי געפינען אויס אָהן צווייפעל דורך דער אָנגעקליבענער קאָלעקטיווער ערפאַהרונג. די שטאַרקסטע פון זיי פליהען בראש פון דער מחנה, זיך בייטענדיג לויט אַ בע־שטימטען סדר צוליעב אָט דער שווערער אויפגאַבע. אויף דעם אופן פליהען זיי אַריבער אפילו ברייטע ימים אין גרויסע מחנות, וואָס בעשטעהען פון גרויסע און קליינע פויגלען; און ווען זיי קעהרען זיך אום דעם קומענדען פריהלינג אין דעמזעלבען געגענד, פליהט יעדער פויגעל צו דעם אייגענעם גוט־בעקאַנטען אָרט, און אין די מייסטע פעלען פערנעהמט יעדעס פּאָרעל אַפילו דאָסזעלבע נעסט, וואָס עס האָט אַליין פערריכט אָדער אויסגעבויט דעם פאָריגען יאָהר.(1)

(1) עס איז אָפט אַרויסגעזאָגט געוואָרען די השערה, אַז די גרעסערע

דער ענין פויגעל־וואנדערונגען איז זעהר א ברייטער, און דאך אזוי וועניג אויסגעפארשט. עס שטאמען פון דעם אזוי פיעל וואונדערבארע געוועהנהייטען פון געגענזייטיגער הילף, וואס וואלטען נעדארפט ספעציעל בעארבייט ווערען, אזוי גוט ווי דער פאקט פון די וואנדערונגען גופא, אז איך מוז זיך צוריקהאלטען פון געבען ווייטערדיגע איינצעלהייטען. איך וויל נאר דערמאנען וועגען די צאהלרייכע און לעבהאפטיגע פערזאמלונגען פון פויגלען, וואס קומען פאר פון יאהר צו יאהר אויף דעם זעלבען ארט, איידער זיי הויבען אן זייער ווייטע רייזע צו צפון אדער דרום ; ווי אויך וועגען יענע פערזאמלונגען, וועלכע מען קען זעהן אין צפון — צ. ב. ש. אויפ'ן טייך יעניסיי, אדער אפילו אין די צפונ'דיגע גראפשאפטען פון ענגלאנד — ווען די פויגלען קומען צופליהען פון דרום אין זייערע געוועהנטע פלעצער וואו זיי מאכען די נעסטען, איידער זיי האבען זיך נאך אוועקגעזעצט אויף די אייער. פיעלע טעג כסדר, און אמאל א גאנצען חודש, קלייבען זיי זיך צונויף יעדען פריהמארגען און פערברענגען צוזאמען ארום א שעה צייט, איידער זיי פליהען זיך פונאנדער צו זוכען זייער שפייז — מעגליך, אז דאס בעראטען זיי זיך וועגען די ערטער וואו זיי קלייבען זיך בויען זייערע נעסטען.1) און אויב עס טרעפט זיך, אז אין דער צייט פון וואנדערען האט זיי געפאקט א שטורם־ווינד, דאן פעראייניגט דאס אלגעמיינע אומגליק די פערשיידענסטע מינים פויגלען אין איין פער־

---

פויגלען ט ר א ג ע ז וואהרשיינליך אריבער די קלענערע, בעת זיי דארפען אריבערפליהען דעם מיטעללענדישען ים ; די פאקטען וועגען דעם אבער בלייבען נאך דערוויילע אין ספק. פון דער אנדער זייט ווידער, איז גאנץ פעסטגעשטעלט, אז איניגע קלענערע פויגלען שטעהען צו אין דער צייט פון איבערוואנדערען צו די גרעסערע מינים. אט דער פאקט איז מעהרערע מאל בעמערקט געווארען און דא ניט לאנג איז ער בעשטעטיגט געווארען פון ל. בוקסבוים אין רוינהיים. ער האט געזעהן עטליכע פארטייען בושלען, מיט וועלכע עס זיינען מיטגעפלויגען אין מיטען און ביי די זייטען קעלבען־פויגלער. (דער „זאאלאגישע גארטען“, 1886, ז. 133.) זעה אויך אנהאנג V

1) ה. זעעבאהם און טש. דיקסאן דערמאנען ביידע וועגען דער געוועהנהייט.

באנד. עס איז פשוט צום ערשטוינען וויפיעלערליי מינים פויגלען, געכאפּטע פון שטורעמס אויף דער רייזע, שלאָגען אָב די שויבען פון די לייכט־טורעמס אין ענגלאנד. מען דארף אויך בעמערקען, אז די ניט־שנעלע פליהערס, — ד. ה. די אזוי אָנגערופענע שלעפּעדיגע פויגלען, וועלכע ציהען זיך איבער לאנגזאם צו צפון אָדער צו דרום, לויט די צייטען פון יאָהר, — מאכען אויך דורך זייער רייזע אין מחנות. זיי ציהען זיך ניט איבער איינציגווייז, כדי צו בעזאָרגען זיך אויף דעם אופן יעדערער בעזונדער מיט די בעסטע שפּייזען און מיט דעם בעסטען פּלאַץ אין דער נייער געגענד, נאָר זיי ווארטען־צו איינער אויף דעם אנדערען און קלייבען זיך צונויף אין מחנות, איידער זיי הויבען אָן זייער לאנגזאמע שלעפּענים צו צפון אָדער צו דרום.1)

אריבערגעהענדיג איצטער צו די זויגטהיערען, איז די ערשטע זאַך, וואָס ציהט אונזער אויפמערקזאמקייט אין אָט דעם ברייטען קלאַס חיות, דער פאקט, וואָס די געזעלשאפטליכע מינים שטייגען אריבער אין אַן אונגעהייערער צאָהל די ווייניגע רויבער־מינים, וועלכע לעבען פאַרזיך. די הויבע פּליינען, די בערג־לענדער, די סטע־פּעס און ניעדעריגע שטרעקען פון דער אלטער און נייער וועלט, זיינען בוכשטעבליך פּול מיט סטאַדעס הירשען, אַנטעלאָפּען, גאַזעלען, בופעלאָקסען, ווילדע ציעגען און ווילדע שעפּסען — ד. ה. אַלץ געזעלשאפטליכע חיות. ווען די אייראָפּעער האָבען אָנגעהויבען אריינדרינגען אין די פּרעריעס פון נאָרד־אמעריקא, האָבען זיי געפונען יענע געגענדען אזוי געדיכט בעפעלקערט מיט בופעלאָקסען, אז די פּיאָנערען האָבען זיך אָפּט געמוזט אָבשטעלען, אויף א לענגערע צייט, ווען א קאָלאָנע פון איבערציהענדע בופעלאָקסען האָט איבערגעהאקט זייער וועג. אזא מארש פון א געדיכטער קאָלאָנע

1) דער פאקט איז גוט בעקאַנט יעדען נאַטורפאָרשער, וואָס שטודירט דאָס נאַטור־לעבען. וועגען ענגלאַנד קען מען געפינען אייניגע ביישפּיע־לען אין דיקסאָנ׳ס ווערק „אַמאָנג דהי בוירדס אין נאָרטהערן שויירס“. די בוכפינקען קומען צופליהען ווינטערצייט אין גרויסע מחנות; אין נאָוועמבער קומען די בערגפינקען. די דראָסלען בעזוכען אויך די דאָזיגע ערטער, „אין פונקט אַזוינע גרויסע חברותות“, א. אז. וו. (ז. 165, 166.)

בופעלאָקסען פלעגט אָפט דויערען צוויי און דריי טעג; און ווען די רוסען האָבען איינגענומען סיביר, האָבען זיי דאָרט געפונען אַזאַ אונגעהייער גרויסע צאָהל הירשען, אַנטעלאָפּען, ווילדע ציעגען, וועווערקעס און אַנדערע געזעלשאַפטליכע חיות, אַז די הויפּט ערא־בערונג פון סיביר איז פאַקטיש געווען אַ געיעג־עקספּעדיציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטען צוויי הונדערט יאָהר. די גראָז־סטעפּעס פון מזרח־אַפריקאַ זיינען ביז היינטיגען טאָג איבערפילט מיט סטאַדעס זעברעס און אַלערליי מינים אַנטעלאָפּען.1)

ביז דאָ נאָר ניט לאַנג זיינען די קליינע טייכען פון צפון־אַמעריקאַ און צפון־סיביר נאָך געווען בעפעלקערט מיט ביבער־קאָלאָניעס, און דער גאַנצער צפון־טייל פון אייראָפּעאישען רוס־לאַנד איז נאָך אין 17טען יאָהרהונדערט אויך געווען בעדעקט מיט אַזעלכע קאָלאָניעס. די פלאַכלענדער פון פיער גרויסע קאָנטינענטען זיינען ביז היינטיגען טאָג נאָך געדיכט בעזעצט מיט קראָטען, מייז, „ערד־וועווערקעס“, מירמעלטהיערען און אַנדערע גריזונעס. אין די נידעריגערע ברייט־ליניען פון אַזיע און אַפריקאַ זיינען די וועלדער נאָך עד היום דער אויפהאַלטסאָרט פון צאָהלרייכע פאַמיליען פון עלעפאַנטען, רהינאָצעראָס, היפּאָפּאָטאַמוס און אונצעהליגע געזעל־שאַפטען פון אַפּען. אין ווייטען צפון קלייבען זיך די הירשען צוזאַמען אין צאָהללאָזע סטאַדעס, און נאָך ווייטער צו צפון געפינען מיר סטאַדעס פון מאָסק־אָקסען און אונצעהליגע געזעלשאַפטען פון פּאָלאַרע פוקסען. די ברעגעס פון אָקעאַן זיינען בעלעבט מיט סטאַ־דעס ים־קעלבער און וואַלראָסען, און זיינע וואַסערען זיינען פול מיט סטאַדעס געזעלשאַפטליכע חיות, וואָס געהערען צו דער פאַמיליע וואַלפיש. אפילו אין די וויסטעניישען פון די הויכע בערגפלאַכען פון צענטראַל־אַזיע געפינען מיר סטאַדעס ווילדע פערד, ווילדע עזלען, ווילדע קעמלען און ווילדע שעפּסען. די אַלע זויגטהירען לעבען אין געזעלשאַפטען און פעלקערשאַפטען, וועלכע צעהלען אָפטמאָל הונדערטע טויזענדער מיטגליעדער, אָבוואויל איצטער, נאָך דריי יאָהרהונדערטען פון פולווער־ציוויליזאַציע, געפינען מיר נאָר אָרימע איבערבלייבען פון יענע אונצעהליגע טהירען־געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין אַמאָליגע צייטען.

---

1) זעה אָנהאַנג VI

װי װינציג איז אין פערגלײך מיט זײ די צאָהל פון די רױב־טהיערען! און װי פאַלש איז דעריבער דער שטאַנדפּונקט פון די, װעלכע רעדען װעגען דער טהיערען־װעלט, אזױ װי זי װאָלט אינגאַנצען בעשטאַנען נאָר פון לײבען און היענען, װאָס פערצוקען זײער רױב מיט פערבלוטיגטע צײהן! דאָס איז אַלץ אײנס, װי מיר װאָלטען אָנגעהױבען בעהױפּטען, אז דאָס גאַנצע לעבען פון דער מענשהײט געהט אװעק אין מלחמות און געשלעגן.

פעראײניגונג און געגענזײטיגע הילף קומט פאָר בײ די זױגטהיערען װי א כלל, ניט װי אַן אױסנאַהם. מיר געפינען געזעלשאַפטליכע געװאָהנהײטען אפילו בײ די רױבטהיערען, און אין דעם דאָזיגען גאַנצען גרױסען קלאַס חיות קענען מיר נאָר אײן פאַמיליע, די קעצישע (לײבען, טיגערן, לעמפּערטען א. ד. גל.), װאָס איהרע מיטגליעדער ציהען װירקליך פאָר צו לעבען אײנזאַם אָנשטאָט געזעלשאַפטליך, און װעלכע מען בעגעגענט זעלטען — איצטער װעניגסטענס — אין קלײנע גרופּען. און דאָך, אפילו בײ לײבען „איז א גאַנץ געװעהנליכע זאַך צו געהן אױף געיעג גרופּענװײז" — זאָגט דער בעקאַנטער יעגער ס. בײקער.1) און דאָ ניט לאַנג האָט ה. שיללינגס, װאָס האָט געטריבען געיעג אױפ'ן עקװאַטאָר־פּאַס אין מזרח־אפריקא, אפילו אראָבגענומען א פאָטאָגראפיע — בײ נאַכט בײם שנעלען פלאַם פון מאַגניז־ליכט — פון לײבען, װעלכע זײנען געגאַנגען אין גרופּעס פון דרײ דערװאַקסענע און געטריבען געיעג אינאײנעם. אױף מאָרגען האָט ער אָנגעצעהלט בײם טײך, װאו א סטאַדע זעברעס איז געקומען זיך אָנטרינקען בײנאַכט, די שפּורען פון נאָך א גרעסערע צאָהל לײבען — ביז דרײסיג — װעלכע זײנען געקומען כאַפּען די זעברעס; און דערבײ, פערשטעהט זיך, האָט קײנער קײנמאָל ניט געהערט, אז די לײבען זאָלען זיך שלאָגען אָדער קריגען צװישען זיך פאָר דער חלוקה פון דעם רױב.2) װאָס איז שײך די לעמפּערטען און די דרום־אמעריקאַנישע פּומען (אזא מין קלײנער לײב), איז זײער געזעלשאַפטליכקײט גאַנץ גוט בעקאַנט.

---

1) ס. װ. בײקער, „װײלד ביסטס עטצ.", באַנד 1, ז. 316.

2) ס. ג. שיללינגס „װיטה פלאַשלױט ענד רײפעל אין עקװאַטאָריאַל איסט אַפריקאַ" 1906.

אין דער פאַמיליע פון ציבעט־קעץ (וויווערידיא) — רויב־טהיערען וואָס שטעהען אונגעפעהר צווישען קעץ און מאַרדערן — און אין דער מאַרדער־פאַמיליע (מאַרדער, הערמעלין, וויעזעל, טחוירען און אַנדערע) הערשט אויך מעהר דאָס איינזאַמע אַרט לעבען. מען קען אָבער רעכענען אַלס גאַנץ פעסטגעשטעלט, אז ניט ווייטער ווי אין סוף 18טען יאָהרהונדערט איז די געוועהנליכע וויעזעל געווען מעהר געזעלשאַפטליך איידער איצטער; מען האָט זי בעגעגענט אין גרעסערע גרופען אין שאָטלאַנד און אין קאַנטאָן אונטערוואַלדען אין דער שווייץ.1)

וואָס איז שייך דער גרויסער פאַמיליע פון הינט (הינט, וועלף, שאַקאַלען, פוקסען, פאָלאַרע פוקסען), קען מען בעטראַכטען זייער געזעלשאַפטליכקייט און זייערע געמיינשאַפטען צוליעב די צוועקען פון געיעג אַלס א שטריך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע צאָהלרייכע מינים פון אָט דער פאַמיליע. עס איז אַלגעמיין בעקאַנט, ווי וועלף קלייבען זיך צוזאַמען אין מחנות צו געהן אויף געיעג, און דער נאַטורפאָרשער פון די אַלפען־בערג, טשודי, האָט אונז געלאָזען א פאַרטרעפליכע בעשרייבונג, ווי זיי שטעלען זיך אוים אין א האַלבען קרייז אַרום א קוה, וואָס פיטערט זיך אויפ׳ן אַראָבהאַנג פון א באַרג, און ווי זיי שפּרינגען פּלוצלינג אַרוים מיט א גרוים בילעריי, אַזוי אַז די קוה דערשרעקט זיך און פאַלט אַראָב אין אָבגרונד.2) אַדיבאָן, אין די 30גער יאָהרען פון פאַריגען יאָהרהונ־דערט, האָט אויך געזעהן ווי לאַבראַדאָר־וועלף האָבען געפיהרט געיעג מחנות׳ווייז, און ווי איין מחנה האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך א מענשען הארט ביז זיין הויז און האָט צוריסען זיינע הינט. אין שטרענגע ווינטערן ווערען די וועלף־מחנות אַזוי צאָהלרייך, אַז זיי ווערען געפעהרליך פאַר דער מענשליכער בעפעלקערונג, ווי דאָס האָט פאַסירט אין פראַנקרייך אין די 40גער יאָהרען. אין די רוסישע סטעפּעס פאַלען זיי אָן אויף די פערד ניט אַנדערש ווי מחנות׳ווייז, און אָפט האָבען זיי אויסצושטעהן א ביטערען קאַמפּף, ווען די

1) טשודי („טהיערלעבען דער אַלפּען־וועלט“) און יאהן פראַנקלין („דאָס לעבען פון טהיערען“, פראַנצ.), ציטירט ביי ברעהם 1, ז. 620.

2) טשודי „טהיערלעבען דער אַלפּען־וועלט“, ז. 404.

פערד (לויט די עדות פון קאהל) נעהמען זיי אטאקירען אנשטאט זיך בלויז צו פערטיידיגען; אין אזוינע פעלען, אויב די וועלף ציהען זיך ניט שנעל צוריק, ריזיקירען זיי ארומגערינגעלט צו ווערען פון די פערד, וועלכע דער׳הרג׳ענען זיי מיט זייערע קאפי־טעס. עס איז אויך בעקאנט, אז די אמעריקאנער פרעירי־וועלף (קאניס לאטראנס) קלייבען זיך צונויף אין מחנות פון 20 און 30 שטיק צו אטאקירען א בופעלאקס, וועלכער האט זיך צופעליג אבגע־ריסען פון זיין סטאדע.1) די שאקאלען, וועלכע זיינען זעהר מוטהיג און מעגען זיך רעכענען פאר די קליגסטע פארשטעהער פון דער פאמיליע הינט, פיהרען געיעג שטענדיג מחנות׳ווייז, און זייענדיג פעראייניגט האבען זיי קיין מורא ניט פאר די גרעסטע רויב־טהיערען.2) וואס געהערט די ווילדע הינט פון אזיע (די כאלזומס אדער דהאלעס), האט ווילליאמסאן געזעהן, ווי זייערע גרויסע מחנות האבען אטאקירט אלע גרויסע חיות אויסער דעם עלפאנט און רהינאצעראס, און ווי זיי בעזיעגען אפילו בערען און טיגערען, ביי וועמען, ווי בעקאנט, זיי רויבען שטענדיג אוועק די קינדער.

היענען לעבען אלעמאל אין געזעלשאפטען און פיהרען געיעג מחנות׳ווייז, און קעממינג לויבט זעהר שטארק די ארגאניזאציעס פון די געפלעקטע היענען (ליקאאן). אפילו די פוקסען, וועלכע לעבען אין אונזערע ציוויליזירטע לענדער אונבעדינגט איינזאם, קלייבען זיך אויך אפטמאל צוזאמען אויף געיעג, לויט די בעווייזען פון איניגע בעאבאכטער.3) דער פאלאר פוקס ווידער איז איינער פון די געזעלשאפטליכסטע חיות, וועניגסטענס אזוי איז ער געוועזען אין סטעלער׳ס צייטען, אין דער ערשטער העלפט פון 17טען יאהר־הונדערט. לייענענדיג סטעלער׳ס דערצעהלונג וועגען דער מלחמה, וואס בערינג׳ס אומגליקליכע קאמפאניע האט געהאט צו פיהרען מיט אט די קליינע קלוגע חיה׳לעך, ווייס מען ניט אויף וואס זיך

---

1) הוזא׳ס „עטיודען“ (פראנצ.), 2, ז. 463.

2) וועגען זייערע געיעג־פעראיינען זעה סער ע. טענאנט׳ס „נאטוראל היסטאריע אוו סעילאן“, ציטירט אין ראמיונעס׳ „אנימאל אינטעלי־דזשענס“, ז. 432.

3) זעה עמיל גאטער׳ס בריעף אין ביכנער׳ס „ליעבע“.

מעהר צו וואונדערן: צי אויף דעם אויסערגעוועהנליכען שכל פון די פיקסלעך און אויף זייער געגענזייטיגער שטיצע, וואס זיי האבען ארויסגעוויזען אויפגראבענדיג די שפייז, וואס איז געווען בעהאלטען אונטער די שטיינער אדער אויף די שפיצען פון די סלופעס, (איין פוקס פלעגט ארויפקריכען אויפ'ן שפיץ פון סלופ און ארונטערוואר־פען די שפייז צו די חברים וואס האבען געווארט אונטען); צי אויף דער גרויזאמקייט פון די מענשען, וועלכע זיינען געבראכט געווארען ביז צו פערצווייפלונג פון די צאהלרייכע מחנות פון די פוקסען. אפילו אייניגע בערען לעבען אין געמיינשאפטען אין אזוינע פלע־צער, וואו דער מענש שטערט זיי ניט. אזוי האט סטעלער געזעהן די שווארצע בערען פון קאמטשאטקא אין צאהלרייכע מחנות, און די אייז־בערען געפינט מען אויך מאנכעסמאל אין קליינע גרופען. אפילו די ניט־גאר־פערשטענדיגע אינזעקטען־פרעסער פעראכטען אויך ניט אלעמאל די פעראייניגונג.1)

אבער די מעהר ענטוויקעלטע פארמען פון געגענזייטיגער הילף געפינען מיר דערהויפט ביי די גריזונעס, די הופ־טהיערען און די מעלה־גירה'דיגע. די וועווערקעס זיינען ביז א הויכען גראד אינדי־ווידואליסטקעס. יעדערע פון זיי בויט זיך איהר אייגענעם בעק־ווען נעסט און זאמעלט אן איהר אייגענעם שפייז־אוצר. זיי האבען א נייגונג צום פאמיליען־לעבען, און ברעהם האט געפונען, אז זיי זיינען בעזונדערס גליקליך, ווען די צוויי געבורטען פון דעם זעלבען יאהר קענען וואוינען צוזאמען מיט זייערע עלטערן אין א וועלכען עס איז פערשטעקטען ווינקעל אין וואלד. פון דעסטוועגען האלטען די וועווערקעס אויף געזעלשאפטליכע בעציהונגען. די איינ־וואוינער פון בעזונדערע נעסטען געפינען זיך אין נאהענטע געגענ־זייטיגע פערבינדונגען, און ווען עס הויבען אן פעהלען אין וואלד, וואו זיי וואוינען, די טאנען־בערעלעך, וואנדערן זיי אויס אין גאנץ גרויסע גרופען צוזאמען. די שווארצע וועווערקעס פון ווייטען מערב אין אמעריקא צייכענען זיך אויס דערהויפט מיט זייער געזעל־שאפטליכקייט. מיט דער אויסנאהם פון עטליכע שטונדען א טאג, וואס זיי פערברענגען צו זוכען זייער שפייז, קלייבען זיי זיך צוזא־מען אין גרופען און פערברענגען זייער לעבען אין שפיעלען. ווען

---

1) זעה אהנאנג VII

זײ פֿערמעהרען זיך צו־שנעל אין אַ געװיסען געגענד, װי עס איז געװען דער פֿאַל צ. ב. ש. אין פּענסילװײניאַ, אין יאָהר 1749, קלײַבען זײ זיך צוזאַמען אין מחנות, אַזױ צאָהלרײַך כּמעט װי די הײשעריקען, און װאַנדערן צו דרום־מערב, פֿערװיסטענדיג אױפ׳ן װעג די װעלדער, פֿעלדער און גערטנער; דערבײ, װי געװעהנליך, געהען־נאָך זײערע געדיכטע מחנות פֿוקסען, טחוירען, פֿאַלקען און פֿערשײדענע נאַכט־פֿױגלען, װעלכע לעבען אױף די אײנצעלנע, װאָס שטעהען אָב פֿון דער מהנה. אַ קרוב פֿון דער געװעהנליכער װעװערקע, די ערד־װעװערקע, איז נאָך מעהר געזעלשאַפֿטליך. זי איז אַ גרױסע קמצנ׳טע און זאַמעלט אױף אין איהרע אונטערערדישע געװעלבען גרױסע אוצרות פֿון עסבאַרע װאָרצלען און ניס, װעלכע די מענשען רױבען געװעהנליך אַװעק אין הערבסט. אײניגע בעאָבאַכטער זײנען אפֿילו פֿון דער מײנונג, אַז די ערד־װעװערקע פֿיהלט ביז אַ געװיסען גראַד די פֿרײדען פֿון דעם גײציגען. און פֿון דעסטװעגען בלײבט זי שטענדיג אַ געזעלשאַפֿטליכע חיה. זי לעבט אימער אין גרױסע קאָלאָניעס, און אָדיבאָן, װעלכער האָט אױפֿגעפֿענט עטליכע נאָרעס פֿון דער אַמעריקאַנער ערד־װעװערקע אין װינטער, האָט געפֿונען צו עטליכע װעװערקעס אין אײן װאױנונג. די אוצרות זײנען װאַהרשײנליך אָנגעזאַמעלט געװאָרען אין די דאָזיגע נאָרעס דורך געמײנשאַפֿטליכע כּחות.

די גרױסע פֿאַמיליע מירמעלטהיערען, אין װעלכער עס געהען אַרײן דרײ ברײטע גאַטונגען: די מירמעלטהיערען, די סוסליקעס און די אַמעריקאַנער פּרעירי־הינט (אַרקטאָמיס, ספּערמאַפֿהילוס און ציגאָמוס) איז נאָך מעהר געזעלשאַפֿטליך און נאָך מעהר אינטעליגענט. אַלע פֿאָרשטעהער פֿון דער פֿאַמיליע ציהען פֿאָר צו האָבען יעדערער זײן אײגענע װאױנונג, זײ לעבען אָבער אין גרױסע קאָלאָניעס. די שרעקליכע פֿײנד פֿון די תּבואה־פֿעלדער אין דרום רוסלאַנד, די סוסליקעס, װאָס דער מענש אַלײן הרג׳עט פֿון זײ אױס אַרום צעהן מיליאָן אַ יאָהר, לעבען אין אונצעהליגע קאָלאָניעס; און בעת די זעמסטװאָס זיצען ערנסט פֿערטראַכט אױסצוגעפֿינען מיטלען װי אַזױ פּטור צו װערען פֿון אָט דעם „פֿײנד פֿון דער געזעלשאַפֿט“, שפּיעלען זײ זיך אַרום אין די טױזענדער און האָבען אײנפֿאַך הנאה פֿון לעבען. די שפּיעלען פֿון די סוסליקעס זײנען אַזױ בעצױבערענד שעהן, אַז יעדער אײנער װאָס זעהט זײ,

מוז אויסדריקען זיין ענטציקונג און דערצעהלען וועגען זייערע מעלאָדישע קאָנצערטען, וואָס בעשטעהען פון א שאַרפען פייף פון דעם „ער“ און א מעלאַנכאָלישען פייפען פון דער „זי“ — אָבער פּלוצלינג דערמאָנט זיך דער צושויער אָן זיינע בירגערליכע פליכטען און זעצט זיך אוועק אויסזוכען אלערליי טייוועלשע מיטלען ווי אזוי אויסצוראָטען אָט די קליינע רויבערלעך. אזוי ווי די פערשיידענע מינים רויבפויגלען און טהיערען, וואָס מען האָט צוגעצויגען צו קעמפפען אנטקעגען די סוסליקעס, האָבען קיין איינדרוק ניט גע־מאַכט, איז איצטער דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסענשאַפט אין דער מלחמה מיט זיי — אָנשטעקען זיי מיט כאָלעריע!

די קאָלאָניעס פון די פּרעירי־הינט אין אמעריקא שטעלען מיט זיך פאָר איינס פון די רייצענדסטע בילדער. אויף וויפיעל דאָס אויג קען ארומנעהמען דעם שטח פון דער פּרעירי, זעהט מען איבעראַל קליינע בערגלעך ערד און אויף יעדען איינעם פון זיי שטעהט א חיה׳לע און פיהרט א לעבהאַפטען געשפּרעך מיט זיינע שכנים דורך אָבגעהאַקטע קלאַנגען, ווי א מין בילען. ווי נאָר ווער עס איז גיט א סיגנאַל, אז א מענש קומט, טוקען זיי זיך אַלע אריין אין זייערע לעכער אין איין מינוט, ווי דורך א כשוף. אזוי באַלד אָבער ווי די געפאַהר איז פאַראיבער, קריכען די חיה׳־לעך ווידער ארויס. גאַנצע פאַמיליען קריכען ארויס פון זייערע לעכער און הויבען זיך אָן שפּיעלען. די יונגע דראַפּען און רייסען איינע די אַנדערע, קריגען זיך, שטעלען זיך אויף גראַציעז אויף די הינטערסטע פיסלעך, בעת די אַלטע שטעהען אויפ׳ן וואַך. גאַנצע משפּחות געהען צו־גאַסט איינע צו די אַנדערע, און די גוט־דורכגע־טראָטענע שטעגלעך צווישען די ערד־בערגלעך בעווייזען, אז אזוינע בעזוכען קומען פאָר גאַנץ אָפט. אין קורצען, איינינע פון די בעסטע בלעטלעך פון אונזערע בעסטע נאַטורפאָרשער זיינען געווידמעט דער בעשרייבונג פון די פּרעירי־הינט־געזעלשאַפטען אין אמעריקא, פון די מירמעלטהיערען אין דער אַלטער וועלט און פון די פּאָלאַרע מירמעלטהיערען אין די אַלפּען־געגענדען. פונדעסט־וועגען קומט מיר אויס צו מאַכען דיזעלבע בעמערקונג וועגען די מירמעלטהיערען, וואָס איך האָב געמאַכט וועגען די ביענען. זיי האָבען ניט פערלאָרען זייערע קריגערישע אינסטינקטען, וועלכע ווייזען זיך ארויס בעת זיי לעבען אין געפאַנגענשאַפט. אין זייערע

גרויסע געמיינשאַפטען אָבער, אין בעריהרונג מיט דער פרייער נאַטור, האָבען די אַנטי־סאָציאַלע אינסטינקטען קיין באָדען ניט וואו זיך צו ענטוויקלען, און דער אַלגעמיינער רעזולטאַט איז פריע־דען און האַרמאָניע.

אפילו אַזעלכע אונרוהיגע בעשעפעניסען ווי די ראַצען, וועלכע רייסען זיך אייביג אַרום צווישען זיך אין אונזערע קעלערען, זיינען גענוג קלוג, ניט נאָר זיך ניט צו קריעגען ווען זיי רויבען אונזערע שפייז־קאַמערען, נאָר אויך צו העלפען איינע די אַנדערע, בעת זיי לאָזען זיך אַוועק אויף רויב־עקספּעדיציעס און בעת זיי וואַנדערען איבער פון איין אָרט אויף דעם אַנדערען. עס איז בעקאַנט, אַז אָפטמאָל שפּייזען זיי אפילו זייערע שוואַכע און קראַנקע. דאַגעגען זיינען די ביבער־ראַצען און ביזעם־ראַצען פון קאַנאַדאַ זעהר שטאַרק געזעלשאַפטליך. אָדיבאָן רעדט מיט ענטציקונג וועגען זייערע „פריעדליכע געמיינדען, וועלכע דאַרפען נישט מעהר כדי צו זיין גליקליך, ווי נאָר מען זאָל זיי לאָזען צו־רוה". ווי אַלע געזעלשאַפט־ליכע חיות, זיינען זיי לעבענסלוסטיג, האָבען ליעב צו שפּיעלען זיך, פעראייניגען זיך לייכט מיט אַנדערע מינים חיות און מען קען אויף זיי זאָגען בכלל, אַז זיי האָבען דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון גייסטיגער ענטוויקלונג. בויענדיג זייערע קאָלאָניעס, וועלכע זיי לעגען אַלעמאָל אוים ביי די ברעגעם פון אָזערעם און טייכען, נעה־מען זיי, ווי עס שיינט, אריין אין רעכענונג, זאָגט אָדיבאָן, דעם פאַקט, וואָס די הויך פוג'ם וואַסער בייט זיך אין פערשיידענע צייטען. זייערע געוועלבטע הייזער, צונויפגעקלאַפּט פון ליים און שילפראָהר, האָבען בעזונדערע ווינקלען פאַר'ן שמוץ, און זייערע גרויסע צימערען זיינען אין ווינטערצייט גוט אויסגעבעט מיט בלעטער און גראָז, זיינען וואַרעם און צו דערזעלבער צייט גוט ווענטילירט. וואָס געהערט די ביבערס, וועלכע בעזיצען, ווי בע־וואוסט, אַן אויסערגעוועהנליכען סימפּאַטישען כאַראַקטער, זיינען זייערע מערקווירדיגע וואַסער־דאַמען און דערפער, אין וועלכע עס לעבען און שטאַרבען גאַנצע דורות, ניט קענענדיג קיין אַנדערע פיינד אחוץ דעם אָטטער און דעם מענשען, וואונדערליכע ביישפּיע־לען פון דאָס, וואָס די געגענזייטיגע הילף קען אויפטהאָן פאַר אַ חיה אין פרט פון קיום המין, פון אויסאַרבייטען געזעלשאַפטליכע געוועהנהייטען און ענטוויקלען די גייסטיגע פעהיגקייטען. די

וואַסער־דאַמען און דערפער פון די ביבערס זיינען גוט בעקאַנט יעדען, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דעם לעבען פון חיות, און דעריבער וועל איך זיך ניט אָבשטעלען אויף זיי לענגער. איך וויל נאָר בעמערקען, אַז ביי די ביבערס, די ביזעם־ראַצען און ביי איי־ניגע אַנדערע גריזונעם געפינען מיר שוין דעם שטריך, וועלכער איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר די מענשליכע געזעלשאַפטען, און דאָס איז — די ג ע מ י י נ ש א פ ט ל י כ ע אַ ר ב י י ט.

איך לאָז דורך צוויי גרויסע פאַמיליען, צו וועלכע עס געהערען די שפּרינג־מייז, די טשינטשילאַס, דער וויסקאַטשאַ (אַן אַמעריקאַ־נער ערד־האָז) און דער טושקאַנטשיק (אַן ערד־האָז פון דרום־רוסלאַנד), אָבוואויל די זיטען פון אַט די אַלע קליינע גריזונעם וואָלטען געקענט דיענען פאַר אַן אויסגעצייכענטען ביישפּיעל פון די פריידען, וואָס די חיות שעפּען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.1) איך זאָג די פ ר י י ד ע ן, ווייל עס איז זעהר שווער צו בעשטימען וואָס עס ברענגט אַט די חיות צוזאַמען: צי די בעדערפניש פון געגענזייטיגער בעשיצונג, צי פשוט די פרייד פון פּיהלען זיך אַרומגערינגעלט פון אייגענע פריינד. יעדענפאַלס אונ־זערע געוועהנליכע האָזען, וועלכע קומען זיך ניט צונויף צו לעבען געמיינשאַפטליך, און זיינען אפילו ניט בעשאָנקען מיט איבעריג־שטאַרקע עלטערנ׳ס געפיהלען, קענען פון דעסטוועגען ניט לעבען

1) וועגען די וויסקאַטשעס דאַרף מען פערצייכענען דעם זעהר אינטערעסאַנטען פאַקט, אַז ניט נאָר לעבען אַט די זעהר־געזעלשאַפטליכע קליינע חיה׳לעך גאַנץ פריעדליך צוזאַמען אין זייערע קאָלאָניעס, נאָר זיי בעזוכען אויך זייערע שכנים גאַנצע קאָלאָניעס׳ווייז ביינאַכט. די געזעלשאַפטליכקייט בעציהט זיך אויף דעם אופן אויפ׳ן גאַנצען מין און ניט נאָר אויף אַ געוויסער געמיינשאַפט אָדער פאָלק, ווי מיר זעהען עס ביי די מוראַשקעס. ווען אַ פאַרמער פערניכטעט אַ נאָרע פון די וויסקאַ־טשעס, בעגראָבענדיג די איינוואוינער פון דער נאָרע אונטער אַ הויפען ערד, „קומען אַנדערע וויסקאַטשעס — ווי הודסאָן דערצעהלט — פון גאַנץ ווייטע פלעצער צו העלפען אויסגראָבען די לעבעדיג בעגראָבענע“. („אַ נאַטוראַליסט אין לאַ פּלאַטאַ“, 1892, ז. 311) דער פאַקט, וואָס איז אַלגעמיין בעקאַנט אין לאַ פּלאַטאַ, ווערט בעשטעטיגט פון דעם פּראָפעסער׳ס אייגענער ערפאַהרונג.

וואו זיי זאָלען זיך ניט צונויפקומען פאַר געמיינשאַפטליכע שפּיעלען. דיטריך דע ווינקעל, וועלכער רעכענט זיך פאַר דעם בעסטען קענער פון דעם לעבען פון די האָזען, בעשרייבט זיי אַלס ליידענשאַפטליכע שפּיעלער, וועלכע ווערען אַזוי בערוישט פון דעם פּראָצעס פון שפּיעל, אז עס איז בעוואוסט אַ פאַל, ווען שטאַרק-צושפּיעלטע האָזען האָבען אָנגענומען אַ פוקס, וואָס האָט זיך צו זיי אריינגע'גנב'עט, פאַר אַ שפּיעל-חבר.1) וואָס געהערט די קראָ-ליקעס, לעבען זיי שטענדיג אין געזעלשאַפטען און זייער גאַנצעס פאַמיליען-לעבען איז געבויט אויף די גרונדלאַגען פון דער אַלטער פּאַטריאַרכאַלישער פאַמיליע: די יוגענד איז פאָלשטענדיג אונ-טערוואָרפען דעם ווילען פון פאָטער און אפילו פון זיידען.2) אין דעם פאַל קען מען פערצייכענען זעהר אַן אינטערעסאַנטען פּונקט: אַט די צוויי זעהר נאָהענטע מינים, די האָזען און די קראָליקעס, קענען איינער דעם אַנדערן ניט אריבערטראָגען — ניט דערפאַר, וואָס זיי ערנעהרען זיך אויף דיזעלבע שפּייז, ווי עס איז אָנגענומען געוועהנליך צו דערקלערען אַזוינע פעלען, נאָר גיכער פאַר אַלץ דער-פאַר, וואָס דער ליידענשאַפטליכער האָז, וועלכער איז דערצו אַ גרויסער אינדיווידואַליסט, קען ניט פיהרען קיין פריינדשאַפט מיט אַזוינע רוהיגע, שטילע און אונטערטעניגע בעשעפעניסען ווי די קראָליקעס. זייערע טעמפּעראַמענטען זיינען צופיעל פערשיידען, עס זאָל זיין מעגליך אַ פריינדשאַפט צווישען זיי.

דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען איז אויך דער רעגעל ביי דער גרויסער פערד-פאַמיליע, אין וועלכער עס געהען אריין די ווילדע פערד און ווילדע עזלען פון אַזיע, די זעבראַס, די מוסטאַנגס, די צימאַרראָנעס פון די פּאַמפּאַסען און די האַלב ווילדע פערד פון מאָנגאָליע און סיביר. די דאָזיגע אַלע מינים לעבען אין צאָהלרייכע טאַבונעס, וועלכע בעשטעהען פון פיעלע גרופּען, וואָס האָבען צו עטליכע קליאַטשעס אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ יונגען פערד. אַט די אונצעהליגע איינוואוינער פון דער אַלטער און נייער וועלט,

---

1) „האַנדבוך פאַר יעגער“, ציטירט פון ברעהם באַנד 2, ז. 624, (דייטשע אויסגאַבע).

2) בופפאָן, „נאַטור געשיכטע“ (פראַנצ.).

וועלכע זיינען בכלל גערעדט גאנץ שוואך ארגאניזירט פאר'ן קאמפף אנטקעגען זייערע צאהלרייכע פיינד, ווי אויך אנטקעגען די אונ־גינסטיגע אומשטענדען פון קלימאט, וואלטען גיך פערשוואונדען פון דער אויבערפלעך פון דער ערד, ווען ניט זייער געזעלשאפטלי־כער גייסט. ווען א רויבטהיער קומט צו זיי צו, פעראייניגען זיך גלייך עטליכע גרופען און ווערען זיך אנטקעגען, אדער פערקעהרט, פאלען גאר אליין אן אויפ'ן רויבער; א וואלף אדער א בער אדער אפילו א לייב איז דעריבער ניט בכח אוועקצוכאפען א פערד אדער א זעברא, כל זמן עס האט זיך ניט אבגעטיילט פון זיין גרופע. א דאנק זייער אונגעוועהנליכער גרופען־פארזיכטיגקייט און זייער בעווארענען זיך צו אונטערזוכען די געגענד דורך ערפאהרענע מיט־גליעדער, קען די זעברא געהן אפילו ביינאכט זיך אנטרינקען צום טייך, ניט מורא האבענדיג פאר די לייבען, וואס ליעגען פערשטעקט אין די שטרויכען.1) ווען א טרוקען וועטער ברענט אויס דאס גראז פון די פרעיריעס, קלייבען זיך צונויף די גרופען פערד און זעבראס אין טאבונעס, וואס גרייכען אפטמאל ביז צעהן טויזענד שטיק אין צאהל, און וואנדערן אוים אין נייע ערטער. און ווען עס יאגט א שנעע־שטורעם אין אונזערע אזיאטישע סטעפעס אום ווינטער, האלטען זיך די גרופעס נאהענט איינע צו די אנדערע און זוכען צוזאמען א בעשיצונג אין א וועלכען עס איז הייהל. ווען אבער עס פערשווינדט צוליעב וועלכער עס איז סבה דאס געגענזייטיגע צו־טרויען צווישען זיי, אדער א פאניק כאפט ארום א גרופע און זיי צולויפען זיך, דאן ווערט דער גרעסטער טייל פון זיי פערניכטעט, און די וואס בלייבען, געפינט מען נאכ'ן שטורעם האלב טויט פון מיעדקייט. די פעראייניגונג צייגט זיך ארוים אויף דעם אופן אלס זייער הויפט וואפען אין קאמפף פאר עקזיסטענץ, און דער מענש — זייער הויפט פיינד. אבטרעטענדיג דעם וועג פאר דער וואקסענדער צאהל פון אט דעם שונא, האבען די אורעלטערען פון אונזערע הויזליכע פערד (וועלכע פאליאקאוו רופט אן עקוואואוס פרזעוואלסקיי) פארגעצויגען אוועקצוואנדערן אין די ווילדעסטע און ניט־צוגענגליכע טיילען פון דער הויכער פלאטא ביי די גרעניצען

---

1) דאס קען מען גאנץ גוט ארויסזעהן פון שיללינג'ס סקיצען אין דעם אויבענדערמאנטען בוך.

פון טיבעט, וואו זײ זײנען געבליבען לעבען ביז הײנטיגען טאָג — ארומגערינגעלט, טאַקע אמת, פון רױבטהיערען, און אין אַ קלימאַט, וואָס איז ניט װעניגער רױה אײדער אין די אַרקטישע געגענדען, אָבער דערפאַר אַן אָרט, וואו דער מענש קען ניט צוקומען.1)

מען וואָלט אױך געקענט נעהמען פיעלע וואונדערליכע בײ־שפּיעלען פון געזעלשאַפטליכקײט פון דעם לעבען פון די הירשען, און בעזונדערס פון דער גרױסער אָבטײלונג די מעלה־גירה'דיגע, אין װעלכער מען קען אַרײנרעכענען די הירש־קיה, די אַנטעלאָפּען, די גאַזעלען, די שטײן־בעק א. ד. ג. — פאַקטיש פון דעם לעבען פון אַלע דרײ צאָהלרײכע פאַמיליען: די אַנטעלאָפּען, ציגענבעק און שעפּסען־שטאַמען. די וואַכזאַמקײט, מיט װעלכער זײ היטען אָב זײערע סטאַדעס פון די אָנפאַלען פון רױבטהיערען; די אַנגסט וואָס אַ סטאַדע געמזען צײגט אַרױס אײדער זי איז זיכער, אַז אַלע מיט־גליעדער זײנען בשלום אריבער אַ געפעהרליכען טײל פון אַ פעלזען־קליף; די אדאָפּטירונג פון יתומים; די פערצװײפלונג פון דער גאַזעלע, װען איהר לעבענס־שותף אָדער אַזױ אַ חבר איז דער־הרג'עט געוואָרען; די שפּיעלען פון די יונגע, און פיעלע אַנדערע שטריכען וואָלט מען געקענט ברענגען צו כאַראַקטעריזירען זײער

1) בנוגע דער פערד־פאַמיליע איז אױך װערטה צו בעמערקען, אַז די קוואַגאַ־זעבראַ, װעלכע קומט זיך קײנמאָל ניט צונױף מיט דער דאַאו־זעבראַ, לעבט דוקא אין אױסגעצײכענטע בעציהונגען ניט נאָר מיט די שטרױסען, װעלכע ערפילען זעהר גוט די פליכטען פון װאַך־היטער, נאָר אױך מיט די גאַזעלען, מיט אײניגע מינים אַנטעלאָפּען און גנוס. מיר האָבען דאָ, הײסט עס, אַ בײשפּיעל פון געגענזײטיגער אָבנײגונג צװישען די קוואַג און די דאַאו, װעלכע מען קען ניט דערקלערען דורך דער סבה פון קאָנקורענץ צוליעב שפּײז. שױן דער פאַקט אַלײן, וואָס די קוואַגאַ לעבט צוזאַמען מיט די מעלה־גירה'דיגע, וואָס פיטערען זיך אױף דיזעלבע גראָזען, שליסט אױס אַזאַ השערה, און מיר מוזען זוכען די ער־קלערונג אין דער פערשײדענקײט פון זײערע כאַראַקטערען, אַ שטײגער װי אין די בעציהונגען פון דעם האָז צום קראָליק. — פערגלײכט אונ־טער אַנדערע קלײוו פיליפּס־וואָלעי'ס „ביג גײם שוטינג" (אין באַד־מינגטאָן לײבראַרי), װעלכע ענטהאַלט אױסגעצײכענטע בײשפּיעלען פון צוזאַמענלעבען צװישען פערשײדענע מינים אין מזרח־אַפריקאַ.

געזעלשאפטליכקייט. אָבער אפשר דעם שטארקסטען ביישפּיעל פון געגענזייטיגער שטיצע גיבען אונז די צופעליגע וואנדערונגען פון די הירש־קיה, ווי איך האָב זיי איינמאָל געזעהן אויפ׳ן אמור.

ווען איך האָב דורכגעשניטען דאָס הויכע פּלאַטאָ פון מזרח־אזיע און זיינע גרעניץ־בערג, דעם גרויסען כינגאַן, אויפ׳ן וועג פון טראַנסבאַיקאַליע אין מערגען, און בין דערנאָך געפאָהרען ווייטער איבער די הויכע פליינען פון מאנדזשוריע צום אמור, האָב איך געהאט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען ווי אָרים־בעפעלקערט מיט הירש־קיה די דאָזיגע אונבעוואוינטע ערטער זיינען געווען.1)
צוויי יאָהר שפּעטער בין איך געפאָהרען רייטענדיג פון אויבען איבערן אמור, און ענדע אָקטאָבער האָב איך געגרייכט דעם אונטערסטען ברעג פון דעם וואונדערשעהנעם שמאָלען די׳ כגאנג, וואו דער אמור רייסט זיך דורך דעם דוססע־אלין (קליינעם כינגאַן), איידער ער גרייכט די נידערלענדער, וואו ער פעראייניגט זיך מיט׳ן סונגארי. דאָ אין די דערפער, וואָס זיינען צעוואָרפען אין דעם טייל פון קליינעם כינגאַן, האָב איך געפונען די קאָזאקען אין דער גרעסטער אויפרעגונג, ווייל ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזען, האָבען דעמאָלט טויזענדער און טויזענדער הירשען אריבערגעשוואומען איבער דעם אמור, אין דעם שמאָלסטען פּלאַץ פון דער גרויסער מייך, כדי אריבערצוקלייבען זיך אין די סונגארישע נידערלענדער. עטליכע טעג נאָכאנאנד, אויף אַ שטרעקע פון אַן ערך זעכציג ווערסט ארויף־טייך, האָבען די קאָזאקען אָהן אויפהער גע׳הרג׳עט די הירשען, וואָס האָבען געשוואומען איבער׳ן אמור, אויף וועלכען עס איז שוין ביי יענער צייט געלאָפען אַ סך אייז. טויזענדער פון זיי זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען יעדען טאָג, אָבער דער שטראָם פון די הירשען האָט ניט אויפגעהערט. אזא וואנדערונג איז ניט געהערט

1) אַ טונגוז־יעגער, וועלכער האָט אונז בעגלייט, האָט זיך געקליבען חתונה האָבען און האָט דעריבער געזעהן צו בעקומען וואָס מעהר הירשען־פעל (אָבצוצאָהלען נדן פאַר זיין ווייב). די גאַנצע צייט, וואָס אונזער קאַראַוואַן האָט זיך געשלעפּט אונטען אין טהאָל, פלעגט ער זיך ארומיאָגען גאַנצענע טעג רייטענדיג אַרויפבאַרג נאָך הירשען, און עס פלעגט טרעפען, אַז פאַר אַ גאַנצען טאָג פלעגט ער ניט כאַפּען קיין איינציגע הירש־קוה; און ער איז דוקא געווען אַן אויסגעצייכענטער יעגער.

געוואָרען, ניט פריהער ניט נאָכדעם, און די ערקלערונג דערפֿין איז וואהרשיינליך געוועזן דאָס, וואָס אויפ'ן גרויסען כינגאַן און אַרונטער זיינע בערג צו מזרח־זייט האָט דעמאָלט געמוזט אַרויספאַלען א פריהער, טיעפער שנעע, וועלכער האָט געצוואונגען די הירשען צו פּרובירען די ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג אַריבערצוקלייבען זיך אין די מזרח־זייטיגע נידערלענדער פון קליינעם כינגאַן. אין דער ווירקליכקייט האָב איך עטליכע טעג שפּעטער, ווען איך בין דורכגעפאָהרען אַט די לעצטע בערג, געפונען אַז זיי זיינען געווען פערשאָטען מיט א וויכען שנעע, פון צוויי ביז דריי פוס טיעף.

וועגען אַט דער וואַנדערונג פון די הירשען איז כדאי זיך צו פערטראַכטען. מען דאַרף זיך פאָרשטעלען פון וואָס פאַר א גרויסער טעריטאָריע, (אַרום צוויי הונדערט ווערסט אין דער ברייט און א ווערסט 700 אין דער לענג) עס האָבען זיך געדאַרפט צונויפקלייבען די צעוואָרפענע גרופען הירשען, כדי אָנצוהויבען א וואַנדערונג, וועלכע זיי האָבען געמוזט אונטערנעהמען אונטער דעם דרוק פון גאַנץ אונגעוועהנליכע אומשטענדען. דערצו דאַרף מען זיך פאָרשטעלען די שוועריגקייטען, וואָס די הירשען האָבען געמוזט ביי־קומען, איידער זיי זיינען געקומען צו דעם אַלגעמיינעם געדאַנק, אַז עס איז נויטיג אַריבערצוגעהן דעם אַמור — און ניט וואו עס וועט זיך מאַכען, נור דוקא מעהר צו דרום, וואו זיין פלוס איז צונויפגעקוועטשט דורך דער באַרג־קייט; און דוקא אין אַזא אָרט, וואָס אַז זיי וועלען איהם אַריבערשווימען, וועלען זיי פאַר איינס שוין האָבען איבערגעהאַקט די באַרג־קייט און אַרויסקומען אין די וואַרעמע פלאַכלענדער. און דאַן, ווען מען שטעלט זיך דאָס אַלץ דייטליך פאָר, איז אונמעגליך ניט צו פיהלען א טיעפע בעוואונדערונג פון דעם גראַד און דעם כח פון דער געזעלשאַפטליכקייט, וואָס אַט די קלוגע חיות האָבען אין דעם פאַל אַרויסגעוויזען. ניט ווענינער וואונדערליך, אין דעם זין פון דער פעהיגקייט צו פעראייניגען זיך און האַנדלען געמיינשאַפטליך, זיינען אויך די וואַנדערונגען פון די בופעלאָקסען, וואָס קומען פאָר אין נאָרד־אַמעריקאַ. אמת, די בופעלאָקסען האָבען זיך געוועהנליך געפיטערט אין גרויסע מאַסען אויף די פּרעיריעס, אָבער די דאָזיגע מאַסען זיינען בעשטאַנען פון אַן אונענדליכער צאָהל קליינע סטאַדעס, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל ניט געמישט איינע מיט די אַנדערע. און אַט די אַלע

קליינע גרופּען, ווי צעוואָרפען זיי זיינען ניט געוועזען אויף אַ זעהר גרויסער טעריטאָריע, זיינען אין פאַל פון אַ נויט זיך צונויפגעקומען און האָבען געבילדעט יענע אונגעהייערע קאָלאָנען פון הונדערטער טויזענד שטיק, וועגען וועלכע איך האָב שוין פריהער דערמאָנט.

איך וואָלט אויך געדאַרפט זאָגען וועניגסטענס עטליכע ווערטער וועגען די „פאַמיליען־פערבינדונגען“ פון די עלפאַנטען, וועגען זייער געגענזייטיגער צוגעבונדענקייט, וועגען דער אויסרעכענונג, מיט וועלכער זיי שטעלען אוים זייערע וואַך־האַלטער, און וועגען די געפיהלען פון סימפּאַטיע, וואָס ענטוויקלען זיך צווישען זיי אונטער דעם איינפלוס פון אַ לעבען, וואָס איז פול פון נאָהענטער געגענזייטיגער אונטערשטיצונג.[1] איך וואָלט אויך געקענט דערמאָנען די געזעלשאַפטליכע געפיהלען, וואָס עקזיסטירען ביי די ווילדע שווינען, וועלכע האָבען זאָנסט ניט קיין גרויסען שם טוב, און וואָלט זיי געקענט נאָר בעריהמען פאַר זייער פעהיגקייט צו פעראייניגען זיך אין פאַל בעת אַ רויבטהיער אַטאַקירט זיי.[2] די היפּאָפּאָטאַמען און נאָז־האָרנס (רהינאָצעראָס) וואָלטען אויך געדאַרפט געפינען פּלאַץ אין אַ ווערק, וואָס איז געווידמעט דער בעשרייבונג פון טהיערען־געזעלשאַפטליכקייט. מען וואָלט אויך געקענט אָנשרייבען איניגע אויפפאַלענדע בלעטער וועגען דער געזעלשאַפטליכקייט און געגענזייטיגער צוגעבונדענקייט פון די ים־קעלבער און וואַלראָסען; און שליסליך וואָלט מען אויך געקאָנט זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען די גוטע געפיהלען, וואָס זיינען ענט־

---

1) לויט סעמועל וו. בייקער׳ס מיינונג, פעראייניגען זיך אָפטמאָל די עלפאַנטען אין גרעסערע גרופּען איידער די „פעראייניגטע פאַמיליען“. „איך האָב אָפט בעמערקט — שרייבט ער, — אין דעם טייל פון צייל‏אָן, וועלכער איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דאָס לאַנד פון פּאַרקס“, די שפּורען פון גרויסע צאָהלען עלפאַנטען; דאָס זיינען וואַהרשיינליך געווען גרויסע מחנות, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען אינאיינעם, כדי געמיינשאַפטליך צו פערלאָזען אַ געגענד, וועלכער איז געוואָרען פאַר זיי געפעהרליך.“ („ווילדע חיות און זייערע פיהרונגען“, ענגליש, באַנד 1, ז. 102).

2) די הויז־שווינען, ווען עס פאַלען אויף זיי אָן וועלף, האַנדלען אויך אויף דעמזעלבען אופן. (הודסאָן 1.)

װיקעלט בײ די געזעלשאַפטליכע מינים פון דער װאָלפיש־פאַמיליע. איך מוז אָבער נאָך בעשפּרעכען די געזעלשאַפטען פון די אַפּען, װעלכע זײנען ספּעציעל אינטערעסאַנט דערמיט, װאָס זײ שטעלען פאָר דעם איבערגאַנג צו די געזעלשאַפטען פון די פּרימיטיװע מענשען.

עס איז קוים נױטיג צו דערמאָנען, אַז אַט די זױגטהיערען, װעלכע שטעהען אויף דער העכסטער שטופּע פון דער טהיערען־װעלט און זײנען די נעהענטסטע צום מענשען לױט זײער געבױ און זײער שכל, צײכענען זיך אויס דורך אַן אויסערגעװעהנליכער געזעלשאַפטליכקײט. עס פערשטעהט זיך, אַז אין אַזאַ גרױסער אַבטײ־לונג פון דער טהיערען־װעלט, װאָס שליסט אײן הונדערטער מינים, מוז מען בעגעגענען אַלערלײ פערשײדענע כאַראַקטערען און געװעהנהײטען. אָבער, נעהמענדיג דאָס אַלץ אין אָנבעטראַכט, מוז מען צוגעבען, אַז די געזעלשאַפטליכקײט און געמײנשאַפטליכע האַנדלונג, די געגענזײטיגע שטיצע און די הױכע ענטװיקלונג פון די געפיהלען, װעלכע זײנען אַ נױטװענדיגע פאָלגע פון געזעל־שאַפטליכען לעבען, צײגען זיך אַרױס אַלס כאַראַקטעריסטישער שטריך פון כמעט דער גאַנצער ברײטער אַבטײלונג פון די אַפּען. אָנהױבענדיג פון גאָר די קלענסטע מינים און אױסלאָזענדיג מיט די גרעסטע, איז בײ זײ אַלעמען די געזעלשאַפטליכקײט דער כלל, װעלכער האָט גאָר זעהר װעניג אױסנאַהמען. די נאַכט־אַפּען ציהען פאָר אַן אײנזאַם לעבען; די קאָפּוצינער־אַפּען (צעבוס קאַפּוצינוס), די מאָנאָס — די גרױסע שרײער־אַפּען פון בראַזיליע און די שרײער בכלל — לעבען אין ניט־גרױסע פאַמיליען; די אָראַנג־אוטאַנס האָט װאָלליים קײנמאָל אַנדערש ניט בעגעגענט װי נאָר אײנציגװײז אָדער אין גרופּען פון דרײ־פיער; און די גאָרילאַס, װי עס װײזט אױס, קומען זיך קײנמאָל ניט צוזאַמען אין גרופּען. אָבער אַלע איבעריגע מינים אַפּען — דער שימפּאַנזע, די גיבאָנס, די בױמער־אַפּען פון אַזיע און אַפריקאַ, די מאַרמאָזעטען, די מאַנדרילען און אַלע אַנדערע — זײנען געזעלשאַפטליך ביז׳ן העכסטען גראַד. זײ לעבען אין גרױסע מחנות, אָפטמאָל אפילו עטליכע פערשײדענע מינים צוזאַמען. די מײסטע פון זײ פיהלען זיך גאַנץ אומגליקליך װען זײ זײנען אַלײן. דער נױט־געשרײ פון יעדער אַפּע ברענגט גלײך צוזאַמען די גאַנצע מחנה און אַלע אײנ־

איינעם שטעלען זיי זיך מוטהיג אנטקעגען יעדען אָנגריף פון כמעט אַלע רויבטהיערען. אפילו די אָדלערס וואגען ניט אָנצופאַלען אויף אפּפּען. אונזערע פעלדער פלינדערן זיי אַלעמאָל גאַנצע מחנות׳ווייז — די אַלטע נעהמען דערביי אויף זיך די זאָרג אויפצופּאַסען אויף דער זיכערקייט פון דער געמיינדע. די קליינע טי־טי׳ס, וועמעס קינדערשע פּנים׳לעך האָבען אַזא שטאַרקען איינדרוק געמאַכט אויף הומבאָלדט׳ן, נעהמען אָרום און בעשיצען איינער דעם אַנדע־רען פון רעגען און דרעהען אָרום זייערע עקען אָרום די העלזער פון זייערע חברים ווען זיי ציטערען פון קעלט. אייניגע מינים ווייזען אַרויס אַ גרויסע בעזאָרגטקייט פאַר זייערע פערוואונדעטע חברים, און בעת זיי ענטלויפען פון פיינד וועלען זיי קיינמאָל ניט איבער־לאָזען אַ פערוואונדעטען חבר, ביז וואַנען זיי איבערצייגען זיך ניט, אַז ער איז טויט און אַז זיי קענען איהם שוין מעהר ניט רעטען דאָס לעבען. אַזוי דערצעהלט פאָרבז אין זיינע „אָריענטאַלע מעמוארען“ מיט וואָס פאַר אַ האַרטנעקיגקייט די אַפּפען האָבען געפאָדערט פון זיין קאָמפּאַניע, מען זאָל זיי אַרויסגעבען דעם קערפּער פון אַ גע׳הרג׳עטער אַפּפין, און ער בעמערקט דערביי, אַז די פאָדערונג איז געשטעלט געוואָרען אין אַזא ריהרענדער פאָרם, אַז מען קען לייכט בעגרייפען פאַר וואָס „די צושויער פון אָט דער אונגעוועהנליכער סצענע האָבען בעשלאָסען מעהר קיינמאָל ניט צו שיסען אויף אַפּפען“.1)

די אַפּפען פון אייניגע מינים פעראייניגען זיך עטליכע צוזאַ־מען, ווען זיי ווילען איבערקעהרען אַ שטיין, כדי צו זוכען אונטער איהם די אייעלעך פון מוראשקעס. די האַמאַדריאַס פון צפון־אַפריקא, וועלכע לעבען אין זעהר גרויסע געמיינשאַפטען, פער־שטעהען ניט נאָר אַוועקצושטעלען וואַך־היטער, נאָר גאַנץ גלוי־בענסווערטהע בעאָבאַכטער האָבען געזעהן, ווי זיי האָבען אויס־געשטעלט אַ קייט פון זייערע מיטגליעדער און האָבען איבערגע־געבען איינער דעם אַנדערן די אָנגערויבטע פרוכט, אַוועקצוטראָגען עס אויף אַ זיכערען אָרט. זייער מוטה איז גוט בעקאַנט, און עס איז געווען נאָר צו דערמאָנען ברעהם׳ס קלאַסישע בעשרייבונג, אין וועלכער ער דערצעהלט בפרטיות וועגען דער ווירקליכער מלחמה,

1) ציטירט אין ראָמיינעס׳ בוך „אַנימאַל אינטעלידזשענס“, ז. 472.

וואָס זיין קאַראַוואַן האָט געמוזט האַלטען מיט די דאָזיגע האַמאַדריאַס, אײדער זיי האָבען איהם געלאָזען פאַרטזעצען זיין רייזע אין דעם טהאָל מענזאַ, אין אַביסיניע.1) עס איז אויך בעקאַנט דער שפּיעל־גייסט פון די לאַנג־עקיגע אַפּפען, (וועלכע הייסען טאַקע דערפאַר די שפּיעלער), ווי אויך די צוגעבונדענקייט פון אײנעם צום אַנדערן, וואָס הערשט אין די פאַמיליעס פון די שימפּאַנזעס. און אויב עס געפינען זיך צווישען די העכערע אַפּפען צוויי מינים (דער אָראַנגאוטאַן און דער גאָררילאַ), וועלכע צייכענען זיך ניט אויס מיט זייער געזעלשאַפטליכקייט, דאַרף מען געדענקען, אַז אָט דיביידע מינים, וואָס זיינען בעשרענקט אויף זעהר קליינע געביטען (איינער לעבט אין צענטראַל־אַפריקאַ און דער אַנדערער אויף די אינזלען באָרנעאָ און סומאַטראַ), שטעלען מיט זיך פאָר לויט אַלע וואהרשיינליכקייטען די לעצטע אויסשטאַרבענדע רעשטען פון צוויי מינים, וועלכע זיינען פריהער געווען ניט דער ערך רייכער אין צאָהל. דער גאָררילאַ וועניגסטענס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען מעהר געזעלשאַפטליך אין אַמאָליגע צייטען — אויב די אַפּפען, וואָס זיינען דערמאָנט אין פ ע ר י פ ל ו ס (אַ געוויסע בעשרייבונג פון אַ רייזע אויפ׳ן ים) זיינען ווירקליך געווען גאָררילאַס.

מען קען אָט אַזוי זעהן אַפילו פון אונזער קורצער איבערזיכט, אַז דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען איז ניט קיין אויסנאַהם אין דער טהיערען־וועלט, נאָר פערקעהרט, עס איז אַן אַלגעמיינער רעגעל — אַ נאַטור־געזעץ — און עס גרייכט זיין העכסטע ענטוויקלונג ביי די העכערע רוקענביינינגע טהיערען. די מינים, וועלכע לעבען אָבגעזונדערט אָדער אין בלויז קליינע פאַמיליען, זיינען גאַנץ ווינציג און פערהעלטניסמעסיג ניט רייך אין צאָהל. נאָך מעהר ווי דאָס, עס זיינען פאַראַן גרונדען זיך משער צו זיין, אַז אַלע פויגלען און זויגטהיערען, מיט גאַנץ ווינציגע אויסנאַהמען, וועלכע לעבען ניט היינטיגע צייטען אין סטאַדעס אָדער מחנות, האָבען

1) ברעהם, באַנד 1, ז. 82. — דאַרווין, „אָבשטאַמונג פון מענשען“, קאַפּיטעל 3. — קאַזלאָוו׳ס עקספּעדיציע (1899—1901) איז אויך אויסגעקומען אָבצוהאַלטען אַזאַ מלחמה אין צפון־טיבעט. זעה אַנהאַנג

פריהער יאָ געלעבט אין געמיינשאַפטען — איידער דער מענשליכער מין האָט זיך פערשפרייט אויף דער אויבערפלעך פון דער ערד און האָט אָנגעהויבען פיהרען אַנטקעגען זיי אַ מלחמה פון אויסראָטונג, פערניכטענדיג די קוואַלען פון וואַנען זיי האָבען געלעבט. „מען פעראייניגט זיך ניט אין מחנות אויף צו שטאַרבען" האָט עספינאַס ריכטיג בעמערקט, און הוזאָ, וועלכער האָט גוט געקענט די טהיערען־וועלט פון אייניגע טיילען פון אַמעריקא, איידער די מענשען האָבען זיך גענומען אויסצוראָטען די חיות אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, האָט אַרויסגעזאָגט אין זיינע ווערק דעמזעלבען געדאַנק.

אַסאָציאַציעס בעגעגענט מען אין דער טהיערען־וועלט אויף אַלע שטופען פון ענטוויקלונג; און לויט הערבערט ספענסער'ס גרויסער אידעע, וועלכע פעריע האָט אַזוי גלענצענד ענטוויקעלט אין זיין ווערק „קאָלאָניעס אַנימאַלעס", בעווייזען זיך „קאָלאָניעס", ד. ה. אַ געזעלשאַפטליך צוזאַמענלעבען, שוין גאָר אין אָנהויב פון דער ענטוויקלונג פון טהיערען־רייך. אָבער אין דעם ערך ווי מיר הויבען זיך אויף אויפ'ן לייטער פון ענטוויקלונג, זעהען מיר ווי די פעראייניגונגען ווערען אַלץ מעהר און מעהר בעוואוסטזיניג. זיי פערלירען זייער ריין־פיזישען כאַראַקטער, זיי הערען אויף צו זיין פשוט אינסטינקטיוו און ווערען איבערלעגטע פעראייניגונגען. צווישען די העכערע רוקענביינינגע טהיערען געפינט זיך שוין אַ צייטליכע פאָרם פון פעראייניגונג, אַ פעריאָדישע; אָדער אַ פעראייניגונג צוליעב דעם צוועק פון בעפריעדיגען אַ וועלכע עס איז בעשטימטע בעדערפעניס, ווי צ. ב. ש. פאָרטפלאַנצען דעם מין, אויסוואַנדערן, פיהרען געיעג, אָדער זיך געגענזייטיג צו בעשיצען. זי קומט אויך פאָר צופעליג — דהיינו ווען פויגלען פעראייניגען זיך אַנטקעגען אַ רויבער, אָדער זויגטהיערען קומען זיך צוזאַמען כדי צו עמיגרירען אונטער דעם דרוק פון בעזונדערע אומשטענדען. אין אַט דעם לעצטען פאַל איז די פעראייניגונג אַ פרייוויליגע טהאַט, וואָס ברייננט אַן ענדערונג אין זייער געוועהנליכער אַרט לעבען.

די פעראייניגונג קומט אַמאָל פאָר אין צוויי אָדער דריי שטופען: צוערשט די פאַמיליע, דערנאָך די גרופע און ענדליך אַן אַסאָציאַציע פון גרופען, וועלכע זיינען געוועהנליך צושפרייט, און פעראייניגען זיך נאָר אין פאַל פון אַ נויט, ווי מיר האָבען עס געזעהן אין דעם ביישפיעל פון די בופעלאָקסען און אַנדערע מעלי־

גרה'דיגע. זי נעהמט אויך אַן העכערע פאָרמען, וועלכע גיבען דעם איינצעלנעם מעהר אונאָבהענגיגקייט, ניט בערויבענדיג איהם אין דערזעלבער צייט פון די נוצען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. אַזוי געפינען מיר ביי די מעהרסטע גריזונעס, אַז יעדע פאַמיליע האָט זיך איהר אייגענע וואוינונג, וואו זי קען זיך צוריקציהען ווען זי וויל זיין אַליין, די וואוינונגען אָבער זיינען אויסגעלעגט אין דערפער און אין גאַנצע שטעדט, כדי אַלע איינוואוינער זאָלען זיין פערזאָרגט מיט די נוצען און צופריעדענשטעלונג פון געזעלשאַפטליכען לעבען. און ענדליך ביי אייניגע מינים, ווי צ. ב. ש. ביי די ראַצען, מירמעל־טהיערען, האָזען א. ד. ג. ווערט אויפגעהאַלטען דאָס געזעלשאַפט־ליכע לעבען, ניט קוקענדיג אויף זייער טבע זיך אַרומצורייסען און אויף די עגאָאיסטישע נייגונגען בכלל פון יעדען איינעם בעזונדער. אין די אַלע פעלען איז דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען ניט קיין נויטיגער בעדינג, ווי ביי די מוראַשקעס און ביענען, וואָס קומט פון זייער פיזיאָלאָגישען געבוי; דאָ ווערט עס קולטיווירט צוליעב די נוצען אָדער די פערגעניגענס, וואָס די געגענזייטיגע הילף גיט זיי. די געזעלשאַפטליכקייט בעוויזט זיך נאַטירליך אין אַלע מעגליכע שטופען און ביי דער גרעסטער פערשיידענאַרטיגקייט פון די אינדיווידועלע און מינים־כאַראַקטערען — אגב בעמערקט, איז אָט די פערשיידענאַרטיגקייט גופא אַ פועל יוצא פון דער אַלגעמיינער פערברייטונג פון געזעלשאַפטליכען לעבען, און אויך אַ וויטערדיגער בעוויז פאַר זיין אַלגעמיינקייט. 1)

די געזעלשאַפטליכקייט, ד. ה. די פאָדערונג וואָס די חיה פיהלט צו געזעלען זיך מיט איהר גלייכען, די ליעבע צו דער געזעל־שאַפט פון דער געזעלשאַפט וועגען גופא, פעראייניגט מיט דעם

1) ווי זאָנדערבאַר עס איז דעריבער צו לעזען אין האָקסלי'ס אויבענדערמאָנטען אַרטיקעל די פאָלגענדע וואַריאַציע פון רוססאָ'ס בעקאַנטער פראַזע: „דער ערשטער מענש, וואָס האָט פערביטען דעם געגענ־זייטיגען קאַמפף אויף אַ געגענזייטיגען אָבמאַך — וואָס פאַר מאָטיווען ער זאָל ניט האָבען געהאַט מאַכענדיג דעם דאָזיגען שריט — האָט בעשאַפען די געזעלשאַפט.“ („ניינטינטה סענטורי“, פעב. 1888, ז. 165). די געזעלשאַפט איז ניט בעשאַפען געוואָרען פון מענשען, זי האָט עקזיסטירט פריהער פאַר'ן מענשען.

געפיהל פון „לעבענס־פרייד“, הויבט ערשט איצט אָן צו ציהען אויף זיך די נויטיגע אויפמערקזאמקייט פון די זאָאָלאָגען.1) היינטיגע צייטען ווייסען מיר, אז אַלע חיות, אָנהויבענדיג מיט די מוראשקעס, אריבערגעהענדיג צו די פויגלען און ענדיגענדיג מיט די העכערע זויגטהיערען, האָבען ליעב שפּיעלען, ראנגלען זיך און נאָכיאָגען איינער דעם אנדערן, כאפּען און רייצען זיך איינער מיט דעם אנדערן, און אז. וו. און בעת פיעלע שפּיעלען זיינען פּאַר די יונגע אזוי צו זאָגען א פּאַר־שול, וואו זיי גרייטען זיך צו צו דער ריכטיגער אויפפיהרונג שפּעטער אין לעבען, זיינען אויך פאראן שפּיעלען, וועלכע א חוץ זייערע ניצליכע צוועקען שטעלען פאַר, צוזאמען מיט טענץ און געזאנג, א פּשוט׳ען אויסגוס פון אן איבערפלוס פון לעבענסקרעפטען, דעם „גענוס פון לעבען“, וועלכע דריקען אוים דעם פערלאנג אריינצוטרעטען אויף וועלכען עס איז אופן אין פער־בינדונג מיט אייגענע פון דעמזעלבען מין, אָדער אפילו מיט מיט־גליעדער פון אנאנדער מין. קורץ גערעדט, אָט די שפּיעלען שטעלען מיט זיך פּאַר אן אויסדרוק פון געזעלשאפטליכקייט אין ריכטיגען זין פון דעם וואָרט, וועלכע צייגט זיך ארוים אלס א כאראקטער־שטריך פון דער גאנצער טהיערען־וועלט.2) זאל עס זיין א געפיהל פון שרעק בעת עס בעוויזט זיך א רויבפויגעל, אָדער אן „אויסגוס פון פרייד“ ווען די חיות זיינען געזונד און דערהויפּט

---

1) אַזוינע מאָנאָגראַפען ווי דער קאַפּיטעל וועגען „מוזיק און טענץ אין דער נאַטור“ (אין הודסון׳ס בוך „אַ נאַטורפאָרשער אויף לא פּלאַטא“) און קאַרל גראָסס׳ „דאָס שפּיעלען פון טהיערע“ האָבען שוין אַ רעכט ביסעל בעלויכטען די פראַגע וועגען דעם דאָזיגען אינסטינקט, וועלכער איז אַבסאָלוט אַלגעמיין אין דער נאַטור.

2) ניט נאָר צאָהלרייכע מינים פויגלען האָבען די געוועהנהייט צונויפצוקלייבען זיך איינאיינעם — אין פיעלע פעלען אַלעמאָל אויף דעמזעלבען אָרט — פאַר אַלערליי סאָרטען שפּיעלען און טאַנצען, נאָר, לויט דער בעאָבאַכטונג פון וו. ה. הודסאָן, האָבען כמעט אַלע זויגטהיערען און פויגלען (אפשר אין דער אמת׳ן לחלוטין אַלע גאָר אָהן אויסנאַהמע) די טבע זיך אָבצוגעבען מיט מעהר אָדער וועניגער רעגולערע און בעשטימטע שפּיעלען, שטילע אָדער אין בעגלייטונג פון קלאַנגען, אָדער דורכאויס מיט קלאַנגען. (ז. 264).

יונג, אָדער גאָר פשוט א פערלאַנג צו בעפרײען זיך פון אַן איבער־פלוס פון אײנדרוקען און קאָכיגער לעבענסקראַפט — די נױט איבערצוגעבען די אײגענע אײנדרוקען, די נױט אינאײנעם צו שפּיעלען זיך, צו פלוידערן צוזאַמען, אָדער אײנפאַך פּיהלען די נאָהענטקײט פון אַנדערע אײגענע לעבעדיגע בעשעפעניסען — אַט די פאָדערונג דרינגט דורך די גאַנצע נאַטור און, פּונקט אין אַזאַ שטאַרקען ערך װי יעדע אַנדערע פיזיאָלאָגישע פונקציע, אַזױ איז זי אויך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון לעבען און פון דער עמפינדליכקײט בכלל. אַט די פאָדערונג צײגט אַן אויף אַ העכערער ענטװיקלונג און זי גרײכט אַ שעהנערן אויסדרוק בײ די זויגטהיערען, דערהױפּט בײ די יונגע, און נאָך מעהר בײ די פױגלען: זי דרינגט אָבער דורך די גאַנצע נאַטור. די בעסטע נאַטורפאָרשער האָבען עס ריכטיג בעאָבאַכטעט, — פיערע הובער האָט עס בעמערקט, אפילו בײ די מוראַשקעס — און עס איז קײן ספק ניטאָ, אַז אַט די זעלביגע פאָדערונג, אַט דער אײגענער אינסטינקט, ברײנגט אויך צוזאַמען אין גרױסע מחנות די שמעטערלינגען און אַנדערע אינזעקטען, װעגען װעלכע מיר האָבען גערעדט אויבען.

די געװוינהײט פון די פױגלען זיך צונױפצוקומען אויף טענץ און צו בעפוצען די ערטער װאו זײ טאַנצען, מוז די לעזער אודאי זײן גוט בעקאַנט, װעניגסטענס פון די בלעטלעך, װאָס דאַרװין האָט געװידמעט דעם ענין אין זײן „אָבשטאַמונג פון מענשען“ (קאַפּיטעל 13). די בעזוכער פון לאָנדאָנער זאָאָלאָגישען גאָרטען זײנען אויך בעקאַנט מיט דעם שעהן־בעפוצטען זומער־הײזעל פון דעם „אַטלאַס־פױגעל“, 1) װאָס איז געבױט פאַר דעמזעלבען צװעק. אָבער דער מנהג פון טענץ, װײזט זיך אַרױס, איז פיעל מעהר פערברײטעט אײדער מען האָט אַמאָל געמײנט, און װ. הודסאָן אין זײן מײסטערװערק װעגען לאַ פּלאַטאַ גיט אַן אויסערגעװעהנליך

---

1) דער אויסטראַלישער פױגעל, אַ קרוב פון אונזער גאָלד־פױגעל (איװאָלגאַ אין רוסיש), און װעלכען די ענגלישע רופען „סאַטין באָװער בױרד“, בױט זיך אָנשטאָט אַ נעסט אַ הײזעל פון צװײגען מיט אַ הענג־װיגעל, און פּוצט עס אויס מיט אַלערלײ בונטע זאַכען, װי פעדערן פון פּאַפּוגײען, קאָלירטע ים־שיסעלעך א. אַז. װ. אין לאַטײן הײסט דער פױגעל: פּטילאָנאָרהינכהוס האָלאָסעריקלוס.

אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון די קאמפליצירטע טענץ, וואס ווערען אויסגעפיהרט פון צאהלרייכע מינים פויגלען, ווי די שפאט־פויגלען, זשאקאמארען, קיעביץ־פויגלען א. אז. וו.

די געוועהנהייט פון אייניגע מינים פויגלען צו זינגען אינ־איינעם, געהערט צו דער זעלביגער קאטעגאריע פון געזעלשאפטליכע אינסטינקטען. זי איז אין א גרויסען גראד ענטוויקעלט ביי דעם דרום־אמעריקאנישען פויגעל טשאקאר (אזא מין, וואס איז א נאהענטער קרוב צו די גענז), וועלכען די ענגלענדער רופען אן מיט דעם זעהר פראזאאישען און ניט ריכטיגען נאמען „דער קודלעוואטער שרייער". אט די פויגלען קלייבען זיך אפטמאל צוזאמען אין אונ־געהויער גרויסע מחנות און שטעלען דאן צונויף א גאנצען קאנצערט. הודסאן האט זיי אמאל געטראפען אין זעהר גרויסע מאסען, זיצענדיג ארום אן אזערע אין די פאמפאסען, אין בעזונדערע מחנות, ארום 500 פויגלען אין יעדער מחנה.

„מיטאמאל — שרייבט ער — האט איין מחנה, וועלכע איז געווען נעהענטער צו מיר, אנגעפאנגען זינגען און האט אנגעהאלטען איהר מעכטיגען כאר פון דריי ביז פיער מינוט נאכאנאנד; ווען זי איז אנשוויגען געווארען, האט די נעקסטע מחנה אנגעהויבען זינגען, דערנאך אן אנדערע און אזוי ווייטער, ביז עס האט זיך דערטראגען צו מיר דער געזאנג פון דער מחנה, וואס איז געזעסען אויפ'ן אנטקעגענדיגען ברעג פון אזערע, הילכיג און קלאר איבער'ן וואסער; דאן זיינען זיי ביסלעכווייז שטיל געווארען און אנדערע מחנות האבען פון דאס ניי אנגעהויבען זינגען נעבען מיר."

אנאנדערשט מאל איז דעמזעלבען זאאלאג אויסגעקומען צו זעהן אן אונצעהליגע מענגע טשאקארען, וואס האט בעדעקט דעם גאנצען פליין, אבער איז ניט געווען צוטיילט אין בעזונדערע מחנות, נאר צעווארפען פארוויז און אין קליינע גרופען. ארום 9 א זייגער אין אוונד „האט פלוצלונג די גאנצע מאסע פויגלען, וואס האט בעדעקט די זומפיגע פעלדער אויף מיילען ארום, צוגאסען זיך אין א מעכטיגען אוונד־געזאנג... עס איז כדאי געווען פאהרען הונ־דערטע מיילען, כדי צו הערען אזא קאנצערט." 1) מען קאן נאך דערביי צולעגען, אז דער טשאקאר, גלייך ווי אלע געזעלשאפטליכע

---

1) וועגען די כארען פון די אפפען, זעה ברעהם, באנד 1.

חיות, ווערט לייכט הויזליך און זעהר צוגעבונדען צו מענשען. מען זאָגט אויף זיי, אז „זיי זיינען זעהר פריעדליכע פויגלען, וועלכע קריעגען זיך זעלטען“, הגם זיי זיינען גוט בעוואָפענט מיט גאַנץ שרעקליכע שפּאָרען אויף די פליעגלען. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען אָבער מאַכט אָט די וואָפען נוצלאָז.

אז דאָס געזעלשאַפטס-לעבען איז די שטאַרקסטע וואָפען אין'ם קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, (אין ברייטסטען זין פון דעם וואָרט), איז בעוויזען געוואָרען אויף די פריהערדיגע זייטען דורך גאַנץ פערשיידענע ביישפּיעלען, וועלכע מיר וואָלטען געקענט פיעל פערמעהרען, אויב עס וואָלט נויטיג געווען. דאָס לעבען אין געזעלשאַפטען (ווי מיר האָבען עס געזעהן) גיט די שוואַכסטע אינזעקטען, די שוואַכסטע פויגלען, די שוואַכסטע זויגטהיערען די מעגליכקייט צו שטעלען זיך אַנטקעגען, אָדער בעשיצען זיך פון אן אָנפאַל פון די שרעקליכסטע רויבפויגלען און טהיערען; עס מאַכט מעגליך א לאַנג לעבען; עס גיט דעם מין די מעגליכקייט אויסצוהאָדעווען א נייעם דור ביי דער קלענסטער פערלוסט פון ענערגיע, און צו אויפהאַלטען זיין צאָהל אַפילו ביי א זעהר שוואַכער פרוכטבאַרקייט; עס גיט די געזעלשאַפטליכע חיות די מעגליכקייט אויסצו-וואַנדערן און געפינען פאַר זיך ווען נויטיג נייע וואוינונגספּלעצער. און הגם מיר גיבען פאָלשטענדיג צו, אז כח, שנעלקייט, בעשיצענדע קאָלירען, געשייטקייט, אויסדויער און קענען אריבערטראָגען הונגער און קעלט, ווי דאַרווין און וואָלליים ברענגען עס ארויס, זיינען אַלץ מעלות, וועלכע מאַכען די איינצעלנע, אָדער דעם מין, מעהר צוגעפּאַסט אין בעשטימטע פעלען — בעהויפּטען מיר אָבער פון דעסטוועגען, אז די געזעלשאַפטליכקייט גיט דעם גרעסטען פאָרצוג אין קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, אונטער א ל ע מ ע ג ל י כ ע אומשטענדען פון דער נאַטור. די מינים, וועלכע, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, זאָגען זיך אָב פון דער געזעלשאַפטליכקייט, זיינען פערורטהיילט אויסצושטאַרבען; בעת די חיות, וועלכע פערשטעהען צו פעראייניגען זיך אויף'ן בעסטען אופן, האָבען די גרעסטע שאַנסען צו בלייבען לעבען און זיך ווייטער ענטוויקלען, אַפילו ווען זיי זאָלען זיין נידעריגער איידער אַנדערע אין א ל ע פעהיגקייטען, וואָס דאַרווין און וואָלליים האָבען אויסגערעכענט, מיט דער איין אויס-

נאהם פון די גייסטיגע פעהיגקייטען. די העכערע רוקענביינינגע מינים, און בעזונדערס דער מענשליכער מין, דיענען אלס דער בעסטער בעווייז פאר אט דער בעהויפטונג. וואס געהערט די גייסטיגע פעהיגקייטען, איז בעת יעדער דארוויניסט וועט איינשטימען מיט דארווינען, אז זיי זיינען די מעכטיגסטע וואפען אין קאמפף פאר עקזיסטענץ און דער מעכטיגסטער פאקטאר פון ווייטערער ענטוויקלונג, וועט ער אויך מוזען מודה זיין, אז די גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען אין העכסטען גראד א געזעלשאפטליכע פעהיגקייט. שפראך, נאכאהמונג און אנגעקליבענע ערפאהרונג זיינען די נויטיגע עלעמענטען פאר דער ענטוויקלונג פון די גייסטיגע פעהיגקייטען, און דוקא די עלעמענטען פעהלען ביי די ניט־געזעלשאפטליכע חיות. דעריבער געפינען מיר טאקע, אז אויפ׳ן שפיץ פון די פערשיידענע קלאסען חיות שטעהען אזעלכע לעבעדיגע ווזענס, ווי די מוראשקעס און טערמיטען, די פאפוגייען, די אפפען, ביי וועלכע אי די גייסטיגע פעהיגקייטען, אי די געזעלשאפטליכקייט זיינען אזוי הויך ענטוויקעלט. „די מעהר צוגעפאסטע", די בעסער צוגעפאסטע פאר׳ן קאמפף מיט אלע פיינדליכע עלעמענטען, זיינען אויף דעם אופן די מעהר געזעלשאפטליכע חיות — אזוי אז מען קען אננעהמען די געזעלשאפטליכקייט פאר דעם הויפט־פאקטאר אי דירעקט, ווייל זי פערזיכערט דעם וואוילזיין פונ׳ם מין ביי דער קלענסטער אוננויטיגער פערלוסט פון ענערגיע, אי אינדירעקט, ווייל זי העלפט דאס וואקסען פון די גייסטיגע פעהיגקייטען.

עס איז אויך קלאר, אז עס וואלט לחלוטין ניט מעגליך געווען קיין לעבען אין געזעלשאפטען, ווען עס וואלטען זיך ניט ענטוויקעלט די פאסיגע געזעלשאפטליכע געפיהלען, און דער עיקר, א געוויסער קאלעקטיוו־געפיהל פון גערעכטיגקייט, וואס ענטוויקעלט זיך צו א געוועהנהייט. ווען יעדער איינציגער וואלט שטענדיג אויסגענוצט פאר זיך זיינע פערזענליכע פארטיילען, און די איבעריגע וואלטען זיך ניט אנגענומען פאר דעם בעליידיגטען, וואלט קיין געזעלשאפטליך לעבען ניט געווען מעגליך. ביי אלע געזעלשאפטליכע חיות ענטוויקעלט זיך דעריבער, אין א גרעסערן אדער קלענערן גראד, א געפיהל פון גערעכטיגקייט. ווי גרויס עס זאל ניט זיין דער מרחק פון וואנען די שוואלבען און די בושלען זיינען געקומען צו פליהען, קעהרט זיך יעדערער אום צו דעם נעסט, וואס ער האט

געבויט אָדער פעררירכט דעם פאָריגען יאהר. אויב א וועלכער עס איז פוילער (אָדער יונגער) שפערלינג וויל צונעהמען פאר זיך דעם נעסט וואָס זיין חבר בויט, אָדער אויב ער גנב'עט נישט מעהר ווי עטליכע שטרויעלעך פון איהם, מישט זיך אריין די גאַנצע גרופּע שפּערלינגען אין דער מחלקה אנטקעגען דעם פוילען חבר; און עס איז קלאָר, אז אויב אזא אריינמישען זיך וואָלט ניט געווען אַן אַלגעמיינער רעגעל, וואָלטען ניט געווען מעגליך קיין געזעלשאַפטען פון פויגלען אויף צו בויען נעסטען. בעזונדערע גרופּען פינגווינגען האָבען זייערע ערטער פאר אָברוה און זייערע ערטער פאר כאַפּען פיש, און קריגען זיך ניט איבער דעם. יעדע סטאַדע פיה אין אויסטראַליען האָט איהר בעשטימטען אָרט וואו זי קומט זיך אָב־רוהען טאָג־טעגליך, אָהן א שנוי, א. אז. וו.1)

מיר האָבען וויפיעל איהר ווילט דירעקטע בעאָבאַכטונגען וועגען דעם פריעדען, וואָס הערשט אין די נעסטען־בויענדע געזעלשאַפטען פון פויגלען, אין די דערפער פון די גריזונעס, אין די סטאַדעס פון די גראָז־פרעסער, א. אז. וו.; בעת פון דער אַנדער זייט זיינען אונז בעקאַנט נאָר זעהר ווייניגע געזעלשאַפטליכע חיות, וואָס רייסען זיך שטענדיג ארום צווישען זיך, ווי דאָס טהוען די ראַצען אין אונזערע קעלערס, אָדער די ים־קעלבער אויפ'ן ברעג ים פאר א זוניגען פּלאַץ וואו צו וואַרעמען זיך. די געזעלשאַפטליכקייט בעגרעניצט אויף דעם אופן דעם פיזישען קאַמפף און מאַכט פּלאַץ פאר דער ענטוויקלונג פון די בעסערע זיטליכע געפיהלען. די הויכע ענטוויקלונג פון עלטערנ'ס ליעבע, — אבסאָלוט ביי אַלע קלאַסען חיות, ניט אויסשליסענדיג אפילו די לייבען און טיגערן, — איז אַלעמען געגוג בעקאַנט. וואָס געהערט די יונגע פויגלען און זויג־טהיערען, וועלכע מיר זעהען שטענדיג לעבען אין פעראייניגונג, ווערט שוין אין זייערע געזעלשאַפטען ווייטער ענטוויקעלט די סימ־פּאַטיע, ניט די ליעבע. לאָזענדיג אָן א זייט די ווירקליך ריהרענדע פאַקטען פון גענענזייטיגער צוגעבונדענקייט און געפיהלען פון מיט־לייד, וועלכע מען האָט בעמערקט ביי די הויזליכע חיות און ביי ווילדע חיות אין געפאַנגענשאַפט, האָבען מיר א געגוג־גרויסע צאָהל

1) הייגארטה „בוש לייף אין אויסטראַליע", ז. 58. דאָס אייגענע געהט אויך אויף די בופעלאָקסען.

פון גאנץ פעסטגעשטעלטע פאקטען, וועלכע בעווייזען די עקזיסטענץ פון דעם מיטליידס־געפיהל ביי די ווילדע חיות, וואס לעבען אין דער פריי. מאקס פערטי און ל. ביכנער האבען צונויפגעקליבען א רעכט ביסעל אזוינע פאקטען. 1) וואוד'ס ערצעהלונג, ווי א טחאר האט אויפגעהויבען און אוועקגעטראגען מיט זיך א פערוואונדעטען חבר, פערדיענט עהרליך איהר פאפולאריטעט. 2) צו דעמזעלבען קלאס פאקטען געהערט אויך די בעקאנטע בעאבאכטונג פון קאפיטאן סטאנסבורי אויף זיין רייזע איבער די פעלזען־בערג פון אוטאה, וועלכע איז ציטירט ביי דארווינען. סטאנסבורי האט געזעהן א בלינדען פעליקאן, וועלכען אנדערע פעליקאנען האבען געשפייזט, און גוט געשפייזט, מיט פיש, וואס זיי האבען געבראכט פון דרייסיג מייל ווייט.3) אדער די בעאבאכטונג פון ה. א. ווערדעלל, אויף זיין רייזע איבער באליוויע און פערו, וואו ער האט מעהרערע מאל בעמערקט, אז ווען יעגער פערפאלגען א סטאדע פון וויקונאס, דעקען צו די זכרים דאס צוריקטרעטען פון דער סטאדע און שטעלען זיך בכיון אב פון הינטען, כדי צו בעשיצען די צוריקטרעטענדע. וואס געהערט די פאקטען וועגען דעם אויסדרוק פון מיטלייד, וואס חיות ווייזען ארויס צו זייערע פערוואונדעטע חברים, געפינט מען זיי שטענדיג דערמאנט פון די זאאלאגען, וועלכע שטודירען דאס נאטור־לעבען. אזוינע פאקטען זיינען גאנץ נאטירליך. מיטלייד מוז זיך נויטיגערווייז ענטוויקלען אין געזעלשאפטליכען לעבען. אבער מיט־

---

1) איך וועל נאר בריינגען איניגע ביישפיעלען: א פערוואונדע־טער דאכס (בארסוק) איז אוועקגעטראגען געווארען פון אנאנדער דאכס, וועלכער איז פלוצלינג איהם געקומען צו הילף; מען האט בעמערקט ווי ראצען האבען געשפייזט צוויי בלינדע חברים („זעעלען לעבען דער טיע־רע", ז. 64). ברעהם האט אליין געזעהן ווי צוויי ראבען האבען געשפייזט אין א אויסגעהעהלטען בוים א דריטען ראב, וועלכער איז פערוואונדעט געווארען מיט עטליכע וואכען פריהער. („הויזפריינד" 1874, ז. 715; ביכנער „ליעבע", ז. 203) בליטה האט געזעהן ווי אינדישע ראבען האבען געשפייזט צוויי אדער דריי בלינדע חברים, א. אז. וו.

2) דזש. ס. וואוד, „מאן אנד ביסט", ז. 344.

3) ל. ה. מארגאן, „דהי אמעריקאן ביווער", 1868, ז. 272; דאר־ווין „אבשטאמונג פון מענשען", קאפיטעל 4.

לייד בעווייזט שוין א היבשען אלגעמיינעם פראגרעס אויפ'ן געביעט פון די גייסטיגע און די עמפינדונגס פעהיגקייטען. עס איז דער ערשטער שריט צו דער ענטוויקלונג פון די העכערע מאראלע געפיהלען, און איז פאר זיך אליין א מעכטיגער פאקטאר פון ווייטערדיגער ענטוויקלונג.

אויב די אנשויאונגען, וואס זיינען דערקלערט געווארען אויף די פאריגע זייטען, זיינען ריכטיג, דאן קומט נויטיגערווייז ארויף די פראגע: אויף ווי ווייט שטימען זיי מיט דער טעאריע פון קאמפף פאר עקזיסטענץ, אין דער פארם ווי זי איז אויסגעארבייט געווארען פון דארווין, וואלליים און זייערע נאכפאלגער? און איך וועל איצט אין קורצען ענטפערן אויף אט דער וויכטיגער פראגע. פריהער פאר אלץ מוז איך זאגען, אז קיין איינציגער נאטורפארשער קען ניט צווייפלען, אז די אידעע פון א קאמפף פאר עקזיסטענץ, וואס ווערט דורכגעפיהרט דורך דער גאנצער ארגאנישער נאטור, איז די גרעסטע גענעראליזאציע פון אונזער יאהרהונדערט. דאס לעבען א י ז א קאמפף, און אין דעם קאמפף בלייבען לעבען די מעהר צוגעפאסטע. ווען אבער מען שטעלט אוועק די פראגע: „מיט וועלכע וואפען ווערט אט דער קאמפף הויפטזעכליך געפיהרט?“ און „ווער צייגט זיך ארויס אין דעם קאמפף אלס דער מעהר־צוגעפאסטער?“ וועלען די ענטפערן אויף די צוויי פראגען זיין גאנץ פערשיידען, לויט דער בעדייטונג, וואס מען גיט די צוויי פערשיידענע זייטען פון דעם קאמפף — דעם דירעקטען קאמפף פאר שפייז און לעבענסזיכערקייט צווישען די בעזונדערע איינ־צעלנע, און יענעם אנדערן קאמפף, וועלכען דארווין האט אנגערופען דעם „מעטאפארישען“, ד. ה. דעם קאמפף, וואס איז זעהר אפט א געמיינשאפטליכער, אנטקעגען אונגינסטיגע אומשטענדען. קיינער וועט זיך ניט שטעלען אבלייקענען, אז אין די גרעניצען פון יעדען מין געהט אן ביז צו א געוויסען גראד א שטרייט פאר שפייז, ווענינגסטענס אין געוויסע צייטען. די פראגע איז אבער — צי גרייכט אט דער שטרייט די גרעניצען, וועלכע דארווין, אדער אפילו וואלליים בעהויפטעט? און צי האט ער געשפיעלט אין דער ענטוויקלונג פון טהיערען־רייך די ראליע, וועלכע מען שרייבט צו איהם צו?

די אידעע, וועלכע דאַרווין פיהרט דורך אין זיין גאַנצען ווערק וועגען דעם אורשפּרונג פון די מינים, איז בלי ספק אַ אידעע פון אַ ווירקליכען שטרייט, 1) פון אַ קאַמפּף אין די גרעניצען פון יעדער טהיערען־גרופּע, פאַר שפּייז, לעבענסזיכערקייט און פאַר דער מעגליכקייט צו לאָזען נאָך זיך אַ נייעם דור. ער רעדט אָפט פון געגענדען, וואָס זיינען איבערפילט ביז די לעצטע גרעניצען מיט טהיערישען לעבען, און פון אָט דער איבערפילטקייט פיהרט ער אַרויס די אונפערמיידליכקייט פון שטרייט און קאַמפּף צווישען די איינוואוינער. ווען מיר נעהמען אָבער זוכען אין זיין בוך די ווירקליכע בעווייזען פון אַזאַ שטרייט, מוזען מיר מודה זיין, אז ווירקליך־איבערצייגענדע בעווייזען — זייגען ניטאָ. ווען מיר ווענדען זיך צו דעם פּאַראַגראַף, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „דער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ — אַם שאַרפסטען צווישען די איינצעלנע און וואַריעטעטען פון איין און דעמזעלבען מין“, געפינען מיר ניט אין איהם די רייכקייט פון בעווייזען און ביישפּיעלען, וועלכע מיר זיינען געוועהנט צו געפינען אין יעדער זאַך, וואָס דאַרווין האָט געשריבען. קיין איין ביישפּיעל ווערט ניט געבראַכט כדי צו בעשטעטיגען דעם קאַמפּף צווישען די איינצעלנע פון איין מין: עס ווערט איינפאַך אָנגענומען ווי אַן אַקסיאָמע. דער שטרייט צווישען נאָהענטע מינים פון חיות ווערט בעשטעטיגט בלויז מיט פינף ביישפּיעלען, פון וועלכע איינער, יעדענפאַלס, (בנוגע די צוויי מינים דראָסלען) צייגט זיך אַרויס, לויט די לעצטע בעאָבאַכטונגען, צווייפעלהאַפטיג.2) ווען מיר נעהמען אָבער זוכען ווייטערע איינצעלהייטען,

---

1) דאַרווין געברויכט דאָס וואָרט „קאָמפּעטישען“, וואָס ווערט געוועהנליך איבערזעצט ווי קאָנקורענץ, אָדער דאָס זוכען דעם אַנדערן אַריבערצויאָגען. דער פּערפאַסער דענקט, אז דאָס וואָרט „שטרייט“ גיט דאָ אַם בעסטען איבער דעם ריכטיגען זין פון דאַרווינ׳ס אויסדרוק.

2) עס ווערט בעהויפּטעט, אז איין מין שוואַלבען האָט גורם געווען אַ פערמינדערונג פון אַנאַנדער מין שוואַלבען אין נאָרד־אַמעריקאַ; אַז די אונלענגסטיגע פערגרעסערונג אין צאָהל פון די מיסטעל־דראָסלען, אין שאָטלאַנד, האָט געפיהרט צו א פערקלענערונג פון דער צאָהל זינג־דראָסלען; אז דער ברוינער ראַץ האָט אין איראָפּאַ פערנומען דעם פּלאַץ פון דעם שוואַרצען ראַץ; אַז אין רוסלאַנד האָבען די קליינע טאַראַקאַנעס

כדי זיך צו איבערצייגען אויף וויפיעל די פערקלענערונג פון א געוויסען מין איז ווירקליך א פאָלגע פון דער פערגרעסערונג פון אַנאַנדער מין, געפינען מיר, אז דאַרווין זאָגט מיט זיין געוועהנליכער אָפּענקייט ווי פאָלגט:

„מיר קענען ניט קלאָר זעהען פאַרוואָס די קאָנקורענץ זאָל זיין אַם שאַרפסטען צווישען פאַרוואַנדטע פאָרמען, וועלכע פערנעהמען כמעט דעמזעלבען אָרט אין דער נאַטור; מיר וואָלטען אָבער וואַהרשיינליך אין קיין פאַל ניט געקענט אַקוראַט זאָגען, פאַר וואָס איין מין איז בייגעקומען אַנאַנדער מין אין דעם גרויסען לע־בענס־קאַמפף.“

וואָס געהערט וואָלליס׳ן, וועלכער ברענגט אין זיין ערקלערונג פון דאַרוויניזם די אייגענע פאַקטען, נאָר אונטער אַן עטוואָס גע־

אַרויסגעשטופּט זייערע קרובים פון אַ גרעסערן מין; און אַז אין אויסטראַ־ליע האָבען די אימפּאָרטירטע קערב־ביענען שנעל אויסגעראָטעט די דאָר־טיגע קליינע ניט־שטעכעדיגע ביענען. אין א פּאַראַגראַף פריהער ווערען דערמאָנט נאָך צוויי פעלען, אָבער זיי זיינען שייך צו הויזליכע טהיערען. א. ר. וואָלליס, ברענגענדיג די דאָזיגע פאַקטען, בעמערקט אין א פוס־נאָטע בנוגע צו די שאָטלאַנדישע דראָסלען: „פּראָפעסאָר א. ניוטאָן אָבער גיט מיר איבער, אז די דאָזיגע מינים געגענען זיך גאָרניט אָן אויף דעם אופן, ווי מען זאָגט“ („דאַרוויניזם“, ז. 34). וואָס געהערט די ברוי־נע ראַצען, ווייס מען, אז צוליעב זייערע אַמפיבישע געוועהנהייטען (ד. ה. צו לעבען אויף דער יבשה און אין וואַסער) האַלטען זיי זיך געוועהנליך אויף אין די נידעריגסטע טיילען פון די מענשליכע וואוינונגען (אין די אונטערשטע קעלערן און שמוץ־וואַסער רעהרען א. ד. ג.), ווי אויך ביי די ברעגעס פון קאַנאַלען און טייכען. זיי לאָזען זיך אַוועק אין ווייטע נסיעות גרויסע מחנות׳ווייז. די שוואַרצע ראַצען דאַגעגען ציהען פאָר זיך אויפצוהאַלטען אין די מענשליכע וואוינונגען גופא, אונטער די דיע־לען, ווי אויך אין די שטאַהלען און שייערן. זיי זיינען אָט אזוי פיעל מעהר אויסגעזעצט דער געפאַהר פערניכטעט צו ווערען פון מענשען, און דעריבער קען מען ניט, אפילו מיט וויפיעל עס איז זיכערקייט, בעהויפּ־טען, אז די שוואַרצע ראַצען ווערען אויסגעראָטעט אדער ארויסגעשטופּט דורך די ברוינע ראַצען, וועלכע נעהמען ביי זיי אָב די קוואַלען פון חיונה, און ניט אַז זיי ווערען וועניגער דורך די הענד פון מענשען.

ענדערטען קעפּיל („דער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ צווישען נאָהענט־פערוואַנדטע חיות און פלאַנצען איז *אָפּטמאָל* דער שאַרפ־סטער“), מאַכט ער דערביי די פאָלגענדע בעמערקונג, וועלכע גיט די אויבענגעבראַכטע פאַקטען גאַר אַנאַנדער בעלייכטונג. ער זאָגט (די אונטערשטריכען זיינען מיינע):

„אין *איינציגע* פעלען קומט בלי ספק פאַר אַ ווירקליכער קאַמפּף צווישען צוויי מינים, ווען דער שטאַרקערער מין פערניכטעט דעם שוואַכערן; *אָבער דאָס איז אויף קיין פאַל ניט קיין מוז*, און עס קענען זיין פעלען, ווען די פיזיש שוואַכערע מינים זאָלען מנצח זיין דורך זייער פעהיגקייט פון פערמעהרען זיך שנעלער, פון קענען בעסער אויסשטעהן די ענדערונגען פון קלימאַט, אָדער ווייל זיי זיינען געשייטער און קענען בעסער אויסמיידען די אַטאַקעס פון זייערע אַלגעמיינע שונאים.“

אויף דעם אופן קען זיין, אַז דאָס, וואָס מען שרייבט צו אין אַזוינע פעלען צו קאָנקורענץ און קאַמפּף, איז גאָר ניט קיין קאָנ־קורענץ און ניט קיין קאַמפּף. איין מין שטאַרבט אויס, גאָר ניט דעריבער ווייל אַנאַנדער מין האָט איהם אויסגעראָט אָדער אויס־געמאָרעט, אָבנעהמענדיג ביי איהם די לעבענסמיטלען, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט ניט געקענט זיך גוט צופּאַסען צו די נייע אומ־שטענדען, בעת דעם אַנדערן מין האָט זיך עס יאָ איינגעגעבען. עס קומט אויס, הייסט עס, אַז דער אויסדרוק „קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ“ ווערט דאָ ווידער אַמאָל געברויכט אין מעטאַפאָרישען זין, און עס קען זיין, אַז קיין אַנדער זין האָט ער גאָרניט. וואָס געהערט דער ווירקליכער קאָנקורענץ פאַר שפּייז צווישען די איינצעלנע פון דעמזעלבען מין, וועלכע דאַרווין דערקלערט אין אַנאַנדער אָרט מיט אַ ביישפּיעל גענומען פון דעם לעבען פון די האָרן־פיה אין דרום־אַמעריקאַ אין אַ צייט פון אויסטריקעניש, איז פערליערט דער ביישפּיעל אַ רעכט ביסעל פון זיין ווערטה דערפאַר, ווייל ער איז גענומען פון דעם לעבען פון הויזליכע חיות. די ביזאָן־אָקסען אונטער אַזוינע אומשטענדען וואַנדערן אויס, כדי צו פערמיידען אַ שטרייט פאַר שפּייז. ווי שאַרף עס זאָל ניט זיין דער קאַמפּף צווישען פלאַנצען — און עס איז פאָלשטענדיג בעוויזען, אַז אַזאַ קאַמפּף איז פאַראַן — קענען מיר ווענען דעם ווידערהאָלען וואָלליים'עס בעמערקונג, אַז „די פלאַנצען לעבען וואו זיי קאָנען“,

בעת חיות האָבען אין אַ היבשען ערך די מעגליכקייט זיך אַליין אויסצוקלייבען דעם אָרט וואו זיי וואוינען. און מיר פרעגען זיך נאָך אמאָל: אין וועלכער מאָס פּאַרט עקזיסטירט באמת אַ שטרייט, אַ קאַמפּף, אין די גרעניצען פון יעדען מין חיות? אויף וואָס ווערט בעגרינדעט די השערה פון אַזאַ קאַמפּף?

די אייגענע בעמערקונג קומט מיר אויס צו מאַכען בנוגע יענעם „אינדירעקטען" ארגומענט צו גונסטען פון אַ ווירקליכען שאַרפען שטרייט און קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ אין די גרעניצען פון יעדען מין, וועלכען מען קען אַרויספיהרען פון „דער פערניכטונג פון די אריבערגאַנג־וואַריעטעטען", וואָס דאַרווין דערמאָנט אַזוי אָפט. ווי בעקאַנט, האָט דאַרווינען אַ לאַנגע צייט געאַרט די קשיא (אויף זיין לעהרע, אַז איין מין האָט זיך ענטוויקעלט פון דעם אַנדערן), פאַר וואָס עס פעהלט די לאַנגע קייט פון צווישען־פאָרמען צווישען די נאָהענט־פערוואַנדטע מינים; און עס איז בעקאַנט, אַז ער האָט געפונען דעם תירוץ אויף דער קשיא אין זיין השערה, אַז די דאָזיגע צווישען־פאָרמען זיינען אַלס שוואַכערע פערניכטעט געוואָרען אין קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ דורך די שטאַרקערע. 1) פון דעסטוועגען, ווען מען לייענט אויפמערקזאַם די פערשיידענע קאַפּיטלען, אין וועלכע דאַרווין און וואַללייס רעדען וועגען דעם ענין, קומט מען צום שלוס, אַז דאָס וואָרט אויסראָטונג, וואָס זיי געברויכען, האָט גאָר ניט די בעדייטונג פון אַ ווירקליכער אויסראָטונג. די בעמערקונג,

---

1) „מען וואָלט דאָך געקענט בעמערקען", האָט ער געשריבען אין זיין „אורשפּרונג פון די מינים" (אנהויב קאַפּיטעל 6), „אַז דאָרט וואו עס לעבען אויף איין טעריטאָריע עטליכע נאָהענט־פערוואַנדטע מינים, וואָלטען מיר אונבעדינגט געמוזט איצט געפינען אַ סך צווישענדיגע פאָר־מען... לויט מיין טעאָריע זיינען אָט די פערוואַנדטע מינים אַרויסגעקומען פון איין אַלגעמיינעם אור־שטאַם; און אין פערלויף פונ'ם פּראָצעס פון זייער מין־ענדערונג, האָט יעדערער זיך צוגעפּאַסט צו די לעבענס־אומשטענדען פון זיין געגענד, אויסראָטענדיג און פערנעהמענדיג דעם פּלאַץ פון דער אורשפּרינגליכער שטאַם־פאָרם, ווי אויך פון אַלע צווי־שענדיגע פאָרמען, די אריבערגאַנג־וואַריעטעטען, פון זייער אורשטאַם ביז זייער איצטיגען צושטאַנד." (ז. 134 זעקסטע ענג. אויסגאַבע). זעה אויך ז. 137 און 296 (דעם גאַנצען פּאַראַגראַף וועגען „אויסשטאַרבונג").

וואָס דאַרווין האָט געמאַכט בנוגע צו זיין אויסדרוק „קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ“, לאָזט זיך, ווי עס שיינט, פּונקט אַזוי גוט אָנווענדען אויך אויף דעם אויסדרוק „אויסראָטונג“ (עקסטערמינאַציאָן). מען קען עס בשום אופן ניט פערשטעהן אין זיין דירעקטער בעדייטונג, נאָר אויסשליסליך אין זיין מעטאַפאָרישען, בדרך משל׳דיגען זין.

ווען מיר נעהמען אָן די השערה, אַז אַ געוויסער געביעט איז אַזוי איבערפילט מיט חיות, אַז ער קען אַלעמען שוין מעהר ניט דערנעהרען, און בכן געהט אָן צווישען זיי אַ שאַרפער קאַמפּף פאַר די טרוקענע מיטלען פון עקזיסטענץ — בעת יעדע חיה איז ממש געצוואונגען צו קעמפּפען אנטקעגען אַלע איהרע חברים פון דעם מין פאַר איהר טעגליכער חיונה — דאַן וועט געוויס די נייע, גליקליכע וואַריעטעט בעשטעהן אין אַ סך פעלען (הגם ניט אַלעמאָל) פון אַזעלכע אינדיווידומען, וואָס קענען פערכאַפּען אַ גרעסערן חלק פון די מיטלען צום לעבען ווי עס קומט זיי על פּי יושר. דער רעזולטאַט דערפון וואָלט דאַן ווירקליך געווען, אַז אָט די נייע וואָלטען געצוואונגען צו פערהונגערן אי דעם אור־שטאַם, וועלכער פערמאָגט ניט אַזאַ נייע וואַריעטעט, אי די אַלע איבערגאַנג־פאָרמען, וואָס פערמאָגען ניט די נייע אייגענשאַפט אין דעמזעלבען גראַד ווי זיי. עס איז זעהר מעגליך, אַז לכתחילה האָט דאַרווין טאַקע פערשטאַנען דאָס ערשיינען פון נייע וואַריטעטען אויף אַזאַ אופן; ווייניגסטענס מאַכט אַזאַ איינדרוק דאָס אָפטע געברויכען פון דעם וואָרט „אויסראָטונג“. אָבער ער און וואַלליס האָבען צו־גוט געקענט די נאַטור, ניט איינצוזעהן, אַז דאָס איז דורכאויס ניט דער איינציג מעגליכער און נויטווענדיגער אויסגאַנג.

אויב די פיזישע און ביאָלאָגישע בעדינגען פון אַ געוויסען געביעט, דער שטח וואָס אַ געוויסער מין פערנעהמט, און די אַרט לעבען פון אַלע מיטגליעדער פון דעם מין וואָלטען אַלע מאָל געבליבען אומפערענדערט, דאַן וואָלט די פּלוצלונגדיגע ערשיינונג פון אַ נייער וואַריעטעט ווירקליך געקענט פיהרען צו אַ פערהונגערן און אַן אויסראָטונג פון יענע אַלע איינצעלנע, וועלכע האָבען זיך ניט גענוג אָנגענומען מיט דער נייער אייגענשאַפט, וואָס כאַראַק־טעריזירט די נייע וואַריעטעט. אָבער אַזאַ קאָמבינאַציע פון בעדינגגען און אַזאַ אומפערענדערליכקייט זעהען מיר דוקא ניט אין דער נאַטור. יעדער מין שטרעבט שטענדיג אויסצוברייטערן זיין

וואוין־ארט, און די אויסוואנדערונגען אין נייע מקומות זיינען אן אלגעמיינער רעגעל ווי פאר די שנעל־פליהענדע פויגלען, אזוי פאר דער קריכעדיגער שנעקע. אויף יעדען שטח פון דער ערד'ס אויבערפלעך קומען שטענדיג פאר פיזישע אומענדערונגען, און די כאראקטעריסטישע צייכענס פון נייע וואריעטעטען צווישען חיות זיינען אין א גרויסער צאהל פעלען — אדער ריכטיגער: אין דער גרעסטער צאהל — דורכאויס ניט קיין אנגעוואקסענע נייע וואפען אויף ארויסצוכאפען דעם ביסען פון מויל פון זייערע חברים — שפייז איז נאר איינע פון הונדערטע פערשיידענע נויטען פון לעבען — נאר ווי וואלליס האט אליין בעוויזען אין דעם פראכטפולען פאראגראף וועגען „די פערשיידענהייט פון כאראקטערען“ (דארוויניזם“, ז. 107), זיינען די כאראקטערשטריכען פון א נייער וואריעטעט: די אויסבילדונג פון נייע געוועהנהייטען, די אויסוואנדערונג אין נייע וואוין־ערטער און דאס צוגעוועהנען זיך צו נייע סארטען שפייז. קיין אויסראטונג וועט אין אט די אלע פעלען ניט פארקומען, עס וועט אפילו קיין קאמפף ניט זיין פאר שפייז, ווארים די נייע צופאסונג וועט גאר העלפען צו פערלייכטערן די קאנקורענץ, אויב אזא קאנקורענץ האט ווירקליך עקזיסטירט. און דאך, אפילו ביי אזא לאגע, וועלען מיט דער צייט נעלם ווערען די אריבערגאנגרינגען, פשוט ווי א רעזולטאט פון דעם, וואס די בעסער צוגעפאסטע צו די נייע אומשטענדען וועלען זיי אריבערלעבען — און דאס וועט פונקט אזוי זיכער פארקומען, ווי ווען די פארגעלעגטע השערה פון אן אויסראטונג פון דעם אורשטאם וואלט געווען א פאקט. עס איז קוים נויטיג צוצולעגען, אז אויב מיר זאלען אננעהמען צוזאמען מיט ספענסער'ן, מיט אלע לאמארקיסטען און מיט דארווינען אליין, אז די סביבה האט א מאדיפיצירענדען איינפלוס אויף די מינים — און די היינטיגע וויסענשאפט געהט אלץ מעהר און מעהר אין דער ריכטונג — דאן וועלען מיר זיך נאך וועניגער נויטיגען אין דער השערה פון אן אויסראטונג פון די אריבערגאנג־פארמען.

די וויכטיגקייט פון עמיגראציע און פון דעם, וואס גרופען חיות ווערען דאדורך איזאלירט, פאר דער ענטשטעהונג פון נייע וואריעטעטען, און שליסליך פון נייע מינים, אויף וועלכע מאריץ וואגנער האט אנגעוויזען, איז שפעטער אינגאנצען אנערקענט גע־

װאָרען פון דאַרװינען אַלײן. די װײטערדיגע פאָרשונגען האָבען נאָך מעהר אונטערשטריכען די װיכטיגקײט פון דעם פאַקטאָר און האָבען בעװיזען, װי אזוי מען קען קאָמביניר׳ען דעם אײנפלוס פון דער גרױסקײט פון שטח, װאו א געװיסער מין לעבט — װעלכען דאַרװין האָט מיט פולער רעכט צוגעשריבען אזא גרױסע בעדײטונג פאַר דער ענטשטעהונג פון נײע װאַריעטעטען — מיט דעם אײנפלוס פון דעם, װאָס געװיסע טײלען פונ׳ם מין װערען איזאָלירט צוליעב אָרטיגע געאָלאָגישע ענדערונגען אָדער אָבצױמונגען. עס איז אונמעגליך זיך דאָ צו פערנעהמען מיט דער בעטראַכטונג פון אָט דער גאַנצער ברײטער פראַגע; עטליכע בעמערקונגען אָבער װעלען זײ געגוג צו דערקלערען די פעראײניגטע װירקונג פון אזױנע אײנפלוסען. עס איז בעקאַנט, אז טײלען פון א געװיסען מין הױבען אָפטמאָל אָן צו געברױכען א נײעם סאָרט שפײז. די װעװערקעס, צום בײשפּיעל, װען אין די לערכען־װעלדער איז א דוחק אויף טאַנען־בערעלעך, ציהען זיך אריבער אין די סאָסנאָװע װעלדער; און דער איבערבײט פון שפײז האָט א געװיסע פיזיאָלאָגישע װירקונג אויף דעם אָרגאַניזם פון די דאָזיגע װעװערקעס. אויב דער איבערבײט פון זײער רהילות האַלט ניט לאַנג אָן, — אויב אין דעם קומענדיגען יאָהר װעט װידער זײן א גערעטעניש אויף בערעלעך אין די טונקעלע לערכענװעלדער — װעט פון אָט דער סבה קײן נײע װאַריעטעט פון װעװערקעס געװיס זיך ניט אויסבילדען. אויב אָבער א טײל פון דעם ברײטען שטח װאו די װעװערקעס לעבען, װעט אָנהױבען בײטען זײן פיזישען כאַראַקטער — לאָמיר זאָגען, װײל דער קלימאַט איז מילדער געװאָרען, אָדער עס איז געקומען אָן אױסטריקעניש, און די דאָזיגע בײדע אורזאַכען װעלען מיטהעלפען עס זאָל זיך פערגרעסערן דער געביעט פון די סאָסנאָװע װעלדער און זיך פערקלענערן דעם געביעט פון די לערכען־װעלדער—און אויב נאָך עטליכע אַנדערע אומשטענדען װעלען מיטװירקען, אז די װעװערקעס זאָלען זיך אויפהאַלטען װײטער אװעק פון דעם געגענד, װאָס האָט אָנגעהױבען אױסצוטריקענען, דאַן װעלען מיר בעקומען א נײע װאַריעטעט, ד. ה. אן אָנהױב פון א נײעם מין װעװערקעס; אָבער די אויסבילדונג פון דער נײער װאַריעטעט װעט לחלוטין ניט זײן בעגלײט פון עפּעס אזױנס, װאָס װאָלט געקענט פערדיענען דעם נאָמען „אױסראָטונג“ צװישען די

וועווערקעס. יעדען יאָהר וועט אַ געוויסע גרעסערע פּראָפּאָרציע פון דער נייער, בעסער צוגעפּאַסטער וואַריעטעט וועווערקעס אַריבערלעבען די אַנדערע, און די צווישענדיגע רינגען וועלען מיט דער צייט ביסלעכווייז אויסשטאַרבען — כלל ניט מחמת זיי וועלען פּער'משפּט ווערען צו אַ הונגער־טויט פון זייערע מאַלטוזיאַנישע קאָנקורענטען. אַקוראַט אַזעלכע פּראָצעסען קומען פאָר אויף אונזערע אויגען אַלס פּועל יוצא פון די גרויסע פיזישע ענדערונגען, וואָס געהען פאָר אויף ברייטע שטרעקען פון צענטראַל־אַזיע צוליעב דער אויסטריקענונג, וועלכע געהט דאָרט אָן פון די צייטען פון דער אייז־פּעריאָדע.

לאָמיר נעהמען אַן אַנדער ביישפּיעל. די געאָלאָגען האָבען בעוויזען, אַז דאָס היינטיגע ווילדע פערד (עקוואוס פּזשעוואַלסקי) האָט זיך לאַנגזאַם ענטוויקעלט אין משך פון די לעצטע טיילען פון דער טערציערער און דער גאַנצער קוואַטערנער פּעריאָדע (פון דער אייז־פּעריאָדע און דער פּעריאָדע נאָך איהר). אין פערלויף פון דער דאָזיגער לאַנגער רייה פון יאָהרהונדערטען זיינען די אור־עלטערן פון דעם היינטיגען פערד ניט פערבליבען שטענדיג אויף איין בעשטימטען שטח פון ערדקוגעל. זיי האָבען ארומגעוואַנדערט איבער דער אַלטער און נייער וועלט, און לויט אַלע וואַהרשיינליכ־קייטען האָבען זיי זיך סוף כל סוף אומגעקעהרט, אַלס נייע וואַריעטעטען, צוריק צו דיזעלבע לאַנקעס, וועלכע זיי האָבען פער־לאָזען די גאַנצע צייט פון זייערע וואַנדערונגען. 1) דערפון איז קלאָר, אַז אויב מיר געפינען ניט איצטער אין אַזיע אַלע צווישענדיגע רינגען, צווישען דעם היינטיגען ווילדען פערד און זיינע אַזיאַטישע אורעלטערן פון נאָך דער טערציערער פּעריאָדע, מיינט עס דורכאויס

1) לויט די פאָרשונגען פון מאַדאַם מאַריע פּאַוולאָוואַ, וועלכע האָט ספּעציעל שטודירט אָט דעם געגענשטאַנד, האָבען די אַמאָליגע אורעלטערן פון דעם איצטיגען פערד זיך אַריבערגעקליבען פון אַזיע קיין אַפריקאַ, וואו זיי זיינען געבליבען אַ געוויסע צייט און דערנאָך זיך צוריק אומגעקעהרט קיין אַזיע. צי אָט די דאָפּעלטע וואַנדערונג וועט ווערען בעשטעטיגט, צי ניט — יעדענפאַלס בלייבט אויסער צווייפעל דער פאַקט, אַז די אַמאָליגע אור־עלטערן פון אונזער פערד זיינען געווען פערשפּרייט איבער אַזיע, אַפרי־קאַ און אַמעריקאַ.

ניט, אז די דאָזיגע צווישענדיגע רינגען זיינען אויסגעראָטעט געוואָרען. אזא סאָרט אויסראָטונג איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען; עס האָט אפילו ניט געדאַרפט זיין קיין ספּעציעל־הויכע שטערב־ליכקייט צווישען יענע אורעלטערליכע מינים: די איינצעלנע, וואָס האָבען געהערט צו די צווישענדיגע וואַריעטעטען און מינים, זיינען געשטאָרבען אונטער די גאַנץ געוועהנליכסטע אומשטענדען — אָפטמאָל אפילו אין מיטען פון א גרויסער שפע פון שפּייז — און זייער געביין איז איצט צושפּרייט אין די אינגעווייד פון דער ערד איבער'ן גאַנצען ערדקוגעל.

אין קורצען גערעדט, ווען מיר טראַכטען זיך אריין אין דעם ענין און לעזען אויפמערקזאַם איבער, וואָס דאַרווין אליין האָט געשריבען וועגען דעם, זעהען מיר, אז אויב מען געברויכט שוין יאָ דאָס וואָרט „אויסראָטונג" בנוגע צו די אריבערגאַנג־וואַריעטעטען, מוז מען עס געברויכען אין דעם מעטאַפאָרישען, בדרך משל'דיגען זין. וואָס געהערט דער „קאָנקורענץ" (קאָמפּעטישען), איז דער אויסדרוק אויך שטענדיג געברויכט געוואָרען פון דאַרווינען (זעה צ. ב. ש. דעם קאַפּיטעל „וועגען פערניכטונג") גיכער אלס א בילד אָדער אויסדרוק־פאָרם, איידער מיט דער כונה איבערצוגעבען דעם געדאַנק פון אווירקליכען קאַמפּף צווישען צוויי טיילען פון איין און דעמזעלביגען מין. אלענפאַלס איז די אַבוועזענהייט פון צווישענ־דיגע פאָרמען ניט קיין אַרגומענט צו גונסטען פון אַן אינטענסיווען קאַמפּף אָדער שטרייט. אין דער ווירקליכקייט איז דער הויפּט־אַרגומענט צו בעווייזען א שאַרפען שטרייט פאַר די לעבענסמיטלען — א קאָנקורענץ וואָס געהט אָן אָהן אָן אויפהער אין יעדען מין פון חיות — נישט מעהר, ווי פּראָפעסאָר געדדעס דריקט זיך אויס, אַן „אַריפמעטישער אַרגומענט", אריבערגענומען פון מאַלטוס'ען.

דער אַרגומענט אָבער בעווייזט גאָרנישט. ווען מיר נעהמען למשל עטליכע דערפער אין דרום־מזרח רוסלאַנד, וועלכע האָבען צו עסען די והותר, נאָר זיי האָבען ניט קיינע סאַניטאַרישע איינריכטונ־גען; און בעמערקענדיג, אז פאַר די לעצטע זיעבעציג אָדער אכציג יאָהר האָט דער דורכשניט געבורטען געגרייכט 60 אויף 1000, און דאָך איז די בעפעלקערונג פאַר דער גאַנצער צייט גאָר ניט פערגרע־סערט געוואָרען—וואָלטען מיר געקענט קומען צום שלוס, אז צווישען די איינוואוינער פון די דאָזיגע דערפער געהט אָן א געפעהרליך

שאַרפער קאַמפף פאַר שפייז. אין דער ווירקליכקייט אָבער ציינט זיך אַרויס, אַז די בעפעלקערונג וואַקסט ניט, צוליעב דער איינפאַכער אורזאַך, וואָס אַ דריטעל פון די ניי־געבאָרענע שטאַרבען יעדען יאָהר איידער עס גרייכט דעם עלטער פון זעקס מאָנאַט; אַ העלפט קינדער שטאַרבען אויס אין די נעקסטע פיער יאָהר, און פון יעדען הונדערט, וואָס ווערט געבאָרען, גרייכען נאָר זיעבצעהן דעם עלטער פון צוואַנציג יאָהר. אויף דעם אופן געהען די ניי־געקומענע אַוועק פון דער וועלט פריהער איידער זיי גרייכען אַזאַ עלטער, ווען זיי וואָלטען געקענט ווערען קאָנקורענטען. עס איז קלאָר, אַז אויב אַזוינס קען פאָרקומען צווישען מענשען, קען עס דאָך על אחת כמה פאָרקומען צווישען חיות. און דער אמת איז, אַז אין דער געפעדערטער וועלט קומט פאָר אַ פערניכטונג פון די אייער אין אַזאַ קאָלאָסאַלער מאָס, אַז עטליכע מינים חיות לעבען אָנהויב זומער הויפּטזעכליך אויף די פויגעלשע אייער, שוין ניט צו רעדען פון די שטורמווינטען און פערפלייצונגען, וואָס פערניכטען מיליאָנען נעסטען אין אַמעריקא און אַזיע (אָדער די פּלוצלונדיגע ענדערונגען אין וועטער, פון וועלכע עס קומען אום מאַסען יונגע זויגטהיערען). יעדער שטורמווינד, יעדע פערפלייצונג, יעדער בעזוך פון אַ ראַץ אין אַ פויגעלשען נעסט, יעדע פּלוצלונגדיגע ענדערונג פון דער טעמפּעראַטור, פערניכטען די אַלע קאָנקורענטען, וועלכע זעהען אויס אַזוי שרעקליך אין טעאָר־יע.

וואָס איז שייך די פאַקטען וועגען דער זעהר שנעלער פערמעהרונג פון די פערד און פיה אין אַמעריקאַ, ווי אויך פון די חזירים און קראָליקעס אין נייזעלאַנד, און די פערמעהרונג אפילו פון ווילדע טהיערען, וואָס מען האָט אימפּאָרטירט פון אייראָפּאַ (וואו זייער צאָהל ווערט קלענער דורך מענשען און גאָרניט דורך קאָנקורענץ), — רעדען זיי דאָכט זיך גיכער געגען דער טעאָריע פון איבער־בעפעלקערונג. אויב די פערד און פיה האָבען געקענט זיך אַזוי שנעל פערמעהרען אין אַמעריקאַ, איז עס פּשוט אַ בעווייז, אַז ווי צאָהלרייך עס זיינען אין יענער צייט ניט געווען די ביזאָן־אָקסען און אַנדערע מעלי־גרה'דיגע אין דער נייער וועלט, איז איהר גראַז־פרעסענדע בעפעלקערונג נאָך אַלץ געווען אַ סך קלענער איידער די צאָהל, וואָס האָט זיך געקענט דערנעהרען אויף די פּרעירים. אויב מיליאָנען ניי־אָנגעקומענע האָבען אַלץ געפונען גענוג שפּייז,

ניט צווינגענדיג דער פֿריהערדיגער בעפֿעלקערונג צו פֿערהונגערן, מוזען מיר גיכער קומען צום שלוס, אַז די אייראָפּעער האָבען געפֿונען אין אמעריקא ניט צופֿיעל, נאָר צו ווייניג גראָז־פֿרעסער. און מיר האָבען ערנסטע אורזאַכען צו דענקען, אַז אַזאַ צו־קליינע צאָהל פֿון טהיערען־בעפֿעלקערונג איז דער נאַטירליכער צושטאַנד אויף דער אויבערפֿלעך פֿון דעם גאַנצען ערדקוגעל, מיט נאָר עטליכע צייטווייליגע אויסנאַהמען פֿון דעם אַלגעמיינעם כּלל. די פּאַקטישע צאָהל חיות אויף אַ געוויסען שטח פֿון דער ערד ווערט בעשטימט, ניט דורך דעם מאַקסימום פֿון נאַהרונג, וואָס די געגענד קען אַרויסברענגען, נאָר דורך דעם מינימום, וואָס זי גיט אַרויס יעדען יאָהר אונטער די אונגינסטיגסטע אומשטענדען. אַזוי אַז צוליעב דעם אַליין קען שוין די קאָנקורענץ און דער קאַמפּף פֿאַר שפּייז ניט זיין דער נאָרמאַלער צושטאַנד; און עס זיינען פֿאַראַן נאָך אַנדערע אורזאַכען, וועלכע דריקען אַרונטער די טהיערישע בעפֿעלקערונג אַפּילו ביז צו נאָך אַ נידעריגערן מאַסשטאַב. ווען מיר נעהמען צום ביישפּיעל די פֿערד און פֿיה, וואָס לעבען אַ גאַנץ ווינטער אויף די גראָז אונטערן שנעע אין די סטעפּעס פֿון טראַנסבאַיקאַליע, געפֿינען מיר זיי סוף ווינטער זעהר אָבגעמאָגערטע און אָבגעשוואַכטע. אָבער זיי ווערען אָבגעשוואַכט, ניט ווייל עס איז ניטאָ פֿאַר זיי אַלעמען גענוג נאַהרונג: ניין, גראָז איז דאָ איבער גענוג אונטערן שנעע; די צרה איז נאָר, וואָס עס איז שווער אַרויסצוקריגען די פֿערשנעעטע גראָז, און דאָס איז אַ צרת־רבים, שווער פֿאַר אַלע פֿערד און פֿיה גלייך. אויסער דעם טרעפֿט אָנהויב פֿריהלינג, אַז דער שנעע שמעלצט און פֿריהרט באַלד אונטער, און אויב דאָס טרעפֿט עטליכע טעג כּסדר, ווערען זיי נאָך מעהר אויסגעמאָרעט. און דאַן קומט נאָך אַ שנעע־שטורם, וועלכער צווינגט די אָבגעשוואַכטע פֿיה צו בלייבען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד גאָר אָהן שפּייז, און זיי פֿאַלען דאַן מאַסענווייז. די פֿערלוסטען זיינען אַזוינע גרויסע, אַז אויב דער פֿריהלינג איז געווען אַ בעזונדערס שווערער, ווערען זיי ניט געדעקט אַפּילו דורך די נייע געבורטען — דערהויפּט איז דער שאָדען גרויס, וואָס אַלע פֿערד זיינען אויסגעמאָרעטע און די יונגע ווערען געבאָרען אין אַ שוואַכען צושטאַנד. די צאָהל פֿון פֿערד און פֿיה בלייבט אויף דעם אופֿן אַלעמאָל אַ סך נידעריגער איידער זי האָט געקענט זיין, ווען עס

וואָלט ניט געווען אָט די ספּעציעלע אורזאַך — אַ קאַלטער און אַ שטורעמדיגער פריהלינג. אַ גאַנץ יאָהר איז פאַראַן שפּייז בשופע: עס וואָלט גענוג געווען פאַר פינף אָדער צעהן מאָל אַזויפיעל, און דאָך וואַקסט די טהיעריִשע בעפעלקערונג פון די סטעפּעס זעהר און זעהר לאַנגזאַם. אַזוי באַלד אָבער ווי דער בוריאַט גרייט אָן וויפיעל ניט איז היי אויף דער סטעפּע און לעגט עס אַרוים פאַר זיינע פערד און בהמות אין די טעג פון פרעסט און טיפע שנעען, בעמערקט ער גלייך ווי זיין סטאַדע פערמעהרט זיך. אַזוי ווי כמעט אַלע פרייע גראַז־עסער, און אַ סך גריזונעס פון אַזיע און אַמעריקאַ לעבען אונגעפעהר אונטער דיזעלביגע אומשטענדען, קענען מיר זיכער בעהויפּטען, אַז עס איז נ י ט מחמת קאָנקורענץ און געגענזייטיגען קאַמפּף, וואָס זייער צאָהל ווערט ניט גרעסער; אַז זיי קענען ניט אין קיין צייט פון יאָהר זיך שלאָגען פאַר שפּייז. און אויב זיי פערמעהרען זיך קיינמאָל ניט ביז צו דער שטופע פון איבערבעפעלקערונג, ליעגט די סבה דערפון אין קלימאַט, ניט אין קאָנקורענץ.

די וויכטיגקייט פון די נאַטירליכע אָבהאַלטען פון איבערפערמעהרונג, און ספּעציעל די שייכות זייערע צו דער קאָנקורענץ־טעאָריע, איז ווי עס ווייזט אוים קיינמאָל ניט גענוג גענומען געוואָרען אין אָנבעטראַכט. מען דערמאָנט די דאָזיגע אָבהאַלטען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, מען דערמאָנט נאָר אייניגע פון זיי; אָבער שטודירען זייער ווירקונג בפרט, שטודירט מען נאָר זעהר זעלטען. און דאָך, ווען מען זאָל פערגלייכען די ווירקליכע ווירקונג פון די נאַטירליכע אָבהאַלטען מיט דער מעגליכער ווירקונג פון קאָנקורענץ אין יעדען מין, וואָלטען מיר גלייך געמוזט מודה זיין, אַז די לעצטע האָלט ניט אוים קיין שום פערגלייך מיט דער ערשטער. בעיטם, צום ביישפּיעל, דערמאָנט וועגען די אונגלויבליכע מאַסען פליהענדע מוראַשקעס, וואָס קומען אום בעת זיי מאַכען זייערע אויספליהען. די טויטע אָדער האַלבטויטע קערפּער פון די פייער־מוראַשקעס (מירמיקאַ סאַעוויססימאַ), וואָס זיינען אַנגעטראָגען געוואָרען אין טייך אין דער צייט פון אַ שטורם, „זיינען געווען ביז צוויי צאָל הויך און אַזויפיעל אויך אין דער ברייט, אין אַ ליניע וואָס האָט זיך געצויגען ניט אונטערבראָכען אויף'ן זוים פון וואַסער מיילען און

מיילען לאנג״. 1) טויזענדער מיליאָנען מוראשקעס זיינען אויף דעם אופן פערניכטעט געוואָרען אין מיטען פון א נאטור, וועלכע וואָלט געקענט דערנעהרען טויזענדער מאָל אזויפיעל וויפיעל עס האָבען דאן געלעבט אויף יענעם אָרט. דר. אלטום, א דייטשער וואלד־קענער, וועלכער האָט אָנגעשריבען א זעהר לעהר־רייכען בוך וועגען די בעלי חיים, וואָס טהוען אָן שאָדען די וועלדער, גיט אויך א סך פאקטען, וואָס בעווייזען די גרויסע וויכטיגקייט פון די נאטירליכע אָבהאַלטען פון א צו־גרויסער פערמעהרונג. ער זאגט, אז א רייה שטורמדיגע טעג, אָדער א קאלטער און נאסער וועטער, בעת דעם אויספליהען פון די קיעפערשפּיענער (באָמביקס פּיני), פערניכטעט זיי אין אונגלויבליכע מאסען, און אז אין פריהלינג פון דעם יאהר 1871 זיינען אָט די אלע שפּיענער מיט איין מאָל אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען, וואהרשיינליך דורך א רייה פון עטליכע קאַלטע נעכט.2) מען וואָלט געקענט ברענגען א סך אזעלכע ביישפּיעלען בנוגע צו די אינזעקטען פון פערשיידענע טהיילען פון אייראָפּא. דר. אלטום דערמאָנט אויך וועגען די פויגלען, וואָס עסען אויף די דאָזיגע שפּיענער, און וועגען דער אונגעהויערער צאָהל אייעלעך פון אָט דעם אינזעקט, וואָס די פיקס פערניכטען; ער לעגט אָבער צו, אז די פּאראזיטישע פונגוס־געוויקסען, וואָס פאלען אויף זיי אָן פּעריאָדיש, זיינען פיעל שרעקליכערע פיינד פון די דאָזיגע שפּיענער איידער וועלכער עס איז פויגעל, וויל די דאָזיגע געוויקסען פערניכטען זיי אויף א גרויסען שטח מיט אמאָל. וואָס געהערט די פערשיידענע מינים מייז (מוס סילוואטיקוס, ארוויקאלא אר־וואלים און ארוויקאלא אגרעסטים), בעמערקט אלטום, נאָכדעם ווי ער האָט געבראכט א לאנגען צעטעל פון זייערע פיינד, אז „די שרעקליכסטע פיינד פון די מייז זיינען דאָך ניט אנדערע חיות, נאָר די פּלוצלונגדיגע ענדערונגען פון וועטער, וועלכע טרעפען זיך כמעט יעדען יאָהר״. ווען עס הויבען זיך אָן בייטען די וועטערן, דאָ פרעסט און דאָ וואַרעם, קומען זיי אום אין אונצעהליגע מאסען.

1) „דהי נאטוראליסט אָן דהי ריווער אמאזאָן״, באנד 2, ז. 85, 95. דאָסזעלביגע האָב איך אליין איינמאָל געזעהן אויף׳ן דרום ברעג פון ענג־לאנד, און איבערהויפּט איז עס א גאנץ געוועהנליכע ערשיינונג.

2) דר. ב. אַלטום, „וואלד־בעשעדיגונגען דורך טהיערע אונד געגענ־מיטעל.״ (בערלין, 1880) ז. 207 און ווייטער.

„אזא פלוצלונדיגע ענדערונג פון וועטער קען פון פיעלע טויזענ־דער מייז לאָזען ביים לעבען נישט מעהר ווי עטליכע איינ־צעלנע“. פערקעהרט ווידער, א ווארעמער ווינטער, אָדער א ווינטער וואָס שטעלט זיך איין לאנגזאם, גיט זיי א מעגליכקייט צו פערמעהרען זיך אין א שערקליכער פראָפּאָרציע, ניט אכטענדיג אויף קיין שום פיינד, ווי עס איז געוועזען דער פאַל אין די יאָהרען 1876 און 1877[1]) די קאָנקורענץ בנוגע די מייז צייגט זיך אויף דעם אופן ארויס אַלס א גאנץ ניט וויכטיגער פאקטאָר אין פערגלייך מיט דעם וועטער. דעם אייגענעם סאָרט פאקטען ברענגט דער פערפאסער אויך בנוגע די וועווערקעס.

וואָס איז שייך די פויגלען, ווייסען מיר אלע גאנץ גוט ווי זיי ליידען פון די פלוצלונגדיגע ענדערונגען פון וועטער. די שפּעטע שנעע־שטורעמס זיינען פאר די פויגלען פונקט אזוי געפעהרליך אין די ווילדע זומפּען פון ענגלאנד, ווי אין סיביר; און טש. דיקסאָן האָט געזעהן ווי אַן אויסערגעוועהנליך שטרענגער ווינטער האָט געבראכט די רויטע שנעע־היהנער צו אזא פערצווייפעלטער לאגע, אַז זיי האָבען אין גרויסע מאסען פערלאָזען די ווילדע ערטער און „מיר ווייסען פון פעלען, ווען מען האָט זיי געכאפּט אויף די גאסען פון שעפּפיעלד. ווען עס האַלט לאנג אַן נאסע וועטערן — לעגט ער צו — איז דאָס פאר זיי כמעט אויך אזוי געפעהרליך.“

די אָנשטעקיגע קראנקהייטען ווידער, וועלכע בעפאַלען צייטענווייז די מעהרסטע מינים חיות, פערניכטען זיי אין אזוינע גרויסע מאסען, אַז אפילו די חיות וואָס פרוכפּערן זיך זעהר שנעל, קענען צוריק ניט געווינען אין פערלויף פון פיעלע יאָהרען דאָס וואָס זיי האָבען פערלאָרען. אזוי, צ. ב. ש., אין די פערציגער יאָהרען (פון פאָריגען יאָהרהונדערט) זיינען די סוסליקס דורך א מגפה פלוצלונג פערשוואונדען פון דער נאכבארשאפט פון סאַרעפּטא, אין דרום־מזרח רוסלאנד, און אין פערלויף פון פיעלע יאָהרען האָט מען קיין איין סוסליק ניט בעגעגענט אין יענעם געגענד. עס האָט געדויערט א סך יאָהרען איידער זיי זיינען געוואָרען אזוי צאָהלרייך ווי פריהער[2]).

1) דאָרט, ז. 13 און 187.

2) א. בעקקער, אין „בולעטין פון די מאָסקעווער נאטורפאָרשער־געזעלשאפט“ (פראנצ.) 1889, ז. 625.

נאך אזוינע פאקטען, וואס יעדער איינער פון זיי פערקלענערט די בעדייטונג, וועלכע מען האט צוגעגעבען דער קאנקורענץ און דעם קאמפף אינערהאלב פון דעם מין, וואלט מען געקענט ברענגען א גאנצע מאסע.1) עס פערשטעהט זיך, מען וואלט זיי געקאנט פערענטפערן מיט דארווין'ס ווערטער, אז נאך אלעם דעם מוז יעדער בעל חי „אין וועלכער עס איז צייט פון זיין לעבען, אין וועלכער עס איז צייט פון יאהר, אין יעדען דור, אדער ווען עס איז, קעמפפען פאר זיין עקזיסטענץ און אויסשטעהן א גרויסע פערניכטונג"; און אז נאר די מעהר צוגעפאסטע קענען איבערלעבען אזוינע פעריאדען פון שווערען קאמפף פאר עקזיסטענץ. אויב אבער די ענטוויקלונג פון דער טהיערען־וועלט וואלט געווען געבויט אויסשליסליך, אדער אפילו הויפטזעכליך, אויף דעם איבערלעבען פון די מעהר צוגעפאסטע אין די צייטען פון אומגליק; אויב די ווירקונג פון דער נאטירליכער אויסוואהל וואלט אבהענגען פון די פעריאדען פון זעלטענער אויסטריקענקייט, אדער פון פלוצלונגדיגע ענדערונגען אין וועטער, אדער פון פערפלייצונגען — דאן וואלט דער ר י ק ש ר י ט געווען דער כלל אין דער נאטור. די וועלכע לעבען איבער א הונגער, אדער א בייזע עפידעמיע פון כאלערא, פאקען אדער דיפטעריט, אין דעם ערך ווי מיר זעהען די דאזיגע מגפות אין די ניט־ציוויליזירטע לענדער, זיינען דורכאויס ניט די שטארקסטע, ניט די געזינטסטע, ניט די קליגסטע. קיין פארטשריט וואלט ניט געקענט געבויט ווערען אויף אזוינע איבערלעבונגען — ספעציעל נאך דערפאר, ווייל א ל ע איבערלעבענדע קומען געוועהנליך ארויס פון דעם נסיון געבראכענע אין געזונד, א שטייגער ווי יענע טראנסבאיקאלישע פערד, וואס מיר האבען אויבען דערמאנט, אדער ווי די מאנשאפטען פון ארקטישע שיפען, אדער ווי די גארניזאנען פון פעסטונגען, וועלכע האבען עטליכע מאנאט נאכאנאנד געמוזט לעבען אויף האלבע פארציעס, און קומען ארויס ווען די בעלאגערונג הערט אויף, מיט א צובראכענעם געזונד, וואס פערגרעסערט דעם ערך פון שטערבליכקייט ביי זיי גאר משונה'דיג. אלץ וואס די נאטירליכע אויסוואהל קען אין אזוינע אומגליקסצייטען טהאן, איז צו שאנעווען די איינצעלנע, וואס זיינען בכח

1) זעה אנהאנג IX.

אריבערצוטראָגען אַלערליי דחקות. דאָס איז טאַקע אַלץ וואָס זי טהוט פאָר די סיבירישע פערד און פיה. זיי צייכענען זיך ווירקליך אויס מיט דויערהאַפטיגקייט; אין אַ שעת הדחק קענען זיי לעבען אויף פּאָלאַרע בעראָזעס; זיי קענען אויסשטעהן הונגער און קעלט. דערפאַר אָבער קען אַ סיביריש פערד שלעפּען נאָר אַ העלפט אזוי פיעל משא וויפיעל אַ אייראָפּעאישער פערד קען שלעפּען אָהן אָנשטרענגונג; קיין איין סיבירישע קוה גיט ניט אַ העלפט אזוי פיעל מילך וויפיעל אַ דזשערסי קוה גיט, און קיין איינגעבוירענער פון די ניט־ציוויליזירטע לענדער קען ניט אויסהאַלטען קיין פערגלייך מיט אַן אייראָפּעער. אַזעלכע איינגעבוירענע קענען גרינגער אריבערטראָגען הונגער און קעלט, אָבער זייערע פיזישע קרעפטען זיינען אַ סך נידעריגער איידער די קרעפטען פון אַ גוט־גענעהרטען אייראָפּעער, און זייער גייסטיגער פאָרטשריט געהט אָן פערצווייפעלט לאַנגזאַם. „פון שלעכטס קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען“, ווי טשערנישעווסקי האָט געשריבען אין זיין מערקווירדיגער אָבהאַנדלונג וועגען דאַרוויניזם. 1)

צום גליק איז די קאָנקורענץ ניט קיין אַלגעמיינער כלל, ניט פאַר דער טהיערען־וועלט, ניט פאָר דער מענשהייט. ביי די טהיערען איז די קאָנקורענץ בעשרענקט נאָר אויף געוויסע פעריאָדען, און די נאַטירליכע אויסוואַהל געפינט אַ בעסערן באָדען פאָר איהר אַרבייט. די בעסטע בעדינגונגען פאָר דער פּראָגרעסיווער אויסוואַהל ווערען געשאַפען **אויסמיידענדיג די קאָנקורענץ** דורך געגענזייטיגער הילף און שטיצע.2) אין גרויסען קאַמפף פאַר עקזיסטענץ — פאַר אַ מעהר פולען אינטענסיווען לעבען מיט וואָס וועניגער אונניצליכען פערלוסט פון די כחות — זוכט אויס די נאַטירליכע אויסוואַהל אַזוינע וועגען, וואָס מיידען אויס די קאָנקורענץ וויפיעל מעגליך. די מוראַשקעס פעראייניגען זיך

1) „רוססקאַיאַ מיסל“ נומער 9, 1888. „די טעאָריע פון דעם וואָלטהעטיגען איינפלוס פון קאַמפף אומס דאַזיין,“ פון אַן אַלטען טראַנספאָרמיסט.

2) „איינס פון די געוועהנליכסטע מיטלען, דורך וועלכע עס ארבייט די נאַטירליכע אויסוואַהל — שרייבט דאַרווין — איז וואָס עטליכע איינצעלנע פון אַ געוויסען מין פאַסען זיך צו צו אַ ביסעל אנאנדער סאָרט

אין נעסטען און פעלקער; זיי בעהאלטען שפייז פאר'ן ווינטער, זיי האָדעווען פאר זיך „קיהעלעך" — און מיידען אָט אַזוי אויס די קאָנקורענץ. און די נאַטירליכע אויסוואהל קלייבט אויס פון אַלע מוראשקעס יענע מינים, וואָס קענען אַם בעסטען אויסמיידען אינערליכע שטרייטיגקייטען מיט זייערע אונפערמיידליכע שעדליכע ווירקונגען. די מעהרסטע פון אונזערע פויגלען וואַנדערן לאַנגזאַם צו דרום־צו, ווען דער ווינטער קומט אָן, אָדער זיי קלייבען זיך צונויף אין אונצעהליגע געמיינשאַפטען און נעהמען אונטער ווייטע רייזען — און מיידען אויס אויף דעם אופן שטרייטיגקייטען. אַ סך גריזונעס פאַלען אריין אין ווינטער־שלאָף, ווען עס קומט די צייט פון מעגליכער קאָנקורענץ, און אַנדערע מינים לעגען אָב שפייז פאר'ן ווינטער, און קלייבען זיך צונויף אין גרויסע קאָלאָניעס, כדי צו האָבען די נויטיגע בעשיצונג אין דער צייט פון ארבייט. די הירשען וואַנדערן צום ים־צו, ווען דער מאָך ווערט פערטריקענט אין די אינערע געגענדען פון לאַנד. די בופעלאָקסען מאַרשירען דורך אַ גאַנצען קאָנטינענט, כדי צו געפינען אַ שפע פון שפייז. און די ביבער־קאָלאָניעס, ווען זיי האָבען זיך צופיעל פערמעהרט אויפ'ן טייך, צוטיילען זיך אין צוויי טיילען: די אַלטע געהען אַוועק אראָב־טייך און די יונגע ארויף־טייך, כדי אויסצומיידען שטרייטיגקייטען. און שליסליך, אויב די בעלי חיים קענען ניט אריינפאַלען אין אַ ווינטער־שלאָף, קענען ניט אויסוואַנדערן, ניט אָנגרייטען זיך מיט שפייז, ניט אויסאַרבייטען אייגענע שפייז ווי די מוראשקעס — דאַן טהוען זיי וואָס די טיט־מייז טהוען, ווי וואָללייס האָט עס אַזוי שעהן בע־שריבען („דאַרוויניזם" קאַפּיטעל 5): זיי געהען איבער צו אַ נייעם סאָרט שפייז, און אָט אַזוי מיידען זיי ווידער אַמאָל אויס די קאָנקורענץ.1)

„מיידט אויס שטרייטיגקייטען! עס איז אַלעמאָל שעדליך פאר'ן מין, און איהר האָט גענוג מיטלען דאָס אויסצומיידען!" אָט דאָס איז די טענדענץ פון דער נאַטור. זי ווערט ניט אַלע־

לעבען: דורך דעם קענען זיי פערנעהמען נאָך ניט־פערנומענע ערטער אין דער נאַטור." (דער אורשפּרונג פון די מינים", קאַפּיטעל 6) מיט אַנ־דערע ווערטער — אויסמיידענדיג קאָנקורענץ.

1) זעה אנהאַנג X.

מאָל אין גאַנצען פערווירקליכט, אָבער זי איז אַלעמאָל פאַראַן. דאָס איז דער לאָזונג, וואָס קומט צו אונז פון די שטרויכען, די וועלדער, די טייכען, די ימים. „פעראייניגט זיך דעריבער — פּראַקטיצירט געגענזייטיגע הילף! דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל צו פערזאָרגען זיך מיט דער גרעסטער זיכערקייט פאַר יעדען בעזונדער און פאַר אַלעמען צוזאַמען. זי איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער עקזיסטענץ און פאַר'ן פיזישען, גייסטיגען און מאָראַלען פּראָגרעס."

אָט דאָס איז וואָס די נאַטור לערענט אונז; און צו אָט דער שטימע פון דער נאַטור האָבען זיך צוגעהערט אַלע יענע בעלי חיים, וועלכע האָבען דערגרייכט די העכסטע שטופען אין זייערע קלאַסען. אָט דעם געבאָט פון דער נאַטור האָט אויך געפאָלגט דער מענש — דער גאַנץ פּרימיטיווער מענש — און נאָר צוליעב דעם האָט ער דער־גרייכט די שטופע, וועלכע מיר פערנעהמען איצטער, ווי דער לעזער וועט זיך איבערצייגען דערין פון די ווייטערדיגע קאַפּיטלען, וועלכע בעהאַנדלען די געגענזייטיגע הילף אין די מענשליכע געזעלשאַפטען.

## קאַפּיטעל III

# געגענזייטיגע הילף ביי די ווילדע

**די השערה פון אַ מלחמה פון יעדערן אַנטקעגען אַלעמען. — דער שטאַם אַלס אורשפּרונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. — דאָס שפּעטערע אויפטרעטען פון דער בעזונדער פאַמיליע. — בושמענער און האָטענטאָטען. — אויסטראַליער, פּאַפּואַסען. — עסקימאָזען, אַלעאוטען. — דאָס לעבען פון די ווילדע איז פאַר אייראָפּעער שווער צו פערשטעהן. — דער בעגריף פון גערעכטיגקייט ביי די דאַיאַקס. — דאָס געמיין־רעכט.**

אין די פאַריגע צוויי קאַפּיטלען זיינען מיר דורכגעלאָפען בקיצור די בעשרייבונג פון דער אונגעהייערער ראָליע, וואָס די געגענזייטיגע הילף און געגענזייטיגע שטיצע שפּיעלען אין דער ענטוויקלונג פון דער טהיערען־וועלט. איצטער שטעהט אונז פאָר צו וואַרפען אַ בליק אויף דער ראָליע, וואָס דיזעלבע צוויי פאַקטאָרען שפּיעלען אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. מיר האָבען געזעהן ווי קליין איז די צאָהל פון די מינים חיות, וועלכע פיהרען אַן איינזאַם לעבען, און ווי, אין געגענטייל, גרויס איז די צאָהל פון יענע מינים, וועלכע לעבען אין געמיינשאַפטען און פעראייניגען זיך צוליעב די צוועקען פון געגענזייטיגער בעשיצונג, אָדער צום געיעג און צוזאַמלונג פון שפּייז־אוצרות, אויסצוהאָדעווען די יונגע, אָדער בפשוט הנאה צו האָבען געמיינשאַפטליך פון לעבען. מיר האָבען אויך געזעהן, אַז הגם צווישען פערשיידענע קלאַסען חיות און צווישען פערשיידענע מינים, אָדער אפילו פערשיידענע גרופּען פון דעמזעלבען מין, קומט פאָר אַ רעכט ביסעל קאַמפּף, הערשט אָבער, בכלל גערעדט, אין די גרופּען און מינים גופא פריעדען און געגענזייטיגע שטיצע; און אַז יענע מינים, וועלכע פערשטעהען אַם בעסטען זיך צו פעראייניגען און אויסמיידען שטרייטיגקייטען און קאַמפּפען, האָבען אויך די בעסטע אויסזיכטען צו בלייבען לעבען און צו קענען זיך פּראָגרעסיוו ווייטער ענטוויקלען. אַזוינע מינים געדייהען, בעת

די מינים, וועלכע פערשטעהען ניט צו לעבען געזעלשאפטליך, געהען צו גרונד.

עס איז קלאָר, עס וואָלט ווידערשפּראָכען אלץ וואָס מיר ווייסען וועגען דער נאַטור, אויב דער מענש וואָלט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסנאַהם פון אַט דעם אַלגעמיינעם כלל: אויב אַזאַ וועהר־לאָזע בעשעפענים, ווי דער מענש איז געווען אין אָנהויב פון זיין עקזיסטענץ, וואָלט געפונען זיין בעשיצונג און זיין וועג צום פּראָ־גרעס ניט אין דער געגענזייטיגער הילף ווי די אַנדערע בעלי חיים, נאָר אין דעם ריקזיכטלאָזען קאַמפּף פאַר פערזענליכע נוצען, זיך גאָר ניט קימערענדיג פאַר די אינטערעסען פון זיין מין. פאַר יעדען בעל שכל, וואָס האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק פון איינהייט אין דער נאַטור, איז אַזאַ השערה אַ פּשוט'ע אונמעגליכקייט. און דאָך, ווי ניט וואַהרשיינליך און ניט לאָגיש אַזאַ געדאַנק איז, האָט ער אַלעמאָל געהאַט זיינע פערטיידיגער. עס האָבען זיך אַלעמאָל געפונען שרייבער, וועלכע האָבען געקוקט פּעסימיסטיש אויף דער מענשהייט. פון זייער אייגענער ערפאַהרונג האָבען זיי געקענט דעם מענשען מעהר אָדער ווייניגער אויבערפלעכליך, און פון דער געשיכטע האָבען זיי געוואוסט נאָר דאָס, וואָס די כראָניקער דער־צעהלען, דער עיקר וועגען מלחמות, אכזריות און אונטערדריקונגען: זיינען אָט די פּעסימיסטען דעריבער געקומען צום אויספיהר, אַז די מענשהייט שטעלט מיט זיך פאָר נישט מעהר ווי אַ לייכט־צונויפגע־בונדענע געמיינשאַפט פון ברואים, וועלכע זיינען תמיד גרייט אַרומצורייסען זיך איינע מיט די אַנדערע, און ווען ניט די „מוראה של מלכות". דאָס אַריינמישען זיך פון אַן אויבערהערשאַפט, וואָלטען זיי איינע די אַנדערע איינגעשלונגען לעבעדיגערהייט.

האָבבס איז געשטאַנען אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט; און בעת אייניגע פון זיינע נאָכפאָלגער אין 18טען יאָהרהונדערט האָבען געפּרובט בעווייזען, אַז די מענשהייט האָט צו קיין צייט פון איהר עקזיסטענץ — ניט אפילו אין איהר גאָר פּרימיטיווער פּעריאָדע — ניט געלעבט אין אַ צושטאַנד פון שטענדיגער מלחמה; אַז דער מענש איז אפילו אין זיין „נאַטירליכען צושטאַנד" געווען אַ געזעל־שאַפטליך בעשעפענים, און אַז אונוויסענהייט גיכער איידער דעם מענשען'ס נאַטירליכע בייזע נייגונגען האָבען געבראַכט די מענש־הייט צו די אַלע שרעקען, מיט וועלכע עס צייכענט זיך אויס איהר

פערגאַנגענע געשיכטע — האָט אָבער דאָס רוב פון זיינע נאָכפאָלגער נאָך אַלץ בעהויפּטעט, אַז דער אַזוי גערופענער „נאַטירליכער צו־שטאַנד" איז דורכאויס געווען אַ שטענדיגער קאַמפּף צווישען די איינצעלנע, וועלכע זיינען אויף אַ צופעליגען אופן זיך צונויפגעקומען דורך די קאַפּריזען פון זייער טהיערישער נאַטור. אמת, זינט האָבבס׳ צייטען האָט די וויסענשאַפט געמאַכט געוויסע פאָרטשרי־טען, און מיר האָבען שוין איצטער אַ פעסטערען באָדען אונטער אונ־זערע פיס, איידער עס איז געווען אין די צייטען פון האָבבס אָדער רוססאָ. אָבער האָבבס׳ פילאָזאָפיע האָט נאָך עד היום אַ מאַסע אָנהענגער, און די לעצטע צייט איז געשאַפען געוואָרען אַ גאַנצע שולע שרייבער, וועלכע האָבען זיך אָנגעוואָפענט מעהר מיט דאַרווין׳ס טערמינאָלאָגיע איידער מיט זיינע אידעען, און האָבען זיך בענוצט דערמיט צו אַרגומענטירען פאַר האָבבס׳ אָנשויאונגען וועגען דעם פּרימיטיווען מענשען. עס איז זיי אַפילו געלונגען צו־צוגעבען זייער אַרגומענטאַציע וויפיעל ניט איז אַ וויסענשאַפטליך אויסזעהן. האָקסלי, ווי בעוואוסט, האָט זיך געשטעלט בראש פון דער שולע, און אין דעם אַרטיקעל, וואָס ער האָט אָבגעדרוקט אין יאָהר 1888, האָט ער אָבגעמאָלט די פּרימיטיווע מענשען ווי עפּעס אַ סאָרט טיגערן אָדער לייבען, וואָס האָבען ניט קיין שום עטישען בעגריף, וואָס שטעלען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָב אין קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, און וואָס פערברייינגען זייער גאַנצעס לעבען אין „שטענ־דיגע געשלעגען". „אויסער די בעשרענקטע און צייטליכע פאַמיליען־בעציהונגען — האָט ער געשריבען — איז די האָבבעזישע מלחמה פון יעדען אַנטקעגען אַלעמען געווען דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון זייער עקזיסטענץ". 1)

עס איז שוין ניט איינמאַל בעמערקט געוואָרען, אַז דער הויפּט טעות פון האָבבס, ווי אויך פון די פילאָזאָפען פונ׳ם 18טען יאָהר־הונדערט, איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען זיך פאָרגע־שטעלט, אַז דער מענשליכער מין האָט אָנגעהויבען זיין לעבען אין דער פאָרם פון קליינע אַרומוואַנדערענדע פאַמיליען, אַ שטייגער ווי די „בעשרענקטע און צייטליכע" פאַמיליען פון די גרעסערע רויב־טהיערען. איצטער אָבער איז שוין פּאָזיטיוו פעסטגעשטעלט, אַז

---

1) „ניינטינטה סענטשורי", פעברואר 1888, ז. 165.

אזא השערה איז דורכאויס ניט ריכטיג. עס פערשטעהט זיך, מיר האָבען ניט קיין דירעקטע פאַקטען, וואָס זאָלען בעווייזען ווי די ערשטע מענשענאַרטיגע ברואים האָבען געלעבט. אפילו די צייט, ווען אַזוינע ברואים האָבען זיך צוערשט בעוויזען, איז נאָך ניט גענוי פעסטגעשטעלט געוואָרען, און די היינטיגע געאָלאָגען זיינען גענייגט צו דענקען, אַז מען קען געפינען זייערע שפּורען אין די פּליאָצען אָדער גאָר מיאָצען שיכטען פון דער טערציערער פּעריאָדע. מיר האָבען אָבער אַן אינדירעקטע מעטאָדע, וועלכע גיט אונז די מעג־ליכקייט ביז אַ געוויסען גראַד צו בעלייכטען אפילו יענע ווייטע פּעריאָדע. אין די לעצטע פערציג יאָהר זיינען געמאַכט געוואָרען זעהר גענויע אונטערזוכונגען פון די געזעלשאַפטליכע אינסטיטו־ציעס ביי די ניעדריגסטע ראַסען, און די אונטערזוכונגען האָבען ענטדעקט אין די היינטיגע אינסטיטוציעס פון די פּרימיטיווע פעל־קער די שפּורען פון נאָך עלטערע איינריכטונגען, וועלכע זיינען שוין לאַנג פערלאָרען געגאַנגען, אָבער האָבען פונדעסטוועגען איבערגע־לאָזען אונצווייפעלהאַפטע צייכענס פון זייער אַמאָליגער עקזיס־טענץ. בּיסלעכווייז איז אויפגעבויט געוואָרען אַ גאַנצע וויסענ־שאַפט, וועלכע גיט זיך אָב מיט דער עמבריאָלאָגיע פון די מענש־ליכע אינסטיטוציעס, דורך די אַרבייטען פון באַכאָפען, מאַקלענאַן, מאָרגאַן, עדוארד ב. טיילאָר, מעין, פּאָסט, קאָוואַלעווסקי און פיעלע אַנדערע. און אָט די וויסענשאַפט האָט איצט פעסטגעשטעלט אָהן אַ שום ספק, אַז די מענשהייט האָט אָנגעהויבען איהר לעבען נ י ט אין דער פאָרם פון קליינע, איינזאַמע פאַמיליען.

די פאַמיליע איז ווייט ניט געווען די פּרימיטיווע פאָרם פון מענשליכער אָרגאַניזאַציע, נאָר אדרבא גאָר זעהר אַ שפּעטער פּראָ־דוקט פון מענשליכער ענטוויקלונג. ווי ווייט מיר זאָלען ניט צוריק־געהן אין דער פּאַלעאָ־עטנאָלאָגיע פון דער מענשהייט, געפינען מיר אומעטום מענשען, וואָס האָבען שוין געלעבט אין געזעלשאַפטען און גרופּען, וועלכע זיינען געווען עהנליך צו די סטאַדעס פון די העכערע זויגטהיערען. עס האָט זיך געפאָדערט אַ זעהר לאַנגזאַמע און גאַנץ לאַנגע ענטוויקלונג ביז וואַנען די דאָזיגע געזעלשאַפטען זיינען געקומען צו דער שטאַם־ אָדער קלאַן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פון איהר זייט ווידער געדאַרפט דורכמאַכען אַ זעהר לאַנגען פּראָצעס פון ענטוויקלונג, איידער עס האָבען זיך געקענט בעווייזען די ערשטע

אַנהויבען פון א פּאָליגאַמישער אָדער מאָנאָגאַמישער פאמיליע. געזעלשאַפטען, פערבאַנדען, שטאַמען, פעלקער און נ י ט פאמי־ליען — זיינען אויף דעם אופן געוועזן די פּרימיטיווע פאָרמען און די עלטסטע פאָרגעגנער פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער מענשהייט. צו אַזאַ אויספיהר איז די עטנאָלאָגיע געקומען נאָך אלע איהרע אונערמיעדליכע פאָרשונגען. אייגענטליך האָבען די זאָאָלאָגען געקענט פאָראויסזאָגען דעם אויספיהר. קיין איינציגער פון די העכערע זויגטהיערען, מיט דער אויסנאַהם פון גאָר ווינציגע פלייש־עסער און עטליכע בלי ספק אויסשטאַרבענדע מינים אַפּען (דער אָראַנג־אוטאַן און גאָרילאַ), לעבט ניט אין קלייניגקע פאמיליען, וואָס שלעפּען זיך איינזאַם ארום איבער די וועלדער. אלע איבעריגע לעבען אין געזעלשאַפטען. און דארווין האָט אזוי גוט פערשטאַנען, אַז די איינזאַם־לעבענדע אַפּען וואָלטען קיינמאָל זיך ניט געקענט ענטוויקלען צו מענשענעהנליכע בעשעפעניסען, אַז ער איז געווען גענייגט צו האַלטען, אַז דער מענש שטאַמט אָב פון א וועלכען עס איז לפי ערך שוואַכען אָבער געזעלשאַפטליכען מין, א שטייגער ווי דער שימפּאַנזע, אָבער ניט פון דעם שטאַרקען נאָר ניט־געזעלשאַפט־ליכען מין, ווי דער גאָרילאַ.1) די זאָאָלאָגיע און די פּאַלעאָ־עטנאָלאָגיע קומען אויף דעם אופן צו דעמזעלבען שלום, אַז די עלטסטע פאָרם פון געזעלשאַפטליכען לעבען איז געווען די גרופּע, די פעלקערשאַפט, און ניט די פאמיליע. די ערשטע מענשליכע געזעלשאַפטען זיינען איינפאַך געווען א וויטערע ענטוויקלונג פון יענע געזעלשאַפטען, וועלכע זיינען דער עצם פון דעם לעבען פון די העכערע טהיערען.2)

ווען מיר געהען איצט אריבער צו פּאָזיטיווע בעווייזען, זעהען

---

1) „די אָבשטאַמונג פון מענשען“, סוף צווייטען קאַפּיטעל, ז. 63 און 64 פון דער צווייטער אויפלאַגע.

2) אייניגע אַנטראָפּאָלאָגען, וועלכע טיילען אינגאַנצען די אויבענ־בעשריבענע אנשויאונגען וועגען מענשען, בעהויפּטען פונדעסטוועגען אמאָל, אַז די אַפּען לעבען אין פּאָליגאַמישע פאמיליען אונטער דער פיהר־ערשאַפט פון „אַ שטאַרקען און אייפערזיכטיגען זכר“. איך וויים ניט אויף וויפיעל אַזאַ בעהויפּטונג שטיצט זיך אויף פאַלשטענדיג ריכטיגע בעאָבאַכטונגען. אָבער דאָס זייטעל אין ברעהם׳ס „טהיער־לעבען“, אויף

מיר, אַז די גאָר ערשטע שפּורען פון מענשען, וואָס שטאַמען פון דער אייז־פעריאָדע, אָדער פון אַ צייט גלייך נאָך דער אייז־פעריאָדע, גיבען אונצווייפעלהאַפטע בעווייזען, אַז דער מענש האָט שוין דאַמאָלסט געלעבט אין געזעלשאַפטען. זעהר זעלטען טרעפט זיך צו געפינען אַן איינזאַמע שטיין־כלי אפילו אין דער עלטסטער פאַלעאָליטישער פעריאָדע; פערקעהרט, וואו נאָר מען געפינט איינע אָדער צוויי שטיין־כלים, דאָרט האָט מען באַלד געפונען נאָך אַנדערע, כמעט אַלעמאָל אין זעהר גרויסע צאָהלען. שוין אין יענע צייטען, ווען מענשען האָבען נאָך געוואוינט אין הייהלען אָדער אונטער אויסגעבויגענע פעלזען, אינאיינעם מיט אַזוינע זויגטהיערען, וואָס זייער מין איז שוין איצט מעהר ניטאָ; ווען זיי האָבען נאָך ניט געקאָנט מאַכען פאַר זיך קיין שטיינערנע העק אפילו פון דעם גרעבסטען סאָרט, זיינען זיי שוין געווען בעקאַנט מיט די נוצען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. אין פראַנקרייך, אין די טהאָלען פון די צופלוסען פון דער טייך ד'אָרדאָן, זיינען די פעלזען אין איינינגע ערטער פול מיט הייהלען, וואָס האָבען געדיענט אַלס וואוינונגען פאַר דעם שטיינצייט־מענשען.1) אָפטמאָל זיינען די דאָזיגע הייהלען־וואוינונגען אויסגעלעגט אין עטאַזשען, און דערמאָנען אונז זיכער מעהר אָן די נעסטען פון קאָלאָניעס שוואַלבען, איידער פון די הייהלען פון רויבטהיערען. און וואָס געהערט די שטיין־געצייג, וואָס מען געפינט אין יענע הייהלען, „קען מען אָהן אַ גוזמא זאָגען

---

וועלכען זיי בעציהען זיך געוועהנליך, ענטהאַלט קוים עפּעס, וואָס מען זאָל קענען אָננעהמען אַלס בעווייז. דאָרט געפינט זיך א טייל פון זיין אַלגעמיינער בעשרייבונג פון אַפּען; זיינע מעהר אויספיהרליכע בעשרייבונגען אָבער פון די בעזונדערע מינים, בעווייזען אָדער דעם היפך פון אַזאַ אַלגעמיינעם אויספיהר, אָדער זיי זאָגען גאָרנישט פאַר דעם אויספיהר. אפילו בנוגע דעם מין צערקאָפּיטעקוס בעהויפּטעט ברעהם אויסדריקליך, אַז „זיי לעבען כמעט אַלעמאָל אין גרופּען און זעהר זעלטען אין פאַמיליען" (ז. 128, דריטע אויפלאַגע). וואָס געהערט די אַנדערע מינים, איז די צאָהל פון זייערע גרופּען, אין וועלכע עס געפינען זיך פיעלע זכרים, שוין אַליין גענוג צו האַלטען די השערה פון א „פּאָליגאַמישער פאַמיליע" מעהר אַלס צווייפעלהאַפט. עס איז קלאָר, אַז דאָ פאָדערט זיך נאָך בעאָבאַכטונגען.

1) לובבאק, „פּרעהיסטאָריק טיימז", 5טע אויפלאַגע, 1890.

— ווי לובבאָק דריקט זיך אויס — אז זיי זיינען גאָר אָהן א צאָהל״.
דאָס אייגענע איז ריכטיג בנוגע צו אלע אנדערע פּאָלעאָליטישע גע־פין־פלעצער. אורטיילענדיג לויט די פאָרשונגען פון לאַרטע, האָבען שוין די איינוואוינער פון דעם אָרינאַק־קרייז אין דרום־פראַנקרייך געפּראַוועט שטאָם־מאָהלצייטען ביי דער בעערדיגונג פון זייערע טויטע. עס קומט אויף דעם אופן אויס, אז די מענשען האָבען גע־לעבט אין געזעלשאַפטען און האָבען געהאַט אַן אָנהויב פון שטאָם־רעליגיעזע מנהגים, שוין אין יענער זעהר ווייטער עפּאָכע.

דאָסזעלבע ווערט בעשטעטיגט נאָך מיט א סך מעהר ראיות וועגען דער שפּעטערדיגער פּעריאָדע פון דער שטיין־צייט. די שפּור־רען פון דעם נעאָליטישען מענשען בעגעגענט מען אין אזוינע גרויסע צאָהלען, אז מען קען דורך זיי אין א גרויסען ערך ווידער אויפ־שטעלען זיין גאַנצען אַרט לעבען. ווען דער אייז־צוּדעק (וועלכער האָט זיך געמוזט אויסשפּרייטען פון די פּאָלאַרע לענדער ביז מיטען פראַנקרייך, דייטשלאַנד און רוסלאַנד, האָט פּערדעקט גאַנץ קאַנאַדא און אויך א היבש טייל פון דער טעריטאָריע, וואָס געהערט איצט צו די פעראייניגטע שטאַאטען), האָט אָנגעהויבען שמעלצען, זיינען די אויבערפלעכען, וואָס האָבען זיך בעפרייט פון אייז, צוערשט געווען בעדעקט מיט זומפּען און בלאָטעס, און שפּעטער מיט אונצעהליגע אָזערעס.1) די אָזערעס האָבען אין יענער צייט אָנגעפילט אַלע טיעפּענישען און איינשניטען אין די טהאָלען, איידער די וואַסערן האָבען פאַר זיך דורכגעגראָבען די בעשטענדיגע קאַנאַלען, וועלכע זיינען אין א שפּעטערע עפּאָכע געוואָרען אונזערע טייכען. און וואו מיר זאָלען זיך איצטער ניט א קעהר טהאָן, אין אייראָפּא, אזיע אָדער אַמעריקא, געפינען מיר, אז די ברעגען פון די אונצעהליגע אָזערעס

---

1) דאָס רוב געאָלאָגען, וואָס האָבען ספּעציעל נאָכגעפאָרשט די אייז־פּעריאָדע, גיבען איצט צו, אז דער אייז־צודעק האָט געגרייכט אזוי וויט. די רוסישע געאָלאָגישע געזעלשאַפט שטימט מיט דער מיינונג בנוגע צו רוסלאַנד, און דער גרעסטער טייל דייטשע ספּעציאַליסטען שטימען איין בנוגע צו דייטשלאַנד. די אייז־בעדעקונג פון דעם גרעסטען טייל פון פראַנקרייך׳ס צענטראַל פּלאַטאָ וועט אונבעדינגט אנערקענט ווערען פון די פראַנצויזישע געאָלאָגען, אזוי באַלד ווי זיי וועלען בכלל שענקען מעהר אויפמערקזאַמקייט דעם ענין פון דער אייז־אָבלאַגערונג.

פון יענער פעריאָדע — וועלכע מען האָט געדאַרפט על פי יושר אָנרופען די פעריאָדע פון אָזערעס — זיינען בעדעקט מיט שפורען פון דעם נעאָליטישען מענשען. די שפורען זיינען אַזוי צאָהלרייך, אַז מען מוז זיך נאָר וואונדערן, ווי געדיכט די בעפעלקערונג איז געווען אין יענער עפּאָכע. אויף די טערראַסען, וועלכע בעצייכענען איצטער די ברעגעס פון די אַלטע אָזערעס, קומען די „סטאַנציעס" פון דעם נעאָליטישען מענשען נאָהענט איינע נאָך די אַנדערע און מען געפינט אויף יעדער סטאַנציע אַזאַ גרויסע צאָהל פון שטיינערנע געצייג, אַז עס בלייבט ניט דער קלענסטער ספק, אַז די דאָזיגע ערטער זיינען אין משך פון זעהר אַ לאַנגער צייט געווען בעוואוינט פון גאַנץ צאָהלרייכע מענשען־פעלקער. גאַנצע ווערקשטאַטען פון שטיינערנע געצייג, וועלכע ציינען וויפיעל אַרבייטער עס האָבען זיך גע־מוזט צונויפקלייבען אין איין אָרט, זיינען ענטדעקט געוואָרען פון די אַרכעאָלאָגען.

די שפורען פון שפּעטערע פעריאָדען, וועלכע האָבען שוין געברויכט ליימענע כלים, געפינען מיר אין די אַזוי אָנגערופענע „קיך אָבפאַלען" פון דענעמאַרק. ווי בעקאַנט, זיינען אָט די קופּעס שאָלען, פון 5 ביז 10 פוס דיק, פון 100 ביז 200 פוס ברייט און טויזענד פוס אָדער מעהר לאַנג, אַזוי פערשפּרייט אין אייניגע ערטער פון ים־ברעג אין דענעמאַרק, אַז מען האָט זיי געהאַלטען אַ לאַנגע צייט פאַר נאַטירליכע פאָרמירונגען. דער פאַקט איז, אַז זיי בעשטעהען „דורכאויס פון אַזוינע מאַטעריאַלען, וואָס זיינען אויף פערשיידענע אופנים געברויכט געוואָרען פון מענשען", און זיי זיינען אַזוי איבערפילט מיט פּראָדוקטען פון מענשליכער אַרבייט, אַז לובבאָק האָט סך הכל אין צוויי טעג, וואָס ער האָט פערבראַכט אין מיילגאַארד, געפונען 191 שטיקלעך שטיינערנע געצייג און פיער אָבגעבראָכענע שטיקער פון ליימענע כלים.1) די גרויס פון די דאָזיגע קופּעס און די פערשפּרייטקייט זייערע בעווייזען, אַז אין פערלויף פון פיעלע און פיעלע דורות האָבען זיך בעזעצט אויף די ברעגעס פון דענעמאַרק הונדערטע קליינע פעלקער אָדער שטאַמען, וועלכע האָבען אָהן אַ שום ספק געלעבט צווישען זיך אַזוי פריעדליך, ווי עס לעבען איצטער די איינוואוינער אויף די ברעגעס פון פייערלאַנד,

1) „פּרעהיסטאָריק טיימז", ז. 232 און 242.

וואס ווארפען איצט אויך אן אזוינע קופעס שאלען און אנדערע אבפאלען.1)

די וואסער־הייזלעך פון דער שווייץ, וואס שטעלען פאר א ווייטערע שטופע אויפ'ן וועג צו ציוויליזאציע, גיבען אויך נאך בע־סערע בעווייזען, אז זייערע איינוואוינער האבען געלעבט אין געזעל־שאפטען און געארבייט געמיינשאפטליך. עס איז בעקאנט, אז אין דער שטיין־צייט זיינען די ברעגעס פון די שווייצארישע אזערעס געווען בעדעקט מיט רייהען דערפער, וועלכע זיינען בעשטאנען פון עטליכע הייזלעך צו א דארף, און זיינען געווען געבויט אויף פלאטפארמעס, וואס האבען זיך געהאלטען אויף א סך סלופעס, אריינגעשלאגען אין גרונט פון אזערע. ניט וועניגער פון פיער־און־צוואנציג דערפער, דאס רוב פון וועלכע האבען געהערט צו דער שטיין־צייט, זיינען אין די לעצטע יאהרען ענטדעקט געווארען אויף די ברעגעס פון דער זשענעווער אזערע, צוויי־און־דרייסיג אויף דער קאנסטאנצער אזערע, זעקס־און־פערציג אויף דער נייששאטעלער אזערע א. אז. וו. און יעדע איינע פון זיי איז אן עדות פאר דער אונגעהייערער צאהל ארבייט, וואס איז געטהאן געווארען געמיינ־שאפטליך — ניט פון פאמיליען, נור פון גאנצע שטאמען. איינינע

1) די קיך־רעשטלעך, ד. ה. קופעס אבפאלען, ארום זיעבען פוס הויך און א הונדערט פוס לאנג, וועלכע ליעגען אין די שיכטען פון א בעוואוס־טען בערגעל אין העסטינגס, פון פארענט פון א קלופט אין א פעלזען, וואו עס האבען אמאל געוואוינט נעאליטישע מענשען, געהערען אויך צו דער זעלבער קאטעגאריע. לואיס אבבאט האט זיי גאנץ גוט דורכגעזיפט און אויסגעפארשט. זיי בעשטעהען אויסשליסליך פון אויסגעגעסענע ים־שיסעלעך, ביינער און אבגעבראכענע שטיקלעך פון שטיינערנע געצייג — די לעצטע געפינען זיך אין אזוינע מאסען, אז אין איין שטונדע, נאך א שטארקען רעגען, האבען מיר צונויפגעקליבען ארום א הונדערט שטיקלעך סקראבערס און מעסערס, וואס די ווילדע האבען געמוזט ארויסווארפען אין דרויסען ווען זיי האבען שוין מעהר ניט געטויגט. אט די קופעס זיינען אינטערעסאנט אין נאך איין פרט, און דאס איז, וואס צווישען די אלע זאכען זיינען ניט געווען אזוינע שטיקער, וועלכע מען וואלט געקענט בעטראכטען אלס געוועהר פאר מלחמה־צוועקען אדער אפילו פאר געיעג אויף גרויסע חיות.

פֿאַרשער זיינען זיך אַפילו משער, אַז דאָס לעבען פֿון די דאָזיגע אָזוּ־רעס־איינוואוינער איז געווען מערקווירדיג פֿריי פֿון קריעגערישע צוזאַמענשטויסען. און די השערה איז אַ גאַנץ גלויבליכע, אויב מען זאָל נעהמען אין אָנבעטראַכט דאָס לעבען פֿון די פּרימיטיווע פֿעלקער, וועלכע לעבען נאָך איצטער אין אַזעלכע דערפֿער, וואָס זיינען געבויט אויף סלופּעס ביי די ברעגעס פֿון ימים.

מיר זעהען אָט אַזוי אַפילו פֿון אָט דעם קורצען איבערבליק, אַז אונזערע ידיעות וועגען דעם פּרימיטיווען מענשען, זיינען אייגענטליך גאָר ניט אַזוינע מאָגערע, און אַז יעדענפֿאַלס לייקענען זיי גיכער אָב, איידער זיי בעשטעטיגען האָבבס׳ השערות. אחוץ דעם, קען מען די ידיעות אַ היבש ביסעל פֿולער מאַכען דורך דירעקטע בעאָבּאַכטונגען פֿון אַזעלכע פּרימיטיווע פֿעלקער, וועלכע שטעהען נאָך איצטער אויף דער אייגענער שטופּע פֿון ציוויליזאַציע, אויף וועלכער עס זיינען געשטאַנען די איינוואוינער פֿון אייראָפּאַ אין די פֿאַר־היסטאָרישע צייטען.

אַז די פּרימיטיווע פֿעלקער, וועלכע עקזיסטירען איצטער, זיינען כלל ניט קיין דעגענערירטע פֿעלקער, וואָס האָבען אַמאָל געהאַט אַ העכערע ציוויליזאַציע און האָבען זי פֿערלאָרען, ווי איינינגע געלעהרטע האָבען בעהויפּטעט, איז שוין פֿאָלשטענדיג בעוויזען געוואָרען פֿון עדוואַרד ב. טיילאָר און דזשאָהן לובבאָק. מען קען אָבער נאָך צולעגען צו די אַרגומענטען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען אַנטקעגען דער דעגענעראַציאָנס־טעאָריע, די ווייטערדיגע. מיט דער אויסנאַהם פֿון איינינגע פֿעלקער, וועלכע האַלטען זיך אויף אין די וועניגער צוגענגליכע בערגיגע געגענדען, פֿערנעהמען די אַזוי אָנגערופֿענע „ווילדע" אַ גאַרטעל, וואָס רינגעלט אַרום מעהר אָדער וועניגער די ציוויליזירטע נאַציאָנען, דערהויפּט אויף יענע דרויסענ־טיילען פֿון אונזערע קאָנטינענטען, וועלכע טראָגען נאָך איצטער, אָדער האָבען געטראָגען ביז גאָר ניט לאַנג צוריק, דעם כאַראַקטער פֿון דער עפּאָכע, וואָס איז געקומען גלייך נאָך דער אייז־פּעריאָדע. צו זיי געהערען די עסקימאָזען און זייערע קרובים פֿון גרענלאַנד, אַרקטישער אַמעריקאַ און צפון־סיביר, און אין דער דרום־העלפֿט פֿון ערדקוגעל — די אויסטראַליער, די פּאַפּואַס, די פֿייערלענדער און טיילוויז די בושמענער; בעת אין די גרעניצען פֿון דעם ציוויליזירטען פֿאַס קען מען אַזוינע פּרימיטיווע פֿעלקער בעגעגענען נאָר

אין די הימאַלאַיען, אין די הויכ־לענדער פון דרום־מזרח אזיע און אויף דער פּלאַטאָ פון בראַזיליען. מען דאַרף דערביי ניט פערגעסען, אז די אייז־פעריאָדע האָט זיך ניט געענדיגט מיט איין מאָל גלייך איבער דער גאַנצער אויבערפלעך פון ערדקוגעל; זי געדויערט נאָך ביז איצט אין גרענלאַנד. מחמת דעם, איז בעת אין די ברעג־לענדער פון אינדישען אָקעאַן, פון מיטעללענדישען ים אָדער פון מעקסיקאַנישען גאָלף האָט שוין איינגעטראָטען א ווארעמער קלימאַט און עס האָט זיך שוין ענטוויקעלט א העכערע ציוויליזאַציע, זיינען נאָך גרויסע טעריטאָריען אין מיטען אייראָפּאַ, סיביר און נאָרד־אַמעריקאַ, ווי אויך אין פּאַטאַגאָניאַ, אין דרום־אפריקאַ, דרום־מזרח אזיע און אויסטראַליע, געבליבען אין דעם צושטאַנד פון נאָך דער אייז־פעריאָדע (פּאָסט גלאַציאַל), וואו די ציוויליזירטערע נאַציאָנען פון דעם הייסען און מעסיגען ערד־פּאַס האָבען ניט געקענט וואוינען. די דערמאָנטע לענדער זיינען דאַמאָלסט געווען אומגעפעהר אין אזא צושטאַנד, ווי די איצטיגע שרעקליכע „אורמאַנען" פון צפון־מערב סיביר, און זייער בעפעלקערונג, וועלכע איז ניט צוגענגליך פאַר ציוויליזאַציע און ניט בעריהרט פון איהר, איז געבליבען ביי דעם כאַראַקטער פון אָנהויב פּאָסט־גלאַציאַלען מענשען. ערשט שפּעטער, ווען די אויסטריקענונג האָט געמאַכט אז די דאָזיגע טעריטאָריען זאָלען אָנהויבען טויגען פאַר ערד־ארבייט, האָבען זיי אָנגעהויבען בעפעלקערט ווערען פון מעהר ציוויליזירטע אָנקומער; און דאַמאָלסט איז א טייל פון די פריהערדיגע איינוואוינער אסימילירט געוואָרען פון דער נייער בעפעלקערונג, בעת דער אַנדער טייל איז אָבגעטראָטען אַלץ ווייטער און ווייטער צו די נעבען־פּאָלאַרע געגענדען און האָט זיך בעזעצט אין די ערטער וואו מיר געפינען זיי איצטער. די טעריטאָריעס, וואָס זיינען בעוואוינט פון זיי אין דער איצטיגער צייט, האָבען אין זייער פיזישער הינזיכט אויפגעהאַלטען עד היום, אָדער ביז גאָר ניט לאַנג, דעם כאַראַקטער פון דער אייז־פעריאָדע; די האַנדווערק און געצייג פון זייערע איינוואוינער זיינען ביז איצט נאָך ניט אַרויס פון דער נעאָליטישער פעריאָדע; און ניט קוקענדיג אויף זייערע ראַסען־חלוקים און אויף די שטרעקען, וואָס טיילען זיי אָב איינעם פון אַנדערן, איז די אַרט לעבען און די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס פון די דאָזיגע פעלקער מערקווירדיג ענהליך איינע צו די אַנדערע. מיר מוזען דעריבער בעטראַכטען די

„ווילדע“ אַלס טיילען פון אַן אַמאָליגער פּאָסט־גלאַציאַלער בעפעל־קערונג, וואָס האָט בעוואוינט דעם איצטיגען ציוויליזירטען ערד־שטח.

דאָס ערשטע, פון וואָס מיר וועלען פער'חידוש'ט, גלייך ווי מיר הויבען אָן שטודירען די פּרימיטיווע פעלקער, איז דער קאָמפּליצירטער בנין פון הייראַט־פערהעלטניסען, אונטער וועלכען זיי לעבען. די פאַמיליע, אין דעם זין ווי מיר פערשטעהען זי, געפינט זיך ביי זיי קוים אין איהר אָנפאַנגס צושטאַנד. דאָך שטעלען די ווילדע בכלל ניט פאָר מיט זיך „לויזע פערבינדונגען פון מענער און פרויען, וועלכע קומען זיך אונאַנשטענדיג צוזאַמען, אונטער דעם איינפלוס פון אַ מאָמענטאַנעם קאַפּריז“. זיי לעבען, אין געגענטייל, אונטער אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע, וועלכע לויס מאָרגאַן האָט בעשריבען אין איהרע אַלגעמיינע שטריכען, און האָט זי אָנגערופען די „גענטיל“־ אָדער „קלאַן“־אָרגאַניזאַציע.1)

---

1) באַכאָפען, „דאָס מוטעררעכט“, שטוטגאַרט 1861; ליואיס ה. מאָרגאַן, „אורגעזעלשאַפט“ (ענגליש), ניו יאָרק 1877; מאַקלענאַן, „שטודיען אין אורגעשיכטע“ (ענגליש), ערשטע סעריע, נייע אויפלאַגע 1886, צווייטע סעריע 1896; ל. פיזאָן און א. וו. האָואיט, „קאַמילאַראָי און קורנאַי“ (ענגליש), מעלבורן. אַט די פיער שרייבער, ווי זשיראָ טעולאָן האָט זעהר ריכטיג בעמערקט, וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון פערשיידענע פאַקטען און פערשיידענע לייטענדע אידעען, זיינען געקומען פונקט צום זעלביגען אויספיהר. באַכאָפענ'ען פערדאַנקען מיר דעם בעגריף פון דער מוטערשאַפט־פאַמיליע און דער פערערבונג דורך דער מוטער. מאָרגאַנ'ען — דעם סיסטעם פון שטאַם־פערוואַנדטשאַפט ביי די מאַלייען און טוראַנען, ווי אויך אַ זעהר ווערטהפולע בעשרייבונג וועגען די הויפּט פאַזען פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. מאַקלענאַנ'ען — די אויספאָרשונג פון דער עקזאָגאַמיע, ד. ה. די הייראַט אויסער דעם אייגענעם שטאַם. פיזאָ'ן און האָואיט'ן — די פעסטשטעלונג פון דער „קואַדראָ“, ד. ה. דעם פּלאַן פון די הייראַט־פערהעלטניסען אין אויסטראַליע. זייערע אַלעמענס פאָרשונגען פיהרען צו דער פעסטשטעלונג פון דעם שטאַם־אורשפּרונג פון דער פאַמיליע. ווען באַכאָפען האָט דער ערשטער, אין זיין ווערק וואָס האָט געמאַכט אַן עפּאָכע אין דער וויסענ־

איבערגעבענדיג בקיצור אַט דעם זעהר גרויסען ענין, קענען מיר זאָגען, אַז היינטיגע צייטען איז שוין מעהר קיין ספק ניט, אַז אין אָנהויב פון איהר עקזיסטענץ איז די מענשהייט דורכגעגאַנגען די סטאַדיע פון הייראַט־פערהעלטניסען, וועלכע מען קען אָנרופען „די קאָמונאַלע הייראַט“: ד. ה. מענער און פרויען אין גאַנצע שטאַמען האָבען געלעבט צווישען זיך אַלס מאַן און ווייב, אָהן שום ריקזיכט אויף זייער בלוט־פערוואַנדטשאַפט. עס איז אָבער אויך קיין ספק ניט, אַז איינינע בעשרענקונגען זיינען אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף אַט די פרייע בעציהונגען צווישען די געשלעכטער שוין אין גאָר אַ פריהער פעריאָדע. הייראַט־פערהעלטניסען זיינען באַלד פערבאָטען געוואָרען צווישען די זיהן פון איין מוטער און איהרע שוועסטער, אייניקלעך און מוהמעס. שפּעטער זיינען פערבאָטען געוואָרען אַזוינע פערהעלטניסען צווישען די זיהן און טעכטער פון איין מוטער, און באַלד דערנאָך זיינען אויך געקומען אַנדערע בעשרענקונגען. ביסלעכוויז האָט זיך ענטוויקעלט דער געדאַנק פון אַ קלאַן (גענס), וועלכער האָט אַרומגענומען אַלע מיטגליעדער, וואָס מען האָט גערע־כענט אַז זיי שטאַמען אָב פון איין גזע, (גיכער — אַלע וואָס זיינען פעראייניגט דורך אַזאַ אָנגענומענער פערוואַנדטשאַפט אין איין שטאַם־גרופּע) און די הייראַט אינערהאַלב פון קלאַן איז לגמרי פער־באָטען געוואָרען. די בעציהונג איז נאָך אַלץ געבליבען „קאָמונאַל“, אָבער די ווייבער אָדער די מענער האָט מען געמוזט נעהמען פון אַן

---

שאַפט, אויפגעוויזען אויף דער מוטערשאַפט־פאַמיליע, און מאָרגאַן האָט בעשריבען די קלאַן־אָרגאַניזאַציע, און זיינען דערביי געקומען צום שלוס, אַז די איינריכטונגען זיינען געווען כמעט אַלגעמיין פערברייטעט, און האָבען בעהויפּטעט, אַז די הייראַט־געזעץ זיינען די גרונדלאַגע פון אַלע שפּעטערע ענטוויקלונג־שטופען פון דער מענשהייט — האָט מען זיי בעשולדיגט, אַז זיי זיינען מגזם. אָבער די גענויעסטע אונטערזוכונגען פון אַ גאַנצער רייהע פאָרשער, וואָס האָבען שטודירט דאָס אַלטע רעכט, האָבען בעוויזען, אַז אין אַלע מענשליכע ראַסען זיינען פאַראַן שפּורען פון זייער דורכמאַכען די אייגענע ענטוויקלונג־שטופען פון הייראַט־מנהגים, וועלכע מיר געפינען איצטער ביי איינינע ווילדע. זעה די ווערק פון פּאָסט, דאַרגון, קאָוואַלעווסקי, לובבאָק און זייערע צאָהלרייכע נאָכפאָלגער, ווי ליפּפּערט, מוקע און אַנדערע.

אנדער קלאַן. און ווען אַ שטאַם האָט זיך שטאַרק פערמעהרט אין צאָהל און האָט זיך צוטיילט אין עטליכע שטאַמען, האָט יעדער פון זיי זיך איינגעטיילט אין קלאַסען (געוועהנליך אין פיער) און הייראַ־טען איז ערלויבט געוואָרען נאָר צווישען געוויסע, געגוי־בעשטימטע קלאַסען. אַט אַזאַ שטופע געפינען מיר נאָך איצטער ביי די אויס־טראַליער, וועלכע רעדען די קאַמילאַראָישע שפּראַך. וואָס געהערט דער פאַמיליע, האָבען זיך איהרע ערשטע שפּראָצען בעוויזען אין דער שטאַם־אָרגאַניזאַציע. אַ פרוי, וואָס איז געפאַנגען געוואָרען אין מלחמה מיט אַן אַנדער שטאַם, און וועלכע וואָלט פריהער גע־הערט צום גאַנצען שטאַם, איז אין אַ שפּעטערער פּעריאָדע געבליבען פאַר דעם, וואָס האָט איהר געכאַפּט אין פּלען, נאָר ער האָט דערביי געמוזט נאָכקומען אַ געוויסע התחייבות צום שטאַם. ער האָט זי געקענט האַלטען אין אַ בעזונדער וואוינונג, נאָכדעם ווי זי האָט אָב־געצאָהלט אַ געוויסע קאָנטריבוציע צום שטאַם, און אויף דעם אופן האָט זיך געקענט גרינדען אין די גרעניצען פון שטאַם אַ בעזונדער פאַמיליע, וועלכע האָט אָהן צווייפעל אריינגעפיהרט אַ גאַנץ נייע פאַזע פון ציוויליזאַציע. אויף קיין פאַל האָט אָבער די פרוי, וואָס האָט אַט אַזוי געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער פאַטריאַרכאַלער פאַמיליע, ניט געקענט גענומען ווערען פון דעם אייגענעם שטאַם. זי האָט געמוזט ארויסקומען פון אַ פרעמדען שטאַם.

ווען מיר בעטראַכטען איצטער, אַז אַט די קאָמפּליצירטע אָר־גאַניזאַציע האָט זיך ענטוויקעלט צווישען מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער נידעריגסטער שטופע פון ענטוויקלונג, און אַז זי האָט זיך אויפגעהאַלטען אין געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען ניט געוואוסט פון קיין אַנדער מאַכט אַחוץ דער מאַכט פון דער עפענט־ליכער מיינונג, קענען מיר גלייך זעהן, ווי טיעף די געזעלשאַפטליכע אינסטינקטען האָבען געמוזט זיין איינגעוואָרצעלט אין דער מענש־ליכער נאַטור אפילו בעת זי איז נאָך געשטאַנען אויף די נידעריגסטע שטופען. דער ווילדער, וואָס האָט געקענט לעבען אין אַזאַ אָרגאַ־ניזאַציע, זיך אונטערוואַרפענדיג מיט זיין אייגענעם ווילען אונטער די בעשרענקונגען, וועלכע זיינען נאָכאַנאַנד געקומען אין אַ צוזאַ־מענשטויס מיט זיינע פּערזענליכע פערלאַנגען, איז זיכער ניט געווען עהנליך צו אַ חיה, וואָס האָט ניט קיינע עטישע פּרינציפּען און אַנערקענט ניט קיין צוים אויף זיינע ליידענשאַפטען. און דער פאַקט

איז נאָך מעהר חדוש'דיג, ווען מען בעטראכט ווי ווייט אוועק אין דער פערגאַנגענהייט די דאָזיגע שטאַם־אָרגאַניזאַציע האָט עקזיס־טירט.

איצט איז שוין בעוואוסט, אַז די אוראַלטע סעמיטען, די גריעכען פון האָמער'ס צייטען, די פאָר־היסטאָרישע רוימער, די גערמאַנען וואָס טאַציטוס האָט בעשריבען, די אַלטע קעלטען און סלאַווען, האָבען געהאַט זייער פעריאָדע פון שטאַם־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען זעהר עהנליך צו דער שטאַם־אָרגאַניזאַציע פון די אויסטראַליער, די רויט־פאַרביגע אינדיאַנער, די עסקימאָזען און אַנדערע איינוואוינער פון דעם „גאַרטען פון די ווילדע".1) מיר מוזען אויף דעם אופן אָננעהמען איינס פון די צוויי: אָדער אַז די ענטוויקלונג פון די הייראַט־מנהגים איז צוליעב וועלכע עס איז אור־זאַכען געגאַנגען אין איין און דערזעלבער ריכטונג ביי אַלע מענש־ליכע ראַסען; אָדער אַז די רודימענטען פון די שטאַם־רעגעלען האָבען זיך ענטוויקעלט ביי די אַלגעמיינע אורעלטערן פון די סעמיטען, די אַריער און פאַלינעזיער און אַנדערע, איידער זיי האָבען זיך דיפע־רענצירט אין בעזונדערע ראַסען, און אַז די דאָזיגע רעגעלען האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביז היינטיגען טאָג ביי די ראַסען, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג אָבגעזונדערט פון זייער אַלגעמיינעם גזע. ביידע השערות אָבער בעווייזען צוגלייך אַ וואונדערבאַרע דויערהאַפטיג־קייט פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע — אַ מין דויערהאַפטיגקייט, וואָס קיין אַטאַקע פונ'ם יחיד האָט זי ניט געקענט פערניכטען אין משך פון די צעהנדליגע טויזענדע יאָהרען וואָס זי עקזיסטירט. אָבער די דויערהאַפטיגקייט גופא פון דער שטאַם־אָרגאַניזאַציע בעווייזט, ווי פאַלש עס איז דער בליק, וואָס מאַלט אָב די פרימי־טיווע מענשהייט אין דער געשטאַלט פון אַ צעלאָזענער חברה אינדיווידומען, וועלכע פאָלגען נאָר זייערע אייגענע לייַדענשאַפטען און בענוצען זיך יעדער איינער מיט זיין פערזענליכער קראַפט און

1) וועגען די סעמיטען און אַריער זעה דערהויפט פראָפ. מאַקסים קאָוואַלעווסקי'ס „דאָס פרימיטיווע רעכט" (רוסיש), מאָסקווע 1886 און 1887; ווי אויך זיינע סטאָקהאָלמשע לעקציעס „וועגען דעם אורשפרונג און דער ענטוויקלונג פון דער פאַמיליע און דעם אייגענטום" (פראַנצויזיש) 1890. זעה אויך אַ. פאָסט, „די געשלעכטגענאָסענשאַפט דער אורצייט", אָלדענבורג, 1875. זעה אָנהאַנג IX.

געשיקטקייט בייצוקומען אלע איבעריגע. דער ניט־איינגעצוימטער אינדיווידואליזם איז א מאָדערנער געוויקס און איז גאָר ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּרימיטיווער מענשהייט.1)

אריבערגעהענדיג איצטער צו די היינטיגע ווילדע, קענען מיר אָנהויבען פון די בושמענער, וועלכע שטעהען אויף א נידעריגער שטופע פון ענטוויקלונג — אויף אַזוי פיעל נידעריג, אַז זיי האָבען אפילו ניט קיין וואוינונגען און שלאָפען אין גריבער, וועלכע זיי גראָבען אויס אין דער ערד, אָדער פשוט אונטער א לייכטען שירם

1) מיר קענען זיך דאָ ניט פערנעהמען מיט דער פראַגע וועגען דעם אורשפּרונג פון די הייראַט־רעגעלען. איך וויל נאָר בעמערקען, אַז אַן עהנליכע איינטיילונג אין גרופען ווי די, וואָס מאָרגאַן האָט בעשריבען ביי די האַוואַיער, געפינט זיך ביי די פויגלען: די יונגע לעבען צוזאַמען, אָבגעזונדערט פון זייערע עלטערן. שפּורען פון אַזאַ איינטיילונג קען מען געפינען אויך ביי איוניגע זויגטהיערען. וואָס געהערט דעם שפּעטערען פערבאָט פון הייראַט־פערהעלטניסען צווישען ברידער און שוועסטער, איז ער וואַהרשיינליך ענטשטאַנען, ניט מחמת דער אויסרעכענונג וועגען דער שעדליכער ווירקונג פון בלוטפערוואַנדטשאַפט — אַן אויסרעכענונג וואָס איז פאַר יענער צייט אונגלויבליך, — נאָר גיכער מיט דעם צוועק אויסצומיידען צו־נאָהענטע פערהעלטניסען צווישען צו־יונגע פון ביידע געשלעכטער. ביי אַן ענגען צוזאַמענוואוינען אין איין צימער איז אַזאַ בעשרענקונג געוואָרען אַ פּאָזיטיווע נויטווענדיגקייט, און דאָס שטימט פאָלשטענדיג מיט די בעוואָרענישען, וואָס די ווילדע פיהרען איין, למשל, צו האַלטען די מענליכע יוגענד אין אַ בעזונדער „לאַנגען הויז“ אונטער דער אויפזיכט פון ערציהער. מען דאַרף אויך בעמערקען, אַז זוכענדיג דעם אורשפּרונג פון נייע מנהגים, מוז מען בכלל האַלטען אין אויג, אַז די ווילדע האָבען אַזוי גוט ווי מיר זייערע „דענקער“, געלעהרענטע זואָהרזאָגערס, מכשפים, רופאים, נביאים — וועמעס וויסען און דענקען שטייגען אַריבער דעם אַלגעמיינעם דורכשניט פון דער מאַסע. און אַזוי ווי אָט די „געלערנטע“ זיינען פעראייניגט אין געהיימע פערבאַנדען (נאָך אַ שטריך וואָס געפינט זיך כמעט אומעטום), האָבען זיי געוויס געהאַט אַ גרויסען איינפלוס און איינגעפיהרט אַזוינע מנהגים, וואָס דאָס רוב פון שטאַם האָט נאָך ניט געהאַט איינגעזעהן זייער נוצען.

פון גראָז און צווייגען, וואָס בעשיצט זיי פון ווינד. עס איז בעקאַנט, אַז ווען די איירָאָפּעער האָבען זיך בעזעצט אויף זייערע טעריטאָריעס און האָבען אויסגע׳הרג׳עט די גרויסע ווילדע סטאַדעס פון רויטע חיות, וועלכע פלעגען זיך פיטערען ביז יענער צייט אויף די פליינען, האָבען די בושמענער גענומען גנב׳ענען די פיה ביי די קאָלאָניסטען — די אַנגעקומענע האָבען דאַן אָנגעהויבען פיהרען אַנטקעגען די בושמענער אַזאַ ברוטאַלע מלחמה פון פערניכטונג, וועלכע איז צו־שרעקליך דאָ צו דערצעהלען. פינף־הונדערט בושמענער זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען אין יאָהר 1774; אין די יאָהרען 1808 און 1809 האָט דער פאַרמער־פערבאַנד אויסגעראָטעט זייערע דריי טויזענד א. אז. וו. מען האָט זיי געֿסם׳ט ווי מייז, ארויסשטעלענדיג פאַר די דאָזיגע פערהונגערטע מענשען פערגיפטעטע פלייש; מען האָט זיי דערשאָסען ווי די ווילדע חיות, בעהאַלטענדיג זיך הינטער אַן אונטערגעוואָרפענעם קערפּער פון אַ געטויטען טהיער; מען האָט זיי דער׳הרג׳עט וואו מען האָט זיי נאָר געפּאַקט.1) אויף דעם אופן קענען אונזערע ידיעות וועגען די בושמענער, וועלכע קומען צום גרעסטען טייל פון דיזעלבע מענשען, וואָס האָבען זיי פערטיליגט, זיך ניט אויסצייכענען מיט אַ בעזונדער פריינדשאַפטליכקייט צו זיי. פונדעסטוועגען ווייסען מיר, אַז אין יענער צייט, ווען די איירָאָפּעער האָבען זיך בעוויזען צווישען זיי, האָבען זיי געלעבט אין ניט־גרויסע שטאַמען, וועלכע פלעגען זיך אמאָל פעראייניגען אין פעדעראציעס; אַז זיי פלעגען געמיינשאַפטליך פיהרען געיעג און זיך טיילען די רויב אָהן געשלעג און מחליקות; אַז זיי האָבען קיינמאָל ניט אוועקגעוואָרפען זייערע פערוואונדעטע און האָבען אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע צוגעבונדענקייט צו זייערע חברים. ליכטענשטיין דערצעהלט אַ זעהר ריהרענדע געשיכטע וועגען אַ בושמאַן, וועלכער האָט זיך שיער ניט דערטרונקען אין טייך און איז גערעטעט געוואָרען דורך זיינע חברים. זיי האָבען אַרונטערגענומען פון זיך זייערע טהיערען־פעל, כדי איהם איינצודעקען און דערוואַרעמען, בעת זיי האָבען אַליין געציטערט

1) קאָרנעל קאָלינס אין פּיליפּ׳ס׳ „רעסוירטשעס אין סאַוטה אַפריקאַ“, לאָנדאָן 1828. ציטירט פון וואַיץ („אַנטראָפּאָלאָגיע דער נאַטור־פעלקער“, באַנד 2, 334.)

פון קעלט; זיי האָבען איהם אַרומגעטריקענט, געריבען פאַר׳ן פייער, אויסגעשמירט מיט וואַרעם פעטס, ביז זיי האָבען איהם ענדליך געבראַכט צום לעבען. ווען די בושמענער האָבען אויסגעפונען, אַז יאָהאַן וואַנדערוואָלט איז אַ מענש וואָס מיינט זייער טובה, האָבען זיי אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרקייט דורך אַ זעהר ריהרענדע צוגעבונדענקייט צו איהם.1) בורשטעלל און מאָפפאַט שילדערן זיי אַלס גוטהערציגע, ניט־אייגענגוציגע, וואָרטסלייט און דאַנקבאַרע 2) — אַלץ מעלות, וועלכע קענען זיך ענטוויקלען נאָר ווען זיי ווערען שטענדיג פּראַקטיצירט אין דעם שטאַם. וואָס איז שייך זייער ליעבע צו קינדער, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז ווען אַן אייראָפּעער האָט געוואָלט האָבען אַ פרוי פון די בושמענער פאַר אַ שקלאַפין, האָט ער אַוועקגערויבט איהר קינד: די מוטער פלעגט יעדעס מאָל קומען אַליין און זיך אָבגעבען אין קנעכטשאַפט, כדי צו טיילען דעם שיקזאַל פון איהר קינד.3)

דיעזעלביגע געזעלשאַפטליכע זיטען בעגעגענט מען ביי די האָטענטאָטען, וועלכע זיינען נאָר עפּעס מעהר ענטוויקעלט ווי די בושמענער. לובבאָק רופט זיי אָן „די שמוציגסטע חיות“ און זיי זיינען ווירקליך זעהר שמוציג. זייער גאַנצע קליידונג בעשטעהט פון אַ טהיערען־פּעלכעל, וואָס זיי הענגען אָן ארום האַלדז, און וועלכעס זיי טראַגען אַזוי לאַנג, ביז עס צופאַלט אויף שטיקלעך. זייערע הייזלעך זיינען צונויפגעשטעלט פון עטליכע שטאַנגען, צונויפגעבונדען ביי די שפּיצען און פערדעקט מיט אַ ראָגאָזשע, לגמרי אָהן אַ ברעקעל מעבעל אינעווענינ. אבוואויל זיי האַלטען אָקסען און שאָף, און זיינען, דאַכט זיך, געווען בעקאַנט מיט דעם געברויך פון אייזען נאָך איידער זיי האָבען זיך בעגעגענט מיט אייראָפּעער, פון דעסטוועגען שטעהען זיי נאָך עד היום אויף איינער פון די נידעריגסטע

---

1) ליכטענשטיין, „רייזען אים זידליכען אַפריקאַ“, באַנד 2, ז. 92, 97, בערלין 1881.

2) וואַיטץ, „אַנטראָפּאָלאָגיע דער נאַטורפעלקער“, באַנד 2, ז. 335, און ווייטער. זעה אויך פריטש, „די איינגעבאָרענע אַפריקאַ׳ס“, ברעסלוי 1872, ז. 386 א. וו., און „דריי יאַהרע אין זיד אַפריקאַ“. אויך וו. בלעק, „איי בריעף אַקאָונט אָוו בושמען פאָלקלאָר“, קייפּטאַון 1875.

3) עליזע רעקלו, „געאָגראַפיע אוניווערסעל“ באַנד 13, ז. 475.

שטופען פון מענשליכער ענטוויקלונג. און דאך האבען די אייראָ־פּעער, וועלכע זיינען נאָהענט בעקאנט געוועזען מיט זייער לעבען, זיך זעהר גוט אָבגערופען וועגען זייער געזעליגקייט און גרייטקייט צו העלפען איינער דעם אנדערן. גיט מען עפּעס א האָטענטאָט, טיילט ער זיך דערמיט גלייך מיט אלע ארומיגע — א מנהג, וועלכער, ווי בעקאנט, האָט זעהר פערוואונדערט אויך דארווינען ביי די איינוואוינער פון פייערלאַנד. א האָטענטאָט קען אליין ניט עסען, אוז ווי ער זאל ניט זיין הונגעריג, רופט ער צוזאמען די פארבייגעהער און טיילט זיין שפּייז מיט זיי. און ווען קאָלבען האָט אויסגעדריקט וועגען דעם זיין פערוואונדערונג, האָט מען איהם געענטפערט: „אָט אזא מנהג איז ביי די האָטענטאָטען". אָבער דער מנהג איז אייגענטליך ניט ביי די האָטענטאָטען אליין: דאָס איז א מנהג, וואָס עקזיסטירט כמעט אומעטום און איז בעמערקט געוואָרען פון רייזענדע ביי אלע „ווילדע". קאָלבען, וועלכער האָט גוט געקענט די האָטענטאָטען און פערשוויינט ניט זייערע חסרונות, קען זיך ניט בענוג אָנלויבען פון זייער שטאַם־זיטליכקייט.

„זייער וואָרט איז הייליג" — שרייבט ער. „זיי זיינען לגמרי אונבעקאַנט מיט דער פערדאָרבענקייט און אונגעטרייקייט פון אייראָפּא". „זיי לעבען זעהר פריעדליך און זעלטען ווען זיי פיהרען קריעג מיט זייערע שכנים". זיי זיינען „פול מיט ווייכקייט און גוטהערציגקייט אין זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען... דאָס גרעסטע פרייד פאר א האָטענטאָט איז געבען מתנות און טהאָן א געפעליגקייט". „לויט זייער עהרליכקייט, זייער שנעלע און פּינקטליכע יוסטיץ און זייער צניעות, שטייגען די האָטענטאָטען איבער אלע, אָדער כמעט אלע, אנדערע פעלקער".1)

טאשאר, באַררא און מודי 2) בעשטעטיגען פאָלשטענדיג קאָלבען'ס ווערטער. מען דארף נאָר בעמערקען, אז ווען קאָלבען האָט געשריעבען וועגען די האָטענטאָטען, אז „אין זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען זיינען זיי די פריינדליכסטע, די פרייגעביגסטע

1) פ. קאָלבען „דהי פּרעזענט סטייט אָוו דהי קייפּ אָוו גוד האָופּ", איבערזעצט פון דייטש דורך מעטלעי, לאָנדאָן 1731, באַנד I, ז. 59, 71, 333, 336 א. וו.

2) ציטירט אין וואַיטץ „אַנטראָפּאָלאָגיע", באַנד III, ז. 335 א. וו.

און גוטהערציגסטע מענשען, וואָס האָבען ווען עס איז געלעבט אויף דער ערד" (באַנד I, ז. 332) האָט ער דערמיט געגעבען אַ כאַראַקטעריסטיק, וועלכע די רייזענדע ווידערהאָלען פון דאַן אָן אין זייערע בעשרייבונגען פון אַלערליי סאָרטען ווילדע. ווען די אייראָפּעער האָבען צום ערשטען מאָל זיך אָנגעטראָפען מיט פּרימיטיווע ראַסען, האָבען זיי געוועהנליך געגעבען אַ קאַריקאַטור פון זייער לעבען; האָט אָבער געטראָפען, אַז אַן אינטעליגענטער מענש האָט אַ לענגערע צייט געלעבט צווישען זיי, האָט ער זיי שוין בעשריבען אַלס די „פריינדליכסטע" אָדער „עדעלסטע" ראַסע אויף דער ערד. גענוי מיט די אייגענע ווערטער כאַראַקטעריזירען די רייזענדע, וואָס פערדיענען דעם גרעסטען צוטרויען, די אָסטיאַקען, די סאַמאָיעדען, עסקימאָזען, דאַיאַקען, אַלעאוטען, פּאַפּואַסען א. אַז. וו. איך געדענק אויך, אַז מיר איז אויסגעקומען צו לעזען פּונקט אַזוינע מיינונגען וועגען די טונגוזען, די טשוקטשען, די סיאו אינדיאַנער און וועגען עטליכע אַנדערע פעלקער פון ווילדע. די ווידערהאָלונג אַליין פון אַזוינע לויבווערטער רעדט שוין פיעל מעהר איידער גאַנצע בענדער פון ספּעציעלע פאָרשונגען.

די איינגעבוירענע פון אויסטראַליע שטעהען ניט העכער אין זייער ענטוויקלונג פון זייערע דרום־אַפריקאַנישע ברידער. זייערע הייזלעך טראָגען דעם זעלבען כאַראַקטער, און זעהר אָפט בענוגענען זיי זיך אפילו מיט אַן איינפאַכען שירם פון גראָז צו בעשיצען זיך פון די קאַלטע ווינטען. זיי זיינען אויך ניט קיין איבערקלייבער אויף שפּייז: אין אַ נויט קענען זיי אויפעסען אַ פאַלשטענדיג פערפוילטע פגירה, און ווען עס מאַכט זיך אַ הונגער, קענען זיי אַמאָל אויך ווערען מענשענפרעסער. ווען די אייראָפּעער האָבען צום ערשטען מאָל ענטדעקט די אויסטראַליער, האָבען זיי מעהר ניט געהאַט ווי גאַנץ פּראָסטע, גראָבע ווערקצייג פון שטיין אָדער ביין. איינינע שטאַמען האָבען אפילו ניט געהאַט קיין לאָדקעס און האָבען גאָר ניט געוואוסט פון טויש־האַנדעל. דאָך, ווען מען האָט גענוי אונטערזוכט זייערע מנהגים און געוועהנהייטען, האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז זיי לעבען אונטער דיזעלביגע אויסגעאַרבייטע שטאַם־אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָנט.1)

1) די איינגעבוירענע, וואָס וואוינען צו צפון פון סידנעי און רעדען די קאָמילאַראָי שפּראַך, זיינען אין דער בעציהונג מעהר אויסגע־

די טעריטאָריע אויף וועלכער זיי וואוינען, איז געוועהנליך צוטיילט צווישען פערשיידענע שטאַמען, אָבער דער געביעט, אויף וועלכען יעדער שטאַם פיהרט אָן געיעג אָדער פיש־פאַנג, געהערט צו דער געמיינשאַפט און די פּראָדוקטען פון געיעג און פיש־פאַנג געהען פאַר דעם גאַנצען שטאַם. 1) דעם שטאַם געהערען אויך די געצייג פון געיעג און פיש־פאַנג. די מאָהלצייטען עסען זיי געמיינשאַפטליך. די אויסטראַליער האַלטען, ווי אַ סך אַנדערע ווילדע, פון געוויסע רעגעלען בנוגע די סעזאָנען, ווען מען מעג קלייבען געוויסע סאָרטען גראָזען און גומי. 2) וואָס געהערט זייער מאָראַל בכלל, וועלען מיר דאָ בעסער ברענגען די ענטפערס, וואָס דער מיסיאָנער טומהאָלץ, וועלכער האָט געוואוינט אין צפון־קווינסלאַנד, האָט געגעבען אויף די פראַגען פון דער פּאַריזער אַנטראָפּאָלאָגישער געזעלשאַפט: 3)

„דאָס געפיהל פון פריינדשאַפט איז זיי בעקאַנט; דוקא שטאַרק ענט־וויקעלט. די שוואַכע ווערען געשטיצט פון דער געמיינדע; זיי גיבען גוט אַכטונג אויף די קראַנקע: מען פערלאָזט זיי קיינמאָל ניט און מען דער׳הרג׳עט זיי ניט. די דאָזיגע שטאַמען זיינען קאַניבאַלען, זיי עסען אָבער זעהר זעלטען מיטגליעדער פון דעם אייגענעם שטאַם. (אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז נור דאַן, ווען זיי הרג׳ענען זיי צוליעב רעלי־גיעזע מאָטיווען); זיי עסען נאָר פרעמדע. די עלטערן ליעבען זייערע

---

פאַרשט געוואָרען, אַ דאַנק דער גרויסער אַרבייט פון לאָרימער פיזאָן און א. וו. האַאיט, „קאַמאַלאַראָי ענד קורנאַי“, מעלבורן, 1880. זעה אויך האַאיט „פּוירטהער נאָוט אָן דהי אויסטראַליען קלאַסס סיסטעמס“ אין „דזשורנאַל אָוו דהי אַנטראָפּאָלאָדזשיקאַל אינסטיטוט“, 1889, באַנד XVIII ז. 31. אין אָט דעם ווערק ווערט בעוויזען ווי די אייגענע אָרגאַ־ניזאַציע איז ווייט פערשפּרייט איבער גאַנץ אויסטראַליע.

1) „דהי פאָלקלאָר מעננערס אָוו אויסטראַליען אַבאָריגינעס“, אַדע־לעידע 1879, ז. 11.

2) גרעי, „דזשורנאַלס אָוו טו עקספּעדישענס אָוו דיסקאָווערי אין נאָרטה־וועסט ענד וועסטערן אויסטראַליע“, לאָנדאָן 1841, באַנד II, ז. 237, 298.

3) „בולעטין דע לאַ סאָסיעטע ד׳אַנטראָפּאָלאָזשיע“, 1888, באַנד IX, ז. 652. איך ברענג די ענטפערס פערקירצט.

קינדער, שפּיעלען זיך מיט זיי און צערטלען זיי. קינדער ווערען געטויט נאָר מיט דער צושטימונג פון גאַנצען שטאַם. מיט די אַלטע לייט בעגעהען זיי זיך זעהר גוט און הרג'ענען זיי קיינמאָל ניט. זיי האָבען ניט קיין רעליגיאָן, קיינע געצען, נאָר זיי האָבען גרויס מורא פאַר'ן טויט. די הייראַט איז אַ פּאָליגאַמישע. מחליקות, וואָס קומען פאָר אין דעם שטאַם, ווערען אויסגעפּאַכטען מיט הילצערנע שווערדען און הילצערנע שפּיזען. קיין שקלאַפעריי עקזיסטירט ביי זיי ניט; פון ערד־אַרבייט וויסען זיי ניט; קליידער — גאָרנישט, אַחוץ אַ פאַרטוך, וואָס די פרויען טראָגען אַמאָל. דער שטאַם בעשטעהט פון צוויי הונדערט מענשען, איינגעטיילט אין פיער קלאַסען מענער און פיער קלאַסען ווייבער. די הייראַט איז ערלויבט נאָר צווישען געוויסע קלאַסען, אָבער קיינמאָל ניט אין די גרע־ניצען פון דעמזעלבען שטאַם."

וועגען די פּאַפּואַסען, נאָהענטע קרובים פון די אויסטראַליער, האָבען מיר די עדות פון ג. ל. בינק, וועלכער האָט פון 1871 ביז 1883 געלעבט אין נייגווינעא, דערהויפּט אין געעלווינק בעי. מיר וועלען ברענגען דעם תמצית פון זיינע ענטפערס אויף דיזעלביגע פראַגען.1)

„די פּאַפּואַסען זיינען בטבע געזעלשאַפטליך און זעהר פרעהליכע; זיי לאַבען זעהר פיעל. זיי זיינען גיכער פחדנים איידער מוטהיגע מענ־שען. עס עקזיסטירט אַ גאַנץ שטאַרקע פריינדשאַפט צווישען די מיטגליע־דער פון פערשיידענע שטאַמען, און נאָך אַ שטאַרקערע פריינדשאַפט אין דעם אייגענעם שטאַם גופא. אַ פּאַפּואַס צאָהלט אָפט אָב זיין פריינד'ס חובות, מיט דעם תנאי, אַז יענער זאָל אויסצאָהלען דעם חוב אָהן פראָצענט צו זיינע קינדער. זיי גיבען אַכטונג אויף קראַנקע און אַלטע; זייערע אַלטע וואַרפען זיי קיינמאָל ניט אַוועק און הרג'ענען זיי ניט, מיט דער אויסנאַהמע פון קנעכט, וועלכע זיינען לאַנג קראַנק געוועזען. די געפאַנגענע אין מלחמה עסען זיי אַמאָל אויף. קינדער צערטלען זיי זעהר און ליעבען זיי. די אַלטע און שוואַכע קריעגסגעפאַנגענע דער'הרג'ענען זיי, די איבע־ריגע פערקויפען זיי אין שקלאַפעריי. זיי האָבען ניט קיין רעליגיאָן, קיינע געטער אָדער געצען און קיין שום רעגיערונג; דער עלטסטער מיטגליעד פון דער פאַמיליע איז דער ריכטער. אין פאַל ווען איינער איז עובר אויף די הייראַט־רעגעלן, צאָהלט ער אַ שטראָף; אַ טייל פון דעם

---

1) „בולעטין דע לאַ סאָסיעטע ד'אַנטראָפּאָלאָזשיע", 1888, באַנד IX, זייט 386.

געהט פאַר דער „נעגאַריאַ“ (די געמיינשאַפט). די ערד געהערט אַלעמען גלייך, די פּרוכטען פון דער ערד אָבער געהערט צו דעם וואָס האָט די ערד בעאַרבייט. די פּאַפּואַסען האָבען ליימענע כלים און זיינען בעקאַנט מיט טויש־מסחר; דערביי איז ביי זיי אַ מנהג, אַז דער סוחר גיט זיי די סחורה און זיי געהען צו זיך אין די הייזער און ברענגען דערפאַר זייערע היימישע זאַכען, וועלכע דער סוחר דאַרף האָבען. אויב זיי האָבען ניט קיין ניצליכע זאַכען, קעהרען זיי אום דעם סוחר זיינע אייראָפּעאישע סחורה.1)

די פּאַפּואַסען זיינען „קאָפּ־יעגער“, ד. ה. זיי פּראַקטיצירען בלוט־ראַכע. דאָך, „מאַנכעסמאָל — זאָגט פינש — ווערט די אַנגעלעגענהייט איבערגעגעבען דעם ראַזשאַה פון נאַמאָטאָטע, וועלכער שליסט דעם דיספּוט צו'־פּסקנ'ענדיג צו בעצאָהלען אַ קנס.“

ווען מען בעגעהט זיך גוט מיט די פּאַפּואַסען, זיינען זיי זעהר גוטמוטהיג. מיקלוכאָ־מאַקלאַי, ווי בעקאַנט, איז אַראָב פון שיף אין דער בעגלייטונג פון איין איינציגען מאַטראָז, האָט זיך בעזעצט אויפ'ן מזרח־ברעג פון נייגווינעאַ און האָט דאָרט אָבגעוואוינט גאַנצע צוויי יאָהר צווישען פעלקער, וואָס האָבען זיך גערעכענט פאַר מענשענפרעסער, און עס האָט איהם באַנג געטהאָן ווען ער האָט זיך געדאַרפט שיידען מיט זיי. ער האָט זיי פערשפּראָכען צו קומען צוריק און האָט געהאַלטען וואָרט: ער האָט אָבגעלעבט ביי זיי נאָך אַ יאָהר, און פאַר דער גאַנצער צייט איז צווישען איהם און זיי ניט געקומען צו קיין מחליקה. אמת, ער האָט זיך געהאַלטען אָן דעם כלל — קיינמאָל ניט, אונטער קיין שום אויסרעד ניט, זאָגען זיי אַן אונוואַרהייט, אָדער צו פערשפּרעכען זיי עפּעס, וואָס ער האָט ניט געקענט מקיים זיין. אָט די אָרעמע בעשעפּענישען, וועלכע פערשטעהען אפילו ניט ווי צו מאַכען פייער, און היטען עס דעריבער מיט גרויס מיה אין זייערע הייזלעך, לעבען אין אַ פּרימיטיווען קאָמוניזם אָהן וועלכע עס איז געוועלטיגער, און ביי זיי אין די דערפער קומען קיינמאָל ניט פאָר קיין ערנסטע מחליקות. זיי אַרבייטען געמיינשאַפטליך, אַקוראַט וויפיעל זיי דאַרפען האָבען אויף דעם

---

1) דערזעלבער מנהג עקזיסטירט אויך ביי די פּאַפּוסען פון קיימאַני בעי, וועלכע זיינען בעריהמט פאַר זייער שטרענגער עהרליכקייט. „עס האָט זיך נאָך ניט געטראָפען, אַז אַ פּאַפּואַס זאָל ברעכען זיין וואָרט“, זאָגט פינש, („נייגווינעאַ און זיינע בעוואָהנער“, ברעמען 1865, ז. 1829).

טאָג צו עסען; זיי האָדעווען זייערע קינדער געמיינשאַפט־ליך; אין די אבענדען פוצען זיי זיך אוים אזוי קאָקע־טיש ווי זיי קענען, און טאַנצען. ווי אַלע ווילדע האָבען זיי לײדענ־שאַפטליך ליעב טענץ, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר א מין מיסטעריעזע צערעמאָניע פון שטאַם. יעדער דאָרף האָט זיין „באַרלאַ" אָדער „באַלאַי" — דאָס „לאַנגע" אָדער „גרויסע" הויז — פאַר די ניט פערהייראַטעטע, וואו עס קומען פאָר די געמיינשאַפט־ליכע פערזאַמלונגען און עס ווערען בעשפראָכען די קהל'שע ענינים — נאָך אַן איינפיהר, וואָס מען טרעפט ביי אַלע איינוואוינער פון די אינזלען פון שטילען אָקעאַן, ווי אויך ביי די עסקימאָזען, ביי די אינדיאַנער, א. אַז. וו. גאַנצע גרופעס דערפער לעבען אין פריינד־ליכע בעציהונגען צווישען זיך און גאַנצע געמיינדען אויף אמאָל געהען איינע צו די אַנדערע אויף בעזוך.

צום אומגליק קומען אָפט פאָר פיינדשאַפטען צווישען די דער־פער — ניט ווייל „די בעפעלקערונג ווערט צו־געדיכט" אָדער עס קומט פאָר א „שאַרפע קאָנקורענץ" און נאָך אַזוינע אויסגעטראַכטע מעשיות פון אונזער קרעמערשען יאָהרהונדערט, נאָר דער עיקר צוליעב זייער אַבערגלויבען. ווי נאָר ווער עס איז ווערט קראַנק, קלייבען זיך אַרום זיינע פריינד און קרובים און הויבען אָן אויפ'ן גרינדליכסטען אופן בעקלערען די פראַגע: ווער קאָן עס זיין דער שולדיגער אין זיין קראַנקהייט? מען נעהמט איבערקלייבען אַלע מעגליכע שונאים, יעדער איז זיך מתודה אין זיינע קלענסטע מחלוקות, ביז לסוף געפינט מען אוים „די אמת'ע אורזאַך" פון דער קראַנקהייט. דאָס האָט אָנגעשיקט א וועלכער עס איז שונא פון א דערבייאיגען דאָרף — און מען בעשליסט מאַכען אַן איבערפאַל אויף יענעם דאָרף. צוליעב דעם זיינען די שטרייטען אַזאַ געוועהנליכע פאַסירונג, אפילו צווישען די ברעגיקע דערפער, שוין ניט צו רעדען וועגען די קאַניבאַלען, וואָס וואוינען אין די בערג, וועלכע מען האַלט פאַר די אמת'ע מכשפים און שונאים, הגם ווען מען בעקאָנט זיך מיט זיי נעהענטער, שטעלט זיך אַרוים, אַז זיי אונטערשיידען זיך ניט מיט קיין זאַך פון זייערע שכנים, וואָס וואוינען אויפ'ן ברעג ים.(1

1) „איזוועסטיאַ רוסקאַוואַ געאָגראַפיטשעסקאַוואַ אָבשצעסטוואַ".

פיעלע חדוש'דיגע בלעטלעך וואָלט מען געקאָנט אָנשרייבען וועגען דער הארמאָניע, וואָס הערשט אין די דערפער פון די פּאָלי־נעזישע איינוואוינער אויף די אינזלען פון שטילען אָקעאַן. זיי שטעהען שוין אָבער אויף עפּעס א העכערער שטופע פון ציווילי־זאַציע, דעריבער וועלען מיר בעסער נעהמען נאָךביישפּיעלען פון דעם לעבען פון די איינוואוינער פון וויטען צפון. איך וויל נאָר צולעגען, איידער מיר פערלאָזען דעם דרום'דיגען האלבקוגעל, אז אפילו די איינוואוינער פון פייערלאַנד, וועלכע האָבען אזא שלעכטע רעפּוטאציע, הויבען שוין אויך אָן זיך ארויסווייזען אין א בעסערען ליכט, וואָס בעסער מיר ווערען בעקאַנט מיט זיי. עטליכע פראַנ־צויזישע מיסיאָנערען, וועלכע וואוינען צווישען זיי, „קענען זיך ניט בעקלאָגען אויף קיין פיינדליכע האנדלונג פון זייער זייט". זיי לעבען אין שטאַמען, צו 120 ביז 150 פּערזאָן, און פּראקטיצירען אויך דעם פּרימיטיווען קאָמוניזם, אזוי ווי די פּאַפּואסען. זיי טיילען זיך אַלץ וואָס זיי האָבען צווישען זיך און בעגעהען זיך זעהר גוט מיט די אַלטע. א פאָלשטענדיגער שלום הערשט צווישען אָט די פעלקער. 1)

ביי די עסקימאָזען און זייערע נאָהענטסטע קרובים, די טלינקעטען, קאָלאָשען און אַלעאוטען, געפינען מיר דעם נעהענט־סטען בילד פון דעם, וואָס דער מענש איז געווען אין דער צייט פון דער אייז־פעריאָדע. די ווערקצייג וואָס זיי געברויכען, אונטער־שיידען זיך קוים פון די געווערקצייג פון דער אַלטער שטיין־צייט, און אייניגע פון אָט די פעלקער זיינען נאָך עד היום ניט בעקאַנט מיט דער מלאכה פון פיש־פאַנג: זיי שטעכען פּשוט די פיש מיט א הארפּון (אזא שפּיעז. 2) זיי זיינען בעקאַנט מיט דעם געברויך פון אייזען, אָבער זיי בעקומען דאָס אייזען פון די אייראָפּעער, אָדער געפינען עס אויף די צעבראָכענע שיפען. זייער געזעלשאַפטליכע

ז. 1880 און ווייטער. עס געפינען זיך צוואנציג ביכער פון רייזע בעשריי־בונגען, וואָס זאָלען געבען א בעסערען בילד וועגען די פרטים פון אַל־טעגליכען לעבען פון די ווילדע, איידער אָט די אויסצוגען פון מיקלוכאָ־מאַקלאַי'ס טאגעבוך.

1) ל. פ. מארטיאל אין „מיססיאָן סיענטיפיק אָ קאַפּהאָרן", פּאַריז 1883, באַנד I, ז. 201—183.

2) די עקספּעדיציע פון קאַפּיטאַן האָלם אין מזרח־גרענלאַנד.

אָרגאַניזאַציע איז פּאָלשטענדיג פּרימיטיוו, הגם זיי זיינען שוין אַרויסגעטראָטען פון דער „קאָמונאַל־הייראַט"־שטופע, אפילו מיט איהרע קלאַסען־בעשרענקונגען. זיי לעבען שוין אין פאַמיליען, נאָר די פאַמיליען־בענדער זיינען נאָך שוואַך, דען צייטענווייז קומט ביי זיי פאָר אַן אויסטויש פון מענער און ווייבער. 1) די פאַמיליען אָבער זיינען נאָך אַלץ פעראייניגט אין שטאַמען. אייגענטליך קען עס גאָר אַנדערש ניט זיין. ווי אַזוי וואָלטען זיי געקאָנט אויסהאַלטען דעם שווערען קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, ווען זיי וואָלטען ניט פעראייניגט אַלע זייערע קרעפטען אויפ'ן ענגסטען אופן? אַזוי טהוען זיי טאַקע, און מען זעהט, אַז אַם ענגסטען זיינען די שטאַם־בענדער דאָרט, וואו דער לעבענסקאַמפּף איז אַם שווערסטען, דהיינו אין צפון־מזרח פון גרענלאַנד. זיי וואוינען געוועהנליך אין דעם „לאַנגען הויז", אין וועלכען עס געפינען זיך עטליכע פאַמיליען, אָבגעטיילט איינע פון די אַנדערע דורך אַ קליינער מחיצה פון צעריסענע פעלכלעך, אָבער מיט איין קאָרעדאָר פאַר אַלע חדרים. אַמאָל האָט אַזאַ הויז די פאָרם פון אַ צלם און דאַן געפינט זיך אין צענטער די אַלגעמיינע קיך. אַ דייטשע עקספּעדיציע, וועלכע האָט פערבראַכט אַ גאַנצען ווינטער לעבען איינם פון אַזוינע „לאַנגע הייזער", האָט זיך געקענט איבערצייגען, אַז דורכ'ן גאַנצען אַרקטישען ווינטער „איז דער פריעדען ניט געשטערט געוואָרען דורך איין איינציגער מחלקה און עס איז ניט פאָרגעקומען קיין שום שטרייטיגקייט פאַר דעם געברויך פון דעם דאָזיגען ענגען פּלאַץ". אויסרעדען דעם אַנדערען אָדער זאָגען עפּעס אַ קרום וואָרט, איז ניט ערלויבט, סיידען אין דער געזעצליכער פאָרם פון אַזאַ מין לעבערליכען געזאַנג, 2) וועלכען די ווייבער זינגען אין כאָר. דאָס ענגע צוזאַמענלעבען און די ענגע געגענזייטיגע אָבהענגיגקייט

1) אין אויסטראַליע האָט מען בעאָבאַכטעט, אַז גאַנצע שטאַמען בייטען זיך מיט די ווייבער אַלס אַ סגולה צו פערהיטען זיך פון עפּעס אַן אומגליק. (פּאָוסט, „שטודיען צור ענטוויקלונגס־געשיכטע דעם פאַמיליענרעכטס", 1890, ז. 342). אַרויסווייזען וואָס מעהר ברידערליכע געפיהלען, הייסט עס, איז ביי זיי אַ רפואה בדוקה אנטקעגען אומגליקען.

2) דר. ה. רינק, „דה עסקימאָ טרייבס". ז. 26 („מעדעלעלזער אָם גרענלאַנד" באַנד IX, 1887).

זיינען גענוג אויפצוהאַלטען פון דור צו דור אַזאַ טיעפע אַכטונג פאַר די אינטערעסען פון דער געמיינשאַפט. מיט וועלכער עס צייכענט זיך אויס דאָס לעבען פון די עסקימאָזען. אפילו אין די גרעסערע עסקימאָזען געמיינדען „איז די געזעלשאַפטליכע מיינונג אַן אמת'ע געריכט־אינסטיטוציע, און די געוועהנליכע שטראָף בעשטעהט אין דעם, וואָס מען איז מבייש דעם פערשולדיגטען פאַר אַלעמען אין די אויגען.“ 1)

אין גרונד פון דעם לעבען פון די עסקימאָזען ליעגט דער קאָמוניזם. אַלץ וואָס זיי בעקומען דורך געיעג אָדער דורך פיש־פאַנג, געהערט דעם גאַנצען שטאַם. ביי איינינגע שטאַמען אָבער, דערהויפּט צו מערב־צו אונטער דעם איינפלוס פון די דענען, הויבט זיך אָן איינפיהרען פּריוואַט־אייגענטום. דאָך ווענדען זיי אָן אַ גאַנץ אָריגינעלען מיטעל אָבצושוואַכען די אונבעקוועמליכקייטען, וואָס וואַקסען אויס דורך גרויסע פּריוואַט־פערמעגענס, וועלכע קענען באַלד צערשטערען די איינהייט פון זייער שטאַם. ווען אַן עסקימאָז הויבט אָן נתעשר ווערען, רופט ער צונויף אַלע זיינע שטאַם־חברים אויף אַ סעודה, און ווען די געסט האָבען זיך גוט אָנגעגעסען, שענקט ער זיי פונאַנדער זיין גאַנצען פערמעגען. אין אַלאַסקאַ, ביים טייך יוקאָן, האָט דאַלל געזעהן ווי איין אַלעאוטישע פאַמיליע האָט אויף אַזאַ אופן צוטיילט צעהן ביקסען, צעהן גאַנצע פעלצענע אָנצוגען, צוויי הונדערט שנירלעך פּערעל, אַ מאַסע דעקען, צעהן וואָלפענע פעל, צוויי הונדערט ביבער־פעל און פינף הונדערט

1) דר. רינק, דאָרט גופא, ז. 24. אייראָפּעער, וועלכע זיינען אויפ־געוואַקסען אין דעם רעספּעקט פאַר'ן רוימישען רעכט, זיינען ניט אימ־שטאַנד צו פערשטעהן די מאַכט פון דער אויטאָריטעט פונ'ם שטאַם. „דער פאַקט איז — שרייבט רינק — מען קען עס זאָגען ניט אַלס אויסנאַהם, נאָר אַלס אַלגעמיינער רעגעל, אַז אַ ווייסער מענש, אפילו ווען ער האָט אָבגעלעבט צעהן יאָהר אָדער מעהרער צווישען די עסקימאָזען, פאָהרט אָב פון זיי ניט האָבענדיג זיך בעקאַנט מיט די טראַדיציאָנעלע אידעען, אויף וועלכע עס איז בעגרינדעט זייער געזעלשאַפטליכער בנין. דער ווייסער, זאָל ער זיין אַ מיסיאָנער, אָדער אַ סוחר, האַלט זיך אימער אָן דער דאָגמאַטי־שער מיינונג, אַז דער ניעדעריגסטער אייראָפּעער איז אַלץ בעסער איידער דער בעסטער איינגעבוירענער עסקימאָ.“ („דהי עסקימאָ טרייבס“, ז. 31.)

סייבעל פעלכלעך. דערנאָך האָבען זיי ארונטערגענומען פון זיך זייערע יום־טוב'דיגע קליידער און אוועקגעגעבען, און אָנטהאָנדיג זיך אין אַלטע פעלצען, האָבען זיי זיך געווענדעט צו זייערע חברים מיט א קורצער רעדע, זאָגענדיג אז אבוואויל זיי זיינען איצטער אָרעמער איידער יעדער איינער פון זייערע געסט, האָבען זיי אָבער דערפאַר געוואונען זייער פריינדשאַפט.1)

אזוינע אייגענטום־פערטיילונגען זיינען הפנים געוואָרען אַן איינגעוואָרצעלטער מנהג ביי די עסקימאָזען, און דאָס ווערט דורכגעפיהרט יעדען יאָהר אין א בעשטימטער צייט, נאָכדעם ווי עס ווערט אויסגעשטעלט אַלץ וואָס איז אָנגעקליבען געוואָרען פאַר'ן יאָהר.2) נאָך מיין מיינונג זעהט זיך אין דעם ארויס א זעהר אַלטע אינסטיטוציע, וואָס איז ענטשטאַנען בעת עס האָט זיך צום ערשטען מאָל בעוויזען פערזענליכע פערמעגענס. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען ווי א מיטעל אויפצוהאַלטען צווישען די חברים די גלייכהייט, וועלכע איז צושטערט געוואָרען דורכדעם וואָס איינינגע פערזאָנען זיינען רייך געוואָרען. די פעריאָדישע פערטיילונג פון דער ערד און מוחל זיין אַלע חובות (יובל און שמיטה), וואָס האָט עקזיסטירט אין די היסטאָרישע צייטען ביי פיעלע פערשיידענע פעלקער, (סעמיטען, אריער א. ד. גל.) זיינען וואהרשיינליך געווען אַן איבערבלייב פון אָט דעם אַלטען מנהג. דער מנהג צו בעגראָבען אינאיינעם מיט דעם געשטאָרבענעם, אָדער פערברענען אויף זיין קבר, זיין פערזענליכען פערמעגען, וועלכען מיר געפינען ביי אַלע פרימיטיווע ראַסען, מוז, ווי עס שיינט, אויך האָבען דעם זעלבען אורשפרונג. דער פאַקט איז, אַז בעת מען פלעגט פערברענען אָדער

---

1) דאָלל, „אַלאַסקאַ ענד איטס רעזאָרסעס", קיימברידזש, יו. ס. 1870.

2) א. וועניאמינאָוו און דאָלל האָבען בעאָבאַכטעט דעם מנהג אין אַלאַסקאַ, יאַקאָבסען און איגניטאָק אָרום דעם בעהרינג סטרייט. גילבערט ספּראָוט דערמאָנט וועגען דעם ביי די אינדיאַנער פון וואַנקאָוווער; און דר. רינק, בעשרייבענדיג די אויסשטעלונגען, וועלכע מיר האָבען פריהער דערמאָנט, לעגט צו: „דער הויפּט נוצען פון אָנקלייבען פערזענליכען רייכטום בעשטעהט אין דעם, מען זאָל עס פעריאָדיש פערטיילען". ער דערמאָנט אויך (דאָרט גופא ז. 31) „וועגען דער פערניכטונג פון אייגענטום צוליעב דעמזעלבען צוועק" (ד. ה. כדי אויפצוהאַלטען די גלייכהייט).

פערניכטען אויפ'ן קבר אלץ, וואס האט געהערט דעם פערשטאר־בענעם פערזענליך, פלעגט מען לאזען גאנץ אלע אנדערע זאכען, וועלכע האבען געהערט צו איהם בשותפות מיט'ן שטאם, ווי צום ב. ש. די לאדקעס, נעצען א. ד. גל. גאר דאס פערזענליכע אייגענטום מוז פערניכטעט ווערען. אין נאך א שפעטערע פעריאדע ווערט פון דעם מנהג א רעליגיעזע צערעמאניע: מען גיט איהם צו א מיסטישע בעדייטונג, און די פערניכטונג ווערט א רעליגיעזער געבאט, בעת די עפענטליכע מיינונג אליין איז שוין ניט שטארק גענוג צו צווינגען, אלע זאלען אבהיטען דעם מנהג. און ענדליך ווערט די ווירקליכע פערניכטונג פערביטען אויף א סימבאלישע צערעמאניע, ד. ה. מען פערברענט אויפ'ן קבר איינפאכע פאפירענע מאדעלען אדער אבביל־דער פון דעם פערשטארבענעמס אייגענטום (ווי זיי טהוען אין כי־נא), אדער מען טראגט ארויף דאס פערמעגען אויפ'ן קבר און, ווען מען האט אבגע'פטר'ט די בעערדיגונגס־צערעמאניע, טראגט מען עס צוריק אוועק אהיים. אין אט דער פארם ווערט דער מנהג נאך אבגע־היט עד היום צווישען אייראפעער, בנוגע צו שווערדען, מעדאלען און אנדערע עהרענצייכענס. 1)

אין דער אלגעמיינער ליטעראטור ווערט גאנץ אפט דערמאנט וועגען דער הויכער מדרגה פון דער שטאם־מאראל ביי די עסקי־מאזען. פון דעסטוועגען איז כדאי צו ברענגען די פאלגענדע בע־מערקונגען וועגען די זיטען פון די אלעאוטען — נאהענטע פער־וואנדטע פון די עסקימאזען —, אזוי ווי זיי קענען דיענען אלס א גוטע ערקלערונג פון דער מאראל פון די ווילדע בכלל. די בעמער־קונגען געהערען דער פען פון דעם זעלטען־מערקווירדיגען מענשען, דעם רוסישען מיסיאנער ווענִיאמינאוו, וועלכער האט עס געשריבען נאכדעם ווי ער איז אבגעוועזען צעהן יאהר ביי די אלעאוטען און איז געשטאנען מיט זיי אין ענגע בעציהונגען. איך גיב זיינע ווערטער איבער בקיצור, האלטענדיג זיך ווי ווייט מעגליך אן דעם פערפא־סערס אייגענע אויסדריקען.

„זייער הויפט כאראקטער־שטריך—שרייבט ער—איז זייער סבלנות, זייער כח פון אויסדויער. און אט דער כח זייערער איז באמת משווה'דיג. אלע אין דער פריה געהען זיי זיך באדען אין פערפרארענעם ים און שטעהען

---

1) זעה אנהאנג XII.

דערנאָך נאַקעטע אויפ׳ן ברעג, אַרוינעטעמענדיג די פראָסטיגע לופט. עס איז איבערהויפט גאָר ניט משער צו זיין, וויפיעל זיי קענען אַריבערטראָגען אפילו בעת זיי האָבען ניט גענוג צו עסען און מוזען שווער אַרבייטען. ווען עס טרעפט זיך אַ דוחק אין שפייז, זאָרגט זיך דער אַלעאוט די ערשטע זאַך פאַר די קינדער; ער גיט זיי אַוועק אַלץ וואָס ער האָט, און אַליין הונגערט ער. זיי האָבען ניט קיין נייגונג צו גנב׳ענען, ווי די ערשטע רוסישע איינוואַנדערער האָבען שוין דאָס בעמערקט. מען קען ניט זאָגען, אַז זיי גנב׳ענען גאָר קיינמאָל ניט; יעדער אַלעאוט איז זיך מודה, אַז ער האָט ווען עס איז עטוואָס גע׳גנב׳עט, נאָר עס איז אַלעמאָל עפּעס אַ קלייניגקייט און עס טראָגט דעם כאַראַקטער פון עפּעס אַ קונדס־שפּיצעל. די צוגעבונדענקייט פון די עלטערן צו זייערע קינדער איז זעהר אַ הערצליכע, אָבוואויל זי דריקט זיך קיינמאָל ניט אויס אין צערטליכקייטען אָדער אין ווערטער. ביי דעם אַלעאוט איז זעהר שווער אַרויסצוקריגען אַ צוזאָג, איינמאָל אָבער האָט ער עפּעס פערשפּראָכען, וועט ער האַלטען זיין וואָרט, וואָס עס זאָל זיך ניט מאַכען. (איינמאָל האָט אַן אַלעאוט געגעבען וועניאַמינאָוו׳ן פאַר׳ן אָבפּאָהרען אַ מתנה אַ בינטעל געטריקענטע פיש; אין אײַלעניש אָבער האָט מען פערגעסען אָן דעם און דאָס בינטעל איז געבליבען ליעגען אויפ׳ן ברעג. דער אַלעאוט האָט עס אַוועקגעטראָגען אַהיים. ביז יאַנואַר האָט זיך אַלץ ניט געמאַכט קיין געלעגענהייט אָבצושיקען וועניאַמינאָוו׳ן די פיש. דערווייל, אין נאָוועמבער און דעצעמבער, איז ביי די אַלעאוטען געווען אַ גרויסער דוחק אין עסענוואַרג; די אויסגעהונגערטע אַלעאוטען האָבען זיך אָבער ניט צוגעריהרט צו די פיש, וואָס זיי האָבען איינמאָל אַוועקגעשאָנקען, און אין יאַנואַר האָבען זיי עס אָבגעשיקט וואו מען האָט געדאַרפט.) זייער מאָראַל־קאָדעקס איז פערשיידענאַרטיג און שטרענג. אַזוי צ. ב. ש. רעכענט זיך ביי זיי פאַר אַ שאַנדע: מורא צו האָבען פאַר אַן אונפערמיידליכען טויט; בעטען רחמנות ביים שונא; שטאַרבען ניט האָבענדיג דער׳הרג׳עט קיין איינציגען פיינד; ווערען געכאַפּט אין אַ גנבה; איבערקעהרען זיך מיט דער לאָדקע אין האַפען; מורא צו האָבען אַרויסצופאָהרען אין ים אין אַ שטורם; אָבשטעהן מחמת שוואַכקייט פון די חברים, בעת מען געהט אין אַ לאַנגען וועג און ס׳איז ניטאָ וואָס צו עסען; אַרויסצייגען אַ גייציגקייט בעת מען טיילט זיך די רויב; (כדי צו פערשעמען אַזאַ גייציגען חבר, גיבען איהם די איבעריגע אַוועק זייערע חלקים). מען האַלט אויך פאַר שענדליך: אויסצופּלוידערן פאַר׳ן ווייב עפּעס אַ געזעלשאַפטליכען

סעקרעט; ווען מען איז זאַלבענאַנד אויף גײעג, ניט אָנצובאַטען דעם חבר דעם בעסערען טייל פון דער רויב; בערימען זיך מיט בריה'שקייט, און בעזונדערס מיט אויסגעטראַכטער בריה'שקייט; זידלען וועמען עס איז מיט פערביסענקייט; בעטען אַ נדבה; צערטלען דאָס ווייב אין אָנוועזענהייט פון פרעמדע און טאַנצען מיט איהר; פיהרען אַליין מסחר: פערקויפען מוז מען אַלעמאָל דורך אַ דריטע פּערזאָן, וועלכע בעשטימט אויך דעם פּרייז. פאַר ווייבער רעכענט זיך שענדליך: ניט קענען נעהען און בכלל ניט קענען ריכטיג טהאָן אַלערליי סאָרטען ווייבערשע אַרבייט; ניט קענען טאַנצען; צערטלען דעם מאַן און די קינדער, אָדער אפילו רעדען צום מאַן אין אָנוועזענהייט פון זייטיגע מענשען. 1)

אָט אזא מאָראַל האָבען די אַלעאוטען, און עס איז לייכט צו געפינען א בעשטעטיגונג דערפון אין זייערע מעשיות און לעגענדעס. איך וויל נאָר צולעגען, אז ווען וועניאַמינאָוו האָט געשריבען זיינע „זאַפּיסקי" (אין יאָהר 1840) איז ביי די אַלעאוטען, צווישען אַ בעפעלקערונג פון 60 טויזענד מענשען, פאָרגעקומען אין 60 יאָהר נישט מעהר ווי איין מאָרד, און אין 40 יאָהר צווישען 1800 אַלעאוטען איז ניט פאָרגעקומען קיין איינציג קרימינאַל פערברעכען. דאָס איז אייגענטליך קיין וואונדער ניט, ווען מיר געדענקען, אז קיין שום זידעל־וואָרט אָדער גראָבער אויסדרוק איז אבסאָלוט ניט בעקאַנט אין דעם לעבען פון די אַלעאוטען. אפילו זייערע קינדער רייסען זיך ניט ארום צווישען זיך און בעליידיגען ניט איינער דעם אנדערן מיט אַ וואָרט. דער שטאַרקסטער אויסדרוק, וואָס קען אמאָל ארויסקו־מען פון זייער מויל, איז אַ שטייגער: „דיין מאַמע קען ניט נעהען", אָדער „דיין טאַטע איז בלינד אויף אַן אויג". 2)

פיעלע שטריכען אין'ם לעבען פון די ווילדע בלייבען דאָך אַ

1) וועניאַמינאָוו, „בעמערקונגען וועגען דעם בעצירק אונאַלאַשק" (רוסיש), דריי בענדער, פעטערבורג, 1840. אויסצוגען פון די בעמער־קונגען ווערען איבערגעגעבען אין ענגליש אין דאַלל'ס בוך „אַלאַסקאַ". אַן עהנליכע בעשרייבונג פון דער מאָראַל פון די אויסטראַליער איינגע־בוירענע, וועלכע איז זעהר נאָהענט צו דער, געפינט זיך אין דער ענגלי־שער שריפט „נאַטור", באַנד XVII, ז. 639.

2) עס איז מערקווירדיג, אַז עטליכע שרייבער (מידדענדאָרף, שרענק אַ. פינש) האָבען בעשריבען אַנדערע איינוואוינער פון ווייטען צפון — די

רעטעניש פאַר די אייראָפּעער. מען וואָלט געקענט ברענגען ווי־פיעל מען וויל העכסט בעגלויבטע עדות צו בעווייזען, ווי ביי אָט די פּרימיטיווע מענשען איז הויך ענטוויקעלט די שטאַם־סאָלידאַריטעט און די בעסטע געגענזייטיגע בעציהונגען. און פון דעסטוועגען איז אויך ניט ווייניגער זיכער, אז אָט די אייגענע ווילדע פּראַקטיצירען קינדער־מאָרד, אז אין אייניגע פעלען דער׳הרג׳ענען זיי זייערע אַלטע, און אז זיי אַלע פאָלגען בלינד דעם מנהג פון בלוט־ראַכע. מיר מוזען דעריבער פּרובירען ערקלערען, ווי אזוי עס קענען עקזיסטירען אין איין צייט אַזוינע פאַקטען, וועלכע קומען אויס אין פלוג אזוי ווידערשפּרעכענד פאַר דעם אייראָפּעער.

מיר האָבען נאָר־וואָס דערמאָנט, ווי אַן אַלעאוט וועט הונגערן גאַנצע טעג, אָדער אפילו גאַנצע וואָכען, און וועט גאָר די שפּייז ביז׳ן לעצטען ביסען אוועקגעבען זיין קינד; ווי די בושמענער מוטער וועט זיך אָבגעבען אין שקלאַפעריי, כדי זיך ניט צו שיידען מיט איהר קינד; און מען וואָלט געקענט אָנפילען גאַנצע בלעטער מיט דער בעשרייבונג פון ווירקליך צ א ר ט ע בעציהונגען, וואָס עקזיסטירען צווישען די ווילדע און זייערע קינדער. אַזוינע פאַקטען וואַרפען זיך שטענדיג דורך אין די בעשרייבונגען פון אַלע רייזענדער. ביי איינעם לעזט איהר וועגען דער שטאַרקער ליעבע פון דער מוטער; ביי אַן אַנדערען דערצעהלט זיך וועגען אַ פאָטער, וואָס פליהט ווי אַ משוגע׳נער דורכ׳ן וואַלד, טראָגענדיג אויף די שולטערן אַ קינד,

---

אָסטיאַקען און סאַמאָיעדען — כמעט מיט דיזעלבע ווערטער. אפילו בעת זיי שכור׳ען זיך אָן, האָבען זייערע מחליקות קיין בעטרעף ניט. „פאַר אַ גאַנצען יאָהרהונדערט איז פאָרגעקומען אויף דער טונדראַ נישט מעהר ווי איין מאָרד", האָט געשריבען מידדענדאָרף. „זייערע קינדער רייסען זיך קיינמאָל ניט אַרום צווישען זיך". „מען קען לאָזען אין דער טונדראַ אויף יאָהרען לאַנג וועלכע עס איז זאַך, אַפילו עסענוואַרג און שטאַרקע געטרענק, און קיינער וועט זיך צו זיי ניט צוריהרען", א. אַז. וו.. אָט אַזוי זאָגען די דריי קענער פון די צפון־לענדער. גילבערט ספּראָוט האָט ק י י נ מ אָ ל ניט געזעהן צוויי ניכטערע אינדיאַנער פון דעם שטאַאט אַהט אויפ׳ן אינזעל וואַנקאָוווער זאָלען זיך שלאָגען. „שטרייטיגקייטען זיינען פונקט אַזוי זעלטען צווישען זייערע קינדער", זאָגט רינק (דאָרט גופא) א. אַז. וו.

וואָס איז געביסען געוואָרען פון א שלאַנג; אָדער א וועלכער עס איז מיסיאָנער דערצעהלט וועגען דער פערצווייפלונג פון די עלטערן, ווען ביי זיי איז געשטאָרבען א קינד, — אָבוואויל זיי אליין האָבען עס געוואָלט ברענגען פאַר א קרבן גלייך ווי עס איז געבוירען געוואָרען, ווען ניט דער זעלבער מיסיאָנער, וואָס האָט זיי דאָס ניט דערלאָזען. אָדער איהר דערוויסט זיך, אז די „ווילדע" מוטערס זויגען זייערע קינדער געוועהנליך ביז פיער יאָהר; אז אויף די נייע העברידען אינזלען, ווען עס שטאַרבט א בעזונדערס געליעבט קינד, וועט די מוטער אָדער זיין מוהמע זיך אליין טויטען, כדי אויפצופאַסען אויף איהר ליעבלינג אויף יענער וועלט, 1) א. אז. וו. אָהן א סוף.

אזוינע פאקטען בעגעגענט מען אין די הונדערטער; איז דעריבער, ווען מיר זעהען, אז דיזעלביגע ליעבענדע עלטערן פראַקטיצירען קינדער־מאָרד, מוזען מיר אָננעהמען, אז אזא מנהג איז לכתחילה געווים ענטשטאַנען (קיין חילוק וואָסערע פאָרמען ער האָט שפּעטער ניט אָנגענומען) אונטער דעם דרוק פון א דרינגענדער נויט, אלס א רעזולטאַט פון דעם געפיהל פון התחיבות צום שטאַם, און כדי בעסער צו קענען אויסהאָדעוועין די אַנדערע, שוין דערוואַקסענע קינדער. בכלל גערעדט, איז ניט אמת, אז די ווילדע „פּרוכפּערן זיך אָהן א מאָס", ווי אייניגע ענגלישע שרייבער דריקען זיך אויס. אים געגענטייל, זיי נעהמען אָן אלערליי מינים מיטלען כדי צו פערקלענערען די געבורטען. דוקא אין אָט די הינזיכטען געפינט זיך ביי זיי א גאַנצע רייהע פון אלערליי מינים בעשרענקונגען, וועלכע דער אייראָפּעער וואָלט זיכער בעטראַכט פאַר צופיעל אונבעקוועם, און די ווילדע היטען זיי דאָך זעהר שטרענג אָב. מיט דעם אלעם זיינען אָבער די פּרימיטיווע פעלקער ניט אימשטאַנד אויסצוהאָדעווען אלע געבוירענע קינדער, און זיי מוזען אָפטמאָל אָנווענדען דעם מיטעל פון קינדער־מאָרד. יעדענפאַלס איז שוין ניט איינמאָל בעמערקט געוואָרען, אז ווי נאָר זיי גיט זיך

1) לויט די עדות פון גילל, ציטירט אין גערלאַנד און וואַיטץ „אַנטראָפּאָלאָגיע", באַנד 5, ז. 641. זעה אויך זייטען 640—236 פון דעם זעלבען ווערק, וואו עס ווערען געבראַכט פיעלע ביישפּיעלען פון פעטערליכער און קינדערשער ליעבע.

איין צו פערגרעסערען זייערע געוועהנליכע לעבענסמיטעל, ווארפען זיי באלד אוועק דאס דאזיגע מיטעל. איבערהויפט פאלגען די עלטערן אט דעם מנהג זעהר ניט־ווילענדיג און כאפען זיך אן ביי יעדער געלעגענהייט פאר יעדען קאמפראמיס, אבי נאר דערהאלטען דאס לעבען פון זייערע נייגעבוירענע. ווי מיין פריינד עלי רעקלו האט שוין דאס אויסגעצייכענט בעוויזען, 1) טראכטען זיי צוליעב דעם אויס גליקליכע און אומגליקליכע געבורטס־טעג, כדי צו שענ־קען דאס לעבען וועניגסטענס יענע קינדער, וואס ווערען געבוירען אין די גליקליכע טעג. זיי זוכען אלערליי אויסרעדען אבצולעגען דעם פסק־מיתה אויף עטליכע שטונדען, און דערנאך זאגען זיי, ווי־באלד דאס קינד האט שוין אבגעלעבט א מעת־לעת, איז איהם שוין בעשערט אויסצולעבען זיינע יאהרען. 2) עס דוכט זיך זיי, אז זיי הערען די געשרייען פון די קליינע קינדערלעך, ווי עס וואלט זיך געטראגען פון וואלד, און זיי זאגען, אז ווען עס הערט זיך אזא געשריי, איז עס א שלעכטער סימן פאר'ן גאנצען שטאם; אבער אזוי ווי זיי האבען ניט קיין ספעציאליסטען „מלאכים־מאכערקעס“, ניט קיין קינדער־אנשטאלטען, וואס זאלען זיי העלפען לויז ווערען פון די קינדער, קען קיינער פון זיי ניט פועל'ן ביי זיך אליין אויס־פיהרען דעם שרעקליכען פסק, און זיי לאזען שוין בעסער דאס עופה'לע אין וואלד, איידער אוועקנעהמען זיין לעבען מיט געוואלד. דער קינדער־מארד ווערט אויף דעם אופן אויפגעהאלטען מחמת אונוויסענהייט און ניט פון אכזריות; און אנשטאט צו קארמענען די ווילדע מיט מוסר־רעד, וואלט געוועזן א סך בעסער, ווען די מיסיאנערען טהוען נאך וועניאמינאוו'ן, וועלכער פלעגט אלע יאהר ביז'ן גרויען אלטער אריבערפאהרען דעם אכאטסקען ים אין א צרה'דיג שיפעל, כדי צו בעזוכען די טונגוזען און קאמטשאדילען, אדער ער פלעגט פאהרען אויף הינד צו די טשוקטשען, און זיי בעזארגען מיט ברויט און אלע מכשירים פאר געיעג. אט אזוי האט זיך איהם ווירקליך איינגעגעבען אבצושאפען דעם קינדער־מארד איינגאנצען.3)

1) „לע פרימיטיפס“, פאריז 1889.

2) גערלאנד, ווי אויבען, באנד 5, ז. 636.

3) איך האב עס געהערט פון איהם אליין אין יאהר 1864, אויפ'ן

דאָס אייגענע איז ריכטיג אויך בנוגע דעם אַנדער פאַל, וועל־כען אויבערפלעכליכע בעאָבאַכטער רופען אַן פאַטער־מאָרד. מיר האָבען נאָר־וואָס געזעהן, אַז דער מנהג צו טויטען די אַלטע איז גאָר ניט אַזוי וויט פערשפּרייט, ווי אייניגע שרייבער האָבען דאָס דערצעהלט. אַ סך אין זייערע מעשיות איז איבערטריבען; עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז מען טרעפט אַזאַ מנהג צייטענווייז ביי אַלע ווילדע; און ער ערקלערט זיך דורך דיזעלבע סבות, ווי דער קינדער־מאָרד. ווען אַן אַלטער „ווילדער" הויבט אָן פיהלען, אַז ער ווערט אַ לאַסט אויף זיין שטאַם; ווען ער זעהט יעדען פריה־מאָרגען, אַז זיין חלק עסען וואָס ער קריגט, רייסט מען אָב פון די קינדער — און די קליינע קענען דאָך אַזוי פיעל ניט אויסהאַלטען ווי זייערע טאַטעס: זיי וויינען, ווען זיי זיינען הונגעריג; ווען די יונגע לייט דאַרפען איהם יעדען טאָג טראָגען אויף זייערע פּלייצעס איבער דעם שטיינערנעם וועג אַראָב טייך, אָדער דורך אַ געדיכטען וואַלד — די ווילדע האָבען דאָך ניט קיין שטוהלען אויף רעדלעך פאַר קראַנקע און קיין אָרעמע לייט וואָס זאָלען שטופּען די שטוהלען — דאַן הויבט דער אַלטער אָן איבער'חזר'ן דיזעלבע ווערטער, וואָס די אַלטע פּויערים זאָגען אין רוסלאַנד: „טשוזשאָי וויעק זאַיעדאַיו — פּאָראַ נאַ פּאָקאָי!" (איך עס אויף אַן אַנדערענ'ס לעבען — שוין צייט צו געהן!) און ער געהט. ער טהוט דאָס אייגענע, וואָס דער סאָלדאַט טהוט אין אַזאַ פאַל. ווען זיין מחנה מוז ציהען ווייטער, כדי זיך צו רעטען, אָבער ער האָט מעהר קיין כח ניט וויי־טער צו געהן, און ער ווייס, אַז ער וועט זיכער שטאַרבען אויב ער וועט בלייבען פון הינטען, בעט ער זיך איין ביי זיין בעסטען פריינד, ער זאָל איהם טהאָן דעם לעצטען חסד, איידער די מחנה וועט אָנהויבען ציהען אין וועג. און זיין פריינד שיסט אויס פון ביקס מיט ציטערענדע הענד אין זיין שטאַרבענדען קערפּער. אַט אַזוי טהוען אויך די ווילדע. דער אַלטער ווילדער בעט פאַר זיך דעם טויט; ער אַליין פאָדערט מען זאָל איהם לאָזען אָבצאָהלען זיין לעצטען חוב דער געמיינדע. ער קריגט אויף דעם דעם הסכם פון שטאַם, גראָבט זיך אַליין אויס אַ קבר און לאַדעט איין אַלע

---

אָמור, ווען ער איז געוועזען עפּיסקאָפּ פון אָבאַטסק און קאַמטשאַטקאַ, איידער ער איז געוואָרען דער מאָסקווער מיטראָפּאָליט.

חברים אויף דעם לעצטען אָבשיעד־מאָהלצייט. אַזוי האָט געטהאָן זיין טאַטע, איצט איז זיין רייה, און ער געזעגענט זיך פריינדליך מיט אַלעמען איידער ער נעהמט פון זיי אָבשיעד. דער ווילדער בכלל בעטראַכט דעם טויט אַזויפיעל ווי א טייל פון זיינע התחיבות'ן צו זיין שטאַם, אַז ניט נאָר ער ענטזאַגט זיך צו בלייבען לעבען, ווען מען וויל איהם ראַטעווען פון טויט (ווי מאָפפאַט דערצעהלט עס), נאָר ער נעהמט אפילו ניט אָן אַזאַ רעטונג, אויב עס איז געטהאָן געוואָרען בעל כרחו. ווען מיסיאָנערען האָבען מציל געווען פון טויט און אַוועקגעפיהרט אויף אַן אינזעל א פרוי, וואָס האָט געזאָלט ווערען געאָפּפערט אויף איהר מאַן'ס קבר (לויט דעם געבאָט וואָס מיר האָבען אויבען דערמאָנט), האָט זי זיך אַרויסגע'גנב'עט פון זיי אין מיטען דער נאַכט, איז אַריבערגעשוואומען א ברייטע בוכטע פון ים און געקומען צו איהר שטאַם, כדי צו שטאַרבען אויפ'ן קבר. 1) דער טויט איז ביי זיי געוואָרען א רעליגיאָנס זאַך. בכלל אָבער איז דעם ווילדען אַזוי צו־ווידערליך צו נעהמען א מענשענ'ס לעבען אַנדערש ווי אין מלחמה, אַז אפילו אין די פעלען ווען דער אַלטער בעט אויף זיך דעם טויט, וועט קיינער פון זיי ניט נעהמען אויף זיך צו פערגיסען מענשליך בלוט, און זיי ווענדען אָן אַלערליי תחבולות, וועלכע די אייראָפּעער האָבען ניט פערשטאַנען און אויסגעטייטשט גאַנץ פאַלש. מעהרסטענטיילס לאָזט מען איבער דעם אַלטען , וואָס האָט בעשלאָסען צו שטאַרבען, אין וואַלד, און מען גיט איהם מיט א גרעסערען חלק וויפיעל איהם קומט פון דער געמיינשאַפטליכער שפייז. אַרקטישע עקספּעדיציעס האָבען געטהאָן דיזעלבע זאַך, ווען זיי האָבען מעהר ניט געקענט טראָגען זייערע קראַנקע חברים: „דאָ האָסטו פּראָוויזיע. לעב נאָך עטליכע טעג! א פ ש ר וועט פון וואַנען עס איז קומען אַן אומגעריכטע ישועה!“

ווען די מערב־אייראָפּעאישע געלעהרטע בעגעגענען זיך מיט אַזוינע פאַקטען, זיינען זיי לגמרי אומפעהיג זיי צו פערשטעהן. זיי קענען זיי ניט פעראייניגען מיט די פאַקטען, וואָס זאָגען עדות אויף די הויכע ענטוויקלונג פון דער שטאַם־מאָראַל, ווארפען זיי בעסער

---

1) ערסקין, ציטירט ביי גערלאַנד און וואַיטץ, „אַנטראָפּאָלאָגיע דער נאַטורפעלקער“ באַנד 5, ז. 640.

ארויף א צווייפעל אויף די אבסאָלוט־זיכערע בעאָבאכטונגען פון זייער מאָראַלען לעבען, איידער צו זוכען אן ערקלערונג פאַר דער איינציייטיגער עקזיסטענץ פון דיביידע סאָרטען פאַקטען: די הויכע שטאַם־מאָראַל, און דאָס טויטען די זקנים און די נייגעבוירענע קינ־דער. ווען דיזעלביגע אייראָפּעער וואָלטען דערצעהלט דעם ווילדען, אז זעהר ליעבענסווירדיגע מענשען, וואָס זיינען צוגעבונדען צו זייע־רע קינדער און זיינען אזוי געפיהלפול, אז זיי וויינען ווען זיי זעהען עפּעס אן אונגליק פאַרגעשטעלט אויף דער סצענע פון טהעאַטער, לעבען אין אייראָפּאַ אין נאָהענטע שכנות מיט אזוינע אָרעמע פאַמיליען, וואו קינדער שטאַרבען גאָר פּשוט אוים פון הונגער — וואָלט דער ווילדער זיי אויך ניט פערשטאַנען. איך געדענק ווי שווער איך האָב זיך געמאַטערט צו געבען צו פערשטעהן מיינע טונגוזען־פריינד אונזער ציוויליזאציע, וועלכע איז געבויט אויפ׳ן אינדיווידואַליזם: זיי האָבען מיך ניט פערשטאַנען און האָבען פּרובירט אַלערליי איינפעלע צו טרעפען וואָס איך מיין. עס איז פּשוט: דער ווילדער, וואָס איז אויסגעוואַקסען אין די אידעען פון א שטאַם־סאָלידאַריטעט, וועלכע ווערט פּראַקטיצירט אונטער אַלע אומשטענדען, סיי גוטע, סיי שלעכטע, איז פּונקט אזוי אונפעהיג צו פערשטעהן דעם „מאָראַלען" אייראָפּעער, וואָס האָט קיין בעגריף ניט פון אזא סאָלידאַריטעט, ווי דער דורכשניטליכער אייראָפּעער איז אונפעהיג צו פערשטעהן דעם ווילדען. דאָך, ווען עס וואָלט אונזערען א געלעהרטען אויסגעקומען צו לעבען א געוויסע צייט צווישען א האַלב־פערהונגערטען שטאַם פון ווילדע, וואָס גאָר זייער גרייטע שפּייז וואָלט ניט געקלעקט פאַר איין מענשען אויף עטליכע טעג, דאַן וואָלט ער אפשר פערשטאַנען די מאָטיוועז, וועלכע לייטען די ווילדע אין זייערע האַנדלונגען. אויפ׳ן זעלבען אופן, ווען דער ווילדער וואָלט אָבגעלעבט א שטיק צייט צווישען אונז און וואָלט בעקומען אונזער „בילדונג", וואָלט ער אפשר פערשטאַנען אונזער אייראָפּעאישע אכזריות צו אונזערע נאָהענטע, און אונזערע קעניג־ליכע קאָמיסיעס, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דער פראַגע, ווי צו בעזייטיגען פערשיידענע געזעצליכע פאָרמען פון קינדער־מאָרד, וואָס ווערען פּראַקטיצירט אין אייראָפּאַ. 1) „אין שטיינערנע הייזער

1) אין ענגלאַנד פּראַקטיצירט זיך בריוטליך די מאָדע אָבצוגעבען

ווערען פערשטיינערט די הערצער", זאָגען די רוסישע פויערים; דער ווילדער וואָלט אָבער אַלץ גערדאַרפט פריהער לעבען אין אַ שטיינערנעם הויז, איידער ער וואָלט עס פערשטעהן.

דיזעלביגע בעמערקונגען וואָלט מען אויך געקענט מאַכען וועגען דער מענשענפרעסעריי. ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט אַלע פאַקטען, וואָס זיינען קלאָר געוואָרען ניט לאַנג צוריק אויף די פערהאַנדלונגען פון דער פראַגע אין דער פאַריזער אַנטראָפּאָלאָגישער געזעלשאַפט, ווי אויך די פיעלע צופעליגע בעמערקונגען, וואָס זיינען צעוואָרפען אין דער ליטעראַטור וועגען די „ווילדע", וועלען מיר מוזען אָנערקענען, אַז די מענשענפרעסעריי איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך אַ דרינגליכע נויט; און אַז נאָר אונטער דעם איינפלוס פון פאָראורטיילען און רעליגיאָן האָט זי זיך ענטוויקעלט ביז צו יענעם שרעקליכען גראַד, וועלכען זי האָט געגרייכט אויף די פידזשי־אינזלען אָדער אין מעקסיקאָ. עס איז בעוואוסט, אַז אַ סך ווילדע זיינען ביז אויף היינטיגען טאָג געצוואונגען זיך צו נעהרען מיט פאַלשטענדיג־צופוילטע נבלות, און אַז ווען זיי האָבען לחלוטין גאָר קיין שום שפייז ניט געהאַט, האָבען איינֵיגע פון זיי געמוזט אויפרייסען די קברים און זיך נעהרען מיט טויטע מענשליכע קערפער אפילו אין דער צייט פון אַן עפידעמיע. דאָס זיינען זיכער־פעסטגעשטעלטע פאַקטען. איצט, ווען מיר טראָגען זיך אַריבער אין געדאַנק צו די אומשטענדען, וועלכע דער מענש האָט געמוזט אויסשטעהן אין דער צייט פון דער אייז־פעריאָדע, אין דעם רויהען און קאַלטען קלימאַט, ניט האָבענדיג כמעט קיין שום פלאַנץ אָדער געוויקס מיט וואָס זיך צו דערנעהרען; ווען מיר נעהמען דער־צו אַריין אין רעכענונג די שרעקליכע חורבונות, וואָס די סקאָרבוט־קראַנקהייט מאַכט אָן ביז היינטיגען טאָג צווישען די הונגערענדע

---

אונגעזעצליכע קינדער אין די דערפער צו פרויען, וועלכע בעשעפטיגען זיך ספּעציעל מיט דער פּראָפעסיאָן, און מאָרען פּאָזיטיוו אוים די אונגליקליכע קינדער דורך הונגער און קעלט. די שטערבליכקייט צווישען די קינדער ביי די „פאַרמערקעס" איז אַ שרעקליכע. אַרום דער צייט ווען איך האָב געשריבען אָט די שורות, איז געזעסען אַ ספּעציעלע קעניגליכע קאָמיסיע אויסצופאָרשען די דאָזיגע פראַגע. עס פערשטעהט זיך, אַז זי האָט גאָר נישט ניט אויפגעטהאָן.

האלבווילדע פעלקער, און מיר גערענקען, אז די איינציגע רפואה דערצו, וואס זיי האבען געוואוסט, איז געווען פלייש און פריש בלוט. — דאן וועלען מיר מוזען אננעהמען, אז דער מענש, וואס האט פריהער געלעבט אויף קערנער, איז אין משך פון דער אייז־פעריאדע געווארען א פלייש־עסער. ער האט געפונען הירשען לרוב אין יענער צייט; די הירשען וואנדערן אבער אפטמאל אין די ארקטישע געגענדען, 1) און אמאל ווערען זיי אינגאנצען נעלם פון א געוויסער טעריטאריע אויף עטליכע יאהר. זיינע לעצטע קוועלען פון חיונה זיינען אין אזוינע פעלען פערשוואונדען געווארען. מיר ווייסען אז אפילו די אייראפעער זיינען אין אזוינע שווערע צייטען אנגעקומען צום קאניבאליזם: קיין וואונדער ניט, אז די ווילדע זיינען צו איהם אנגעקומען. צייטענווייז זיינען זיי נאך עד היום געצוואונגען אויפצועסען די קערפער פון זייערע טויטע, דאמאלסט האבען זיי געמוזט אויפעסען די קערפער פון די, וואס האבען סיי ווי סיי געהאלטען ביים שטארבען. די אלטע לייט זיינען נעשטאר־בען מיט דער איבערצייגונג, אז מיט זייער טויט ברענגען זיי דעם לעצטען קרבן צו זייער שטאם. דאס איז די ערקלערונג, פאר וואס אייניגע פעלקער גלויבען, אז דער קאניבאליזם האט א געטליכען אורשפרונג, און שטעלען זיך פאר, אז א שליח פון הימעל האט געהייסען איהם איינפיהרען.

שפעטער האט דער קאניבאליזם פערלארען זיין כאראקטער פון נויטווענדיגקייט און איז איבערגעבליבען אלס אן אבערגלויבען. די שונאים דארף מען אויפעסען, כדי צו ירש'נען זייער העלדיש־קייט; שפעטער איז פאר דעמזעלבען צוועק גענוג געווען אויפ־צועסען דעם פיינד'ס הארץ אדער די אויגען. צווישען אנדערע פעלקער, ביי וועלכע עס האט זיך אין דערזעלביגער צייט ענטווי־קעלט א צאהלרייכע פריעסטערשאפט און עס האט זיך אויסגע־ארבייט א קאמפליצירטע מיטהאלאגיע, זיינען אויסגעטראכט גע־ווארען בייזע געטער, וואס דארשטען נאך מענשליך בלוט, און די פריעסטער האבען געפאדערט מענשליכע קרבנות כדי מפצה צו זיין די געטער. אין אט דער רעליגיעזער פאזע פון זיין עקזיס־

---

1) די הירשען, צ. ב. ש., אין דעם לאנד פון די טשוקטשען, וואנדערן שטענדיג ארום.

טענץ האָט דער קאַניבאַליזם דערגרייכט זיינע שווידערליכסטע פאָרמען. מעקסיקאָ איז אין דעם פּרט אַ גוט־בעקאַנטער בייי־שפּיעל; אין די פידזשי אינזלען, וואו דער קעניג קען אויפפרעסען יעדען איינעם פון זיינע אונטערטאַנען, געפינען מיר אויך אַ מעכ־טיגע פּריעסטער־קאַסטע, אַ קאָמפּליצירטע טהעאָלאָגיע 1) און אַ פאָלשטענדיג ענטוויקעלטע אויטאָקראַטיע. אָט אַזוי איז דער קאַניבאַליזם, וועלכער איז ענטשטאַנען פון נויט, געוואָרען אין אַ שפּעטערע פּעריאָדע אַ רעליגיעזע איינריכטונג, און איז אין דער פאָרם געבליבען עקזיסטירען, נאָכדעם ווי ער איז שוין לאַנג פער־שוואונדען געוואָרען ביי אַנדערע פעלקער, וואָס האָבען איהם אין פריהערדיגע צייטען אויך בלי ספק פּראַקטיצירט, נאָר האָבען ניט געגרייכט די טעאָקראַטישע שטופּע פון ענטוויקלונג. דאָסזעלביגע קען מען זאָגען אויך בנוגע דעם קינדער־מאָרד און דעם מנהג צו לאָזען די אָבגעלעבטע עלטערן אויף גאָט'ס בעראָטה. אין איינינע פעלקען זיינען אָט די פיהרונגען אויך אויפגעהאַלטען געוואָרען ווי אַן איבערבלייב פון די אַלטע צייטען אין דער פאָרם פון אַן אָבגעהיטער רעליגיעזער טראַדיציע פון דער פערגאַנגענהייט.

צום שלום וויל איך דערמאָנען וועגען נאָך אַ זעהר וויכטיגען און אַלגעמיינעם מנהג, וועלכער האָט אויך אַרויסגערופען פאַלשע אויסדייטונגען אין דער ליטעראַטור. איך מיין דעם מנהג פון בלוט־ראַכע. אַלע ווילדע זיינען איבערצייגט, אַז דאָס פערגאָסענע בלוט מוז אָבגעוואַשען ווערען מיט בלוט. אויב ווער עס איז איז דער'הרג'ט געוואָרען, מוז דער רוצח אויך גע'הרג'עט ווערען; אויב ווער עס איז איז פערוואונדעט געוואָרען און עס איז פער־גאָסען געוואָרען זיין בלוט, מוז דאָס בלוט פון דעם, וואָס האָט איהם פערוואונדעט, אויך פערגאָסען ווערען. פון דעם כלל זיינען ניטאָ קיין אויסנאַהמען: ער איז חל אפילו בנוגע צו חיות. ווען דער יעגער האָט פערגאָסען בלוט — הרג'ענענדיג אַ בער צי אַ וועווערקע — מוז זיין בלוט אויך פערגאָסען ווערען בעת ער קעהרט זיך אום פון געיעג. אָט אַזאַ בעגריף פון גערעכטיגקייט האָבען די ווילדע

1) וו. ט. פּריטשאַרד, „פּאָלינעזיען רעמיניסענסעס", לאָנדאָן 1886, ז. 363.

— אַ בעגריף, וועלכער האַלט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג אין מערב־אייראָפּאַ בנוגע צו מאָרדטהאַטען.

איז ווען דער אַנגרייפער און דער אַנגעגריפענער געהערן צו דעמזעלביגען שטאַם, שליסען די זאַך דער שטאַם און די פּערזאָן וואָס האָט געליטען. 1) ווען אָבער דער פערברעכער געהערט צו אַנאַנדער שטאַם, און יענער שטאַם ענטזאַגט זיך צוליעב וועלכער עס איז סבה צו פערגיטיגען דאָס פערברעכען, דאַן נעהמט דער בעליידיגטער שטאַם די ראַכע אויף זיך. פּרימיטיווע מענשען קוקען אויף די האַנדלונגען פון יעדען איינציגען בעזונדער, ווי דאָס וואָלט געווען די זאַך פון זיין גאַנצען שטאַם, און זיי האַלטען דעם גאַנצען שטאַם פעראַנטוואָרטליך פאַר די מעשים פון יעדען מיט־גליעד זיינעם. דעריבער קען די ראַכע פאַלען אויף וועלכען עס איז מיטגליעד פון דעם שטאַם, צו וועלכען דער אַנגרייפער גע־הערט. 2) אָפט אָבער טרעפט, אַז די ראַכע האָט אַריבערגעשטיגען

1) עס איז אָבער מערקווירדיג, אַז אין פאַל דער שטאַם טראָגט אַרויס אַ פּסק מיתה, וויל קיינער אויף זיך ניט נעהמען די ראָליע פון תליון. יעדערער, וואָרפענדיג זיין שטיין אָדער זיין פייל, אָדער געבענדיג אַ קלאַפּ מיט זיין האַק, זוכט אויסצומיידען, ער זאָל ניט געבען דעם טויט־קלאַפּ. אין אַ שפּעטערער עפּאָכע הרג'עט דער פּריעסט דעם פעראורטיילטען מיט אַ געהייליגטען מעסער; נאָך שפּעטער, טהוט עס דער קעניג, ביז עס איז ענדליך ערפונדען געוואָרען דער געדונגענער תליון. זעה באַסטיאַן'ס טיעפע בעמערקונגען וועגען דעם, אין זיין ווערק „דער מענש אין דער געשיכטע“ באַנד III, „די בלוטראַכע“, ז. 36—1. אַן איבערבלייב פון אָט דעם שטאַם־מנהג האַלט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג, ווי פּראָפ. ניס דערצעהלט מיר, ביי די מיליטערישע הינריכטונגען. אין מיטען פון 19טען יאָהרהונדערט איז דער מנהג געווען אָנצולאָדען די ביקסען פון די צוועלף סאָלדאַטען, וואָס האָבען געדאַרפט שיסען אויף דעם פעראורטיילטען, מיט עלף קוילען און איינעם אַ בלינדען. געטהאָן האָט מען עס אַזוי, אַז די סאָלדאַטען זאָלען ניט וויסען וועמען עס איז אָנגעקומען דער בלינדער, כדי יעדער זאָל קענען בערוהיגען זיין געוויסען, טראַכטענדיג אַז זיין שאָס איז געווען דער פוסטער און ער איז, הייסט עס, ניט געווען איינער פון די מערדער.

2) אין אפריקא, ווי אויך אין אַנדערע פּלעצער, געפינט זיך אַ וויט־פערשפּרייטער מנהג, לויט וועלכען ווען עס מאַכט זיך אַ גנבה, דאַרף

די פערלעצונג. ווערענדיג נאָר פערוואונדען דעם אָנגרייפער, האָבען די ראַכע־נעהמער געקענט איהם דער'הרג'נען, אָדער שווערער פערוואונדען איידער זיי האָבען גערעכענט: דערפון ווערט אַ נייע בעליידיגונג, פון דער אַנדער זייט, וועלכע פאָדערט ווידער אַ נייע שטאַם־ראַכע; און אַזוי ציהט זיך די זאַך אַוועק אָהן אַ סוף. דערפאַר האָבען די פּרימיטיווע געזעצגעבער אַזוי גענוי פעסטגעשטעלט די פּינקטליכע גרעניצען פון דער אָבצאָהלונג: אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן, און בלוט פאַר בלוט. 1)

עס איז דאָך אָבער מערקווירדיג, וואָס אַזוינע פעלען פון בלוט־ראַכע זיינען ביי די מייסטע פּרימיטיווע פעלקער ניט דער עֶרך זעלטענער, איידער מען וואָלט עס געקענט דערוואַרטען; אָבוואויל ביי איינִיגע פון זיי גרייכט עס גאָר אַן אונגאָרמאַלע ענטוויקלונג, דערהויפּט ביי די איינוואוינער פון די בערג, וועלכע זיינען אָהין פערטריבען געוואָרען דורך אָנגעקומענע פון פרעמדע לענדער, ווי צ. ב. ש. ביי די בערג־פעלקער אין קאַווקאַז און ספּעציעל ביי די דאַיאַקס אין באָרנעאָ. ביי די דאָזיגע דאַיאַקס — לויט די בעריכטען פון עטליכע היינטיגע רייזענדער — איז עס אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז אַ יונגער מענש קען ניט הייראַטען און קען זיך ניט רעכענען פאַר אַ דערוואַקסענעם, ביז וואַנען ער ברייננט ניט לכל הפּחות איין קאָפּ פון אַ פיינד. אַזוי, ווענִיגסטענס, ווערט די זאַך איבערגעגעבען מיט אַלע איינצעלהייטען אין איין ענגלישען בוך. 2)

---

דער נעהענטסטער שטאַם אומקעהרען דעם ווערטה פון דער גע'גנב'עטער זאַך, און דערנאָך אַליין אויפזוכען דעם גנב. א. ה. פּאָסט „אַפריקאַנישע יוריספּרודענץ“, לייפּציג 1887, באַנד I, ז. 77.

1) זעה פּראָפעסאָר מ. קאָוואַלעווסקי'ס „סאָוורעמעני אָביטשאַי אי דרעווני זאַקאָן“, מאָסקווע 1885, באַנד II, וואו מען קען געפינען פיעלע זעהר וויכטיגע בעטראַכטונגען וועגען אָט דער פראַגע.

2) קאַרל באָקק. „דהי האָנטערס אָוו באָרנעאָ“, לאָנדאָן 1888. — סער היו לאָו, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געוועזן דער גובערנאַטאָר פון באָרנעאָ, האָט מיר אָבער דערצעהלט, אַז באָקק'ס בעהויפּטונגען זיינען שרעקליך איבערטריבען. בכלל האָט ער גערעדט וועגען די דאַיאַקס מיט דער אייגענער סימפּאַטיע, ווי אידאַ פפייפער. איך וויל דאָ צולעגען, אַז מערי קינגסלעי רעדט אין איהר בוך איבער מערב אָפריקאָ פונקט אַזוי

עס שטעלט זיך אָבער ארויס, אז די ידיעות, וואָס ווערען איבער־ געגעבען אין דעם דאָזיגען בוך, זיינען שטארק איבערטריבען. אַלענפאַלס, דאָס וואָס די ענגלישע רופען אָן „געיעג נאָך קעפּ“ (העד האָנטינג), שטעלט זיך פאָר אין א גאַנץ אנדער ליכט, ווען מיר דערוויסען זיך, אז דער אַזוי גערופענער „יעגער“ יאָגט זיך גאָר ניט, און זיין מאָטיוו איז אַפילו גאָר ניט קיין פּערזענליכער געפיהל פון ראַכע. ער טהוט דאָס, וואָס ער רעכענט פאַר זיין מאָראַלען חוב צו זיין שטאָם, און האנדעלט דעריבער פונקט אַזוי ווי א אייראָפּעאי־ שער ריכטער, וועלכער, גלויבענדיג אין דעמזעלבען פאַלשען פּרינציפּ פון „בלוט פאַר בלוט“, גיט איבער דעם מערדער, וואָס ער האָט פער׳משפּט, אין די הענד פונ׳ם תליון. זיי ביידע, אי דער דאַיאַק, אי אונזער ריכטער, וואָלטען אדרבא זיך געפיהלט זינדיג, אויב זיי וואָלטען געשאָנעוועט דעם מערדער צוליעב א געפיהל פון מיטלייד צו איהם. דעריבער טאַקע שטעלט זיך ארויס, אז א חוץ די מאָר־ דען, וואָס זיי בעגעהען אונטער דעם איינפלוס פון זייער בעגריף וועגען גערעכטיגקייט, זיינען די דאַיאַקס, לויט די איינשטימיגע עדות פון אַלע וואָס קענען זיי גוט, זעהר א סימפּאַטיש פאָלק. קאַרל באָקק גופא, וועלכער האָט געגעבען אַזא שרעקליכען בילד פון דעם „געיעג נאָך קעפּ“, שרייבט וועגען זיי: —

„וואָס געהערט דער מאָראַל פון די דאַיאַקס, מוז איך פאַר זיי לאָזען א הויכען אָרט אין די ציילען פון אַנדערע פעלקער.... גניבה און גזילה איז ביי זיי לגמרי אַן אונבעקאַנטע זאַך. זיי צייכענען זיך אויך אויס דורך זייער גרויסע אויפריכטיגקייט.... אויב איך האָב ניט אַלע מאָל געקענט אַרויסקריגען פון זיי „די גאַנצע וואַהרהייט“ — האָב איך אָבער קיינמאָל קיין אַנדער זאַך אויסער די וואַהרהייט פון זיי ניט געהערט. ליידער קען מען ניט זאָגען דאָס אייגענע וועגען די מאַלאַיען.“ (זייטען 209 און 210.)

באָקק׳ס עדות ווערט אינגאַנצען בעשטעטיגט דורך אידאַ פפייפער. „איך האָב געפיהלט — האָט זי געשריבען — אז איך וואָלט מיט פערגעניגען ווייטער פאָרטגעזעצט מיינע רייזען צווישען זיי. איך האָב געוועהנליך געפונען, אז זיי זיינען עהרליכע, גוטע און צוריקגעהאַלטענע.... אין א סך א גרעסערן גראַד, איידער יעדעם

---

סימפּאַטיש וועגען די פאַנען, וועלכע מען האָט פריהער פאָרגעשטעלט אַלס „די שרעקליכסטע קאַניבאַלען“.

אנדער פאָלק פון די פעלקער, וועלכע זיינען מיר בעקאַנט." 1) שטאָלצע, בעת ער רעדט וועגען די דאיאַקס, געברויכט כמעט די זעלביגע אויסדריקען. די דאיאַקס האָבען געוועהנליך נאָר איין פרוי, און זיי בעגעהען זיך מיט איהר גוט. זיי זיינען זעהר געזעל־שאַפטליך, און יעדען פריהמאָרגען געהט דער גאַנצער שטאַם, איינ־געטיילט אין גרויסע גרופען, פאַנגען פיש, אויף געיעג אָדער אויף פעלד־ארבייט. זייערע דערפער בעשטעהען פון גרויסע הייזער און אין יעדען הויז וואוינען ביז א דוצען פאַמיליעס, אָדער אָפטמאָל ביז עטליכע הונדערט פערזאָן, און לעבען שטענדיג בשלום צווישען זיך. זיי צייגען אַרויס גרויס אַכטונג צו זייערע פרויען און האָבען זעהר ליעב זייערע קינדער. ווען ווער עס איז ווערט קראַנק, געהען די ווייבער אַרום דעם קראַנקען נאָך דער רייה. זיי זיינען בכלל זעהר געמעסיג אין עסען און טרינקען. אַט אַזעלכע זיינען די דאיאַקס אין זייער ווירקליכען אַלטעגליכען לעבען.

בריינגען נאָך ביישפיעלען פון דעם לעבען פון די ווילדע וואָלט געהייסען דיזעלביגע זאַך איבער׳חזר׳ן אָבער און ווידער. וואו מיר זאָלען זיך ניט ווענדען, געפינען מיר אומעטום דיזעלביגע געזעלשאַפטליכע מדות, דעמזעלביגען גייסט פון סאָלידאַריטעט. און ווען מיר פּרובירען אַריינדרינגען אין דער טונקעלקייט פון די פערגאַנגענע צייטען, זעהען מיר אויך דאָרטען דאָס אייגענע שטאַם־לעבען און דיזעלביגע, הגם זעהר פּרימיטיווע, פעראייניגונגען פון מענשען פאַר געגענזייטיגער שטיצע. דאַרווין איז דעריבער געווען פאַלשטענדיג גערעכט, ווען ער האָט געזעהן אין די געזעלשאַפטליכע פעהיגקייטען פון מענשען די הויפּט־ווירקענדע קראַפט פון זיין ווייטערדיגער ענטוויקלונג, און דאַרווין׳ס וואולגאַריזירער זיינען פאַלשטענדיג אומגערעכט, ווען זיי בעהויפּטען דאָס געגענטייל.

„דעם מענשען׳ס לפי ערך׳דיגע שוואַכקייט און די קנאַפּע געשווינדקייט פון זיינע בעוועגונגען — האָט ער געשריבען — ווי אויך זיין מאַנגעל אין נאַטירליכע וואָפען א. אז. וו., ווערען מעהר

---

1) אידאַ פפייפער, „מיינע צווייטע וועלטרייזע“, וויען 1856, באַנד I, ז. 116 און ווייטער. זעה אויך מיללער און טעממינק „האָלענדישע בעזיצונגען אין אינדישען אַרכיפּעלאַגוס“, ציטירט ביי עליזע רעקלו „געאָגראַפיע אוניווערסעל“, באַנד XIII

ווי אויסגעגליכטט ערשטענס דורך זיינע גייסטיגע פעהיג־קייטען, (וועלכע, ווי דארווין האט בעמערקט אין אנאנדער פלאץ, האבען זיך ענטוויקעלט הויפטזעכליך, אדער בעסער געזאגט אויס־שליסליך, אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט); און צוויי־טענס, דורך זיינע געזעלשאפטליכע פעהיגקייטען, וועלכע האבען איהם מיטגעבראכט צו העלפען זיינע מיטמענשען און צו קריגען הילף פון זיי.״ 1)

אין 18טען יאהרהונדערט איז געווען א מאדע צו אידעאליזירען די „ווילדע״ און דאס לעבען „אין׳ב נאטור־צושטאנד״. איצטער, פערקעהרט, זיינען די וויסענשאפטסמענער אריינגעפאלען אין דעם געגענגעזעצטען עקסטרעם — דערהויפט זינט איינינע פון זיי, וועלענדיג בעווייזען די טהיערישע אבשטאמונג פון מענשען און ניט קענענדיג זייער געזעלשאפטליכען לעבען, האבען אנגעהויבען בעשול־דיגען דעם ווילדען אין אלערליי „בעסטיאלישע״ נייגונגען, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען. עס איז אבער קלאר, אז אזא איבער־טרייבונג איז נאך מעהר אונוויסענשאפטליך איידער רוססא׳ס אידעאליזאציע. דער פרימיטיווער מענש איז ניט קיין אידעאל פון גוטסקייט און ניט קיין מוסטער פון „ווילדקייט״. ער האט אבער איין אייגענשאפט, וועלכע האט זיך ביי איהם אויסגעארבייט און פערשטארקט דורך די אומשטענדען גופא פון זיין שווערען קאמפף פאר עקזיסטענץ: ער אידענטיפיצירט זיין איי־גענע עקזיסטענץ מיט׳ן לעבען פון זיין שטאם. אהן דער דאזיגער אייגענשאפט וואלט די מענשהייט קיינמאל ניט דערגרייכט די שטופע, אויף וועלכער זי געפינט זיך איצטער.

די פרימיטיווע מענשען, ווי מיר האבען שוין אויבען געזאגט, אידענטיפיצירען אויף אזויפיעל זייער לעבען מיט׳ן לעבען פון זייער שטאם, אז זיי בעטראכטען יעדע האנדלונג זייערע, ווי אונ־בעדייטענד זי זאל ניט זיין פאר זיך אליין, ווי די זאך פון דעם גאנצען שטאם. זייער גאנצע אויפפיהרונג ווערט רעגולירט פון אן אונענדליכער רייה כללים שבעל פה וועגען אנשטענדיגקייט, וועלכע

1) „די אבשטאמונג פון מענשען״, צווייטע אויפלאגע, ז. 63, 64.

זיינען ארויסגעוואקסען פון זייער אַלגעמיינער ערפאהרונג בנוגע צו דעם, וואָס מען דאַרף רעכענען איז גוט אָדער שלעכט — ד. ה. ניצליך אָדער שעדליך פאַר זייער אייגענעם שטאַם. נאַטירליך, די טעמים, אויף וועלכע זייערע כללים פון אנשטענדיגקייט זיינען בעגרינדעט, זיינען אָפטמאָל משונה נאַריש. א סך פון זיי נעהמען זיך פון אבערגלויבענס. בכלל גערעדט, זעהט דער ווילדער אין אַלע זיינע מעשים נישט מעהר ווי זייערע נאָהענטסטע פאָלגען. ער קען ניט פאָראויסזעהן זייערע אינדירעקטע און ווייטערע פאָלגען; און אַלץ וואָס מען קען זאָגען אויף איהם איז, אַז ער איבערטרייבט דעם פעהלער, וואָס בענטהאַם האָט פאָרגעוואָרפען די ציוויליזירטע געזעצגעבער. מיר מעגען האַלטען דאָס געמיין־רעכט פון די ווילדע פאַר אַן אונזין. די ווילדע אָבער פאָלגען זיינע געבאָט, ווי אונבעקוועם דאָס זאָל ניט זיין פאַר זיי. זיי פאָלגען זיי נאָך בלינדער, איידער דער ציוויליזירטער מענש פאָלגט די געבאָט פון זיינע געזעצען. דאָס געמיין־רעכט פון דעם ווילדען — דאָס איז זיין רעליגיאָן, דער אייגענטליכער תוך פון זיין לעבען. אין זיין קאָפ לעבט שטענדיג דער געדאַנק וועגען שטאַם; זיין בעשרענקען זיך און אָפּפערן זיך אין די אינטערעסען פון שטאַם איז דריבער די געוועהנליכסטע זאַך אין זיין לעבען. ווען דער ווילדער איז עובר אויף איינעם פון די קלענערע רעגעלן פון שטאַם, פערפאָלגען איהם די ווייבער מיט זייערע שטעכווערטלעך. ווען אָבער די עבירה טראָגט אַן ערנסטערן כאַראַקטער, דאַן ווערט ער טאָג און נאַכט נעפּלאָגט פון שרעק, וואָס ער האָט ארויסגערופען אַן אומגליק אויף'ן גאַנצען שטאַם, ביז וואַנען דער שטאַם נעהמט ניט אַרונטער פון איהם זיין שולד. ווען דער ווילדער האָט צופעליג פערוואונדעט וועמען עס איז פון זיין אייגענעם שטאַם און דערמיט בעגאַנגען דאָס גרעסטע פערברעכען, פיהלט ער זיך פאַר דעם אומגליקליכסטען מענשען אויף דער וועלט: ער לויפט אַוועק אין וואַלד און איז גרייט זיך צו נעהמען דאָס לעבען, סיידען דער שטאַם נעהמט אַראָב פון איהם די שולד, פערשאַפענדיג איהם עפּעס א פיזישען שמערץ אָדער פערגיסענדיג וויפיעל עס איז פון זיין אייגען בלוט 1). אין

1) זעה באַסטיאַן, „דער מענש אין דער געשיכטע“. באַנד III, ז. 7, אויך גרעי (ווי אויבען) ז. 238.

די גרענעצען פון שטאם טיילט מען זיך מיט אלץ געמיינשאפטליך; יעדער ביסען ווערט צוטיילט צווישען אלע אנוועזענדע. אפילו ווען דער ווילדער איז אליין אין וואלד, וועט ער ניט אנהויבען עסען איידער ער שרייט ניט אוים דריי מאל אן איינלאדונג צו יעדערן, וואס קען איהם דערהערן, ער זאל קומען זיך טיילען מיט איהם די שפייז. 1)

אין קורצען גערעדט: דער רעגעל „יעדערער פאר אלעמען" איז אין דעם שטאם דאס העכסטע געזעץ, כל זמן די ערשיינונג פון דער בעזונדערער פאמיליע הויבט ניט אן צו צעברעכען די איינהייטליכקייט פון שטאם. דער רעגעל אבער שפרייט זיך ניט אוים אויף די דערבייאיגע שטאמען אדער פעלקער, אפילו אויב זיי האבען אלע אריינגעטראטען אין איין פערבאנד פון געגענזייטיגער בעשיצונג. יעדער שטאם אדער פאלק שטעלט מיט זיך פאר א בעזונדער איינהייט. אזוי ווי ביי די זויגטהיערען און פויגלען ווערט די טעריטאריע פונאנדערגעטיילט צווישען די בעזונדערע פאמיליען, אזוי ווערט זי אויך ביי די ווילדע פונאנדערגעטיילט צווישען די בעזונדערע פעלקער; און די גרעניצען, אויסער אין קריעגסצייטען, ווערען הייליג אבגעהיט. ווען איינער טרעט אריין אין זיין שכנ'ס טעריטאריע, מוז ער בעווייזען, אז ער האט ניט קיין שלעכטע אבזיכטען, און וואס העכער ער זאגט אן וועגען זיין אנקומען, אלץ מעהר צוטרויען וועט ער געווינען. אויב ער וויל אריינגעהן אין הויז, מוז ער לאזען זיין האק אין דרויסען ביים אריינגאנג. קיין שטאם איז אבער ניט מחויב צו טיילען זיין שפייז מיט אנדערע שטאמען: ער קען עס טהאן אויב ער וויל, אבער ער מוז ניט. צוליעב דעם צעפאלט דאס גאנצע לעבען פון דעם פרימיטיווען מענשען אויף צוויי סארטען בעציהונגען, און מען דארף בעטראכטען זיין לעבען פון צוויי פערשיידענע עטישע שטאנד־פונקטען: די בעציהינגען אינערהאלב פון שטאם און די בעציהונגען אויסערהאלב פון שטאם. און פונקט ווי אונזער היינטיג אינטער־נאציאנאלעס רעכט, אזוי אונטערשיידעט זיך שטארק אב זייער אינטערטריבאל־(צווישען איין שבט און דעם אנדערן) רעכט פון

1) מיקלוכא־מאקלאי, אין זיין אויבענדערמאנטען ווערק. אזא מנהג עקזיסטירט אויך ביי די האטענטאטען.

דעם געמיין־רעכט אינערהאַלב פון שטאַם. דעריבער, ווען עס קומט צו אַ מלחמה צווישען צוויי פעלקער, קען די שווידערליכסטע אכזריות צום פיינד בעטראַכט ווערען ווי עפּעס וואָס פערדיענט דעם גרעסטען לויב. אַט די דאָפּעלטע מאָראַל ציהט זיך פּאַקטיש דורך די גאַנצע מענשליכע ענטוויקלונג און איז פערבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג. מיר אייראָפּעער האָבען וויפיעל ניט איז אויפגעטהאָן — אמת, ניט גאַנץ פיעל — כדי צו בעפרייען זיך פון אַט דער דאָפּעלט־מאָראַל; מען מוז אָבער דערביי זאָגען, אַז אויב מיר האָבען ביז אַ געוויסער שטופע אויסגעשפּרייט אונזערע אידעען פון סאָלידאַריטעט — ווענינגסטענס אין טעאָריע — אויף אַ גאַנצער נאַציאָן, און טיילווייז אויך אויף אַנדערע נאַציאָנען, האָבען מיר אָבער אין דערזעלבער צייט אָבגעשוואַכט די בענדער פון סאָלידאַריטעט אין די גרעניצען פון אונזערע נאַציאָנען און אפילו אינערהאַלב פון אונזער פאַמיליע גופא.

די ערשיינונג פון בעזונדערע פאַמיליען אין דעם שטאַם האָט אויף אַן אונפערמיידליכען אופן געשטערט די איינגעשטעלטע איינהייט. אַן אָבגעזונדערטע פאַמיליע פיהרט אונפערמיידליך צו אַן אָבגעטיילטען אייגענטום און צו דער אָנזאַמלונג פון פערזענליכע פערמעגענס. מיר האָבען אָבער אויך געזעהן ווי די עסקימאָזען זוכען צו פערהיטען די אונבעקוועמליכקייט פון דעם דאָזיגען נייעם עלעמענט אין לעבען פון דעם שטאַם.

אין דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט נעהמט אַן די דאָזיגע שטרעבונג (אַנטקעגען פּריוואַטע פערמעגענס) נייע פאָרמען; און עס וואָלט געווען איינע פון די לעהררייכסטע שטודיען אויסצופאָרשען די פערשיידענע פאָלקס־אינסטיטוציעס (די דאָרף־געמיינדען, גילדעס א. ד. ג.), דורך וועלכע די פאָלקס־מאַסען האָבען געשטרעבט אויפצוהאַלטען די איינהייט פון שטאַם, אַנטקעגען די איינפלוסען, וועלכע האָבען געשטרעבט זי צו פערניכטען. פון דער אַנדער זייט, זיינען די ערשטע שפּראָצען פון וויסען, וואָס האָבען זיך בעוויזען אין די גאַנץ ווייטע צייטען, ווען זיי האָבען זיך נאָך צונויפגעגאָסען מיט כשוף־מאַכעריי, אויך געוואָרען אַ מאַכט אין די הענד פון איינצעלנע פערזאָנען, וועלכע האָבען געקאָנט אָנגעווענדעט ווערען אַנטקעגען די אינטערעסען פון שטאַם. די דאָזיגע ברעקלעך וויסען פלעגען דאַמאָלסט געהאַלטען ווערען בסודי־סודות

און איבערגעגעבען ווערען צו די פערטרויטע אין די געהיימע געזעל־שאפטען פון די מכשפים, שאמאנען און פריעסטער, וועלכע מיר געפינען לחלוטין ביי אלע פרימיטיווע פעלקער. אחוץ דעם האבען אין יענער צייט די מלחמות און איבערפאלען בעשאפען א מיליטערישע מאכט און א קאסטע קריעג־פיהרער, וועמעס „פעראיינען" און „קלובען" האבען ביסלעכווייז בעקומען אן אונגעהויערע מאכט. ביי אלעם דעם אבער זיינען די מלחמות קיינמאל ניט, אין קיין פעריאדע ניט פון דעם לעבען פון דער מענשהייט, געווען דער נארמאלער צושטאנד פון לעבען. אין דערזעלבער צייט, וואס די קריעגער האבען אויסגעראטעט איינע די אנדערע, און די פריעסטער האבען די רציחות געבענשט און געהייליגט, האבען די מאסען פון פאלק פארטגעזעצט זייער געמיינעם לעבען און אבגעטהאן זייער געוועהנליכע, אלטעגליכע ארבייט. אויספארשען דאס דאזיגע לעבען פון די מאסען, אויסלערנען די מיטלען, דורך וועלכע זיי האבען אויפגעהאלטען זייער געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע, וואס איז געווען געבויט אויף זייערע בעגריפען פון גלייכהייט, געגענזייטיגער הילף און געגענזייטיגער שטיצע — ד. ה. אויף זייער געמיין־רעכט — אפילו בעת זיי זיינען געווען אונטערווארפען דער גרויזאמסטער טהעאקראטיע אדער אויטאקראטיע — אויספארשען אט די זייט פון דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט איז היינטיגען טאג פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר דער אמת'ער וויסענשאפט פון לעבען.

## קאפיטעל IV

# געגענזייטיגע הילף ביי די בארבארען

די גרויסע וואנדערונגען. — די נויטיגקייט פון א נייער ארגאניזאציע. די דארף־געמיינדע. — געמיינדע־ארבייט. — די געריכטס־פארמען. — רעכטספערהעלטניסען צווישען די שטאמען. — אילוסטראציעס פון היינטיגען לעבען. — די בוריאטען. — די קאבילען. — די קאווקאזישע בערג־פעלקער. — די אפריקאנער בערג־פעלקער.

עס איז אונמעגליך צו שטודירען די פרימיטיווע מענשהייט און ניט ווערען שטארק פער'חדוש'ט פון דער געזעלשאפטליכקייט, וואס זי האט ארויסגעוויזען זינט איהרע גאר ערשטע טריט אין לעבען. שפורען פון מענשליכע געזעלשאפטען האט מען געפונען אין די איבערבלייבען אי פון דער עלטסטער, אי פון דער שפעטערער שטיין־צייט; און ווען מיר בעאבאכטען די היינטיגע ווילדע, וועלכע פיהרען נאך איצטער דאס זעלבע ארט לעבען ווי דער מענש פון דער נעאליטישער פעריאדע, געפינען מיר, אז זיי זיינען ענג פער־בונדען צוזאמען דורך א זעהר אלטער שטאם־ארגאניזאציע, וועלכע גיט זיי די מעגליכקייט צו פעראייניגען זייערע שוואכע איינצעלנע קרעפטען, צו געניסען דאס לעבען אינאיינעם און געהן פארווערטס אין זייער ענטוויקלונג. דער מענש איז ניט קיין אויסנאהם אין דער נאטור. ער איז אויך אונטערווארפען דעם גרויסען פרינציפ פון געגענזייטיגער הילף, וואס גיט א זיכערען קיום די, וועלכע שטיצען איינע די אנדערע אין דעם קאמפף פאר עקזיסטענץ. אט דאס זיינען געוועזען די אויספיהרען, צו וועלכע מיר זיינען געקומען אין די פאריגע קאפיטלען.

אבער אזויבאלד ווי מיר קומען צו א העכערער שטופע פון ציוויליזאציע און ווענדען זיך צו דער געשיכטע, וועלכע קען שוין אונז עפעס־וואס דערצעהלען וועגען דער דאזיגער שטופע, ווערען מיר ערשטוינט פון די מלחמות און צוזאמענשטויסען, וואס זי

ענטדעקט פאַר אונז. די אַלטע בענדער, דוכט זיך, זיינען איג־גאַנצען צעריסען. פעלקער פיהרען מלחמות געגען פעלקער, שטאַמען געגען שטאַמען, איינצעלנע געגען איינצעלנע; און פון אַט דעם כאַאָטישען קאַמפף פון פיינדליכע קרעפטען קומט די מענשהייט אַרויס אַ צוטיילטע אין קלאַסען, אַ פערקנעכטעטע צו דעספּאָטען, אַ צופאַלענע אויף בעזונדערע קעניגרייכען, וועלכע זיינען שטענדיג גרייט אַרויסצוטרעטען אין מלחמה איינער אַנט־קעגען אַנדערן. דורכבלעטערענדיג אַט אַזאַ מין געשיכטע פון דער מענשהייט, קומט דער פּעסימיסטישער פילאָזאָף מיט נצחון צום שלוס, אַז קריעג און אונטערדריקונג זיינען דער עצם מהות פון דער מענשליכער נאַטור; אַז דעם מענשען'ס קריעג־ליעבענדע און רויבערישע אינסטינקטען וועדען איינגעצוימט אין געוויסע גרע־ניצען נאָר דורך אַ שטאַרקע מאַכט, וואָס שטעלט מיט געוואַלט איין דעם פריעדען און גיט אויף דעם אופן די ווענינגע, וואויל־געבוירענע מענשען די געלעגענהייט פאַרצובריטען אַ בעסערן לעבען פאַר דער מענשהייט אין דער צוקונפט.

און דאָך, זאָל מען נאָר אונטערוואַרפען דאָס אַלטעגליכע לעבען פון מענשען, אין משך פון דער היסטאָרישער צייט, אונטער אַ גענויערע אונטערזוכונג — ווי דאָס איז די לעצטע צייט געטהאָן געוואָרען דורך פיעלע ערנסטע פאָרשער פון די גאָר פריהע איג־סטיטוציעס — און דאָס מענשליכע לעבען בעקומט גלייך גאָר אַנאַנדער בעלייכטונג. ווען מיר לאָזען אָן אַ זייט די אין פאָראויס־געפאַסטע מיינונגען פון די מעהרסטע היסטאָריקער, ווי אויך זייער שטאַרקע פאָרליעבע פאַר די דראַמאַטישע זייטען פון דער געשיכטע, דערזעהען מיר, אַז די דאָקומענטען, מיט וועלכע זיי בענוצען זיך געוועהנליך, זיינען אין עצם אַזוינע, וואָס איבערטרייבען די וויכ־טיגקייט פון דעם טייל פון מענשליכען לעבען, וואָס האָט זיך אָב־געגעבען מיט מלחמות, און שעצען גאָרניט גענוג אָב די פריעדליכע אַרבייט פון דער מענשהייט. די העלע און זוניגע טעג לאָזט מען אויס'ן אויג צוליעב דער בעשרייבונג פון די שטורמווינדען און בייזע געוויטערן. די גראָבע רעגיסטערס פון אונזער אייגענער צייט, וואָס מיר שרייבען פאַר דעם צוקינפטיגען היסטאָריקער אין אונזער פּרעסע, אונזערע געריכטען, אונזערע רעגירונגס־אינסטיטו־ציעס, און אַפילו אין אונזערע בעלעטריסטישע ווערק און אין דער

פּאַעזיע, לײדען אויך פון דערזעלבער אײנזײטיגקײט. זײ לאָזען איבער פאַר די נעקסטע דורות די גענויעסטע באַשרײבונגען פון יעדער מלחמה, פון יעדער שלאַכט און יעדען געפעכט, פון יעדער קריעג און געוואַלדטהאַט, פון יעדער פאָרם פון אינדיווידועלע לײדען; זײ ענטהאַלטען אָבער קוים וועלכע עס איז שפורען פון די אונצעהליגע טהאַטען פון געגענזײטיגער שטיצע און זעלבסט־אָפּפּערונג, וועלכע יעדער אײנער פון אונז ווײס פון זײן פּערזענ־ליכער ערפאַהרונג. זײ שענקען כמעט גאָר קײן אויפמערקזאַמקײט ניט דעם עכטען תוך און עצם פון אונזער אַלטעגליכען לעבען — אונזערע געזעלשאַפטליכע אינסטינקטען און זיטען. קײן וואונדער ניט דעריבער, אויב די כראָניקעס פון די אַמאָליגע צײטען ווײזען זיך ארויס אַזוי פעהלערהאַפטיג. די כראָניקער פון אַלטערטום האָבען קײנמאָל ניט פערפעהלט אַרײנצוטראָגען אין זײערע בע־ריכטען אַלע קלײנינקע מלחמות און יעדען סאָרט אומגליק, וואָס איז בעפאַלען די מענשען פון זײער צײט; זײ האָבען אָבער ניט געשאָנקען די קלענסטע אויפמערקזאַמקײט דעם לעבען פון די פאָלקסמאַסען, אָבוואויל די מאַסען האָבען מעהרסטענטײלס זיך דוקא בעשעפטיגט מיט פריעדליכע אַרבײט, בעת נאָר אַ קלײנע צאָהל האַט זיך אָבגעגעבען מיט אויפבורען מחלקות. די עפּישע פּאָעמען, די אויפשריפטען אויף מאָנומענטען, די פריעדענס־אָבמאַכען — מיט אײן וואָרט, כמעט אַלע היסטאָרישע דאָקומענטען טראָגען אײן כאַראַקטער: זײ האָבען נאָר צו טהאָן מיט די שטערונגען פון פריעדען, ניט מיט דעם פריעדען גופא. אַזוי אַז אַפילו יענע היסטאָריקער, וועלכע האָבען צוגעטרעטען צו דעם שטודיום פון דער פערגאַנגענהײט מיט די בעסטע אַבזיכטען, האָבען אויך געמאָלט אונבעוואוסטזיניג אַ צוקאַליעטשעטע בילד פון דער צײט, וואָס זײ האָבען געוואָלט פאַר אונז שילדערן. כדי אָבער ארויסצוברײנגען די ריכטיגע פּראָפּאָרציע צווישען קאַמפּף און פער־אײניגונג, מוזען מיר איצטער זיך בעשעפטיגען מיט אַ גענויען אַנאַ־ליז פון טויזענדער קלײנליכע פאַקטען און בלאַסע אָנדײטונגען, וועלכע זײנען צופעליג פערבליבען אין די זכרונות פון דער פערגאַנ־גענהײט. מיר מוזען זײ דערקלערען מיט דער הילף פון דער פער־גלײכענדער עטנאָלאָגיע, און נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אַזויפיעל אָנגעהערט וועגען די זאַכען, וואָס האָבען צוטײלט די מענשען, צו־

נויפשטעלען א שטיין אויף א שטיין די אלע געזעלשאפטליכע איינ־ריכטונגען, וועלכע פלעגען זיי פעראייניגען.

די צייט איז שוין ניט ווייט, ווען די גאנצע געשיכטע פון דער מענשהייט וועט דארפען אנגעשריבען ווערען פון דאס ניי, לויט נייע פלענער, וואס זאלען ארייננעהמען אין חשבון דיביידע אקארשט־אנגעוויזענע שטרעמונגען פון מענשליכען לעבען, אבשאצענדיג די ראליע, וואס יעדע פון זיי האט געשפיעלט אין דער ענטוויקלונג. דערווייל אבער קאנען מיר זיך בענוצען מיט דער גרויסער פאר־בערייטונגס־ארבייט, וואס איז געשאפען געווארען אין די לעצטע יאהרען, כדי ווידער ארייינצובריינגען די הויפט־שטריכען פון דער צווייטער שטרעמונג, וועלכע איז אזוי פיעל פערנאכ־לעסיגט געווארען. פון די פעריאדען פון דער געשיכטע, וועלכע זיינען בעסער אויסגעפארשט געווארען, קאנען מיר שוין אויפווארפען עטליכע בילדער פון דעם לעבען פון די פאלקסמאסען, מיט דעם צוועק צו בעווייזען, וואס פאר א ראליע די געגענזייטיגע הילף האט געשפיעלט אין משך פון די דאזיגע פעריאדען. דערביי זיינען מיר למען הקיצור ניט מחויב אנהויבען דוקא פון דער עגיפטישער אדער אפילו גריכישער און רוימישער געשיכטע; ווארים אין אמת'ן האט די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט ניט געהאט דעם כאראקטער פון א גאנצער, ניט־איבער־געריסענער, קייט פון פאסירונגען. עס האט זיך עטליכע מאל געטראפען, אז די ציוויליזאציע האט זיך איבערגעריסען אין א געוויסען ארט, ביי א געוויסער ראסע, און האט זיך אנגעהויבען איבער א נייעס אין אנאנדער ארט, צווישען אנדערע ראסען. אבער יעדער נייער אויפטרעט איהרער האט זיך אלעמאל אנגעהויבען פון דעמזעלבען שטאם־וועזען, וואס מיר האבען אקארשט געזעהן ביי די ווילדע. איז דעריבער, אויב מיר זאלען נעהמען דעם לעצטען אויפטריט פון אונזער איצטיגער ציוויליזאציע — ווען זי האט זיך אנגעהויבען פון דאס ניי, אין די ערשטע יאהרהונדערטען פון אונזער צייט־רעכענונג, צווישען די פעלקער, וועלכע די רוימער האבען אנגערופען „בארבארען" — וועלען מיר האבען דעם גאנצען לייטער פון ענטוויקלונג, אנהויבענדיג מיט דעם שטאם־לעבען און ענדיגענדיג מיט די אינסטיטוציעס פון אונזער צייט. די פאל־

גענדע זייטען וועלען זיין געווידמעט דער בעשרייבונג פון אַט אַזוינע בילדער.

די וויסענשאַפטס־מענער זיינען נאָך ניט אייניג צווישען זיך מכּח די סבות, וואָס האָבען געטריבען גאַנצע פעלקער אַן ערך צוויי טויזענד יאָהר צוריק, פון אַזיע אין אייראָפּאַ, און האָבען ארויס־גערופען די גרויסע באַרבאַרען־וואַנדערונגען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ סוף פון דער מערב־רוימישער אימפעריע. איין מעגליכע סבה פאַלט נאַטירליך אָבער איין דעם געאָגראַף, בעת ער בעטראַכט די חורבות פון אמאָליגע געדיכט־בעפעלקערטע שטעדט אין די היינ־טיגע וויסטעניזשען פון צענטראַל־אַזיע, אָדער דענקט וועגען די אַלטע בעטען פון פערשוואונדענע טייכען און די סמנים פון אמאָליגע אָזערעס, וואָס זיינען איצטער ניט גרעסער איידער סאַ־זשעלקעס. די סבה איז — אויסטריקענונג: אַן אויסטריקענונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען גאָר ניט לאַנג צוריק און געהט נאָך איצט אַן אַזוי געשווינד, אַז מיר האָבען עס פריהער גאָר ניט געקענט גלויבען. 1) געגען דעם האָט דער מענש ניט געקענט קעמפפען.

1) אונצעהליגע שפורען פון פאָסט־פּליאָצען אָזערעס, וואָס זיינען איצט פערשוואונדען, געפינען מיר אין גאַנץ צענטראַל־ מערב־ און צפון־אַזיע. ים־שיסעלעך פון די זעלבע מינים ברואים, וועלכע לעבען איצטער אין קאַספּישען ים, זיינען פערשפּרייט אין פרישע שיכטען אויף דער אויבערפלעך פון דער ערד, אַזוי וויט צו מזרח, ביז האַלבוועגס צו דער אָראַל־אָזערע, און אַזוי וויט צפון־צו ביז קאַזאַן. שפורען פון קאַספּישע גאָלפען, וועלכע מען האָט פריהער געהאַלטען פאר אַלטע בעטען פון דעם אַמו־דאַרי, שניידען דורך די טורקמענישע טעריטאָריע. געוויס מוז מען נעהמען אין אַנבעטראַכט די פּעריאָדישע און צייטליכע שוואַנקונגען אין דעם סכום פון אָבזאַצען; מיט דעם אַלעם אָבער איז די אויסטריקע־נונג אַ קלאָרער פאַקט. און זי געהט פאָרווערטס אַ סך שנעלער, ווי די געלאַגען האָבען עס פריהער דערוואַרט. אַפילו אין די לפי ערך נאַסע טיילען פון דרום־מערב סיביר ווייזט זיך אַרויס, לויט די זיכערע אויס־מעסטונגען, וואָס יאַדרינצעוו האָט פערעפענטליכט, אַז אויף אַ שטיק ערד, וועלכע איז מיט אַכציג יאָהר צוריק געווען דער גרונד פון איינער פון די אָזערעס פון דער טשאַני־גרופּע, געפינען זיך איצטער בעוואוינטע

ווען די איינוואוינער פון צפון־מערב מאַנגאָליע און מזרח־טורקעס־טאַן האָבען דערזעהן אז דאָס וואַסער פערלאָזט זיי, האָבען זיי ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, סיידען צו נעהמען און זיך אוועק־לאָזען אַראָב די ברייטע טהאָלען, וואָס פיהרען צו די נידערלענדער, און אַרויסשטופען די איינוואוינער פון יענע נידערלענדער ווייטער צו מזרח צו. 1) איין פאָלק נאָך דעם אַנדערן איז אויף דעם אופן אַרויסגעשטופט געוואָרען קיין אייראָפּאַ, צווינגענדיג די אַנדערע פעלקער צו וואַנדערן הין און צוריק אין אַ משך פון עטליכע הונ־דערט יאָהר צו מערב־צו, אָדער צוריק צו מזרח, צו זוכען נייע, מעהר אָדער וועניגער בעשטענדיגע וואוינונגס־פּלעצער. אין דער צייט פון די דאָזיגע וואַנדערונגען האָבען ראַסען זיך אויסגעמישט מיט ראַסען, איינגעבוירענע מיט איינגעוואַנדערטע, אַריער מיט אוראַל־אַלטייאישע פעלקער, און עס וואָלט גאָר קיין וואונדער ניט געווען, ווען די געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען, וועלכע האָבען זיי פער־אייניגט אין זייערע מוטערלענדער, וואָלטען געהאַט אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען אין דער צייט ווען איין ראַסע איז געקראָכען אויף דער אַנדערער, ווי עס איז דאַמאָלסט פאָרגעקומען אין אייראָפּאַ און אַזיע. די דאָזיגע איינריכטונגען זיינען אָבער ניט אונטער־געגאַנגען: זיי זיינען נאָר אויף אַזויפיעל געענדערט געוואָרען, וויפיעל די נייע בעדינגונגען פון לעבען האָבען עס געפאָדערט.

דערפער; און אַנדערע אָזערעס פון דערזעלבער גרופּע, וועלכע האָבען מיט פופציג יאָהר צוריק פערדעקט הונדערטער קוואַדראַט־ווערסטען, זיינען איצט געוואָרען פשוט'ע לוזשעס. מיט איין וואָרט, די אויסטריקענונג פון צפון־מערב אַזיע געהט אָן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז מען דאַרף זי מעסטען אין יאָהרהונדערטען, אַנשטאַט יענע אונגעהויערע געאָלאָגישע פעריאָדען, אין וועלכע מיר פלעגען רעכענען פריהער. זעה מיין אַרטיקעל „דהי דעסיקיישען אָוו אַזיע" אין „געאָגראַפיקאַל דזשורנאַל" פון דער לאָנדאָנער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, 1903.

1) גאַנצע ציוויליזאַציעס, ווי עס שיינט, זיינען פערשוואונדען געוואָרען אין יענער צייט, ווי עס ווערט איצט בעוויזען דורך די מערק־ווירדיגע ענטדעקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין מאָנגאָליע, אויפ'ן אָרכאָן און אין לוקטשון־אַריינפאַל (דורך ד. קלעמענטס) און אַרום לאָב־נאָר (דורך סווען־העדין).

ווען די אַלטע דייטשען, קעלטען, סקאַנדינאַוויער, סלאַווען און אַנדערע פעלקער זיינען צום ערשטען מאָל געקומען אין בעריהרונג מיט די רוימער, איז זייער געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע געווען אין אַן איבערגאַנגס־צושטאַנד. זייערע שטאַם־פערבאַנדען, וואָס זיינען געווען געבויט אויף אַ ווירקליכער אָדער אָנגענומענער אָב־שטאַמונג פון איין מקור, האָבען זיי געהאַלטען פעראייניגט טויזענ־דער יאָהרען נאָכאַנאַנד. אָבער די דאָזיגע פערבאַנדען האָבען געקענט דיענען זייער צוועק נאָר ביז וואַנען עס זיינען ניט אויפ־געשטאַנען קיין בעזונדערע פאַמיליעס אין דעם גאַנס אָדער קלאַן גופא. די בעזונדערע, פאַטריארכאַלע פאַמיליע איז אָבער צוליעב די פריהער אָנגעוויזענע סבות שטענדיג, אויב אפילו לאַנגזאַם, געוואַקסען אין די שטאַמען, און דאָס האָט מיט דער צייט געפיהרט צו פריוואַט אייגענטום מיט אָנגעקליבענעם רייכטום און מאַכט און צו זייער איבערגעהן בירושה צו די מיטגליעדער פון דער פאַמיליע. די אָפטע וואַנדערונגען און די מלחמות, וואָס זיי האָבען ארויסגערופען, האָבען נאָר געקענט פערשנעלערן די צוטיילונג פון די שטאַמען אויף בעזונדערע פאַמיליען. בעת די פערשפרייטונג פון די פעלקער און זייער צומישען זיך מיט די איינוואוינער פון פרעמדע לענדער האָבען געשאַפען זעלטענע געלעגענהייטען פאַר דעם ענדליכען צעפאַלען פון די פריהערדיגע פערבאַנדען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אויף די בענדער פון קרובה׳שאַפט. די „באַרבאַרען“ — ד. ה. די פעלקער, וועמען די רוימער האָבען אַ נאָמען געגע־בען באַרבאַרען, און וועלכע איך וועל אויך, האַלטענדיג זיך ביי מאָר־גאַנ׳ס קלאַסיפיקאַציע, אָנרופען מיט׳ן אייגענעם נאָמען, כדי זיי צו אונטערשיידען פון די פרימיטיווע פעלקער אָדער „ווילדע“ — איז אויסגעקומען אויף דעם אופן צו טהאָן איינס פון די ביידע: אָדער לאָזען זייערע שטאַמען פונאַנדערפאַלען אין לויזע פאַמיליען־גרופען, און ערלויבען די רייכערע פון זיי (דערהויפט די, וואָס זייער רייכ־קייט איז געווען פעראייניגט מיט די פריעסטערליכע פונקציעס, אָדער מיט דעם כבוד פון קריעגפיהרער) צו פערכאַפען די מאַכט איבער די איבעריגע פאַמיליען; אדער אָבזוכען עפעס אַ נייע געזעלשאַפטס־פאָרם, וואָס זאָל זיין געבויט אויף אַ וועלכען עס איז נייעם פרינציפ.

פיעלע פעלקער האָבען ניט געהאַט קיין כחות צו ווידערשטעהן

דעם פּראָצעס פון צוברעקלונג: זיי האָבן זיך צוברעקעלט און זיינען פערלאָרען געגאַנגען פאַר דער געשיכטע. די מעהר ענגערישע פעלקער אָבער זיינען זיך ניט צעפאַלען. זיי זיינען ארויסגעקומען פון דעם נסיון מיט א נייער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע — די דאָרף־געמיינדע — וועלכע האָט זיי געהאַלטען צוזאַמען די נעקסטע פונפצעהן הונדערט יאָהר אָדער מעהר. עס האָט זיך אויסגעארבייט ביי זיי דער בעגריף פון א געמיינשאַפטליכען לאַנד, וואָס זיי האָבן איינגענומען אָדער פערטיידיגט מיט געמיינשאַפטליכע כחות; און אָט דער בעגריף האָט פערנומען דאָס פּלאַץ פון דעם פערשוואונדענעם בעגריף פון א געמיינשאַפטליכער אָבשטאַמונג. זייערע געטער האָבן ביסלעכוויז פערלאָרען זייער כאַראַקטער פון אורעלטערן און האָבן בעקומען אַן אָרטיגען, טעריטאָריעלען כאַראַקטער. זיי זיינען געוואָרען די געטער און שפּעטער די הייליגע, פון דעם בעשטימטען אָרט. דאָס לאַנד און די איינוואוינער זיינען געוואָרען איינס. אָנשטאָט די פריהערדיגע בלוט־פערבאַנדען זיינען איצט ארויסגעוואַקסען לאַנד־פערבאַנדען, און אָט די נייע אָרגאַניזאַציע האָט אונטער די אומשטענדען געהאַט א סך מעלות. זי האָט אָנערקענט די אונאָבהענגיגקייט פון דער פאַמיליע, און אפילו פערשטאַרקט זי, דערמיט וואָס זי האָט זיך אָבגעזאָגט פון יעדען רעכט זיך אריינצומישען אין די פּריוואַט־זאַכען וואָס קומען פאָר אין די ד׳ אמות פון דער פאַמיליע. זי האָט געגעבען פיעל מעהר פרייהייט דער פּערזענליכער איניציאַטיווע. זי איז אין פּרינציפּ ניט געוועזען פיינדליך צו דער פעראייניגונג צווישען מענשען פון פערשיידענער אָבשטאַמונג, און האָט געזיכערט אין דער זעלביגער צייט דעם נויטיגען צוזאַמענהאַנג אין דעם טהאָן און דענקען פון די געמיינדע מיטגליעדער. דערצו איז זי אויך געוועזען שטאַרק גענוג זיך אַנטקעגען צו שטעלען די הערשאַפטס־טענדענצען פון די מכשפים, פּריעסטער און פּראָפעסיאָנעלע אָדער העלדישע קריעג־פיהרער. דעריבער איז אָט די נייע אָרגאַניזאַציע געוואָרען דער בלוטס־טראָפּען פון דעם גאַנצען צוקינפטיגען געזעלשאַפטליכען לעבען, און ביי פיעלע פעלקער האָט די דאָרף־געמיינדע אויפגעהאַלטען דעם דאָזיגען כאַראַקטער ביז אויף היינטיגען טאָג.

עס איז איצט שוין בעקאַנט — און כמעט קיינער בעשטרייט

עס ניט מעהר — אז די דאָרף־געמיינדע איז ניט געווען קיין ספּעציפישער כאַראַקטער־שטריך פון די סלאַווען אָדער אפילו פון די אַלטע גערמאַנען. זי איז געווען פערשפּרייט אין ענגלאַנד, אין די זאַקסישע אַזוי גוט ווי אין די גאַרמאַנישע פּעריאָדען, און האָט זיך טיילוויז אויפגעהאַלטען ביז דעם 19טען יאָהרהונדערט; 1) און איז אויך געווען די גרונדלאַגע פון דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע אין דעם אַלטען שאָטלאַנד, אירלאַנד און וועלס. אין פראַנקרייך האָט זיך אויפגעהאַלטען דער קאָמונאַל־בעזיץ און די קאָמונאַלע פערטיילונג פון דעם אַקער־לאַנד דורך די דאָרפישע פאָלקס־פערזאַמלונג פון דעם ערשטען יאָהרהונדערט פון אונזער צייטרעכענונג ביז די צייטען פון טורגאָ, וועלכער האָט איינגעפונען, אַז די געמיינדע־פערזאַמלונגען זיינען „צו טומעלדיג" און האָט זיי דעריבער אָנגעפאַנגען אָבצושאַפען. אין איטאַליע האָט די דאָרף־געמיינדע אַריבערגעלעבט די רוימישע הערשאַפט און האָט ווידער אויפגעלעבט נאָך דעם צעפאַלען פון דער רוימישער אימ־פּעריע. זי איז געווען דער אַלגעמיינער רעגעל ביי די סקאַנדי־נאַוויער, סלאַווען, פינען (אין פּיטטאַיאַ און וואַהרשיינליך אויך אין קיהלאַקונטאַ), קורלענדער און ליפלענדער. די דאָרף־געמיינדע אין אינדיע — אין אַמאַליגער און אויך היינטיגער אינדיע, אין דער אַרישער און ניט אַרישער — איז גוט בעקאַנט דורך די עפּאָכע־

---

1) אויב איך האַלט זיך בנוגע צו ענגלאַנד אָן די מיינונגען פון נאַססע, קאָוואַלעווסקי און ווינאָגראַדאָוו (אַנרופענדיג נאָר די נעמען פון די היינטיגע פאָרשער פון דעם פאַך), און ניט אָן די מיינונג פון פ. סעעבאָהם (כדי צו זיין קאָמפּלעט, קען מען אויך דערמאָנען דענמאַן ראָסס), איז עס ניט נאָר דערפאַר, ווייל די אָנזיכטען פון יענע דריי שרייבער זיינען געבויט אויף אַ טיעפען וויסען פון דעם ענין און זיי שטימען איינע מיט די אַנדערע, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי זיינען אויסגעצייכענט בעקאַנט מיט דער דאָרפסגעמיינדע בכלל, בעת אין סעעבאָהם'ס זאָנסט זעהר מערקווירדיגער אַרבייט פיהלט זיך שטאַרק דער דוחק אין אַזאַ בעקאַנטשאַפט. דיזעלבע בעמערקונג קען מען נאָך אין אַ שטאַרקערען גראַד מאַכען וועגען די עלעגאַנטע שריפטען פון פוסטעל דע קולאַנזש, וועמעס מיינונגען און היציגע אויסטייטשונגען פון אַלטע טעקסטען ווערען פון קיין אַנדערן ניט געטיילט אויסער פון איהם אַליין.

מאַכענדע ווערק וועגען דעם געגענשטאַנד פון סער הענרי מעין; און עלפינסטאָן האָט זי בעשריבען ביי די אַפגאַנער. מיר געפינען זי אויך אין דעם מאָנגאָלישען אולוס, אין דעם קאַבילישען טהאַדאַרט, אין יאַוואַנישען דעססאַ, אין מאַלאַישען קאַטאָ אָדער טאָפּאַ, און אונטער פערשיידענע נעמען אין אַביסיניע, אין סודאַן, אין צענטראַל אַפריקאַ. ביי די איינגעבוירענע פעלקער פוןביידע אַמעריקאַס, ביי אַלע גרעסערע און קלענערע פעלקערשאַפטען אויף די אינזלען פון שטילען אָקעאַן. מיט איין וואָרט, מיר קענען ניט קיין איינציגע מענשליכע ראַסע, קיין איינציג פאָלק, וואָס זאָל ניט האָבען דורכגעגאַנגען אין אַ געוויסער פעריאָדע די פאַזע פון דער דאָרף-געמיינדע. שוין אָט דער פאַקט אַליין ליקווידירט אָב די טעאָריע, וואָס האָט געזוכט צו ערקלערן די דאָרף-געמיינדע אין איירָאָפּאַ אַלס אַ פּראָדוקט פון דער לייב-איינגענשאַפט. זי איז אויפגעבויט געוואָרען אַ צייט פריהער פאַר דער לייב-איינגענשאַפט, און אַפילו די לייב-איינגענשאַפט איז ניט געוועזען אימשטאַנד זי צו פערניכטען. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַלוועלטליכען ענטוויקלונגס-עטאַפּ פון דעם מענשליכען מין, אַ נאַטירליכען פּראָדוקט פון דער שטאַם-אָרגאַניזאַציע — וועניגסטענס ביי אַלע יענע פעלקער, וועלכע האָבען געשפּיעלט אדער שפּיעלען נאָך איצט אַ געוויסע ראָליע אין דער געשיכטע.1)

1) די ליטעראַטור וועגען דער דאָרף-געמיינדע איז אַזוי רייך, אַז מיר קענען דאָ נאָר אָנווייזען אויף עטליכע ווערק. סער הענרי מעין'ס, פ. סעעבאָהם'ס און וואַלטער'ס „דאָס אַלטע וואַללים" (באָנן, 1859) זיינען גוט בעקאַנטע און פּאָפּולערע קוועלען פאַר שאָטלאַנד, אירלאַנד און וועלס. פאַר פראַנקרייך קען מען אָנווייזען, פּ. וויאָלעט, „פּרעציס דע ל'היסטואַר די דרואַ פראַנסעז, דרואַ פּריווע", 1886 און עטליכע זיינע מאָנאָגראַפען אין דער „ביבליאָטהעק דע ל'עקאָל דע שאַרטעס"; באַבאָ, „לע ווילאַזש סו ל'אַנסיען רעזשים" (דער „מיר" אין 18טען י. ה.) דריטע אויפלאַגע 1887; באָננעמער, דאָניאָל און אַנדערע. פאַר איטאַליע און סקאַנדינאַוויע זיינען די הויפּט-ווערק אויסגערעכענט אין לאַוועלע'ס „פּרימיטיוועס איגענטום", (דייטשע איבערזעצונג פון קאַרל בובער.) פאַר די פיננען: רעין'ס „פאָרעלאַסנינגאַר", באַנד 1, ז. 15; קאָסקינען, „פיננישע געשיכטע, 1874 און פערשיידענע מאָנאָגראַפען. פאַר ליפלאַנד

די דאָרף־געמיינדע שטעלט מיט זיך פאָר אַ נאַטירליך־אויסגעוואַקסענע אינסטיטוציע, און דעריבער האָט זי ניט געקענט זיין אומעטום אַבסאָלוט גלייכאַרטיג אין איהר געבוי. בכלל גערעדט איז זי געווען אַ פעראייניגונג פון פאַמיליען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר קרובים, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון איין אַלגעמיינעם גזע, און וועלכע האָבען אינאיינעם בעזעצט אַ געוויסע טעריטאָריע. ביי אייניגע פעלקער אָבער זיינען די פאַמיליען אונטער געוויסע אומשטענדען זעהר פונאַנדערגעוואַקסען, איידער עס האָבען זיך אָבגעצווייגט פון זיי נייע פאַמיליען; אין אַזוינע פעלען פלעגען פינף, זעקס, אָדער זיעבען דורות לעבען אונטער איין דאַך אָדער אויף איין הויף, אינאיינעם פערוואַלטענדיג די ווירטשאַפט און די פיה, צונויפקלייבענדיג זיך אינאיינעם צו עסען אַרום דעם געמיינשאַפטליכען קיך־פייער. דאַמאָלסט האָט זיך געבילדעט דאָס, וואָס איז בעקאַנט אין דער עטנאָלאָגיע אונטער דעם נאָמען „די ניט־צוטיילטע פאַמיליע“ אָדער די „ניט־צוטיילטע

---

און קורלאַנד זעה פראָפ. לוטשיצקי׳ס אַרטיקעל אין „סיעווערני וויעסטניק“ פאַר 1891. פאַר די דייטשען, אויסער די אַלבעקאַנטע ווערק פון מאַורער, סאָהם („אַלטדייטשע רייכס און געריכטס פערפאַסונג“), זעה אויך דאַהן („אורצייט“, „פעלקערוואַנדערונג“, „לאַנגאָבאַרדישע שטודיען“); יאַנסען, ווילהעלם אַרנאָלד און אַנדערע. פאַר אינדיע, אויסער הענרי מעין און די פערפאַסער, וועלכע ער ווייזט אָן, זעה אויך סער דזשאָהן פהעאַר׳ס „אַריאַן ווילעדזש“. פאַר רוסלאַנד און די דרום־סלאַווען זעה די ווערק פון קאַוועלין, פאָסניקאָוו, סאָקאָלאָווסקי, קאָוואַלעווסקי, יעפימענקאָ, איוואַנישעוו, קלאַוס א. ד. ג. (אַ גרויסער ביבליאָגראַפישער אָנצייגער ביז דעם יאָהר 1880 געפינט זיך אין „סבאָרניק סוועדעניי אָב אָבשצינע“ אין די אויסגאַבען פון דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט.) פאַר די אַלגעמיינע אויספיהרען זעה אויסער לאַוועלע׳ס „אייגענטום“, מאָרגאַן׳ס „אַנשענט סאָסייעטי“, ליפפערט׳ס „קולטורגעשיכטע“, פאָסט, דאַרגון א. אַנ׳., ווי אויך קאָוואַלעווסקי׳ס לעקציעס. מען דאַרף אויך דערמאָנען די פיעלע ספּעציעלע מאָנאָגראַפיען, פון וועלכע אַ רשימה ווערט געגעבען אין די ווערק פון פ. וויאָלעט „דרואַ פריווע“ און „דרואַ פּיבליק“. וועגען אַנדערע ראַסען זעה די וויטערדיגע אָנמערקונגען.

הויז־ווירטשאפט". וועלכע מיר בעגעגענען נאך עד היום אין גאנץ כינא, אין אינדיע, אין דער דרום־סלאווישער „זאדרוגא", און צופעליג אין אפריקא, אין אמעריקא, אין דענעמארק, אין צפון־רוסלאנד, אין סיביר („סעמייסקיע") און אין מערב־פראנקרייך. 1) ביי אנדערע פאמיליען, אדער ביי דערזעלביגער נאר אונטער אנדערע אומשטענדען, וועלכע זיינען נאך געננוי ניט בעשטימט געווארען, זיינען די פאמיליען אזוי גרוים זיך ניט פונאנדערגעוואקסען; די אייניקלעך און אמאל אפילו די זיהן, פלעגען ארויסטרעטען פון דער הויז־ווירטשאפט גלייך נאך דער חתונה, און יעדערער פון זיי האט געלעגט דעם גרונדשטיין פון זיין אייגענעם פאמיליען־בנין. אבער די צוטיילטע, ווי די ניט־צוטיילטע פאמיליען, די צוזאמען־געד־פירטע, ווי די צעווארפענע איבער די וועלדער — אלע זיינען געווען פעראייניגט אין דארף־געמיינדען; עטליכע דערפער זיינען געווען פעראייניגט אין שטאמען און די שטאמען זיינען געווען פעראייניגט אין קאנפעדעראציעס. אט דאס איז געווען די סאציאלע ארגאניזאציע, וואס האט זיך ענטוויקעלט צווישען די אזוי אנגערופענע בארבארען, ווען זיי האבען אנגעפאנגען זיך מעהר אדער ווייניגער פעסט צו בעזעצען אויף זייערע ערטער אין אייראפא.

---

1) אייניגע אויטאריטעטען זיינען גענייגט צו בעטראכטען די ניט־צוטיילטע פאמיליע אלס אן איבערגאנג־שטופע צווישען דעם שטאם און די דארף־געמיינדע; און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז אין זעהר פיעלע פעלען זיינען די דארף־געמיינדען טאקע ארויסגעוואקסען פון אזוינע ניט־צוטיילטע פאמיליען. פונדעסטוועגען האלט איך, אז די דאזיגע פאמיליע איז בכלל א גאנץ אנדער זאך. ערשטענס געפינען מיר זי אויך אין דעם שטאם, און צווייטענס, קענען מיר ניט בעהויפטען, אז די ניט־צוטיילטע פאמיליען האבען ווען עס איז עקזיסטירט ניט געהערענדיג צו א שטאם, אדער צו א דארף־געמיינדע, אדער צו א „גאו". איך שטעל זיך פאר, אז די ערשטע דארף־געמיינדען זיינען דירעקט ארויסגעקומען פון די שטאמען און זיינען בעשטאנען, לויט די ראסען אדער ארטיגע אומשטענדען, אדער פון עטליבע ניט־געטיילטע פאמיליען, אדער פון ניט־געטיילטע און איינפאכע פאמיליען אין איין צייט, אדער (בעזונדערס אין פאל פון נייע איינוואנדערער) נאר פון איינפאכע פאמיליען אליין. אויב די אנזיכט איז א ריכטיגע, דאן האבען מיר

עס האָט זיך געפאָדערט אַ זעהר לאַנגע ענטוויקלונג איידער דער שטאַט האָט אָנגעהויבען אָנערקענען די בעזונדער עקזיסטענץ פון דער פּאַטריארכאַלער פאַמיליע אין אַ בעזונדער היים; אָבער שוין אפילו נאָכדעם ווי ער האָט זי אָנערקענט, האָט ער, בכלל גערעדט, נאָך אַלץ ניט אָנערקענט קיין פּערזענליכע ירושה פון אייגענטום. די עטליכע זאַכען, וועלכע האָבען געקענט פּערזענליך געהערען דעם איינצעלנעם, זיינען אָדער פערניכטעט געוואָרען אויף זיין קבר, אָדער בעגראָבען געוואָרען צוזאַמען מיט איהם. די דאָרף־געמיינדע, אין גאַנצען, האָט פאָלשטענדיג אָנערקענט די פּרי־וואַטע אָנזאַמלונג פון פערמעגענס אינערהאַלב פון דער פאַמיליע, ווי אויך זייער איבערגעהן בירושה. אונטער פערמעגען האָט מען אָבער פערשטאַנען אויסשליסליך נאָר בעוועגליכע גיטער, אריינ־רעכענדיג די פיה, געצייג און הויזליכע כלים, געוועהר און וואָפען־הייזער, וועלכע „ווי אַלע זאַכען, וואָס קענען פערניכטעט ווערען פון פייער" געהערען צו דערזעלבער קאַטעגאָריע. 1) וואָס געהערט דעם פּריוואַט־אייגענטום אין לאַנד, האָט די דאָרף־געמיינדע ניט אָנערקענט און ניט געקענט אָנערקענען אַזאַ זאַך, און בכלל גע־רעדט, אָנערקענט זי ניט אַזאַ סאָרט אייגענטום אפילו ביי היינ־טיגען טאָג. די ערד איז געווען געמיין־אייגענטום פון גאַנצען שטאַם אָדער פון גאַנצען פאָלק, און די דאָרף־געמיינדע גופא איז נאָר אַזוי לאַנג געווען דער אייגענטימער פון איהר טייל פון דער שטאַם־טעריטאָריע, כל זמן דער שטאַם אָדער דאָס פאָלק — מען קען דאָ גענוי זיי ניט אָבגרעניצען — האָט ניט געפונען פאַר נויטיג איינצופיהרען אַ נייע חלוקה פון די דערפערשע טיילען. אַזוי ווי אָברייניגען די ערד פון וואַלד און פונאַנדעראַקערן די פרישע ערד פלעגט מעהרסטענטיילס געטהאָן ווערען פון דער גאַנצער געמיינדע, אָדער וועניגסטענס פון עטליכע פאַמיליען אינאיינעם — אַלעמאָל מיט דער ערלויבניש פון דער געמיינדע — פלעגען די פרישע־

---

ניט קיין רעכט אָוועקצושטעלען די סעריע: שטאַם, ניט־צוטיילטע פאַ־מיליע, דאָרף־געמיינדע, דען דאָס צווייטע גליעד האָט ניט די זעלביגע עטנאָלאָגישע וויכטיגקייט, ווי די איבעריגע צוויי. זעה אָנהאַנג XIII.

1) סטאָבבע, „ביטראַגע צור געשיכטע דעם דויטשען רעכטעס", זייט 62.

אבגערייניגטע טיילען בלייבען ביי יעדער פאמיליע אויף פיער, אויף צוועלף, אדער אויף צוואנציג יאהר, און דערנאך האט עס שוין געהייסען בעארבייטעטע אקער־ערד, וואס געהערט צו דער גאנצער געמיינדע. פריוואט אייגענטום, אדער „אייביגער“ בעזיץ פון דער ערד, איז פונקט אזוי פרעמד געווען צו די גרונד־בעגריפען און רעליגיעזע אנשויאונגען פון דער דארף־געמיינדע, ווי עס איז פריהער פרעמד געווען צו די בעגריפען פון שטאם־לעבען; און עס האט זיך געפאדערט א לאנגער איינפלוס פון רוימישען רעכט און פון דער קריסטליכער קירך, וועלכע האט אינגיכען איבערגענומען די רוימישע גרונדזאצען, כדי צוצוגעוועהנען די בארבארען צו דעם געדאנק פון דער מעגליכקייט פון פריוואט־אייגענטום אין לאנד. 1) אבער אפילו דאן, ווען אזא אייגענטום, אדער בעזיץ אויף אן אונבעשטימטער צייט, איז שוין אנערקענט געווארען, איז נאך אלץ דער אייגענטימער פון א בעזונדער טייל געבליבען דער מיט־בעזיצער מיט אלע איבעריגע פון די ניט־בעארבייטעטע פעלדער, וועלדער און לאנקעס פון דער געמיינדע. נאך מעהר ווי דאס: מיר זעהען נאכאנאנד, דערהויפט אין דער געשיכטע פון רוסלאנד, אז ווען עטליכע פאמיליען האבען אוועקגעכאפט יעדערע פאר זיך שטיקער ערד, וואס האבען געהערט צו פעלקער, אויף וועלכע זיי האבען געקוקט ווי אויף פרעמדע, האבען די דאזיגע פערכאפפער־פאמיליען אינגיכען זיך פעראייניגט צווישען זיך און געבילדעט א דארף־געמיינדע, וועלכע האט אין עטליכע דורות ארום שוין גע־גלויבט אין איהר געמיינשאפטליכער אבשטאמונג. סיביר איז ביז היינטיגען טאג פול מיט אזוינע ביישפיעלען.

1) די וועניגע שפורען פון פריוואט־אייגענטום אין לאנד, וואס מען בעגעגענט אין דער פריהער בארבארישער פעריאדע, געפינען זיך בלויז ביי אזוינע פעלקער (די באטאווען און פראנקען אין גאלליען), וועלכע האבען זיך פאר א געוויסע צייט געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער רוימישער אימפעריע. זעה אינאמא־סטערנעגג „די אויסביל־דונג דער גראססען גרונדהערשאפטען אין דייטשלאנד, באנד 1, 1878. אויך בעססלער „נויברוך נאך דעם עלטערן דייטשען רעכט“, ז. 12—11, ציטירט ביי קאוואלעווסקי אין „סאווראמעני אביטשאי אי דרעווני זאקאן“, מאסקווע 1886, באנד 1, ז. 134.

אַ גאַנצע רייה אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען טיילווייז איבער־גענומען געוואָרען פון דער שטאַט־פעריאָדע, האָט זיך איצט אָנ־געהויבען אויסאַרבייטען אויף אָט דער גרונדלאַגע פון געמיינדליכען ערד־בעזיץ, און האָט אַלץ ווייטער זיך ענטוויקעלט דורך די לאַנגע יאָהרהונדערטען, וואָס האָט גענומען צו ברייננגען די באַרבאַרען אונטער דער הערשאַפט פון די שטאַאַטען, וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט לויט דעם רוימישען אָדער ביזאַנטישען מוסטער. די דאָרף־געמיינדע איז געווען ניט נאָר אַ פערבאַנד אויף צו פער־זיכערן יעדען איינעם זיין גערעכטען חלק פון דער געמיינדע־ערד; זי איז אויך געווען אַ פערבאַנד פאַר דער געמיינשאַפטליכער בעאַרבייטונג פון דער ערד, פאַר גענענזייטיגער שטיצע אין אַלע מעגליכע אַרטען, פאַר בעשיצונג פון געוואַלט און פאַר דער ענטוויק־לונג פון וויסען, פון נאַציאָנאַלער פעראייניגונג און פון מאָראַלע בעגריפען. און יעדע ענדערונג אין די יורידישע, מיליטערישע, ערציהערישע אָדער עקאָנאָמישע רעכט פון דער געמיינדע, איז בעשלאָסען געוואָרען פון אַלעמען — אויף דער „מיר“־פערזאַמלונג פון דאָרף, אויף דעם שטאַם־ראַטה, אָדער אויף דעם ראַטה פון דער קאָנפעדעראַציע. די דאָרף־געמיינדע אַלס אַ פאָרטזעצונג פון שטאַם, האָט גע'ירשנ'ט אַלע זיינע פונקציעס. זי איז געווען די אוניווער־זיטאַס, דער „מיר“ — אַ וועלט אין זיך אַליין.

געמיינשאַפטליכער געיעג, געמיינשאַפטליכער פיש־פאַנג, גע־מיינשאַפטליכע בעאַרבייטונג פון די סעדער אָדער דאָס פלאַנצען פון פרוכטבוימער איז געווען דער רעגעל אין דעם אַלטען שטאַם. געמיינשאַפטליכע בעאַרבייטונג פון די פעלדער איז געוואָרען דער רעגעל אין די דאָרף־געמיינדען פון די באַראַבאַרען. אמת, קיין פיעל דירעקטע עדות וועגען דעם פּרט האָבען מיר ניט: אין דער ליטעראַטור פון אַלטערטום געפינען מיר נישט מעהר ווי עטליכע שטעלען ביי דיאָדאָרוס און יוליוס צעזאַר בנוגע די איינוואוינער פון די ליפּאַרישע אינזלען, וועלכע געהערן צו איינעם פון די קעלטאָ־איבערישע שטאַמען, און צו די סועווען. אָבער דערפאַר פעהלען ניט קיין פאַקטען צו בעווייזען, אַז געמיינשאַפטליכע ערד־אַרבייט איז בעטריבען געוואָרען ביי איניגע גערמאַנישע פעלקער, ביי די פראַנקען און די אַלטע שאָטלענדער, ביי די אירלענדער און וועל־

שען. 1) וואס איז שייך די שפעטערע לעבען־געבליבענע מנהגים פון געמיינשאפטליכער ערד־ארבייט, איז זייער צאהל גאר ניט משער צו זיין. אפילו אין דעם פאלשטענדיג ראמאניזירטען פראנק־רייך איז די געמיינשאפטליכע בעארבייטונג פון באדען געווען א געוועהנליכע זאך אין מארביהאן (ברעטאן) ניט לענגער ווי מיט 25 יאהר צוריק. 2) דער אלטער וועלשער „ציוואר", אדער געמיינ־שאפטליכער געשפאן, ווי אויך די געמיינשאפטליכע בעארבייטונג פון דעם לאנד, וואס איז אבגעטיילט געווארען פאר דעם געברויך פון דארפישען הייליגען הויז, איז א גאנץ געוועהנליכע זאך ביי די קאווקאזער פעלקער, וועלכע שטעהען אם ווייטסטען פון ציוויליזאציע. 3) אזוינע פאקטען קומען אויך טעגליך פאר צווישען די רוסישע פויערים. עס איז אויך בעקאנט, אז פיעלע שטאמען פון בראזיליע, צענטראל אמעריקא און מעקסיקא פלעגען בעארבייטען זייערע פעלדער געמיינשאפטליך, און דערזעלבער מנהג איז וויט פערשפרייט ביז היינטיגען טאג צווישען די מאלאיען, אין נייקאלעדאניען, ביי איינינע נעגער־שטאמען א. אז. וו. 4) אין קורצען, די געמיינשאפטליכע ערד־ארבייט איז אזא געוועהנליכער מנהג ביי פיעלע ארישע, אוראל־אלטאישע, נעגער, אינדיאנער, מאלאיען און מעלאנעזער שטאמען, אז מיר מוזען עס בעטראכטען אלס אן אלגע־

1) מאורער „מארקגענאססענשאפט"; לאמפרעכט „ווירטהשאפט אונד רעכט דער פראנקען צור צייט דער פאלקסרעכטע" אין „היסטארישער טאשענבוך", 1883; זעעבאהם „דהי ענגליש ווילעדזש קאממיוניטי", קאפיטעל 6, 7 און 9.

2) לעטורנא אין „בולעטין דע לא סאסיעטע אנטראפאלאזשיק", 1888, באנד 11, ז. 476.

3) וואלטער, „דאס אלטע וואלליס", ז. 322; דמ. באקראדזע און נ. כודאדאף אין די „זאפיסקי קאווקאז. געאגראפ. אבשצ.", באנד 14, טייל 1.

4) באנקראפט „נייטיוו רייסעס"; וואיטץ „אנטראפאלאגיע", ב. III, ז. 423; מאנטראזיער אין „בולעטין סאצ. ד'אנטראפאלאזשיע", 1870; פאסט „שטודיען" א. אז. וו.

מיינע — ווען אפילו ניט די איינציג־מעגליכע — פאָרם פון פרימי־טיווער אַגריקולטור. 1)

די געמיינשאַפטליכע בעאַרבייטונג פון דער ערד אָבער שליעסט נאָך ניט איין נויטיגערוויי דעם געמיינשאַפטליכען פערברויך. מיר זעהען אָפט שוין אין דער שטאַם־אָרגאַניזאַציע, אַז בעת די שיפ־לעך, אַנגעלאָדענע מיט פרוכט אָדער פיש, קעהרען זיך אום צוריק אין דאָרף, ווערט די געבראַכטע שפייז צוטיילט צווישען די בעזונ־דערע הייזלעך און די „לאַנגע הייזער“, אין וועלכע עס געפינען זיך עטליכע פאַמיליען צוזאַמען, אָדער די יונגע לייט, און דאָס עסען ווערט צוגעגרייט בעזונדער אין יעדער בעזונדער קיך. די געוועהנ־הייט, הייסט עס, צו עסען די מאָלצייטען אין קלענערע, ענגערע קרייזען פון אייגענע אָדער חברים, קומט שוין פאָר אין די ערשטע צייטען פון שטאַם־לעבען. אין דאָרף־געמיינדע איז די געוועהנהייט שוין געוואָרען דער רעגעל. אפילו די שפייז־פּראָדוקטען, וואָס קומען פון די געמיינשאַפטליך־בעאַרבייטעטע פעלדער, ווערען צוטיילט צווישען די בעלי בתים, נאָכדעם ווי מען האָט אָבגעלעגט אַ געוויסען טייל דערפון פאַר דעם געברויך פון דער געמיינדע. פונדעסט־וועגען ווערען די טראַדיציעס פון געמיינשאַפטליכע מאָהלצייטען עהרליך אָבגעהיט. ביי יעדער געלעגענהייט, ווי צ. ב. ש. ביי די יאָהרצייטען און הזכרות נשמות פון די פערשטאָרבענע עלטערן, אין רעליגיעזע חגאות, ביים אָנהויב און סוף פון פעלד־אַרבייט, ביי דעם געבורט פון אַ קינד, אויף חתונות און בעגרעבענישען,

---

1) די ווערק פון אָרי, לוראָ, לאַודעס און סילוועסטער וועגען דער דאָרף־געמיינדע אין אַננאַם, וועלכע בעווייזען, אַז זי האָט דאָרטען געהאַט דיזעלבע פאָרמען ווי אין דייטשלאַנד אָדער רוסלאַנד, ווערען דערמאָנט אין אַ רעפעראַט וועגען די דאָזיגע ווערק פון זשאָבבע־דוואַוואַל אין דער „נואוועל רעוו. איסטאָריק דע דרואַ פראַנסעז ע עטראַנזשע“ פאַר אָקטאָבער און דעצעמבער 1896. אַ גוטע אַרבייט וועגען דער דאָרף־געמיינדע אין פערו איידער די מאַכט פון די אינקאַס איז איינגעפיהרט געוואָרען, איז פערעפענטליכט געוואָרען פון היינריך קונאָוו (די זאָציאַלע פערפאַסונג דעם אינקאָ־רייכס“, שטוטגאַרט 1896). אין דעם ווערק ווערט בעשריבען דער געמיינשאַפטליכער בעזיץ און די געמיינשאַפטליכע בעאַרבייטונג פון דער ערד.

קלייבט זיך די געמיינדע צוזאמען אויף א געמיינשאפטליכער סעודה. אפילו היינטיגע צייטען אין ענגלאנד געפינען מיר נאך אן איבערבלייב פון דעם מנהג, בעקאנט אונטער דעם נאמען „הארוועסט סאפפער“ (אן אבענד מאהלצייט בעת מען קלייבט אראב די תבואה פון פעלד), וועלכער איז געבליבען לענגער איידער די איבעריגע מנהגים פון דעם סארט.

אפילו לאנג נאכדעם ווי מען האט אויפגעהערט צו בעארבייטען די פעלדער געמיינשאפטליך, זיינען נאך אלץ געבליבען געוויסע ערד־ארבייטען, וואס ווערען דורכגעפיהרט פון דער געמיינדע. א געוויסער טייל פון דער געמיינדע־ערד ווערט אין פיעלע פלעצער נאך ביז היינטיגען טאג בעארבייט געמיינשאפטליך: אדער לטובת די ארעמע, אדער אנצופילען דעם קהל׳שען שפייכלער, אדער צו פערוועגדען די פראדוקטען אויף די רעליגיעזע פעסט־טעג. די בעוועסערונגס־קאנאלען ווערען געמיינשאפטליך געגראבען און פערריכט. די קהל׳שע לאנקעס ווערען געקאסעט געמיינשאפטליך; און דער אנבליק פון א רוסישער דארף־געמיינדע, וואס קאסעט א לאנקע היי — ווי די מענער זוכען אריבערצושטייגען איינער דעם אנדערן אין דעם ברייטען פערנעהם מיט דער קאסע און אין דער שנעלקייט פון שניידען, בעת די ווייבער קעהרען איבער די אבגעשניטענע גראז און לעגען עס אין בינטלעך — איז דאס שעהנסטע בילד, וואס מען קען זעהן: עס צייגט וואס די מענשליכע ארבייט קען זיין און וואס זי זאל זיין. די היי ווערט דאן צוטיילט צווישען אלע בעלי בתים און עס פערשטעהט זיך, אז קיינער האט קיין רעכט ניט צו נעהמען היי פון זיין שכן׳ס קופע אהן אן ערלויבניש; עס איז אבער זעהר אינטערעסאנט, ווי אט דער רעגעל ווערט בענוצט ביי די אססעטען אין קאווקאז: ווי נאר דער קוקוק הויבט אן רופען און לאזט וויסען, אז דער פריהלינג קומט באלד אן און וועט בעדעקען די לאנקעס מיט גראז, בעקומט יעדערער דאס רעכט צו נעהמען פון זיין שכן׳ס קופע וויפיעל היי ער דארף אויף צו קארמענען זיינע בהמות. 1) אט אזוי ווערען די אלטע געמיינדע־רעכט ווידער גילטיג, אזוי ווי זיי וואלטען אונז געוואלט צייגען, אויף

1) מ. קאוואלעווסקי, „סאווריעמעני אביטשאי אי דרעווני זאקאן“, באנד 1, ז. 115.

וויפיעל דער ניט־בעגרעניצטער אינדיווידואַליזם געהט להיפך צו דער מענשליכער נאַטור.

ווען דער אייראָפּעאישער רייזענדער קומט אָן אויף אַ וועלכען עס איז קליינעם אינזעל פון שטילען אָקעאַן און לאָזט זיך געהן צו דעם וועלדעל פון פּאַלמען־בוימער, וואָס ער זעהט פון וויטען, ווערט ער געוועהנליך ערשטוינט געפינענדיג אַז די קליינע דערפלעך פון די איינגעבוירענע זיינען פערבונדען צווישען זיך דורך גאַסען, וואָס זיינען אויסגעפלאַסטערט מיט גרויסע שטיינער, כדי עס זאָל זיין בעקוועם אַרומצוגעהן אויף זיי פאַר די באָרוועסע איינוואוינער, און וועלכע דערמאָנען אין פיעלע פּרטים די „אַלטע וועגען“ אין די שווייצערישע בערג. אַזוינע גאַסען זיינען אויסגעלעגט געוואָרען פון די „באַרבאַרען“ איבער גאַנץ אייראָפּאַ, און מען מוז האָבען אַרומ־געררייזט אין די ווילדע, ווענ̇יג־בעפעלקערטע געגענדען, ווייט אַוועק פון די הויפּט־ליניען פון פערקעהר, כדי זיך צו קאָנען פאָרשטעלען די אונגעהויערע אַרבייט, וואָס די באַרבאַרען־געמיינדען האָבען אַוועקגעלעגט, איינצונעהמען די וואַלדיגע און זומפּיגע ווילדערניש, וואָס אייראָפּאַ איז געווען אַן ערך צוויי טויזענד יאָהר צוריק. אָבגעזונדערטע פאַמיליען, שוואַכע, און אָהן די נויטיגע געצייג, וואָלטען קיינמאָל אַזאַ ווילדערניש ניט געקאָנט איינגעהמען. דער וואַלד און די בלאָטעס וואָלטען גיכער זיי איינגענומען. נאָר די דאָרף־געמיינדען אַליין, אַרבייטענדיג געמיינשאַפטליך, האָבען געקאָנט גובר זיין די דאָזיגע ווילדע וועלדער, די געפעהרליכע זומפּען און די אונענדליכע סטעפּעס. די איינפאַכע וועגען, די פּאַראָמען און די הילצערנע בריקען, וועלכע זיי פלעגען ווינטער אַרונטערנעהמען, און אָנהויב פריהלינג, ווען די געוויסערן פלעגען אָבציהען, ווידער אויפשטעלען; די גראָבענס און פלאַנקענער אַרום די דערפער, די ערד־פעסטונגען און די קליינע טורעמס, וועלכע זיינען געווען צושפּרייט איבער'ן לאַנד — דאָס אַלץ איז געווען די אַרבייט פון די באַרבאַרישע געמיינדען. און ווען אַ געמיינדע איז זיך פונאַנדערגעוואַקסען, פלעגט זי אַרויסלאָזען פון זיך אַ נייעם צווייג. אַ נייע געמיינדע פלעגט אַרויסוואַקסען ניט ווייט פון דער ערשטער, און אַזוי פלעגען די וועלדער און סטעפּעס טריט ביי טריט זיך אונטערגעבען אונטער דעם מענשענ'ס ממשלה. דער גאַנצער פּראָצעס ווי די אייראָפּעאישע נאַציאָנען זיינען בעשאַפען

געוואָרען, איז אייגענטליך געווען אָט אזא סאָרט צוויינ־בילדונג פון די דאָרפישע געמיינדען. די רוסישע פויערים אפילו היינטיגע צייטען, אויב זיי זיינען נאָר ניט אינגאנצען געבראָכען פון נויט, וואנדערן אוים גאנצע געמיינדענווייז, בעאַרבייטען דעם פרישען באָדען און בויען אוים זייערע הייזלעך געמיינשאפטליך, ווען זיי בעזעצען זיך אויף די ברעגעס פון אמור אָדער אין קאַנאַדא. אפילו די ענגלענדער, אין אָנהויב פון זייער קאָלאָניזאציע פון אמעריקא, האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו דעם אלטען סיסטעם: זיי האָבען זיך בעזעצט און געלעבט אין דאָרף־געמיינדען. 1)

די דאָרף־געמיינדע איז געווען די הויפט־וואָפען פון די באַר־באַרען אין זייער שווערען קאמפף אנטקעגען א פיינדליכער נאַטור. זי איז אויך געווען דער בונד, וואָס די באַרבאַרען האָבען אוועק־געשטעלט אנטקעגען דער אונטערדריקונג פון די געשייטסטע און שטאַרקסטע, וועלכע האָבען געזוכט צו פערגרעסערן זייער מאַכט אין יענע אונרוהיגע צייטען. דער אויסגעטראַכטער באַרבאַר — דער מענש, וואָס שלאָגט זיך מיט אלעמען און דער׳הרג׳עט מענשען פאר גאָרנישט — האָט פונקט אזוי ווייניג עקזיסטירט אויף אן אמת, ווי דער „בלוטדאָרשטיגער" ווילדער. דער ווירקליכער באַר־באַר האָט אין געגענטייל געלעבט אונטער א גרויסער צאָהל אינ־סטיטוציעס, וועלכע האָבען גענומען אין בעטראַכט, וואָס עס קען זיין ניצליך אָדער שעדליך פאר זיין פאָלק אָדער קאָנפעדעראַציע; און די דאָזיגע אינסטיטוציעס זיינען מיט א פרומען געפיהל איבער־געגעבען געוואָרען פון דור צו דור אין פערזען און ליעדער, אין שפּריכווערטער און טריאַדען, אין זאַצען און לעהרען. וואָס מעהר מיר שטודירען די דאָזיגע פעריאָדע, אַלץ מעהר איבערצייגען מיר זיך, ווי ענג עס זיינען געווען די בענדער, וואָס האָבען צונויפגע־בונדען די מענשען אין זייערע געמיינדען. יעדע מחלקה, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען צוויי מענשען, איז בעטראַכט געוואָרען ווי א זאַך, וואָס איז נוגע דער גאנצער געמיינדע — אפילו די שימפף־

1) פּאלפריי „היסטאָריע אָוו ניו־ענגלאַנד", II, 13; ציטירט אין מעין׳ס „ווילאַדזש קאָממיוניטיעס", 1876, ז. 201 (אמעריקאנער אויס־גאַבע).

ווערטער, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון מויל בעת דער מחלקה, זיינען בעטראַכט געוואָרען ווי אַ בעליידיגונג פאַר דער גאַנצער געמיינדע און איהרע אורעלטערן. אַזוינע בעליידיגונגען האָבען געמוזט פערגיטיגט ווערען דורך אַן ענטשולדיגונג און אַ לייכטען קנס צו גונסטען פון דעם בעליידיגטען און דער געמיינדע. 1) אויב די מחלקה האָט זיך געענדיגט אין אַ געשלעג מיט פערוואונדונגען, איז יעדער מענש, וואָס איז דערביי געוועזען און זיך ניט אַריינ־געמישט, בעהאַנדעלט געוואָרען ווי ער וואָלט אַליין געמאַכט די וואונדען. 2)

די פּראָצעדורע פון געריכט איז געווען דורכגעדרונגען פון דעמזעלבען גייסט. יעדע מחלקה איז קודם כל איבערגעגעבען גע־וואָרען צו פערמיטלער, אָדער צו אַ דרייער־געריכט, וועמעס פּסק איז מעהרסטענטיילס געווען ענדגילטיג, דען די דרייער־געריכטען האָבען געשפּיעלט זעהר א גרויסע ראָליע אין דער באַרבאַרישער געזעלשאַפט. אויב אָבער עס איז געווען אַ צו־ערנסטער פאַל און האָט ניט געקאָנט בעשלאָסען ווערען דורך די פערמיטלער, איז עס איבערגעגעבען געוואָרען צו דער פאָלקספערזאַמלונג, וועלכע האָט געמוזט „געפינען אַ פּסק", און זי פלעגט עס אויסדריקען מיט אַ „בתנאי": „דער אָנגרייפער דאַרף בעצאָהלען אַזאַ און אַזאַ קנס דעם אָנגעגריפענעם, אויב די שולד וועט ווערען בעוויזען". און די שולד האָט געקאָנט בעוויזען אָדער אָבגעלייקענט ווערען דורך זעקס אָדער צוועלף מענשען, וועלכע האָבען בעשטעטיגט אָדער אָבגעלייקענט דעם פאַקט פון אָנגריף, אונטער א שבועה. אויב די עדות פוןביידע צדדים האָבען ווידערשפּראָכען איינע די אַנדערע בעשוואָרענערהייט, דאַן האָט מען דעם בעשולדיגטען איבער־געגעבען צו אַ „גאָטעס־אורטייל". *) אַזאַ פּראָצעדורע, וועלכע איז

---

1) קעניגסווארטער „שטודיען איבער דער ענטוויקלונג פון מענש־ליכע געזעלשאַפטען", (פראנצ.), פּאַריז 1850.

2) אַזוי וועניגסטענס איז דאָס געזעץ ביי די קאַלמיקען, וועמעס געמיינרעכט האָט אַ זעהר נאָהענטע עהנליכקייט מיט די געזעצען פון די טויטאָנער, אַלטע סלאַווען און אַנדערע.

*) אַ מין אונשולדס־פּראָבע, ווי די „מים המאָררים" פון חומש. אין מיטעל־אַלטער פלעגט מען דעם בעשולדיגטען לאָזען טרעטען אויף

געבליבען אין קראפט מעהר ווי צוויי טויזענד יאהר, רעדט געגוג פאר זיך אליין; זי בעווייזט, ווי ענג עס זיינען געווען די בענדער, וואס האבען צוזאמענגעבונדען אלע מיטגליעדער פון דער געמיינדע. דערביי דארף מען געדענקען, אז די פאלקס־פערזאמלונג האט א חוץ איהר מאראלע אויטאריטעט ניט געהאט קיין אנדער מאכט דורכצופיהרען איהר פסק דין. די איינציג־מעגליכע דראהונג האט געקאנט זיין, וואס די געמיינדע וועט דערקלערען דעם ווידער־שפעניגער פאר אן עברין, א מענשען וואס שטעהט אויסער'ן געזעץ; אבער אפילו אט די דראהונג איז געווען א צוויי־זייטיגער שווערד. א מענש וואס איז אונצופריעדען מיט'ן פסק דין פון דער פאלקס־פערזאמלונג, האט געקאנט דערקלערען, אז ער פערלאזט זיין שטאם און געהט אריבער צו אנאנדער שטאם — און דאס איז געווען א שרעקליכע דראהונג, ווארים ווי אלע האבען געגלויבט, האט אזא מעשה געקאנט ברייגגען אלערליי אומגליקען אויפ'ן שטאם, וועל־בער איז בעגאנגען אן אומרעכט געגען איינעם פון זיינע מיט־גליעדער. 1) רעבעלירען געגען א גערעכטער ענטשיידונג, וואס האט זיך סומך געווען אויפ'ן געוועהנהייטס־רעכט, איז, ווי הענרי מעין האט עס זעהר גוט אויסגעדריקט, געווען פשוט „אונבע־גרייפליך"; דען „רעכט, מאראל און טהאט האבען אין יענע צייטען ניט געקאנט אבגעטיילט ווערען איינע פון די אנדערע." 2) די מאראלישע אויטאריטעט פון דער געמיינדע איז געווען אזוי גרויס, אז אפילו א לאנגע צייט שפעטער, ווען די דארף־געמיינדען זיינען שוין געווארען אבהענגיק פון די פעאדאלע פריצים, האבען זיי נאך

---

הייסע קויהלען, אדער געבען טראגען אין די הענד א הייסען אייזען, אדער מען פלעגט איהם בינדען הענד און פיס און אריינווארפען אין טייך, ווי מען פלעגט עס געוועהנליך טהאן מיט מכשפות, אדער אין פאל פון א מארד, לאזען אנריהרען דעם טויטען קערפער. די אלע פראבעס זיינען געווען בעגרינדעט אויפ'ן גלויבען, אז גאט וועט זיך איינשטעלען פאר דעם אונשולדיגען און וועט בעווייזען א נס, דער בעשולדיגטער זאל ארויס גאנץ, אויב ער איז ווירקליך אונשולדיג. — דער איבערזעצער.

1) אט דער מנהג איז נאך ביז היינטיגען טאג אין קראפט ביי פיעלע אפריקאנער און אנדערע פעלקער.

2) „ווילאדזש קאמוניטיעס" ז. 65 ביז 68 און 199.

אַלץ אויפגעהאַלטען זייער ריכטערליכע מאַכט; זיי האָבען נאָר ערלויבט דעם פריץ אָדער זיין פערטרעטער „געפינען" דעם פסק על פי תנאי, לויט דעם געוועהנהייטס־רעכט, וואָס ער האָט געשוואָרען אָבצוהיטען, און אויפמאָנען פאַר זיך דעם קנס (דעם פרעד), וואָס האָט פריהער געהערט צו דער געמיינדע. 1) אין פערלויף אָבער פון אַ לאַנגער צייט האָט דער פעאָדאַלער הערשער אַליין, אויב ער איז געבליבען אַ מיט־בעזיצער פון די פוסטע פעלדער און פיטערונגס־פלעצער פון דער געמיינדע, זיך אונטערגעוואָרפען אין די געמיינדע־אַנגעלעגענהייטען צו איהרע בעשלוסען. סיי ער האָט געהערט צו די אַדעליגע, סיי צו די גייסטליכע, איז ער מחויב געווען זיך אונטערוואַרפען דעם בעשלוס פון דער פאָלקס־פערזאַמלונג — „ווער דאַזעלבסט וואַססער אונד וואַיד געניסט, מוז געהאָרזאַם זיין" — האָט געהייסען אַן אַלט שפּרוך־וואָרט. אַפילו ווען די פויערים זיינען געוואָרען דעם פריץ'ס לייבאייגענע, איז דער פריץ נאָך אַלץ מחויב געווען צו קומען צו דער פאָלקס־פערזאַמלונג, אויב זי האָט איהם אַרויסגערופען. 2)

אין זייערע בעגריפען פון גערעכטיגקייט זיינען די באַרבאַרען, ווי עס זעהט אויס, ניט ווייט אַוועק פון די ווילדע. זיי האָבען אויך אַזוי ווי יענע געהאַלטען, אַז יעדער מאָרד מוז אָבגעווישט ווערען מיט דעם טויט פון דעם מערדער; אַז פאַר יעדער וואונד מוז

---

1) אין פערלויף פון דער גאַנצער פעריאָדע פלעגט דאָס וועהרגעלד אָבגעצאָהלט ווערען דעם אָנגעגריפענעם אַלס פערגעלטונג פאַר דעם שאָדען וואָס ער האָט געליטען; דעם קנס אָבער האָט דער שולדיגער געמוזט צאָהלען דער געמיינדע, און שפּעטער איהר פערטרעטער — דעם פריץ, דעם בישאָף אָדער דעם קעניג — פאַר דער פריעדענשטערונג, ווי אַן אָבצאָהל צו די אָרטיגע געטער (אָדער הייליגע) פון דער געמיינדע.

2) מאַורער („געשיכטע דער מאַרקפערפאַסונג", § 29, 97) איז גאַנץ פאָזיטיוו וועגען דעם פונקט. ער דערקלערט, אַז „אַלע מיטגליעדער פון דער געמיינדע, ווי אויך די וועלטליכע און גייסטליכע פריצים, וועלכע זיינען אָפט געווען טיילווייז מיטבעזיצער (מאַרקבערעכטיגטע), און אַפילו זייטיגע מענשען, זיינען געווען אונטערוואָרפען דער יוריסדיקציע פון דער געמיינדע." (ז. 312) אַזאַ צושטאַנד איז אין איניגע ערטער געבליבען אין קראַפט ביז דעם 15טען י. ה.

בעשטראָפט ווערען פונקט מיט אזא וואונד, און אז די אָנגעגריפענע פאַמיליע איז אַליין מחויב אויספיהרען דעם פסק, וואָס איז ארויס־געטראָגען געוואָרען לויט דעם געוועהנהייטס־רעכט, ד. ה. הרג'נען דעם מערדער אָדער איינעם פון זיינע קרובים, אָדער מאַכען א וואונד פון א בעשטימטען סאָרט דעם אָנגרייפער אָדער איינעם פון זיינע נאָהענטע. דאָס איז פאַר זיי געווען א היילינער חוב, א חוב צו זייערע אורעלטערן, וועלכער האָט געדאַרפט ערפילט ווערען גאַנץ אָפען און בשום אופן ניט אין געהיים, און מען האָט געמוזט פערעפענטליכען דעם פאַקט וויט און ברייט. דעריבער זיינען די בעגייסטערטע שטעלען פון די סאַגאַס און פון די עפּישע דיכטונגען בכלל געווידמעט די פערהערליכונג פון דאָס, וואָס זיי האָבען דאַמאָלסט געהאַלטען פאַר גערעכטיגקייט — די שטאַם־ראַכע. די געטער אַליין זיינען אין אַזוינע פעלען זיי געקומען צו הילף.

דאָך אָבער געפינען מיר שוין, אַלס דעם הויפּט־שטריך פון דער באַרבאַרישער יוסטיץ, די שטרעבונג פון איין זייט צו בע־שרענקען די צאָהל פּערזאָנען, וועלכע קענען אריינגעצויגען ווערען אין דעם קאַמפף פאַר בלוטראַכע פון צוויי שטאַמען, און פון דער אַנדער זייט, די שטרעבונג אָבצושאַפען די ברוטאַלע אידעע פון בלוט פאַר בלוט און וואונד פאַר וואונד, און מיר געפינען דעם וואונש איינצופיהרען אַנשטאָט דעם א פערגעלטונג־סיסטעם. די „באַרבאַרישע" יוסטיץ־ביכער — די זאַמלונגען פון די דינים פון געמיינרעכט, וועלכע זיינען אויפגעשריבען געוואָרען פאַר דעם געברויך פון די ריכטער — „האָבען צוערשט ערלויבט, דערנאָך עמפּוילען און צולעצט געפאָדערט" צו פערבייטען די בלוטראַכע אויף פערגעלטונגען, ווי קעניגסוואַרטער האָט עס בעמערקט. 1) זיך פאָרשטעלען אָבער אָט דעם סיסטעם פון פערגעלטונגען פאַר א פערלעצונג אַלס א סיסטעם פון געלד־שטראָף, וואָס האָט געגעבען דעם רייכען א סאָרט „קאַרט בלאַנש", ד. ה. א פאָלשטענדיג רעכט צו טהאָן וואָס ער וויל, וואָלט הייסען גאָר אינגאַנצען ניט פער־שטעהן די דאָזיגע איינריכטונג. די פערגעלטונג (וועהרגעלד), וואָס

1) קעניגסוואַרטער אין זיין פריהער דערמאָנטען ווערק, ז. 50; דזש. טהרופּפּ, „היסטאָריקאַל לאָו טראַקטס", לאָנדאָן 1843, ז. 106.

מען האט געדאַרפט אבצאהלען דעם אנגעגריפענעם, איז גאַנץ פערשיידען פון דעם געלד־שטראף אדער „פערד", 1) וואס מען האט געדאַרפט אויסצאהלען דער געמיינדע אדער איהר פערטרעטער; און דאס וועהרגעלד פלעגט געוועהנליך בעשטימט ווערען אזוי הויך פאַר יעדען סאָרט פערלעצונג, אַז עס האט זיכער ניט געקאָנט דיענען צו דערמוטיגען אַזוינע טהאַטען. אין פאַל פון מאָרד האט דאס וועהרגעלד געוועהנליך אַריבערגעשטיגען דעם מערדער'ס גאַנצען פערמעגען. „אַכטצעהן מאָל אַכטצעהן קיה" בעטרעפט די פערגעלטונג ביי די אָססעטען, וועלכע קאָנען מעהר ווי אַכטצעהן ניט צעהלען; ביי די אַפריקאַנער פעלקער גרייכט דאס וועהרגעלד ביז 800 קיה אדער 100 קעמלען מיט זייערע יונגע, און נאָר ביי די אָרעמערע שטאַמען פאַלט די שטראף אַרונטער צו 416 שעפסען. 2) אין די גרעסטע מעהרהייט פון אַזוינע פעלען איז איבערהויפט געוועזען אונמעגליך צו בעצאָהלען דאס וועהרגעלד, און דעם מערדער איז נאָר געבליבען איין מיטעל: איינבעטען זיך ביי דער פאַמיליע פון ערמאָרדעטען זי זאָל איהם מוחל זיין דעם פערברעכען און אדאָפטירען צו זיך. נאָך איצטער, אין קאַווקאַז, ווען אַ שטאַם־קריעג פאַר בלוטראַכע ענדיגט זיך מיט אַ שלום, לעגט־צו דער שולדיגער זיינע ליפען צו דער ברוסט פון דער עלטסטער פרוי אין שטאַם און ווערט דורכדעם אַ מילך־ברודער צו אַלע מענער פון דער אנגעגריפענער פאַמיליע. 3) ביי איינגע אַפריקאַנער פעלקער מוז

1) קעניגסווארטער האט בעוויזען, אַז דער „פערד" שטאַמט אָב פון דעם קרבן, וואס דער שולדיגער האט געדאַרפט ברייגגען, כדי צו מפצה זיין די אורעלטערן. שפעטער האט מען דערמיט בעצאָהלט די געמיינדע פאַר שטערען דעם פריעדען, און נאָך שפעטער — דעם ריכטער, דעם קעניג אדער דעם פריץ, ווען זיי האָבען אַוועקגענומען פאַר זיך די רעכט, וואס האָבען פריהער געהערט די געמיינדען.

2) פאָסט „בוישטיינע" און „אַפריקאַנישע יוריספרודענץ", 1887, ב. I, ז. 64 א. וו.; קאָוואַלעווסקי, באַנד II, ז. 189—164.

3) פ. מילער און מ. קאָוואַלעווסקי „וו'גאָרניך אָבשטשינאַך קאַבאַרדי" אין „וועסטניק יעוראָפּי", אַפריל 1884. ביי די שאַכשעווענען פון דער מוגאַנישער סטעפע ענדיגען זיך אַלעמאָל די מלחמות פון בלוט־ראַכע צווישען צוויי שטאַמען דורך אַ הייראַט צווישען די פערטרעטער

דער מערדער אָבגעבען זיין טאָכטער אָדער זיין שוועסטער פאר א פרוי איינעם פון די מיטגליעדער פון דעם ערמאָרדעטען'ס פאמיליע; ביי אנדערע פעלקער מוז דער מערדער חתונה האָבען מיט דער אלמנה פון גע'הרג'עטען, און אין אלע אזוינע פעלען ווערט ער דערנאָך א מיטגליעד פון דער פאמיליע, און זיין מיינונג ווערט אויסגעהערט אין אלע וויכטיגע פאמיליען־עסקים. 1)

די באַרבאַרען האָבען ניט נאָר ניט געהאלטען ביליג דאָס מענשליכע לעבען, נאָר זיי האָבען אפילו ניט געוואוסט פון די שרעקליכע שטראָפען, וועלכע זיינען שפּעטער אריינגעפיהרט גע־וואָרען דורך די וועלטליכע און גייסטליכע געזעצען, אונטער דעם רוימישען און ביזאנטישען איינפלוס. און אויב דער געזעץ־קאָדעקס פון די זאקסען האָט גאנץ פריי בעשטימט די טויט־שטראָף אפילו פאר אזוינע פערברעכען ווי אונטערצינדונג און בעוואָפענטע גזילה, האָבען אָבער די אנדערע באַרבאַרישע קאָדעקסען ארויפגע־לעגט אזא שטראָף נאָר פאר פעררעטה געגען דעם שטאָט און פאר לעסטערן די געמיינדע־געטער, — בעטראַכטענדיג די טויטשטראָף אלס דאָס איינציגע מיטעל מפצה צו זיין די געטער.

דאָס אלעס, ווי מען קען זעהן, איז זעהר ווייט פון דער כלומר'שטיגער „מאָראלער צולאָזענקייט" פון די באַרבאַרען. אדרבא, מיר קאָנען נאָר בעוואונדערן די טיעף־מאָראלישע פּרינציפּען, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען פון די אלטע דאָרף־געמיינדען, און וועלכע זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אין די וועלשער טריאדען, אין די לעגענדען וועגען דעם קעניג ארטור, אין די קאָמענטארען פון ברעהאָן, 2) אין די אלטע גערמאַנישע לעגענדען א. אז. וו.

---

פון די פיינדליכע פּארטייען. (מאַרקאָוו אין אַן אָנהאַנג צו די „זאפּיסקי קאַווקאַזקאווא געאָגראַפּ. אָבשטשעסטווא", ב. 14, טייל 1, ז. 21).

1) פאָסט אין זיין „אַפריקאַנישע יוריספּרודענץ" ברייגגט אַ רייה פאקטען, וועלכע אילוסטרירען דעם בעגריף פון גערעכטיגקייט, וואָס איז איינגעוואָרצעלט ביי די אַפריקאַנישע באַרבאַרען. דאָס אייגענע קען מען זאָגען וועגען אַלע ערנסטע פאָרשונגען אויפ'ן געביעט פון דעם באַרבאַרישען געמיינרעכט.

2) זעה דעם פּאָרטרעפליכען קאַפּיטעל „לע דרואַ דע לאַ וויעלע אירלאַנד" (און אויך „לע האָו נאָרד") אין „עטיד דע דרואַ אינטערנאַ־

און ווי מיר געפינען זיי נאָך עד היום אויסגעדריקט אין די שפּרוך־ווערטער פון די היינטיגע באַרבאַרען. אין זיין איינלייטונג צו דער „געשיכטע פון דעם פערברענטען ניאל“ כאַראַקטעריזירט דזשאָרדזש דאַזענט זעהר ריכטיג די אייגענשאַפטען פון אַ נאָרמאַן, ווי זיי ווערען אַרויסגעבראַכט אין די סאַגאַס, מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„צו טהאָן וואָס איהם ליעגט פאָר אָפען און ווי אַ מאַן, אָהן מורא פאַר פיינד, גיט־גוטע, אָדער דעם שיקזאַל... זיין פריי און מוטהיג אין אַלע זיינע טהאַטען; פריינדליך און גרויסמוטהיג צו זיינע פריינד און חברים, האַרט און שטרענג געגען זיינע פיינד (ד. ה. געגען די, וואָס שטעהען אונטער דעם געזעץ פון בלוטראַכע, דעם „לעקס טאַליאָניס“), אָבער אפילו בנוגע צו זיי, טהאָן זיין פליכט און שולדיגקייט.... ניט זיין קיין פריעדען־ברעכער, קיין לשון הרע'ניק אָדער רכילות־טרייבער. ניט רעדען אויף אַ מענשען אונטער די אויגען דאָס, וואָס ער וואָלט ניט געוואַגט איהם זאָגען אין געזיכט אַריין. ניט אַוועקטרייבען פון זיין שוועל קיין מענשען, וואָס זוכט שפּייז אָדער בעשיצונג, ווען ער זאָל אַפילו זיין אַ פיינד“. 1)

מיט אַזעלכע אָדער נאָך בעסערע פּרינציפּען איז פול די גאַנצע וועלשער עפּישע פּאָעזיע און די טריאַדען. זיך בעגעהן „לויט דער נאַטור פון מילדקייט און די פּרינציפּען פון גערעכטיגקייט“ מיט אַלע מענשען אָהן אונטערשייד פון פריינד אָדער פיינד, און „איינפיהרען גערעכטיגקייט וואו אומרעכט איז געטהאָן געוואָרען“, זיינען די העכסטע פליכטען פון מענשען. „דאָס בעזע איז טויט, דאָס גוטע איז לעבען“ רופט אויס דער דיכטער־געזעצגעבער. 2) „די וועלט וואָלט געווען משוגע, ווען אָבמאַכען אויפ'ן וואָרט וואָלטען ניט עהרליך אָבגעהיט געוואָרען“, זאָגט דאס געזעץ פון ברעהאָן. און דער בעשיידענער מאָרדווין־שאַמאַניסט, לויבענדיג די דאָזיגע מעלות, לעגט צו אין זיינע פּרינציפּען פון געמיינרעכט: „צווישען שכנים איז די קוה און דער מעלק־טאָפּ אַלעמענס גלייך“; „די קוה דאַרף מען מעלקען פאַר זיך און פאַר דעם, וואָס קאָן קומען

---

סיאָנאַל ע דע דרואַ פּאָליטיק“ פון פּראָפּ. ע. ניס, ברוסעל 1896.

1) דזשאָרדזש דאַזענט, „דהי סטאָרי אָוו בורנט ניאַל“, איינלייטונג ז. 35.

2) „דאָס אַלטע וואַללים“, ז. 345־350.

בעטען מילך". „דעם קינד'ס קערפער ווערט רויט פון דעם קלאפ, אבער דאס געזיכט פון דעם, וואס האט געשלאגען דאס קינד, ווערט רויט פון שאנד", 1) א. אז. וו. פיעלע בלעטער וואלטען געקאנט אנגעפילט ווערען מיט נאך אזוינע מאראלע פרינציפען, וועלכע די „בארבארען" האבען ניט נאר אויסגעדריקט, נאר אויך געפאלגט.

נאך איין כאראקטער־שטריך פון די אלטע דארף־געמיינדען פערדיענט מען זאל איהם ספעציעל דערמאנען. דאס איז דער פונקט, וואס זיי האבען ביסלעכווייז בריי טער געמאכט דעם קרייז מענשען, וועלכע זיינען געווען סאלידאריש פערבונדען צווישען זיך. ניט נאר האבען די שטאמען זיך פעראייניגט אין פעלקערשאפטען, נאר די פעלקערשאפטען, אפילו פון פערשיידענער אבשטאמונג, האבען זיך פעראייניגט אין קאנפעדעראציעס. אייניגע פערבאנדען זיינען געווען אזוי פיעל פעסט, אז צום ביישפיעל די וואנדאלען, וועלכע זיינען געבליבען אויפ'ן ארט, בעת א טייל פון זייער פעדע־ראציע איז אוועק צום רהיין און פון דארטען אין שפאניען און אפריקא, האבען פערציג יאהר נאכאנאנד געהיט די געמיינדע־לענדערייען און די פערלאזענע דערפער פון זייערע פערבינדעטע, און האבען זיי ניט גענומען אין זייער בעזיץ, ביז וואנען זיי האבען זיך ניט איבערצייגט דורך ספעציעלע שלוחים, אז זייערע פער־בינדעטע האבען ניט בדעה זיך אומצוקעהרען. ביי אנדערע באר־בארען געפינען מיר, אז איין טייל פון פאלק בעארבייט די גאנצע ערד, בעת אנאנדער טייל איז געווען אויף מלחמה ביי די גרעניצען פון זייער געמיינזאמער טעריטאריע, אדער נאך ווייטער אוועק. פערבינדונגען צווישען פערשיידענע פעלקערשאפטען זיינען געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך. די סיגאמברער האבען זיך פערבונדען מיט די כערוסקער און סועווען, די קוואדען מיט די סארמאטען, די סארמאטען מיט די אלאנען, די קארפען און די הונען. שפעטער זעהען מיר אויך ווי דער בעגריף פון נאציאנען האט זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט אין איירא פא, א צייט פריהער איידער עפעס עהנליכעס צו א שטאאט האט אנגעהויבען ארויסוואקסען אויף וועלכען עס

1) מאיקאוו, „אטשערקי יורידיטשעסקיך אביטשאיעוו או מארדווי" אין די „זאפיסקי" פון דער רוסישער געאגראפישער געזעלשאפט אין אבטיילונג עטנאגראפיע 1886, ז. 236, 257.

איז טייל פון קאָנטינענט, וואָס איז געווען בעוואוינט פון באַרבאַרען, אָט די נאַציאָן — און עס איז אונמעגליך צו ענטזאגען דעם מעראָ־ווינגישען פראַנקרייך אָדער דער רוסלאַנד פון עלפטען און צוועלפ־טען י. ה. אין דעם נאָמען נאַציאָן — זיינען אָבער מיט קיין אַנדער זאַך ניט געווען פערבונדען אַ חוץ מיט דער געמיינשאַפט פון דער שפּראַך און דעם שטילען אָבמאַך פון זייערע קליינע רעפּובליקען אויסצו־וועהלען זייערע הערצאָגען (די קריעג־בעשיצער און ריכטער) פון איין בעשטימטער פאַמיליע.

מלחמות זיינען געווים געווען אונפערמיידליך; וואַנדערונגען מיינט מלחמה; אָבער סער הענרי מעין האָט שוין, אין זיין מערק־ווירדיגער פאָרשונג וועגען דעם שטאַם־אורשפּרונג פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלען רעכט, פאָלשטענדיג בעוויזען, אַז „דער מענש איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי גרויזאַם אָדער אַזוי דום זיך אַריינצולאָזען אין אַזאַ שלעכטע זאַך ווי מלחמה, ניט זוכענדיג אַ וועלכען עס איז וועג ווי עס צו פערהיטען". און ער האָט בעוויזען, ווי זעהר גרויס עס איז געווען „די צאָהל פון אַלטע אינסטיטוציעס", וועלכע ווייזען אַרוים סמנים פון דעם פערלאַנג צו פערהינדערן מלחמות, אָדער צו געפינען עפּעס אַנאַנדער אויסוועג אַנשטאָט זיי. 1) אין דער ווירקליכקייט איז דער מענש אַזוי וויים פון צו זיין אַזאַ קריעגעריש בעשעפענים ווי מען זאָגט אויף איהם, אַז ווען די באַרבאַרען זיינען איינמאָל געוואָרען אַלטגעזעסען אויף זייער לאַנד, האָבען זיי אַזוי שנעל פערלאָרען יעדע געוואוהנהייט צו פיהרען מלחמה, אַז זיי זיינען באַלד געווען געצוואונגען צו האַלטען ספּע־ציעלע הערצאָגען מיט ספּעציעלע באַנדעס זעלנער צו בעשיצען זיי פון מעגליכע איבערפאַלען. זיי האָבען ליעבערשט געטהאָן פריעד־ליכע אַרבייט איידער פיהרען מלחמות; און דוקא דעם מענשען'ס פריעדליכקייט איז געווען די סבה פאַר וואָס עס האָט זיך ספּעציאַ־ליזירט די אומנות פון קריעג־פיהרונג, וועלכע האָט שפּעטער געפיהרט צו לייבאייגענשאַפט און צו די אַלע מלחמות פון דער „שטאַאַטען־פּעריאָדע" אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט.

---

1) הענרי מעין „אינטערנאַשאָנאַל לאָו", לאָנדאָן 1888, ז. 11-13; ע. ניס, „דער אורשפּרונג פון אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ" (פראַנצ.) ברוסעלס 1894.

די געשיכטע בעגעגנט גרויסע שוועריגקייטען אין איהרע בעמיהונגען צו געבען א לעבעדיג בילד פון די אינסטיטוציעס פון די באַרבאַרען. אויף יעדען טריט שטויסט זיך אָן דער היסטאָריקער אויף עפּעס א שוואַכען שפּור, וועלכען ער קען ניט דערקלערען בלויז מיט דער הילף פון זיינע אייגענע דאָקומענטען. די פערגאַנגענהייט ווערט אָבער בעלויכטען מיט א העלען ליכט, אַזוי באַלד ווי מיר ווענדען זיך צו די אינסטיטוציעס פון די צאָהלרייכע שטאַמען, וועלכע לעבען נאָך איצטער אונטער א סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז כמעט דיזעלביגע ווי די אָרגאַניזאַציע פון אונזערע באַרבאַרישע אורעלטערן. דאָ געפינען מיר אַזויפיעל מאַטעריאַל, אז עס איז נאָר שווער צו בעשליסען וועלכען אויסצוקלייבען, וואָרים די אינזלען פון שטילען אָקעאַן, די סטעפּעס פון אזיע און די פלאַך-לענדער פון אפריקא זיינען אמת'ע היסטאָרישע מוזעען, וועלכע ענטהאַלטען פּראָבען פון אַלע מעגליכע צווישענשטופען, וואָס די מענשהייט האָט דורכגעמאַכט אין איהר גאַנג פון דער שטאַם-אָרגאַניזאַציע פון די ווילדע ביז צו דעם שטאַאַט. לאָמיר אַלזאָ אונטערזוכען עטליכע פון אָט די פּראָבען.

ווען מיר נעהמען צום ביישפּיעל די דאָרף-געמיינדען פון די מאָנגאָלישע בוריאַטען, דערהויפּט די וואָס לעבען אין דער קודינסקער סטעפּע, ארום לענא, וועלכע האָבען בעסער אויסגעמיטען דעם רוסישען איינפלוס, האָבען מיר גאַנץ גוטע פּערטרעטער פון באַרבאַרען אין דעם איבערגאַנגס-צושטאַנד פון פיהצוכט צו ערד-ארבייט.1) אָט די בוריאַטען לעבען נאָך עד היום אין „ניט-צוטיילטע פאַמיליען“, ד. ה., אָבוואויל יעדער זוהן געהט אוועק נאָך דער חתונה לעבען אין זיין בעזונדער שטיבעל, געפינען זיך אָבער אַלע שטיבלעך, װעניגסטענס פון דריי דורות, איינגעשלאָסען אין איין אָבגעצוימטען הויף, און די גאַנצע משפחה ארבייט אינאיינעם אויף די פעלדער און האַלט אין געמיינשאַפטליכען בעזיץ דאָס הויזליכע בעלי־

---

1) אָ רוסישער היסטאָריקער, דער פּראָפעסאָר שטשאַפּאָוו פון קאַזאַן, וועלכער איז אין יאָהר 1863 פערשיקט געוואָרען אין סיביר, האָט געגעבען אָ גוטע בעשרייבונג פון זייערע אינסטיטוציעס אין „די איזוועסטיע פון דער מזרח-סיביר-אָבטיילונג פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט“, באנד 5, 1874.

בתישקייט, די פּיה, ווי אויך די קעלבער־לאַנקעס (קליינע אָבגע־צוימטע שטיקער לאַנד, בעוואַקסען מיט ווייכע גראָז צו האָדעווען די קעלבער). געוועהנליך עסען זיי זייערע מאָהלצייטען בעזונדער, יעדע פאַמיליע פאַרזיך אין איהר שטיבעל; ווען אָבער מען בראָט פליש, קלייבען זיך צונויף אַלע מיטגליעדער פון דער ניט־צוטייל־טער פאַמיליע, פון צוואַנציג ביז זעכציג פּערזאָן, צו עסען די סעודה אינאיינעם. עטליכע ניט־צוטיילטע פאַמיליען, וועלכע לעבען ניט ווייט איינע פון די אַנדערע, ווי אויך עטליכע קלענערע פאַמיליען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין דעמזעלבען דאָרף — דאָס רוב אָב־געבראָכענע שטיקער, וועלכע זיינען צופעליג אָבגעפאַלען פון די גרויסע פערבונדענע פאַמיליען — שטעלען צונויף דעם א ו ל ו ס אָדער די דאָרף־געמיינדע. עטליכע אולוסען שטעלען צונויף אַ שטאַם, און די 46 שטאַמען, אָדער קלאַנען, פון דער קודינסקער סטעפּע זיינען פעראייניגט אין איין קאָנפעדעראַציע. ווען עס איז נויטיג צוליעב ספּעציעלע צוועקען, טרעטען אריין עטליכע שטאַמען אין קלענערע אָבער ענגערע פערבאַנדען. אַט די בוריאַטען אָנער־קענען ניט קיין פּריוואַט אייגענטום אין ערד — דער אולוס, אָדער ריכטיגער די קאָנפעדעראַציע, האַלט די ערד געמיינשאַפטליך, און ווען עס ווערט נויטיג, ווערט די ערד פון דאָס ניי צוטיילט צווישען די פערשיידענע אולוסען אויף אַ פאָלקספערזאַמלונג פון שטאַם, און צווישען די 46 שטאַמען, אויף אַ פאָלקספערזאַמלונג פון דער קאָנפעדעראַציע. עס איז ווערטה צו בעמערקען, אַז דיזעלביגע אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט ביי אַלע 250,000 בוריאַטען פון מזרח־סיביר, אָבוואָויל זיי שטעהען שוין מעהר ווי דריי הונדערט יאָהר אונטער דער רוסישער הערשאַפט און זיינען בעקאַנט מיט די רוסישע אינסטיטוציעס.

ביי אַלעם דעם ענטוויקלען זיך גאַנץ שנעל אונגלייכהייטען פון אייגענטום צווישען די בוריאַטען, דערהויפּט זינט די רוסישע רעגירונג האָט אָנגעהויבען לעגען אַ צו־גרויס געוויכט אויף זייערע דערוועהלטע ט אַ י ש אַ ס (פירסטען), וועלכע זי בעטראַכט אַלס די פעראַנטוואָרטליכע שטייערן־קלייבער און פערטרעטער פון זייער קאָנפעדעראַציע אין זייערע אַדמיניסטראַטיווע און אפילו קאָמער־ציעלע בעציהונגען מיט די רוסען. אויף דעם אופן עפענען זיך פאַר איינינע אַ סך וועגען אָנצוקלייבען רייכקייט, בעת די פעראָרמונג

פון די מאַסען געהט האַנד אין האַנד דערמיט, דערהויפּט ווייל די רוסען פערכאַפּען די בוריאַטישע ערד. פונדעסטוועגען האַלט זיך ביי די בוריאַטען, דערהויפּט ביי די קודינסקער, דער מנהג — און אַ מנהג איז שטאַרקער איידער אַ געזעץ — אַז ווען ביי אַ פאַמיליע זיינען געפאַלען די בהמות, גיבען איהר די רייכע עטליכע קיה און פערד, כדי זי זאָל זיך ווידער קאָנען שטעלען אויף די פיס. אַ פערוּאָרימטער מענש, וואָס האָט ניט קיין פאַמיליע, ווערט אויס־געהאַלטען אין די שטיבלעך פון זיינע שטאַם־חברים. ער קומט אַריין אין אַ שטיבעל, נעהמט זיך אַ פּלאַץ — ווי זיין רעכט, ניט ווי אַ נדבה — נעבען פייער און עסט מיט אַלעמען צוגלייך פון דער שפּייז, וועלכע ווערט שטענדיג אויסגעטיילט אין גלייכע חלקים. שלאָפען בלייבט ער דאָרטען וואו ער האָט געגעסען אבענדברויט. די קאָמוניסטישע פיהרונגען פון די בוריאַטען האָבען בכלל געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק אויף די רוסישע עראָבערער פון סיביר, אַז זיי האָבען זיי אָנגערופען „בראַטסקיע“, — די ברידערליכע, — און האָבען אַוועקגעשיקט אַ ראַפּאָרט אין מאָסקווע: „ביי זיי איז אַלץ געמיינשאַפטליך; וואָס זיי האָבען, טיילען זיי זיך גלייך.“ אַפילו איצטער נאָך, ווען די קודינסקער בוריאַטען פערקויפען זייער ווייץ, אָדער שיקען פערקויפען זייערע בהמות צו אַ רוסישען קצב, שיטען אָן אַלע פאַמיליען פון אולוס אָדער אַפילו פון גאַנצען שטאַם, זייער ווייץ אין איין אָרט, און טרייבען צוזאַמען זייערע בהמות אין איין סטאַדע, און פערקויפען עס מיט אַמאָל, אַזוי ווי אַלץ וואָלט געהערן צו איין פּערזאָן. יעדער אולוס האָט אויסער דעם זיין קאָרן־שפּייכלער אויסצולייהען קאָרן אין צייט פון אַ נויטה, זיין געמיינשאַפטליכען באַק־אויווען (דעם „פור באַנאַל“ פון די אַלטע פראַנצויזישע דאָרף־געמיינדען) און זיין שמיעד, וועלכער, ווי דער שמיעד פון די אינדיאַנישע געמיינדען, 1) קריגט קיינמאָל ניט, אַלס מיטגליעד פון דער געמיינדע, בעצאָהלט פאַר זיין אַרבייט אין דער געמיינדע. אַלע שמיעד־אַרבייט מוז ער מאַכען אומזיסט; און אויב ער בענוצט זיין פרייע צייט צו מאַכען די אויסגעקלאַפּטע פּלאַטען פון בעזילבערטען אייזען, מיט וועלכע די בוריאַטען בע־

---

1) סער הענרי מעין'ס „ווילאַדזש קאָמוניטיס“, ניו יאָרק, 1876, ז. 193—196.

פוצען זייערע קליידער, מעג ער עס ביי געלעגענהייט פערקויפען צו א פרוי פון אַן אַנדער שטאַם, צו די פרויען אָבער פון זיין אייגענעם שטאַם קאָן ער עס נאָר שענקען, ניט פערקויפען. קויפען־פער־קויפען האָט איבערהויפט קיין פּלאַץ ניט אין די גרעניצען פון דער געמיינדע; און אָט דער רעגעל ווערט אָבגעהיט אַזוי שטרענג, אַז ווען א פערמעגליכע בוריאַטישע פאַמיליע וויל דינגען אַן ארבייטער, מוז דער ארבייטער געהערן צו אַנאַנדער שטאַם אָדער צו די רוסען. דער מנהג איז אָבער גאַנץ קלאָר ניט נאָר ביי די בוריאַטען אליין; ער איז אַזוי ווייט פערשפּרייט צווישען די מאָדערנע באַרבאַרען, די אַריער און אוראַל־אַלטאַיער, אַז ער האָט געמוזט זיין גאַנץ אַלגעמיין ביי אונזערע אורעלטערן.

דאָס געפיהל פון צוזאַמענגעבונדענקייט אין דער קאָנפעדע־ראַציע ווערט אויפגעהאַלטען דורך די געמיינשאַפטליכע אינטע־רעסען פון די שטאַמען, דורך זייערע פאָלקספערזאַמלונגען און פעסט־פייערליכקייטען, וואָס ווערען געוועהנליך אָבגעהאַלטען אין פער־בינדונג מיט די פערזאַמלונגען. דאָס זעלבע געפיהל ווערט אויך אויפגעהאַלטען דורך אַנאַנדער אינסטיטוציע, די אַבאַ אָדער דער געמיינשאַפטליכער געיעג, וועלכער איז איבערגעבליבען, ווי עס זעהט אויס, אַלס אַן אָנדענקען פון א גאַנץ ווייטער פערגאַנגענהייט. די זעקס און פערציג שטאַמען פון קודינסק קומען יעדען הערבסט זיך צוזאַמען אויף אַזא געיעג, און טיילען זיך מיט דעם געפאַנגענעם רויב צווישען אַלע פאַמיליען. אויסער דעם ווערען צונויפגערופען פון צייט צו צייט נאַציאָנאַלע אַבאַס, כדי צו געדענקען די איינינגקייט פון דער גאַנצער בוריאַטישער נאַציאָן. אין אַזוינע פעלען זיינען אַלע בוריאַטישע שטאַמען, וועלכע זיינען צעוואָרפען אויף הונדערטער ווערסט צו מזרח און מערב פון דער באַיקאַלער אָזערע, מחויב צו שיקען ספּעציעל פאַר דעם צוועק זייערע גע־וועהלטע יעגער. טויזענדער מענשען קלייבען זיך צונויף אויף אַזא נאַציאָנאַלען געיעג און יעדערער ברייננגט מיט זיך פּראָוויזיע אויף א גאַנצען חודש. יעדענס חלק מוז זיין גלייך מיט אַלע איבעריגע, דער „עלטסטער" וועגט דעריבער אַלע חלקים איידער מען לעגט זיי צוזאַמען, (ער וועגט זיי „אין האַנד": לעגען אויף וואָגשאַלען וואָלט געהייסען א פערשוועכונג פון דעם אַלטען מנהג). דערנאָך טיילען זיך איין די יעגער אין חברות פון צוואַנציג און לאָזען זיך אוועק

אין געיעג לויט א גענוי־בעשטימטען פלאן. אין אזוינע א ב א ס לעבט איבער די בוריאטישע נאציאן די עפישע טראדיציעס פון יענער צייט, ווען זי איז געווען פעראייניגט אין איין מעכטיגער ליעגע. איך קאן דערביי צולעגען, אז אזוינע געמיינשאפטליכע געיעגען זיינען א געוועהנליכע זאך ביי די רויט־הויטיגע אינדיאנער און ביי די כינעזער אויף די ברעגעס פון דעם אוסורי (דער קאדא).(1)

אין די קאבילען, וועמעס לעבענס־געוועהנהייטען זיינען אזוי גוט בעשריבען געווארען פון צוויי פראנצויזישע פארשער, 2) האבען מיר בארבארען, וועלכע זיינען שוין מעהר פארטגעשריטען אין ערד־ארבייט. זייערע פעלדער, וועלכע ווערען בעוועסערט און געמיסטיגט, זיינען גוט בעזארגט, און אין די בערגיגע פלעצער ווערט יעדעס שטיק ניצליך לאנד בעארבייט מיט א רידעל. די קאבילען האבען דורכגעמאכט פיעלע לעבענס־ענדערונגען אין זייער געשיכטע. א צייט לאנג האבען זיי געהאלטען דאס מוסולמאנישע געזעץ פון פערערבונג, זיי זיינען אבער מיט איהם ניט צופריעדען געווען און האבען זיך אומגעקעהרט — אן ערך 150 יאהר צוריק — צו די אלטע געוועהנהייטס־רעכט. דער ערד־בעזיץ האט דעריבער ביי זיי א געמישטען כאראקטער, און פריוואט אייגענטום אין ערד עקזיסטירט ביי זיי אינאיינעם מיט דעם געמיינשאפטליכען בעזיץ. פונדעסטוועגען איז דער באזיס פון זייער איצטיגער ארגאניזאציע די דארף־געמיינדע, דער ט ה א ד ד א ר ט, וועלכער בעשטעהט געוועהנליך פון עטליכע פעראייניגטע פאמיליען (קהארובאס), וואס גלויבען אין זייער געמיינשאפטליכער אבשטאמונג, און אויך פון עטליכע קליינע פאמיליען פון פרעמדע. איינינע דערפער זיינען גרופירט אין קלאנען אדער שטאמען (ארך); עטליכע שטאמען שטעלען צונויף א קאנפעדעראציע (טהאקע'בילט), און ביי געלעגענהייט טרעטען ארייין איינינע קאנפעדעראציעס אין א ליגע, דערהויפט פאר'ן צוועק פון בעוואפענטער פערטיידיגונג.

די קאבילען ווייסען ניט פון קיין אנדער מאכט אויסער זייער ד י ע מ מ א א אדער פאלקספערזאמלונג פון דער דארף־געמיינדע.

---

1) נאזאראוו, „סיעווערנא־אוסיריסקי קראי", פעטערבורג 1887, ז. 65.

2) האנאטא און לעטורנא „לא קאביליע", 3 בענדער, פאריז 1883.

אַלע דערוואַקסענע מענער נעהמען אַנטהייל אין דער פערזאַמלונג, וועלכע קומט פאַר אונטער'ן פרייען הימעל אָדער אין אַזאַ ספּעציע־לער געביידע, וואָס האָט שטיינערנע בענק. די בעשלוסען, ווי עס זעהט אויס, מוזען אַנגענומען ווערען איינשטימיג: ד. ה. די דיס־קוסיאָנען דויערן אַזוי לאַנג, ביז אַלע אַנוועזענדע שטימען איין אַנצונעהמען, אָדער זיך אונטערוואַרפען, אַ געוויסען בעשלוס. אַזוי ווי אַ דאָרף־געמיינדע האָט ניט קיין אויטאָריטעט ארויפצוצווינגען אַ בעשלוס, האָבען מענשען פּראַקטיצירט אָט דעם סיסטעם וואו נאָר עס זיינען געווען דאָרף־געמיינדען, און וואו זיי עקזיסטירען נאָך, ווערט ער איצט אויך פּראַקטיצירט, ד. ה. ביי עטליכע הונ־דערט מיליאָנען מענשען איבער דער גאַנצער וועלט. די דיעמעמאַ בעשטימט איהר עקזעקוטיווע — דעם עלטסטען, דעם שרייבער און דעם קאַססיער; זי לעגט ארויף איהרע אייגענע שטייערן, און זי פיהרט דורך די איבערטיילונג פון די געמיינשאַפטליכע לאַנד־טיילען, ווי אויך אַלערליי סאָרטען ארבייט צו די נוצען פון קהל. אַ סך ארבייט ווערט געטהאָן געמיינשאַפטליך: די וועגען, די מאַשען (געבעט־הייזער), די פאָנטאַנען, די בעוועסערונגס־קאַנאַ־לען, די טהורעמס זיך צו בעשיצען פון רויבער, די צוימען א. ד. ג. ווערען געבויט פון דער דאָרף־געמיינדע; בעת די ברייטע לאַנד־וועגען, די גרעסערע מאַשען און די גרויסע מארק־פּלעצער ווערען אויפגעבויט פון דעם שטאַט. עס עקזיסטירען נאָך ביז היינטיגען טאָג פיעלע שפּורען פון געמיינשאַפטליכער ערד־ארבייט; די הייזער ווערען נאָך איצטער געבויט פון גאַנצען דאָרף, אָדער וועניגסטענס מיט דער הילף פון אַלע מענער און פרויען פון דאָרף. אַלע צוזאַ־מען, איז דאָס אויסהעלפען זיך אַ טעגליכע פּאַסירונג און עס קומט שטענדיג פאָר ביי דער בעאַרבייטונג פון די פעלדער, אין שניט־צייט א. אז. וו. וואָס געהערט די בעל־מלאָכות, האָט יעדע געמיינדע איהר שמיעד, וועלכער האָט זיין טייל אין דעם געמיינדעלאַנד און ארבייט פאַר דער געמיינדע; ווען די צייט פון אַקערן קומט אָן, בעזוכט ער יעדעס הויז און פעררירכט די געוועדקצייג און די אַקער־אייזענס, ניט דערוואַרטענדיג דערפאַר קיין געצאָהלט; מאַכען נייע אַקער־אייזענס ווערט בעטראַכט פאַר אַ פרומע ארבייט, וועלכע קאָן אויף קיין פאַל ניט בעצאָהלט ווערען מיט געלד אָדער דורך אַ וועלכען עס איז אַנדער שכר.

אזוי ווי די קאבילען האבען שוין פריוואט־אייגענטום, געפינען זיך נאטירליך ביי זיי רייכע און ארעמע. אבער ווי אלע מענשען, וועלכע לעבען נאהענט צוזאמען און ווייסען ווי ארעמקייט פאנגט זיך אן, בעטראכטען זיי דאס ווי א צופאל, וואס קאן פארקומען מיט יעדען איינעם. די רוסישע פויערים האבען א שפריך־ווארט: „פון בעטעלזאק און פון טורמע איז קיינער ניט בעווארענט"; די קאבילען ווענדען אן דעם געדאנק אין דער פראקטיקע און מען קאן ניט געפינען אין זייער אויסערליכער פיהרונג קיין אונטערשיעד צווישען ארעם און רייך. ווען דער ארעמאן רופט א „הילף", געהט דער רייכער ארבייטען אויף זיין פעלד, פונקט ווי דאס טהוט דער ארעמאן, ווען עס קומט זיין רייהע. 1) אויסערדעם לעגען אב די דיעממאאס בעשטימטע גערטנער און פעלדער, וואס ווערען אפט־מאל געמיינשאפטליך בעארבייט פאר די ארעמסטע מיטגליעדער פון דער געמיינדע. א סך אזעלכע מנהגים עקזיסטירען ביז היינ־טיגען טאג. אזוי ווי די ארעמערע פאמיליען זיינען ניט אימ־שטאנד צו קויפען קיין פלייש, ווערט רעגעלמעסיג געקויפט פלייש פאר דעם געלד, וואס קומט אריין צו דער דיאממאא אלס שטראף אדער געשענק, אדער אבצאהל פאר דעם געברויך פון די אליווען־קעסלען, און עס ווערט צוטיילט אין גלייכע חלקים פאר אלעמען, וואס קאנען אליין קיין פלייש ניט קויפען. און ווען א פאמיליע קוילעט א שעפס אדער אן אקס פאר איהר אייגענעם געברויך, ניט אין קיין מארק־טאג, לאזט מען אויסרופען דעם פאקט אין די גאסען דורך דעם דארף־שרייער, כדי די קראנקע און די שוואנגערע פרויען זאלען קומען נעהמען פון דעם פלייש וויפיעל זיי דארפען.

די געגענזייטיגע שטיצע דרינגט דורך דאס לעבען פון די קאבילען, און ווען איינער פון זיי בעגעגענט אין דער פרעמד אנאנדער קאביל, וועלכער איז אין נויטה, איז ער מחויב איהם

---

1) ווען מען רופט א „הילף" מוז מען מאכען פאר דער געמיינדע עפעס א סעודה. א קאווקאזער פריינד האט מיר דערצעהלט, אז אין גרוזיניען ווען אן ארעמאן דארף א „הילף", בארגט ער פון דעם רייכען א שעפס אדער צוויי צו דער סעודה, און די געמיינדע ברייגנט אן, אחוץ איהר ארבייט, אזויפיעל פראוויזיע, אז עס קלעקט איהם אבצוצאהלען זיין חוב. אן עהנליכער מנהג עקזיסטירט אויך ביי די מארדווינען.

קומען צו הילף, אפילו אויב ער ריזיקירט דורכדעם מיט זיין אייגע־נעם פערמעגען און לעבען. אויב ער האָט עס ניט געטהאָן, מעג די דיעממאַא פון דעם מאַן, וואָס האָט געליטען פון דער דאָזיגער פערנאַכלעסיגונג, ברייגנען אַ קלאַגע, און די דיעממאַא פון דעם ענאָיסט וועט גלייך אַבצאָהלען פאַר'ן שאָדען. מיר טרעפען אָן אין אזא פאַל אַ מנהג, וועלכער איז בעקאַנט צו די וואָס גיבען זיך אָב מיט דער פאָרשונג פון די סוחרים'שע גילדען פון מיטעלאַלטער. יעדער פרעמדער, וואָס קומט אָן וווינטערצייט אין אַ קאַבילען־דאָרף, האָט אַ רעכט אויף אַ דירה און זיינע פערד מעגען זיך פיטערן אַ מעת־לעת אויף די געמיינדע־לענדער. אין פאַל פון אַ נויט אָבער, קאָן ער רעכענען כמעט אויף אונבעשרענקטער הילף. אזוי האָבען די קאַבילען, אין די הונגער יאָהרען פון 1867—68, אויפגענומען און אויסגעהאַלטען יעדען איינעם, וואָס האָט זיך געווענדעט נאָך שטיצע אין זייערע דערפער, אָהן אונטערשיעד פון וואַנען ער האָט אָבגעשטאַמט. אין דעם דעלליס געגענד זיינען אָט אזוי אויס־געהאַלטען געוואָרען ניט ווענינגער ווי 12,000 מענשען, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון אַלע טיילען פון אַלזשיר און אפילו פון מאַראָקקאָ. בעת אין אַלזשיר זיינען אומעטום מענשען געשטאָרבען פון הונגער, איז אין לאַנד פון די קאַבילען קיין איינציגער טויט־פאַל פון הונגער ניט פאָרגעקומען. די דיעממאַאס, אָבזאָגענדיג זיך פון דאָס נויטיגסטע, האָבען אָרגאַניזירט די הילף, ניט בעט־טענדיג קיין שטיצע פון דער רעגירונג און ניט בעקלאָגענדיג זיך אין דאָס מינדסטע; זיי האָבען עס פשוט בעטראַכט אַלס זייער נאַטירליכען חוב. און בעת ביי די אייראָפּעאישע איינוואוינער האָט מען געמוזט אָננעהמען אַלערליי פּאָליציי־רעגעלן, כדי צו פערמיידען גניבות און אונאָרדנונגען, וואָס קאָנען פאָרקומען פון דעם צופלוס פון אַזויפיעל פרעמדע, האָט מען קיינע פון אַזוינע מיטלען ניט געהאַט נויטיג אויף דעם געביעט פון די קאַבילען: די דיעממאַאס האָבען זיך ניט גענויטיגט אין קיין הילף אָדער בעשיצונג פון דרויסען. 1)

1) האַנאָטאָ און לעטורנאָ „לאַ קאַבילי", באַנד II, ז. 58. די זעלבע אַכטונג פאַר פרעמדע איז דער רעגעל ביי די מאָנגאָלען. דער מאָנגאָל, וואָס האָט אָבגעזאָגט אַ פרעמדען די בעשיצונג פון זיין הויז,

איך קאָן פערבייגעהענדיג דערמאָנען נור נאָך צוויי אַנדערע העכסט אינטערעסאַנטע שטריכען פון קאַבילען־לעבען; און דאָס איז די אַ נ אַ י אַ — די בעשיצונג, אין צייט פון אַ מלחמה, פון די ברינימער, בעוועסערונג־קאַנאַלען, מאַשעען, די מאַרק־פּלעצער, אייניגע גאַסען א. אַז. וו. — און די קאָ פּ ס. אין דער אַ נ אַ י אַ האָבען מיר אַ רייהע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען אַ דאָפּעלטען צוועק: צו פערקלענערען די שלעכטע פאָלגען פון מלחמה, און צו פערמיידען די אורזאַכען פון קריעג. דער מאַרק־פּלאַץ איז אַ נ אַ י אַ, דערהויפּט אויב דער מאַרק געפינט זיך ביים גרעניץ, וואו קאַבילען און פרעמדע קומען זיך צוזאַמען. קיינער דערוועגט זיך ניט צו שטערן דעם פריעדען אויפ'ן מאַרק, און אויב עס מאַכט זיך אַן אויפרוהר, שטילען עס גלייך איין די פרעמדע, וועלכע זיינען זיך צונויפגעקומען אין שטאָדט. דער וועג, אויף וועלכען די ווייבער געהען פון דאָרף צום ברונים, איז אויך אַ נ אַ י אַ אין דער צייט פון קריעג, א. אַז. וו., וואָס געהערט דעם ק אָ ף, איז עס אַ גאַנץ פערשפּרייטע פאָרם פון אַסאָציאַציעס, וועלכע האָבען אייניגע כאַראַקטערשטריכען פון די מיטעלאַלטערליכע „בירגערשאַפטען“ אָדער „גילדען“, און צוגלייך אויך דעם כאַראַקטער פון פעראיינען פאַר געגענזייטיגער בעשיצונג און פאַר פערשיידענע גייסטיגע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאָך אַזוינע צוועקען, וועלכע קאָנען ניט בעפריעדיגט ווערען דורך די טעריטאָריעלע אָרגאַניזאַציע פון דער געמיינדע, שטאַם און קאָנפעדעראַציע. דער קאָף וויים ניט פון קיין טעריטאָריעלע גרעניצען; ער ווערבט זיינע מיטגליעדער אין פערשיידענע דערפער און אפילו צווישען פרעמדע, און ער בעשיצט זיי אין אַלע מעגליכע פּאַסירונגען פון לעבען. אין אַלגעמיין גענומען, איז עס אַ פערזוך צו מאַכען פולער די טעריטאָריעלע גרופּירונג דורך אַן עקסטראַ־טעריטאָריעלע גרופּירונג, וועלכע זאָל האָבען דעם צוועק צו געבען אַן אויסדרוק צו אַלערליי נאַטור־פערוואַנדשאַפטען אריבער די גרעניצען פון לאַנד. די פרייע אינטערנאַציאָנאַלע פעראייניגונג פון אינדיווידועלע נייגונגען און אידעען, וועלכע מיר

---

מוז בעצאָהלען דעם גאַנצען בלוט־אָבצאָהל, אויב דער פרעמדער האָט געליטען צוליעב זיין אָבזאָג. (באַסטיאַן „דער מענש אין דער געשיכטע“, באַנד III, ז. 231.)

בעטראַכטען אַלס איינעם פון די בעסטע שטריכען פון אונזער היינטיגען לעבען, האָט אַזוי איהר מקור אין באַרבאַרישען אַלטערטהום.

די קאַווקאַזער בערג־פעלקער גיבען אונז נאָך אַ העכסט לעהררייכען געביעט פון דעמזעלבען סאָרט ביישפיעלען. שטודירענדיג די היינטיגע מנהגים פון די אָססעטען — זייערע פעראייניגטע פאַמיליען, זייערע געמיינדען און זייערע יורידישע בעגריפען — האָט פּראָפעסאָר מ. קאָוואַלעווסקי, אין זיין מערקווירדיגען בוך „מאָדערנע זיטען און אַלטעס רעכט“, געקאָנט אין זיי געפינען טריט פאַר טריט די שפּורען פון עהנליכע תקנות אין די אַלטע באַרבאַרישע געזעצען, און האָט אפילו געקאָנט פון זיי שטודירען די אורשפּרונגען פון פעאָדאַליזם. ביי אַנדערע קאַווקאַזישע פעלקער, ווידער, געפינען מיר מאַנכעס מאָל אַן אָנדייטונג פון דעם אורשפּרונג פון דער דאָרף־געמיינדע, אין די פעלען וואו זי איז ניט אַרויסגעקומען פון שטאַם, נאָר פון אַ פריייוויליגער פעראייניגונג צווישען פאַמיליען פון פערשיידענע אָבשטאַמונגען. אַזאַ פאַל האָט מען דאָ ניט לאַנג בעאָבאַכטעט אין איי ניגע דערפער פון די כעווסורען, וואו זייערע איינוואוינער האָבען גענומען אַ שבועה צו לעבען „אין געמיינשאַפט און ברידערליכקייט“. 1) אין אַנאַנדער טייל פון קאַווקאַז, אין דאַגהעסטאַן, זעהען מיר דאָס אויפוואַקסען פון פעאָדאַלע בעציהונגען צווישען צוויי שטאַמען, וועלכע האַלטען אויף אין דערזעלביגער צייט זייערע דאָרף־געמיינדען (און אפילו שפּורען פון די אַלטע גענטיל־קלאַסען), געבענדיג אַט אַזוי אַ לעבעדיגען ביישפּיעל פון די פאָרמען, וואָס די באַרבאַרען האָבען אָנגענומען בשעת זיי האָבען ערָאָבערט איטאַליען און גאַלליען. די זיעגרייכע ראַסע, די לעזגהינען, וועלכע האָבען איינגענומען איי ניגע גרוזינישע און טאַטאַרישע דערפער, אין דעם זאַקאַטאַלישען בעצירק, האָבען ניט געשטעלט די ערָאָבערטע דערפער אונטער דער הערשאַפט פון

1) נ. חודאַדאָוו, „בעמערקונגען וועגען די כעווסורען“ אין די „זאַפּיסקי פון דער קאַווקאַז. געאָגראַפ. געזעלש.“ 14, באַנד I, טיפליס, 1890, ז. 68. זיי האָבען אויך גענומען אַ שבועה ניט חתונה צו האָבען מיט מיידלעך פון זייער אייגענעם פערבאַנד, אַרויסווייזענדיג דערמיט אַ מערקווירדיגען צוריקקעהר צו די אַלטע גענטיל־רעגעלען.

אבגעטיילטע פאמיליען; זיי האבען געגרינדעט א פעדעראל־שטאם, וועלכער צעהלט איצט 12,000 הויזווירטשאפטען אין דריי דערפער, און בעזיצט געמיינשאפטליך ניט וועניגער ווי צוואנציג גרוזינישע און טארטארישע דערפער. די בעזיעגער האבען זייער אייגען לאנד צוטיילט צווישען זייערע שטאמען, און די שטאמען האבען עס צוטיילט אין גלייכע טיילען צווישען די פאמיליען; זיי האבען זיך אבער ניט אריינגעמישט אין די ד י ע מ מ א א ס פון זייערע צינזענשולדיגע דערפער, וועלכע האלטען זיך נאך אלץ ביי די מנהגים, וואס יוליוס צעזאר האט דערמאנט: די ד י ע מ מ א א בעשליסט יעדען יאהר וואסער טייל פון דער געמיינשאפטליכער טעריטאריע דארף ווערען בעארבייט, און דאס דאזיגע לאנד ווערט דאן צוטיילט אויף אזויפיעל חלקים וויפיעל פאמיליען עס זיינען פאראן, און די חלקים ווערען פערטיילט דורך א גורל. עס איז ווערטה צו בעמערקען, אז הגם פראלעטאריער זיינען א געוועהנליכע ערשיינונג ביי די לעזגהינען, (וועלכע לעבען אונטער א סיסטעם פון פריוואט־אייגענטום אין לאנד און געמיינשאפטליכען אייגענטום פון לייבאייגענע 1), געפינט מען זיי זעהר זעלטען צווישען זייערע גרוזינישע לייבאייגענע, וועלכע האלטען נאך אלץ זייער לאנד אין געמיינשאפטליכען בעזיץ.

וואס געהערט דעם געוועהנהייטס־רעכט פון די קאווקאזישע בערג־פעלקער, איז עס גאנץ דאס אייגענע, ווי דאס רעכט פון די לאנגאבארדען אדער סאלישע פראנקען, און איינינע תקנות פון די קאווקאזער ערקלערן זעהר פיעל די געריכטליכע פראצעדורען פון די אלטע בארבארען. אזוי ווי זיי האבען א היציגען כאראקטער, זוכען זיי אלע מיטלען צו פערהיטען, אז זייערע מחליקות זאלען ניט פיהרען צו א שלעכטען סוף. אזוי צ. ב. ביי די כעווסורען כאפט מען זיך גלייך פאר די שווערדען, ווי עס הויבט זיך נאר אן א מחליקה; אויב אבער א פרוי לויפט ארויס אוןווארפט אריין צווישען זיי איהר קאפ־טיכעל, ווערען די שווערדען געשווינד אריינ־

1) דמ. באקראדזע „זאמעטקי א זאקאטאסקאם אקרוגע" אין די פריהער דערמאנטע „זאפיסקי" באנד I, ז. 264. דער „געמיינשאפטליכער אקער" איז א געוועהנליכע ערשיינונג ביי די לעזגהינען, אזוי גוט ווי ביי די אססעטען.

געטאָן צוריק אין די שיידען און די מחליקה איז געענדיגט. דאָס ווייבערשע קאָפּ־טיכעל איז אַ נ אַ י אַ. אויב אַ מחליקה האָט ניט אויפגעהערט אין צייט און האָט זיך געענדיגט אין אַ מאָרד, איז דאָס אַבצאָהל־געלד אַזוי גרויס, אַז דער אַנגרייפער ווערט פאָל־שטענדיג רואינירט אויף׳ן גאַנצען לעבען, סיידען ער ווערט אדאָפּ־טירט פון דער אַנגעגריפענער פאַמיליע; און אויב ער האָט צוליעב אַ קלייניגקייט זיך געכאַפּט צום שווערד און יענעם פערוואונדעט, פערלירט ער אויף אייביג די אַכטונג פון זיין שטאַם. אין אַלע מחליקות נעהמען פערמיטלער די זאַך אין זייערע הענד; זיי קלייבען אויס די ריכטער פון צווישען די מיטגליעדער פון שטאַם — זעקס ריכטער אין קלענערע דיספּוטען און פון צעהן ביז פונפצעהן אין ערנסטערע זאַכען; און רוסישע בעאָבאַכטער זאָגען עדות אויף די אבסאָלוטע ניטראונטערקויפליכקייט פון די ריכטער. אַ שבועה האָט אַזאַ וויכטיגע בעדייטונג, אַז אַלגעמיין־געשעצטע מענשען ווערען בעפרייט פון דעם: זייער יאַ־וואָרט אַליין איז גאַנץ גענוג, דערהויפּט ווייל אין ערנסטע זאַכען וועט דער בעשולדיגטער זיך קיינמאָל ניט אָבהאַלטען מודה צו זיין זיין שולד, (איך מיין, פערשטעהט זיך, דעם בעשולדיגטער, וואָס איז נאָך ניט בעריהרט געוואָרען פון דער ציוויליזאַציע). די שבועה ווערט געהאַלטען הויפּטזעכליך פאַר אַזוינע פעלען, ווי דיספּוטען וועגען אייגענטום, וואו עס פאָדערט זיך אַ חוץ דער איינפאַכער ערקלערונג פון די פאַקטען, אויך אַ געוויסע אָבשאַצונג פון זיי; און די מענשען, וואָס זייער וואָרט אַליין ענטשיידט דעם דיספּוט, האַנדלען אין אַזוינע פעלען מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיגקייט. בכלל קען מען זאָגען, אַז די קאַווקאַזער באַרבאַרישע געזעלשאַפטען צייכענען זיך אויס דורך זייער עהרליכ־קייט און אַכטונג צו די רעכט פון זייערע שטאַם־ברידער.

די אַפריקאַנישע שטאַמען צייגען אַרויס אַזאַ גרויסע פערשיי־דענהייט פון העכסט אינטערעסאַנטע געזעלשאַפטען, וועלכע שטעהען אויף אַלע צווישענדיגע שטופען, פון דער ערשטער דאָרף־געמיינדע ביז די דעספּאָטישע באַרבאַרישע מאָנאַרכיען, אַז איך קאָן גאָר ניט דענקען דאָ צו געבען אַפילו נאָר די הויפּט־רעזולטאַטען פון אַ פערגלייכענדער פאָרשונג פון זייערע אינסטיטוציעס. 1)

1) זעה פּאָסט „אַפריקאַנישע יוריספּרודענץ", אלדענבורג, 1887;

עס איז גענוג צו זאָגען, אז די פאָלקס־פערזאמלונגען פון די דאָרף־געמיינדען און זייער געוועהנהייטס־געזעץ בלייבען אין א סך פרטים סואווערען, אפילו אונטער דעם שרעקליכסטען דעספּאָטיזם. דאָס שטאַאט־געזעץ ערלויבט דעם קעניג צו נעהמען יעדען איינעמס לעבען אוים הוילען קאפּריז, אָדער כדי זיך זאט אָנצופרעסען; אָבער דאָס געוועהנהייטסרעכט פון פאָלק האלט זיך נאָך אַלץ פעסט אָן די זעלבע פערשיידענע אינסטיטוציעס פאר גענענזייטיגער הילף, וואָס עקזיסטירען ביי אנדערע באַרבאַרען, אָדער וואָס האָבען עקזיס־טירט ביי אונזערע אורעלטערן. און ביי איינינע מזל'דיגערע שטאַמען (אין באָרנו, אוגאַנדאַ, אביסיניען), דערהויפּט ביי די באָגאָס, זיינען איינינע תקנות פון דעם געוועהנהייטס־געזעץ פול מיט דעם גייסט פון ווירקליך שעהנע און איידעלע געפיהלען.

די דאָרף־געמיינדען פון די איינגעבוירענע פוןביידע אַמע־ריקאס האָבען דעמזעלבען כאַראַקטער. די ט ו פּ י פון בראַזיליע האָט מען געפונען וואוינען אין „לאַנגע הייזער“, גאַנצע שטאַמען אינאיינעם, וועלכע האָבען בעאַרבייט זייערע קאָרן און מאַנדיאָקאַ־פעלדער געמיינשאַפטליך. די אַ ר אַ נ י, וועלכע זיינען געווען פיעל ווייטער פאָרטגעשריטען אין ציוויליזאַציע, פלעגען זייערע פעלדער בעאַרבייטען געמיינשאַפטליך; און אזוי אויך די א ו ק אַ־ג אַ ס, וועלכע האָבען זיך אויסגעלערנט, אונטער זייער סיסטעם פון פּרימיטיווען קאָמוניזם און „לאַנגע הייזער“, צו בויען גוטע וועגען און אָנפיהרען פערשיידענע הויז־אינדוסטריען, 1) וועלכע זיינען ניט געשטאַנען נידעריגער פאר די אינדוסטריען פון די ערשטע מיטעלאַלטערליכע צייטען אין אייראָפּאַ. זיי אַלע האָבען אויך געלעבט אונטער דעם זעלבען געוועהנהייטסרעכט, פון וועלכען מיר האָבען אויבען געבראַכט איינינע מוסטערן. אויף דעם אַנדער עק וועלט געפינען מיר דעם מאַלאַישען פעאָדאַליזם; אָבער דער דאָזיגער פעאָדאַליזם איז ניט געווען אימשטאַנד אויסצוראָטען די נ ע ג אַ ר י אַ, ד. ה. די דאָרף־געמיינדע, מיט איהר געמיינבעזיץ

מינציגער „איבער דאָס רעכט און זיטען דער באָגאָס“, ווינטערטהור 1859; קאזאליס „לע באַסוטאָס“, פּאַריז 1859; מאַקלין, „קאַפיר לאָוס אנד קאָסטאָמס“, מאונט קאוק, 1858, און פיעלע אַנדערע.

1) וואַיטץ, III, ז. 423 און ווייטער.

פון וועניגסטענס א טייל פון דעם לאַנד און איהר מנהג פון איבערטיילען די ערד צווישען די פערשיידענע נעגאַריאַס פון'ם שטאַם.[1] ביי די אלפוראס פון מינאַהאַסאַ געפינען מיר דעם קאָמונאַלען דריי־פעלדער סיסטעם פון בעאַרבייטען די ערד; ביי דעם אינדיאַנער שטאַם פון די וואַיאַנדאָטען טרעפען מיר די פעריאָדישע ווידערצוטיילונג פון דער ערד אין דעם שטאַם און די געמיינשאַפטליכע בעאַרבייטונג; אזוי אויך געפינען מיר אין יענע אַלע טיילען פון סומאַטראַ, וואו דאָס מוסולמאַנישע רעכט האָט נאָך ניט אינגאַנצען צושטערט די אַלטע אָרגאַניזאַציע, די פעראייניגטע פאַמיליע (סוקאַ) און די דאָרף־געמיינדע (קאָטאַ), וועלכע האַלט אויף איהר רעכט אויף דער ערד, אפילו אין די פעלען, ווען א טייל פון דער ערד איז אָבגערייניגט געוואָרען אָהן איהר ערלויבניש.[2] און געפינט מען ביי זיי די אינסטיטוציע פון דער דאָרף־געמיינדע, הייסט שוין אזוי גוט ווי געזאָגט, אז עס עקזיסטירען ביי זיי אַלע מנהגים פאַר די צוועקען פון געגענזייטיגער בעשיצונג און אויסצומיידען שטרייטיגקייטען און מלחמות, וועלכע מיר האָבען בקיצור אָנגעוויזען אויבען אלס כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון דער דאָרף־געמיינדע. נאָך מעהר ווי דאָס: וואָס גאַנצער עס איז פערבליבען דער געמיינשאַפטליכער בעזיץ פון לאַנד, אַלץ בעסער און עדעלער זיינען די זיטען. דע־סטוערס מאַכט די פּאָזיטיווע בעהויפטונג, אז וואו נאָר די דאָרף־געמיינדע איז וועניגער אונטערדריקט געוואָרען פון די בעזיעגער, דאָרט איז די אונגלייכהייט פון פערמעגען קלענער, און אפילו די פאָרשריפטען פון דעם „לעקס טאַליאָניס" (די בלוט־ראַכע) זיינען וועניגער גרויזאַם; בעת פערקעהרט, וואו די דאָרף־געמיינדע איז אינגאַנצען צובראָכען געוואָרען, דאָרט „ליידען די איינוואוינער די אונערטרעגליכסטע אונטערדריקונג פון זייערע דעספּאָטישע הערשער".[3] דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. און ווען

---

1) פּאָסט, „שטודיען צור ענטוויקלונגס־געשיכטע דעם פאַמיליען־רעכטס", אלדענבורג, 1889, ז. 270 און ווייטער.

2) פּאָועל „„אַננואַל רעפּאָרט אָוו דהי ביוראָ אָוו עטהנאָגראַפיע", וואַשינגטאָן 1881, ציטירט אין פּאָסט'ס „שטודיען" ז. 290; באַסטיאַן „אינזעל־גרופּען אין אָצעאַניען" 1883, ז. 88.

3) דע סטוערס, ציטירט פון וואַיטץ, באַנד 5, ז. 141.

וואיטץ האָט געמאַכט די בעמערקונג, אַז יענע פעלקער, וועלכע האָבען אויפגעהאַלטען זייערע שטאַם־קאָנפעדעראַציעס, שטעהען אויף אַ העכערער שטופע פון ענטוויקלונג און האָבען אַ רייכערע ליטעראַטור, איידער די פעלקער וואָס האָבען אָנגעוואָרען די אַלטע פעראייניגונגס־בענדער, האָט ער נאָר אָנגעדייטעט דאָס, וואָס מען וואָלט געקאָנט פאָראויסזאָגען, אַז עס וועט אַזוי זיין.

נאָך ביישפּיעלען וואָלטען מיך נור געפיהרט צו איבעריגע ווידערהאָלונגען — אַזוי מערקווירדיג עהנליך זיינען די באַרבאַרישע געזעלשאַפטען אונטער אַלע קלימאַטען און צווישען אַלע ראַסען. דערזעלביגער ענטוויקלונגס־פּראָצעס איז פאָרגעקומען ביי דער גאַנצער מענשהייט מיט אַ וואונדערבאַרער עהנליכקייט. ווען די שטאַם־אָרגאַניזאַציע איז אָנגעגריפען געוואָרען פון אינווענניג דורך די אָבגעזונדערטע פאַמיליע, און פון דרויסען דורך די צו־ברעקלונג פון אויסוואַנדערנדע שטאַמען און דורך די נויטווענדיג־קייט אריינצונעהמען פרעמדע פון פערשיידענער אָבשטאַמונג — איז אויסגעוואַקסען די דאָרף־געמיינדע, וועלכע איז געבויט געוואָרען אויף דעם בעגריף פון אַ געמיינשאַפטליכער טעריטאָריע. אָט די נייע אינסטיטוציע, וועלכע איז אויף אַ נאַטירליכען אופן ארויס־געוואַקסען פון דעם פריהערדיגען שטאַם, האָט ערלויבט די באַר־באַרען דורכצוגעהן אַ העכסט אונרוהיגע פעריאָדע פון דער געשיכטע, ניט צוברעקלענדיג זיך אויף פעראיינצעלטע פאַמיליען, וועלכע וואָלטען געמוזט אומקומען אין דעם קאַמפף פאַר'ן לעבען. נייע קולטור־פאָרמען האָבען זיך ענטוויקעלט אונטער דער נייער אָרגאַניזאַציע; ערד־ארבייט האָט געגרייכט די שטופע, וועלכע איז קוים אין עפּעס פערבעסערט געוואָרען ביי דער גרויסער צאָהל מענשען ביז אויף היינטיגען טאָג; די הויז־אינדוסטריען האָבען געגרייכט אַ הויכען גראַד פון פאָלקאָמענהייט. די ווילדערנים איז איינגענומען געוואָרען, איז דורכגעשניטען געוואָרען פון וועגען און בעזעצט געוואָרען פון מחנות מענשען, וועלכע האָבען זיך אָב־געריסען פון די מוטער־געמיינדען. מערק און פעסטונג־שטעדט, ווי אויך פּלעצער פון עפענטליכען גאָטעסדיענסט, זיינען אויפגע־בויט געוואָרען. די בעגריפען פון אַ ברייטערער פעראייניגונג, אויסגעשפּרייט אויף גאַנצע פעלקערשאַפטען און אויף איינינע פעלקערשאַפטען פון פערשיידענער אָבשטאַמונג, זיינען לאַנגזאַם

אויסגעאַרבייט געוואָרען. די אַלטע בעגריפען פון גערעכטיגקייט, וועלכע זיינען בלויז געווען בעגריפען פון ראַכע, זיינען ביסלעכווייז דורכגעגאַנגען אַ טיעפע ענדערונג — די אידעע פון פערגיטיגונג פאַר אַ בעגאַנגענעם אונרעכט האָט פערנומען דעם אָרט פון ראַכע. דאָס געוועהנהייט־רעכט, וואָס איז נאָך ביז איצטער דאָס געזעץ פון דעם אַלטעגליכען לעבען פאַר צוויי־דריטעל אָדער מעהר פון דער מענשהייט, איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אונטער דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע; און אזוי אויך דער סיסטעם פון מנהגים, וועלכע האָבען בעצוועקט צו פערהינדערן די אונטערדריקונג פון די מאַסען דורך די מינאָריטעטען, וועמעס מאַכט עס איז געוואַקסען אין דעם ערך וואָס איז געוואַקסען די מעגליכקייט אָנצוזאַמלען פריוואַטע רייכטהימער. אָט דאָס איז געווען די נייע פאָרם, וואָס די טענדענצען פון די מאַסען צו געגענזייטיגער שטיצע, האָט אָנגענומען. און דער פראָגרעס — דער עקאָנאָמישער, גייסטיגער און מאָראַלער, — וואָס די מענשהייט האָט געשאַפען אונטער אָט דער נייער פאָרם פון פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, איז געווען אזוי גרויס, אַז די שפּעטער אויפגעקומענע שטאַאַטען האָבען איינפאַך זיך בעמעכטיגט, אין די אינטערעסען פון די מינאָריטעטען, איבער אַלע געריכטליכע, עקאָנאָמישע און פערוואַלטונגס־פונקציאָנען, וועלכע די דאָרף־געמיינדע האָט שוין פריהער אויסגעפיהרט אין די אינטערעסען פון אַלעמען.

קאַפּיטעל V

# אין דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט

דער וואוקס פון אויטאָריטעט אין דער באַרבאַרישער געזעלשאַפט. — די ליובאַויגענשאַפט אין די דערפער. — דער אויפשטאַנד פון די פעסטונג־שטעדט: זייער בעפרייאונג, זייערע פריוויליגיעס־פאַפיערען (חאַרטאַ). — די גילדען. — דער דאָפּעלטער אורשפּרונג פון דער פרייער מיטעל־אַלטערליכער שטאָדט. — אויטאָנאָמע יוריסדיקציע און זעלבסט־פערוואַל־טונג. — די בכבוד'ע לאַגע פון אַרבייט. — האַנדעל דורך דער גילדע און דורך דער שטאָדט.

די געזעלשאַפטליכקייט און די פאָדערונג נאָך געגענזייטיגער הילף און שטיצע זיינען אַזוינע מיטגעבוירענע טיילען פון דער מענשליכער נאַטור, אַז מיר קאָנען ניט געפינען אין דער געשיכטע קיין שום צייט, ווען מענשען האָבען געלעבט אין קליינע אָבגעזונ־דערטע פאַמיליען און האָבען זיך אַרומגעריסען איינע מיט די אַנדערע פאַר די מיטלען פון עקזיסטענץ. פערקעהרט, די מאָדערנע פאָרשונג, ווי מיר האָבען עס געזעהן אין די פאָריגע צוויי קאַפּיטלען, בעווייזט, אַז זינט דעם אָנהויב פון זייער פאָר־היסטאָרישען לעבען פלעגען די מענשען זיך פעראייניגען אין געגנטעס, קלאַנען אָדער שטאַמען, וועלכע פלעגען זיך האַלטען צוזאַמען דורך דער אידעע פון אַ געמיינשאַפטליכער אָבשטאַמונג און פערעהרונג פון די גע־מיינשאַפטליכע אורעלטערן. טויזענדער און טויזענדער יאָהרען האָט אָט די אָרגאַניזאַציע צוזאַמענגעהאַלטען די מענשען, אָבוואויל זי האָט קיין שום אויטאָריטעט ניט געהאַט זיך אַרויפצוצווינגען אויף זיי. זי האָט געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק אויף דער גאַנצער שפּעטיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט; און ווען די בענדער פון געמיינשאַפטליכער אָבשטאַמונג זיינען לויז געוואָרען דורך די גרויסע וואַנדערונגען, בעת די ענטוויקלונג פון דער בעזונדער

פאַמיליע אין שטאַם גופא האָט פערניכטעט די אַלטע איינינקייט פון שטאַם, דאַן האָט דעם מענשענ׳ס סאָציאַלער גייסט בעשאַפען אַ נייע פאָרם פון פעראייניגונג, געבויט אויפ׳ן פרינציפ פון אַ געמיינשאַפטליכער טעריטאָריע, — די דאָרף־געמיינדע. אָט די אינסטיטוציע האָט ווידער פיעלע יאהרהונדערטען געהאַלטען די מענשען צוזאַמען; זי האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט ווייטער צו ענטוויקלען זייערע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען און דורכצוגעהן איינע פון די פינסטערסטע פעריאָדען פון דער געשיכטע, ניט צוברעקלענדיג זיך אין לויזע אַנזאַמלונגען פון פאַמיליען און איינצעלנע. איהר צו פערדאַנקען האָבען זיי געקאָנט מאַכען אַ ווייטערן שריט אין זייער ענטוויקלונג און אויסאַרבייטען אַ גאַנצע רייה קלענערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וואָס אַ סך פון זיי זיינען געבליבען לעבען ביז אויף היינטיגען טאָג. און ער אויפגאַבע איצטער איז נאָכצופאָלגען די ווייטערע ענטוויקלונגען פון דערזעלביגער אימער־לעבעדיגער טענדענץ פון געגענזייטיגער הילף. נעהמענדיג די דאָרף־געמיינדען פון די אַזוי אָנגערופענע באַרבאַרען אין דער צייט ווען זיי האָבען געמאַכט אַ נייעם אָנהויב פון ציוויליזאַציע, נאָך דעם פאַל פון דער רוימישער אימפעריע, מוזען מיר איצטער אויספאָרשען די נייע פאָרמען, אין וועלכע עס האָבען זיך אויסגעגאָסען די געזעלשאַפטליכע בעדערפענישען פון די מאַסען אין מיטעלאַלטער, און דער עיקר — אויף וויפיעל זיי האָבען געפונען פאַר זיך אַן אויסדרוק אין די מיטעלאַלטערליכע בילדען און אין דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט.

די באַרבאַרען פון די ערשטע יאָהרהונדערטען פון אונזער צייטרעכנונג, (פונקט ווי די פיעלע מאָנגאָלישע, אַפריקאַנישע, אַראַבישע און אַנדערע פעלקער, וועלכע געפינען זיך נאָך איצטער אויף דערזעלבינער שטופע פון ענטוויקלונג), זיינען ניט נאָר ניט געווען עהנליך צו בלוטדורשטינע חיות, מיט וועלכע זיי זיינען אַזוי אָפט פערגליכען געוואָרען, נאָר פערקעהרט, זיי האָבען דורכאויס פאָרגעצויגען צו לעבען אין פריעדען, איידער צו פיהרען מלחמה. מיט דער אויסנאַהם פון עטליכע שטאַמען, וועלכע זיינען אין דער צייט פון די גרויסע וואַנדערונגען פערשטופט געוואָרען אין אונפרוכטבאַרע ווילדערניסען און אויף די הויכע באַרג־פלעכען, און זיינען דעריבער געווען געצוואונגען צו בעפאַלען פון צייט צו צייט

זייערע מזל'דיגערע שכנים — א חוץ אַט די שטאַמען, האָט די גרויסע מעהרהייט פון די טויטאָנען, זאַקסען, קעלטען, סלאַווען און אַנדערע, אַזוי באַלד נאָר ווי זיי האָבען זיך פעסט איינגעזעסען אין זייערע ניי־איינגענומענע לענדער, זיך ווידער אומגעקעהרט צו זייער אַקער און גראַבאייזען אָדער צו זייערע פיה־סטאַדעס. די גאָר ערשטע באַרבאַרישע געזעץ־זאַמלונגען גיבען אונז שוין אַ בילד פון געזעלשאַפטען, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט פון פריעדליכע ערד־אַרבייטענדע געמיינדען, ניט פון באַנדעס מענשען, וועלכע רייסען זיך נאָכאַנאַנד אַרום איינע מיט די אַנדערע. אַט די באַר־באַרען האָבען בעדעקט דאס לאַנד מיט דערפער און פאַרמס; 1) זיי האָבען אָבגערייניגט די וועלדער, געלעגט בריקען איבער די טייכען און קאָלאָניזירט די פריהער אונבעוואוינבאַרע ווילדערנים. זיי האָבען געלאָזען די אונזיכערע קריעגערישע בעשעפטיגונגען פאַר די חברותות, „ס כ אָ ל י ס“ אָדער קאָמפּאַניעס פון ביטערע יונגען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום זייערע צייטווייליגע הויפּט־מענער, האָבען אַרומגעוואַנדערט פון איין אָרט אין דעם אַנדערן און אָנגעבאָטען זייער דרייסטען מוטה, זייערע וואָפען און זייער קענטעניס פון קריעג־פיהרונג צו בעשיצען די בעפעלקערונג, וועלכע האָבען מעהר פאַר אַלץ געוואָלט מען זאָל זיי נאָר לאָזען צו־רוה. די קריעגער־באַנדעס זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען, אויספעכ־טענדיג צווישען זיך זייערע פאַמיליען־קריעג; די גרויסע מאַסען אָבער פלעגען זיך אָנגעהן מיט זייער ערדאַרבייט און האָבען זיך ווייניג געקימערט וועגען די, וואָס האָבען געזוכט צו ווערען זייערע הערשער, כל זמן זיי האָבען ניט געשטערט די אונאָבהענגיגקייט פון זייערע דאָרף־געמיינדען. 2) די נייע בעוואוינער פון אייראָפּאַ

---

1) וו. אַרנאָלד אין זיין „וואַנדערונגען אונד אַנזיעדעלונגען דער דייטשען שטאַממע“, ז. 431, האַלט אַפילו, אַז אַ העלפט פון דעם איצטיגען אַקער־פעהיגען שטח פון מיטעל־דייטשלאַנד איז געווים אָבגעריייניגט געוואָרען שוין אין דער צייט פון 6טען ביז'ן 9טען יאָהרהונדערט. ניטצש („געשיכטע דעס דויטשען פאָלקעס“, לייפּציג 1883, באַנד I) טיילט אויך אָט די מיינונג.

2) לעאָ און באַטטאַ, „די געשיכטע פון איטאַליע“, פראַנצויזישע אויסגאַבע, 1844, באַנד I, ז. 37.

האָבען ענטוויקעלט די סיסטעמען פון לאַנד־בעזיץ און ערד־אַרבייט, וועלכע זיינען נאָך איצט אין קראַפט ביי הונדערטער מיליאָנען מענשען; זיי האָבען אויסגעאַרבייט זייערע סיסטעמען פון שאָדען־ערזאַץ פאַר אָבגעטאָנענע עולות, אָנשטאָט די אַלטע בלוטראַכע פון דעם שטאַם; זיי האָבען זיך אויסגעלערנט די ערשטע אָנפאַנגען פון דער אינדוסטריע; און בעת זיי האָבען בעפעסטיגט זייערע דערפער מיט פּאַליסאַדען, ערד־וואַלען און טהורעמס, וואו צו ענטרינען אין פאַל פון אַ פרישען אָנפאַל, האָבען זיי באַלד איבערגעלאָזט די אַרבייט צו בעשיצען די דאָזיגע טהורעמס און פעסטונגען צו די, וואָס האָבען געמאַכט די קריעג־פיהרונג פאַר זייער ספּעציאַליטעט.

גראָד די פריעדליכקייט פון די באַרבאַרען, און דורכאויס ניט זייערע כלומר׳שט־קריעגערישע אינסטינקטען, איז אויף דעם אופן געוואָרען די סבה, וואָס זיי זיינען שפּעטער פערקנעכטעט געוואָרען צו זייערע מיליטערישע הויפּט־מענער. עס איז קלאָר, אז דער סאָרט לעבען גופא פון די דאָזיגע בעוואָפענטע ברודערשאַפטען האָט זיי געגעבען מעהר מעגליכקייט אָנצוזאַמלען פערמעגענס, איידער די ערד־בעאַרבייטער האָבען עס געקאָנט קריגען אין זייערע לאַנדווירטשאַפטליכע געמיינדען. אַפילו איצטער נאָך זעהען מיר, אז בעוואָפענטע מענשען אונטערנעהמען מאַנכעסמאָל עקספּעדיציעס צו דערשיסען די אַפריקאַנער מאַטאַבעלען און אָבנעהמען ביי זיי זייערע סטאַדעס פיה, אָבוואויל די מאַטאַבעלען זוכען נאָר צו לעבען אין פריעדען און זיינען גרייט אַפילו צו צאָהלען אַ הויכען פרייז פאַר דעם פריעדען. די פאַרצייטיגע באַנדעס זיינען זיכער ניט געוועזען מעהר געוויסענהאַפטיג איידער אונזערע היינטיגע באַנדעס. אָט אַזוי האָבען זיי אָנגערויבט גאַנצע סטאַדעס פיה, אייזען, (וואָס איז דאַמאָלסט געוועזען זעהר טייער 1)) און קנעכט; און הגם דאָס

1) די געלד־שטראָף פאַר גנב׳נען אַ פּראָסטען מעסער איז געוועזען 15 סאָלידי, און פאַר די אייזערנע טיילען פון אַ מיהל — 45 סאָלידי. (זעה וועגען דעם ענין לאַמפּרעכט׳ס „ווירטשאַפט אונד רעכט דער פראַנקען“ אין ראַומער׳ס „היסטאָרישעס טאַשענבוך“ 1883, ז. 52.) לויט דעם ריפּאַריאַן־געזעץ האָט דאָס שווערד, דער שפּיעז און די אייזערנע שוץ־דעקע פון אַ קריעגער געהאַט דעם ווערטה מינדסטענס פון 25 קיה אָדער

גרעסטע טייל פון די אָנגעראַבירטע האָב־און־גוטס איז גלייך אויפ'ן אָרט פערשווענדט געוואָרען אין די בעריהמטע סעודות, וועלכע די עפּישע פּאָעזיע האָט אַזוי שטאַרק בעזונגען, — דאָך איז אַ טייל פון דעם רויב געבליבען און האָט געדיענט צו פערגרעסערן וואָס ווייטער מעהר זייערע פערמעגענס. ערד, ניט־בעאַרבייטע, איז דעמאָלסט געווען אַ סך, און עס האָבען אויך ניט אויסגעפעהלט קיין מענשען, וואָס זיינען געווען גרייט זי צו בעאַרבייטען, ווען זיי וואָלטען נאָר געהאַט די נויטיגע פיה און ווערקצייג. גאַנצע דער־פער, וואָס זיינען רואינירט געוואָרען דורך מגפות אויף זייערע בהמות, דורך פעסט, פייער און אָנגריפען פון נייע איינוואַנדערער, פלעגען אָפט אוועקוואַרפען זייערע הייזער און זיך אוועקלאָזען אין דער וועלט זוכען נייע ערטער אויף צו בעזעצען זיך. דיזעלבע זאַך טהוען זיי נאָך היינטיגען טאָג אין רוסלאַנד אונטער די אייגענע אומשטענדען. און ווען אַן אָנפיהרער פון די בעוואָפענטע באַנדעס פלעגט אָנבאָטען די פויערים עטליכע שטיק פיה אָנצוהויבען אַ בעליבת'ישקייט, אייזען צו מאַכען אַן אַקער, אָדער גאָר אַ פערטיגען אַקער גופא, בעשיצונג פון ווייטערדיגע אָנגריפען און אַ געוויסע צאָהל יאָהרען פריי פון אַלע התחיבות, איידער זיי זאָלען אָנהויבען איהם אָבצאָהלען זייערע שולדען, פלעגען זיי זיך בעזעצען אויפ'ן לאַנד. און דערנאָך, אַז זיי זיינען אויסגעשטאַנען די שווערע קאַמפּפען געגען דער ניט־גערעטעניש פון די פעלדער, געגען פער־פלייצונגען און אַלערליי חולאת'ן, און האָבען שוין אָנגעהויבען אָב־צאָהלען זייערע חובות, זיינען זיי אַריינגעפאַלען אין דיענסט־פער־פליכטונגען צו דעם בעשיצער פון דער טעריטאָריע. בלי ספק זיינען רייכטהימער אָנגעקליבען געוואָרען אויף דעם אופן, און רייכטהום ברייננט מיט זיך אַלעמאָל מאַכט. 1) און דאָך, וואָס

---

צוויי יאָהר אַרבייט פון אַ פריי־מאַן. אַ פאַנצער אליין האָט לויט דעם סאַלישען געזעץ (דעסמיכעלס, ציטירט ביי מישלע) געהאַט דעם ווערטה פון 36 שעפעל ווייץ.

1) דער הויפּט־רייכטום פון די פיהרער איז אַ לאַנגע צייט בע־שטאַנען אין זייערע פּריוואַטע לענדערייען, וואָס זיינען טיילווייז געווען בעפעלקערט מיט געפאַנגענע שקלאַפען, אָבער הויפּטזעכליך מיט די פויערים, ווי אויבען בעשריבען. וועגען דעם אורשפּרונג פון'ם גרונד־

מעהר מיר דרינגען אריין אין דעם לעבען פון יענע צייטען — דעם 6טען און 7טען י. ה. פון אונזער צייטרעכנונג — אַלץ מעהר איבערצייגען מיר זיך, אַז כדי צו בעפעסטיגען די הערשאַפט פון דער קליינער צאָהל מענשען, האָט דאַן געמוזט זיין נאָך אַן עלעמענט, אחוץ רייכטום און מיליטערישע מאַכט. דאָס איז געווען אַן עלעמענט פון רעכט און געזעץ, אַ וואונש פון די מאַסען אויפצו־האַלטען פריעדען און איינצופיהרען גערעכטיגקייט, וואָס עס האָט געגעבען די פיהרער פון די באַנדעס — די קעניגען, הערצאָגען, קניאַזען א. ד. ג. — די מאַכט, וועלכע זיי האָבען דערגרייכט צוויי אָדער דריי הונדערט יאָהר שפּעטער. דיזעלביגע אידעע פון גערעכ־טיגקייט, וועלכע איז אויסגעוואַקסען אין דער שטאַם־פעריאָדע און איז פערשטאַנען געוואָרען אַלס אַ ריכטיג־פּאַסענדע ראַכע פאַר אַן אָבגעטאָנענעם אונרעכט, איז דורכגעגאַנגען ווי אַ רויטער פאָדים דורך דער געשיכטע פון די שפּעטיגערע אינסטיטוציעס, און איז געוואָרען, אַ סך מעהר אַפילו איידער די מיליטערישע אָדער עקאָנאָמישע אורזאַכען, די גרונדלאַגע, אויף וועלכער עס איז אויפ־געבויט געוואָרען די אויטאָריטעט פון די קעניגע און די פעאָדאַלע הערשער.

דער פאַקט איז, אַז איינע פון די הויפּט־זאָרגען פון דער באַרבאַרישער געמיינדע איז אַלעמאַל געווען, ווי עס איז נאָך איצט ביי די היינטיגע באַרבאַרען, צו מאַכען אַ שנעלען סוף צו די שטרייטיגקייטען, וואָס זיינען ענטשטאַנען דורך די דאַמאָלסטדיגע בעגריפען פון גערעכטיגקייט. ווען עס איז פאָרגעקומען אַ מחלקה, האָט זיך די געמיינדע גלייך אַריינגעמישט, און די פאָלקס־פער־זאַמלונג, אויסהערענדיג דעם פאַל, האָט בעשטימט די סומע פון שאָדענערזאַץ (וועהרגעלד), וואָס האָט געזאָלט אָבגעצאָהלט ווערען דעם געשעדיגטען אָדער זיין פאַמיליע, ווי אויך די סומע פון דעם

---

אייגענטום זעה אינאַמאַ סטערנעג „די אויסבילדונג דער גראָססען גרונד־הערשאַפטען אין דייטשלאַנד“ אין שמאָללער'ס „פאָרשונגען“ ב. I 1878; פ. דאַהן „אורגעשיכטע דער גערמאַנישען און ראָמאַנישען פעלקער“, בערלין 1881; מאַורער „דאָרף־פערפאַסונג“; גיזאָ, „עססעי סיר ל'איס־טואַר דע פראַנס“, מעין'ס „ווילאַדזש קאָממוניטיעס“; באָטטאַ, איסטואַר ד'איטאַליע; סעעבאָהם, ווינאָגראַדאָוו, דזש. ר. גרין, א. ז. וו.

קנס (פרעד) פאַר דער רוה־שטערונג, וועלכע דער שולדיגער האָט געדאַרפט צאָהלען דער געמיינדע. מחליקות אין דער געמיינדע גופא זיינען לייכט בעפריעדיגט געוואָרען אויף דעם אופן. ווען אָבער עס האָבען אויסגעבראָכען שטרייטיגקייטען צווישען צוויי פער־שיידענע פעלקערשאַפטען, אָדער צווישען צוויי קאָנפעדעראַציעס פון פעלקער, ניט קוקענדיג אויף אַלע מיטלען, וואָס מען האָט אָנגענומען זיי אויסצומיידען, 1) איז די שוועריגקייט בעשטאַנען אין דעם, צו געפינען אַ ריכטער אָדער אַ פסק־ארויסגעבער, וואָס ביידע צדדים זאָלען אָננעהמען זיין בעשלוס, אי מחמת זיין אונ־פאַרטייליכקייט, אי פאַר זיין וויסען די עלטסטע געזעצען. די שוועריגקייט איז נאָך דערצו געווען גרעסער דערפאַר, וואָס דאָס געוועהנהייטס־רעכט פון די פערשיידענע פעלקער און קאָנפעדע־ראַציעס איז ניט געווען איינ׳ג מכח דעם אָבצאָהל, וואָס האָט געקומט אין פערשיידענע פעלען. דעריבער איז געוואָרען אַ מנהג צו נעהמען דעם פסק־ארויסגעבער פון אזוינע פאַמיליען אָדער שטאַמען, וועלכע האָבען געהאַט אַ נאָמען פאַר זייער האַלטען די אַלטע געזעצען אין זייער גאַנצער ריינקייט, און פאַר זייער בעהאַ־וואָנטקייט אין די ליעדער, טריאַדען, סאַגאַס א. ד. ג., דורך וועלכע דאָס געזעץ איז פעראייביגט געוואָרען אין זכרון. אויפהאַלטען דאָס געזעץ אויף דעם אופן איז געוואָרען אַ מין קונסט, אַ „מיסטעריע“, וואָס איז פאָרזיכטיג איבערגעגעבען געוואָרען אין געוויסע פאַמיליען פון איין דור צו דעם אַנדערן. אזוי פלעגט אין אירלאַנדיע און אין אַנדערע סקאַנדינאַווישע לענדער אויף יעדען אַ ל ט ה י נ ג (אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פאָלק) דער „ל אָ ו ר־ ס אָ ג מ אַ ט ה ע ר“ (געזעץ־זאָגער) דעקלאַמירען אויף אויסוועניג דאָס גאַנצע געזעץ פאַר דער אויפקלערונג פון אַלע פערזאַמעלטע; און אין אירלאַנדיע איז, ווי בעקאַנט, געווען אַ בעזונדער קלאַס מענשען, וואָס זיינען געווען בעריהמט מיט זייער קענטעניס פון די אַלטע טראַדיציעס און האָבען דערפאַר געהאַט אַ גרויסע אויטאָ־ריטעט אַלס ריכטער. 2) און ווען די רוסישע כראָניקער דערצעהלען

---

1) זעה סער הענרי מעין׳ס „אינטערנאַשיאָנאַל לאָוו“, לאָנדאָן 1888.

2) „אַנשיענט לאָוס אָוו אירלאַנד“, איינלייטונג; ע. ביס „עטיד

אונז, אז איינינע פעלקער פון צפון־מערב־רוסלאנד, זעהענדיג ווי עס פערמעהרען זיך די אונרוהען, וועלכע קומען דערפון, וואס „שטאמען שטעלען זיך אויף אנטקעגען שטאמען“, האבען זיך געווענדט צו די נארמאנישע וואראגער, זיי זאלען זיין זייערע ריכטער און קאמאנדירער פון די קריעגער־חברותות; און ווען מיר זעהען ווייטער, אז די קניאזען ווערען די נעקסטע צוויי הונדערט יאהר אויסגעקליבען דורכאויס פון דערזעלביגער נארמאנישער פאמיליע — דאן מוזען מיר בעקומען דעם איינדרוק, אז די סלאווען האבען זיך פערלאזען אויף די נארמאנען בנוגע די ריכטיגע ידיעות פון געזעץ, און זיינען געווען זיכער, אז די פערשיידענע סלאווישע שטאמען וועלען אנערקענען זייערע בעשלוסען פאר גוט. אין דעם פאל האבען די נארמאנען געהאט א שטארקען פארצוג, ווייל זיי האבען געהאט די רונען (א מין אלטען א״ב) דורך וועלכע זיי האבען פערצייכענט די אלטע מנהגים און זיי געקאנט ריכטיג איבערגעבען פון דור צו דור; אבער אין אנדערע פעלען זיינען פאראן שוואכע אנדייטונגען, אז מען פלעגט זיך ווענדען נאך ריכטער צו דעם „עלטסטען“ שטאם, ד. ה. צו אזוינעם, וואס מען האט גערעכענט פאר א מוטערצווייג, און מען האט זיך פערלאזען אויף די פסקים פון זיינע ריכטער ווי אויף די גערעכטסטע. 1) אין א שפעטיגערע עפאכע ווידער זעהען מיר א קלארע טענדענץ אויסצוקלייבען די פסקים־ארויסגעבער פון די קריסטליכע גייסטליכע, וועלכע האבען אין יענער צייט זיך נאך געהאלטען ביי די פונדאמענטאלע, איצטער שוין פערגעסענע, פרינציפען פון קריסטענטום, אז נקמה איז ניט מעשה גערעכטיגקייט. די דאזיגע גייסטליכע האבען דאמאלסט

---

דע דרוא אינטערנאסיאנאל“, ב. I, ז. 1896, ז. 86 און ווייטער. ביי די אססעטען האבען די ריכטער פון דריי עלטסטע דערפער א ספעציעלע רעפוטאציע. (מ. קאוואלעווסקי׳ס „סאווריעמעני אביטשאי אי דרעווני זאקאן“, מאסקווע, 1886, ב. II, ז. 217).

1) מען מעג אננעהמען אז אט דער בעגריף (פערוואנדט מיט׳ן בעגריף פון „טאניסטרי“, דעם מנהג צו וועהלען דעם יורש פון צווישען דער פאמיליע), האט געשפיעלט א וויכטיגע ראליע אין דעם לעבען פון יענער צייט; די פארשונג אבער האט נאך ביז איצט זיך ניט גענומען פאר דעם ענין.

געעפענט די קירכען אלס ענטרינונגס־פלעצער פאר די, וואס זיינען ענטלאפען פון בלוטראכע, און זיי, די גייסטליכע, האבען גערן געדיענט אלס ריכטער אין קרימינאל־פעלען און אלעמאל געארבייט אנטקעגען דעם אלטען שטאם־פרינציפ פון א לעבען פאר א לעבען און א וואונד פאר א וואונד.

מיט איין ווארט, וואס טיעפער מיר דרינגען אריין אין דער געשיכטע פון די ערשטע אינסטיטוציעס, אלץ וועניגער גרונד געפינען מיר פאר דער מיליטערישער טעאריע פון דעם אורשפרונג פון הערשאפט. עס שיינט, אין געגענטייל, אז אפילו די מאכט, וועלכע איז שפעטער געווארען אזא קוואל פון אונטערדריקונג, האט אויך אבגעשטאמט פון די פריעדליכע נייגונגען פון די מאסען.

אין אט די אלע פעלען איז דער קנס, וואס האט אפטמאל בעטראפען ביז א העלפט פון דעם שאדענערזאץ (ווערגעלד), געגאנגען פאר דער פאלקס־פערזאמלונג און איז פון אייביג אן פערווענדט געווארען אויף קהל'שע צוועקען און פערטיידיגונגס־ארבייט. עס האט נאך איצט אויך דיזעלבע פערווענדונג (צו בויען טהורמס) ביי די קאבילען און געוויסע מאנגאלישע שטאמען; און מיר האבען דירעקטע בעווייזען, אז די געריכטליכע געלד־שטראפען זיינען פערברויכט געווארען, אפילו עטליכע יאהרהונ־דערטען שפעטער, אין פסקאוו און אייניגע פראנצויזישע און דייטשע שטעדט, צו פעררעכטען די ווענט פון שטאדט. 1) עס איז אט אזוי געווען גאנץ נאטירליך, אז די געלד־שטראפען זאלען איבערגעגעבען ווערען דעם פסק־ארויסגעבער, וועלכער איז געווען מחויב פון זיין זייט אויפצוהאלטען די סכאלא פון בעוואפענטע זעלנער, וועמען מען האט פערטרויט די פערטיידיגונג פון לאנד, און אויך מקיים פסק צו זיין אויף די בעשטראפטע. דאס איז

1) אין דער חארטא פון דער שטאדט סען־קאנטען פון דעם יאהר 1002 איז געווען קלאר פעסטגעשטעלט, אז דאס אויסלייז־געלד פאר הייזער, וואס האבען געזאלט פערניכטעט ווערען אלס שטראף פאר א פערברעכען, דארף געהן אויף אויסצוהאלטען די שטאדט־וואנט. די זעלבע פערווענדונג האט געהאט דאס „אונגעלד" פון די דייטשע שטעדט, אין פסקאוו איז די קאסע פאר די שטראף־געלדער געווען אין קאטעדראל, און פון דעם פאנד פלעגט מען נעהמען צו פעררעכטען די ווענט.

געוואָרען אַן אַלגעמיינער מנהג אין 8טען און 9טען י. ה., אַפּילו ווען דער פּסק־אַרויסגעבער איז געווען אַ געוועהלטער בישאָף. אויף דעם אופן זיינען אריינגעטראָטען אין לעבען די ערשטע שפּראָצען פון אַ קאָמבינאַציע, וועלכע מיר וואָלטען היינטיגע צייטען אָנרופען די געריכטליכע און עקזעקוטיווע מאכט. די מאכט פון דעם הער־צאָג אָדער קעניג איז אָבער געווען שטרענג בעשרענקט נאָר אויף אָט די צוויי פונקציעס. ער איז ניט געווען קיין רעגיערער איבער'ן פאָלק — די העכסטע מאכט האָט נאָך אַלץ געהערט צו דער פאָלקס־פערזאַמלונג — ער איז אַפּילו ניט געווען דער קאָמאַנדיר פון דער פאָלקס־מיליץ: ווען דאָס פאָלק האָט זיך גענומען פאַר די וואָפען, האָט עס מאַרשירט אונטער אַן אַנדער, אויך אַ געוועהלטען קאָמאַנדיר, וועלכער איז ניט געווען דעם קעניג'ס אונטערטהאַן, נאָר זיין גלייכען. 1) דער קעניג איז געווען דער הערשער נאָר אויף זיינע פּערזענליכע גיטער אליין. פאַקטיש האָט אין דער באַרבאַרי־שער שפּראַך דאָס וואָרט ק אָ נ ו נ ג, ק א נ י נ ג אדער ק י נ י נ ג, גלייך ווי דאָס לאַטייניש ר ע ק ס, ניט געהאַט קיין אַנדער בעדייַ־טונג אַ חוץ „צייטווייליגער פיהרער" אָדער „הויפּטמאַן" פון אַ חברה מענשען. דער קאָמאַנדיר פון אַ שיפען־פלאָט, אָדער אַפּילו פון אַן איינציגען פּיראַטען־שיף, איז אויך געווען אַ ק אָ נ ו נ ג, און אין נאָרוועגען הייסט דער קאָמאַנדיר פון די פישער נאָך עד היום דער נ אָ ט ־ ק אָ נ ג — דער קעניג פון די נעצען. 2) די מאַיעסטעט־פערעהרונג, מיט וועלכער עס איז שפּעטער אַרומגערינגעלט גע־וואָרען די פּערזאָן פון דעם קעניג, האָט נאָך ניט עקזיסטירט, און בעת פעררעטה צום שטאַט איז בעשטראָפט געוואָרען מיט'ן טויט,

---

1) זאָהם „פראַנקישע רעכטס און געריכטספערפאַסונג", ז. 23; אויך ניטצש „געשיכטע דעם דייטשען פאָלקעס", ב. I, ז. 78. דאָס אייגענע איז אויך געווען אין די רוסישע פרייע שטעדט. זעה סער־געיעוויטש „וויעטשע אי קניאַז"; קאָסטאָמאַראָוו, „נאַטשאַלאָ סאַמאָדער זשאַוויאַ"; בעלאַיעוו און אַנדערע.

2) זעה די אויסגעצייכענטע בעמערקונגען וועגען דעם ענין אין אגאסטין טהיעריע'ס בריעף „וועגען דער געשיכטע פון פראנקרייך", 7טער בריעף. די באַרבאַרישע איבערזעצונגען פון טיילען פון דער ביבעל זיינען זעהר אינטערעסאַנט בנוגע דעם פונקט.

האַט דאָס הרג'נען פון אַ קעניג געקאָנט אויסגעקויפט ווערען מיט אַן אָבצאָהל פון שאָדענערזאַץ: נישטמעהר, דער ווערטה פון אַ קעניג איז געוועזן אַזויפיעל און אַזויפיעל העכער איידער פון אַ פשוט'ען פרייען מאַן.1) און ווען דער קעניג קנו (אָדער קאַנוט) האַט גע'הרג'עט אַ מענשען פון זיין אייגענער ס כ אָ ל אַ, האָט ער פעררופען, ווי די סאַגאַ בעריכטעט, זיינע חברים אויף אַ ט ה י נ ג (פערזאַמלונג), וואו ער האַט זיך געשטעלט אויף די קניע און געבעטען אום פערצייהונג. מען האָט איהם פערצייהט, אָבער ער האָט געמוזט איינשטימען צו בעצאָהלען 9 מאָל אַזויפיעל ווי די געוועהנליכע סומע וועהרגעלד, אַ דריטעל פון וועלכער איז געגאַנגען פאַר איהם אַליין, פאַר דעם פערלוסט פון איינעם פון זיינע מענשען, איין דריטעל פאַר די קרובים פון דעם דער'הרג'עטען און אַ דריטעל (דעם פרעד) פאַר דער ס כ אָ ל אַ.2) עס האָט באמת געמוזט פאָרקומען אַ פאָלשטענדיגע ענדערונג אין די דאַמאָלסטיגע בעגריפען, אונטער דעם דאָפעלטען איינפלוס פון דער קירך און די געלעהרטע פון רוימישען רעכט, איידער דער בעגריף פון היילינגקייט איז פערבונדען געוואָרען מיט דער פערזאָן פון דעם קעניג.

אין די ראַהמען פון אָט דעם בוך ליעגט ניט די אויפגאַבע נאָכצופאָלגען די שטופענווייזע ענטוויקלונג פון דער געוואַלט-הער־

---

1) זעקס און דרייסיג מאָל מעהר איידער פאַר אַן אַדעליגען, לויט דעם אַנגלאָזאַקסישען געזעץ. אין דעם קאָדעקס פון ראָטהאַרי ווערט די ערמאָרדונג פון אַ קעניג יאָ בעשטראָפט מיט'ן טויט; אָבער (אָבגעזעהן פון דעם רוימישען איינפלוס) איז די דאָזיגע נייע תקנה איינגעפיהרט געוואָרען (אין יאָהר 646) אין לאָמבאַרדישען געזעץ — ווי לעאָ און באָטטאַ האָבען בעמערקט — צו שיצען דעם קעניג פון בלוטראַכע. אַזוי ווי דער קעניג האָט אין יענער צייט געמוזט אַליין אויספיהרען דעם פסק, וואָס ער פלעגט אַרויסגעבען, (ווי דער שטאַם פלעגט פריהער מוזען אויספיהרען זיינע פסקים), האָט מען איהם דעריבער געדאַרפט בעשיצען דורך אַ ספעציעלער תקנה, דערהויפט ווייל איניגע לאָמבאַרדישע קעניגע פאַר ראָטהאַרי זיינען כסדר ערמאָרדעט געוואָרען. לעאָ און באָטטאַ, „געשיכטע פון איטאַליע“, ב. I, ז. 90—66.

2) קויפמאַן, „דויטשע געשיכטע“ באַנד 1, „די גערמאַנען דער אורצייט“, ז. 133.

שאפט, ווי זי איז אויסגעוואקסען פון די עלעמענטען, וועלכע עס זיינען אָקאָרשט אָנגעצייגט געוואָרען. אזעלכע היסטאָריקער, ווי גרין און פרוי גרין פאר ענגלאנד, אָגוסטען טיעררי, מישלע און ליושער פאר פראנקרייך, קויפמאַן, יאנססען ו. ארנאָלד און אפילו ניטצש פאר דייטשלאנד, לעאָ און באָטטא פאר איטאליע, בעלאָעוו, קאָסטאָמאראָוו און זייערע נאָכפאָלגער פאר רוסלאנד, האָבען די דאָזיגע געשיכטע דערצעהלט גאַנץ אויספיהרליך. זיי האָבען בעוויזען, ווי בעפעלקערונגען, וועלכע זיינען פריהער געווען פריי און האָבען בלויז איינגעוויליגט „צו שפייזען" אַ געוויסען טייל פון זייערע מיליטערישע בעשיצער, זיינען ביסלעכווייז געוואָרען די לייבאייגענע פון די דאָזיגע בעשיצער; ווי עס איז געוואָרען אַ שווערע נויטווענדיגקייט פאר יעדען פרייען מענשען זיך „איבער־צוגעבען" צו דער קירך אָדער צו אַ פעאָדאלען העררן; ווי דער שלאָס פון דעם פעאָדאלען פריץ אָדער פון בישאָף איז געוואָרען אַ נעסט פון רויבער — קורץ ווי דער יאָך פון פעאָדאליזם איז ארויפ־געלעגט געוואָרען — און ווי די קרייץ־צוגען, בעפרייענדיג די לייבאייגענע, וועלכע האָבען געטראָגען דעם קרייץ, האָבען געגעבען דעם ערשטען שטויס צו דער פאָלקס־בעפרייאונג. דאָס אַלץ איז ניט נויטיג דאָ איבערצודערצעהלען, דען אונזער הויפטצוועק איז נאָכצופאָלגען דעם ק אָ נ ס ט ר ו ק ט י וו ע ן גייסט פון די מאסען אין זייערע אינסטיטוציעס פאר געגענזייטיגער הילף.

אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די לעצטע שפורען פון פרייהייט זיינען פערשוואונדען געוואָרען ביי די בארבארען, און אז אייראָפּא, וועלכע איז געפאלען אונטער דער הערשאפט פון טויזענדער קליינע געוועלטיגער, דערנעהנטערט זיך צו דער גרינדונג פון אזוינע טעאָקראטישע אָדער דעספּאָטישע שטאאטען, ווי די וואָס זיינען געקומען נאָך דער בארבארישער שטופע אין די פריהערדיגע עפּאָכען פון ציוויליזאציע, אָדער צו דער גרינדונג פון בארבארישע מאָנארכיען, ווי די וועלכע מיר זעהען איצטער אין אפריקא — אין יענער צייט האָט דאָס לעבען אין אייראָפּא גענומען אנאנדער ווענדונג. די ציוויליזאציע איז אוועקגעגאנגען אויף אזוינע ליניעס, וועלכע זיינען געווען עהנליך צו די, וואָס זי האָט אַמאָל אָנגענומען אין די שטעדט פון אַלטען

גריעכענלאנד. די בעפעלקערונגען פון די שטאָדט און די קלענסטע שטעדטלעך האָבען אָנגעהויבען אראָבשאָקלען פון זיך דעם יאָך פון זייערע וועלטליכע און גייסטליכע הערשער מיט אזא אחדות, וואָס קומט אונז איצט פאר כמעט אונבעגרייפליך, און וועלכע די היס־טאָריקער האָבען עס טאקע א לאנגע צייט ניט געקאָנט פערשטעהן. דער ארומגעפעסטיגטער דאָרף איז אויפגעשטאנען אנטקעגען דעם הערר׳ס שלאָס: ער האָט צושטערט ווידערגעשפעניגט קעגען איהם, דערנאָך האָט ער איהם אטאקירט און ענדליך איהם פערניכטעט. די בעוועגונג האָט זיך פערשפרייט פון אָרט צו אָרט, אריינציהענדיג דערין יעדע שטאָדט אין גאנץ אייראָפּא, און אין ווייניגער ווי הונדערט יאָהר זיינען ארויסגערופען געוואָרען אין לעבען פרייע שטעדט אויף די ברעגעס פון מיטעללענדישען ים, פון׳ם נאָרד־זעע, פון באלטישען ים, פון אטלאנטישען אָקעאן, ביז צו די פיאָרדען פון סקאנדינאוויע; ביי די פיס פון די אפעניגישע בערג, די אלפען, דעם שווארצוואלד, די גראמפיאן־בערג און די קארפּאטהען; אין די פלאכלענדער פון רוסלאנד, אונגארן, פראנקרייך און שפאניען. אומעטום איז פארגעקומען דערזעלבער אויפשטאנד, וואָס האָט געהאט דיזעלביגע כאראקטעריסטישע שטריכען, איז דורכגעגאנגען דיזעלביגע שטופען און געפיהרט צו דיזעלביגע רעזולטאטען.

אין יעדען אָרט וואו מענשען האָבען געפונען אָדער געהאָפט צו געפינען א וועלכע עס איז בעשיצונג הינטער די שטאָדטישע ווענט, האָבען זיי איינגעפיהרט זייערע „בעשווערונגען“, זייערע „ברודערשאַפטען“ און „פריינדשאפטען“, און פעראייניגטע דורך א געמיינשאפטליכע אידעע, זיינען זיי מוטהיג געגאנגען אנטקעגען דעם נייעם לעבען פון געגענזייטיגער הילף און פרייהייט. און עס איז זיי אזוי גוט געלונגען, אז אין דריי אָדער פיער הונדערט יאָהר האָבען זיי פאלשטענדיג אומגעביטען דאָס גאנצע אויסזעהן פון אייראָפּא. זיי האָבען בעדעקט דאָס לאנד מיט שענע, קאָסט־בארע געביידען, וואָס האָבען אויסגעדריקט דעם גייסט פון פרייע פעראייניגונגען פון פרייע מענשען, און האָבען עד היום צו זיך קיין גלייכען ניט אין פרט פון שענקייט און אויסדרוקספולקייט; און זיי האָבען געלאָזען א ירושה פאר די דורות נאָך זיך אלע קונסטען, אלע אינדוסטריען, פון וועלכע אונזער איצטיגע קולטור

מיט אַלע איהרע אויפטהואונגען און צוזאָגען פאַר דער צוקונפט איז נישט מעהר ווי אַ ווייטערע ענטוויקלונג. און ווען מיר זוכען איצטער צו בעשטימען, וועלכע קרעפטען האָבען אַרויסגעבראַכט אָט די גרויסע רעזולטאַטען, געפינען מיר זיי — ניט אין דעם זשעניע פון איינצעלנע העלדען, ניט אין דער מעכטיגער אָרגאַניזאַציע פון די ריעזיגע שטאַאַטען און ניט אין די פּאָליטישע פעהיגקייטען פון זייערע רעגירער, נאָר דוקא אין דעם זעלביגען שטראָם פון געגענזייטיגער הילף און שטיצע, וואָס מיר האָבען געזעהן ווירקענדיג אין דער דאָרף־געמיינדע, און וועלכע האָט אויפגעלעבט און זיך בענייט אין מיטעלאַלטער דורך אַ נייער פאָרם פון פעראייניגונג, וואָס איז געווען פול מיט דעמזעלבען גייסט, נור אויסגעגאָסען נאָך אַ נייעם מוסטער — די גילדען.

ביי היינטיגער צייט איז שוין גוט בעוואוסט, אַז די דאָרף־געמיינדע האָט זיך ניט געמוזט אויפלעזען אין דעם פעאָדאַליזם. אָבוואוהל עס האָט זיך איינגעגעבען די פעאָדאַלען אַרויפצולעגען אויף די פויערים דעם יאָך פון פּאָנשציזנע און צונעהמען פאַר זיך אַזוינע רעכט, וועלכע האָבען פריהער געהערט נאָר צו דער דאָרף־געמיינדע (שטייערן, חזקה לצמיתות (מאָרטמען), אָבצאָהל אויף ירושות און חתונות), פונדעסטוועגען האָבען די פויערים איינגעהאַלטען פאַר זיך די צוויי פונדאמענטאַלע רעכט פון זייערע געמיינדען: דעם געמיינשאַפטליכען בעזיץ פון דער ערד און די אייגענע געריכטען (זעלבסט־יורישדיקציע). אין די אַמאָליגע צייטען, אַז אַ קעניג האָט געשיקט אין אַ דאָרף זיין וואָיט (ריכטער), פלעגען די פויערים איהם אויפנעהמען מיט בלומען אין איין האַנד און כלי זיין אין דער אַנדערער, און פלעגען איהם פרעגען, וועלכען געזעץ ער האָט בדעה אָנצו־ווענדען: דאָס געזעץ וואָס ער געפינט אין דאָרף, אָדער דאָס געזעץ, וואָס ער ברייננגט מיט זיך? אין דעם ערשטען פאַל, האָבען זיי איהם אָבגעגעבען די בלומען און האָבען איהם אָנגענומען, אין דעם צווייטען פאַל — האָבען זיי זיך געשלאָגען מיט איהם. 1) איצטער האָבען זיי געמוזט אָננעהמען דעם קעניג׳ס אָדער דעם פעאָדאַל׳ס בעאַמטען, ווייל זיי האָבען זיך ניט

---

1) פעליקס דאַהן „אורגעשיכטע דער גערמאַנישען און ראָמאַנישען פעלקער, בערלין, 1881, באַנד I, ז. 96.

געקאָנט העלפען, אָבער זיי האָבען אויפגעהאַלטען די יורידיקציע פון דער פאָלקס־פערזאמלונג און האָבען אַליין בעשטימט זעקס, זיעבען אָדער צוועלף ריכטער, וועלכע האָבען געדיענט צוזאַמען מיט דעם פעאָדאַל'ס ריכטער אויף דער פאָלקס־פערזאמלונג אַלס פער־מיטלער און פסק־געפינער. דאָס רוב האָט דער בעאַמטער גאָר נישט געקאָנט טהאָן אויסער בעשטעטיגען דעם פסק־דין און אויפ־מאָהנען דעם געוועהנליכען שטראָף (פרעד). דאָס דאָזיגע אונ־שעצבאַרע רעכט פון אייגענער יורידיקציע, וואָס האָט יענע צייטען געמיינט אויך אָן אייגענע אדמיניסטראַציע און אָן אייגענע געזעצ־געבונג, איז געבליבען ביי זיי דורך אַלע קעמפפען, וואָס זיי האָבען אָנגעפיהרט; אפילו די יוריסטען, מיט וועלכע קאַרל דער גרויסער איז געווען אַרומגערינגעלט, האָבען עס ניט געקענט אָבשאַפען; זיי האָבען עס געמוזט בעשטעטיגען. אין דערזעלביגער צייט האָט די פאָלקס־פערזאמלונג אויפגעהאַלטען איהר העכסטען רעכט בנוגע אַלע זאַכען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דעם ערד־בעזיץ פון דער געמיינדע, און ווי מאָורער האָט בעוויזען, האָבען זיי אין פראַגען פון ערד־בעזיץ אָפטמאָל געפאָדערט, אַז דער פעאָדאַל אַליין זאָל זיך אונטערוואַרפען אונטער זייער בעשלוס. די שטאַרקסטע ענטוויקלונג פון פעאָדאַליזם האָט ניט געקאָנט ברעכען זייער ווידערשטאַנד; די דאָרף־געמיינדע האָט זיך פעסט געהאַלטען אָן איהרע רעכט; און אין 9טען און 10טען י. ה., בעת די איבער־פאַלען פון די נאָרמאַנען, אראַבען און אוגריער (פינען, אונגאַרישע שטאַמען) האָבען קלאָר בעוויזען, אַז די מיליטערישע סכאַלען האָבען געהאַט אַ קנאַפען ווערטה פאַר דער פערטיידיגונג פון לאַנד, האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַלגעמיינע בעוועגונג איבער גאַנץ אייראָפּאַ ארומצופעסטיגען די דערפער מיט שטיינערנע ווענט און ציטאַדעלען. טויזענדער בעפעסטיגטע צענטראַל־פונקטען זיינען דענסטמאָל אויפגעבויט געוואָרען דורך דער ענערגיע פון די דאָרף־געמיינדען; און איינמאָל זיינען די ווענט שוין אויפגעבויט גע־וואָרען, איינמאָל איז געשאַפען געוואָרען אַ געמיינשאַפטליכער אינטערעס אין אָט דעם נייעם הייליגטום — די שטאָדט־מויערן — האָבען זיי באַלד פערשטאַנען, אַז פון איצט אָן קאָנען זיי זיך שטעלען אַנטקעגען די אָנגריפען פון זייערע אינערליכע פיינד, די פעאָדאַלען, אַזוי גוט ווי אַנטקעגען די איבערפאַלען פון די פרעמדע.

אַ נײַ לעבען פון פרײַהײַט האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אין אָט די בעפעסטיגטע ווענט. די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט איז געבוירען געוואָרען. 1)

קײן געשיכטליכע פעריאָדע קאָן בעסער ניט בעווייזען די קאָנסטרוקטיווע כחות פון די פאָלקסמאַסען, אײדער דער צעהנטער

---

1) אויב איך האַלט זיך דערין אָן די אַנזיכטען, וועלכע מאַורער האָט פערטײדיגט אַ לאַנגע צײַט („געשיכטע דער שטאַדטפערפאַססונג אין דײַטשלאַנד", ערלאַנגען, 1869), איז עס דערפאַר, ווײַל ער האָט פאָל־שטענדיג בעוויזען די ניט־אונטערבראָכענע ענטוויקלונג פון דער דאָרף־געמײַנדע ביז צו דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט, און ווײַל נאָר זײַנע אַנזיכטען אַלײן קאָנען דערקלערען די אַלגעמײנקײַט פון אָט דער קאָמונאַל־בעוועגונג. סאַוויני, עיכהאָרן און זײערע נאָכפאָלגער האָבען זיכער בעוויזען, אַז די טראַדיציעס פון די רוימישע *מוניציפיאַ* זײַנען קײנמאָל ניט אינגאַנצען פערשוואונדען. זײ האָבען אָבער גאָר ניט גענומען אין בעטראַכט די פעריאָדע פון דער דאָרף־געמײַנדע, וועלכע די באַרבאַרען האָבען דורכגעלעבט אײדער זײ האָבען געהאַט וועלכע עס איז שטעדט. דער פאַקט איז, אַז אַלעמאָל ווען די מענשהײַט האָט געמאַכט אַ נײַעם אָנהויב אין ציוויליזאַציע, אין גריעכענלאַנד, רוים אָדער מיטען־אײראָפּאַ, איז זי דורכגעגאַנגען דיזעלביגע שטופען — דער שטאַם, די דאָרף־געמײַנדע, די פרײַע שטאָדט, דער שטאַאַט — און יעדע שטופע האָט זיך נאַטירליך ארויסגעוויקעלט פון דער פריהערדיגער. עס פערשטעהט זיך, די ערפאַהרונג פון יעדער פריהערדיגער ציוויליזאַציע איז קײנמאָל ניט פערלאָרען געגאַנגען. גריעכענלאַנד, (וועלכע איז אַלײן בעאײַנפלוסט געוואָרען פון דער מזרח־ציוויליזאַציע), האָט געהאַט אַן אײַנפלוס אויף רוים, און רוים האָט געהאַט אן אײַנפלוס אויף אונזער ציוויליזאַציע; אָבער יעדע פון זײ האָט אָנגעהויבען פון דעמזעלבען אָנהויב — דעם שטאַם. און אַקוראַט ווי מיר קאָנען ניט זאָגען, אַז אונזערע שטאַאַטען זײַנען פאָרטזעצונגען פון דעם רוימישען שטאַאַט, אַזוי קאָנען מיר אויך ניט זאָגען, אַז די מיטעלאַלטערליכע שטעדט פון אײראָפּאַ (אײַנשליסענדיג סקאַנדינאַוויע און רוסלאַנד) זײַנען געווען אַ פאָרטזעצונג פון די רוימישע שטעדט. זײ זײַנען געווען אַ פאָרטזעצונג פון דער באַרבאַרישער דאָרף־געמײַנדע, בעאײַנפלוסט ביז אַ געוויסען גראַד פון די טראַדיציעס פון די רוימישע שטעדט.

און עלפטער י. ה., ווען די בעפעסטיגטע דערפער און מארק־שטעדטלעך, וועלכע האבען מיט זיך פארגעשטעלט אזויפיעל „אאזען אין דעם פעאדאלען וואלד“, האבען אנגעהויבען זיך צו בעפרייען פון זייער פעאדאלען יאך, און האבען לאנגזאם ארויסגעארבייט די צוקינפטיגע שטאדט־ארגאניזאציע. ליידער האבען מיר גראד וועגען אט דער פעריאדע ספעציעל ווייניג היסטארישע ידיעות: מיר ווייסען די רעזולטאטען, מיר האבען אבער זעהר ווינציג ידיעות וועגען די מיטלען, דורך וועלכע די רעזולטאטען זיינען צושטאנד געבראכט געווארען. אונטער דעם שוטץ פון זייערע מויערן האבען די שטאדטישע פאלקס־פערזאמלונגען — גאנץ זעלבסטשטענדיג, אדער אונטער דער פיהרערשאפט פון די וויכטיגע פריצישע אדער סוחר׳ישע פאמיליען — געוואונען און איינגעהאלטען דאס רעכט צו וועהלען דעם מיליטערישען פערטיידיגער און דעם העכסטען ריכטער פון דער שטאדט, אדער ווייניגסטענס צו מעגען זיך אויסקלייבען פון צווישען די, וועלכע האבען געהאט פרעטענזיעס אויף די דאזיגע שטעלען. אין איטאליען פלעגען די יונגע קאמונעס שטענדיג אוועק־שיקען זייערע „דעפענסארעס“ אדער „דאמיני“, און האבען זיך גע־שלאגען מיט די, וואס האבען ניט געוואלט אוועקגעהן. דאס אייגענע פלעגט פארקומען אין די מזרח־שטעדט. אין בעהמען פלעגען די רייכע און ארעמע צוגלייך זיך בעטייליגען אין די וואהלען;[1] און די „וויעטשעס“ (פאלקספערזאמלונגען) פון די רוסישע שטעדט פלעגען רעגעלמעסיג אויסוועהלען זייערע קניאזען — שטענדיג פון דער זעלבער פאמיליע ר ו ר י ק, — שליסען מיט זיי אבמאכען, און פלעגען משלח זיין דעם קניאז, אויב ער האט ארויסגערופען אונ־צופריעדענהייט.[2] אין דער אייגענער צייט זיינען די מייסטע

---

1) מ. קאוואלעווסקי, „מאדערן קאסטאמס ענד אנשענט לאום או ראשיע“ (אילטשעסטער לעקטשורס, לאנדאן 1891, לעקטשור 4).

2) עס האט זיך געפאדערט א סך פארשונגען איידער דער דאזיגער כאראקטער פון דעם אזוי אנגערופענעם „אודיעלני פעריאד“ איז ריכטיג פעסטגעשטעלט געווארען דורך די ווערק פון ביעלאיעף („ראזסקאזי איז רוסקאי איסטאריי“), קאסטאמאראוו („נאטשאלא יעדינאדערזשאוויא נא רוסי“) און דערהויפט פראפעסאר סערגייעוויטש („וויעטשע אי קניאז“). די ענגלישע לעזער קאנען געפינען געוויסע אויסקונפטען וועגען

שטעדט אין מערב און דרום אייראפא געווען געניינט צו נעהמען פאר זייער „רעפענסאר" (בעשיצער) א בישאף, וועלכען די שטאדט האט אליין אויסגעוועהלט; און אזויפיעל בישאפען האבען זיך געשטעלט בראש צו בעשיצען די פריווילעגיען און פערטיידיגען די פרייהייטען פון די שטעדט, אז פיעלע פון זיי זיינען נאכ'ן טויט בעטראכט געווארען אלס הייליגע אדער ספעציעלע בעשיצער פון פערשיידענע שטעדט. סט. אוטהעלרעד פון ווינטשעסטער, סט. אולריק פון אוגסבורג, סט. וואלפגאנג פון ראטיסבאן, סט. הערי־בערט פון קעלן, ס. אדאלבערט פון פראג א. אז. וו. אזוי זיינען אויך פיעלע אבבאטען און מאנאכען געווארען הייליגע פון זייערע שטעדט, ווייל זיי האבען פערטיידיגט די רעכט פון פאלק.1) און די בירגער האבען אונטער די נייע „רעפענסארם", סיי זיי זיינען געווען וועלטליכע, סיי גייסטליכע, ערא֗בערט פאר זייערע פאלקס־פערזאמלונגען דאס רעכט פון אייגענער יוריסדיקציע און אדמיני־סטראציע.2)

---

דער פעריאדע אין דעם אויבענדערמאנטען ווערק פון מ. קאוואלעווסקי, אין ראמבא'ס „היסטארי או ראשיע" און אין א קורצע רעזומע פון דעם פערפאסער אין ארטיקעל „ראשיע" אין טשאמבערס ענציקלאפעדיע (אויס־גאבע פון די 90גער יאהרען).

1) פעררארי „געשיכטע פון רעוואלוציעס אין איטאליע" (פראנצ.), באנד I, ז. 257; קאלסען, „די דייטשען שטעדטע אים מיטעלאלטער", באנד I, האללע, 1891.

2) זעה די פארטרעפליכע בעמערקונגען פון ג. ל. גאממע בנוגע דער פאלקספערזאמלונג פון לאנדאן („דהי ליטעראטשור או לאקאל אינסטי־טושאנס", לאנדאן, 1886, ז. 76). מען מוז אבער בעמערקען, אז אין די קעניגליכע שטעדט האט די פאלקספערזאמלונג קיינמאל ניט געגרייכט די שטופע פון זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכע זי האט זיך ערווארבען אנדערש־וואו. עס איז אפילו זיכער, אז די קעניגע און די קירך האבען דערפאר אויסגעקליבען מאסקווע און פאריז אלס די וויעגעלעך פון דער צוקינפ־טיגער קעניגליכער אויטאריטעט און דעם שטאאט, ווייל די דאזיגע שטעדט האבען ניט געהאט די טראדיציע פון פאלקספערזאמלונגען, וועלכע זיינען געווען געוועהנט צו האנדלען אין אלע אנגעלעגענהייטען ווי א העכסטע מאכט.

דער גאַנצער פּראָצעס פון בעפרייאונג איז פאָרטשריטליך אָנגעגאַנגען אַ דאַנק די פיעלע אונבעמערקליכע טהאַטען פון איבער־געבענהייט צו די כלל־אינטערעסען, וואָס זיינען אויסגעפיהרט גע־וואָרען דורך מענשען, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון די פאָלקס־מאַסען — פון אונבעקאַנטע העלדען, וועמעס נעמען עס זיינען אפילו ניט געבליבען אין דער געשיכטע. די וואונדערבאַרע בעוועגונג, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „גאָט'ס פריעדען“ (טרועגאַ דעי), דורך וועלכע די פאָלקסמאַסען האָבען זיך געמיהט צו בעגרע־ניצען די אונענדליכע שטאַם־שטרייטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען די חשוב'ע פאַמיליען, איז געבוירען געוואָרען אין די יונגע שטעדט, וואו די בישאָפען און די בירגער האָבען זיך געפלייסט אָנווענדען בנוגע די פריצים דעם פריעדען, וואָס זיי האָבען איינגע־פיהרט אינערהאַלב די מויערען פון זייערע שטעדט.1) שוין אין יענער פעריאָדע האָבען די האַנדעל־שטעדט פון איטאַליע, און דער־הויפּט אַמאַלפי, (וועלכע האָט געהאַט איהרע געוועהלטע קאָנסולען זינט 844 און האָט אָפט געביטען איהרע דאָזשען אין צעהנטען י. ה.2) אויסגעאַרבייט דאָס געמיינרעכט פון שיפ־פאַהרט און האַנדעל, וואָס איז שפּעטער געוואָרען אַ מוסטער פאַר גאַנץ אייראָפּאַ. ראַווענאַ האָט אויסגעאַרבייט איהר האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע, און מילאַן, וועלכע האָט געמאַכט איהר ערשטע רעוואָלוציע אין יאָהר 980, איז געוואָרען אַ גרויסער צענטער פאַר קאָמערציע און איהרע

---

1) א. לושער, „לע קאָמונס פראַנסעז“; זעה אויך קלוקאָהן, „גע־שיכטע דעם גאָטעספריעדען“, 1857. ל. סעמישאָן („לאַ פעי ע לאַ טרעוו דע דיעו“, 2 בענדער, פאַריז, 1896) האָט געזוכט פאָרצושטעלען די גע־מיינדען־בעוועגונג אַלס אַ פאָלגע פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע. אין דער ווירקליכקייט איז דער „טרועגאָ דעי“, אַזוי גוט ווי די ליעגע, וואָס איז ענטשטאַנען אונטער לואי דעם דיקען צו בעשיצען זיך אַנטקעגען די רויבערישע אָנפאַלען פון די באַראָנען און די נאָרמאַנישע איבערפאַלען, דורך און דורך א פאָלקסבעוועגונג. דער איינציגער היסטאָריקער, וואָס דערמאָנט די דאָזיגע ליעגע — וויטאַליס — בעשרייבט עס אַלס אַ פאָלקס־געמיינדע. („קאָנסידעראַסיאָן סיר ל'איסטואַר דע פראַנס“ אין 4טען באַנד פון אויג. טהיער'ס ווערק, פאַריז, 1868, ז. 191 און בעמערקונג.)

2) פעררארי, באַנד 1, 152, 263, א. וו.

געווערבען האָבען געהאַט פאָלשטענדיגע אונאָבהענגיגקייט זינט דעם 11טען יאָהרהונדערט. 1) אַזוי אויך בריגגע און גהענט; דאָס גלייכען איינינגע שטעדט פון פראַנקרייך, אין וועלכע דער „מאהל“ אָדער „פאָרום“ (פאָלקס-טריבונאַל) איז געוואָרען אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע.2) און שוין אין פערלויף פון יענער פעריאָדע האָט זיך אָנגעהויבען די אַרבייט פון דעקאָרירען אַרטיסטיש די שטעדט דורך אַרכיטעקטור-ווערק, וועלכע מיר בעוואונדערן נאָך איצטער, און וועלכע זאָגען עדות בקול רם אויף דער גייסטיגער בעוועגונג פון יענע צייטען. „די טעמפּלען זיינען דענסטמאָל בענייט געוואָרען כמעט איבער דער גאַנצער וועלט“ האָט ראַול גלאַבער געשריבען אין זיין כראָניק, און איינינגע פון די שעהנסטע מאָנומענטען פון דער מיטעלאַלטערליכער אַרכיטעקטור שטאַמען אָב פון יענער פעריאָדע: די וואונדערבאַרע אַלטע קירך אין ברעמען איז געבויט געוואָרען אין 9טען י. ה.; סאַן מארקאָ פון ווענעדיג איז געענדיגט געוואָרען אין 1071, און דער שעהנער דאָם פון פּיזאַ אין 1063. דער פאַקט איז, אַז די גייסטיגע בעוועגונג, וועלכע איז בעשריבען געוואָרען אַלס די רענעסאַנס פון 12טען י. ה.3) און דער ראַציאָנאַליזם פון 12טען י. ה. — דער פאָרלויפער פון דער רעפאָרמאַציאָן 4) — שטאַמען פון יענער פעריאָדע, ווען די מעהרסטע שטעדט זיינען נאָך געווען איינפאַכע הייפלעך פון קליינע דאָרפגעמיינדען, איינגעשלאָסען אין מויערען.

נאָך איין עלעמענט אָבער, אַחוץ דעם פּרינציפּ פון דער דאָרפגעמיינדע, איז געווען נויטיג, כדי צו קאָנען געבען אָט די וואַקסענדע צענטערס פון פרייהייט און אויפקלערונג די איינהייט פון

---

1) פעררענס, „איסטואַר דע פלאָרענס“, ב. I, ז. 188; פעררארי, דאָרט גופא I, ז. 283.

2) אויג. טהיער, „עססעי איבער דער געשיכטע פון דריטען שטאַנד“ (פראַנצ.), פּאַריז 1875, ז. 414 און בעמערקונג.

3) פ. ראַקען, „די רענעסאַנס פון 12טען יאָהרהונדערט“ (פראַנצ.) אין „עטיודען איבער דער געשיכטע פון פראַנקרייך“, פּאַריז 1875, ז. 55—117.

4) נ. קאָסטאָמאַראָוו, „ראַציאָנאַליסטי XII־וואָ וויעקאַ“.

דענקען און טהאָן און די מאַכט פון איניציאַטיווע, וועלכע האָט געשאַפען זייער שטאַרקייט אין צוועלפטען און דרייצעהנטען י. ה.. מיט דער וואַקסענדער פערשיידענאַרטיגקייט פון די בעשעפטיגונגען, האַנדווערק און קונסטען, און מיט דעם וואַקסענדען האַנדעל אין ווייטע לענדער האָט זיך אויסגעבילדעט די נויטווענדיגקייט פון אַ נייער פאָרם פון פעראייניגונג — און אָט דער נייער עלעמענט איז געפונען געוואָרען אין די **גילדען**. ביכער איבער ביכער זיינען געשריבען געוואָרען וועגען אָט די פעראיינען, וועלכע האָבען אונטער די נעמען **גילדען**, **ברודערשאַפטען**, **פריינדשאַפטען**, „דרושעסטוואָ", „מיננע", „אַרטעלען" אין רוסלאַנד, „עסנאַף" אין סערביע און טערקיי, „אַמקאַרי" אין גרוזיניען, אַזוי שטאַרק זיך ענטוויקעלט אין מיטעלאַלטער, און געשפּיעלט אַזאַ וויכטיגע ראָליע אין דער בעפרייאונג פון די שטעדט. עס האָט אָבער גענומען די היסטאָריקער מעהר ווי זעכציג יאָהר, איידער מען האָט אָנגעהויבען פערשטעהן די אַלגעמיינע פערברייטונג פון אָט דער אינסטיטוציע און איהר אמת'ן כאַראַקטער. ערשט איצטער, ווען הונדערטער סטאַטוטען פון גילדען זיינען אָבגעדרוקט און אויסגעפאָרשט געוואָרען, און עס איז שוין בעקאַנט געוואָרען זייער פערוואַנדטשאַפט מיט די רוימישע „קאָלעגיע" און די נאָך פריהערדיגע פעראיינען אין גריכענלאַנד און אינדיע,1) קאָנען מיר בעהויפּטען מיט פולער זיכערקייט, אַז אָט די ברודערשאַפטען זיינען נאָר געווען אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון דעמזעלבען פּרינציפּ, וואָס מיר האָבען געזעהן ווירקענדיג אין דעם **גענס** און אין דער דאָרף־געמיינדע.

קיין זאַך קאָן ניט בעסער אָבמאָלען די דאָזיגע מיטעלאַלטערליכע ברודערשאַפטען, ווי די צייטווייליגע גילדען, וועלכע פלעגען געשאַפען ווערען אויף די האַנדעלס־שיפען. ווען אַ שיף פון דער

---

1) זעהר אינטערעסאַנטע פאַקטען בנוגע דער אַלגעמיינער פערשפּרייטונג פון די גילדען קאָן מען געפינען אין דעם ווערק פון רעוו. דזש. מ. לאַמבערט „טו טהאוזענד יאירס אָוו גילד־לייף", הולל, 1891. וועגען די גרוזינער „אַמקאַרי" זעה עגיאַזאַראָוו, „גאָראָדסקיע צעכי" (די אָרגאַניזאַציע פון די טראַנסקאַווקאַזישע אַמקאַרי) און די „זאַפּיסקי" פון דער קאַווקאַזישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט XIV, 2, 1889.

האנזא (א האנדעלס־קאָנפעדעראַציע פון שטעדט געגרינדעט אין 13טען י. ה.) איז אָבגעגאַנגען דעם ערשטען האַלבען טאָג, נאָכ־דעם ווי עס האָט פערלאָזען דעם האַפען, פלעגט דער קאַפּיטאַן (שיפער) פערזאַמלען די שיף־לייט און די פּאַסאַזשירען אויפ'ן דעק און האַלטען פאר זיי די פאָלגענדע רעדע, ווי מיר געפינען עס אין א בעריכט פון א מענשען פון יענער צייט: —

„אַזוי ווי מיר זיינען איצט אין די הענד פון גאָט און די וואַלען, — האָט ער געזאָגט — מוז יעדער איינער זיין גלייך צו יעדען אַנדערן. און אַזוי ווי מיר זיינען אַרומגערינגעלט פון שטורמס, הויכע אינדען, ים־רויבער און אנדערע סכנות, מוזען מיר האַלטען א שטרענגע אָרדנונג, כדי מיר זאָלען קענען ברענגען אונזער נסיעה צו א גוטען סוף. דעריבער וועלען מיר איצט זאָגען די תפלה פאר א גוטען ווינד און א גליקליכע רייזע, און מיר וועלען, לויט דעם מאַרין־געזעץ, אויסקלייבען די מענשען, וואָס זאָלען פערנעהמען די ריכטער־פּלעצער (שאָפּפען־שטעלען). גלייך נאָכדעם האָבען אַלע אויסגעקליבען א וואָגט און פיער ס ק א ב י נ י, וועלכע זיינען געוואָרען די ריכטער. ביים סוף פון דער רייזע האָט דער וואָגט און די סקאַביני אָבגעגעבען זייער אַמט און אַדרעסירט די מענשען פון שיף ווי פאָלגט: — „וואָס איז געשעהן אויפ'ן שיף, מוזען מיר איינער דעם אַנדערן מוחל זיין און בעטען [illegible]טען ווי אָבגעשטאָרבען („טאָדט אונד אָב זיין לאַססען"). מיר האָבען גע'משפּט לויט יושר און אין די אינ־טערעסען פון גערעכטיגקייט. דעריבער בעטען מיר אייך אַלעמען, אין נאָמען פון עהרליכע גערעכטיגקייט, צו פערגעסען יעדע שנאה, וואָס איינער קאָן טראָגען אויפ'ן אַנדערען, און שווערען אויף ברויט מיט זאַלץ, אַז איהר וועט ניט דענקען וועגען דעם מיט בייזקייט. אויב אָבער וועך עס איז רעכענט זיך געקריוודעט, מוז ער אַפּעלירען צום לאַנד־וואָגט און בעטען ביי איהם גערעכטיגקייט איידער די זון געהט אונטער." — אראָבגעהענדיג פון שיף פלעגט מען איבערגעבען אַלע געלד־שטראַפען דעם וואָגט פון האַפען־שטאָדט, צו פערטיילען צווישען די אָרימעלייט."1)

אָט די איינפאַכע ערצעהלונג גיט אפשר דאָס בעסטע בילד פון דעם גייסט פון די מיטעלאַלטערליכע גילדען. עהנליכע אָרגאַניזאַ־

---

1) י. ד. וואונדערער'ס „רייזע־בעריכט" אין פּיכאַרד'ס „פראַנק־פורטער אַרכיוו", II 245, ציטירט ביי יאַנסען „געשיכטע דעם דויטשען פאָלקעס", I 355.

ציעס זיינען אויסגעוואקסען אומעטום, וואו נאר א גרופע מענשען — פישער, יעגער, רייזענדע סוחרים, אדער אלטגעזעסענע בעלי־מלאכות — זיינען זיך צונויפגעקומען פאר א געמיינזאמע אויפגאבע. אויפ'ן שיף הערשט געוועהנליך די אויטאריטעט פון דעם קאפיטאן, כדי אבער צו פערזיכערען דעם ערפאלג פון דער געמיינשאפטליכער אונטערנעהמונג, די נסיעה אויפ'ן ים, האבען זיי אלע, רייכע און ארעמע, מייסטערס און שיף־מענשען, דער קאפיטאן און די מאט־ראזען, — איינגעשטימט צו זיין גלייכע יחסנים אין זייערע געגענ־זייטיגע בעציהונגען, צו זיין פשוט מענשען, וואס זיינען מחויב צו העלפען איינער דעם אנדערען, און אויסצוגלייכען זייערע מעגליכע סכסוכים פאר ריכטער, וועלכע זיי אלע האבען אליין אויסגעקליבען. אזוי אויך, ווען עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען פערשיידענע בעלי־מלאכות — מויערער, סטאליער, שטיין־האקער — צו בויען למשל א קאטהעדראל, האבען זיי אלע אנגעהערט צו א שטאדט, וועלכע האט געהאט איהר פאליטישע ארגאניזאציע, און יעדער איינער פון זיי האט נאך אנגעהערט צו זיין אייגענעם צעך; אבער אחוץ דעם זיינען זיי געוועזען פעראייניגט דורך זייער געמיינזאמער אונטער־נעהמונג, וועלכע זיי האבען פערשטאנען בעסער ווי אלע אנדערע, און זיינען אריינגעטראטען אין א קערפערשאפט, וואס איז געוועזען פערבונדען דורך ענגערע, הגם נאר צייטווייליגע, בענדער: זיי האבען געגרינדעט א גילדע אויף צו בויען דעם קאטהעדראל.1) דיזעלבע זאך זעהען מיר היינטיגען טאג אין דעם „קאף" פון די קאבילען:2) די קאבילען האבען זייער דארף־געמיינדע, זי איז אבער ניט גענוג פאר אלע פאליטישע, קאמערציעלע און פריוואטע נויטען פון פעראייניגונג, און דעריבער ווערט אויפגעבויט די ענ־גערע ברודערשאפט פון דעם ק א ף.

וואס געהערט דעם געזעלשאפטליכען כאראקטער פון דער מיטעלאלטערליכער גילדע, קאן מען עס ארויסזעהן פון יעדען סטא־טוט איהרען. ווען מיר נעהמען צ. ב. ש. די ס ק ר א א פון אן אלטער דענישער גילדע, לעזען מיר דארטען ערשטענס, אן ערקלע־

---

1) דר. לעאנארד עננען, „דער דאם צו קעלן, היסטארישע אויפלעזונג", קעלן 1871, ז. 46, 50.

2) זעה פאריגען קאפיטעל.

רונג פון די אַלגעמיינע ברידערליכע געפיהלען, וואָס מוזען הערשען אין דער גילדע; דערנאָך קומען די רעגעלען בנוגע איהר אייגענער יוריסדיקציע אין פאַל פון מחליקות צווישען צוויי ברידער, אָדער צווישען א ברודער און א פרעמדען; און לסוף זיינען אויסגערע־כענט די געזעלשאַפטליכע פליכטען פון די ברידער. אויב א ברו־דער׳ס הויז האָט אָבגעברענט, אָדער זיין שיף איז אונטערגעגאַנגען, אָדער ער האָט געליטען שאָדען אויף זיין נסיעה צו א מקום קדוש (פילגרים־רייזע), מוזען אַלע ברידער איהם קומען צו הילף. ווען א ברודער ווערט מסוכן קראַנק, מוזען צוויי ברידער האַלטען וואַך ביי זיין קראַנקען־בעט, ביז ער איז אַרוים פון געפאַהר, און אויב ער שטאַרבט, מוזען די ברידער איהם מקבר זיין. — א וויכטיגע עובדא אין יענע צייטען פון מגפות — און געהן צו זיין לויה אין קירך און אויפ׳ן בית־עולם. נאָך זיין טויט מוזען זיי זאָרגען פאַר זיינע קינדער, אויב עס איז נויטיג; זעהר אָפט ווערט דאַן די אַלמנה א שוועסטער פון דער גילדע.1)

אָט די צוויי הויפטשטריכען געפינען זיך אין יעדער ברודער־שאַפט, וואָס האָט זיך געבילדעט פאַר יעדען מעגליכען צוועק. אין יעדען פאַל האָבען די מיטגליעדער בעהאַנדעלט איינער דעם אַנדע־רען, און אָנגערופען איינער דעם אַנדערן ברודער און שוועסטער.2) אַלע זיינען געווען גלייך אין דער גילדע. זיי האָבען געהאַט אין זייער בעזיץ געמיינשאַפטליכעס אייגענטום (פיה, לאַנד, געביידען, קירכען, אָדער א געלד־קאַסע). אַלע ברידער האָבען געמוזט נעהמען א שבועה צו פערגעסען אַלע אַלטע צאַנקערייען, און אַזוי ווי זיי האָבען ניט אַרויפגעלעגט די התחייבות איינער אויפ׳ן אַנדערען קיינמאָל ווידער זיך ניט צו קריעגען צווישען זיך, האָבען זיי איינ־

1) קאָפּאָד אַנכער, „אָם גאַמלע דאַנסקע גילדער אָג דערעס אונדער־גאַנג“, קאָפּענהאַגען, 1785. סטאַטוטען פון א קנו גילדע.

2) ווענען דער לאַגע פון די פרויען אין די גילדען זעה פריילין טולמין סמיטה׳ס איינלייטונגס־בעמערקונגען צו איהר פאָטער׳ס ווערק „דהי ענגליש גילדס“. איינס פון די קאַמברידזש סטאַטוטען (ז. 281) פון דעם יאָהר 1503 זאָגט עס אַרויס גאַנץ דייטליך אין דעם פאָלגענדען זאַץ: „די סטאַטוטען זיינען געמאַכט לויט דער אַלגעמיינער איינשטימונג פון אַלע ברידער און שוועסטער פון דער אַלער הייליגען גילדע.“

געשטימט, אז קיין מחלקה זאָל ניט דערגעהן ביז צו א קריעג פון נקמה, אָדער צו א פּראָצעס פון אן אנדער געריכט אחוץ פאַר דעם טריבונאַל פון די ברידער אליין. אויב א ברודער איז פערוויקעלט געוואָרען אין א מחלקה מיט א פרעמדען, האָבען זיי זיך מתחייב געוועזן איהם בייצושטעהן „צו גוטען אָדער שלעכטען"; ד. ה. סיי מען האָט איהם בעשולדיגט פאַלש, סיי ער איז ווירקליך געוועזן שולדיג, זיינען זיי געוועזן מחויב איהם צו שטיצען און זעהן ברענגען די זאך צו א שלום. כל זמן עס האָט זיך ניט געהאנדעלט וועגען אן אָנגריף בסתר — אין וועלכען פאַל ער וואָלט געשטאַנען אויסערן געזעץ — איז די ברודערשאַפט געשטאַנען פאַר איהם.1) אויב די קרובים פון דעם אָנגעגריפענעם האָבען געוואָלט זיך גלייך נוקם זיין אָהן איהם דורך א נייעם אָנגריף, האָט די ברודערשאַפט איהם בעזאָרגט מיט א פערד צו ענטלויפען, אָדער מיט א שיפעל, א פּאָר רודערס, א מעסער און א שטאָהל צו קלאַפּען פייער; אויב ער איז געבליבען אין שטאָדט, פלעגען איהם צוועלף ברידער בעגלייטען, כדי איהם צו בעשיצען, און דערווייל אונטערהאנדלען מיט'ן נגזל וועגען דעם שאָדענערזאַץ. זיי זיינען געגאַנגען אין געריכט צו שווערען פאַר איהם, און אויב דאָס געריכט האָט איהם געפונען שולדיג, האָבען זיי ניט דערלאָזען ער זאָל אינגאַנצען רואינירט ווערען און פערקויפט ווערען פאַר א שקלאַף, אויב ער איז ניט געוועזן בכח צו בעצאָהלען דעם צוגע'משפט'ען קנס: זיי האָבען בעצאָהלט פאַר איהם, ווי דאָס פלעגט טהאָן דער שטאַם אין די אַלטע צייטען. נאָר ווען א ברודער איז פאַלש געוועזן צו זיינע ברידער פון גילדע, אָדער אפילו צו אַנדערע מענשען, האָט מען איהם אויסגע־

1) אין די מיטעלאַלטערליכע צייטען איז נאָר א געהיימער אָנגריף בעהאַנדעלט געוואָרען אַלס מאָרד. בלוט־ראַכע אין מיטען העלען טאָג האָט געהייסען גערעכטיגקייט; און הרג'ענען א מענשען אין אַ שטרייט האָט ניט געהייסען קיין מאָרד, אויב דער אָנגרייפער האָט נאָר אַרויסגעציינט, אַז ער האָט חרטה און ער איז גרייט מקבל פסק צו זיין פאַר דעם אונרעכט וואָס ער האָט געטהאָן. טיעפע שפּורען פון אָט דעם חלוק עקזיסטירען נאָך אין דעם מאָדערנעם קרימינאַל־רעכט, דערהויפּט אין רוסלאַנד.

שלאָסען פון דער ברודערשאַפט „מיט דעם נאָמען פון אַ ניקס“ (טהאַ סקאַל האַן מאַעלעם אַף בראָדרעסקאַפּ מעט נידינגס נאופן)[1].

אָט דאָס זיינען געווען די הויפּט־אידעען פון יענע ברודערשאַפטען, וועלכע האָבען ביסלעכווייז אָנגעפילט דאָס גאַנצע מיטעלאַלטערליכע לעבען. מיר ווייסען פּאַקטיש וועגען גילדען צווישען אַלע מעגליכע פּראָפעסיאָנען: גילדען פון לייבאייגענע, 2) גילדען פון פרייע לייט, און גילדען פון פרייע לייט און לייבאייגענע צוזאַמען; גילדען, וואָס האָבען זיך אָרגאַניזירט פאַר דעם ספּעציעלען צוועק צו געהן אויף געיעג, פאַנגען פיש, אָדער פאָהרען אויף אַ האַנדעלס־עקספּעדיציע, און האָבען זיך אויפגעלעזט, ווען דער ספּעציעלער צוועק איז ערפילט געוואָרען; און אויך גילדען, וועלכע האָבען עקזיסטירט הונדערטע יאָהרען אין אַ געוויסען האַנדווערק אָדער האַנדעל־בעטריעב. און אין דעם ערך, וואָס דאָס לעבען האָט וואָס ווייטער אַרויסגערופען אַלץ מעהר פערשיידענע צוועקען, אַזוי איז אויך אַלץ גרעסער געוואַקסען די פערשיידענאַרטיגקייט פון די גילדען. אַזוי זעהען מיר זיינען ניט נאָר סוחרים, האַנדווערקער, יעגער און פּויערים געווען פעראייניגט אין גילדען, נאָר מיר האָבען אויך גילדען פון גלחים, מאַלער, לעהרער פון אָנפאַנג־שולען און אוניווערזיטעטען, גילדען אויפצופיהרען דאָס שפּיעל פון קריסטוס׳ ליידען, צו בויען אַ קירך, צו ענטוויקלען די „מיסטערי“ (הייליגע שפּיעלען) פון אַ געוויסער שול פון קונסט אָדער האַנדווערק, אָדער פאַר אַ ספּעציעלען אופן פון צייט־פערטרייב; גילדען אפילו צווישען בעטלער, הענקער און געפאַלענע פרויען, און אַלע זיינען געווען אָרגאַניזירט אויף דעמזעלבען דאָפּעלטען פּרינציפּ פון אייגענער יורידיקציע און געגענזייטיגער שטיצע[3]. וועגען רוסלאַנד האָבען

---

1) קאָפּאָד אַנכער. דאָרט גופא. דאָס דאָזיגע אַלטע ביכעל ענטהאַלט פּיעלעס, וואָס די שפּעטיגערע פאָרשער האָבען פערזעהן.

2) זיי האָבען געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָליע אין די אויפשטאַנדען פון די לייבאייגענע, און זיינען דעריבער פערבאָטען געוואָרען עטליכע מאָל כסדר אין דער אַנדער העלפט פון 9טען יאהרהונדערט. עס פערשטעהט זיך, דעם קעניג׳ס פערבאָטען זיינען געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב.

3) די איטאַליענער מאַלער פון מיטעלאַלטער זיינען אויך געווען אָרגאַניזירט אין גילדען, וועלכע זיינען אין אַ שפּעטיגער עפּאָכע געוואָרען

מיר פּאָזיטיווע ראיות וואָס בעווייזען, אַז אין דער ארבייט פון „מאַכען רוסלאַנד" האָבען די אַ ר ט ע ל ע ן פון יעגער, פישער און הענדלער געהאַט פונקט אַזאַ חלק, ווי די יונגע דאָרף־געמיינדען; און דאָס לאַנד איז נאָך ביז היינטיגען טאָג בעדעקט מיט אַרטעלען.1)

מען קאָן זעהן פון אַט די עטליכע בעמערקונגען, ווי ניט ריכ־טיג עס איז געווען דער שטאַנדפּונקט פון אייניגע ערשטע פאָרשער פון די גילדען, ווען זיי האָבען געמיינט, אַז דער עצם פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע איז בעשטאַנען אין דעם יעהרליכען פעסט, וואָס די גילדען האָבען געפייערט. אין דער ווירקליכקייט איז די געמיינשאַפטליכע סעודה אַלעמאָל פאָרגעקומען אין דעם אייגענעם טאָג, אָדער אויף מאָרגען, נאָך די וואַהלען פון די עלט־סטע, בעת מען פלעגט בעטראַכטען געוויסע ענדערונגען אין די סטאַטוטען, און זעהר אָפט בעת מען פלעגט אורטיילען די מחלקות,

---

קונסט־אַקאַדעמיען. אויב די איטאַליענער קונסט פון יענע צייטען צייכענט זיך אויס מיט אַזוי פיעל אינדיווידואַליטעט, אַז אפילו איצטער קאָנען מיר אונטערשיידען צווישען די פערשיידענע שולען פון פּאַדואַ, באַסאַנאָ, טרע־וויזאָ, וועראָנאַ, א. אַז. וו. אָבוואויל די אַלע שטעדט זיינען געשטאַנען אונ־טער'ן איינפלוס פון ווענעדיג, איז עס געקומען דערפון — ווי זש. פּאָול ריכטער בעמערקט — וואָס די מאַלער פון יעדער שטאָדט האָבען געהערט צו אַ בעזונדער גילדע, וועלכע איז געווען פריינדליך מיט די גילדען פון די אַנדערע שטעדט, אָבער האָט געפיהרט אַ בעזונדער עקזיסטענץ. דער עלט־סטער גילדע־סטאַטוט, וואָס מיר ווייסען, איז פון אַ גילדע אין ווערא‏ָנאַ, וועלכע טראָגט דעם דאַטום 1303, מען קאָן אָבער קלאָר זעהן, אַז עס איז קאָפּירט פון אַנדער סטאַטוט, אַ פיעל עלטערען. אין די התחייבות'ן פון די מיטגליעדער געהען אַריין, לויט דעם דאָזיגען סטאַטוט: „ברידערליכע הילף אין אַלערליי נויטען", „גאַסטפריינדליכקייט צו פרעמדע בעת זיי געהען דורך דער שטאָדט, דען אויף דעם אופן קאָן מען בעקומען ידיעות וועגען זאַכען, וואָס זיינען כדאי צו וויסען", און דער חוב, „צו פערשאַפען בעקוועמליכקייטען די וואָס זיינען שוואַך אין געזונד". („ניינטינטה סענ־טורי" פאַר נאָוועמבער 1890 און אויגוסט 1892).

1) די הויפּט־ווערק וועגען די אַ ר ט ע ל ע ן האָב איך אָנגעוויזען אין דעם אַרטיקעל „רוסלאַנד" פון דער ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ, 9טע אויסגאַבע, ז. 84.

וואָס זיינען ענטשטאַנען צווישען די ברידער,1) אָדער אין דעם טאָג, ווען מען האָט בעגייט די שבועה פון טרייהייט צו דער גילדע. די געמיינשאַפטליכע סעודה, פונקט ווי דער פעסט־טאָג פון דער אַלטער פאָלקספערזאַמלונג פון שטאַם — דער מ א ה ל אָדער מ אַ ל ו ם — אָדער דער בוריאַטישער א ב אַ, אָדער דער געמיינדע־פעסט און דער ערנטע־מאָהלצייט, איז איינפאַך געווען א צייכען פון ברודערשאַפט. עס האָט סימבאָליזירט די צייטען, ווען אַלץ האָט געהערט געמיינשאַפטליך צום שטאַם. ווענינסטענס אין דעם טאָג האָט אַלץ געהערט צו אַלעמען: אַלע זיינען געזעסען ביי איין טיש און געגעסען פון איין מאָהלצייט. אפילו גאָר א צייט שפּעטער איז דער איינוואוינער פון מושב אביונים פון א לאָנדאָנער

1) זעה צ. ב. ש. די טעקסטען פון די קעמברידזש גילדען, וואָס טולמין סמיטה האָט געבראַכט („ענגליש גילדס“, לאָנדאָן, 1870, ז. 274—276), פון וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס, אז דער „אַלגעמיינער און הויפּט־טאָג“ איז געווען דער „וואַהל־טאָג“; אָדער טש. מ. קלאָדע׳ס „דהי אורלי היסטאָרי אָוו דהי גילד אָוו דהי מוירטשענט טיילאָרס“, לאָנדאָן, 1888, I, 45 א. אַז. וו. וועגען דער בענייאונג פון דער טרייהייט־שבועה זעה די יאָמסוויקינג זאַגאַ וואָס ווערט דערמאָנט אין פאַפּענהיים׳ס „אַלטדענישע שוטצענגילדען“, ברעסלוי, 1885, ז. 67.. עס זעהט אויס גאַנץ וואַהר־שיינליך, אז ווען די גילדען האָבען אָנגעהויבען פערפאָלגט צו ווערען, האָבען פיעלע פון זיי איינגעשריבען אין זייערע סטאַטוטען נאָר דעם מאָהלצייט־טאָג און זייערע פרומע פליכטען, דערמאָנענדיג נאָר פערשטעל־טערהייד די ריכטערליכע פונקציעס פון דער גילדע; די דאָזיגע פונקציע אָבער איז ניט פערשוואונדען געוואָרען ביז אַ פיעל שפּעטיגערער צייט. די פראַגע „ווער וועט זיין מיין ריכטער?“ האָט איצטער קיין בעדייטונג ניט, זינט דער שטאַאַט האָט די ריכטערליכע אָרגאַניזאַציע אַוועקגענומען פאַר זיין ביוראָקראַטיע; אָבער אין די צייטען פון מיטעלאַלטער האָט די פראַגע געהאַט די גרעסטע בעדייטונג, דערהויפּט ווייל אַן אייגענע יוריסדיקציע האָט בעטייט אַן אייגענע אַדמיניסטראַציע. מען מוז אויך בעמערקען, אַז די איבערזעצונג פון די אַנגלאָזאַקסישע און דענישע ווער־טער „גילד ברעטהערן“ אָדער „בראָדראַע“ דורך דעם לאַטיינישען וואָרט „קאָנוויוויי“ (וואָס מיינט „טרינק־ברידער“) האָט אויך געמוזט בייטראָ־גען צו דעם טעות פון יענע ערשטע פאָרשער.

גילדע געזעסען יענעם טאָג זייט ביי זייט מיט דעם רייכען אַלדער־מאַן. בנוגע דעם חילוק, וואָס איינינע פאָרשער האָבען געזוכט פעסטצושטעלען צווישען די אַלט־זאַקסישע „פריעד גילדע" און די אזוי גערופענע „געזעלשאַפטליכע" אָדער „רעליגיעזע" גילדען, קאָן מען זאָגען, אז זיי זיינען אַלע געווען פריעד־גילדען אין דעם פריהער דערמאָנטען זין1) און זיינען אויך אַלע געווען רעליגיעזע אין דעם זין, אין וועלכען א דאָרף־געמיינדע אָדער א שטאָדט, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אונטער דער פּראָטעקציע פון א ספּעציע־לען היילינען, איז געזעלשאַפטליך און רעליגיעז. אויב די אינסטי־טוציע פון דער גילדע האָט בעקומען אזא שטאַרקע פערשפּרייטונג אין אזיע, אפריקא און אייראָפּא; אויב זי האָט עקזיסטירט טויזענ־דער יאָהרען, ארויפקומענדיג אָבער און ווידער, ווען די עהנליכע אומשטאַנדען האָבען זי ארויסגערופען אין לעבען, איז עס דערפאר וויל זי איז געווען א סך מעהר איידער א געזעלשאַפט אויף צו עסען צוזאַמען, אָדער צו געהן אין קירך אין א בעשטימטען טאָג, אָדער א בעערדיגונגס־פעראיין. זי האָט פערענטפערט א טיעף־איינגעוואָרצעלטע נויט פון דער מענשליכער נאַטור און האָט פער־קערפּערט אין זיך אַלע די אייגענשאַפטען, וואָס דער שטאַאט האָט שפּעטער אוועקגענומען פאר זיין ביוראָקראַטיע און פּאָליציי, און זי איז געווען נאָך פיעל מעהר ווי דאָס. זי איז געווען אַן אסאָציאַ־ציע פאר געגענזייטיגער שטיצע, אונטער אַלע אומשטענדען און צופעלען פון לעבען, „דורך ראטה און טהאַט", און זי איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע אויפצוהאַלטען גערעכטיגקייט — אונטערשיי־דענדיג זיך פון דעם שטאַאט דערמיט, וואָס זי האָט אין אַלע פעלען איינגעפיהרט א הומאַניטערען, ברידערליכען עלעמענט, אַנשטאָט דעם פאָרמאַלען עלעמענט, וועלכער איז דער הויפּט קענצייכען פון דעם שטאַאט'ס אריינמישען זיך. אפילו ווען דער גילדע־ברודער האָט געמוזט ערשיינען פאר דעם טריבונאַל פון דער גילדע, איז ער געשטאַנען פאר מענשען, וועלכע האָבען איהם גוט געקענט און זיינען פריהער געווען זיינע חברים ביי זייער טעגליכער ארבייט,

1) זעה די אויסגעצייכענטע בעמערקונגען וועגען דער פריעד־גילדע פון דזש. ר. גרין און פרוי גרין אין „דהי קאָנקוועסט אָוו ענגלאַנד", לאָנדאָן 1883, ז. 30—229.

ביי דער געמיינשאַפטליכער סעודה, און ביים ערפילען זייערע ברי־דערליכע פליכטען: מענשען וואָס זיינען באמת געווען זיינס גליי־כען און ברידער, ניט יוריסטען אָדער פערטיידיגער פון וועמעס עס איז פרעמדע אינטערעסען.1)

עס איז קלאָר, אז אַן אינסטיטוציע, וועלכע איז אַזוי גוט צו־געפּאַסט צו בעפריעדיגען די נויטען פון פעראייניגונג, ניט בערו־בענדיג דעם יחיד פון זיין איניציאַטיווע, האָט געמוזט זיך פער־שפּרייטען, וואַקסען און זיך פערשטאַרקען. שווער איז נאָר געווען צו געפינען אַזאַ פאָרם, וואָס זאָל ערלויבען צו פעדערירען די גילדען־פעראיינען, ניט קומענדיג אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די פעראייניגונגען פון די דאָרף־געמיינדען, און וואָס זאָל קאָנען זיי אַלעמען פעראייניגען אין איין הארמאָניש גאַנצעס. און ווען אַזאַ פאָרם פון פעראייניגונג איז געפונען געוואָרען — אין דער פרייער שטאָדט — און אַ רייהע גינסטיגע אומשטענדען האָט געגעבען די שטעדט די מעגליכקייט צו דערקלערען זייער אונאָבהענגיגקייט, האָבען זיי עס געטהאָן מיט אַזאַ געדאַנקען־אייניגקייט, וועלכע מוז ארויסרופען בעוואונדערונג אפילו אין אונזער יאָהרהונדערט פון אייזענבאַהנען, טעלעגראַפען און דרוקערייען. הונדערטע פריי־פּאַפּירען (טשאַרטערס), אין וועלכע די שטעדט האָבען בעשטע־טיגט זייער בעפרייאונג, זיינען אָנגעקומען צו אונז, און ניט קוקענ־דיג אויף דער אונענדליכער פערשיידענקייט פון די פּרטים, וואָס איז אָבגעהאַנגען פון דער מעהר אָדער ווענינער פאָלשטענדיגקייט פון זייער בעפרייאונג, געפינט מען אין זיי אַלעמען דיזעלביגע הויפּט־אידעען. די שטאָדט האָט זיך אָרגאַניזירט ווי אַ פעדעראַ־ציע, אי פון די קליינע דאָרף־געמיינדען, אי פון די גילדען.

„אַלע וואָס געהערען צו דער פריינדשאַפט פון שטאָדט — אַזוי ווערט געזאָגט אין דעם פריי־פּאַפּיער, וואָס פיליפּ דער גראַף פון פלאַנדערן האָט געגעבען די בירגער פון ע י ר, אין יאָהר 1888 — האָבען פערשפּראָכען און בעשטעטיגט מיט אַ שבועה און אויפ׳ן גלויבען, אַז זיי וועלען העלפען איינער דעם אַנדערן ווי ברידער אין אַלץ וואָס איז גוט און עהרליך. אַז אויב איינער בעגעהט אַן עולה

1) זעה אַנהאַנג XIV

אַנטקעגען דעם אַנדערן אין וואָרט אָדער טהאַט, זאָל דער וואָס האָט געליטען דערביי ניט נעהמען קיין נקמה דערפאַר, ניט ער אַליין און ניט זיין פאַמיליע.... ער זאָל ברענגען אַ קלאַגע, און דער בעל־עולה וועט אויסקויפען זיין זינד, לויט דעם פסק וואָס צוועלף גע־וועהלטע ריכטער, זיצענדיג אַלס פערמיטלער, וועלען אַרויס־ברענגען. און אויב דער גע'עולה'טער אָדער דער בעל עולה וואַרפט זיך ניט אונטער דעם בעשלוס פון די פערמיטלער, נאָכדעם ווי מען האָט איהם מתרה געווען דריי מאָל, ווערט ער אויסגעשלאָסען פון דער פריינדשאַפט אַלס אַ זינדיגער מענש און א שבועה־ברעכער."[1]

„יעדעם מיטגליעד פון דער געמיינדע וועט זיין געטריי זיין מיטגעשוואָרענעם און וועט איהם געבען הילף און ראַטה, לויט ווי ער וועט פיהלען וואָס די גערעכטיגקייט פאָדערט פון איהם" — ווערט געזאָגט אין די פריי־פאַפּיערען פון אַמיען און אַבבעוויל. „אַלע וועלען העלפען איינע די אַנדערע לויט זייערע קרעפטען, אין די גרעניצען פון דער געמיינדע, און וועלען ניט דערלאָזען, אַז איינער זאָל אַוועקנעהמען וואָס־ניט־איז פון דעם אַנדערן, אָדער איהם צווינגען צו צאָהלען קאָנטריבוציע" — לעזען מיר אין די פריי־פאַפּיערען פון סואַסאָן, קאָמפּיען, סאַנליס און אין פיעלע אַנדערע פון דעם זעלבען טיפּ.[2] און אַזוי ווייטער מיט אונ־צעהליגע וואַריאַציעס אויף דעם אייגענעם טעמאַ.

„די קאָממונע — האָט געשריבען גילבער דע נאָזשאַן — איז אַ שבועה פאַר געגענזייטיגער הילף (מוטואַי אַדיוטאָריי קאָניור־ראַטיאָ)... אַ נייע און העסליך וואָרט. דורכדעם ווערען די לייב־אייגענע (קאַפּיטע סענסי) בעפרייט פון יעדער קנעכטשאַפט; דורכדעם קאָנען זיי פעראורטיילט ווערען נאָר צו בעצאָהלען אַ געזעצליך בעשטימטע שטראָף פאַר עובר זיין דעם געזעץ; דורכדעם

1) „זאַמלונג פון די תקנות פון די קעניגע פון פראַנקרייך", באַנד XII, ז. 562; ציטירט פון אויג. טהיעררי אין זיין „בעטראַכטונגען איבער דער געשיכטע פון פראַנקרייך" (פראַנצ.), ז. 196, דואָדעצימאָ אויסגאַבע.

2) א. לושער, „די פראַנצויזישע קאָמונעס" (פראַנצ.), ז. 45, 46.

ווערען זיי בעפרייט פון די אָבצאָהלונגען, וואָס זיי האָבען אַלעמאָל געמוזט צאָהלען." 1)

די אייגענע בעפרייאונגס-כוואַליע איז אין 12טען יאָהרהונדערט דורכגעלאָפען דורך גאַנץ אייראָפּאַ, פערכאַפּענדיג סיי די רייכע שטעדט, סיי די אָרעמסטע שטעדטלעך. און אויב מיר קאָנען זאָגען, אַז בכלל זיינען די איטאַליענער שטעדט געווען די ערשטע, וואָס האָבען זיך בעפרייט (פיעלע פון זיי אין 11טען י. ה. און איינציגע זאָגאַר אין 10טען י. ה.), קאָנען מיר דאָך ניט אָנווייזען אויף קיין צענטער פון וואַנען די בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען. זעהר אָפט האָט אַ קליין שטעדטעל אין צענטראַל אייראָפּאַ אָנגעפיהרט די בעוועגונג אין זיין געגענד און די גרויסע שטעדט האָבען אָנגענומען זיין טשאַרטער ווי אַ מוסטער פאַר זייערע אייגענע. אַט אַזוי איז דער טשאַרטער פון דעם קליין שטעדטעל לאָררים אָנגענומען געוואָרען פון דריי און אַכציג שטעדט אין דרום-מערב פראַנקרייך, און דער טשאַרטער פון באָמאָן איז געוואָרען דער מוסטער פאַר אריבער פינף הונדערט שטעדט און שטעדטלעך אין בעלגיען און פראַנקרייך. ספּעציעלע דעלעגאַטען פלעגען ארויסגעשיקט ווערען פון די שטעדט צו זייערע שכנים צו בעקומען אַ קאָפּיע פון זייער טשאַרטער, און זיי פלעגען פערפאַסען זייערע קאָנסטיטוציעס לויט דעם מוסטער. דאָך מוז מען בעמערקען, אַז זיי פלעגען ניט פּשוט קאָפּירען איינער דעם אַנדערן: זיי האָבען פערפאַסט זייערע אייגענע טשאַרטערס לויט די קאָנצעסיעס, וואָס זיי האָבען ארויסגעקראָגען פון זייערע פעאָדאַלע הערשער, און דער רעזולטאַט איז געווען, ווי איין היסטאָריקער האָט בעמערקט, אַז די טשאַרטערס פון די מיטעלאַלטערליכע קאָמונעס האָבען ענטהאַלטען דיזעלביגע פערשיידענאַרטיגקייטען ווי די גאָטישע ארכיטעקטור פון זייערע קירכען און קאַטהעדראַלען. זיי האָבען אַלע געהאַט דיזעלביגע הויפּט אידעען — דער קאַטהעדראַל האָט סימבאָליזירט די פעראייניגונג פון דער קירך-געמיינדע און גילדע אין דער פרייער שטאָדט — און אויך דיזעלביגע אונענדליך-רייכע פערשיידענאַרטיגקייט פון די דעטאַלען.

---

1) גילבער דע נאָזאָן, „דע וויטאַ סואַ", ציטירט פון לושער, ד. ג. זייט 14.

דער הויפּט־פּונקט איז געווען צו האָבען אַן אייגענע יוריסדיקציע, און אַן אייגענע יוריסדיקציע האָט שוין אויך געמיינט אַן אייגענע אַדמיניסטראַציע. אָבער די שטאָדט איז ניט געווען בלויז אַן „אויטאָנאָמעס" טייל פון דעם שטאַאַט — אַזוינע צווייִדייטיגע ווערטער זיינען אין יענע צייטען נאָך ניט אויסגעקלערט געווען — זי איז געווען אַ שטאַאַט פאַר זיך אַליין. זי האָט געהאַט דאָס רעכט פון מלחמה און שלום, צו גרינדען פעדעראַציעס און מאַכען אַליִאַנצען מיט איהרע שכנים. זי האָט געהאַט אונבעגרעניצטע רעכט אין איהרע אייגענע עסקים און אין פרעמדע האָט זי זיך ניט געמישט. די העכסטע פּאָליטישע מאַכט האָט ענטוועדער געקאָנט ליעגען אינגאַנצען אין אַ דעמאָקראַטישען פאָרום, ווי עס איז געווען דער פאַל אין פּסקאָוו, וואו די ו ו י ע ט ש ע האָט געשיקט און אָנגענומען אַמבאַסאַדאָרען, געשלאָסען אָבמאַכען, אָנגענומען און אַוועקגעשיקט קניאַזען, אָדער גאָר אויסגעקומען אָהן זיי פאַר צעהנדליגע יאָהרען; אָדער די דאָזיגע מאַכט איז איבערגעענטפערט געוואָרען אין די הענד פון אַן אַריסטאָקראַטיע פון סוחרים אָדער אפילו אַדעליגע, אָדער זיי האָבען זיי אוזורפּירט, ווי עס איז געווען דער פאַל אין הונדערטע איטאַליענישע און מיטען־אייראָפּעאישע שטעדט. דער פּרינציפּ איז אָבער אַלעמאָל געבליבען דערזעלביגער: די שטאָדט איז געווען אַ שטאַאַט און — וואָס איז אפשר דאָס מערקווירדיגסטע דערביי — ווען די מאַכט אין שטאָדט איז פערכאַפּט געוואָרען פון אַן אַריסטאָקראַטיע פון סוחרים אָדער אפילו פון אַדעליגע, איז דאָס אינערליכע לעבען פון שטאָדט און דער דעמאָקראַטיזם פון טאָג־טעגליכען לעבען ניט פערשוואונדען געוואָרען, דען זיי זיינען גאַנץ ווינציג אָבגעהאַנגען פון דאָס וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופען די פּאָליטישע פאָרם פון שטאַאַט.

דער סוד פון אָט דעם אויבענאויפיגען ווידערשפּרוך ליעגט דעריין, וואָס די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט איז ניט געווען קיין צענטראַליזירטער שטאַאַט. וואָס איז שייך איהר אינערליכע אָרגאַניזאַציע האָט די שטאָדט אין פערלויף פון די ערשטע יאָהרהונדערטען פון איהר עקזיסטענץ כמעט גאָר ניט געקאָנט אָנגערופען ווערען אַ שטאַאַט, דערפאַר ווייל דער מיטעלאַלטער האָט פונקט אַזוי ווייניג געוואוסט פון דער היינטיגער צענטראַליזאַציע פון פונקציעס, ווי פון דער היינטיגער טעריטאָריעלער צענטראַ־

ליזאַציע. יעדע גרופּע האָט געהאַט איהר חלק סואווערינימעט. די שטאָדט איז געוועהנליך געווען איינגעטיילט אין פיער קווארטאַלען אָדער אין פינף ביז זיבען „עקען" (סעקציעס), וואָס האָבען אַרויס־געשטראַהלט פון איין צענטער, און יעדער קווארטאַל אָדער סעקציע האָט בדרך כלל פאַרגעשטעלט אַ בעשטימטען קלאַס פון מסחר אָדער פּראָפעסיע, הגם ער האָט אויך ענטהאַלטען איינוואוינער פון פערשיידענע געזעלשאַפטליכע פּאָזיציעס און בעשעפטיגונגען — אַדעליגע, סוחרים, בעלי מלאָכות, אָדער אַפילו האַלב־לייבאייגענע. יעדער קווארטאַל אָדער סעקציע האָט אָבער פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיגע איינהייט. אין וועגעדיג איז יעדער אינזעל געווען אַן אונאָבהענגיקע פּאָליטישע געמיינדע. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע אָרגאַניזירטע האַנדעל און האַנדווערק, זיין אייגענעם מסחר אין זאַלץ, זיין אייגענע יורידיקציע און אַדמיני־סטראַציע, זיין אייגענעם פאָרום; און די וואַהל פון אַ דאָזשע פאַר דער גאַנצער שטאָדט האָט קיין ענדערונג ניט געמאַכט אין דער אינערליכער אונאָבהענגיגקייט פון איהרע בעזונדערע געמיינדען. 1) אין קעלן זיינען די איינוואוינער געווען איינגעטיילט אין ג ע־בורטשאַפטען און היימשאַפטען, ד. ה. שכנ'ישע גילדען, וועלכע האָבען נאָך געשטאַמט פון דער פראַנקישער פעריאָדע. יעדע איינע פון זיי האָט געהאַט איהר ריכטער (בור־ריכטער) און די געוועהנליכע צוועלף געוועהלטע פסק־געפינער (שאָפּפען), איהר וואָגט און איהר „גרעווע" אָדער קאָמאַנדיר פון דער לאָקאַלער מיליץ. 2) די געשיכטע פון דער פאַרצייטיגער שטאָדט לאָנדאָן, פאַר דער ערָאָבערונג, — זאָגט גרין, — איז די געשיכטע „פון אַ געוויסער צאָהל קליינע גרופּען, וועלכע זיינען געווען צעוואָרפען איבער'ן שטח, וואָס איז געווען איינגעשלאָסען

---

1) לעבּרעט, „היסטואַר דע וועניס", באַנד 1, ז. 393; אויך מאַרין, ציטירט פון לעאָ און באָטטאַ אין „היסטואַר דע ל'איטאַליע", פראַנצ. אויסגאַבע, 1844, באַנד I, ז. 500.

2) דר. וו. אַרנאָלד, „פערפאַסונגסגעשיכטע דער דייטשען פריי־שטעדטע", 1854, באַנד II, ז. 227 און ווייטער; ענגען, „געשיכטע דער שטאָדט קאָעלן, באַנד I, ז. 29—228; אויך די דאָקומענטען וואָס ענגען און עקערט האָבען אָבגעדרוקט.

אין די שטאָדט־מויערן, פון וועלכע יעדע גרופּע איז זיך געוואקסען מיט איהר אייגענעם לעבען און אינסטיטוציעס, מיט איהרע גילדען, אייגענער יוריסדיקציע, קלויסטערס און דערגלייכען, און וועלכע זיינען נאָר לאנגזאם צונויפגעצויגען געוואָרען אין איין מוניציפּאַלער פעראייניגונג."1) און ווען מיר ווענדען זיך צו די כראָניקען פון די רוסישע שטעדט נאָווגאָראָד און פּסקאָוו, וועלכע זיינען לפי ערך רייך אין ריין־אָרטיגע איינצעלהייטען, געפינען מיר אז יעדע סעקציע (קאָנעץ) איז בעשטאַנען פון זעלבסטשטענדיגע גאַסען, און הגם יעדע גאַס איז דאָס רוב געווען בעזעצט פון א בעשטימטען קלאַס בעלי מלאָכות, האָבען זיך פונדעסטוועגען אויך געפונען צווישען איהרע איינוואוינער אויך סוחרים און לאַנדאייגענטימער, און זי איז געווען א געמיינדע פאַר זיך. די גאַס האָט אין פאַל פון א פערברעכען געטראָגען א קאָמונאַלע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַלע איהרע מיטגליעדער; זי האָט געהאַט איהר אייגענע יוריס־דיקציע און אייגענע אַדמיניסטראַציע דורך די גאַסען־עלטסטע (אוליטשאַנסקיע סטאַראָסטי); זי האָט געהאַט איהר אייגענעם זיעגעל (א סימבאָל פון רעגירונגס מאַכט), און אין פאַל פון א נויט — איהר אייגענעם פאָרום (וויעטשע); זי האָט אויך געהאַט איהר אייגענע מיליץ, איהרע געוועהלטע גלחים און בכלל איהר אייגען קאָלעקטיוו לעבען און איהרע אייגענע קאָלעקטיווע אונטער־נעהמונגען.2)

די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט קומט פאָר אויף דעם אופן ווי א דאָפּעלטע פעדעראַציע: פון אַלע הויז־אייגענטימער, וואָס זיינען געווען פעראייניגט אין קליינע טעריטאָריעלע פערבאַנדען — די גאַס, די קירכען־געמיינדע, די סעקציע, — און פון יחידים, וואָס זיינען געווען פעראייניגט דורך א שבועה אין גילדען, לויט זייערע פּראָפעסיאָנען. די ערשטע פעדעראַציע איז געווען די פרוכט פון דעם דאָרף־געמיינדליכען אורשפּרונג פון שטאָדט, בעת די אַנדערע איז געווען א שפּעטיגערער געוואוקס, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען אין לעבען דורך די נייע אומשטענדען.

---

1) „קאָנקוועסט אָוו ענגלאנד", 1883, ז. 453.

2) ביעלאָעף, „ראַזסקאַזי איז רוסקאַי איסטאָריי", בענדער II און III.

די הויפּט אויפגאַבע פון דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט איז געווען צו גאַראַנטירען פרייהייט, זעלבסט־פערוואַלטונג און פריעדען; און די הויפּט גרונדלאַגע פון שטאָדטישען לעבען, ווי מיר וועלען עס גלייך זעהן, ווען מיר וועלען ריידען וועגען די האַנדווערקער־גילדען, איז געווען — אַ ר ב י י ט. די „פּראָדוקציאָן" אָבער האָט ניט אַוועקגענומען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דעם מיטעלאַלטערליכען עקאָנאָם. מיט זיין פּראַקטישען שכל האָט ער פערשטאַנען, אַז מען מוז גאַראַנטירען פריהער דעם פערברויך (די קאָנסומפּציאָן), כדי עס זאָל זיין מעגליך צו האָבען אַ פּראָדוקציאָן; און דעריבער איז דער גרונד־פּרינציפּ פון יעדער שטאָדט געווען צו בעזאָרגען „די אַלגעמיינע נויט־בעדערפענים און נאַכט־לעגער פאַר די אָרימע און רייכע צוגלייך" (געמיינע נאָטדורפט אונד געמאַך אַרמער אונד רייכער"). 1) אויפקויפען שפּייז־פּראָדוקטען און אַנדערע הויפּט־נויטיגע זאַכען, ווי קויהלען, האָלץ א. ד. ג., איידער זיי זיינען געקומען אויפ'ן מאַרק, אָדער בכלל אונטער ספּעציעל־גינסטיגע בעדינגונגען, פון וועלכע אַנדערע זיינען אויס־געשלאָסען, — מיט איין וואָרט, וואָס עס האָט געהייסען פּ ר ע מ צ י אָ — איז געווען אינגאַנצען פערבאָטען. אַלץ האָט געמוזט געבראַכט ווערען אויפ'ן מאַרק און אָנגעבאָטען ווערען יעדען איינעם וואָס וויל קויפען, ביז וואַנען דאָס קלינגען פון שטאָדט־גלאָק האָט געשלאָסען דעם מאַרק. ערשט דאַן האָט דער הענדלער געקענט קויפען דאָס איבערגעבליבענע און אַפילו דעמאָלט האָט זיין פּראָפיט געמוזט זיין „אַן עהרליכער פּראָפיט." 2) אויסער

1) וו. גראַמיך, „פערפאַסונג אונד פערוואַלטונגס־געשיכטע דער שטאַדט ווירצבורג אים 13טען ביז צום 15טען י. ה.", ווירצבורג 1882, ז. 34.

2) ווען אַ שיף האָט געבראַכט אַ לאָדונג קויהלען נאָך ווירצבורג, האָט מען עס די ערשטע אַכט טעג געקענט פערקויפען נאָר אין העקער, און יעדע פאַמיליע האָט מעהר ניט געקענט קויפען ווי פופציג קערב. דאָס איבעריגע האָט מען דאַן געמעגט פערקויפען אַנגראָ, אָבער דער הענדלער האָט נאָר געמעגט רעכענען אַ „זיטליכען" פּראָפיט, „אונזיטליכע" פּראָפיטען זיינען געווען שטרענג פערבאָטען (גראמיך, דאָרט גופא). דאָס איגענע איז געווען אין לאָנדאָן (ליבער אַלבום", ציטירט ביי אָטשענ־קאָווסקי, ז. 161) און פּאַקטיש אומעטום.

דעם. ווען אַ בעקער האָט געקויפט תבואה אנגראָ, נאָכדעם ווי דער מאַרק איז שוין געווען געשלאָסען, האָט יעדער בירגער געהאַט אַ רעכט צו פאָדערן אַ טייל פון דער תבואה (ארום אַן אכטעל) פאַר זיך אויף דעם אנגראָ־פּרייז, אויב ער האָט געמאַכט זיין פאָדערונג איידער דער מסחר איז געשלאָסען געוואָרען; פערקעהרט וויעדער האָט יעדער בעקער געקענט פאָדערן דאָסזעלבע, אויב אַ בירגער האָט געקויפט די תבואה צום פערקויפען. אין ערשטען פאַל האָט דער בירגער נאָר געדאַרפט ברייננגען די תבואה אין שטאָדטישען מיל, וואו ער האָט עס געקאָנט האָבען צומאָלט, ווען עס קומט זיין רייה פאר אַ בעשטימטען פּרייז, און דאָס ברויט האָט ער געקאָנט לאָזען באַקען אין דעם „פּאיר באַנאַל" — דעם קהל'שען באַק־אויווען. 1) מיט איין וואָרט, ווען אין שטאָדט איז געווען אַ יקרות, האָבען אַלע מעהר אָדער ווענינער געליטען גלייך; אָבער אַ חוץ אין אומגליקס־פּעלען, האָט אין די פרייע שטעדט, כל זמן זיי האָבען עקזיסטירט, קיינער ניט געקאָנט שטאַרבען פון הונגער, ווי עס טרעפט לײַדער צו־אָפט ביי אונז היינטיגע צייטען.

אגב אָבער געהערען שוין אָט די אַלע רעגעלען צו די שפּעטיגערע פעריאָדען פון'ם לעבען אין די שטעדט, בעת אין אַ פריהערער פעריאָדע פלעגט די שטאָדט אַליין איינקויפען אַלע שפּייז־פּראָדוקטען פאר'ן געברויך פון די בירגער. די דאָקומענטען וואָס זיינען דאָ ניט לאַנג פערעפענטליכט געוואָרען פון טשאַרלז גראָסס ענטהאַלטען פּאָזיטיווע פאַקטען וועגען אָט דעם פּונקט, און זיי בעשטעטיגען זיין בעהויפּטונג, אַז „געוויסע שטאָדט־בעאַמטע

1) זעה פּאַגניעז, „עטיודען איבער דער אינדוסטריע און אינ־דוסטריעלען קלאַס פון פּאַריז אין 13טען און 14טען י. ה." (פראַנצ.) פּאַריז 1877, ז. 155 און ווייטער. עס איז קוים נויטיג צו צולעגען, אַז דער שטייער אויף ברויט און אויך אויף ביער איז בעשלאָסען געוואָרען נאָכדעם ווי עס איז גענוי אונטערזוכט געוואָרען וויפיעל ברויט און ביער מען קאָן האָבען פון אַ געוויסער סומע קאָרן. אין די אַרכיווען פון אַמיען געפינען זיך די פּרטים וועגען אַזוינע עקספּערימענטען. (אַ. דע קאַלאָננע, דאָרט גופא, ז. 77 און 93). אויך אין די לאָנדאָנער אַרכיווען (אָטשענקאָווסקי, „ענגלאַנד'ס ווירטהשאַפטליכע ענטוויקעלונג", יענא, 1879, ז. 165.).

פלעגען אויפקויפען די אַריינגעפיהרטע שפייז־פּראָדוקטען אין נאָמען פון שטאָדט, און דאַן עס צוטיילען אין חלקים צווישען די בירגער־סוחרים, און קיינער האָט ניט געטאָרט קויפען קיין סחורה, וואָס מען האָט געבראַכט אין האַפען, סיידען די שטאָדט־בעאַמטע האָבען זיך ענטזאָגט זי צו קויפען. עס שיינט, אַז דאָס איז געווען — — אַזוי זאָגט ער — אַ גאַנץ געוועהנליכער מנהג אין ענגלאַנד, אירלאַנד, וועלס און שאָטלאַנד. 1) אפילו אין 16טען י. ה. פלעגט די געמיינדע איינקויפען תבואה „פאַר דער בעקוועמליכקייט און צום נוצען אין אַלע זאַכען פון אָט דער... שטאָדט און קאַמער פון לאָנדאָן, און פון אַלע איהרע בירגער און איינוואוינער, וויפיעל עס ליעגט אין אונזערע הענד“ — ווי דער מער פון שטאָדט האָט געשריבען אין יאָהר 1565. 2) אין ווענעדיג, ווי מיר ווייסען איצטער, איז דער גאַנצער תבואה־האַנדעל געלעגען אין די הענד פון שטאָדט; און די „קוואַרטאַלען“, וואָס פלעגען קריגען די תבואה פון די ממונים אויפ'ן אימפּאָרט, זיינען געווען מחויב אַריינצושיקען צו יעדען בירגער אין הויז די מאָס, וואָס מען האָט איהם צוגעטיילט. 3)

---

1) טשאַרלז גראָסס, „דהי גילד מוירטשאַנט“, אָקספאָרד 1890, באַנד I, ז. 135. זיינע דאָקומענטען בעווייזען, אַז דער מנהג האָט עקזיסטירט אין ליווערפּול, אין וואַטערפאָרד, אירלאַנד, אין נעאַטה, וועלש און אין ליגליטהגאָו און טהורסאָ אין שאָטלאַנד. פון זיין בוך איז צו זעהן, אַז די פּראָדוקטען פלעגען אויפגעקויפט ווערען צו פער־טיילען ניט נאָר צווישען די בירגער־הענדלער, נאָר „פאַר אַלע בירגער און געמיינדע לייט“, (ז. 136, הערה) אָדער ווי מען לייענט אין די טהורסא פעראָרדנונגען פון 17טען י. ה. „אָנצובאָטען צו די הענדלער, האַנדווערקער און איינוואוינער פון דעם דאָזיגען בורג, כדי זיי זאָלען זיך איינשאַפען זייער חלק פון די פּראָדוקטען לויט זייערע בעדערפעניסען און מעגליכקייטען.“

2) „דהי ערלי היסטאָרי אָוו דהי גילד אָוו מערטשאַנט טיילאָרס“ פון טשאַרלז מ. קלאָד, לאָנדאָן 1888, ב. I, ז. 361, אָנהאַנג X, ווי אויך אין דעם טעקסטען אָנהאַנג וואו עס ווערט בעוויזען, אַז דיזעלבע פּראָ־דוקטען פלעגען אויך אויפגעקויפט ווערען אין יאָהר 1546.

3) טשיבאַריאָ, „דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון איטאַליע אין דאַנטע'ס צייטען“, 1865, ז. 44.

אין פראנקרייך פלעגט די שטאָדט אמיען איינקויפען זאלץ און פערטיילען עס צו אלע בירגער אויף קאָסט־פרייז; 1) און אפילו איצטער זעהט מען אין א סך פראנצויזישע שטעדט די „האללעס", וועלכע זיינען אמאָל געווען די שטאָדטישע דעפּאָס פאר תבואה און זאלץ.2) אין רוסלאנד איז עס געווען א רעגעלמעסיגער מנהג אין נאָווגאָראָד און פסקאָוו.

דער גאנצער ענין בנוגע די איינקויפען פון די געמיינדען פאר דעם געברויך פון די בירגער, און דעם אופן ווי זיי פלעגען עס טהאָן, האָט נאָך ווי עס שיינט ניט געקריגען די געהעריגע אויפ־מערקזאמקייט פון די היסטאָריקער פון יענער פעריאָדע; דאָ און דאָרט בעגעגענט מען אָבער גאַנץ אינטערעסאנטע פאקטען, וועלכע ווארפען אויף דעם א ניי ליכט. אזוי געפינען מיר צווישען גראָסס' דאָקומענטען א תקנה פון דער שטאָדט קילקענני, פון יאהר 1367, פון וועלכער מיר דערוויסען זיך, ווי די פרייזען פון די סחורות פלעגען פעסטגעשטעלט ווערען. „די סוחרים און די מאַטראָזען — שרייבט מר. גראָסס — האָבען געמוזט שווערען וויפיעל די סחורה האָט זיי געקאָסט און וויפיעל די הוצאות פון אריבערפיהרען האָבען בעטראָפען. דאַן האָט דער מער פון שטאָדט און צוויי ערפאהרענע מענשען געשטעלט דעם פרייז, מיט וועלכען די סחורה האָט געקאָנט פערקויפט ווערען." דערזעלבער רעגעל האָט געגאָלטען אויך אין טהורסאָ פאר סחורות, וואָס זיינען אָנגעקומען „מיט'ן ים אָדער איבער'ן לאַנד". אָט דער אופן פון בעשטימען דעם פרייז פּאַסט אזוי גוט צו די בעגריפען פון מסחר, וואָס האָבען עקזיסטירט אין די מיטעלאַלטערליכע צייטען, אז ער האָט געמוזט זיין אָנגענומען כמעט אומעטום. פעסטשטעלען דעם מקח דורך א דריטע פערזאָן

1) א. דע קאלאָנע, „דאָס שטאָדטישע לעבען פון 15טען י. ה. אין צפון־פראַנקרייך, פּאַריז, 1880, ז. 16—12. אין יאָהר 1845 האָט די שטאָדט ערלויבט אַרויסצופיהרען אַ בעשטימטע מאָס תבואה נאָך אַנטווערפּען, „אַזוי ווי די איינוואוינער פון אַנטווערפּען זיינען תמיד געווען גרייט צו זיין געפעליג צו די סוחרים און בירגער פון אַמיען (דאָרט, זייטען 77—75).

2) א. באבאָ, „די שטאָדט אונטער דעם אַלטען רעזשים" (פראַנצ.), פּאַריז, 1880.

איז געווען אַ גאַנץ אַלטער מנהג. און פאַר אַלע מסחרים אין די גרעניצען פון שטאָדט איז אומעטום אודאי געווען אַ געוועגהייט צו לאָזען ערפאַהרענע מענשען — אַ דריטע פּערזאָן — מאַכען דעם פּרייז, און ניט לאָזען עס טהאָן דעם פערקויפער אָדער קויפער. אָבער אָט דער צושטאַנד פיהרט אונז נאָך ווייטער צוריק אין דער געשיכטע פון האַנדעל — צו דער צייט, ווען דער האַנדעל אין פּראָדוקטען פון געוועהנליכען געברויך איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך דער גאַנצער שטאָדט, און די סוחרים זיינען בלויז געווען די קאָמיסיאָנערען אָדער פערטרויענסמענשען פון שטאָדט, אויף צו פערקויפען די סחורות, וואָס זי האָט עקספּאָרטירט. אַ פעראָרדנונג פון דער שטאָדט וואַטערפאָרד, וואָס איז אויך פערעפענטליכט געוואָרען פון גראָסס, זאָגט „אַז אַלערליי סחורות, פון וואָס פאַר אַ סאָרט זיי זאָלען ניט זיין, דאַרפען אויפגעקויפט ווערען פון דעם מער און די קלוטשוואָיטען, וועלכע זיינען געווען די איינקויפער פאַר דער געמיינדע פאַר דער צייט, און זיי דאַרפען צוטיילען די סחורות צו די פרייע מענשען פון שטאָדט, (מיט דער אויסנאַהם נאָר פון די גיטער פון די פרייע בירגער און די איינוואוינער).“ אָט די תקנה קאָן מען אַנדערש ניט דערקלערען, סיידען מען זאָל אָננעהמען, אַז דער גאַנצער אויסערליכער האַנדעל פון שטאָדט איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך איהרע אַגענטען. אויסער דעם האָבען מיר אויך דירעקטע ראיות, אַז אַזוי איז ווירקליך געווען דער פאַל אין נאָווגאָראָד און פּסקאָוו. עס איז געווען די פריישטאָדט נאָווגאָראָד און די פריישטאָדט פּסקאָוו, וואָס האָבען געשיקט זייערע סוחר׳ישע קאַראַוואַנען אין ווייטע לענדער.

מיר ווייסען אויך, אַז כמעט אין אַלע מיטעלאַלטערליכע שטעדט פון מיטען און מערב אייראָפּאַ פלעגען די האַנדווערקער־גילדען איינקויפען, אַלס אַ קערפּערשאַפט, אַלע נויטיגע רויה־מאַטעריאַלען, און פערקויפען די פּראָדוקטען פון זייער ארבייט דורך זייערע בעאַמטע; און עס איז קוים מעגליך, אַז זיי זאָלען ניט האָבען געטהאָן דאָסזעלבע פאַר דעם אויסערליכען האַנדעל — דערהויפּט, אַזוי ווי עס איז גוט בעקאַנט, אַז ביז׳ן 13טען י. ה. זיינען ניט נאָר אַלע סוחרים פון אַ געוויסער שטאָדט געווען פעראַנט־וואָרטליך אַלס קערפּערשאַפט פאַר די חובות, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געמאַכט אין אַנאַנדער לאַנד, נאָר די גאַנצע שטאָדט

גופא איז אויך געווען פעראנטוואָרטליך פאַר די חובות פון יעדען איינעם פון איהרע סוחרים. ערשט נאָך אין 12טען און 13טען י. ה. האָבען די שטעדט אויפ׳ן רהיין געשלאָסען ספּעציעלע אָבמאכען, אין וועלכע זיי האָבען אָבגעשאַפט די דאָזיגע פעראנטוואָרטליכקייט.1) ענדליך האָבען מיר דעם מערקווירדיגען איפּסוויטש דאָקומענט, וואָס גראָסס האָט פערעפענטליכט, פון וועלכען מיר דערוויסען זיך, אז די הענדלער־גילדע פון שטאָדט איז בעשטאַנען פון אלע פרייע בירגער, וועלכע זיינען געווען וויליג צו צאָהלען זייערע בייטרעגע („זייער האנזא") צו דער גילדע, און די גאַנצע געמיינדע צוזאַמען פלעגט דיסקוטירען, ווי אַמבעסטען אויפצוהאַלטען די הענדלער־גילדע און איהר געבען געוויסע פּריווילעגיען. די הענדלער־גילדע פון איפּסוויטש זעהט אויס איז גיכער געווען אַ קערפּערשאַפט פון נאמנים פון שטאָדט, איידער אַ פּשוט׳ע פּריוואַטע גילדע.

אין קורצען, וואָס מעהר מיר הויבען אָן קענען די מיטעל־אַלטערליכע שטאָדט, אַלץ מעהר זעהען מיר, אַז זי איז ניט געווען בלויז אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע צו בעשיצען געוויסע פּאָליטישע פרייהייטען. דאָס איז געווען אַ פערזוך צו שאַפען, אויף אַ פערגרעסערטען מאַסשטאַב איידער אין דער דאָרף־געמיינדע, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין אַן ענגער פערבאַנד פאַר געגענזייטיגער הילף און שטיצע, פאַר׳ן קאָנזום און פאַר פּראָדוקציאָן, און פאַר׳ן געזעלשאַפטליכען לעבען בכלל — ניט אַרויפלעגענדיג אויף די מענשען די קייטען פון שטאַאט, נאָר געבענדיג זיי די פולע פרייהייט אויסצודריקען דעם שעפּפערישען גייסט פון יעדער בעזונדער גרופּע פון איינצעלנע אין קונסט, האַנדווערק, וויסענשאַפט, האַנדעל און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. אויף ווי ווייט דער דאָזיגער פערזוך איז געווען ערפאָלגרייך, וועט זיך אַרויסווייזען אַמבעסטען אין דעם נעקסטען קאַפּיטעל, נאָכדעם ווי מיר וועלען האָבען אַנאַליזירט די אָרגאַניזאַציע פון אַרבייט אין דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט און די בעציהונגען פון די שטעדט צו דער אַרומיגער פּויערשער בעפעלקערונג.

1) ענען, „געשיכטע דער שטאָדט קעלן", באַנד I, ז. 491־2.

## קאפיטעל VI

# אין דער מיטעלאלטערליכער שטאָדט

### (פאָרטזעצונג)

עהנליכקייט און פערשיידענקייט צווישען די מיטעלאַלטערליכע שטעדט.— די האַנדווערקער־גילדען: שטאַאַט־אייגענשאַפטען ביי יעדערער פון זיי. די האַלטונג פון דער שטאָדט געגענאיבער די פויערים; די פּראָבעס זיי צו בעפרייען. — די פעאָדאַלע פּריצים. — וואָס די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט האָט אויפגעטהאָן אויף די געביעטען פון קונסט און וויסענשאַפט. די אורזאַכען פון זייער אונטערגאַנג.

די מיטעלאַלטערליכע שטעדט זיינען ניט אָרגאַניזירט געוואָרען לויט א פריהער־אויסגערעכענטען פּלאַן, ווי עס האָט זיך פערוואַלט א זייטיגען געזעצגעבער. יעדע שטאָדט איז אין פולען זין פון וואָרט געוועזן א נאַטירליכעס געוויקס — אַן אַלעמאַל־אַנדערער רעזולטאַט פון דעם קאַמפף צווישען פערשיידענע קרעפטען, וועלכע האָבען געמוזט זיך איינאָרדנען אָבער־און־וויעדער, צופּאַסענדיג זיך צו דעם ערך פון זייערע ענערגיען, דעם שיקזאַל פון זייערע שטרייטען און דער שטיצע, וואָס זיי האָבען בעקומען פון זייער ארומיגער סביבה. דעריבער קאָן מען ניט געפינען קיין צוויי שטעדט, וואָס זאָלען האָבען אַקוראַט דעמזעלביגען אינערליכען געבוי און א גלייכען מזל. יעדע שטאָדט, פאַר זיך גענומען, ענדערט איהר פיזיאָנאָמיע פון יאָהרהונדערט צו יאָהרהונדערט. דאָך אָבער, ווען מיר וואַרפען א ברייטען בליק אויף אַלע שטעדט פון אייראָפּאַ, פערשווינדען די אָרטיגע און נאַציאָנאַלע חלוקים, און מיר ווערען איבערראַשט פון דער וואונדערבאַרער עהנליכקייט, וואָס מיר געפינען ביי זיי אַלעמען, אָבוואויל יעדערע האָט זיך ענטוויקעלט פאַר זיך, אונאַבהענגיג פון די אַנדערע און אונטער פערשיידענע אומשטענדען. א קליין שטעדטיל אין צפון פון שאָטלאַנד

מיט זיין בעפעלקערונג פון גראָבע אַרבייטער און פישערלייט; אַ רייכע שטאָדט אין פלאַנדערן מיט איהר וועלט־האַנדעל, איהר לוקסוס, גענוס־פערלאַנגען און מונטערן לעבען; אַן איטאַליענישע שטאָדט, וואָס איז רייך געוואָרען דורך איהר האַנדעל מיט'ן אָריענט, און וועלכע קולטיווירט אין איהרע מויערן אַ פערפיינערטען קינסטלערישען געשמאַק און אַ הויכע קולטור; און אַן אָרימע שטאָדט, וואָס בעשעפטיגט זיך דערהויפט מיט ערדאַרבייט, אין אַ זומפּיגען אָזערע־געגענד פון רוסלאַנד — וויפיעל געמיינשאַפט־ליכעס קאָנען זיי האָבען צווישען זיך? און דאָך זיינען די הויפּט־שטריכען פון זייער געבוי און דער גייסט וואָס בעלעבט זיי דורכ־געדרונגען פון אַ שטאַרקער פאַמיליען־עהנליכקייט. אומעטום געפינען מיר דיזעלביגע פעדעראַציעס פון קליינע געמיינדען און גילדען, דיזעלביגע „טעכטער־שטעדט“ אַרום דער מוטער־שטאָדט, דיזעלביגע פאָלקס־פערזאַמלונג און דיזעלביגע עמבלעמען פון איהר אונאָבהענגיגקייט. דער בעשיצער (דעפענסאָר) פון שטאָדט רעפּרעזענטירט, אונטער פערשיידענע נעמען און בעקליידונגען, די זעלביגע אויטאָריטעט און דיזעלביגע אינטערעסען; די בעשאַפונג פון לעבענס־מיטעל, די אַרבייט און דער האַנדעל, זיינען אָרגאַניזירט אויף אַ זעהר עהנליכען אופן; אינעוויינינגסטע און אויסוויינינגסטע מחליקות ווערען אָנגעפיהרט מיט דיזעלביגע אַמביציעס; אַפילו די לאָזונגען וואָס ווערען אַרויסגעבראַכט בעת די מחליקות, ווי אויך די פאָרמולעס, וואָס ווערען געברויכט אין די שטאָדט־כראָניקען, די תקנות און דאָקומענטען, זיינען דיזעלביגע. די אַרכיטעקטורישע מאָנומענטען, סיי זיי זיינען אין גאָטהישען סטיל, סיי אין ראָמאַ־נישען אָדער ביזאַנטישען סטיל, דריקען אויס דיזעלביגע ציעלען און דיזעלביגע אידעאַלען; זיי זיינען אויפגעפאַסט און געבויט געוואָרען אויפ'ן זעלביגען אופן. אַ סך אונעהנליכקייטען זיינען בלויז חלוקים פון עלטער, און יענע ווירקליכע חלוקים צווישען שוועסטער־שטעדט ווייעדערהאָלען זיך אין פערשיידענע טיילען פון אייראָפּאַ. די איינהייט פון דער לייטענדער אידעע און די גלייכע אורזאַכען פון זייער אורשפּרונג פערגלעטען די אונטערשיעדען פון קלימאַט, פון דער געאָגראַפישער לאַגע, פון רייכקייט, פון דער שפּראַך און רעליגיאָן. דעריבער קאָנען מיר רעדען וועגען דער מיטעלאַלטער־ליכער שטאָדט, ווי וועגען אַ גאַנץ־בעשטימטער שטופע פון

ציוויליזאַציע; און הגם יעדע פאָרשונג, וועלכע בעטאָנט די אָרטיגע און אינדיווידועלע חלוקים, איז העכסט ווילקאָמען, מעגען מיר דאָך אָנווייזען אויף די הויפּט־שטריכען פון ענטוויקלונג, וועלכע זיינען גלייך פאַר אַלע שטעדט. 1)

1) די ליטעראַטור וועגען דעם ענין איז זעהר רייך, עס איז נאָך אָבער דערווייליע ניטאָ קיין איינציג ווערק, וואָס זאָל בעהאַנדלען די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט אַלס אַ גאַנצעס. פאַר די פראַנצויזישע געמיינדען זיינען אויגוסט טהיערי'ס „לעטטרס" און „קאָנסידעראַסיאָן סיר ל'איסטואַר דע פראַנס" נאָך אַלץ קלאַסישע ווערק, און לושער'ס „פראַנצויזישע קאָמונעס" איז אַן אויסגעצייכענטער צוגאָב צו זיי. פאַר די איטאַליענישע שטעדט זיינען די הויפּט־קוועלען פון אַלגעמיינע אויסקונפטען: סיסמאָנדי'ס גרויסעס ווערק („די געשיכטע פון די איטאַליענישע רעפּובליקען אין מיטעלאַלטער", (פראַנצ.), פּאַריז, 1826, 16 בענדער), לעאָ און באָטטאַ, „געשיכטע פון איטאַליען", פעררארי'ס „רעוואָלוציאָנען אין איטאַליע", און העגעל'ס „געשיכטע דער שטעדט־פערפאַסונג אין איטאַליען". פאַר דייטשלאַנד האָבען מיר מאַורער'ס „שטעדטעפערפאַסונג", באַרטהאָלד'ס „געשיכטע דער דויטשען שטעדטע", און פון די שפּעטיגערע ווערק, העגעל'ס „שטעדט אונד גילדען דער גערמאַנישען פעלקער" (2 בענדער, לייפּציג, 1891) און דר. אָטטאָ קאַללזען'ס „די דויטשען שטעדטע אים מיטעלאַלטער" (2 בענדער, האַללע, 1891), ווי אויך יאַנססען'ס „געשיכטע דעם דויטשען פאָלקעס" (5 בענדער, 1886), וועלכע וועלען האָפענטליך באַלד איבערזעצט ווערען אין ענגליש (אַ פראַנצויזישע איבערזעצונג איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1892). פאר בעלגיען, א. וואַוטערס „די קאָמונאַלע פריויהייטען" (פראַנצ.) ברוסעלס, 1869—78, 3 בענדער. פאר רוסלאַנד, ביעלאַעוו'ס, קאָסטאָמאַראָוו'ס און סערגייעוויטש'ס ווערק. און ענדליך פאַר ענגלאַנד האָבען מיר איינס פון די בעסטע ווערק וועגען שטעדט בכלל אין מרס. דז. ר. גרינ'ס בוך „טאַון לייף אין דהי פיפטינטה סענטיורי" (צוויי בענדער, לאָנדאָן, 1894). אויסערדעם האָבען מיר אַן אוצר פון גוט־בעקאַנטע אָרטיגע היסטאָריעס און איניגע אויסגעצייכענטע ווערק פון אַלגעמיינער געשיכטע און עקאָנאָמישער געשיכטע, וועלכע איך האָב אָפט דערמאָנט אין דעם קאַפּיטעל, ווי אויך אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען. די רייכקייט פון דער ליטעראַטור בעשטעהט אָבער הויפּטזעכליך אין בעזונדערע, אָפט

עס איז קיין ספק ניט, אַז די בעשיצונג, וואָס דער מאַרק־פּלאַץ פלעגט בעקומען זינט די ערשטע באַרבאַרישע צייטען, האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע, הגם ניט די איינציגע ראָליע, אין דער בעפּרייאונג פון דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט. די באַרבאַרען פון די ערשטע צייטען האָבען אין זייערע דאָרף־געמיינדען ניט געוואוסט פון קיין מסחר; זיי האָבען געהאַנדעלט נאָר מיט פרעמדע, אין געוויסע בעשטימטע ערטער און אין געוויסע בעשטימטע טעג. און כדי דער פרעמדער זאָל קאָנען קומען אויפ'ן האַנדעלס־פּלאַץ ניט מורא האָבענדיג, אַז ווער עס איז וועט איהם הרג'נען צוליעב עפּעס אַ בלוט־קריעג, וואָס קאָן זיך פיהרען צווישען צוויי שטאַמען, איז דער מאַרק אַלעמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרען אונטער דעם ספּעציעלען שוץ פון אַלע שטאַמען. אויפ'ן מאַרק האָט מען קיינעם ניט געטאָרט אָנריהרען, אַזוי ווי אין געבעט־הויז גופא, נעבען וועלכען דער מאַרק איז אָבגעהאַלטען געוואָרען. ביי די קאַבילען איז דער מאַרק־פּלאַץ „אַנגאַיאַ", אַזוי ווי דער פוס־וועג, אויף וועלכען די ווייבער טראָגען וואַסער פון ברונעם: אויף ביידען טאָר מען ניט געהן בעוואָפענט, אפילו אין דער צייט פון אַ מלחמה צווישען די שטאַמען. אין די צייטען פון מיטעלאַלטער האָט דער מאַרק־פּלאַץ אומעטום געהאַט דיזעלביגע בעשיצונג. 1) קיין בלוט־

---

פּאָרטרעפליכע פאָרשונגען פון דער געשיכטע פון בעזונדערע שטעדט, דערהויפּט איטאַליענישע און דייטשע, פון די גילדען, וועגען דער לאַנד־פראגע, וועגען די עקאָנאָמישע פּרינציפּען פון יענער צייט, וועגען דער עקאָנאָמישער וויכטיגקייט פון די גילדען און די האַנדווערקען, וועגען די פערבאַנדען צווישען שטעדט (די האַנזאַ) און וועגען דער געמיינדע־קונסט. אַן אונגלויבליכע מאַסע פון אויסקונפטען געפינט זיך אין די ווערק פון אָט דער צווייטער קאַטעגאָריע, פון וועלכער נאָר איניגע פון די וויכטיגסטע ווערק ווערען דערמאָנט דאָ אין די דפוס.

1) קולישער, אין זיין פאָרטרעפליכער עססיי וועגען דעם פּרימיטיווען האַנדעל (ציטשריפט פיר פעלקערפּסיכאָלאָגיע, באַנד X, ז. 380) ווייזט אויך אָן, אַז לויט הערעדאָטוס זיינען די אַגריפּפּעער געווען אונפערלעצליך, ווייל דער האַנדעל צווישען די סקיטהיער און די צפון־פעלקער פלעגט פאָרקומען אויף זייער טעריטאָריע. דער וואָס איז ענטלאָפען צו זיי איז געווען אַ קדוש, ועמען מען האָט ניט געטאָרט

קריעג האָט ניט געקאָנט אָנגעפיהרט ווערען אויף דעם פּלאַץ וואו מענשען האָבען זיך צונויפגעקליבען צו פיהרען מסחר, און אויך ניט אין די גרעניצען פון א געוויסען קרייז אַרום איהם. אויב עס איז ענטשטאַנען אַ מחלקה צווישען דעם ערב־רב פון די קויפער און פערקויפער, האָט עס געמוזט פאָרגעבראַכט ווערען פאַר די, אונטער וועמעס שוץ דער מאַרק איז געשטאַנען — פאַר דעם געמיינדע־געריכט, אָדער פאַר דעם בישאָף׳ס, דעם פּריץ׳ס אָדער דעם קעניג׳ס ריכטער. אַ פרעמדער, וואָס איז געקומען האַנדלען, איז געווען אַ גאַסט, און אַזוי האָט מען איהם טאַקע אָנגערופען. אַפילו דער פעאָדאַלער באַראָן, וואָס זיין געוויסען האָט איהם ניט געשטערט צו בעראַבעווען אַ סוחר אויפ׳ן גרויסען טראַקט, האָט רעספּעקטירט דעם „וויכבילד“, ד. ה. דעם שטאַנג, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן מאַרק און געטראָגען אויפ׳ן שפּיץ אָדער דעם קעניג׳ס הערב, אָדער אַ האַנדשוה, אָדער דאָס בילד פון אַן אָרטיגען הייליגען, אָדער פשוט אַ צלם, לויט נאָכדעם צי דער מאַרק איז געווען אונטער דעם שוץ פון קעניג, פון פּריץ, פון דעם אָרטיגען קלויסטער, אָדער פון דער פאָלקס־פערזאַמלונג — די „וויעטשע“.1)

עס איז גרינג צו פערשטעהן, ווי אַזוי די זעלבסט־יוריסדיקציע פון שטאָדט האָט זיך געקאָנט ענטוויקלען פון דער ספּעציעלער יוריסדיקציע אויפן מאַרק־פּלאַץ. בעת דאָס דאָזיגע רעכט איז

---

אָנגרייפען, און די אַגריפער פלעגט מען אָפט איינלאַדען אלס פער־מיטלער פאר זייערע שכנים. זעה אָנהאַנג XV

1) אין דער לעצטער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ ויכוח וועגען דעם „וויכבילד“ און דעם „וויכבילד“־געזעץ, וועלכער איז נאָך אַלץ ניט קלאָר. (זעה צאָפּפל, „אַלטערטימער דעם דויטשען רייכס אונד רעכטס“, באַנד III, ז. 29 ; קאַללזען, באַנד I, ז. 316). די אויבענגעבראַכטע ערקלערונג זעהט מיר אויס צו זיין די וואַהרשיינליכסטע, זי מוז אָבער, פערשטעהט זיך, בעוויזען ווערען דורך וויטערע פאָרשונגען. עס איז אויך קלאָר, אַז דער „מערצעט קראָסס“ (ווי די שאָטלענדער רופען עס), ד. ה. דער „האַנדעלס־קרייץ“ האָט געקענט בעטראַכט ווערען ווי אַן עמבלעם פון דער יוריסדיקציע פון דער קירך ; מיר געפינען איהם אָבער אי אין די בישאָף־שטעדט, אי אין די שטעדט, איבער וועלכע די פאָלקס־פערזאַמלונג האָט געהאַט די דעה.

פריוויליג אָדער ניט פריוויליג איבערגעגעבען געוואָרען דער שטאָדט גופא. און אָט אזא מין אורשפּרונג פון די פרייהייטען פון דער שטאָדט, וועלכע מען קאָן נאָכווייזען אין זעהר פיעל פעלען, האָט נויטיגערווייז געגעבען זייער וויטערדיגער ענטוויקלונג א בעזונדערן כאראקטער. עס האָט געגעבען אַן אויבערמאַכט דעם האַנדעל־פיהרענדען טייל פון דער געמיינדע. די בירגער, וועלכע זיי־נען אין דער צייט פון דער בעפרייאונג געווען הויז־אייגענטימער אין שטאָדט און האָבען געהאַט אַ חלק אין די שטאָדטישע לענדערייען, האָבען זעהר אָפט געגרינדעט אַ סוחרים־גילדע, וועלכע האָט גע־האַלטען אין איהרע הענד דעם מסחר פון שטאָדט; און הגם אין אָנהויב האָט יעדער בירגער, סיי רייך, סיי אָרים, געקאָנט זיין אַ מיטגליעד פון דער גילדע, און דער מסחר גופא איז ווי עס זעהט אויס אָנגעפיהרט געוואָרען פאַר דער גאַנצער שטאָדט דורך איהרע נאמנים, איז פונדעסטוועגען די גילדע בּיסלעכווייז געוואָרען אַ מין פּריוויליגירטע קערפּערשאַפט. זי האָט ניט צוגעלאָזען די אויס־ווייניגסטע מענשען, וועלכע האָבען באַלד גענומען אריינשטראָמען אין די פרייע שטעדט, ווערען מיטגליעדער אין דער גילדע, און זי האָט אַלע נוצען, וואָס איז געקומען פון האַנדעל, געהאַלטען פאַר די עטליכע „פאַמיליעס“, וועלכע זיינען געווען בירגער בעת דער בעפרייאונג. אויף דעם אופן האָט גאַנץ זיכער געדראָהעט אַ געפאַהר, עס זאָל זיך ניט אויסבילדען פון דעם אַ סוחרים’שע אָליגאַרכיע. אָבער שוין אין צעהנטען י. ה., און נאָכמעהר אין די נעקסטע צוויי יאָהרהונדערטען, זיינען די הויפּט־האַנדווערקען, וועלכע האָבען זיך אויך אָרגאַניזירט אין גילדען, געוואָרען שטאַרק גענוג אָבצושטעלען די אָליגאַרכישע טענדענצען פון די סוחרים.

די האַנדווערקערס גילדע איז דאַמאָלסט געווען אַ געמיינ־זאַמער פערקויפער פון איהרע פּראָדוקטען און אַ געמיינזאַמער איינקויפער פון די רויהע מאַטעריאַלען: איהרע מיטגליעדער זיינען אויף דעם אופן געווען סוחרים און האַנדווערקער אין דערזעלביגער צייט. די גרויסע ראָליע, וואָס די אַלטע האַנדווערקער־גילדען האָבען געשפּיעלט פון אָנהויב אָן פון דעם פרייען שטאָדטישען לעבען, האָט דעריבער גאַראַנטירט דער האַנד־אַרבייט די הויכע פּאָזיציע, וואָס זי האָט שפּעטער פערנומען אין שטאָדט. 1) אין

1) בנוגע אַלע פראגען וועגען דער האַנדעלס־גילדע, זעה גראָסס’ס פאָל־

דער ווירקליכקייט איז האַנד־אַרבייט ניט געווען אין מיטעלאַלטער־ליכער שטאָדט קיין צייכען פון אַ נידעריגערער געזעלשאַפטליכער פּאָזיציע; עס איז פערקעהרט געווען פערבונדען מיט סמנים פון דער הויכער אַכטונג, אין וועלכער מען האָט זי געהאַלטען אין דער דאָרף־געמיינדע. די האַנדאַרבייט איז בעטראַכט געוואָרען אין די מיטעלאַלטערליכע „מיסטעריען" (די אַרטעלען אָדער גילדען) ווי אַ פרומער חוב צו די בירגער, ווי אַ געזעלשאַפטליכע פונקציע (אַמט), וואָס איז אַזוי עהרענפול, ווי יעדער אַנדער אַמט. אַ געדאַנק פון „גערעכטיגקייט" צו דער געמיינדע און „עהרליכקייט" צו דעם פּראָדוצירער ווי צו דעם געברויכער — אַ געדאַנק, וואָס וואָלט אין אונזער צייט פאָרגעקומען אַזוי זאָנדערבאַר — האָט דורכגעדרונגען דעם גאַנצען גאַנג פון דער פּראָדוקציאָן און אויסטויש. דעם גאַרבער'ס, דעם קופּערשמיעד'ס, אָדער דעם שוסטער'ס אַרבייט מוז זיין „גערעכט" און „עהרליך", האָבען זיי געשריבען אין יענע

שטענדיג ווערק „דהי גילד מערטשאַנט" (אָקספאָרד, 1890, 2 בענדער); אויך מרס. גרין'ס בעמערקונגען אין „טאַון-לייף אין דהי פיפטינטה סענטיורי", 2טער באַנד, קאַפּיטלען 5, 8 און 10; און א. דאָרען'ס איבער־זיכט איבער דעם געגענשטאַנד אין שמאָלער'ס „פאָרשונגען", באַנד 12. אויב די השערות, וואָס זיינען אָנגעדייטעט געוואָרען אין פאָריגען קאַפּיטעל, (אַז דער האַנדעל איז אין אָנהויב געווען קאָמונאַל) זאָל זיך ארויסווייזען צו זיין ריכטיג, דאַן וועט מען מעגען פאָרשלאָגען אַלס אַ וואַהרשיינליכע היפּאָטעזע, אז די האַנדעלס־גילדע איז לכתחילה געווען אַ קערפּערשאַפט, וועלכע איז אָנגעטרויט געוואָרען מיט פיהרען קאָמערציע אין די אינטערעסען פון דער גאַנצער שטאָדט, און נאָר ביסלעכוויז איז זי געוואָרען א גילדע פון סוחרים, וואָס האָבען געפיהרט מסחר פאַר זיך אַליין. דערצו זיינען געווען אַזעלכע, ווי די „מערטשאַנד אדוואַנ־טיוריסטס" פון ענגלאַנד, די „פּאַוואָלניקי" (פרייע קאָלאָניזירער און סוחרים) פון נאָווגאָראָד, און די „מערקאַטי פּערזאָנאַטי", וועמען מען האָט געלאָזט עפענען נייע מערק און נייע קאָמערציעלע צווייגען פאַר זיך אַליין. בכלל מוז מען בעמערקען, אַז מען קאָן ניט צושרייבען דעם אורשפּרונג פון דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט צו קיין איינציגען, בעזונדערן פאַקטאָר. עס איז געווען א רעזולטאַט פון פ י ע ל ע פאַק־טאָרען, וועלכע האָבען געווירקט יעדערער אין אַ פערשיידענעם גראַד.

ציימען. דאָס האָלץ, דער לעדער, די פּאָדים, וועלכע דער האַנד־ווערקער געברויכט, מוז זיין „ריכטיג"; ברויט מוז „גערעכט" געבאַקט ווערען, און אזוי ווייטער. טראָגט אריבער די דאָזיגע שפּראַך אין אונזער היינטיגען לעבען, וועט עס קלינגען פאַלש און אוננאַטירליך; דאַמאָלסט אָבער איז עס געווען נאַטירליך און גאָר ניט פאַלש, ווייל דער בעל מלאָכה פון מיטעלאַלטער האָט ניט פּראָדוצירט פאַר אַן אונבעקאַנטען קויפער, און האָט ניט געוואָרפען זיינע פּראָדוקטען אויף אַן אונבעקאַנטען מארק. ער האָט געשאַפען ערשטענס פאַר זיין גילדע — פאַר אַ ברודערשאַפט פון מענשען, וועלכע האָבען געקענט איינע די אַנדערע, האָבען געוואוסט די טעכניק פון דער מלאָכה, און בעשטימענדיג דעם פּרייז פון יעדען פּראָדוקט, האָבען זיי געקאָנט אָבשאַצען די פעהיגקייט פון בעל־מלאָכה און די אַרבייט, וואָס ער האָט אַריינגעלעגט אין זיין האַנד־ווערק. צווייטענס האָט די גילדע, ניט דער איינצעלנער פּראָדוצירער, אַנגעבאָטען די וואַארע צום פערקויף אין דער געמיינדע, און די געמיינדע פון איהר זייט האָט אָנגעבאָטען דער ברודערשאַפט פון די פעראייניגטע געמיינדען די וואַארע, וואָס האָט געדאַרפט עקספּאָרטירט ווערען, און האָט גענומען אויף זיך די אחריות פאַר זייער קוואַליטעט. ביי אזאַ אָרגאַניזאַציע איז עס געווען די אַמביציע פון יעדען האַנדווערקער־פאַך ניט צו ליפערן קיין טאַנדעטנע אַרבייט, און טעכנישע פעהלערן אָדער פעלשונגען איז געווען אַ זאַך, וואָס האָט פוגע געווען די גאַנצע געמיינדע, „ווייל עס קען צערשטערן דאָס געזעלשאַפטליכע צוטרויען", ווי עס איז געשטאַנען געשריבען אין אַ שטאָדט־תקנה. 1) אזוי ווי די פּראָדוקציאָן איז אויף דעם אופן געווען אַ „סאָציאַלע פליכט", וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון דער גאַנצער אַ מ י ט אַ ס (די „פריינדשאַפט", די שטאָדט), האָט די האַנד־אַרבייט, כל זמן די פרייע שטאָדט האָט געלעבט, ניט געקאָנט אַראָבפאַלען ביז צו דעם נידעריגען מעמד, וועלכען זי פערנעהמט איצטער.

אַן אונטערשיעד צווישען מייסטער און לעהרלינג, אָדער צווישען דעם מייסטער און דעם „געזעל", איז געווען אין די מיטעל־

1) יאַנססען'ס „געשיכטע דעם דויטשען פאָלקעס", ב. I, ז. 315; גראַמיך'ס „ווירצבורג", און פאַקטיש יעדע זאַמלונג פון תקנות.

אַלטערליכע שטעדט פון זייער ערשטען אָנהויב אָן; דאָס איז אָבער לכתחילה געווען נישט מעהר ווי אַ חילוק אין עלטער און אין פעהיגקייט, ניט אין פערמעגען און מאַכט. נאָך אַ זיעבען־יאָהריגער לעהרצייט און נאָכדעם ווי ער האָט געצייגט זיין קענטניס און פעהיגקייט דורך אַ מייסטער־ווערק, איז דער לעהרלינג אַליין געוואָרען אַ מייסטער. ערשט אַ סך יאָהרען שפּעטער, אין 16טען י. ה., נאָכדעם ווי די קעניגליכע מאַכט האָט צעבראָכען די שטאָדטישע און האַנדווערקערשע אָרגאַניזאַציע, איז מעגליך געוואָרען צו ווערען אַ מייסטער פּשוט בירושה אָדער מיט דעם כח פון רייכטום. דאָס איז שוין אָבער געווען אַ צייט פון אַלגעמיינעם אונטערגאַנג פון דער מיטעלאַלטערליכער אינדוסטריע און קונסט־אַרבייט.

אין די ערשטע בליהענדע פּעריאָדען פון די מיטעלאַלטערליכע שטעדט איז ניט געווען קיין פיעל פּלאַץ פאַר לוינאַרבייט, און נאָך ווענינער פאַר אינדיווידועלע לוינאַרבייטער. די אַרבייט פון די וועבער, די פייל־און־בויגען מאַכער, די שמיעדען, די בעקער א. אז. וו. איז געטהאָן געוואָרען פאַר דער גילדע און דער שטאָדט; און ווען מען האָט געדונגען בעלי מלאכות אין די בוי־געווערק, האָבען זיי געאַרבייט ווי צייטווייליגע קערפּערשאַפטען, (ווי די אַרטעלן אין רוסלאַנד נאָך איצטער), וועלכע האָבען געקריגען בעצאָהלט פאַר דער גאַנצער אַרבייט פון אַרטעל. אַרבייטען פאַר אַ מייסטער האָט זיך אָנגעהויבען פערמעהרען ערשט שפּעטער; אָבער אַפילו אין דעם פאַל האָט דער אַרבייטער אויך געקריגען בעסער בעצאָהלט ווי ער קריגט איצטער דאָ אין ענגלאַנד, און גאָר אַ סך בעסער איידער ער פלעגט קריגען אומעטום אין אייראָפּאַ אין דער ערשטער העלפט פון 19טען י. ה. טהאָראָלד ראָדזשערס האָט די ענגלישע לעזער בעקאַנט געמאַכט מיט דעם געדאַנק; עס איז אָבער אויך ריכטיג בנוגע גאַנץ אייראָפּאַ, ווי מען קאָן עס זעהן אין די פאָרשונגען פון פאַלקע און שאָנבערג, 1) און פון פיעלע צופעליגע

1) פאַלקע, „געשיכטליכע סטאַטיסטיק“, באַנד I, ז. 373‏-93 און באַנד II, ז. 66, ציטירט אין יאַנססען׳ס „געשיכטע“, ב. I, ז. 339; זש. ב. בלאַווינאַק קומט אויך צו אַן עהנליכען שלוס. פאַר אַמיען זעה דע קאַלאָן׳ס „וויע מוניציפּאַל“, ז. 99 און דעם אָנהאַנג. פאַר אַ גענויע אָבשאַצונג און קלאָרע דאַרלעגונג וועגען אַרבייטס־לוין אין ענגלאַנד

אַנדרייטונגען. אפילו אין 15טען י. ה. פלעגט א מויערער, א סטאָליער אָדער אַ שמיעד קריגען אין אַמיען פיער „סאָלס“ א טאָג, וואָס איז געווען גלייך ווי 48 פונט ברויט, אָדער ווי אַן אכטעל פון א קליינעם אָקס (בואוואַרד). אין זאַקסען איז דער געהאַלט פון א געזעל אין בוי־געווערק געווען אַזעלכער, אַז ער האָט געקאָנט, ווי פאַלקע זאָגט, מיט זיין לוין פאַר זעקס טעג קויפען דריי שאָף און איין פאָר שיך. די געשענקען, וואָס די געזעלען פלעגען געבען פאַר די קאַטהעדראַל־קירכען זאָגען אויך עדות, אַז עס האָט זיך זיי לפי ערך גוט געלעבט. שוין ניט צו רעדען פון די גרויסאַרטיגע נדבות, וואָס געוויסע האַנדווערקער־גילדען פלעגען געבען, אָדער וואָס זיי פלעגען אויסגעבען אויף פעסט־טעג און פאַראַדען. 1) דער פאַקט איז, אַז וואָס מעהר מיר ווייסען וועגען דער שטאָדט פון מיטעלאַלטער, אַלץ מעהר ווערען מיר איבערצייגט, אַז די אַרבייט האָט זיך קיינמאָל ניט אַזוי גוט בעצאָהלט און איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי געאַכטעט, ווי אין דער צייט, ווען דאָס לעבען פון די פרייע שטעדט איז געשטאַנען אויף זיין העכסטען פונקט פון ענטוויקלונג.

נאָך מעהר ווי דאָס. ניט נאָר זיינען אַ סך בעשטרעבונגען פון אונזערע מאָדערנע ראַדיקאַלען שוין פערווירקליכט געווען אין מיטעלאַלטער, נאָר אַפילו אַ סך זאַכען, וואָס מען האַלט היינט פאַר אַ אוטאָפּיע, זיינען דאַמאָלסט אָנגענומען געוואָרען אַלס עטוואָס גאַנץ נאַטירליכעס. מען לאַכט פון אונז, ווען מיר זאָגען, אַז די אַרבייט מוז זיין אַנגענעהם, אָבער — אין מיטעלאַלטער איז

---

פון מיטעלאַלטער און דעם ווערטה פון דעם לוין אין ברויט און פלייש, זעה דזש. סטעפען'ס פאָרטרעפליכען אַרטיקעל אין „ביינטינטה סענטיורי“ פאַר דעם יאָהר 1891, און „סטודיער אָפּווער לאַנסיסטעמעטס היסטאָריאַ אי ענגלאַנד“, סטאָקהאָלם 1895.

1) מיר וועלען ברייגגען נאָר איין ביישפּיעל פון אַ סך אַזוינע, וואָס מען קען געפינען אין שאָנבערג'ס און פאַלקע'ס ווערק: די 16 שוסטער־קנעכט פון דער שטאָדט קזאַנטען אַם רהיין האָבען מנדב געווען פאַר אַן אַלטאַר אין דער קירך 75 גולדען אויף אַ ליסט און 12 גולדען פון זייער אלגעמיינער קאַסע. דאָס געלד האָט דאַמאָלסט געהאַט די ווערדע ווענינסטענס צעהן מאָל אַזוי פיעל ווי איצטער.

געווען געשריבען אין א תקנה פון קוטטענבערג: „יעדער איינער מוז נחת האבען פון זיין ארבייט, און קיין איינער, וואס פערברייננגט זיין צייט אין גארנישט טהאן, זאל ניט אנאייגענען זיך דאס, וואס אנדערע האבען געשאפען דורך פלייסיגקייט און ארבייט, דען די געזעצען מוזען בעשיצען פלייסיגקייט און ארבייט.“1) און אינ־מיטען פון אלע היינטיגע רייד וועגען אן 8־שטונדען טאג, וואלט גאר ניט געשאדט צו דערמאנען זיך אן א תקנה, וואס פערדינאנד דער ערשטער האט ארויסגעגעבען בנוגע די קייזערליכע קויהלען־מינען, וועלכע האט בעשטימט, אז דעם קויהלען־גרעבער׳ם ארבייטס־טאג זאל בעשטעהן פון 8 שטונדען „ווי עס פלעגט זיין אין די אלטע צייטען“, און אז שבת נאך האלבען טאג זאל זיין פערבאטען צו ארבייטען. לענגערע שטונדען זיינען געווען זעהר זעלטען, דער־צעהלט אונז יאנססען; פערקעהרט, קירצערע שטונדען זיינען פאר־געקומען גאנץ אפט. אין 15טען י. ה. אין ענגלאנד, זאגט ראדזשערס, „האבען די ארבייטער געארבייט נישט מעהר ווי אכט און פערציג שטונדען א וואך.“ 2) אויך דער פרייער האלבער טאג שבת, וואס מיר בעטראכטען פאר א היינטיגען נצחון, איז אין דער ווירקליכקייט געווען אן אלטער איינפיהר פון מיטעלאלטער; שבת נאכמיטאג איז געווען די צייט, ווען דאס גרעסטע טייל פון געמיינדע פלעגט געהן אין באד, בעת מיטוואך נאכמיטאג איז געווען די באד־צייט פאר די געזעלען.3) און הגם אין יענע צײ־

1) ציטירט פון יאנסען, דארט גופא, באנד I, ז. 43.

2) „דהי עקאנאמיקאל אינטערפרעטיישאן אוו היסטארי“, לאנדאן, 1891, ז. 303.

3) יאנססען, דארט גופא. זעה אויך דר. אלווין שולטץ „דייטשעס לעבען אין 14טען און 15טען י. ה. 5, גראססע אויסגאבע, וויען, 1892, ז. 67 און ווייטער. אין פאריז איז דער ארבייטסטאג בעשטאנען אין אייניגע געווערבען פון זיעבען ביז אכט שטונדען אין ווינטער, און ביז פערצעהן שטונדען אין זומער; אין אנדערע געווערבען, פון אכט ביז ניין שטונדען ווינטער, און פון צעהן ביז צוועלף שטונדען זומער. יעדע ארבייט האט אויפגעהערט אלע שבת און ארום פינף און צוואנציג אנדערע טעג אום פיער אוהר, בעת אום זונטאג און דרייסיג אנדערע יום טובים איז גאר קיין ארבייט ניט געטהאן געווארען. דער אלגעמיינער שלוס איז,

טען זיינען נאָך ניט געוועזן איינגעפיהרט קיין שוהל־פרישטיקען
פאר קינדער — וואהרשיינליך ווייל קיין קינד איז ניט געגאַנגען אַ
הונגעריגער אין שוהל — איז אבער אין אייניגע פלעצער געווען אַ
מנהג צו טיילען באַד־געלד פאַר די קינדער, אויב די הוצאה איז גע־
ווען צו־שווער פאַר זייערע עלטערן. וואָס געהערט ארבייטער־
קאָנגרעסען, זיינען זיי אויך געווען אַ רעגעלמעסיגע ערשיינונג אין
מיטעלאלטער. אין אייניגע טיילען פון דייטשלאנד פלעגען די האַנד־
ווערקער פון דעמזעלביגען געווערב, וועלכע האָבען אָנגעהערט פער־
שיידענע געמיינדען, זיך צונויפקומען יעדען יאָהר צו דיסקוטירען
פראַגען, וואָס זיינען נוגע זייער געווערב: וועגען די לעהרלינגס־
יאָהרען, די וואַנדער־יאהרען א. ד. ג. און אין יאהר 1572 האָבען די
האנזא־שטעדט פאָרמעל אנערקענט דאָס רעכט פון די געווערק־
שאַפטען צונויפצוקומען זיך אויף פעריאָדישע קאָנגרעסען און אָנ־
נעהמען וועלכע רעזאָלוציעס זיי ווילען, כל זמן זיי געהען ניט
להיפך די תקנות פון די שטעדט בנוגע דער קוואַליטע פון די פראָ־
דוקטען. עס איז בעקאַנט, אַז אזוינע ארבייטער־קאָנגרעסען, אייני־
גע אינטערנאציאָנאַלע, ווי די האַנזאַ גופא, זיינען אָבגעהאַלטען
געוואָרען פון בעקער, אייזענגיסער, שמיעדען, גאַרבער, שווערדען־
מאַכער און באָנדערס.1)

די געווערקשאַפט־אָרגאַניזאַציע האָט, פערשטעהט זיך, גע־
מוזט האָבען אַ גענויע איבערזיכט פון דער גילדע־איבער די האַנד־
ווערקער, און עס פלעגען אויסגעוועהלט ווערען צוליעב דעם צוועק
ספעציעלע בעאַמטע. עס איז אבער מערקווירדיג, אַז כל זמן די
שטעדט האָבען געלעבט זייער פרייען לעבען, האָט זיך קיינער ניט
געקלאָגט וועגען דער דאָזיגער איבערזיכט, בעת וויבאַלד נאָך דער
שטאַאט האָט אריינגעשטעלט זיין פוס, און האָט גענומען קאָנפיס־

---

אַז דער ארביטער אין מיטעלאַלטער האָט אַלץ צוזאַמען געאַרבייט ווענו־
גער שטונדען איידער דער היינטיגער ארבייטער. (דר. ע. מאַרטין סט. לעאָן
„די געשיכטע פון קאָרפּאָראַציאָנען" (פראַנצ.) ז. 121).

1) וו. סטיעדאַ „האַנזישע פעראייבאַרונגען איבער שטעדטישע גע־
ווערבע אים 14טען אונד 15טען י. ה.ת אין די „האַנזישע געשיכטסבלע־
טער" יאהרגאַנג 1886, ז. 121 ; שאָנבערג'ס „ווירטהשאַפטליכע בעדיוי־
טונג דער צינפטע" ; און טיילוויז אויך ראָשער.

קירען דאָס אייגענטום פון די גילדען און צערשטערן זייער אונאָבהענגיגקייט צו גונסטען פון זיין אייגענער ביוראָקראַטיע, האָבען די קלאַגען זיך גענומען שיטען אָהן א צאָהל.[1] פון דער אנדער זייט ווידער, איז דער אונגעהויערער פּראָטשריט אין אלע קונסטווערק, וואס איז דערגרייכט געווארען אונטער דעם מיטעלאַלטערליכען גילד־סיסטעם, דער בעסטער בעווייז, אז דער דאָזיגער סיסטעם האָט ניט געשטערט דער אינדיווידועלער איניציאַטיווע.[2] דער פאַקט איז, אז די מיטעלאַלטערליכע גילדע, פּונקט ווי דער מיטעלאַלטערליכער קירכען־בעצירק, „גאַס“ אדער „קוואַרטאַל“, איז ניט געווען א קבוץ פון בירגער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון שטאַאט־בעאַמטע; זי איז געווען א פעראיין פון מענשען, וואס זיינען געווען פערבונדען דורך אַ געוויסען געווערב: בעאויפטראַגטע קויפער פון רויה־פּראָדוקטען, פערקויפער פון פאַבריצירטע וואַרע און בעלי מלאכות — מייסטערס, געזעלען און לעהרלינגע. אין דער אינערליכער אָרגאַניזאַציע פון דעם געווערב

1) זעה טולמין סמיטה׳ס געפיהלפולע בעמערקונגען וועגען דער בערויבונג פון די גילדען דורך דער קעניגליכער מאַכט, אין מיסס סמיטה׳ס איינלייטונג צו „ענגליש גילדס“. אין פראַנקרייך האָט זיך אָנגעהויבען דיזעלביגע בערויבונג און אָבשאַפונג פון דער יוריסדיקציע פון די גילדען אין יאהר 1306, און דער לעצטער קלאַפּ איז געגעבען געוואָרען אין יאהר 1382 (פאַגניע, דאָרט, ז. 52.).

2) אַדאַם סמיטה און זיינע צייטגענאָסען האָבען גוט געוואוסט וואָס זיי האָבען פעראורטיילט, ווען זיי האָבען געשריבען געגען דעם שטאַאַט׳ס אריינמישען זיך אין די געווערבען און געגען די געווערב־מאָנאָפּאָלען, וואָס דער שטאַאַט האָט געשאַפען. לוידער האָבען זייערע נאָכפאָלגער, מיט זייער האָפנונגסלאָזער אויבערפלעכליכקייט, צונויפגעמישט די מיטעלאַלטערליכע גילדען און די שטערונגען פונ׳ם שטאַאַט אין איין קאַשע, ניט זעהענדיג קיין חילוק צווישען אַן אוקאַז פון ווערסאַיל און א תקנה פון א גילדע. עס איז איבעריג צו זאָגען, אז די עקאָנאָמען, וועלכע האָבען ערנסט שטודירט דעם ענין, ווי שאָנבערג צ. ב. (דער ארויסגעבער פון א בעריהמטען לעהרבוך אויף פּאָליטישע עקאָנאָמיע), האָבען קיינמאָל אַזאַ טעות ניט געמאַכט. ביז ניט לאַנג אָבער האָבען זיך אָט אַזוינע ויכוחים גערעכענט פאַר עקאָנאָמישע „וויסענשאַפט“.

איז די מיטגליעדער־פערזאמלונג געווען די העכסטע מאכט, כל זמן זי האָט ניט געשטערט די אנדערע גילדען; אין פאַל פון א סכסוך, איז די זאך פארגעבראכט געווארען פאר דער גילדע פון אלע גילדען — די שטאָדט. אָבער אחוץ אָט די פונקציעס האָט די גילדע פאָר־געשטעלט מיט זיך נאָך עפּעס מעהר. זי האָט געהאַט איהר אייגענע יורידיקציע, איהר אייגענע מיליטערישע קאָמאַנדע, איהרע אייגע־נע פערזאמלונגען, איהרע אייגענע טראַדיציעס פון קאמפּפען, נצחונות און אונאָבהענגיגקייט, איהרע אייגענע בעציהונגען מיט אנדערע גילדען פון דעמזעלביגען געווערב אין אנדערע שטעדט: מיט איין וואָרט, זי האָט געלעבט א פולען אָרגאַנישען לעבען, וואָס האָט נאָר געקאָנט קומען פון דער פאָלשטענדיגקייט פון איהרע לע־בענס־פונקציאָנען. ווען מען האָט אויסגערופען אין שטאָדט זיך צו בעוואָפענען, פלעגט די גילדע קומען ווי א בעזונדער מחנה (שאַר), בעוואָפענט מיט איהר אייגענע געוועהר, (אין א שפּעטי־גערער צייט האָט זי געבראכט איהרע אייגענע האַרמאַטען, שעהן צוגעפּוצט) אונטער דעם בעפעהל פון איהרע אייגענע געוועהלטע קאָמאַנדירען. זי איז, קורץ גערעדט, געווען פונקט אזא אונאָבהענ־גיג גליעד פון דער פעדעראַציע, ווי די רעפּובליק פון אורי אָדער זשענעוואַ איז געווען מיט 50 יאהר צוריק אין דער שווייצאַרישער קאָנפעדעראַציע. פערגלייכען די גילדע מיט א היינטיגער טרייד־יוניאָן, וועלכע האָט קיין סמן ניט פון א זעלבסט־הערשענדער מלוכה און פערמעגט נישט מעהר ווי א פּאָר ניט זעהר וויכטיגע פונקציעס, איז פונקט אזוי אונזיניג, ווי צו פערגלייכען פלאָרענץ אָדער בריגגע מיט א פראַנצויזישער געמיינדע, וואָס שימעלט אונטערן דרוק פון נאפּאָלעאָנישען קאָדעקס, אָדער מיט א רוסיש שטעדטיל, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אונטער קאַטערינאַ דער צווייטער׳ס מוני־ציפּאַל־געזעץ. ביידע האָבען ערוועהלטע בורגמייסטערס, און די לעצטע האָט אפילו אויך האַנדווערקער־צעכען, אָבער דער חילוק צווישען זיי איז — דער גאַנצער חילוק וואָס געפינט זיך צווישען פלאָרענץ און צאַרעוואָקאָקשאַיסק, אָדער צווישען א דאָזשע פון ווענעדיג און א היינטיגען מער פון א פראַנצויזיש שטעדטיל, וועל־כער נעהמט ארונטער דאָס היטעל פאר דעם שרייבער ביים אונטער־פּרעפעקט.

די מיטעלאַלטערליכע גילדען זיינען בכח געווען אויפצוהאַל־

טען זייער זעלבסטשטענדיגקייט; און שפּעטער, דערהויפּט אין פערצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען דאָס אַלטע מוניציפּאַלע לעבען האָט צוליעב אייניגע סבות, וועלכע מיר וועלען באַלד אָנדייטען, דורכגעמאַכט א שטאַרקע פערענדערונג, האָבען די יונגערע געווערק־שאַפטען זיך ארויסגעוויזען שטאַרק גענוג אויסצוקעמפּפען זייער געהעריג טייל אין דער פערוואַלטונג פון די שטאָדטישע עסקים. די מאַסען, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין „יונגערע“ גילדען, האָבען זיך אויפגעהויבען, כדי ארויסצורייסען די מאַכט פון די הענד פון דער וואַקסענדער אָליגאַרכיע, און זייער אויפשטאַנד איז מעהרסטענטיילס געווען ערפאָלגרייך און זיי האָבען ווידער גע־עפענט אַ נייע בליהונגס־פעריאָדע פאַר די פרייע שטעדט. אמת, אין אייניגע שטעדט איז דער אויפשטאַנד פערטרונקען געוואָרען אין בלוט, און מאַסען ארבייטער האָט מען ארונטערגעהאַקט די קעפּ, ווי עס האָט פּאַסירט אין יאָהר 1306 אין פּאַריז און אין יאָהר 1371 אין קעלן. אין אַזוינע פעלען זיינען די שטאָדטישע פרייהיי־טען שנעל ארונטערגעקומען און די שטאָדט אליין איז געפאַלען אונטער'ן יאָך פון א צענטראַלער מאַכט. דאָס רוב שטעדט אבער האָבען נאָך אויפגעהאַלטען אין זיך גענוג לעבענסקראַפט ארויסצו־קומען פון דעם קאַמפּף מיט א נייעם לעבען און פרישער ענער־גיע.1) א נייע פעריאָדע פון יונג לעבען איז געווען זייער שכר. א נייע לעבען איז אריינגעגאָסען געוואָרען און האָט געפונען זיין אויס־

1) אין פלאָרענץ האָבען די זיעבען יונגערע גילדען געמאַכט זייער רעוואָלוציע אין די יאָהרען 1270-82, און מען קאָן געפינען א פולע בע־שרייבונג פון איהרע רעזולטאַטען אין פּערענס' ווערק („די געשיכטע פון פלאָרענץ“, (פראַנצ.), פּאַריז, 1877, 3 בענדער) און ספּעציעל אין דעם ווערק פון גינאָ קאַפּפּאָני (סטאָריאַ דעללאַ רעפּובליקאַ די פירענצע, צוויי־טע אויפלאַגע 1876, באַנד 1, ז. 58 ביז 80; איבערזעצט אין דייטש). אין ליאָן, דאַגעגען, וואו די בעוועגונג פון די יונגערע גילדען האָט פּאַ־סירט אין יאָהר 1402, איז זי אונטערדריקט געוואָרען, און די גילדען האָבען פערלאָרען דאָס רעכט אַליין צו וועהלען זייערע ריכטער. די צוויי פּרטייען, זעהט אויס, האָבען געמאַכט א פּשרה צווישען זיך. אין ראָסטאָק איז אזא בעוועגונג פאָרגעקומען אין יאָהר 1313; אין צוריך אין יאָהר 1336; אין בערן אין 1363; אין ברוינשווייג אין 1374 און דעם

דרוק אין די וואונדערבארע ארכיטעקטור מאָנומענטען, אין א נייער פּעריאָדע פון וואוילשטאַנד, אין א ראשיגען פאָרטשריט פון טעכניק און ערפינדונג, און אין א נייער גייסטיגער בעוועגונג, וועלכע האָט געפיהרט צו דער רענעסאַנס און דער רעפאָרמאַציאָן.

דאָס לעבען פון די מיטעלאַלטערליכע שטעדט איז כסדר בע־שטאַנען פון שווערע קאמפּפען צו געווינען פרייהייט און זי איינצו־האַלטען. עס איז אמת, אז אין דער צייט פון יענע ווילדע קאמפּ־פען האָט זיך ענטוויקעלט א שטארקער און שטאַנדהאַפטיגער דור פון בירגער; אמת, די מלחמות האָבען איינגעוואָרצעלט א ליעב־שאַפט און פערגעטערונג פון דער מוטער־שטאָדט, און די גרויסאר־טיגע זאכען, וואָס די מיטעלאַלטערליכע קאָמונעס האָבען אויפגע־טהאָן, איז געווען א דירעקטער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער ליעבע. די קרבנות אָבער, וואס די קאָמונעס האָבען געמוזט ברייגגען אין דעם קאמפּף פאר פרייהייט, זיינען דאָך געוועזען שרעקליך, און האָבען געלאָזען טיעפע שפּורען פון צוריסענקייט אויך אין זייער אינערליכען לעבען. זעהר וועניג שטעדט האָבען פּועל געווען, א דאנק פערשיעדענע גינסטיגע אומשטענדען, צו געווינען פרייהייט מיט איין קלאַפּ, און דאָס רוב האָבען זיי שנעל זי פערלאָרען; בעת

---

נעקסטען יאהר אין האַמבורג; אין ליבבעק אין די יאהרען 1376-84, און אַזוי ווייטער. זעה שמאָללערס „סטראַסבורג צור צייט דער צונפט־קעמפּפע" און „שטראַסבורג'ס בליטהע"; ברענטאַנאָ'ס „ארבייטערגילדען דער געגענוואָרט" צוויי בענדער, לייפּציג 1871-72; עב. בעין „מערט־שאַנד ענד קראַפטגילדס", אַבערדין, 1887, ז. 47-26 און 75. וואָס גע־הערט גראָסס' מיינונג בנוגע דיזעלביגע קאָמפּפען אין ענגלאַנד, זעה מרס. גרין'ס בעמערקונגען אין איהר ווערק „טאון לייף אין דהי פיפטינטה סענטיורי", באַנד II, ז. 190-217; אויך דעם קאַפּיטעל וועגען דער אר־בייטער פראגע, און פּאַקטיש דעם גאַנצען זעהר אינטערעסאַנטען באַנד. ברענטאַנאָ'ס אנזיכטען איבער די קאַמפּפען פון די גילדען, דער עיקר אין די פּאַראַגראַפען 3 און 4 פון זיין עסיי „אָן דהי היסטאָרי ענד דעוועלאָפּ־מענט אָוו גילדס" און טולמין סמיטה'ס „ענגליש גילדס" זיינען קלאַסיש פאַר דעם געגענשטאַנד, און מען קאָן זאָגען, אז זיי זיינען אָבער און ווידער בעשטעטיגט געוואָרען דורך די שפּעטיגערע פאָרשונגען.

די גרעסטע צאָהל האָט געהאט צו קעמפפען פופציג אדער הונדערט יאָהר נאָכאנאנד, און אָפט נאָך לענגער, איידער זייער רעכט אויף א פרייען לעבען איז אָנערקענט געוואָרען, און דאן האָבען זיי גע־דארפט קעמפפען נאָך א הונדערט יאהר אוועקצושטעלען זייער פריי־הייט אויף א פעסטען גרונד—די פרייבריעף פון 12טען יאהרהונדערט זיינען אייגענטליך נאָר געווען דער ערשטער טריט צו פרייהייט.1) אין דער ווירקליכקייט איז די שטאָדט פון מיטעלאלטער געווען א בעפעסטיגטע אָאזע אינמיטען פון א לאַנד, וואָס איז געלעגען אין פעאָדאלער קנעכטשאפט, און האָט זיך געמוזט דורכשלאָגען א וועג מיט דער מאכט פון איהרע וואָפען.

מחמת די סבות, וואס זיינען אינקורצען אָנגעוויזען געווארען אין דעם פאָריגען קאפיטעל, איז יעדע דאָרף־געמיינדע ביסלעכוויז געפאלען אונטער דעם יאָך פון א וועלכען־עס־ איז וועלטליכען אדער גייסטליכען פריץ. דאָס הויז פון אזא פריץ איז געוואקסען צו א שלאָס, און זיינע וואָפען־חברים זיינען געוואָרען די ערגסטע אוואנ־טוריסטען, וועלכע זיינען תמיד גרייט געווען צו בערויבען די פויע־רים. א חוץ די דריי טעג א וואָך, וואָס די פויערים האָבען געמוזט ארבייטען פאר'ן פריץ, האָט מען פון זיי געריסען אלערליי סאָרטען אָבצאָהלען: פאר דעם רעכט צו זייהען און צו שניידען, פאר דעם רעכט צו זיין פרעהליך אדער אומעטיג, פאר דעם רעכט צו לעבען, חתונה האָבען אדער שטארבען. אבער נאָך ערגער פאר אלץ איז געווען, וואָס בעוואָפענטע רויבער וועלכע האָבען געהערט צו א וועלכען עס איז פריץ פון די ארומיגע פריצים, פלעגען נאָכאנאנד אי־בערפאלען די פויערים, מיט דעם אויסרייד, אז די פויערים געהערען צו זייער פריץ'ס שטאם, און פלעגען אויסגיסען אויף זיי און אויף זייער פיה און תבואה־פעלדער דעם כעס פון בלוט־ראכע, וואָס זיי

1) נאָר איין ביישפיעל: קאמבראי האָט געמאכט איהר ערשטע רע־וואָלוציע אין 907, און נאָך דריי אָדער פיער אויפשטאנדען האָט זי בע־קומען איהר חאַרטאַ אין יאָהר 1076. די דאָזיגע חאַרטאַ איז צוויי מאָל אָוועקגענומען געוואָרען (אין 1107 און 1138) און צוויי מאָל ווידער בעקומען (אין 1127 און 1180). א סך הכל פון 223 יאהר פון קאמפף איידער זי האָט עראָבערט דאָס רעכט אויף אונאָבהענגיגקייט. ליאָן האָט געקעמפפט פון 1195 ביז דעם יאהר 1320.

האָבען געטראָגען אויף זייער לייבאייגענטימער. אין יענער צייט איז יעדע לאָנקע, יעדעס פעלד, יעדער טייך, יעדער וועג ארום שטאָדט, און יעדער מענש, וואָס איז געזעסען אויפ'ן לאַנד, געווען אונטערטעניג צו א וועלכען עס איז פריץ.

דער האַס פון די בירגער צו די פעאָדאַלע באַראָנען האָט זיך העכסט כאַראַקטעריסטיש אויסגעדריקט אין דעם לשון פון די פער־שיידענע חארטען, וואָס זיי האָבען געצוואונגען די דאָזיגע באַראָנען אונטערצושרייבען. היינריך דער 5טער איז געווען געצוואונגען אונטערצושרייבען אין דער חארטאַ, וואָס ער האָט געגעבען דער שטאָדט שפייער, אין יאָהר 1111, אז ער בעפרייט די בירגער פון „דעם שויזליכען און ניכטסווירדיגען געזעץ" פון דער „טויטער האנד", 1) „וועלכעס געמיין בודעל גענאַנט ווירד" דורך וועלכען די שטאָדט איז געקומען אין טיעפסטע ארמוט (קאַללזען, ב. 1, ז. 307). די „קוטומע" פון באַיאָן, געשריבען ארום דעם יאָהר 1273, ענטהאַלט צווישען אנדערע די פאָלגענדע שטעלען: „דאָס פאָלק איז עלטער פאַר די פריצים. דאָס פאָלק, וואָס איז צאָהלרייכער איידער אלע אנדערע, האָט מחמת זיין ליעבע צום פריעדען געמאַכט די העררן, כדי זיי זאָלען האַלטען אין צוויק און אונטערדריקען די מעכטיגע", א. אז. וו. (גירי, „עטאַבליססמאַן דע רואַן", I, 117, ציטירט פון לו־שער, ז. 24). א חארטאַ, וואָס איז פאָרגעלעגט געוואָרען דעם קעניג ראָבערט אונטערצושרייבען, איז אויך כאַראַקטעריסטיש. מען צווינגט איהם ער זאָל דאָרט זאָגען: „איך וועל ניט רויבען קיין אָקסען אדער אנדערע טהירען. איך וועל ניט כאַפּען קיין סוחרים, ניט צונעהמען זייער געלד און ניט ארויפלעגען אויף זיי קיין אויס־קויף־געלד. פון „מאַריע־פערקינדיגונג" (דעם 25טען מערץ) ביז „אלער הייליגען" (דעם 1סטען נאָוועמבער) וועל איך ניט כאַפּען קיין פערד, קיין קליאַטשע און קיין לאָשעק פון די לאָנ־קעס. איך וועל ניט פערברענען די מיהלען און ניט אוועקנעהמען דאָס מעהל... איך וועל ניט בעשיצען קיין גנבים" א. אז. וו. (פּפיס־טער האָט פערעפענטליכט דעם דאָזיגען דאָקומענט און איז איבער־געדרוקט פון לושער). די חארטאַ, וואָס דער ארכיבישאָף היום פון

1) „לאָ אָוו מאָרטמעין" — די חזקה לדורות אָדער דאָס אייביגע בעזיץ פון גיטער אין די „טויטע הענד" פון גייסטליכע. — איבערזעצער.

בעזאַנסאָן האָט „געשאָנקען“, אין וועלכען ער איז געצוואונגען גע־וועזען אויסצורעכענען אַלע צרות, וואָס זיינען געקומען פון זיינע „טויטער־האַנד“־רעכט, זיינען אויך אַזוי כאַראַקטעריסטיש. און אַזוינע ביישפּיעלען וואָלט מען געקאָנט ברענגען אַ סך.

אויפהאַלטען די פריהייט, ווען אַזוינע מעשים תעתועים זיי־נען פאָרגעקומען אַרום זיי, איז געווען אונמעגליך, און די שטעדט זיינען דעריבער געווען געצוואונגען אָנצופיהרען אַ מלחמה פון דרוי־סען פון זייערע מויערען. די בירגער האָבען אַרויסגעשיקט זייערע עמיסאַרען (שלוחים) אָנצופיהרען אַן אויפשטאַנד אין די דערפער; זיי האָבען אַריינגענומען די דערפער צו זיך אין די קאָרפּאָראַציעס און האָבען געפיהרט אַ דירעקטע מלחמה קעגען די פּריצים. אין איטאַליע, וואו דאָס לאַנד איז געווען געדיכט פערזייהט מיט די פעאָדאַלע שלעסער, האָט די מלחמה אָנגענומען מורא'דיגע פאָר־מען, און איז אויףביידע זייטען געפיהרט געוואָרען מיט אַ ביטערן האָס. פלאָרענץ האָט 77 יאָהר נאָכאַנאַנד געפיהרט אַ רייה פון בלו־טיגע מלחמות, כדי צו בעפרייען איהר „קאָנטאַדאָ“ פון די פּריצים; אָבער ווען די מלחמה האָט זיך זיעגרייך געענדיגט (אין 1181), האָט מען דעם קאַמפף ווידער געדאַרפט אָנהויבען פון דאָס ניי. די פּריצים האָבען זיך צונויפגענומען מיט פרישע קרעפטען; זיי האָ־בען אויפגעבויט זייערע אייגענע פערבאַנדען אַנטקעגען די פערבאַנ־דען פון די שטעדט, און בעקומענדיג פרישע שטיצע פון קייזער אדער פון פּויפּסט, האָבען זיי פערצויגען די מלחמה אויף נאָך 130 יאָהר. דאָס אייגענע האָט אויך פּאַסירט אין רוים, אין לאָמבאַרדיי און אין גאַנץ איטאַליען.

וואונדער פון העלדישקייט, מוטה און אויסדויער האָבען די בירגער אַרויסגעוויזען אין די דאָזיגע מלחמות. אָבער די פּיילען־בויגען און די העק פון די גילדען און געווערקשאַפטען האָבען ניט אַלעמאָל געוואונען די אויבערמאַכט אין זייערע צוזאַמענשטויסען מיט די בעפּאַנצערטע ריטטער, און אַ סך שלעסער זיינען ווידערגע־שטאַנען די שכל'דיגע בעלאַגערונגס מאַשינען און די עקשנות פון די בירגער. אייניגע שטעדט, ווי פלאָרענץ, באָלאָנאַ און פיעלע שטעדלעך אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און בעהמען האָט אָבגעגאָל־טען צו בעפרייען די אַרומיגע דערפער, און זיי זיינען בעלוינט גע־וואָרען פאַר זייער מיה מיט אַן אויסערגעוועהנליכען וואוילשטאַנד

און פריערען. אָבער אפילו אין אָט די שטעדט, און נאָך מעהר אין די וועניגער־שטאַרקע אדער ניט אזוינע אימפּולסיווע שטעדט, האָבען די סוחרים און די בעלי־מלאכות, וואָס זיינען אָבגעשוואַכט געוואָרען דורך די מלחמות און ניט פערשטאַנען זייערע אייגענע אינטערעסען, געשאַכערט מיט די באַראָנען איבער די קעפּ פון די פּויערים. זיי האָבען געצוואונגען דעם פּריץ שווערען טרייהייט דער שטאָדט; זיין שלאָס אויפ'ן לאַנד איז ארונטערגעריסען געוואָרען, און ער האָט איינגעוויליגט צו בויען א הויז און וואוינען אין שטאָדט, פון וועלכער ער איז געווארען א מיט־בירגער; דערפאַר אבער איז ער געבליבען ביי זיינע מעהרסטע רעכט איבער די פּויערים, וועלכע האָבען נאָר געוואונען א קליינע פערלייכטערונג פון זייערע לאַסטען. דער בירגער האָט ניט געקאָנט פערשטעהן, אז דער פּויער, וועלכער בעזאָרגט די שטאָדט מיט שפּייז־פּראָדוקטען, וואָלט אויך געקאָנט געניעסען גלייכע בירגער־רעכט; און אָט אזוי האָט זיך אויסגעבילדעט א טיעפער גראָבען צווישען שטאָדט און דאָרף. אין איינינגע פעלען האָבען די פּויערים נאָר געביטען זייערע בעלי בתים, דען די שטאָדט האָט אויסגעקויפט די פּריצישע רעכט און האָט זיי פערקויפט אין חלקים צו איהרע אייגענע בירגער.[1] לייבאייגענטום איז פערבליבען, און נאָר א סך שפּעטער, צום סוף פון 13טען יאהרהונדערט, האָט די רעוואָלוציע פון די יונגערע געווערקשאַפטען זיך אונטערגענומען צו מאַכען א סוף דערפון, און האָט אבגעשאַפט די פּערזענליכע קנעכטשאַפט; דערפאַר אָבער האָט זי אין דערזעלבער צייט אוועקגענומען ביי די פּויערים זייער ערד.[2] עס איז איב־

1) עס זעהט אויס, אז אין איטאַליען איז דאָס געווען א גאַנץ אָפטע זאַך. אין דער שווייץ, האָט די שטאָדט בערן אויסגעקויפט די שטעדטלעך טהון און בורגדאָרף.

2) וועניגסטענס איז דאָס געווען דער פאַל אין די שטעדט פון טאָסקאַנאַ (פלאָרענץ, לוקקא, סיעננא, באָלאָנאַ א. ד. ג.), וואָס וועגען זייערע בעציהונגען צו די פּויערים האָבען מיר פּיעל בעסערע ידיעות איידער פון אַנדערע שטעדט. (לוטשיצקי, „שקלאַווערייו און רוסישע שקלאַווען אין פלאָרענץ" אין די „איזוועסטיע" פון קיעווער אוניווערזיטעט פאר'ן יאָהר 1885). לוטשיצקי האָט זיך פאַר דער דאָזיגער אַרבייט בענוצט מיט רומאָהר'ס „אורשפּרונג דער בעזיצלאָזיגקייט דער קאָלאָניען אין טאָסקאַ־

ריג צו צולעגען, אז די שטעדט האָבען באַלד אליין דערפיהלט די גע־פעהרליכע רעזולטאַטען פון אזא קורצזיכטיגער פּאָליטיק: דער דאָרף איז געוואָרען א שונא דער שטאָדט.

די מלחמה אַנטקעגען די פעאָדאַלע שלעסער האָט געהאַט נאָך א שלעכטע ווירקונג. עס האָט פערוויקעלט די שטעדט אין פער־צווייגענע מלחמות צווישען זיך — און דאָס האָט אגב ארויסגערופען די טעאָריע, וואָס האָט געגאָלטען ביז ניט לאַנג צוריק, אז די שטעדט האָבען פערלאָרען זייער אונאָבהענגיקייט דורך זייער איי־גענער קנאה־שנאה און רייסערייען צווישען זיך. די אימפּעריאַ־ליסטישע היסטאָריקער האָבען אָט די טעאָריע ספּעציעל אונטער־שטיצט; זי ווערט אבער זעהר שטארק אונטערגעגראָבען פון דער מאָדערנער פאָרשונג. עס איז זיכער, אז אין איטאַליען האָבען די שטעדט געקעמפּפט איינע אנטקעגען די אנדערע מיט אן עקשנות'־דיגער שנאה; אין ערגעץ אָבער אחוץ איטאַליען האָבען די דאָזי־גע שטרייטיגקייטען ניט דערלאַנגט אזוי ווייט, און אין איטאַליען גופא האָבען די דאָזיגע מלחמות, דערהויפּט פון די ערשטע צייטען, געהאַט זייערע ספּעציעלע אורזאַכען. זיי זיינען געווען (ווי סים־מאָנדי און פעררארי האָבען דאָס שוין בעוויזען) אן איינפאַכע פאָרטזעצונג פון דער מלחמה אַנטקעגען די שלעסער — דער פרייער מוניציפּאַלער און פעדעראַטיווער פּרינציפּ האָט געמוזט אונפער־מיידליך אריינטרעטען אין א פייערדיגען קאַמפּף מיט דעם פעאָדאַ־ליזם, אימפּעריאַליזם און פּויפּסטום. פיעלע שטעדטלעך, וועלכע האָבען נאָר טיילווייז אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון דעם בישאָף, דעם פּריץ אדער דעם קייזער, זיינען פּשוט מיט געוואַלט געטריבען געוואָרען צו פיהרען מלחמות אַנטקעגען די פרייע שטעדט, דורך די פּריצים, דעם קייזער און דער קירך, וועמעס פּאָליטיק עס איז געווען אריינצוברייננגען רייסערייען צווישען די שטעדט און בע־וואָפענען זיי איינע אַנטקעגען די אנדערע. אָט די ספּעציעלע אומ־שטענדען, (וועלכע האָבען זיך טיילווייז אויך אָבגעשפּיגעלט אויף דייטשלאַנד) דערקלערען, פאַר וואָס די איטאַליענער שטעדט, א

---

נא", 1830). דער גאַנצער ענין פון די בעציהונגען צווישען די שטעדט און די פּויערים פאָדערט א סך מעהר שטודיום וויפיעל עס איז אויף איהם פערוועגדט געוואָרען ביז איצטער.

טייל פון וועלכע האָבען געזוכט שטיצע ביי דעם קייזער, כדי צו בע־קעמפפען דעם פויבסט, בעת אנ׳אנדער טייל האָט געזוכט די שטי־צע פון דער קירך דערווידער צו שטעלען זיך דעם קייזער, האָבען אינגיכען זיך צוטיילט אויף צוויי לאַגערן, די גיבעלינס און די גוועלפען, און פאַרוואָס די אייגענע צעטיילונג האָט זיך בעוויזען אין יעדער בעזונדער שטאָדט.1)

דער אונגעהויערער עקאָנאָמישער פאָרטשריט, וואס די מייסטע איטאַליענישע שטעדט האָבען דערגרייכט, אקוראט אין דער צייט, ווען אָט די מלחמות האָבען זיך צופלאַקערט אם שטאַרק־סטען2), און די פערבינדונגען, וואס זיי האָבען אזוי לייכט געשלאָ־סען צווישען די שטעדט, גיבען נאָך א בעסערן בעגריף וועגען דעם דאָזיגען קאַמפף און גראָבען נאָך ווייטער אונטער די פריהערדיגע טעאָריע. שוין אין די יאָהרען 1130-1150 זיינען מעכטיגע פער־באַנדען איינגעטראָטען אין לעבען; און עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען פרעדעריק באַרבאַראָססאַ איז איבערפאַלען איטאַליען און איז מיט דער הילף פון די אדעליגע און אייניגע אָבגעשטאַנענע שטעדט געגאַנגען אויף מילאַן, איז אין פיעל שטעדט דערוועקט געוואָרען א שטאַרקער פאָלקס־ענטוזיאַזמוס, אונטער דעם איינפלוס פון פאָלקס־פּרעדיגער. קרעמאַ, פּיאַטשענצאַ, ברעשיאַ, טאָרטאָנאַ און אנדערע זיינען געקומען צו הילף; די פאָהנען פון די גילדען פון וועראָנאַ, פּאַדואַ, וויטשענצאַ און טרעוויזאַ האָבען צוזאמען געפלאַטערט אין דעם לאַגער פון די שטעדט אַנטקעגען די פאָהנען פון דעם קייזער און די פריצים. דעם נעקסטען יאָהר האָט זיך געגרינדעט די לאָמ־באַרדישע ליגע, און 60 יאָהר שפּעטער געפינען מיר די דאָזיגע

---

1) פעררארי׳ס גענעראַליזאַציעס זיינען אָפטמאָל צו־טעאָרעטיש צו זיין אַלעמאָל ריכטיג; אָבער זיינע אָנזיכטען איבער דער ראָליע, וואָס די פריצים האָבען געשפּיעלט אין די שטעדטישע מלחמות, זיינען געבויט אויף א גרויסער רייה בעשטעטיגטע פאַקטען.

2) נאָר אַזעלכע שטעדט, וועלכע זיינען מיט עקשנות געשטאַנען אויף דער זייט פון די באַראָנען, א שטייגער ווי פּיזאַ אדער וועראָנאַ, האָבען פערלאָרען דורך די מלחמות. פאַר פיעל שטעדט ווידער, וועלכע האָבען געקעמפפט אויף דער זייט פון די באַראָנען, איז זייער ניעדערלאַגע געווען דער אָנהויב פון בעפרייאונג און פּראָגרעס.

ליגע פערשטארקט דורך פיעלע אנדערע שטעדט, וואס האָבען אריינגעטראָטען אין איהר, און געבילדעט א דויערהאפטיגע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאלטען א העלפט פון איהר מיליטערישער קאַסע אין גענוואַ און די אנדער העלפט אין ווענעדיג.[1] אין טאָסקאַנאַ איז פלאָרענץ געשטאַנען בראָש פון אנ׳אנדער מעכטיגער ליגע, צו וועלכער עס האָבען געהערט לוקקא, באָלאָנאַ, פיסטאָיאַ און אנדערע, און וועלכע האָט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָליע ביי דער פערניכטונג פון די אַדעליגע אין מיטעלאיטאַליען. קלענערע ליגעס זיינען אין יענער צייט געווען א גאַנץ געוועהנליכע זאַך. עס איז, הייסט עס, זיכער, אז הגם קליינליכע קנאות זיינען געוויס פאָרגעקומען צווישען די שטעדט, און אויפרייצען שנאות צווישען זיי איז אויך ניט שווער געווען, האָט עס דאָך אבער זיי ניט געשטערט צו פערבינדען זיך פאַר דער געמיינזאַמער פערטיידיגונג פון זייער פרייהייט. ערשט שפּעטער, ווען בעזונדערע שטעדט זיינען געוואָרען קליינע שטאַאַטען, האָבען זיך אָנגעהויבען ריכטיגע מלחמות צווישען זיי, ווי עס מוז אַלעמאָל פאָרקומען, ווען שטאַאַטען קעמפּפען פאַר אויבערהערשאַפט אדער פאַר קאָלאָניעס.

עהנליכע פערבאַנדען האָבען זיך פאָרמירט צוליעב דעמזעלבען צוועק אין דייטשלאַנד. ווען דאָס לאַנד איז אונטער די נאָכפאָלגער פון קאָנראַד פערוויסט געוואָרען פון די אונענדליכע בלוט־ראַכע שטרייטיגקייטען צווישען די פּריצים, האָבען די וועסט־פאַלישע שטעדט געשלאָסען אַ פערבאַנד אַנטקעגען די באַראָנען, און איין פּונקט פון דעם אָבמאַך איז געווען, זיי זאָלען קיינמאָל ניט לייהען קיין געלד אַ ריטער, וועלכער וועט אויך ווייטער בעהאַלטען גע׳גנב׳עטע סחורה.[2] ווען „די ריטער און אַדעליגע האָבען געלעבט פון רויב און ערמאָרדעט ווען עס האָט זיך זיי פערוואָלט מאָרדען", ווי דער „וואָרמזער צאָרן" האָט זיך בעקלאָגט, האָבען די שטעדט ביים רהיין (מאַינץ, קעלן, שפּייער, סטראַסבורג און באַזעל) גענומען די איניציאַטיווע צו בילדען אַ ליגע, וועלכע האָט אינ־

1) פעררארי, באַנד II, ז. 18, 104 און ווייטער; לעאָ און באָטטאַ, באַנד I, ז. 432.

2) יאהן פאַלקע, „די האַנזע אַלס דויטשע זעע־ אונד האַנדעלס־מאַכט", בערלין 1863, ז. 31, 55.

גיבען גענצעהלט זעכציג פּעראייניגטע שטעדט, האָבען געהאַלטען די רויבער אין צוויק און איינגעפיהרט פריעדען. שפּעטער האָט די ליגע פון די שוואבישע שטעדט, וועלכע איז געווען איינגעטיילט אין דריי „פריעדענס-בעצירקען“, (אוגסבורג, קאָנסטאַנץ און אולם) געהאַט דעמזעלביגען צוועק. און ווען אפילו די דאָזיגע ליגעס זיינען צובראָכען געוואָרען,1) האָבען זיי דאָך געלעבט לאַנג גענוג צו בעווייזען, אז בעת די כלומר'שטע רודפי־שלום'ניקעס — די קעניגע, קיסרים און די קירך — האָבען אדרבא אויפגעבורעט מחליקות און זיינען אליין געווען הילפלאָז אנטקעגען די רויבערישע ריטער, איז דוקא פון די שטעדט געקומען דער אימפּולס ווידער איינצופיהרען פריעדען און איינינקייט. די שטעדט, — ניט די קיסרים — זיינען געווען די אמת'ע בעגרינדער פון דער נאַציאָנאַלער איינהייט.2)

עהנליכע פעדעראַציעס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען פאַר דעמזעלביגען צוועק צווישען די קליינע דערפער; און זינט לושער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם ענין, קאָנען מיר איננעבען דערוואַרטען צו דערוויסען זיך מעהר פּרטים וועגען די דאָזיגע פעדעראַציעס. מיר ווייסען, אז דערפער האָבען זיך פעראייניגט אין קליינע פעדעראַציעס אין קאָנטאַדאָ פון פלאָרענץ, ווי אויך אין די געביעטען, וואָס האָבען אָנגעהערט צו נאָווגאָראָד און פסקאָוו. בנוגע צו פראַנקרייך, האָבען מיר פּאָזיטיווע בעווייזען וועגען אַ פעדעראַציע פון זיעבעצעהן פויערימשע דערפער, וואָס האָט עקזיסטירט אין לאַנגע כמעט אַ הונדערט יאָהר (ביז 1256) און האָט שווער געקעמפּפט פאַר איהר אונאָבהענגיגקייט. נאָך דריי פויערימשע רעפובליקען, וועלכע האָבען געהאַט געשוואָרענע האַרטען, עהנליכע צו די האַרטען פון לאַן און סואַסאָן, האָבען עקזיסטירט ניט ווייט פון

---

1) בוגע צו אַאַכען און קעלן האָבען מיר דירעקטע עדות, אַז קיין אַנדערע ווי די צוויי בישאָפען — איינער פון זיי איז געווען אונטערגעקויפט פון שונא — האָבען אויפגעעפענט פאַר'ן פיינד די טויערן פון שטאָדט.

2) זעה די פאַקטען, הגם זיי זיינען ניט אַלעמאָל בעגלייט פון ריכטיגע אויספיהרען, ביי ניטצש, באַנד III, ז. 133 און ווייטער; אויך קאַללזען, באַנד I, ז. 458 און ווייטער.

לאַן, און אזוי ווי זייערע טעריטאָריעס זיינען געווען איינע נעבען די אַנדערע, האָבען זיי געשטיצט איינע די אַנדערע אין זייערע פרייהייטס־קריעג. בכלל דענקט לושער, אז אין פראַנקרייך, אין 12טען און 13טען יאָהרהונדערט האָבען געמוזט עקזיסטירען אַ סך אַזוינע פעדעראַציעס, נאָר דאָס רוב דאָקומענטען וועגען זיי איז פערלאָרען געגאַנגען. עס פערשטעהט זיך, אזוי ווי זיי זיינען ניט געווען בעשיצט פון געמויערטע ווענט, האָבען זיי געקאָנט לייכט אונטערדריקט ווערען פון די קעניגע און פריצים; אָבער אונטער געוויסע גינסטיגע אומשטענדען, ווען זיי האָבען געפונען שטיצע אין דעם פערבאַנד פון שטעדט און שוץ אין זייערע בערג, זיינען אַזוינע פויערימשע רעפובליקען געוואָרען אונאָבהענגיגע גליעדער פון דער שווייצערישער קאָנפעדעראַציע.1)

פעראייניגונגען צווישען שטעדט פאַר פריעדליכע צוועקען זיינען געוואָרען גאָר אַ געוועהנליכע זאַך. דער פערקעהר, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען אין דער צייט פון די בעפרייאונגס־קאַמפפען, איז שפּעטער אויך ניט איבערגעריסען געוואָרען. מאַנכ־מאָל, ווען די „סקאַביני“ (די ריכטער) פון אַ דייטשער שטאָדט האָבען געדאַרפט ארויסזאָגען זייער פּסק־דין אין אַ נייעם אָדער שווערען פאַל און האָבען דערקלערט, אז זיי וויסען ניט ווי צו פּסק'ענען („דעם אורטיילס ניכט וויזע צו זיין“), פלעגען זיי שיקען שלוחים אין אַן אַנדער שטאָדט צו קריגען פון דאָרטען דעם דין. דאָס איינענע איז אויך פאָרגעקומען אין פראַנקרייך;2) און די שטעדט פאָרלי און ראַווענאַ זיינען דערמיט בעקאַנט, וואָס זיי האָבען געגענזייטיג נאַטוראַליזירט זייערע בירגער און האָבען זיי געוויליגט פולע רעכט איןביידע שטעדט. איבערגעבען אַ מחלוקה,

---

1) וועגען דער קאָמונע פון דער לאַננע, וועלכע מען פלעגט ביז מעלוויל'ס פאָרשונגען („די געשיכטע פון דער קאָמונע פון דער לאַננע“, פּאַריז, 1853) פערמישען מיט דער קאָמונע פון לאַן, זעה לושער, ז. 75 און ווייטער. וועגען די ערשטע פויערימשע גילדען און זייערע שפּע־טיגערע פעראייניגען, זעה ר. ווילמאַן'ס „די לענדליכע שוצגילדען וועסט־פאַליענס“ אין „צייטשריפט פיר קולטורגעשיכטע“, נייע פאָלגע, באַנד III, ציטירט אין הענע אַם רהין'ס קולטורגעשיכטע, באַנד III, ז. 249.

2) לושער, ז. 149.

וואָס האָט אויסגעבראָכען צווישען צוויי שטעדט, אָדער אין שטאָדט, צו אַן אַנדער קאָמונע, וועלכע איז אויפגעפאָדערט געוואָרען צו זיין א פערמיטלער צווישען זיי, איז אויך געווען א פיהרונג וואָס האָט געשטימט מיט'ן גייסט פון יענער צייט. 1) האַנדעלס־אָבמאַכען צווישען שטעדט איז געווען איינע פון די געוועהנליכסטע זאַכען. 2) פעראיינען צו רעגולירען די פּראָדוקציאָן און די גרויס פון די פעסלעך, וואָס מען האָט געברויכט אין וויין־האַנדעל, די „הערינג פעראיינען" א. ד. גל. זיינען נאָר געווען די פאָרלויפער פון די גרויסע האַנדעלס־פעדעראַציעס פון דער פלעמישער האַנזא, און שפּעטער פון דער גרויסער נאָרד־דייטשער האַנזא, וועמעס געשיכטע אַליין וואָלט געקענט אָנפילען פיעל זייטען מיט ביישפּיעלען פון דעם פעדעראַציאָנס־גייסט, וואָס האָט דורכגעדרונגען די מענשען אין יענער צייט. עס איז כמעט גאָר ניט נויטיג צו זאָגען, אַז די מיטעלאַלטערליכע שטעדט האָבען דורך די האַנזא־פערבאַנדען אַ סך מעהר אויפגעטהאָן פאַר דער ענטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַלען פערקעהר, פון שיף־פאָהרען און ים־ענטדעקונגען, איידער אַלע שטאַאַטען פון די ערשטע 17 הונדערט יאָהר פון אונזער צייט־רעכנונג צוזאַמענגענומען.

מיט איין וואָרט, פעדעראַציעס צווישען קליינע טעריטאָריעלע איינהייטען, אַזוי גוט ווי צווישען מענשען, וואָס זיינען פעראייניגט דורך געמיינשאַפטליכע ציעלען אין זייערע בעטרעפענדע גילדען, און פעדעראַציעס צווישען שטעדט און גרופּעס פון שטעדט — דאָס איז געווען דער אמת'ער אינהאַלט פון דעם לעבען און דענקען פון יענער פעריאָדע. מען מעג דעריבער בעשרייבען די ערשטע פינף יאָהרהונדערטען פון צווייטען צעהנדליג פון אונזער צייט־רעכנונג אַלס איין גרויסען פערזוך דורכצופיהרען געגענזייטיגע הילף און שטיצע אויף אַ גרויסאַרטיגען מאַסשטאַב דורך די פּרינ־

---

1) צוויי וויכטיגע שטעדט ווי מאַינץ און וואָרמז פלעגען שליסען אַ פּאָליטישען קאַמפּף דורך אַ בוררים־געריכט. ווען עס איז אויסגעבראָכען אַ בירגער־קריעג אין אַבבעוויל, איז אַמיען געווען דער פערמיטלער אין יאָהר 1231 (לושער, ז. 149) א. אַז. וו.

2) זעה צום ביישפּיעל וו. סטעידא, „האַנזישע פעראיינבאַרונגען", ווי אויבען, ז. 114.

ציפּען פון פּעדעראציע און פּעראייניגונג אין אַלע ערשיינונגען פון מענשליכען לעבען און ביז יעדען מעגליכען גראַד. אָט דער פּערזוך איז אין זעהר אַ גרויסען ערך געקרוינט געוואָרען פון ערפאָלג. עס האָט פּעראייניגט מענשען, וועלכע זיינען פריהער געווען צעריסען; עס האָט זיי פּערשאַפט זעהר פיעל פרייהייט און פּערצעהנפאַכט זייערע קרעפטען. אין אַ צייט, ווען דער פּאַרטיקולאַריזם איז געשטיצט געוואָרען דורך אַזוי פיעל פאַקטאָרען און עס זיינען געווען אַזוי פיעל אורזאַכען פאַר רייסערייען און קנאה־שנאה, איז עס אַ נחת־רוח צו זעהן, אַז ווייט־צעוואָרפענע שטעדט פון אַ גאַנצען קאָנטינענט האָבען געהאַט צווישען זיך אַזויפיעל געמיינ־שאַפטליכעס און זיינען געווען אַזוי גרייט צו פּעדערירען זיך, כדי דורכצופיהרען אַזויפיעל געמיינשאַפטליכע צוועקען. זיי זיינען גע־פאַלען סוף כל סוף פאַר זייערע מעכטיגע פיינד; ניט פערשטעהענ־דיג ברייט גענוג דעם פּרינציפּ פון געגענזייטיגער הילף, האָבען זיי אַליין בעגאַנגען געפעהרליכע פעהלערען; אָבער אונטערגעגאַנגען זיינען זיי ניט מחמת געגענזייטיגער פיינדשאַפט, און זייערע טעות'ן זיינען ניט געקומען דערפון, וואָס עס איז ביי זיי ניט געווען גענוג ענטוויקעלט דער פּעדעראַטיווער גייסט.

די רעזולטאַטען פון דעם נייעם שריט, וואָס די מענשהייט האָט געמאַכט אין דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט, זיינען געווען אונגעהויער גרויס. אין אָנהויב פון דעם 11טען יאָהרהונדערט זיינען די שטעדט אין אייראָפּאַ געווען קליינע הייפלעך פון מיזע־ראַבלע שטיבלעך, מיט נידעריגע, אומגעלומפּערטע קלויסטערס, וואָס זייערע בוי־מייסטערס האָבען קוים געוואוסט ווי צו מאַכען אַ געוועלב. די האַנדווערקען, וואָס זיינען דערהויפּט בעשטאַנען פון עטוואָס וועבעריי און שמיעד־ארבייט, זיינען נאָך געלעגען אין די ווינדעלעך; די גאַנצע בילדונג איז געלעגען אין עטליכע מאָנאַסטירען. דריי הונדערט פופציג יאָהר שפּעטער — און דאָס אויסזעהן פון אייראָפּאַ האָט זיך אינגאַנצען געענדערט. דאָס לאַנד איז בע־שפּרינקעלט געוואָרען מיט רייכע שטעדט, וועלכע זיינען געווען ארומגערינגעלט פון מורא'דיגע ווענט און זיינען פּערציערט געווען מיט טורעמס און טויערן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ קונסט־ווערק פאַר זיך אַליין. די קאַטהעדראַל־קירכען, וועלכע

זיינען אויפגעפאסט געווארען אין א גרויסארטיגען סטיל און זיינען געווען זעהר רייך דעקארירט, האבען אויפגעהויבען זייערע גלאקען־טורעמס ביז צו די הימלען, ארויסווייזענדיג אזא ריינקייט פון פארם און דרייסטקייט פון פארשטעלונגס־קראפט, וועלכע מיר קאנען ניט דערגרייכען אפילו איצטער. די האנדווערק און די קונסט־ארבייט זיינען אויסגעוואקסען צו אזא שטופע פון פאלקאמענהייט, וועלכע מיר קאנען זיך כמעט ניט בעריהמען, אז מיר האבען אריבער־געשטיגען אין פיעל ריכטונגען — אויב מען זאל די ערפינדערישע פעהיגקייטען פון דעם ארבייטער און די קינסטלערישע פאלקאמענ־הייט פון זיין ארבייט שטעלען העכער איידער די שנעלקייט פון דעם פאבריצירען. די פלאטען פון די פרייע שטעדט האבען דורכ־געאקערט אין אלע ריכטונגען דעם צפון־און דרום־מיטעללענדישען ים; נאך איין אנשטרענגונג און זיי וואלטען דורכגעשוואומען די אקעאנען. דער וואוילשטאנד האט איבער גרויסע לאנדשטרעקען פערנומען דאס פלאץ פון דעם פריהערדיגען עלענד; בילדונג איז געוואקסען און זיך פערשפרייט. די מעטאדען פון דער וויסענ־שאפט זיינען אויסגעארבייט געווארען; עס איז געלעגט געווארען דער פונדאמענט פון די נאטור־וויסענשאפטען, און דער וועג איז אויסגעלעגט געווארען פאר די אלע מעכאנישע ערפינדונגען, מיט וועלכע אונזערע אייגענע צייטען זיינען אזוי שטאלץ. אזוינע צויבערהאפטיגע ענדערונגען זיינען פארגעקומען אין אייראפא אין ווענינער ווי פיער הונדערט יאהר. וויפיעל אייראפא האט פער־לארען דורך דעם פערלוסט פון איהרע פרייע שטעדט קאן מען ערשט דעמאלט פערשטעהן, ווען מען פערגלייכט דעם 17טען יאהר־הונדערט מיט דעם 14טען אדער דעם 13טען. דער וואוילשטאנד, מיט וועלכען עס האבען זיך פריהער אויסגעצייכענט שאטלאנד, דייטשלאנד און די פלאכלענער פון איטאליען, איז פערשוואונדען. די וועגען זיינען פערלאזען געווארען, די שטעדט זיינען ענטפעל־קערט געווארען, די ארבייט איז פערוואנדעלט געווארען אין שקלא־וועריי, די קונסט איז אונטערגעגאנגען און אפילו דער מסחר איז געפאלען. 1)

---

1) קאסמא איננעס' „די אלטע געשיכטע און שאטלאנד אין מיטעל־אלטער" (ענגליש) ציטירט פון רעוו. דענטאן, דארט גופא, ז. 68, 69;

ווען די מיטעלאַלטערליכע שטעדט וואָלטען אונז ניט איבערגעלאָזען קיינע געשריבענע דאָקומענטען, וואָס זאָלען עדות זאָגען אויף זייער גלאַנץ, און וואָלטען קיין אַנדער זאַך נאָך זיך ניט געלאָזען אחוץ די מאָנומענטען פון דער בוי־קונסט, וועלכע מיר זעהען איצטער איבער גאַנץ אייראָפּאַ פון שאָטלאַנד ביז איטאַליע, און פון גראַנאַדאַ אין שפּאַניען, ביז ברעסלוי אויף סלאַווישער טעריטאָריע — וואָלטען מיר אויך געקאָנט קומען צום שלוס, אַז די צייטען פון דעם אומאָבהענגיגען שטאָדט־לעבען זיינען געווען צייטען פון דער העכסטער ענטוויקלונג פון מענשליכען גייסט פאַר דער גאַנצער קריסטליכער צייט־רעכענונג ביז'ן סוף פון 8טען יאָהרהונדערט. אַנקוקענדיג, צ. ב. ש., אַ בילד פון מיטעלאַלטער, וואָס שטעלט פאָר די שטאָדט נירענבערג מיט איהרע צעהנדליגע מאַסיווע טורעמס און הימעלהויכע טורעם־שפּיצען, אין יעדערן פון וועלכע עס איז געווען אויסגעדריקט די פרייע שעפערישע קונסט, קאָנען מיר קוים גלויבען, אַז דריי הונדערט יאָהר פריהער איז אָט די זעלביגע שטאָדט בעשטאַנען אינגאַנצען פון אַ הייפעל אָרעמינקע הייזלעך. און מיר ווערען נאָך מעהר פערוואונדערט, ווען מיר טהוען זיך אריין אין די אַרכיטעקטורישע און דעקאָראַטיווע איינצעלהייטען פון יעדען פון די אונצעהליגע קירכען, גלאָקען־טורעמס, טויערן און ראַטושען, וועלכע זיינען צושפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ, אַזוי ווייט מזרח־צו ווי בעהמען און די איצט־טויטע שטעדט פון פּויליש־גאַליציע. ניט נאָר איטאַליע, די מוטער פון קונסט, נאָר גאַנץ אייראָפּאַ איז פול מיט אַזוינע מאָנומענטען. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס פון אַלע קונסטווערק האָט די העכסטע ענטוויקלונג געגרייכט די אַרכיטעקטור — וועלכע איז מעהר ווי אַלץ אַ געזעלשאַפטליכע קונסט — האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר זיך. כדי צו קאָנען זיין וואָס זי איז דאַמאָלסט געווען, האָט זי געמוזט אַרויסקומען פון אַ הויך־ענטוויקעלטען געזעלשאַפטליכען לעבען.

לאַמפּרעכט'ס „דויטשעס ווירטהשאַפטליכע לעבען אים מיטעלאַלטער", שמאָללער'ס איבערזיכט אין זיין „יאַהרבוך" באַנד XII; סיסמאָנדי'ס „טאַבלאָ דע ל'אַגריקולטור טאָסקאַנע", ז. 226 און ווייטער. די בעזיצונגען פון פלאָרענץ האָט מען גלייך געקאָנט דערקענען דורך זייער וואויל־שטאַנד.

די מיטעלאַלטערליכע אַרכיטעקטור האָט געגרייכט אַזוי הויך, — ניט נאָר ווייל זי איז געווען אַ נאַטירליכע ענטוויקלונג פון האַנדווערק; ניט נאָר ווייל יעדע געביידע, יעדע אַרכיטעקטורישע דעקאָראַציע איז געפּלאַנעוועט געוואָרען פון מענשען, וואָס האָבען געוואוסט דורך די ערפאַהרונג פון זייערע אייגענע הענד, וועלכע אַרטיסטישע עפעקטען מען קאָן אַרויסבעקומען פון שטיין, אייזען, בראָנז, אָדער אַפילו פון איינפאַכע קלעצער און וואַפּנע; ניט נאָר ווייל יעדער מאָנומענט איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער קאָלעקטיווער ערפאַהרונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין יעדער „מיסטעריע" אָדער געווערקשאַפט 1) — זי איז געווען גרויס, ווייל זי איז געבוירען געוואָרען פון אַ גרויסער אידעע. ווי די גריכישע קונסט, אַזוי איז זי אויך ענטשפּרונגען פון אַ בעגריף פון ברידערליכקייט און איינהייט, וואָס די שטאָדט האָט ערצויגען. זי האָט פערמאָגט אַזאַ דרייסטקייט, וועלכע האָט נאָר געקאָנט ערוואָרבען ווערען דורך דרייסטע קאַמפּפען און זיעגען; זי האָט געהאַט אַזאַ אויסדרוק פון קראַפט, ווייל קראַפט האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע לעבען פון שטאָדט. אַ קאַטהעדראַל אָדער אַ ראַטוש האָט סימבאָליזירט די גרויסקייט פון אַן אָרגאַניזם, אין וועלכען יעדער מויערער

---

1) מר. דזשאהן דזש. עננעט („סיקס עססעיס", לאָנדאָן, 1891) שרייבט אויסגעצייכענט וועגען אָט דער זייט פון דער מיטעלאַלטערליכער אַרכיטעקטור. מר. ווילים, אין זיין אָנהאַנג צו היועל'ס „היסטאָרי אָוו אינדוקטיוו סייענסעס" (באַנד I, ז. 261-2) האָט אָנגעדייטעט אויף דער שענקייט פון די מעכאַנישע פּעהעלטניסען אין די מיטעלאַלטערליכע געביידען. „אַ נייע דעקאָראַטיווע קאָנסטרוקציע איז ארויסגעקומען", שרייבט ער, „וועלכע האָט ניט געשטערט און ניט קאָנטראָלירט די מעכאַנישע קאָנסטרוקציע, נאָר האָט איהר געהאָלפען און האַרמאָניזירט מיט איהר. יעדעס גליעד, יעדער געזימס קומט אוים ווי ער העלפט אויפהאַלטען די משא; און די פּילעס שטיצען, וואָס העלפען איינע די אַנדערע און צוטיילען דאַדורך די לאַסט, בעפריעדיגען דעם אויג וועגען דער פעסטקייט פון דער סטרוקטור, טראָץ דעם אוידעלען אויסזעהן פון די איינצעלנע טיילען". עס קאָן ניט געבען קיין בעסערע כאַראַקטעריסטיק פאַר אַ קונסט, וואָס איז ענטשפּרונגען פון דעם ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ע ן לעבען פון דער שטאָדט.

און שטיין־האַקער איז געווען דער בויער. אַ מיטעלאַלטערליכע געביידע האָט ניט דעם אויסזעהן פֿון אַן איינזאַמער אָנשטרענגונג, צו וועלכער טויזענדער שקלאַווען האָבען בייגעטראָגען דעם חלק, וואָס איז פֿאַר זיי אָנגעצייכענט געוואָרען דורך איין מענשען׳ס פֿאַנטאַזיע: די גאַנצע שטאָדט האָט מיטגעהאָלפֿען אין דער געביידע. דער גלאָקען־טורעם האָט זיך אויפֿגעהויבען צום הימעל אויף אַ בנין, וואָס איז געווען גרויס פֿאַר זיך אַליין, און אין וועלכען עס איז געווען פֿערקערפּערט דאָס לעבען פֿון שטאָדט — ניט אויף אַ זינלאָזער פּלאַטפֿאָרם, ווי דער פֿאַריזער עיפֿעלטורעם; ניט ווי אַ פֿאַלשער בנין פֿון שטיינער, וואָס דאַרף פֿערבאָרגען די העסליכקייט פֿון אַן אייזען־סקעלעט, ווי מען האָט געבויט אין לאָנדאָן דעם „טאַוער־ברידזש". ווי די אַקראָפּאָלים (די הויכע שטאָדט) פֿון אַטהען, אַזוי האָט דער קאַטהעדראַל פֿון דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט געהאַט דעם צוועק צו גלאָריפֿיצירען די גרויסקייט פֿון דער זיעגרייכער שטאָדט, צו סימבאָליזירען די פֿעראייניגונג פֿון איהרע האַנדווערקען, אויסצודריקען דעם שטאָלץ פֿון יעדען בירגער אין אַ שטאָדט, וועלכע ער האָט אַליין געהאָלפֿען שאַפֿען. נאָכדעם ווי זי האָט דורכגעפֿיהרט איהר האַנדווערק־רעוואָלוציע, פֿלעגט די שטאָדט אָפֿט אָנהויבען אַ נייעם קאַטהעדראַל, כדי אויסצודריקען די נייע, די טיעפֿערע און ברייטערע פֿעראייניגונג, וואָס איז אַרויסגערופֿען געוואָרען אין לעבען.

די גרייטע מיטלען פֿאַר די דאָזיגע געוואַלטיגע אונטערנעהמונגען זיינען לפֿי ערך געווען גאָר קליין. דעם קאַטהעדראַל פֿון קעלן האָט מען אָנגעהויבען מיט אַ יעהרליכער אויסגאַבע פֿון ניט מעהר ווי 500 מאַרק; אַ מתנה פֿון 100 מאַרק איז פֿערצייכענט געוואָרען ווי אַ גרויסאַרטיגע נדבה; 1) און אַפֿילו ווען דאָס ווערק האָט שוין געהאַלטען ביים סוף, און נדבות האָבען זיך געשאָטען לפֿי ערך פֿיעל, האָט די יעהרליכע הוצאה אין מזומן בעטראָפֿען אַרום 5000 מאַרק, און איז קיינמאָל ניט געווען העכער איידער 14,000. דער קאַטהעדראַל אין באַזעל איז אויך געבויט געוואָרען מיט אַזוינע קנאַפּע מיטלען. אָבער יעדע קאָרפּאָראַציע האָט ביי־

1) דר. ל. עננעז, „דער דאָם צו קעלן, זיינע קאָנסטרוקציאָן אונד אַנשטאַטונג", קעלן, 1871.

געשטייערט איהר טייל שטיינער, ארבייט און דעקאָראַטיווען גייסט צו זייער אַלעמענס מאָנומענט. יעדע גילדע האָט אין איהם אויס־געדריקט איהרע פּאָליטישע בעגריפען, האָט דערצעהלט אין שטיין אָדער אין בראָנז די געשיכטע פון דער שטאָדט און גלאָריפיצירט די פּרינציפּען פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט“, 1) לויבענדיג די שטאָדט׳ס פריינד און פערדאַמענדיג איהרע פיינד. און יעדע גילדע האָט ארויסגעוויזען איהר ליעבע צו דעם געמיינשאַפטליכען מאָנומענט, רייך בעפּוצענדיג איהם מיט געמאָ־לענע שויבען, בילדער, טירען, „וואָס זיינען ווערטה געווען צו זיין די טירען פון גן עדן“, ווי מיכעל אַנגעלאָ האָט געזאָגט, אָדער מיט שטיין־דעקאָראַציעס אויף יעדען קלענסטען ווינקעל פון דער געביידע.2) קליינע שטעדטלעך, און אפילו קליינע געמיינדען פון א קירך־בעצירק, האָבען געוואָלט אריבערשטייגען די גרויסע שטעדט אין דער דאָזיגער ארבייט, 3) און די קאַטהעדראַלען פון לאַאָן און סען־קווען שטעהען כמעט ניט נידעריגער פאר דעם קאַטהעדראַל פון רהיימס, אָדער דעם ראַטוש פון ברעמען, אָדער דעם גלאָקען־טורעם פון דער בירגער־פערזאַמלונג אין ברעסלוי. „קיינע ווערק דארפען ניט אונטערגענומען ווערען פון דער געמיינדע, אויסער אזוינע וואָס ווערען געבוירען אין די געדאַנקען, ווי אַן אָבקלאַנג פון דעם גרויסען הארץ פון דער געמיינדע, וואָס בעשטעהט פון די הערצער פון אַלע בירגער, וועלכע זיינען פעראייניגט אין איין געמיינזאַמען ווילען“ — דאָס זיינען געווען די ווערטער פון שטאָדט־

1) די דריי סטאַטוען געפינען זיך אין די אויסערליכע דעקאָראַ־ציעס פון דעם „נאָטר דאָם דע פּאַרי“.

2) די מיטעלאַלטערליכע קונסט האָט, אַזוי ווי די גריכישע קונסט, ניט געוואוסט פון די אַנטיק־קלייטען, וועלכע מיר רופען אַן „נאַציאָנאַלע גאַלערעען“ אדער „מוזעען“. אַ בילד איז געמאָלען געוואָרען, אַ סטאַטוע איז אויסגעהאַקט געוואָרען, אַ בראָנזענע דעקאָראַציע איז אויסגעגאָסען געוואָרען — כדי עס זאָל שטעהן אין דעם ריכטיגען פּלאַץ, ווי אַ מאָנו־מענט פון דער קאָמונאַלער קונסט. דאָרט האָט עס געלעבט, דאָרט איז עס גע־ווען אַ טייל פון א גאַנצער זאַך, און עס האָט בייגעטראָגען דעם בעגריף פון איינהייט צו דעם איינדרוק, וואָס דאָס גאַנצע האָט געמאַכט.

3) זעה דזש. ט. עננעט׳ס „סעקאָנד עססעי“, ז. 36.

ראטה פון פלאָרענץ; און אָט דער גייסט ווייזט זיך אַרויס אין אַלע קאָמונאַלע אַרבייט פאַר'ן געמיינשאַפטליכען געברויך, ווי די קאַנאַלען, טערראַסען, וויינגערטנער און סעדער אַרום פלאָרענץ, אָדער די בעוועסערונג־קאַנאַלען, וואָס האָבען דורכגעשניטען די פליינען פון לאָמבאַרדעי, אָדער דער האַפען און וואַסער־לייטונג פון גענוא, אָדער, פקטיש, אַלע אַרבייטען, וואָס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען כמעט פון יעדער שטאָדט. 1)

אַלע קונסטווערק האָבען זיך ענטוויקעלט אויפ'ן זעלביגען אופן אין די מיטעלאַלטערליכע שטעדט — די קונסטווערק פון אונזערע אייגענע צייטען זיינען מעהרסטענטיילס נאָר אַ פאָרט־זעצונג פון דאָס, וואָס איז אויסגעוואַקסען אין יענער צייט. דער וואוילשטאַנד פון די פלעמישע שטעדט איז געווען געבויט אויף די פיינע וואָל־געוואַנט, וואָס זיי האָבען פאַבריצירט. אין אָנהויב 14טען י. ה., פאַר דער מגפה פון „שוואַרצען טויט", האָט פלאָרענץ פאַבריצירט פון 70 ביז 100 טויזענד שטיק וואָלען־צייג, וועלכע האָבען בעטראָפען אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד גאָלד־פלאָרין. 2) דאָס ציזעלירען (שניצען) אין די איידעלע מעטאַלען, די קונסט פון מעטאַל־גיסען און דאָס קינסטליכע שמיעדען פון

---

1) סיסמאָנדי, IV, ז. 172; XVI ז. 356. דער גרויסער קאַנאַל „נאַוויגליאָ גראַנדע", וועלכע ברייגנט דאָס וואַסער פון דעם טעססינא, איז אָנגעהויבען געוואָרען אין יאהר 1179, ד. ה. נאָך דער עראָבערונג פון אונאָבהענגיקייט, און איז געענדיגט געוואָרען אין 13טען י. ה. וועגען זיין שפּעטיגערען אונטערגאַנג, זעה סיסמאָנדי, באַנד XVI, ז. 355.

2) אין יאָהר 1336 האָבען זיך אין די פלאָרענטינישע אָנפאַנג־שולען געלערנט פון אַכט ביז צעהן טויזענד אינגלעך און מיידלעך; פון טויזענד ביז צוועלף הונדערט אינגלעך האָבען זיך געלערנט אין די זיעבען מיטעלשולען, און פון 550 ביז 600 סטודענטען האָבען זיך געפונען אין די פיער אוניווערזיטעטען. די דרייסיג געמיינדע־שפּיטאָלען האָבען געהאַט איבער 1000 בעטען פאַר אַ בעפעלקערונג פון 90,000 (קאַפּפּאָני, באַנד II, ז. 249). געלעהרטע פאָרשער האָבען מעהרערע מאָל אָנגעוויזען, אַז די ערציהונג איז בכלל דאַמאָלסט געשטאַנען פיעל העכער ווי מען מיינט געוועהנליך. די בעמערקונג איז זיכער ריכטיג בנוגע דער דעמאָקראַטישער שטאָדט נירענבערג.

אייזען, זיינען געווען די שעפפונגען פון די מיטעלאַלטערליכע „מיסטעריען“, וועלכע האָבען דערגרייכט אויף זייערע געביעטען דאָס העכסטע, וואָס האָט געקאָנט געמאַכט ווערען ביי'ן האַנד, ניט אָנווענדענדיג קיין שטאַרקען מעכאַנישען קראַפט־מאָטאָר. מיט'ן האַנד און דורך דער ערפינדונגס־קראַפט האָבען זיי עס געשאַפען. און מיר קאָנען געברויכען היועלל'ס ווערטער:

> „פאַרמענט און פאַפיער, דרוקעריי און גראַווירען, פערבעסערטעס גלאָז און שטאָהל, שיספולווער, זייגערס, טעלעסקאָפען, דער קאָמפאַס, דער רעפאָרמירטער קאַלענדאַר, דאָס דעצימאַל־סיסטעם, אַלגעבראַ, טריגאָנאָמעטריע, כעמיע, קאָנטראַ־פונקט (אַן ערפינדונג, וואָס איז כמעט אַ נייע שעפפונג פון מוזיק) — אָט די אַלע פערמעגענס האָבען מיר גע'ירש'נט פון יענער עפּאָכע, וועלכע איז אָנגערופען געוואָרען מיט פעראַכטונג די פעריאָדע פון שטילשטאַנד“. („היסטאָרי אָוו אינדוקטיוו סייענסעס“, באַנד I, ז. 252).

עס איז אמת, ווי היועלל האָט בעמערקט, אַז קיינע פון די דאָזיגע ענטדעקונגען האָט ניט אריינגעטראָגען קיין נייען פרינציפּ; אָבער די מיטעלאַלטערליכע וויסענשאַפט האָט אויפגעטהאָן מעהר איידער די פאַקטישע ענטדעקונג פון נייע פרינציפען. זי האָט פאָרגעברייט די ענטדעקונג פון די אַלע נייע פרינציפען, וועלכע מיר האָבען היינטיגען טאָג אין די מעכאַנישע וויסענשאַפטען: זי האָט צוגעוועהנט דעם פאָרשער צו בעאָבאַכטען די פאַקטען און ציהען פון זיי שלוסען. זי איז געווען אַן אינדוקטיווע וויסענשאַפט, ווען אפילו זי האָט נאָך ניט געהאַט אינגאַנצען בעגריפען די וויכטיגקייט און די קראַפט פון אינדוקציע: און זי האָט געלעגט דעם גרונד אי פאַר דער מעכאַניק, אי פאַר דער נאַטור־וויסענשאַפט. פראַנציס בעקאָן, גאַלילעאָ און קאָפערניקוס זיינען געווען די דירעקטע אָבשטאַמיגע פון אַ ראָדזשער בעקאָן און מייקעל סקאָט, פונקט ווי די דאַמפף־מאַשין איז אַ דירעקטער פראָדוקט פון די פאָרשונגען, וואָס די איטאַליענער אוניווערזיטעטען האָבען געפיהרט וועגען דעם לופט־דרוק, און פון די מאַטעמאַטישע און טעכנישע שטודיען, מיט וועלכע נירענבערג האָט זיך אויסגעצייכענט.

צי דען אָבער דאַרף מען אין דער אמת'ן נאָך טענה'ן און בעווייזען דעם פאָרטשריט פון דער וויסענשאַפט און קונסט אין

דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט? איז דען ניט גענוג צו אָנווייזען אויף די קאַטהעדראַלען אין דעם געביעט פון קונסט, און אויף דער איטאַליענער שפּראַך און דאַנטע'ס פּאָעמאַ אין דעם געביעט פון געדאַנק, כדי צו געבען מיט איין מאָל דעם מאָסשטאַב פון דאָס, וואָס די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט האָט בעשאַפען אין פערלויף פון די פיער יאָהרהונדערטען, וואָס זי האָט געלעבט?

די מיטעלאַלטערליכע שטעדט האָבען בלי ספק זעהר פיעל געטהאָן פאַר דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. זיי האָבען זי געשטערט אַוועקצולאָזען זיך אויפ'ן וועג פון די אַלטע טהעאָקראַטיען און דעספּאָטישע שטאַאַטען; זיי האָבען איהר געגעבען די פערשידענאַרטיגקייט, דעם צוטרויען צו זיך, די קראַפט פון איניציאַטיווע און די גרויסע גייסטיגע און מאַטעריעלע ענערגיע, וואָס זי פערמאָגט איצטער, און וועלכע זיינען די בעסטע ערבות, אַז זי וועט זיין בכח זיך צו שטעלען אַנטקעגען יעדען נייעם איבערפאַל פון אָריענט. פאַרוואָס אָבער האָבען אָט די צענטערס פון ציוויליזאַציע, וועלכע האָבען פּרובירט פערענטפערען די טיעפע נויטען פון דער מענשליכער נאַטור און זיינען אַזוי פול געוועזען מיט לעבען — פאַר וואָס זיינען זיי ניט געבליבען לעבען ווייטער? פאַרוואָס איז אויף זיי אָנגעפאַלען אַן עלטער־שוואַכקייט אין 16טען יאָהרהונדערט? נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעשטויסען פון זיך אַזוי פיעל אָנגריפען פון דרויסען, און האָבען גאָר געשעפּט נייע כחות פון זייערע אינווענינגסטע שטרייטען — וואָרום זיינען זיי סוף כל סוף געפאַלען אַ קרבן צו ביידען?

פערשיידענע אורזאַכען האָבען בייגעטראָגען צו זייער אונטערגאַנג — אייניגע אורזאַכען האָבען געהאַט זייערע וואָרצלען אין דעם ווייטען עבר, און אַנדערע זיינען געקומען פון די פעהלערען, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען פון די שטעדט גופא. צום סוף פון 15טען י. ה. האָבען מעכטיגע שטאַאַטען, וואָס זיינען איבערגעבויט געוואָרען לויט דעם אַלטען רוימישען מוסטער, שוין אָנגעהויבען אַריינטרעטען אין לעבען. אין יעדען לאַנד און אין יעדען געגענד האָט וועלכען עס איז פון די פעאָדאַלע הערשער, איינעם וואָס איז געווען געשייטער, גייציגער און אָפטמאָל ווייניגער געוויסענהאַפטיג איידער זיינע שכנים, אָבגעגאַלטען צו פערכאַפּען

רייכערע לענדערייען מיט מעהר פויערים אויף זיינע לענדער און אָנצוקלייבען מעהר ריטער אין זיין דיענסט און מעהר געלדער אין זיין קאַסע. ער האָט זיך אויסגעקליבען פאַר זיין וואוין־אָרט א גרופּע דערפער, וואָס האָבען זיך געפונען אין אַ גינסטיגער געאָגראַ־פישער לאַגע פאַר זיינע צוועקען, און וועלכע זיינען נאָך נים ערצויגען געוואָרען אין דעם פרייען שטאָדטישען לעבען — דהינו פּאַריז, מאַדריד אָדער מאָסקווע — און האָט מיט דער ארבייט פון זיינע לייבאייגענע געמאַכט פון זיי קעניגליכע פעסטונג־שטעדט, וואוהין ער האָט צוגעצויגען קריעגס־חברים דורך א פרייע פער־טיילונג פון דערפער, און סוחרים, דורכדעם וואָס ער האָט זיי פער־שפּראָכען פּראָטעקציע פאַר זייער האַנדעל. אויף דעם אופן איז בעשאַפען געוואָרען דער אָנהויב פון א צוקינפטיגען שטאַאַט, וועלכער האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבען איינצושלינגען אַנדערע עהנליכע צענטערם. יוריסטען, מומחים אין דער תורה פון רוימישען רעכט, האָבען זיך א שאָט געטהאָן אין אזוינע צענטערם: דאָס זיינען געווען הארטנעקיגע און אמביציעזע מענשען, פון די בורג־הערען, וועלכע האָבען פיינט געהאַט אי די גדלות פון די פּריצים, אי די אונגעזעצליכקייטען, ווי זיי האָבען עס אָנגערופען, פון די פּויערים. די פאָרמען גופא פון דער דאָרף־געמיינדע, וועלכע זיינען געווען פרעמד פאַר זייער געזעץ־בוך, און די פּרינציפּען פון פעאָדאַליזם זיינען פאַר זיי געווען אָבשטויסענד, ווי א ירושה פון „באַרבאַרען". זייער אידעאַל איז געווען — דער צעזאַריזם, וואָס שטיצט זיך אויף דער פיקציע פון פאָלקס־צושטימונג און אויף דער מאַכט פון געוועהר; און זיי האָבען געאַרבייט שווער פאַר די, וואָס האָבען זיי פערשפּראָכען דאָס צו פערווירקליכען. 1)

1) פערגלייך ל. ראַנקע'ס אויסגעצייכענטע בעטראַכטונגען וועגען דעם עצם פון רוימישען רעכט אין זיין „וועלטגעשיכטע", באַנד IV, אב־טיילונג 2, ז. 20-31. אויך סיסמאָנדי'ס בעמערקונגען וועגען דער ראָליע, וואָס די „לעגיסטעס" (געזעץ־קענער) האָבען געשפּיעלט אין דער בעגרינ־דונג פון דער קעניגליכער מאַכט, אין זיין „געשיכטע פון פראַנקרייך", פּאַריז, 1826, באַנד VIII, ז. 85-99. דער צאָרן פון פאָלק אַנטקעגען אָט די „ווייזע דאָקטאָרען אונד בויטעלשניידער דעם פאָלקעס" האָט זיך אויס־געגאָסען אין זיין פולער מאַכט, אין די ערשטע יאָהרען פון 16טען י. ה., אין די פּרעדיגטען פון דער ערשטער רעפאָרמאַציאָן־בעוועגונג.

די קריסטליכע קירך, וועלכע האָט זיך פריהער געשטעלט אנטקעגען דעם רוימישען רעכט, אָבער איז איצט געוואָרען זיין חבר, האָט געארבייט אין דערזעלביגער ריכטונג. אזוי ווי דער פערזוך אויפצובויען א טהעאָקראַטישע אימפעריע פון אייראָפּא איז געווען א דורכפאַל, האָבען די קליגערע און אמביציעזע בישאָפען איצט געשטיצט די, אויף וועמען זיי האָבען גערעכענט, אז זיי וועלען ווידער אויפשטעלען די מאכט פון די קעניגע פון ישראל אָדער פון די קיסרים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די קירך האָט בערעקט די אויפשטייגענדע הערשער מיט איהר הייליגקייט; זי האָט זיי געקרוינט אלס גאָט׳ס פערטרעטער אויף דער ערד; זי האָט גע־שטעלט אין זייער דיענסט די געלעהרזאמקייט און פּאָליטישע פעהיגקייט פון איהרע גלחים; זי האָט זיי געבראכט איהרע ברכות און איהרע קללות, איהר רייכקייט און איהרע סימפּאַטיען. וואָס זי האָט געהאַט צווישען די אָרימע. די פּויערים וועמען די שטעדט האָבען ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט בעפרייען, האָבען איצט, — ווען זיי האָבען געזעהן, אז די בירגער האָבען ניט בכח צו מאכען א סוף פון די אונענדליכע מלחמות צווישען די ריטער, פון וועלכע זיי האָבען אזויפיעל געליטען, — געלעגט זייער גאנצע האָפענונג אויפ׳ן קעניג, אויפ׳ן קיסר אָדער אויפ׳ן גרויספירסט; און העל־פענדיג זיי צוברעכען די מעכטיגע פעאָדאַלע פריצים, האָבען זיי אויך געהאָלפען אויפבויען דעם צענטראַליזירטען שטאַאט. ענדליך האָט אויך בייגעטראָגען דערצו: די איבערפאַלען פון די מאָנגאָלען און די טערקען, די הייליגע קריעג מיט די מאורען פון שפּאַניען, ווי אויך די שרעקליכע מלחמות, וואָס האָבען באלד אויסגעבראָכען צווישען די וואקסענדע צענטערס פון הערשאַפט — איל־דע פראַנס און בורגונד, שאָטלאַנד און ענגלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך. ליטוי און פּוילען, מאָסקווע און טווער א. אז. וו. עס זיינען אויפגעשטאַנען מעכטיגע שטאַאטען, און די שטעדט האָבען איצט געהאַט צו קעמפּפען ניט נאָר מיט שוואַך־אָרגאַניזירטע פעדעראַציעס פון פּויערים, נאָר מיט זעהר שטאַרק־אָרגאַניזירטע צענטערס, וועלכע האָבען געהאַט גאנצע אַרמעען פון לייבאייגענע אין זייער דיענסט.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס די וואקסענדע אויטאָקראַטיען האָבען געפונען א שטיצע אין די שפּאַלטונגען, וועלכע זיינען געוואַקסען אין די שטעדט גופא. דער גרונד־געדאַנק פון דער

מיטעלאלטערליכער שטאָדט איז געווען גרויסארטיג, אָבער ער איז ניט געווען ברייט גענוג. די געגענזייטיגע הילף קאָן ניט בלייבען בעשרענקט אויף א קליינער אסאָציאַציע; זי מוז זיך אויסשפּרייטען אויך אויף דער ארומיגער סביבה, אז ניט, וועט די סביבה איינ־שלינגען די אסאָציאַציע. און אין דער הינזיכט האָט דער שטאָדט־מענש פון מיטעלאלטער בעגאנגען א געפעהרליכען פעהלער גלייך אין אָנהויב. אָנשטאָט צו קוקען אויף די פּויערים און האנד־ווערקער, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען אונטער דעם שוץ פון די ווענט פון שטאָדט, ווי אויף לויטער העלפער, וועלכע קאָנען בייטראָגען זייער חלק אין אויפבויען די שטאָדט — ווי דער אמת איז, אז זיי האָבען טאקע בייגעטראָגען זייער חלק דערצו — איז גאָר ארויסגעקומען א שארפע שפּאלטונג צווישען די „פאמיליעס“ פון אלטע בירגער און די ניי־אָנגעקומענע. די ערשטע האָבען צוגענומען פאר זיך אלע נוצען פון דעם געמיינדע־האנדעל און פון די קהל'שע לענדערייען, און פאר די לעצטע איז גאָר ניט געבליבען, אויסער דאָס רעכט זיך פריי צו בענוצען מיט דער ארבייט פון זייערע הענד. די שטאָדט איז אויף דעם אופן צוטיילט געוואָרען אויף די „בירגער“ אָדער „קהל־לייט“, און די „איינוואוינער“. 1) דער האנדעל, וועלכער האָט פריהער געהערט צו דער געמיינדע, איז איצט געוואָרען די פּריווילעגיע פון די סוחרים'שע און האנד־ווערקער „פאמיליען“, און דער נעקסטער טריט — דער אינ־דיווידועלער האנדעל און דער טראָסט — איז שוין געוואָרען אונ־פערמיידליך.

דיזעלבע שפּאלטונג איז פאָרגעקומען צווישען דער אייגענטלי־כער שטאָדט און די ארומיגע דערפער. די קאָמונע האָט טאקע פּרו־בירט צו בעפרייען די פּויערים, אָבער איהרע מלחמות מיט די פּריצים זיינען גיכער געוואָרען, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט, מלחמות כדי צו בעפרייען די שטאָדט גופא, איידער כדי צו בעפרייען די פויערים. זי האָט געלאָזען דעם פּריץ זיינע רעכט איבער די לייבאייגענע, בתנאי

---

1) ברענטאַנאָ האָט פאָלשטענדיג איינגעזעהן די געפעהרליכע פאָל־גען פון דעם קאמפּף צווישען די „אלטע בירגער“ און די „אָנגעקומענע“. מיאַסקאָווסקי אין זיין ווערק וועגען די דאָרף־געמיינדען פון דער שווייץ האָט אָנגעוויזען דאָס אייגענע בנוגע די דאָרף־געמיינדען.

ער זאָל מעהר ניט בעלעסטיגען די שטאָדט און זאָל ווערען א מיט־בירגער. די פּריצים אבער, וועלכע זיינען „אויפגענומען“ געוואָרען פון דער שטאָדט, און האָבען געוואוינט אינעווייניג פון איהרע ווענט, האָבען פּשוט אַנגעפיהרט דעם אַלטען קאַמפּף אין די קוואַרטאַלען גופא פון שטאָדט. עס האָט זיי ניט געפּאַסט צו אונטערוואַרפען זיך דעם משפּט פון פּראָסטע האנדווערקער און הענדלער, און זיי האָבען געפאָכטען זייערע אַלטע בלוט־געפעכטען אין די גאַסען. יעדע שטאָדט האָט איצט געהאַט איהרע קאָלאָננאַס און אָרזיניס, איהרע אָווערשטאָלצען און וויזען. ציהענדיג גרויסע הכנסות פון די גיטער, וואָס זיינען נאָך ביי זיי געבליבען, האָבען זיי זיך ארומגערינגעלט מיט א גרויסער צאָהל קליענטען, און האָבען פעאָדאַליזירט די מנהגים און די געוואוינהייטען פון דער שטאָדט גופא. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען ארויסווייזען אַן אונצופריעדענהייט צווישען די האנד־ווערקער־קלאַסען פון שטאָדט אַנטקעגען די „פאַמיליען“ און די אַלטע גילדען, האָבען אָט די פעאָדאַלען אָנגעבאָטען זייערע שווערדען און זייערע נאָכפאָלגער צו מאַכען א סוף צו די מחליקות דורך אַן אָפענע שלאַכט, אַנשטאָט צו לאָזען די אונצופריעדענהייט זאָל זיך געפינען אַ וועג פון שלום, ווי אין די פריהערדיגע אַלטע צייטען.

דער גרעסטער און געפעהרליכסטער פעהלער פון די מייסטע שטעדט איז בעשטאַנען דעריין, וואָס זיי האָבען געבויט זייער רייכ־קייט אויף דעם מסחר און דער אינדוסטריע, און האָבען פערנאַכלע־סיגט די ערד־ארבייט. זיי האָבען אויף דעם אופן איבערגע׳חזר׳ט דעם פעהלער, וואָס די שטעדט פון אַלטען גריכענלאַנד זיינען בעגאַנ־גען, און זיינען צוליעב דעם טעות אריינגעפאַלען אין דיזעלבע פער־ברעכען.1) די פערפערעמדקייט פון לאַנד האָט ממילא געטריבען די

---

1) דער האַנדעל מיט שקלאַווען, וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרען אין אָריענט, האָט אין די איטאַליענישע רעפּובליקען ניט אויפגעהערט ביז דעם 15טען יאהר־הונדערט. שוואַכע שפּורען דערפון געפינען זיך אויך אין דייטשלאַנד און אַנדערסוואו. זעה טשיבראַריאָ, „דעללא סיאַוויטו ע דעלל סערוואַגגיאָ“, 2 בענדער, מילאַן, 1868; פּראָפ. לוטשיצקי, „שקלאַ־ווערייַ און רוסישע שקלאַווען אין פלאָרענץ אין 14טען און 15טען י. ה.“ (רוסיש) אין די „איזוועסטיע“ פון קיעווער אוניווערזיטעט, פאר דעם יאָהר 1885.

שטעדט צו א לאנד־פיינדליכער פאליטיק, וועלכע איז בעזונדערס קלאר געווארען אין ענגלאנד, אין די צייטען פון עדוארד דעם דריטען1), אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער „זשאקעריע“ (דער פויערים־אויפשטאנד), אין דער מלחמה פון די הוססיטען אין בעהמען, און אין דעם אויפשטאנד פון די פויערים אין דייטשלאנד. פון דער אנדער זייט ווידער, האט די קאמערציעלע פאליטיק זיי אריינגעצויגען אין ווייטע אונטערנעהמונגען. קאלאניעס זיינען געגריגדעט געווארען פון די איטאליענער אין דרום־מזרח, פון די דייטשע שטעדט אין מזרח, פון די סלאווישע שטעדט אין ווייטען צפון־מזרח. מען האט אנגעהויבען צו האלטען גדונגענע ארמעען פאר קאלאניאלע מלחמות, און באלד אויך אויף צו אונטערדריקען די איינוואוינער פון די שטעדט גופא. מען האט געמאכט אזוינע גרויסע אנלייהען (פאר רעגירונגס־צוועקען), אז עס האט אינגאנצען דעמאראליזירט די בירגער; און די אינערליכע קריעגערייען זיינען געווארען אלץ ערגער און ערגער ביי יעדער וואהל, ווען די אינטערעסען פון געוויסע פאמיליען אין דער קאלאניאל־פאליטיק זיינען געשטאנען אין קאן. די שפאלטונג אין רייכע און ארימע איז געווארען טיעפער, און די קעניגליכע מאכט האט אין 16טען יאהרהונדערט געפונען אין יעדער שטאדט ווילינע פריינד און העלפער צווישען די ארימע.

און עס איז פאראן נאך אן אורזאך פאר דעם צופאלען פון די קאמונאלע אינסטיטוציעס, וועלכע שטעהט העכער און ליעגט טיעפער איידער אלע פריהערדיגע. די געשיכטע פון די מיטעלאלטערליכע שטעדט גיט אונז איינעם פון די העכסט־אויפפאלענדע ביישפיעלען פון דער מאכט, וואס **אידעען** און **פרינציפען** האבען אויף די שיקזאלען פון דער מענשהייט, און פון די גאנץ געגענגעזעצטע רעזולטאטען, וואס קומען ארויס, ווען עס טרעט אריין א טיעפע ענדערונג אין די פריהערדיגע הויפט־אידעען. זעלבסט־פערטרויען און פעדעראליזם, די זעלבסטשטענדיגקייט פון יעדער גרופע און דער פאליטישער געבוי פון דעם איינפאכען צו דעם פיעלפאכען, — דאס זיינען געווען די גרונד־אידעען אין דעם

1) דזש. ר. גרין׳ס „היסטאריע אוו דהי ענגליש פיפל“, לאנדאן, 1878, ב. I, ז. 455.

11טען יאָהרהונדערט. זינט יענער צייט אָבער האָבען זיך די בעגריפען אינגאַנצען געענדערט. די געלעהרטע פון דעם רוימישען רעכט און די העכערע גייסטליכע פון דער קירך, וועלכע זיינען געווען ענג פערבונדען צווישען זיך זינט די צייטען פון אינאָסענץ דעם 3טען, האָט אָבגעגאָלטען צו פּאַראַליזירען די אידעע — די אַלטע גריכישע אידעע — וועלכע האָט געהערשט בעת דער גרינדונג פון די שטעדט. צוויי אָדער דריי הונדערט יאָהר נאָכ־אַנאַנד האָבען זיי געלערנט פון בימה, פון אוניווערזיטעט־קאַטהעדער און פון ריכטער־שטוהל, אַז די ישועה פּאַר׳ן מענשען ליעגט אין אַ שטאַרק־צענטראַליזירטען שטאַאַט, וואָס שטעהט אונטער אַ האַלב־געטליכער אויטאָריטעט; 1) אַז א י י ן מענש קען און מוז זיין דער רעטער פון דער געזעלשאַפט. און אַז אין נאָמען פון טובת הכלל מעג ער בעגעהן יעדע געוואַלדטהאַט: פערברענען מענער און פרויען אויפ׳ן שייטערהויפען, מאַרטערן זיי צום טויט אונטער אונבעשרייב־ליכע יסורים, אַריינוואַרפען גאַנצע פּראָווינצען אין דעם שרעק־ליכסטען עלענד. און זיי האָבען אויך ניט פערפעהלט צו געבען פּאַקטישע ביישפּיעלען פון זייער לעהרע אויף גאָר אַ גרויסען מאַס־שטאַב, און מיט אַן אונערהערטער גרויזאַמקייט, אומעטום וואו דעם קעניג׳ס שווערט און דער פייער פון קירך, אָדער ביידע צוזאַמען, האָבען נאָר געקאָנט דערלאַנגען. דורך אַזוינע לעהרען און ביישפּיעלען, נאָכאַנאַנד איינגע׳חזר׳ט און אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, האָבען די בירגערשע מוחות גאָר געקריגען אַ נייע געשטאַלט. זיי האָבען אָנגעהויבען איינצוגעפינען, אַז קיין אויטאָריטעט געהט ניט צו־ווייט און קיין מאַטערן־צום־טויט איז ניט צו־גרויזאַם, אייב־מאָל אַז דער צוועק איז „צו האַלטען רוהה און אָרדנונג.“ און, נאָך אַזאַ נייער גייסטיגער ריכטונג און אַזאַ נייען גלויבען אין דער מאַכט פון איין מענשען, איז דער אַלטער פעדעראַליסטישער פּרינציפּ פערשוואונדען און דער שעפערישער גייסט פון די מאַסען אָבגע־שטאָרבען. די רוימישע אידעע האָט מנצח געווען און דער צענט־ראַליזירטער שטאַאַט האָט אונטער אַזוינע אומשטענדען געפונען אין די שטעדט פערטיגע קרבנות.

---

1) זעה די טעאָריעס, וואָס די באָלאָנאַ געזעץ־לייט האָבען אויסגע־דריקט שוין אויפ׳ן קאָנגרעס פון ראָנקאַליאַ אין יאָהר 1158.

א טיפ פון אזא ענדערונג איז די שטאָדט פלאָרענץ פון 15טען יאָהרהונדערט. אמאָל איז א פאָלקס־רעוואָלוציע געווען דער סיגנאַל פון א נייעם אויפשוואונג. איצטער, ווען דאָס פערצווייפעלטע פאָלק האָט זיך אויפגעהויבען, האָט עס קיינע קאָנסטרוקטיווע אידעען מעהר ניט געהאט: קיין פרישער געדאַנק איז ניט ארויס־געקומען פון דער בעוועגונג. מען האָט ארייננעזעצט אין געמיינדע־ראטה טויזענד פערטרעטער אָנשטאָט די פריהערדיגע פיער הונדערט; הונדערט מענשען זיינען אריין אין דער „סיגנאָריא“, אָנשטאָט אכציג. אָבער א רעוואָלוציע פון ציפער האָט קיין ווערטה ניט געקאָנט האָבען. די אונצופריעדענהייט פון פאָלק איז געוואַקסען און נייע אויפשטענדע זיינען געקומען. מען האָט גערופען א רעטער — דעם „טיראַן“ —; ער האָט אויסגעקוילעט די רעבעלען, אָבער דער קאָמונאַלער קערפער איז אַלץ מעהר צופאַלען, נאָך ערגער ווי פריהער. און ווען דאָס פאָלק פון פלאָרענץ האָט, נאָך א נייעם אויפשטאַנד, אַפעלירט צו איהר פּאָפּולערסטען מענשען, גיעראָנימאָ סאַוואַנאַראָלאַ, נאָך א ראטה, איז אָט דעם מאָנאָך'ס ענטפער געווען: — „אָה, פאָלק מיינס, דו ווייסט, אז איך קאָן מיך ניט אָבגעבען מיט שטאַאט־זאַכען.... רייניג דיין נשמה, און אויב דו וועסט אין אזא גייסטיגען צושטאַנד רעפאָרמירען דיין שטאָדט, דאַן, אָה, פּאָלק פון פלאָרענץ, וועסטו האָבען אָנגעהויבען די רעפאָרם אין גאַנץ איטאַליע!“ מען האָט פערברענט די קאַר־ניוואַל־מאַסקען און די זינדיגע ביכער; מען האָט דורכגעפיהרט א צדקה־געזעץ, און נאָך א געזעץ אנטקעגען די פּראָצענטניקעס — און די דעמאָקראַטיע פון פלאָרענץ איז געבליבען וואו זי איז געווען. דער אַלטער גייסט איז שוין מעהר ניט געווען. פערלאָזענדיג זיך צופיעל אויף דער רעגיערונג, האָבען זיי אויפגעהערט צו פערלאָזען זיך אויף זיך; זיי זיינען שוין ניט פעהיג געווען אריינצופיהרען עפּעס נייעס. דער שטאַאט האָט נאָר געדאַרפט מאַכען איין טריט, כדי צו צערשטערן זייערע לעצטע פריייהייטען.

און דאָך איז דער שטראָם פון געגענזייטיגער הילף און שטיצע נאָך ניט געווען אויסגעשטאָרבען צווישען די מאַסען: ער האָט ווייטער געפלאָסען אַפילו נאָך יענער מפלה. ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבען מיט אַן אונגעהויערער מאַכט אַלס ענטפער אויף די קאָמוניסטישע אויפרופען פון די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטען פון דער

רעפאָרמאַציאָן, און איז געבליבען עקזיסטירען אפילו נאָכדעם ווי עס האָט ניט אָבגעגאָלטען די מאַסען צו פערווירקליכען דאָס לעבען, וואָס זיי האָבען געהאָפט איינצופיהרען אונטער דער בעגייסטערונג פון אַ רעפאָרמירטער רעליגיאָן, און זיינען געפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון אַן אויטאָקראַטישער מאַכט. דער שטראָם פליעסט נאָך אפילו איצטער, און ער זוכט אַ וועג ווי אַזוי צו געפינען אַ נייעם אויסדרוק, וואָס זאָל ניט זיין, ניט דער שטאַאט, ניט די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט, ניט די דאָרף־געמיינדע פון די באַר־באַרען, ניט דער קלאַן פון די ווילדע, — נאָר זאָל אַרויסקומען פון זיי אַלעמען און דאָך זיין העכער פאַר זיי אין זיינע ברייטערע און טיעפערע מענשליכע בעגריפען.

## קאַפּיטעל VII.

# גענענזייטיגע הילף אין היינטיגער געזעלשאַפט

פאָלקס־אויפשטאַנדען אין אָנהויב פון דער שטאַאַט־פּעריאָדע. — געגענ־זייטיגע הילף־אינסטיטוציעס אין אונזער צייט. — די דאָרף־געמיינדע: איהר קאַמפף מיט דעם שטאַאַט, וואָס זוכט זי צו פערניכטען. — די מנהגים וואָס שטאַמען פון דער דאָרף־געמיינדע, זיינען פערבליבען אין אונזערע היינטיגע דערפער. — די שווייץ, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד.

די געגענזייטיגע הילף־טענדענץ פון דעם מענשען האָט אזא אוראַלטען אורשפּרונג און איז אזוי טיעף דורכגעפלאָכטען מיט דער גאַנצער פערגאַנגענער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ראַסע, אַז זי איז אויפגעהאַלטען געוואָרען ביי דער מענשהייט ביז אויף היינטיגען טאָג, טראָץ אַלע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער געשיכטע. זי האָט זיך דערהויפּט אויסגעבילדעט אין די צייטען פון פריעדען און וואוילשטאַנד; אָבער אַפילו ווען די גרעסטע אומגליקען זיינען בעפאַלען די מענשען — ווען גאַנצע לענדער זיינען חרוב געוואָרען דורך מלחמות און גאַנצע בעפעל־קערונגען זיינען אומגעקומען פון עלענד, אָדער האָבען געזיפצט אונטער'ן יאָך פון טיראַניי — האָט דיזעלבע טענדענץ פאָרטגעזעצט איהר לעבען אין די דערפער און צווישען די אָרימערע קלאַסען אין די שטעדט: זי האָט זיי נאָך אַלץ צוזאַמען געהאַלטען און האָט סוף כל סוף צוריק געווירקט אַפילו אויף די הערשענדע, קריעג־פיהרענדע און פערניכטענדע מינאָריטעטען, וועלכע האָבען זי פערוואָרפען ווי אַ סענטימענטאַלען אונזין. און יעדעס מאָל, ווען די מענשהייט האָט געדאַרפט אויסאַרבייטען אַ נייע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פּאַסען צו אַ נייער שטופע פון ענטוויקלונג, האָט איהר קאָנ־סטרוקטיווער גייסט אַלעמאָל גענומען די עלעמענטען און די בעגייס־

טערונג פאַר דעם נייעם אַרויסטריט פון אַט דערזועלביגער אייביג־לעבענדער טענדענץ פון געגענזייטיגער הילף. נייע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, אויף וויפיעל זיי זיינען געוועזן די שעפונג פון די מאַסען; נייע עטישע סיסטעמען און נייע רעליגיאָנען האָבען זיך אַלע גענומען פון דעמזעלבען קוואַל. דער עטישער פאָרטשריט פון דער מענשליכער ראַסע, ווען מען זאָל איהם בעטראַכטען פון אַ ברייטען שטאַנדפונקט, קומט פאַר ווי אַ כסדר׳דיגע אויסברייטונג פון די געגענזייטיגע הילף־פּרינציפּען, פון דעם פּרימיטיוון שטאַם אויף אַלעמאָל גרעסערע און גרעסערע אָנהויפונגען פון מענשען, ביז וואַנען זיי וועלען ענדליך אין איין שעהנעם טאָג אַרומנעהמען די גאַנצע מענשהייט, אָהן אונטערשיעד פון אמונות, שפּראַכען און ראַסען.

נאָכדעם ווי די אייראָפּעער זיינען דורכגעגאַנגען די שטופע פון ־עם שטאַם און דערנאָך די שטופע פון דער דאָרף־געמיינדע, האָבען זיי גענומען אויסאַרבייטען אין מיטעלאַלטער אַ נייע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט געלאָזען אַ ברייטען רוים פאַר דער פּערזענליכער איניציאַטיווע, בעת זי האָט אין אַ גרויסען ערך פערענטפערט די מענשליכע בעדערפעניסען פון געגענזייטיגער שטיצע. עס איז אַרויסגערופען געוואָרען אין לעבען אַ פעדעראַציע פון דאָרף־געמיינדען, וועלכע איז געוועזן בעדעקט אין די מיטעלאַלטערליכע שטעדט מיט אַ נעצווערק פון גילדען און ברודערשאַפט־פעראיינען. די גרויסע רעזולטאַטען אין אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, אין האַנדווערק, קונסט, וויסענשאַפט און האַנדעל, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אונטער דער דאָזיגער נייער פאָרם פון פעראייניגונג, זיינען בעשפּראָכען געוואָרען מעהר אָדער ווייניגער אויספיהרליך אין די פאָריגע צוויי קאַפּיטלען. און מיר האָבען דאָרט אויך פּרובירט בעווייזען, פאַרוואָס די מיטעלאַלטערליכע רעפּובליקען, ביים סוף פון 15טען י. ה. — היות ווי זיי זיינען געוועזן אַרומגערינגעלט פון די געביעטען פון פיינדליכע פעאָדאַלע פּריצים, אונמעכטיג צו בעפרייען די פּויערים פון לייב־אייגענשאַפט און ביסלעכווייז פערדאָרבען געוואָרענע דורך די אידעען פון רוימישען צעזאַריזם — זיינען פעראורטיילט געוואָרען צו פאַלען אַ קרבן צו די וואַקסענדע מיליטערישע שטאַאַטען.

דאָך האָבען די פאָלקסמאַסען געמאַכט נאָך אַ געוואַלטיגען

פערזוך איבערצובויען די געזעלשאפט אויף דעם אלטען יסוד פון געגענזייטיגער הילף און שטיצע, איידער זיי האבען זיך אונטערווארפען אין די נעקסטע דריי יאהרהונדערטער אונטער דער אלץ־פערשלינגענדער אויטאריטעט פון׳ם שטאאט. עס איז שוין איצטער גוט בעוואוסט, אז די גרויסע רעפארמאציאנס־בעוועגונג איז ניט געווען בלויז אן אויפשטאנד אנטקעגען די מיסברויכונגען פון דער קאטוילישער קירך. די בעוועגונג האט אויך געהאט איהר קאנסטרוקטיווען אידעאל, און דער אידעאל איז געווען: ל ע ב ע ן א י ן פ ר י י ע, ב ר י ד ע ר ל י כ ע ג ע מ י י נ ש א פ ט ע ן. די ערשטע שריפטען און פרעדיגטען פון דער דאזיגער פעריאדע, וועלכע האבען געפונען דעם גרעסטען אבקלאנג ביי די מאסען, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון אן עקאנאמישער און סאציאלער ברידערליכקייט פון דער מענשהייט. די בעריהמטע „צוועלף ארטיקלען“ און נאך אזוינע „אני מאמין׳ס“, וואס האבען צירקולירט צווישען די דייטשע און שווייצערישע פויערים און האנדווערקער, האבען ניט נאר געפאדערט, אז יעדער איינער זאל האבען א רעכט אויסצוטייטשען די ביבעל לויט זיין אייגענעם פערשטאנד, נאר זיי האבען אויך אריינגענומען די פאדערונג, מען זאל אבגעבען די דארף־געמיינדען די קאמונאלע לענדערייען און אבשאפען די פעאדאלע פערפליכטונגען: דערביי האבען זיך אט די פאדערונגען בערופען אויף די „אמת׳ע“ קריסטליכע אמונה, ד. ה. אויפ׳ן גלויבען פון מענשליכער ברידערליכקייט. אין דערזעלביגער צייט האבען צעהנדליגע טויזענדער מענער און פרויען זיך אנגעשלאסען אן די קאמוניסטישע ברודערשאפטען פון מעהרען, אבגעבענדיג זיי זייער גאנצען פערמעגען און לעבענדיג אין צאהלרייכע און וואוילהאבענדע ישובים, וואס זיינען געווען געבויט אויף די פרינציפען פון קאמוניזם. 1) נאר מאסען־אויסשלאכטונגען פון טויזענדער אויף א

---

1) א רייכע ליטעראטור וועגען אט דעם פריהער־פערנאכלעסיגטען ענין הויבט איצט אן צו וואקסען אין דייטשלאנד. קעללער׳ס ווערק „איין אפאסטעל דער וויעדערטויפער“ און „געשיכטע דער וויעדערטויפער“, קארנעליוס׳עס „געשיכטע דעם מינסטערישען אויפרוהרס“ און יאנססען׳ס „געשיכטע דעם דויטשען פאלקעס“ קאן מען אנרופען אלס די הויפטקוועלען. דער ערשטער פערזוך בעקאנט צו מאכען די ענגלישע לע־

מאָל האָבען געקאָנט אָבהאַלטען די דאָזיגע ווייט־פערשפּרייטע פאָלקס־בעוועגונג, און נאָר דורך פייער און שווערד און פאָלטער האָבען די יונגע שטאַאטען געוואונען זייער ערשטען און ענטשיי־דענעם נצחון איבער די מאַסען פון פאָלק. 1)

אין די נעקסטע דריי יאָהרהונדערטער האָבען די שטאַאטען, סיי אויפ'ן קאָנטינענט, סיי אין ענגלאַנד, סיסטעמאַטיש אויס־געראָט אַלע אינסטיטוציעס, אין וועלכע די טענדענץ פון געגענ־זייטיגער הילף האָט פריהער געפונען איהר אויסדרוק. די דאָרף־געמיינדען זיינען בערויבט געוואָרען פון זייערע פאָלקס־פערזאַמ־לונגען, זייערע געריכט־הייזער און זייער זעלבסט־פערוואַלטונג. די ערד, וואָס האָט צו זיי געהערט, איז קאָנפיסקירט געוואָרען. פון די גילדען האָט מען אָבגענומען זייער פערמעגען און זייערע פּריוויהייטען, און מען האָט זיי געשטעלט אונטער דער קאָנטראָל, דעם מוטהווילען און פערקויפליכקייט פון א שטאַאט־בעאַמטען. פון די שטעדט האָט מען אָבגענומען זייער סואווערעניטעט, און די אייגענט־ליכע קוואַלען פון זייער אינערליכען לעבען — די פאָלקס־

---

זער מיט די רעזולטאַטען פון די טיעפע פאָרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דייטשלאַנד אויף דעם געביעט, איז געמאַכט געוואָרען אין אַן אויסגעצייכענטען קליינעם ווערק פון ריטשאַרד היטה „אַנאַבאַפּטיזם פראָם איטס ראַיז עט צוויקאַו טו איטס פאָל עט מינסטער, 1521-1536“, לאָנדאָן, 1895, (באַפּטיסטס מאַנואַלס, באַנד I), וואו די הויפּטשריפטען פון דער בעוועגונג זיינען ריכטיג אָנגעוויזען און עס ווערען געגעבען פולע ביבליאָגראַפישע אָנצייגען. אויך קאַרל קאַוטסקי'ס „קאָמוניזמוס צור צייט דער רעפאָרמאַציאָן“.

1) נאָר ווייניגע פון אונזערע היינטיגע מענשען קאָנען זיך מאַכען א בעגריף פון דעם פערנעהם פון דער דאָזיגער בעוועגונג און פון די מיטלען, מיט וועלכע זי איז אונטערדריקט געוואָרען. די אָבער, וועלכע האָבען געשריבען גלייך נאָך דעם גרויסען בויערן־קריעג, האָבען געשאַצט די צאָהל פון די אויסגעשלאַכטעטע פויערים, נאָך זייער נידערלאַגע אין דייטשלאַנד, אין דעם ערך פון הונדערט טויזענד ביז הונדערט און פופציג טויזענד מאַן. זעה צימערמאַנ'ס „אַלגעמיינע געשיכטע דעם גראָססען בויערנקריעגס“. וועגען די מיטלען וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען צו אונטערדריקען די בעוועגונג אין האָללאַנד, זעה היטה'ס „אַנאַבאַפּטיזם“.

פערזאמלונג, די ערוועהלטע ריכטער און די פערוואלטונג, די זעלבסטשטענדיגקייט פון׳ם קירכען־בעצירק און פון דער גילדע — זיינען פערניכטעט געווארען. דער שטאאט־בעאמטער האט אריינגענומען אין זיינע הענד יעדעם גליעד פון דאס, וואס איז פריהער געווען אן ארגאניש גאנצעס. א דאנק אט דער געפעהרליכער פאליטיק און די מלחמות, וואס זי האט ארויסגערופען, זיינען גאנצע געגענדען, וועלכע זיינען פריהער געווען געדיכט בעפעלקערט און רייך, איצט געווארען פערוויסט; רייכע שטעדט זיינען פערוואנדעלט געווארען אין אונבעדייטענדע שטעדטלעך; אפילו די וועגען, וועלכע האבען זיי פערבונדען מיט אנדערע שטעדט, זיינען איינגאנצען פערלאזען געווארען. די אינדוסטריע, קונסט און בילדונג זיינען אונטערגעגאנגען. די פאליטישע ערציהונג, וויסענשאפט און רעכט זיינען אוועקגעשטעלט געווארען אין דיענסט צו דער אידעע פון שטאאט־צענטראליזאציע. מען האט געלערנט אין די אוניווערזיטעטען און גע׳דרשנ׳ט פון דער בימה, אז די אינסטיטוציעס, אין וועלכע די מענשען פלעגען פריהער פערקערפערן זייערע בעדערפעניסען פון גענענזייטיגער שטיצע, קענען ניט טאלערירט ווערען אין א ריכטיג־ארגאניזירטען שטאאט; אז נאר דער שטאאט אליין קאן פארמירען די פעראייניגונגס־בענדער צווישען זיינע אונטערטהאנען; אז פעדעראליזם און „פארטיקולאריזם" זיינען די פיינד פון פראגרעס, און אז דער שטאאט איז דער איינציגער ריכטיגער איניציאטאר פון וויי טערדיגער ענטוויקלונג. אין סוף פון 18טען יאהרהונדערט האבען די קעניגע אויפ׳ן קאנטינענט, דער פארלאמענט אין ענגלאנד און די רעוואלוציאנערע קאנוועגציע אין פראנקרייך — אבוואויל זיי האבען געפיהרט מלחמות איינע אנטקעגען די אנדערע, — אלע איינגעשטימט אין דער בעהויפטונג, אז קיין בעזונדערע פערבאנדען צווישען די בירגער טארען ניט עקזיסטירען אינערהאלב דעם שטאאט; אז קאטארגע און דער טויט זיינען די איינציגע פאסיגע שטראפען פאר ארבייטער, וועלכע האבען די העזה אריינצוטרעטען אין „קאאליציאנען" (טרייד יוניאנס). „עס טאר ניט זיין קיין אנדער שטאאט אין דעם שטאאט!" נאר דער שטאאט און די שטאאט׳ס קירך דארפען זיך קימערן וועגען די עפענטליכע עסקים, בעת די אונטערטהאנען מוזען בלייבען לויזע הויפענס אינדיווידומען, וואס זיינען ניט פערבונדען

מיט קיינע בעשטימטע בענדער, און מוזען אפעלירען צו דער רעגירונג יעדעס מאל ווען זיי האבען א קהל'שע בעדערפנים. ביז דעם מיטען פון 19טן י. ה. איז דאס געווען די טעאריע און די פראקטיקע אין איירא פא. אפילו אויף קאמערציעלע און אינ־דוסטריעלע געזעלשאפטען האט מען געקוקט מיט פערדאכט. ווער רעדט שוין וועגען די ארבייטער: יוניאנס זיינען געווען אונגע־זעצליך נאך פאר אונזער געדענקען אין ענגלאנד און נישט ווייטער ווי מיט עטליכע און צוואנציג יאהר צוריק אויפ'ן קאנטינענט. דאס גאנצע סיסטעם פון אונזער שטאדט־ערציהונג איז אזוינס, אז אפילו דא אין ענגלאנד האלט א היבש טייל פון דער געזעלשאפט ביז אויף היינטיגען טאג פאר א רעוואלוציאנערען איינפיהר אזוינע קאנצעסיעס פון רעכט, וואס יעדער איינער, סיי פרייער, סיי לייב־אייגענער, האט גענאט פינף הונדערט יאהר צוריק אין דער דארפישער פאלקספערזאמלונג, אין דער גילדע, אין דעם קירכענ־בעצירק און אין דער שטאדט.

דאס, וואס דער שטאאט האט איינגעשלונגען אלע געזעלשאפט־ליכע פונקציעס, האט נויטיגערוויז געהאלפען דער ענטוויקלונג פון א ניט־געצוימטען ענג־גייסטיגען אינדיווידואליזם. אין דעם ערך וואס די צאהל התחיבות'ן צום שטאאט איז געוואקסען, אויף אזוי פיעל זיינען די בירגער בעפרייט געווארען פון זייערע התחיבות'ן איינע צו די אנדערע. אין דער גילדע — און אין מיטעלאלטער האט יעדער מענש בעלאנגט צו א וועלכער עס איז גילדע אדער ברודערשאפט — זיינען צוויי „ברידער" געווען מחויב צו זיצען און וואכען, איבערבייטענדיג כסדר איינער דעם אנדערן, ביי א „ברודער", וואס איז געלעגען קראנק: היינטיגע צייטען איז גענוג, אז מען גיט א שכן דעם אדרעס פון דעם נעהענטסטען שפיטאל פאר ארעמע לייט. אין דער בארבארישער געזעלשאפט, אז איינער האט צוגעקוקט צו א געשלעג צווישען צוויי מענשען און האט זיך ניט איינגעשטעלט, ניט צו דערלאזען צו בלוט־פערגיסונג, איז ער אליין אויך בעהאנדעלט געווארען ווי א מערדער; היינט אבער, אונטער דער טעאריע פון אן אל־בעשיצענדען שטאאט, דארף דער צוקוקער זיך ניט אריינמישען: עס איז דעם פאליציסט'ס געשעפט אריינ־צומישען זיך אדער ניט. און בעת אין א ווילד לאנד, צווישען די האטענטאטען, וואלט עס געווען סקאנדאלעז צו זעצען זיך עסען

ניט אויסשרייענדיג גאַנץ הויך דריי מאָל, טאָמער איז פאַראַן ווער עס איז, וואָס וויל אַ טייל פון דער שפייז, איז אַלץ וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ רעספּעקטאַבלען בירגער היינטיגען טאָג, ער זאָל נאָר צאָהלען זיין מכס לעניים (שטייער פאַר אָרימע) און לאָזען די הונגעריגע פערהונגערן. דער רעזולטאַט איז, אַז די טעאָריע וואָס האַלט, אַז מענשען קאָנען און זאָלען זוכען זייער אייגענעם גליק, ניט קוקענדיג אויף די נויטען פון אַנדערע מענשען, טריאומ־פירט איצט איבעראַל — אין געזעץ, אין דער וויסענשאַפט, אין דער רעליגיאָן. דאָס איז די היינטיגע רעליגיאָן, און טאָמער צווייפעלט איינער אין איהר ניצליכקייט, הייסט עס אַז ער איז אַ געפעהרליכער אוטאָפּיסט. די וויסענשאַפט פּראָקלאַמירט בקול רם, אַז דער קאַמפּף פון יעדערן אַנטקעגען אַלעמען איז דער גרונד־פּרינציפּ פון דער נאַטור און פון יעדער מענשליכער געזעלשאַפט. די ביאָלאָגיע שרייבט צו צו דעם קאַמפּף די פּראָגרעסיווע ענטוויק־לונג פון דער טהיערען־וועלט. די געשיכטע פיהרט אויף אָן דעם אייגענעם אַרגומענט; און די פּאָליטישע עקאָנאָמיסטען, אין זייער נאַאיווער אונוויסענהייט, שרייבען צו דעם גאַנצען פּראָגרעס פון דער מאָדערנער אינדוסטריע און מאַשינעריע צו די „וואונדערבאַרע“ ווירקונגען פון דעמזעלביגען פּרינציפּ. די סאַמע רעליגיאָן פון די קירכען איז אַ רעליגיאָן פון אינדיווידואַליזם, וועלכע איז נאָר אַ ביסעל געמילדערט דורך מעהר אָדער ווייניגער וואוילטהעטיגע בעצי־הונגען צו די שכנים, — דערהויפּט אום זונטאָג. „פּראַקטישע“ מענשען און טהעאָרעטיקער, וויסענשאַפטס־מענער און רעליגיאָנס־פּרעדיגער, אַדוואָקאַטען און פּאָליטיקער, שטימען אַלע איין אין איין זאַך, — אַז מען קאָן, נאַטירליך, עפּעס ווייכער מאַכען די גראָבע זייטען פון דעם אינדיווידואַליזם דורך צדקה, אָבער ער איז דאָך דער איינציגער זיכערער גרונד פאַר דער ערהאַלטונג פון דער געזעלשאַפט און פאַר איהר וויטערן פּאָרטשריט.

עס זעהט, הייסט עס, אויס ווי אָן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט צו זוכען פּראַקטישע האַנדלונגען און אינסטיטוציעס פון גענענזיי־טיגער הילף אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. וויפיעל האָט שוין געקאָנט בלייבען פון זיי? און דאָך, ווי נאָר מיר הויבען זיך אָן צוצוקוקען, ווי אַזוי די מיליאָנען מענשליכע בעשעפּעניסען לעבען, און מיר נעהמען זיך שטודירען זייערע טאָגטעגליכע בעציהונגען,

ווערען מיר איבעררואשט פון דער אונגעהויערער ראַליע, וואס די פּרינציפּען פון געגענזייטיגער הילף און שטיצע שפּיעלען אפילו היינטיגע צייטען אין מענשליכען לעבען. אַבוואויל די צערשטערונג פון די געגענזייטיגע הילף־אינסטיטוציעס געהט שוין אָן אין פּראַקטיקע ווי אין טעאָריע גאַנצע דריי אדער פיער הונדערט יאָהר, לעבען פונדעסטוועגען הונדערטע מיליאָנען מענשען נאָך אַלץ אונטער אזוינע אינסטיטוציעס: זיי היטען זיי אָב מיט א פרומען געפיהל וואו זיי געפינען זיך נאָך און זוכען זיי ווידער אויפצוריכטען, וואו זיי האָבען שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירען. יעדער איינער פון אונז לעבט איבער אין אונזערע געגענזייטיגע בעציהונגען מאָמענטען פון עמפּערונג קעגען דעם היינט־מאָדישען אינדיווידואַליסטישען גלויבען; און פערקעהרט, אזא גרויסער טייל פון אונזער טעגליכען פערקעהר בעשטעהט פון טהאַטען, וואס נעהמען זיך פון אונזערע געגענזייטיגע הילף־נייגונגען, אז אויב מען וואָלט די דאָזיגע טהאַטען געקאָנט אָבהאַלטען, וואָלט גלייך אויפגעהערט יעדער ווייטערדיגער עטישער פאָרטשריט. די מענשליכע געזעלשאפט גופא וואָלט ניט געקאָנט אויפגעהאַלטען ווערען אפילו אזוי לאַנג, ווי דער לעבענסדויער פון איין איינציגען דור. אָט די פאַקטען, וועלכע ווערען דאס רוב פערנאַכלעסיגט פון די סאָציאָלאָגען, וואָס זיינען אבער פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר דעם לעבען און ווייטערער דערהויבונג פון דער מענשהייט, וועלען מיר איצטער נעהמען אנאַליזירען: אָנהויבענדיג מיט די שטענדיגע אינסטיטוציעס פון געגענזייטיגער שטיצע, און אריבערגעהענדיג דערנאָך צו אזוינע טהאַטען פון געגענזייטיגער הילף, וועלכע שטאַמען אָב פון די פּערזענליכע אדער געזעלשאַפטליכע סימפּאַטהיען.

ווען מיר וואַרפען א ברייטען בליק אויף דער איצטיגער צוזאַמענשטעלונג פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאפט, ווערען מיר גלייך איבעררואשט פון דעם פאַקט, וואָס די דאָרף־געמיינדע עקזיסטירט נאָך אַלץ, אין דעם ערך ווי מיר וועלען עס באַלד זעהן, טראָץ אַלעם דעם וואָס איז געטהאָן געוואָרען פּטור צו ווערען פון איהר, און אז עס ווערען געמאַכט פיעל פּערזוכען ענטוועדער זי ווי עס איז איבערצובויען, אדער צו געפינען עפּעס אנדערעס, וואָס זאָל פערנעהמען איהר אָרט. די אַלגעמיינע מיינונג וועגען

דער דאָרף־געמיינדע איז, אז אין מערב־איראָפּא איז זי געשטאָר־בען מיט א נאַטירליכען טויט, ווייל דער געמיינשאַפטליכער בע־זיץ פון דער ערד האָט ניט געפּאַסט צו די מאָדערנע פאָדערונגען פון דער אגריקולטור. דער אמת איז אָבער, אז די דאָרף־געמיינדע איז אין ערגעץ ניט פערשוואונדען פון זיך אליין; פערקעהרט, עס האָט אומעטום גענומען די הערשענדע קלאַסען יאהרהונדערטער פון איינגע'עקשנ'טע, אבער ניט אלעמאָל ערפאָלגרייכע, אָנשטרענ־גונגען זי צו פערניכטען און צו קאָנפיסקירען די ערד פון דער גע־מיינדע.

אין פראַנקרייך האָט מען שוין אנגעהויבען בעראַבעווען די דאָרף־געמיינדען פון זייער אונאָבהענגיגקייט און זייערע לענדע־רייען, אזוי פריה ווי אין 16טען יאהרהונדערט. די ראַבירונג אָבער איז ערשט אוועקגעגאנגען לייכט און געוואָרען סקאַנדאַלעז אין נעקסטען יאהרהונדערט, ווען די פּויערים זיינען דורך בעררייסונגען און מלחמות ארונטערגעבראַכט געוואָרען צו דעם צושטאַנד פון קנעכטשאַפט און עלענד, וועלכער ווערט געשילדערט אין לעבעדיגע פארבען פון אלע היסטאָריקער. „יעדער איינער האָט זיי בע'גנב'עט אויף וויפיעל ער האָט געקאָנט... מען האָט ביי זיי געמאָנט אויס־געטראַכטע חובות, כדי צוצונעהמען זייערע לענדער“ — אזוי לע־זען מיר אין א עדיקט, וואָס לודוויג דער 14טער האָט ארויסגעלאָזען אין יאהר 1667 1) עס פערשטעהט זיך, דעם שטאַאַט'ס מיטעל גע־גען די דאָזיגע צרות איז געווען, נאָך מעהר אונטערוואַרפען די גע־מיינדען אונטער דער ממשלה פון שטאַאַט, און ער זאָל זיי אליין בעראַבעווען. דער פאַקט איז, אז צוויי יאָהר שפּעטער האָט דער קעניג קאָנפיסקירט די גאַנצע געלד־הכנסה פון די געמיינדען. און וואָס איז שייך דעם פערכאַפּען פון די געמיינדע־לענדערייען, איז עס וואָס ווייטער געוואָרען אלץ ערגער, און אין נעקסטען יאָהר־הונדערט האָבען דער אָדעל און די גייסטליכע שוין געהאַט אוועקגע־נומען זעהר גרויסע שטרעקען לאַנד — א העלפט פון דער בעאַר־בייטער ערד, לויט געוויסע אָבשאַצונגען — מעהרסטענטיילס כדי

1) דער דאָזיגער עדיקט ווערט ציטירט פון איניגע פּערפאָסער. אָבט יאָהר פאַר יענעם דאַטום זיינען די געמיינדען אוועקגעשטעלט געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון שטאַאַט.

צו לאָזען עס פּוסטעווען.1) די פּויערים אָבער האָבען נאָך אַלץ אויפגעהאַלטען זייערע קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, און ביז דעם יאָהר 1787 פלעגען די דאָרפישע פאָלקספערזאַמלונגען, וואָס זיינען בעשטאַנען פון אַלע הויזהאַלטער, זיך צונויפקומען אונטער דעם שאָטען פון גלאָקען־טורעם אדער פון א בוים, איינצוטיילען אָדער איבערטיילען די פעלדער, וואָס זיינען זיי געבליבען, צו בעשטימען די שטייערן און אויסוועהלען זייער עקזעקוטיווע, פּונקט ווי דער רוסישער „מיר" טהוט נאָך היינטיגען טאָג. דאָס איז איצט פאָל־שטענדיג בעוויזען דורך די פאָרשונגען פון באַבאָ.2)

די פראַנצויזישע רעגירונג אבער האָט איינגעפונען, אז די פאָלקספערזאַמלונגען זיינען „צו־טומעלדיג", צופיעל אונגעהאָר־זאַם, און אין יאָהר 1787 זיינען איינגעפיהרט געווארען אַנשטאָט זיי געוועהנליכע געמיינדעראַטהען, וואָס זיינען בעשטאַנען פון א מער (סטאַרשינא) און פון ביז זעקס סינדיקס (דעפּוטאַטען), וועל־כע זיינען אויסגעקליבען געווארען פון די רייכערע פּויערים. צוויי יאָהר שפּעטער האָט די רעוואָלוציאָנערע קאָנסטיטואירענדע פער־זאַמלונג, וועלכע איז אין דעם פּרט געווען איינשטימיג מיט דעם אַלטען רעזשים, פאָלשטענדיג בעשטעטיגט דעם דאָזיגען געזעץ (דעצעמבער דעם 14טען, 1789), און די דאָרפישע בורזשואַזיע האָט איצט פון איהר זייט זיך גענומען בערויבען די קאָמונאַלע ערד; און דאָס האָט אָנגעהאַלטען דורך דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פּע־ריאָדע. ערשט דעם 16טען אויגוסט פון יאָהר 1792 האָט די קאָנ־ווענציאָן (אַססעמבלעע לעגיסלאַטיוו) בעשלאָסען, אונטער דעם

---

1) „אויף'ן גוט פון א גרויסען גרונדבעזיצער, אפילו ווען ער האָט מיליאָנען הכנסה, זייט איהר זיכער צו געפינען דאָס לאַנד ניט בעאַרבייט" (אַרטהור יאָנג). „א פערטער טייל פון באָדען איז געבליבען פּוסטעווען"; „אין די לעצטע הונדערט יאָהר האָט זיך די ערד אומגעקעהרט צו א ווילדען צושטאַנד"; „די פריהער־בליהענדע סאָלאָן איז איצט געוואָרען א גרויסע בלאָטע", און אזוי ווייטער. (טהעראָן דע מאָנטאגע, ציטירט פון טעין אין „אָריזשין דע לא פראַנס קאָנטעמפּאָרען", באַנד I, ז. 441).

2) א. באַבאָ, „לע ווילאַזש סי ל'אַנסיען רעזשים", 3טע אויפלאַגע, פּאַריז, 1892.

דרוק פון די פויערימשע אויפשטאנדען, אומצוקעהרען די געמיינ־דען זייערע אבגענומענע ערד; 1) אבער זי האט אין דערזעלבער צייט בעשטימט, אז מען זאל די ערד פערטיילען אין גלייכע חלקים נאר צווישען די רייכע פויערים. דער בעשלוס האט נאטירליך ארויסגערופען נייע אויפשטאנדען, און ער איז אבגעשאפט געווא־רען דעם נעקסטען יאהר, ווען די קאנווענציאן, נאכדעם ווי די זשיראנדיסטען זיינען פערטריבען געווארען, האט בעשלאסען (דעם 11טען יוני, 1793), אז אלע געמיינדע־לענדערייען, וואס די גוטבע־זיצער און אנדערע האבען אוועקגענומען פון די פויערים זינט דעם יאהר 1669, זאלען אומגעקעהרט ווערען צו די געמיינדען, וועלכע קאנען — אויב זיי וועלען עס בעשליסען דורך א מאיאריטעט פון צוויי דריטעל שטימען — צוטיילען די געמיינדע־לענדער אין גלייכע חלקים צווישען אלע איינוואהנער, סיי רייכע, סיי ארימע, סיי „אקטיווע“, סיי „פאסיווע“ בירגער.

די געזעצען אבער וועגען פערטיילען די געמיינדע־לענדערייען זיינען אזויפיעל געגאנגען להיפך צו די בעגריפען פון די פויערים, אז מען האט זיי אין ערגעץ ניט געפאלגט, און וואו נאר די פויערים האבען אבגעקריגען וויפיעל עס איז פון זייער ערד, האבען זיי עס געהאלטען געמיינשאפטליך און געלאזען ניט־צוטיילט. באלד אבער זיינען אנגעקומען די לאנגע יאהרען פון מלחמות און רעאק־ציע, און די געמיינדע־לענדערייען זיינען פשוט קאנפיסקירט גע־ווארען פון שטאאט (אין יאהר 1794) אלס משכון פאר די שטאאט־אנלייהען. א טייל פון זיי זיינען ארויסגעשטעלט געווארען צום פערקויף, און אויף דעם אופן צוראבירט געווארען. דערנאך האט מען די ערד ווידער אומגעקעהרט צו די געמיינדען און ווידער קאנפיסקירט (אין יאהר 1813); און ערשט אין יאהר 1816 האט מען אומגעקעהרט דאס איבערגעבליבענע, אן ערך 15 מיליאן אקער פון די ערגסטע ערד, צו די דארף־געמיינדען. 2) דערמיט אבער

1) אין מזרח־פראנקרייך האט דאס געזעץ נאר בעשטעטיגט וואס די פויערים האבען שוין געהאט אליין געטהאן; אין אנדערע טיילען פון פראנקרייך איז דאס געזעץ, ווי דער שטייגער איז, געבליבען א טויטער בוכשטאב.

2) נאך דעם נצחון פון דער בורזשואזער רעאקציע זיינען די קא־

האָט זיך נאָך אַלץ ניט געענדיגט די צרות פון די געמיינדען. יע־דער נייער רעזשים האָט געזעהן אין די קאָמונאַלע לענדערייען א מיטעל מיט וואָס צו בעלוינען זיינע פּאַרטיי־העלפער, און מען האָט דורכגעפיהרט דריי געזעצען (דעם ערשטען אין יאהר 1837 און דעם לעצטען אונטער נאַפּאָלעאָן דעם דריטען), כדי צו בעוועגען די דאָרף־געמיינדען זיי זאָלען צוטיילען זייער ערד. דריי מאָל האָט מען די דאָזיגע געזעצען געמוזט צוריקרופען צוליעב דער אָפּאָזי־ציע, וואָס זיי האָבען ארויסגערופען אין די דערפער, אָבער עפּעס האָט מען אָבגעריסען פון זיי יעדעס מאָל; און נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט, מיט דעם אויסרייד צו שטיצען די פערפאָלקאָמענסטע

---

מונאַלע לענדערייען דערקלערט געוואָרען (דעם 24טען אויגוסט, 1794) פאַר שטאַאַט־אייגענטום, און צוזאַמען מיט די לענדערייען, וואָס זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען פונ'ם אַדעל, האָט מען זיי ארויסגעשטעלט צום פערקויפען און זיינען צוראַבירט געוואָרען פון די „שוואַרצע באַנדעס" פון דער קליין־בורזשואַזיע. אמת, מען האָט די דאָזיגע ראַבירונג אָב־געשטעלט דעם נעקסטען יאָהר (דאָס געזעץ פון 2טען פרעריאַל 5טען יאָהר פון דער רעפּובליק) און דאָס פריהערדיגע געזעץ איז צוריקגערו־פען געוואָרען; אָבער דאַן זיינען די דאָרף־געמיינדען פּראָסט אָבגע־שאַפט געוואָרען און די קאָלאָניאַל־ראַטהען זיינען איינגעפיהרט געווארען אַנשטאָט זיי. ערשט זיעבען יאָהר שפּעטער (דעם 9טען פּרעריאַל XIIטען יאָהר) ד. ה. אין 1801, זיינען די דאָרף־געמיינדען וויעדער איינגעפיהרט געוואָרען, מען האָט אָבער ביי זיי אָבגענומען זייערע אַלע רעכט, און אין 36 טויזענד פראנצויזישע געמיינדען זיינען די מערס און די סינדיקס בעשטימט געוואָרען פון דער רעגירונג! אָט דאָס סיסטעם האָט זיך גע־האַלטען ביז נאָך דער רעוואָלוציע פון 1830, ווען עס זיינען וויעדער איינגעפיהרט געוואָרען געוועהלטע קאָמונאַל־ראַטהען אונטער דעם געזעץ פון 1787. וואָס געהערט די געמיינדע־לענדערייען, האָט דער שטאַאַט זיי וויעדער פערכאַפּט אין יאהר 1813, האָט זיי צוראַבירט און נאָר אַ טייל פון זיי צוריק אבגעגעבען די קאָמונעס אין יאהר 1816. זעה די קלאַ־סישע זאַמלונג פון פראנצויזישע געזעצען פון דאַללאָ „רעפּערטואַר דע זשו־ריספּרידענס"; אויך די ווערק פון דאָניאַל, דאַרעסט, באָננמער, באַבאָ און פיעלע אַנדערע.

מעטאָדען פון אגריקולטור, אוועקגעשענקט גרויסע טיילען פון די קאָמונאַלע ערד צו איינינע פון זיינע פאַוואָריטען.

וואָס געהערט דער אויטאָנאָמיע פון די דאָרף־געמיינדען, איז וואָס האָט שוין געקאָנט בלייבען דערפון נאָך אַזויפיעל קלעפּ? די רעגירונג האָט געקוקט אויפ'ן מער און די סינדיקס ווי אויף ניט־בעצאָהלטע טשינאָווניקעס, וועלכע פעררריכטען געוויסע פונקציעס פון דעם שטאַאַט־מעכאַניזם. אפילו איצטער, אונטער דער דריטער רעפּובליק, האָט דער דאָרף ניט קיין ברעקעל זעלבסטשטענדיגקייט, און קאָן ניט טהאָן די מינדסטע זאַך אָהן דער סאַנקציע פון כמעט דער גאַנצער רעגירונגס־מאַשין, ביז די פּרעפעקטען און די מיניסטעריומס. עס איז כמעט אונגלויבליך, אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אז ווען אַ פּויער וויל, למשל, אָבצאָהלען אין געלד פאר זיין טייל ארבייט ביים פעררריכטען דעם געמיינדע־וועג, אנשטאָט אָנצוהאַקען אליין די נויטיגע סומע שטיינער, מוזען ניט ווייניגער ווי צוועלף פערשיידענע שטאַאַט־בעאַמטע געבען דערויף זייער איינשטימונג, און זיי דאַרפען אָנשרייבען אַ סך־הכל פון צ ו ו י י און פ ו פ צ י ג דאָקומענטען, איידער דער פּויער בעקומט די ערלויבניש איינצוצאָהלען דאָס געלד אין דעם געמיינדע־ראַטה. אַלעס איבעריגע טראָגט דעמזעלביגען כאַראַקטער.1)

וואָס עס האָט פּאַסירט אין פראַנקרייך, האָט אויך פּאַסירט אומעטום אין מערב־ און מיטעל־אייראָפּאַ. אפילו די הויפּט דאַטען פון די גרויסע אָנגריפען אויף די פּויערימשע לענדערייען זיינען דיזעלביגע. בנוגע ענגלאַנד איז דער איינציגער חילוק, וואָס די בערויבונג איז אויסגעפיהרט געוואָרען ניט דורך אַלגעמיינע געזעצען, נאָר דורך בעזונדערע אַקטען — מיט ווייניגער איילעניש, אָבער דערפאַר פיעל גרינדליכער ווי אין פראַנקרייך. די בערויבונג פון די געמיינדע־לענדער דורך די לאָרדען האָט זיך אויך אָנגעהויבען אין 15טען י. ה., נאָך דער נידערלאַגע פון דעם פּויערימשען אויפ־

1) אָט די פּראָצעדורע איז אַזוי לעכערליך־נאַריש, אז קיינער וואָלט עס ניט געגלויבט, ווען אַ גאַנץ זאַכפערשטענדיגער שרייבער וואָלט ניט אויסגערעכענט אַלע צוויי און פופציג דאָקומענטען ביז איינעם, אין דעם „זשורנאַל דעס עקאָנאָמיסטס“ (1893 פאַר אַפּריל, ז. 94). דערזעלביגער מחבר גיט אויך אָן נאָך אייניגע אַזוינע ביישפּיעלען.

שטאנד אין יאהר 1380 — ווי מען קאָן עס זעהן פון ראָסום'עס „היסטאָריא" און פון הענרי דעם 7טען'ס א סטאטוט, אין וועלכע עס ווערט גערעדט וועגען די דאָזיגע ראבירונגען אונטער דעם קעפּיל: „פערברעכען און מעשים תעתועים, וואָס זיינען שעדליך.... דעם וואוילשטאנד פון כלל".1) שפּעטער, אונטער הענרי דעם 8טען, האָט זיך אנגעהויבען „די גרויסע אויספאָרשונג". ווי בעקאַנט, כדי צו מאַכען א סוף פון דעם אוועקרויבען די געמיינדע־לענדערייען; די אויספאָרשונג אבער האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס זי האָט סאנקציאָנירט דאָס וואָס איז שוין געשעהן.2) די געמיינדע־לענדערייען זיינען ווייטער אויך צוראבירט געוואָרען, און די פּויערים זיינען כסדר אוועקגעטריבען געוואָרען פון דער ערד. ספּעציעל אָבער זינט דעם מיטען פון 18טען י. ה. איז עס געוואָרען אין ענגלאנד און איבעראל א סיסטעמאטישע פּאָליטיק איינפאַך אויסצוראָטען יעדען שפּור פון קאָמונאַלען אייגענטום; און דער וואונדער איז ניט, וואָס דאָס קאָמונאַלע אייגענטום איז פערשוואונדען, נאָר וואָס עס האָט זיך נאָך געקאָנט אזוי ווייט אויפהאלטען אפילו אין ענגלאנד, אז „עס האָט איבעראל עקזיסטירט אין דער צייט פון די זיידעס פון'ם היינטיגען דור." 3) דער אמת'ער צוועק פון די „ענקלאָוזשור אקטס", ווי מר. סעעבאָהם האָט בעוויזען, איז געווען אָבצושאפען דאָס סיסטעם פון געמיינדע־אייגענטום, 4)

---

1) דר. אָטשענקאָווסקי, „ענגלאַנד'ס ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג אים אויסגאַנג דעם מיטעלאַלטערס" (יענא, 1879) ז. 35 א. וו., וואו די גאַנצע פראַגע ווערט בעהאַנדעלט מיט פולער קענטניס פון די אורקוועלען.

2) נאַססע, „איבער די מיטעלאַלטערליכע פעלדגעמיינשאַפט אונד די איינהעגונגען דעם 16טען יאהרהונדערטס אין עגלאַנד" (באָנן, 1869) ז. 4, 5; ווינאָגראַדאָוו, „ווילעינעידזש אין ענגלאַנד" (אָקספאָרד, 1892).

3) סעעבאָהם, „דהי ענגליש ווילעדזש קאָממיוניטי", 3טע אויפלאַגע, 1884, ז. 13—15.

4) „אַן אונטערזוכונג פון די פּרטים פון דעם „ענקלאָוזשור אַקט" בעווייזט אויף קלאָר, אַז דער צוועק פון דעם אקט איז געווען אָבצושאפען דאָס סיסטעם (פון קאָמונאַלען אייגענטום), ווי עס איז אויבען בעשריבען געוואָרען" (סעעבאָהם, דאָרט גופא, ז. 13). און ווייטער: „זיי זיינען געוועהנליך געווען געשריבען אין איין נוסח, אָנהויבענדיג מיט דער

און עס איז אַזוי גוט אָבגעשאַפט געוואָרען דורך די כמעט פיער טויזענד אַקטען, וואָס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען צווישען די יאָהרען 1760 און 1844, אַז איצטער זיינען נאָר פערבליבען פון זיי גאַנץ שוואַכע שפּורען. דאָס לאַנד פון די דאָרף־געמיינדען האָבען צוגענומען די לאָרדען, און דער פּאַרלאַמענט האָט סאַנקציאָנירט די עקספּראָפּריאַציע אין יעדען איינציגען פאַל. 1)

---

מעשה, אַז די אָפענע און געמיינשאַפטליכע פעלדער ליעגען צעשפּריוט אין קליינע שטיקער, אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע אין אונבעקוועמע פלעצער; אַז פערשיידענע פּערזאָנען בעזיצען טיילען פון די דאָזיגע פעלדער און האָבען געמיינשאַפטליכע רעכט אויף זיי... און עס איז וויגשענסווערטה, מען זאָל זיי צוטיילען און אַרומצאַמען, יעדער אייגענטימער זאָל קריגען אַ געוויסען בעשטימטען חלק" (ז. 14). פּאָרטער'ס רשימה ענטהאַלט 3867 אַזוינע אַקטען, פון וועלכע די גרעסטע צאָהלען פאַלען אויס אויף די צעהנדליגע יאָהרען פון 1780—1770 און 1820—1800, פּונקט ווי אין פראַנקרייך.

1) די „ענקלאָוזשור אַקטס" זיינען אַ שלאַגענדער ביישפּיעל פון דעם מוטהווילען פון דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען אין ענגלאַנד אונטער דעם שוץ פון פּאַרלאַמענט ביז'ן סוף פון 19טען י. ה. און האַלט נאָך אָן אפילו ביז היינטיגען טאָג. לויט אָט דעם אַקט קומט אויס, אַז אויב דער יורש פון די געוועזענע פעאָדאַלען, (אָדער דער וואָס האָט ביי זיי אָבגעקויפט דאָס רעכט), האָט אָבגעצוימט די פּריוועגמיינזאַמע ערד מיט אַ צוים — אויף עטליכע צעהנדליג מייל — זיינען זיי געוואָרען זיין אייגענטום, אין קראַפט פון דער פיקציע, וועלכע ווערט אונטערשטיצט פון די ענגלישע יוריסטען און פּראָפעסאָרען, אַז אויפ'ן געביעט, אויף וועלכער עס האָט זיך אַ מאָל אויסגעשפּריוט די ריכטערליכע מאַכט פון'ם פעאָדאַלען לאָרד, האָבען געהערט אַלע לענדערייען צו איהם — אַ פיקציע, וועלכע איז פאַלשטענדיג צעשמעטערט געוואָרען פון נאַססע און וויגאָגראַדאָוו, און פונדעסטוועגען בלייבט זי אָנערקענט פון די ענגלישע געזעצגעבער. די געמיינדע האָט אין אַזאַ פאַל געמוזט דערווייזען, אַז די אָבגעצוימטע ערד איז געווען איהר אייגענטום, וואָס זי האָט כמעט קיינמאָל ניט געקאָנט דערווייזען: 1סטענס, ווייל זי האָט דערויף ניט געהאַט קיינע דאָקומענטען, דען דאָקומענטען פלעגען געשריבען ווערען נאָר אויף פּערזענליכען אייגענטום. (עס איז בעקאַנט,

אין דייטשלאנד, אין עסטרייך, אין בעלגיען איז די דארף־געמיינדע אויך פערניכטעט געווארען פון דעם שטאאט. ביישפיעלען פון געמיינאייגענטימער, וואס האבען אליין צוטיילט צווישען זיך די געמיינדע־לענדערייען, זיינען געווען זעהר זעלטען; 1) פערקעהרט אבער געפינט מען אומעטום ווי די שטאאטען האבען זיי געצוואונגען פארצונעהמען די צוטיילונג, אדער האבען פשוט געהאלפען דער פריוואטער עקספראפריאציע פון זייערע לענדערייען. דער לעצטער קלאפ פאר דעם קאמונאלען אייגענטום אין מיטעל־אייראפא דאטירט אויך פון מיטען דעם 18טען יאהרהונדערט. אין עסטרייך האט די רעגירונג פראסט אנגעווענדט געוואלט, אין יאהר 1768, צו צווינגען די געמיינדען צו צוטיילען זייערע לענדערייען, — און צוויי יאהר שפעטער איז בעשטימט געווארען א ספעציעלע קאמיסיע פאר דעם צוועק. אין פרייסען האט פריעדריך דער צווייטער בע־פוילען די „יוסטיצקאלעגיען" אין זיינע אוקאזען (אין די יאהרען 1752, 1763, 1765 און 1769) צו צווינגען די צוטיילונג. אין שלעזיען איז פאר דעם צוועק ארויסגעלאזט געווארען א ספעציעלער בעפעהל אין יאהר 1771. דאס אייגענע איז פארגעקומען אין בעל־גיען, און אזוי ווי די קאמונעס האבען דעם בעפעהל ניט געפאלגט,

אז אויך אין רוסלאנד האבען די פויערים געקראגען פארמאלנע דאקו־מענטען אויף דער אבשצינא־ערד ערשט נאך דעם יאהר 1861); און 2טענס דערפאר, וואס יעדער משפט פאר'ן ענגלישען געריכט, אויב ער דארף נאר אריבערגעהן פאר א העכערן געריכט, קאסט אב געוואלדיגע סומען — ביז עטליכע טויזענד דאלאר. אין דערזעלבער צייט האט דער פארלאמענט ארויסגעגעבען, אין קראפט פון דעם „ענקלאזושור אקט", מעהר ווי 4000 בעזונדערע דאקומענטען, וואס בעשטעטיגען דאס רעכט פון פריוואטליכען אייגענטום אויף די גרעסטע שטיקער קהל'שע ערד פאר די פאמיליען פון די לארדען אדער די שפעטיגערע בעזיצער, וואס האבען אבגעקויפט די גיטער פון די געבוירענע לארדען. און דער פארלאמענט האלט נאך אלץ אין איין ארויסגעבען אזעלכע אקטען ביז אויף היינטיגען טאג.

1) אין דער שווייץ קאן מען זעהן איניגע געמיינדען, וועלכע זוכען איצטער אויפצוקויפען צוריק די ערד, וואס זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פערקויפען בעת זיי זיינען רואינירט געווארען דורך די מלחמות.

איז אין יאָהר 1847 דורכגעפיהרט געוואָרען א געזעץ, וואָס בעמעכ־טיגט די רעגירונג איינצוקויפען די קאָמונאַלע לאַנקעס, כדי זיי ווידער צו פערקויפען אין איינצעלנעם, און צו בעשטימען א צוואַנג־פערקויף פון די קאָמונאַלע לענדער, ווען עס האָט זיך נאָר געמאכט א קונה. 1)

קורץ, רעדען וועגען דעם נאַטירליכען טויט פון די דאָרף־געמיינדען צוליעב עקאָנאָמישע געזעצען איז פונקט אזא ביטערער שפאָס, ווי ווען מען זאָל רעדען וועגען דעם נאַטירליכען טויט פון די סאָלדאַטען, וואָס ווערען אויסגעלעגט אויף'ן שלאַכטפעלד. די פאַקטישע זייט פון דער זאַך איז פשוט: די דאָרף־געמיינדען האָבען געלעבט איבער טויזענד יאָהר; און וואו נאָר די פּויערים זיינען ניט רואינירט געוואָרען דורך מלחמות און אָבצאָהלונגען, האָבען זיי ביסלעכווייז פערבעסערט די מעטאָדען פון בעארבייטען די ערד. אָבער אזוי ווי דער ווערטה פון דער ערד האָט זיך פערגרעסערט מחמת דעם וואוקס פון די אינדוסטריען, און דער אדעל האָט אונטער דער שטאַאט־אָרגאַניזאַציע בעקומען אזא מאכט, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהאט אונטער דעם פעאָדאַלען סיסטעם, האָט ער צוגענומען די בעסטע טיילען פון די קאָמונאַלע לענדערייען, און האָט אוועקגעלעגט אַלע זיינע כחות צו פערניכטען די קאָמונאַלע אינסטיטוציעס.

די אינסטיטוציעס אָבער פון דער דאָרף־געמיינדע פערענטפערן אזוי גוט די נויטען און פאסען אזוי צו די בעגריפען פון די ערד־ארבייטער, אז טראָץ אַלעם דעם איז אייראָפּא בעדעקט ביז אויף היינטיגען טאָג מיט ל ע ב ע ד י ג ע איבערבלייבונגען פון די דאָרף־געמיינדען, און דאָס דאָרפישע לעבען איז פול מיט די מנהגים און געוועהנהייטען, וואָס נעהמען זיך פון דער געמיינדע־פעריאָדע. אפילו אין ענגלאַנד, טראָץ די אַלע שטרענגע מיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אנטקעגען דער אַלטער אָרדנונג, האָט מען נאָך געקאָנט געפינען די דאָזיגע מנהגים אפילו אזוי שפּעט ווי אין אָנ־

---

1) א. בוכענבערגער „אַגראַרוועזען אונד אַגראַרפּאָליטיק“ אין א. וואַגנער'ס „האַנדבוך דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע“, 1893, באַנד I, ז. 280 און ווייטער.

הויב 19טען יאָהרהונדערט. מר. גאָממע — איינער פון די זעהר ווייניגע ענגלישע געלעהרטע, וועלכע האָבען אויפמערקזאַם שטודירט דעם ענין — בעווייזט אין זיין ווערק, אַז אין שאָטלאַנד געפינען זיך פיעלע שפּורען פון דעם געמיין־בעזיץ פון דער ערד: די „רונריג טענאַנסי“, ד. ה. דער סיסטעם, לויט וועלכען דער פרעמדער בעזיצט חלקים אין פיעלע פעלדער (די רעכט פון דעם געמיינדע־מיטגליעד זיינען איבערגעגאַנגען צום פערמער), איז פערבליבען אין פּאַרפּאַרשייר ביז דעם יאָהר 1813, און אין געוויסע דערפער פון אינווערנעס איז ביז דעם יאָהר 1801 נאָך געווען אַ מנהג אויפצואַקערן די ערד פאַר דער גאַנצער געמיינדע, ניט לאָזענדיג קיינע אָבגרעניצונגען, און דערנאָך פערטיילען עס על פּי גורל צו אַלעמען. אין קילמאָריע איז די פערטיילונג און איבערטיילונג פון די פעלדער געווען אין פולער קראַפט „ביז די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר“, זאָגט גאָממע, און די קראָפטער'ס־קאָמיסיע פון די 80יגער יאָהרען האָט עס נאָך געפונען אין קראַפט אויף אייניגע אינזלען. 1) אין אירלאַנד האָט דאָס סיסטעם געהערשט ביז'ן גרויסען הונגער; און וואָס געהערט ענגלאַנד, לאָזען מאַרשאַל'ס ווערק, וועלכע זיינען געבליבען אונבעמערקט ביז נאַססע און סער הענרי מעין האָבען געמאַכט אויפמערקזאַם אויף דעם, קיין צווייפעל ניט איבער, אַז דאָס סיסטעם פון דער דאָרף־געמיינדע איז געווען ווייט פערשפּרייט אין אָנהויב 19טען י. ה. כמעט אין אַלע ענגלישע גראַפשאַפטען. 2) ניט

1) ג. ל. גאָממע, „דהי ווילעדזש קאָממיוניטי, וויטה ספּעשעל רעפערענס טו איטס אָרידזשין אנד פאָרמס אָוו סורווייוועל אין גרייט בריטיין“ (קאָנטעמפּאָרארי סייענס סיריעס) לאָנדאָן 1890, ז. 3-141; אויך זיין „פּרימיטיוו פאָלקמאָטס“, (לאָנדאָן 1880) ז. 98 א. וו.

2) „כמעט אין אַלע טיילען פון לאַנד, דערהויפּט אין די מיטעלסטע און מזרח־„קאַונטיעס“, אָבער אויך אין מערב — אין ווילשייר, צ. ב. ש. — אין דרום, ווי אין סורריי, אין צפון, ווי אין יאָרקשייר — געפינען זיך גאַנץ גרויסע, אָפענע און געמיינשאַפטליכע פעלדער. פון 316 קירכען־בעצירקען אין נאָרטהאַמפּטאָנשייר זיינען 89 אין אַזאַ צושטאַנד; מעהר ווי הונדערט אין אָקספאָרדשייר; אַן ערך פופציג טויזענד אַקער אין וואַרוויקשייר; אין בערקשייר אַ האַלבע „קאַונטי“; מעהר ווי אַ העלפט אין ווילשייר; אין האָנטינגדאָנשייר איז פון דעם גאַנצען געביעט

מעהר ווי צוואנציג יאָהר צוריק איז סער הענרי מעין געווען „אויסער־געוועהנליך איבערראַשט פון דער צאָהל פעלען פון אוננאָרמאַלע אייגענטום־רעכט, וועלכע זעצען אונבעדינגט פאָראויס א פריהער־דיגען צושטאַנד פון קאָלעקטיווען אייגענטום און געמיינזאַמע בע־ארבייטונג“; און דאָס האָט ער ארויסגעטראָגען פון א לפי ערך קורצער פאָרשונג. 1) און אזוי ווי עס זיינען נאָך געווען קאָמונאַלע אינסטיטוציעס ביז גאָר ניט לאַנג צוריק, איז גאָר קיין ספק ניט, אז מען וואָלט געקאָנט געפינען אין די ענגלישע דערפער א גרויסע צאָהל מנהגים און פיהרונגען פון געגענזייטיגער הילף, ווען די ענגלישע געלעהרטע וואָלטען נאָר געשאָנקען אויפמערקזאַמקייט אויפ'ן דאָרפישען לעבען. 2)

וואָס געהערט דעם קאָנטינענט פון אייראָפּא, געפינען מיר א סך געמיינדע־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבען עד היום אויפגעהאַלטען זייער לעבענסקראַפט, אין פיעל טיילען פון פראַנקרייך, דער שווייץ, דייטשלאַנד, איטאַליע, די סקאַנדינאַווישע לענדער און שפּאַניען — ניט צו רעדען שוין פון מזרח אייראָפּא. דאָס דאָרפישע לעבען אין אָט די לענדער איז פול מיט קאָמונאַלע פיהרונגען און מנהגים, און די קאָנטינענטאַלע ליטעראַטור ווערט כמעט יעדען יאָהר רייכער

---

פון 240,000 אַקער, 130,000 אַקער געמיינשאַפטליכע לאַנקעס, פלעצער צום פיטערען פיה און פעלדער“. (מאַרשאַל, ציטירט אין סער הענרי מעין'ס „ווילעדזש קאָממוניטיעס“ אין די איסט ענד וועסט“, ניו יאָרק, אויס־גאַבע, 1876, ז. 89, 88). מאַרשאַל איז געווען א לאַנד־אַגענט, וועלכער איז אַרומגעפאָהרען גאַנץ ענגלאַנד און האָט צונויפגעשטעלט פאַר די לענדלאָרדס א בעשרייבונג פון דאָס, וואָס מען וואָלט געקאָנט אַרויסקריגען פון די דאָזיגע געמיינשאַפטליכע לענדערייען, אויב מען זאָל זיי אָבצוימען און דערקלערען אַלס אייגענע.

1) דאָרט, ז. 88; זעה אויך די 5טע לעקציע. דער גרויסער שטח פון „קאָממאָנס“ אפילו ביי היינטיגען טאָג איז גוט בעקאַנט.

2) דורכקוקענדיג אַ היבשע צאָהל ווערק בנוגע דעם ענגלישען דאָרפסלעבען, האָב איך אָפט געפונען אין זיי אויסגעצייכענטע בעשריי־בונגען פון די דאָרפישע לאַנדשאַפטען א. ד. ג. איך האָב אָבער כמעט קיינמאָל ניט געטראָפען קיין בעשרייבונג פונ'ם אַלטעגליכען לעבען און די מנהגים פון דער אַרבייטענדער בעפעלקערונג.

מיט ערנסטע ווערק, וואָס גיבען זיך אָב מיט אַט דעם ענין און אַנדערע פראַגען, וואָס האָבען א שיכות דערצו. איך מוז דעריבער, אויסקלייבענדיגביישפּיעלען, זיך בעשרענקען אויף אַזוינע, וואָס זיינען העכסט טיפּישע. די שווייץ איז אָהן צווייפעל איינער פון די העכסטע טיפּישע ביישפּיעלען. ניט נאָר די פינף רעפּובליקען — אורי, שוויץ, אַפּפּענצעל, גלאַרוס און אונטערוואַלדען — האַלטען היבשע טיילען פון זייערע לענדער אַלס אונגעטיילטע בעזיצונגען און ווערען רעגיערט פון זייערע פאָלקס־פערזאַמלונגען, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע קאַנטאָנען זיינען די דאָרפגעמיינדען געבליבען ביי זייער ברייטער זעלבסט־רעגירונג, און בעזיצען געמיינשאַפטליך גרויסע טיילען פון דער פעדעראַלער טעריטאָריע. 1) צוויי דריטעל פון אַלע אַלפּען־לאָנקעס און צוויי דריטעל פון אַלע שווייצערישע וועלדער זיינען נאָך עד היום קאָמונאַל־לאַנד; און א היבשע צאָהל פעלדער, סעדער, וויינגערטנער, טאָרף־לאַנד, שטיינברעכערייען א. ד. ג. ווערען געהאַלטען געמיינשאַפטליך. אין וואַאדטלאַנד, וואו אַלע פאַמיליען־פאָטערס בעטייליגען זיך נאָך אין די בעראַטונגען פון זייערע ערוועהלטע קאָמונאַל־ראַטהען, איז דער קאָמונאַלער גייסט בעזונדערס לעבעדיג. סוף ווינטער קלייבען זיך צונויף אַלע יונגע מענער פון איינִיגע דערפער און געהען אַוועק אויף עטליכע טעג אין די וועלדער אויסצוהאַקען בוימער און אַרונטערלאָזען זיי גליטשענדיג אַראָב־באַרג, און דאַן ווערט דאָס גאַנצע געהילץ פער־טיילט צווישען אַלע פאַמיליעס, אָדער עס ווערט פערקויפט פון זייערטוועגען. אַט די עקסקורסעס זיינען אמת'ע יום טובים פון

1) די פּויערים פון די פלאַך־לענדער אין דער שווייץ זיינען אויך אַרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון אַדעל, און די הערען האָבען אַוועקגערויבט גרויסע טיילען פון זייערע ערד, אין 16טען און 17טען י. ה. (זעה צ. ב. ש. מיאַסקאָווסקי אין שמאָללערס „פאָרשונגען", באַנד II, 1278, ז. 12 א. וו.) אָבער דער שווייצאַרישער בויערן־קריעג האָט זיך ניט געענדיגט מיט אַזאַ פערניכטענדער ניעדערלאַגע פון די פּויערים, ווי אין אַנדערע לענדער, און אַ גרויסער טייל פון די געמיינדע־רעכט און קאָמונאַלע לענדער זיינען געבליבען גאַנץ. די זעלבסט־רעגירונג פון די געמיינדען איז פאַקטיש דער אמת'ער גרונד פון דער שווייצערישער פריהייט.

מענליכער ארבייט. אויף די ברעגעס פון דער זשענעווא־אזערע ווערט א טייל פון דער ארבייט, וואס פאדערט זיך כדי צו האלטען די טערראסען פון די וויינגערטנער אין ארדנונג, עד היום געטהאן געמיינשאפטליך. אין פריהלינג, ווען דער טערמאמעטער האלט, אין דער פריה איידער די זון געהט אויף, ביים ארונטערפאלען נידעריגער ווי נול, און דאס פרעסטיל קאן פערדארבען די וויינ־שטאקען, וועקט דער וועכטער אויף אלע בעלי בתים, וועלכע שלעפען צונויף שטרוי און מיסט און מאכען א פייער, כדי איינצוהילען די וויינשטאקען אין וואלקענס רויך און אויף דעם אופן זיי פערהיטען פון פראסט. כמעט אין אלע קאנטאנען האבען די דארפסגעמיינדען די אזוי גערופענע „בירגער־נוטצען", ד. ה. זיי האלטען געמיינ־שאפטליך א געוויסע צאהל קיה, כדי צו בעזארגען יעדער פאמיליע מיט פוטער, אדער זיי האלטען געמיינזאמע פעלדער אדער וויינ־גערטנער, און די פראדוקטען ווערען פערטיילט גלייך צווישען אלע בירגער; אדער זיי גיבען אב זייער ערד אין ארענדע צום נוצען פון דער גאנצער געמיינדע. 1)

מען מעג עס אננעהמען אלס א כלל, אז דארט וואו די געמיינדען זיינען געבליבען ביי א ברייטען געביעט פון טהעטיגקייט, אזוי אז זיי זיינען געווען לעבעדיגע גליעדער פון דעם פאלקס־ארגאניזם, און וואו זיי זיינען ניט ארונטערגעבראכט געווארען ביז צו פאלשטענ־דיגער פעראָרעמונג, דארט האבען זיי אלעמאל געגעבען זייערע פעל־דער די בעסטע אויפפאסונג. דעריבער געפינט מען טאקע אזא גרויסען קאנטראסט צווישען די געמיינדע־בעזיצונגען אין דער שווייץ און דעם עלענדען צושטאנד פון די „קאממאנס" אין ענגלאנד. די געמיינדע־וועלדער אין וואאדטלאנד און וואלליס ווערען אויסגע־צייכענט גוט געהאלטען, לויט די רעגעלן פון דער מאדערנער וואלד־וויסענשאפט. אין אנדערע ערטער זיינען די „פאסען" פון די גע־מיינדע־פעלדער, וועלכע בייטען זייערע אייגענטימער אונטער דעם סיסטעם פון איבערטיילונג על פי גורל, זעהר גוט געמיסטיגט, דער־

1) מיאסקאווסקי אין שמאללער'ס „פארשונגען", באנד II, 1879, ז. 15; אויך די ארטיקלען „דאמאנען" און „אלמענד" אין „האנד־ווערטערבוך דער שווייצערישען לאנדווירטהשאפט" פון דר. רייכסבערג, בערן, 1903.

הויפט וואו עס זיינען פאראן געגוג לאנקעס און פיה. די הויכע לאנקעס זיינען בדרך כלל גוט געהאלטען, און די וועגען אויפ׳ן לאנד זיינען אין אן אויסגעצייכענטען צושטאנד. און ווען מיר בעוואונדערן דאס שווייצערישע „שאלע“, דעם בארג־וועג, די פויערימישע פיה, די טערראסען פון די וויינגערטנער, אדער דאס שוהל־הויז פון דער שווייץ, מוזען מיר געדענקען, אז ווען ניט די געמיינדע־וועלדער וואו מען נעהמט דעם בוי־האלץ פאר דעם „שאלע“, ווען ניט די קאמור־נאלע שטיין־האקערייען, וואו מען נעהמט די שטיינער, ווען די קיה וואלטען זיך ניט געפיטערט אויף די קאמונאלע לאנקעס, און ווען די וועגען וואלטען ניט געווען געמאכט און די שוהל־הייזער געבויט דורך קאמונאלע ארבייט, וואלט געווען זעהר ווענינ וואס צו בעוואונ־דערן. 1) געוויס האט די געמיינדע אין דער שווייץ, ווי אומעטום, פערלארען א סך פון איהרע רעכט און פונקציעס, און די „קאר־פאראציע“, וועלכע איז צונויפגעשטעלט געווארען פון א קליינער צאהל אלטע פאמיליעס, האט פערנומען דעם פלאץ פון דער פריהער־דיגער דארף־געמיינדע, צו וועלכער אלע האבען אנגעהערט. דאך אבער, וויפיעל עס איז געבליבען, איז געבליבען, לויט דער מיינונג פון ערנסטע פארשער, ביי זיין גאנצער לעבענס־קראפט. 2)

עס איז כמעט איבעריג צו דערצעהלען, אז אין די שווייצערישע דערפער האט זיך אויפגעהאלטען ביז אויף היינטיגען טאג א גרויסע צאהל פיהרונגען און מנהגים פון גענענזייטיגער הילף. די אבענד־פערזאמלונגען צו שעהלען די וואל־ניס, וואס קומט פאר נאך דער רייה אין יעדען הויז; די אבענד־געזעלשאפטען צו נעהען דאס אויס־שטייער פון א כלה־מיידעל; דער איינפיהר צו רופען „העלפער“

1) זעה וועגען דעם ענין א רייה ווערק, וואס ווערט דערמאנט אין איינעם פון די פארטרעפליכע און גדאנקען־רייכע קאפיטלען, וועלכע ק. ביכער האט געשריבען צו דער דייטשער איבערזעצונג פון לאוועלעי׳ס „פרימיטיוועס אייגענטום“. זעה אויך מעיטצען „דאס אגראר אונד פארסט־וועזען, דיע אללמענדען אונד דיע לאנדגעמיינדען דער דויטשען שווייץ“ אין „יאהרבוך פיר שטאאטס־וויסענשאפט“, 1880, באנד IV (אונטערזוכונגען דער ארבייט מיאסקאווסקי׳ס) ; א׳בריען, „גאוטס אין א סוויס ווילעדזש“ אין „מאקמילאן׳ס מאגאזין“ פאר אקטאבער, 1885.

2) זעה אנהאנג XVII

בעת'ן בויען א הויז און ביים אריינברענגען די תבואה פון פעלד, ווי אויך פאר אלערליי ארבייט, וואס איינער פון דער געמיינדע קאן דארפען; דער מנהג צו בייטען זיך מיט די קינדער פון איין קאנטאן אין דעם אנדערן, כדי זיי זאלען זיך אויסלערנען צוויי שפראכען, פראנצויזיש און דייטש, און אזוי ווייטער — זיינען אלץ גאנץ געוועהנליכע זאכען. 1) פון דער אנדערער זייט ווידער, זעהען מיר, ווי פערשיידענע מאדערנע פאדערונגען ווערען אויך פערענטפערט אין דעמזעלבען גייסט. אין גלארוס, צ. ב. ש., איז דער גרעסטער טייל פון די אלפען־לאנקעס אויספערקויפט געווארען אין אן עת צרה; די געמיינדען אבער קויפען אויף פעלד־לאנד נאך היינטיגע צייטען, און נאכדעם ווי די ניי־געקויפטע פעלדער זיינען געוועזן אין בעזיץ פון בעזונדערע געמיינדע־מיטגליעדער צעהן, צוואנציג אדער אין געוויסע פעלען דרייסיג יאהר, קעהרען זיי זיך אום צוריק אין געמיינשאפטליכען בעזיץ, און עס ווערט איבערגעטיילט לויט די בעדערפעניסען פון אלע מיטגליעדער. עס געפינען זיך אויך א גרויסע צאהל קליינע אסאציאציעס, וואס פראדוצירען, ווען אפילו גאר אין א קליינעם מאסשטאב, נויטיגע שפייז־פראדוקטען, ווי ברויט, קעז און וויין. אגריקולטור־קאאפעראטיווען זיינען אין דער שווייץ פיעל פערשפרייט. אסאציאציעס פון צעהן ביז דרייסיג פויערים, וועלכע קויפען געמיינשאפטליך לאנקעס און פעלדער און בעארבייטען זיי בשותפות, זיינען פון די געוועהנליכע פאסירונגען; און מילכיגס־פעראיינען, צו פערקויפען מילך, פוטער און קעז, ארגאניזירען זיך אומעטום. די שווייץ איז פאקטיש געוועזן דאס געבורט־לאנד פון אט דעם סארט קאאפעראטיווען. זי גיט אונז אויסער דעם א גוטע געלעגענהייט צו שטודירען אלערליי סארטען גרויסע און קליינע פעראיינען, וואס ווערען ארגאניזירט פאר דער בעפרידיגונג פון אלע מעגליכע היינטיגע בעדערפעניסען. אין געוויסע טיילען פון דער שווייץ קען מען געפינען אין יעדען דארף איינינגע פעראיינען — צו בעשיצען זיך פון שריפות, צו שיפען זיך אין לאדקעס, צו אויפהאלטען די לאדונגס־בריקען אויף די ברעגעס

---

1) די חתונה־מתנות, וועלכע זיינען אפט א גאנץ־בעדייטענדע שטיצע פאר דעם יונגען פאר פאלק, דא אין ענגלאנד, זיינען, ווי עס שיינט, אן איבערבלייב פון די קאמונאלע זיטען.

פון אן אזוערע, צו בעזארגען זיך מיט וואסער, און אז. וו.; אויפ'ן לאנד ווידער געפינט מען אלערליי פעראיינען פון בויגען־שיסער, שארף־שיסער, טאפאגראפען, אויספארשער פון פוס־וועגען, א. ד. ג. וועלכע נעהמען זיך פון די פאדערונגען פון דעם מאדערנעם מילי־טאריזם.

די שווייץ איז אבער בשום אופן ניט קיין אויסנאהם אין איירארא, ווארים מען קען געפינען דיזעלביגע אינסטיטוציעס און איינפיהרונגען אין די דערפער פון פראנקרייך, איטאליע, דייטש־לאנד, דענעמארק, א. אז. וו. מיר האבען פריהער געזעהן, וואס די הערשער פון פראנקרייך האבען געטהאן, כדי צו פערניכטען די דארף־געמיינדע און אוועקנעהמען איהרע לענדערייען; אבער ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם, בלייבט נאך אלץ איין צעהנטיל פון דער גאנצער אקער־פעהיגער ערד, ד. ה. אן ערך דרייצעהן און א האלב מיליאן אקער, ווי אויך א העלפט פון אלע נאטירליכע לאנקעס און כמעט א פינפטעל פון אלע וועלדער פון לאנד, אין קאמונאלען בעזיץ. די וועלדער בעזארגען די געמיינדע־מיטגליעדער מיט ברענ־האלץ, און דאס בוי־האלץ ווערט געהאקט דאס רוב דורך קאמונאלע ארבייט, רעגעלמעסיג ווי עס דארף צו זיין; די פיטער־פעלדער זיינען פריי פאר די פיה פון די מיטגליעדער פון דער געמיינדע, און די איבעריגע געמיינדע־פעלדער ווערען פערטיילט און איבערגע־טיילט, אין געוויסע טיילען פון פראנקרייך — דערהויפט אין די ארדענען — אויף דעם געוועהנליכען אופן. 1)

אט די עקסטרא מיטלען, וועלכע העלפען די ארעמערע פויערים דורכצוקומען א ניט־געראטענעם יאהר און ניט צו מוזען פערקויפען זייערע שטיקלעך ערד, אדער אריינפאלען אין חובות, פון וועלכע זיי וואלטען ניט קאנען פטור ווערען, זיינען געווים זעהר וויכטיג פאר די פעלד־ארבייטער און פאר די כמעט דריי מיליאן קליינע בעלי בתים־פויערים. עס איז אפילו א ספק צי דער קליינער פויער־

---

1) די קאמונעס בעזיצען 4,544,100 אקער וואלד פון א סך הכל פון 24,813,000 אקער אין גאנצען לאנד, און 300, 6,936 אקער נאטיר־ליכע לאנקעס פון א סך הכל פון 11,394,000 אקער אין גאנץ פראנקרייך. די איבעריגע צוויי מיליאן אקער זיינען פערנומען מיט פעלדער, גערטנער א. אז. וו.

שטאנד וואָלט זיך איבערהויפּט געקאָנט האַלטען אָהן די דאָזיגע עקסטראַ קוועלען. און ווי קליין דער געמיינדע־בעזיץ זאָל ניט זיין, איז אָבער זיין מאָראַלישע בעדייטונג נאָך וויכטיגער איידער זיין עקאָנאָמישער ווערטה. ער האַלט אויף אין דאָרפישען לעבען אַ קערן פון מנהגים און געוועהנהייטען פון גענגענזייטיגער הילף, וואָס דיענט בלי ספק ווי אַ מיטעל אָבצוהאַלטען די ענטוויקלונג פון אַן ענגען אינדיווידואַליזם און גייציגקייט, וועלכע דער קליינער לאַנד־בעזיץ איז אַזוי עלול אַרויסצוברייננגען. די גענגענזייטיגע הילף אין אַלע מעגליכע אומשטענדען פון דאָרפישען לעבען איז אַ טייל פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען אין אַלע טיילען פון לאַנד. אומעטום טרעפען מיר אונטער פערשיידענע נעמען די „שאַרואַ“, ד. ה. די פרייע הילף פון די שכנים ביים אריינגעהמען די תבואה פון פעלד, ביים קלייבען די ווינטרויבען, ביים בויען אַ הויז א. ד. ג. אומעטום געפינען מיר דיזעלביגע אָבענד־פערזאַמלונגען ווי די וואָס מיר האָבען אויבען געזעהן אין דער שווייץ, און אומעטום פעראייניגען זיך די געמיינדע־מענשען פאַר אַלערליי סאָרטען ארבייט. כמעט אַלע, וואָס האָבען געשריבען וועגען דעם פראַנצויזישען דאָרף־לעבען, דערמאָנען די דאָזיגע געוועהנהייטען. נאָר אפשר וועט זיין דאָס בעסטע איך זאָל דאָ ברייננגען אייניגע אויסשניטען פון בריעף, וואָס איך האָב בעקומען פון מיינעם אַ פריינד וועמען איך האָב געבעטען מיר מיטטיילען זיינע בעאָבאַכטונגען וועגען דעם ענין. די בריעף קומען פון אַן עלטערן מענשען, וועלכער איז אַ צייט מיט יאָהרען געוועזען דער מער פון זיין קאָמונע אין דרום־פראַנקרייך (אין דער פּאַרטאַמענט אריעזש); די פאַקטען, וועלכע ער דערמאָנט, זיינען איהם בעקאַנט פון פערזענליכער בעאָבאַכטונג פאַר פיעלע יאָהרען, און זיי האָבען נאָך די מעלה, וואָס זיי קומען פון איין נאַכבאַרשאַפט, ניט דורכגעזיפּטע ברעקלעך פון אַ גרויסען געגענד. אייניגע פונקטען קאָנען פאַרקומען קליינליך, אינגאַנצען אָבער גיבען זיי אַ בילד פון אַ גאַנץ היבש קליין וועלטיל פון דאָרפישען לעבען.

„אין אייניגע קאָמונעס אין אונזער נאַכבאַרשאַפט“, שרייבט מיר מיין פריינד, „האַלט זיך דער אַלטער מנהג פון „עמפּרון“ אין פולער קראַפט. ווען מען דאַרף אויף אַ פאַרם שנעל האָבען אַ סך הענד — אויסצוגראָבען קאַרטאָפעל אָדער קאָסען היי — רופט מען צוזאַמען די יונגוואַרג פון דער נאַכבאַרשאַפט; עס קומען אַן אַ סך

בחורים און מיידלעך, טהוען אָב די אַרבייט שפּיעלענדיג און פּאָר אומזיסט, און אין אבענד, נאָך אַ פּרעהליכער וועטשערע, נעהמט מען זיך טאַנצען.״

„אין דיזעלביגע קאָמונעס, ווען אַ מיידעל דאַרף חתונה האָבען, קומען די מיידלעך פון דער נאַכבאַרשאַפט איהר העלפען נעהען דאָס אויסשטייער. אין איינינע קאָמונעס שפּיענען נאָך די ווייבער עד היום זעהר פיעל. ווען עס קומט צום אָבדרעהען די פּאָדים, ווערען צונויפגערופען אלע פריינד, און די גאַנצע אַרבייט ווערט אָבגעטהאָן אין איין אָבענד. אין פיעלע קאָמונעס פון אַריעזש און אַנדערע טיילען פון דרום־מערב קומען זיך אַלע שכנים צוזאַמען העלפען אויסלושצען די קוקורוזע. מען טראַקטירט זיי מיט קאַשטאַנען־ניס און וויין, און די יונגע לייט געהען טאַנצען נאָך דער אַרבייט. דער זעלבער מנהג פיהרט זיך אויך ביים מאַכען נוס־אויל און שטויסען קאָנאָפּליעס. אין דער קאָמונע ל. קומט פאָר דיזעלביגע זאַך בעת׳ן אַריינפיהרען די תבואה. אָט די טעג פון שווערער אַרבייט ווערען פעסט־טעג, וואָרים דער בעל־הבית בעטראַכט עס פאַר אַ כבוד צו טראַקטירען די פריווויליגע אַרבייטער מיט אַ גוטען מאָהלצייט. קיין געצאָהלט ווערט פאַר דער אַרבייט ניט געגעבען: אַלע טהוען דאָס איינער פאַר דעם אַנדערן.״ 1)

„אין דער קאָמונע ס. ווערט אַלע יאָהר פערגרעסערט דער שטח פון די געמיינשאַפטליכע פיטער־פעלדער, אַזוי אַז כמעט דאָס גאַנצע לאַנד פון דער קאָמונע ווערט איצט געהאַלטען געמיינשאַפטליך. די פאַסטיכער ווערען ערוועהלט פון אַלע אייגענטימער פון פיה; די פרויען וועהלען אויך. די אָקסען געהערן צו דער געמיינדע.״

„אין דער קאָמונע מ. ווערען צונויפגעקליבען אינאיינעם אַלע קליינע סטאַדעס שעפּסען, פון 40 ביז 50 שטיק אין יעדערער, וואָס געהערן צו די געמיינדע־מיטגליעדער, און איינגעטיילט אין דריי אָדער פיער סטאַדעס, איידער מען שיקט זיי אַוועק זיך פיטערן אין

1) אויף קאַווקאַז, ביי די גרוזינער, מאַכען זיי עס נאָך בעסער. אַזוי ווי דער מאָהלצייט איז אַ גרויסע הוצאה, און אַן אָרימאַן איז ניט בכח זיך צו לאָזען קאָסטען, ברייגגען דיזעלביגע שכנים, וואָס קומען העלפען צו דער אַרבייט, אַ שעפּס אויף דער סעודה.

די העכערע לאָנקעס. יעדער אייגענטימער געהט אַ וואָך צייט פיטערן די שעפּסען אַלס פּאַסטוך."

„אין דאָרף ס. האָבען עטליכע בעלי בתים געקויפט בשותפות אַ דרעש־מאַשין, און אַלע פאַמיליעס אינאיינעם שטעלען צוזאַמען די פּופּצעהן ביז צוואַנציג מענשען, וואָס פּאָדערן זיך צו אַרבייטען אויף דער מאַשין. נאָך דריי דרעש־מאַשינען זיינען פאַראַן, וואָס זייערע אייגענטימער פערדינגען צו די וואָס דאַרפען זיי, אָבער די אַרבייט ווערט געטהאָן אויף זיי דורך זייטיגע העלפער, וועלכע ווערען איינגעלאַדען אויפ'ן געוועהנליכען אופן."

„אין אונזער געמיינדע ר. האָבען מיר געדאַרפט מויערן אַ וואַנט אַרום בית עולם. אַ העלפט געלד אויף צו קויפען קאַלך און בעצאָהלען די געלערנטע אַרבייטער האָט געגעבען דער בעצירק־ראַטה, און די אַנדערע העלפט האָט מען צונויפגעקליבען פון פריי־ווילינע בייטרעגע. די אַרבייט צו טראָגען זאַמד און וואַסער, מאַכען וואַפּנע און דערלאַנגען די מויערער צום האַנד, איז אינגאַנצען גע־טהאָן געוואָרען פון פריייווילינע, (פּונקט ווי עס טהוט זיך אין דער דיעמאַא פון די קאַבילען). די לאַנד־וועגען זיינען פערריכט גע־וואָרען אויפ'ן זעלביגען אופן, דורך פריייווילינע טעג אַרבייט, וואָס אַלע געמיינדע־מענשען האָבען געגעבען פאַר דעם. אַנדערע קאָ־מונעס האָבען אויפ'ן זעלביגען אופן געבויט זייערע ברינימער. דער ווייִן־פּרעס און אַנדערע קלענערע מכשירים געהערען אָפטמאָל צו דער גאַנצער קאָמונע".

צוויי איינוואוינער פון דערזעלביגער נאַכבאַרשאַפט, וועמען מיין פריינד האָט געשטעלט אייניגע פראַגען, זיינען מוסיף די ווייטערדיגע פּרטים: —

„אין אָ. איז מיט עטליכע יאָהר צוריק ניט געווען קיין מיהל. האָט די געמיינדע אויסגעבויט אַ מיהל, אַרויפלעגענדיג אַ שטייער אויף די מיטגליעדער. וועגען דעם מילנער האָט מען בעשלאָסען, כדי אויסצומיידען בעטרוג און פּאַרטייליכקייט, מען זאָל איהם צאָהלען צוויי פראַנק פאַר יעדען ברויט־עסער און די קאָרן זאָל ער מאָהלען פריי."

„אין סען זש. זיינען ניט פיעל פויערים פערזיכערט פון פייער. ווען עס טרעפט אַ שריפה — ווי עס האָט אונלענגסט פּאַסירט — גיבען אַלע עפּעס־וואָס דער פאַמיליע, וואָס האָט געליטען פון פייער

— א קעסעל, א לייעך, א שטוהל א. אז. וו. — און אויף דעם אופן בויט מען אויף דער פאמיליע א געמיינע באלעבאטישקייט. אלע שכנים העלפען אויפבויען דאס הויז, און דערוויילע קווארטירט די פאמיליע פריי ביי די שכנים."

אזוינע געוועזנהייטען פון גענענזייטיגער שטיצע — און מען וואלט געקאנט ברייננגען נאך ביישפיעלען אהן א צאהל — דער־קלערן אהן צווייפעל, פאר וואס די פראנצויזישע פויערים פער־אייניגען זיך אזוי לייכט צווישען זיך, כדי צו געברויכען נאך דער רייה דעם אקער מיט'ן פערד־געשפאן, דעם וויין־פרעס, די דרעש־מאשין, ווי אויך אבצוטהאן אלערליי לאנד־ארבייט אינאיינעם. די דארף־געמיינדען האבען פון אייביג אן אויפגעהאלטען די קאנאלען, אבגערייניגט די וועלדער, געפלאנצט בוימער, דרעניִרט (אבגעצויגען דאס וואסער) די זומפען א. אז. וו. און זיי טהוען דאס אייגענע איצטער אויך. ניט לאנג צוריק זיינען אין לא בארן, פון בעצירק לאזער, וויסטע בערג פערוואנדעלט געווארען אין רייכע גערטנער דורך קאמונאלע ארבייט. „מענשען האבען געטראגען פרישע ערד אויף די פלייצעס; מען האט אויסגעלעגט טערראסען און פער־פלאנצט קאשטאנען־בוימער, פערסיקען־בוימער און פרוכט־גערטנער; וואסער האט מען געבראכט דורך א קאנאל פון צוויי אדער דריי מייל לאנג." גאר די לעצטע צייט האבען זיי געגראבען א נייעם קאנאל, עלף מייל לאנג. 1)

דורך דעמזעלבען גייסט דערקלערט זיך אויך דער מערקוויר־דיגער ערפאלג, וואס עס האבען די לעצטע צייט געהאט די „סינ־דיקאט אגריקאל" אדער די אסאציאציעס פון פויערים און פאר־מערס. ערשט אין יאהר 1884 האט מען אין פראנקרייך גאר אין גאנצען ערלויבט אסאציאציעס פון מעהר ווי נייִנצעהן פערזאן, און עס איז כמעט ניט נויטיג צו דערצעהלען, אז ווען מען האט געוואגט מאכען אט דעם „געפעהרליכען עקספערימענט" — אזוי האבען זיי זיך אויסגעדריקט ווענגען דעם אין דעפוטאטען־קאמער — האט מען אנגענומען אלע „פארזיכטס־רעגעלען", וואס די בעהערדען האבען נאר געקאנט ערפינדען. טראץ אלעם דעם אבער הויבט פראנקרייך

1) אלפרעד באדרילאר אין ה. באדרילאר'ס „די לאנד־בעפעלקערונג פון פראנקרייך" (פראנצ.) דריטע סעריע, פאריז, 1893, ז. 479.

אָן צו ווערען בעדעקט מיט סינדיקאַטען. צוערשט האָבען זיי זיך אָרגאַניזירט נאָר אויף צו קויפען מיסט און זריעה, אזוי ווי די פאַלסיפיצירונג פון די צוויי פּראָדוקטען איז געווען אונגעהויער גרוים; 1) ביסלעכווייז אָבער האָבען זיי אויסגעשפּרייט זייער טהעטיגקייט אין פערשיידענע ריכטונגען און האָבען אריינגענומען אויך דעם פערקויף פון אַגריקולטור־פּראָדוקטען און די פערמאַנענטע פערבעסערונג פון'ם באָדען. די פערוויסטונגען פון די וויינגערטנער אין דרום־פראַנקרייך דורך די פילאָקסערא (וויינשטאָק־לייז) האָבען אַרויסגערופען אַ גרויסע צאָהל אַסאָציאַציעס פון בעזיצער פון וויינגערטנער. פון צעהן ביז דרייסיג וויין־פלאַנצער בילדען אַ סינדיקאַט, קויפען אַ דאַמפף־מאַשין צו פּומפּען וואַסער, און מאַכען אַלע נויטיגע איינאָרדנונגען צו בעוועסערן זייערע וויינגערטנער נאָך דער רייה. 2) נייע אַסאָציאַציעס צו בעשיצען דאָס לאַנד פון פערפלייצונגען, צו בעוועסערן די פעלדער און אויפהאַלטען קאַנאַלען, ווערען

---

1) דער „זשורנאַל פון עקאָנאָמיסטען“ (פראנצ.) פאר אויגוסט 1892, מיי און אוגוסט 1893, האָט געבראכט איניגע רעזולטאטען פון אַנאַליזען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין די אַגריקולטור־לאַבאָראַטאָריען אין גענט און פּאַריז. די פעלשונגען זיינען אונגלויבליך גרויס, און אַזוי זיינען אויך די „המצאות“ פון די „בכבוד'ע סוחרים“. אין געוויסע גראָז־זריעה האָט מען געפונען 32 פּראָצענט זאמד־קערנער, וואָס זיינען געווען אַזוי קונציג געפארבט, אַז אפילו געניטע מענשען האָבען עס ניט געקענט כאַפּען. אַנדערע פּראָבען האָבען געהאט ריינע זריעה נישט מעהר ווי פון 52 ביז 22 פּראָצענט. וויקען־זאַמען האָבען געהאַט 11 פּראָצענט פון אַ גיפטיגען גראָז. אַ מעהל צו מאַכען פעט די פיה האָט געהאט 36 פּראָצענט סולפאַטען, און אַזוי ווייטער, אָהן אַ ברעג.

2) א. באָדרילאַר, דאָרט גופא, ז. 309. אין אָנפאַנג פלעגט איין פלאַנצער זיך אונטערנעהמען צוצושטעלען וואַסער, און די איבעריגע האָבען איינגעשטימט צו געברויכען דאָס וואַסער אויף די וויינגערטנער. „וואָס עס כאַראַקטעריזירט בעזונדערס די דאָזיגע אַסאָציאַציעס“, בעמערקט א. באָדרילאַר, „איז דער פאַקט, וואָס זיי האָבען ניט קיין שום געשריבענעם אָבמאַך. אַלץ ווערט איינגעאָרדענט אויפ'ן וואָרט. עס איז אָבער ניט געווען קיין איינציגער פאל פון מיספערשטענדניסען צווישען די צדדים.“

נאָכאַנאַנד אָרגאַניזירט; און דאָס, וואָס דאָס געזעץ פאָדערט, אַז אַלע פויערים פון דער נאָכבאַרשאַפט מוזען איינשטימען צו אַזוינע אונטערנעהמונגען, איז קיין אָבהאַלט ניט דערצו. אין אַנדערע געגענדען האָבען מיר די „פריטיערס“ אָדער מילכיגער־פעראיינען, און אין איינִיגע פון זיי צוטיילט מען גאָר די פוטער און קעז אין גלייכע חלקים, ניט מעססטענדיג וויפיעל מילך יעדע קוה האָט גע־געבען. אין דעם בעצירק אַריעזש געפינען מיר אַן אַסאָציאַציע פון אַכט בעזונדערע געמיינדען, כדי געמיינשאַפטליך צו בעאַרבייטען זייערע לענדערייען, וועלכע זיי האָבען פעראייניגט צוזאַמען; סינ־דיקאַטען פאַר פרייע ערצטליכע בעהאַנדלונג האָבען זיך אָרגאַניזירט אין 172 געמיינדען פון אַ סך הכל פון 337 אין יענעם בעצירק; אין פערבינדונג מיט די דאָזיגע סינדיקאַטען בילדען זיך אויך אויס אַסאָציאַציעס פון קאָנזומענטען; און אַזוי ווייטער. 1) „אַ גאַנצע רעוואָלוציע קומט פאָר אין אונזערע דערפער — שרייבט אַלפרעד באָדרילאַר — דורך אָט די אַסאָציאַציעס, וועלכע האָבען זייערע בעזונדערע כאַראַקטער־שטריכען אין יעדער פראָווינץ.“

כמעט דיזעלביגע זאַך קאָן מען אויך זאָגען וועגען דייטשלאַנד. וואו נאָר די פויערים האָבען געקאָנט אָבהאַלטען די בערויבונג פון זייערע געמיינדע־לענדער, דאָרט האַלטען זיי זיי אין געמיינשאַפט־ליכען בעזיץ, ווי מיר געפינען עס אין אַ גרויסען ערך אין ווירטעמ־

---

1) דאָרט גופא, ז. 300, 341 און ווייטער. דער פאָרזיצענדער פון סען זשיראָנע סינדיקאַט (אין אַריעזש) האָט געשריבען צו מיין פריינד דאָס פאָלגענדע: — „אונזער אַסאָציאַציע האָט פאַר דער טולוזער אויס־שטעלונג גרופירט די אייגענטימער פון אַזוינע שטיק פיה, וואָס מיר האָבען גערעכענט כדאי צו שיקען אויסשטעלען. דער פעראיין האָט זיך אונטערגענומען צו שטעהן אַ העלפט פון די רייזע־און אויסשטעלונג־הוצאות; יעדער אייגענטימער האָט געצאָהלט אַ פערטיל, און דאָס איבע־ריגע פערטיל האָבען בייגעטראָגען די, וואָס האָבען געקריגען פריזען. דער רעזולטאַט איז געווען, וואָס פיעל האָבען אָנטייל גענומען אין דער אויסשטעלונג, וועלכע וואָלטען זאָנסט דאָס ניט געקענט טהאָן. די וועלכע האָבען בעקומען די העכסטע פריזען (350 פראַנק) האָבען בייגעטראָגען 10 פראָצענט דערפון, און די וועלכע האָבען גאָר קיין פריז ניט געקריגען, האָבען געהאַט צו שטעהן אַ הוצאה פון 6 ביז 7 פראַנק יעדערער.

בערג, באדען, האהענצאללערן און אין דער העססישער פראווינץ פון שטארקענבורג. 1) די געמיינדע־וועלדער ווערען בדרך כלל גע־האלטען אין אן אויסגעצייכענטען צושטאנד, און אין טויזענדער געמיינדען ווערען יעדען יאהר פערטיילט בוי־און ברען־האלץ צווי־שען אלע איינוואוינער. אפילו דער אלטער מנהג פון „לעשהאלץ־טאג" איז ווייט פערברייט: ווי דער דארף־גלאק הויבט אן קלינגען, געהען אלע אין וואלד נעהמען אזויפיעל ברען־האלץ וויפיעל זיי קאנען פערטראגען. 2) אין וועסטפאלען קאן מען געפינען געמיינדען, אין וועלכע דאס גאנצע לאנד ווערט בעארבייט ווי איין געמיינזאמע בעזיצונג, לויט אלע פאדערונגען פון דער מאדערנער אגראנאמיע. וואס געהערט די אלטע מנהגים און געוואוהנהייטען, זיינען זיי אין קראפט אין די מעהרסטע טיילען פון דייטשלאנד. דער מנהג צו־נויפצורופען העלפער, וועלכער פיהרט צו אמת'ע יום טובים פון ארבייט, איז גאנץ געוואוהנליך אין וועסטפאלען, העססע און נאססאו. אין געגענדען, וואס זיינען רייך אין וועלדער, נעהמט יעדערער געוואוהנליך דאס בוי־האלץ פון געמיינדע־וואלד און אלע שכנים בעטייליגען זיך אין בויען דאס הויז. אפילו אין די פארשטעדט פון פראנקפורט איז עס א רעגעלמעסיגער מנהג צווישען די גער־

---

1) אין ווירטעמבערג האבען 1629 געמיינדען פון א סך הכל פון 1910 קאמונאל־אייגענטום. אין יאהר 1863 האבען זיי פערמאגט איבער א מיליאן אקער לאנד. אין באדען האבען 1256 געמיינדען פון א סך־הכל פון 1,582 קאמונאל אייגענטום; אין די יאהרען 1884—1888 האבען זיי געהאלטען 121,500 אקער פעלדער אין געמיינזאמער בעארבייטונג און 675,000 אקער וואלד, דאס איז 46 פראצענט פון אלע וועלדער פון לאנד. אין זאקסען זיינען 39 פראצענט פון גאנצען געביעט אין קאמונאלען בעזיץ (שמאללער'ס יאהרבוך, 1886, ז. 359). אין האהענצאללערן גע־הערען כמעט צוויי־דריטעל פון אלע לאנקעס, און אין האהענצאללערן־העכינגען 41 פראצענט פון גאנצען גרונד־בעזיץ די דארף־געמיינדען (בוכענבערגער, „אגראר־וועזען", באנד I, ז. 300).

2) זעה ק. ביכער, וועלכער האט אין א ספעציעלען קאפיטעל, צו־געלעגט צו לאוועלעי'ס „אוראייגענטום", צונויפגעזאמעלט אלע אויס־קונפטען בנוגע צו דער דארף־געמיינדע אין דייטשלאנד.

טעניר ער, אז אין פאל איינער פון זיי ווערט קראנק, קומען אלע אום זונטאג בעארבייטען זיין גארטען. 1)

אין דייטשלאנד, ווי אין פראנקרייך — אזוי באלד ווי די רע־גיערונגען האבען אבגעשאפט זייערע געזעצען אנטקעגען די פויערים־שע אסאציאציעס — וואס עס האט פאסירט ערשט אין די יאהרען 1884—1888, — האבען די דאזיגע פעראיינען זיך אנגעהויבען ענט־וויקלען מיט א וואונדערבארער שנעלקייט, טראץ אלע געזעצליכע שטערונגען, וואס מען האט זיי געשטעלט אין וועג.2) „עס איז א פאקט", זאגט בוכענבערגער, „אז אין טויזענדער דארף־געמיינדען, וואו מען האט קיינמאל ניט געוואוסט פון קיין שום כעמישער מיסט אדער ראציאנאלער פיטערונג, זיינען ביידע פערבעסערונגען, א דאנק די דאזיגע פעראיינען, איינגעפיהרט געווארען אלס א געוועהנליכע זאך אין גאר אן אונערווארטעטער מאס" (באנד 2, ז. 507). אלערליי ארבייט־שפארענדע געצייג און אגריקולטור־מאשינעריע, ווי אויך בעסערע סארטען פיה, ווערען אויפגעקויפט דורך די אסאציאציעס, און עס ווערען איינגעפיהרט פערשיידענע איינארדנונגען, כדי צו פערבעסערען די קוואליטעט פון די פראדוקטען. עס ווערען אויך ארגא־ניזירט פעראיינען צום פערקויפען די אגריקולטור־פראדוקטען, ווי אויך פערמאנענט צו פערבעסערען דאס לאנד.3)

פון דעם שטאנדפונקט פון סאציאל־עקאנאמיע האבען געוויס אט די אלע בעמיהונגען פון די פויערים גאר א קנאפען ווערטה. זיי

---

1) ק. ביכער, דארט גופא, ז. 90—89.

2) וועגען דער דאזיגער געזעצגעבונג און די פיעלע שטערונגען, וואס זיינען זיי געלעגט געווארען אין וועג, אין דער פארם פון ביוראקרא־טישע פארמאליטעטען און איבערזיכטען, זעה בוכענבערגער'ס „אגראר־וועזען און אגראר־פאליטיק", באנד II, ז. 342—363 און נאטיץ אויף זייט 506.

3) בוכענבערגער, דארט גופא, באנד II, ז. 510. דער צענטראל־פערבאנד פון די לאנדווירטשאפטליכע קאאפעראציעס נעהמט ארום א סך הכל פון 1,679 פעראיינען. אין שלעזיען זיינען לעצטענס אן ערך 32,000 אקער לאנד דרעני רט געווארען דורך 73 אסאציאציעס; 454,800 אקער אין פרייסען דורך 516 אסאציאציעס; אין בייערן זיינען פאראן 1,715 דרע־נירונג־ און בעוואסערונגס־פעראיינען.

קאָנען ניט ממשות'דיג פערלייכטערען — און געווים ניט באופן עס זאָל האָבען א קיום — דעם עלענד, צו וועלכען עס זיינען פעראור־טיילט די ערד־ארבייטער אין גאַנץ אייראָפּאַ. אָבער פון דעם מאָראַ־לישען שטאַנדפּונקט, וועלכען מיר בעטראַכטען איצטער, קאָן מען זייער וויכטיגקייט ניט איבערשעצען. זיי בעווייזען, אז אפילו אונ־טער דעם סיסטעם פון ריקזיכטלאָזען אינדיווידואליזם, וואָס הערשט איצטער, האַלטען אויף די ערדארבייטענדע מאַסען מיט א פרומען געפיהל זייער ירושה פון געגענזייטיגער שטיצע; און וויבאַלד נאָר די שטאַאטען לאָזען אביסעל נאָך זייערע אייזערנע געזעצען, דורך וועלכע זיי האָבען צעריסען אַלע בענדער צווישען מענשען, אזוי גלייך ווערען די דאָזיגע בענדער ווידער צונויפגעבונדען, ניט קוקענדיג אויף די פיעלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע שוועריגקיי־טען, און זיי פערבינדען זיך אויף דעם בעסטען אופן, וואָס פערענט־פערט די היינטיגע פאָדערונגען פון דער פּראָדוקציאָן. זיי צייגען אויף אָן אין וועלכער ריכטונג און אין וועלכער פאָרם מיר מוזען דער־ווארטען דעם ווייטערדיגען פאָרטשריט.

איך וואָלט גאַנץ לייכט געקאָנט ברענגען א סך מעהר אזוינע ביישפּיעלען, נעהמענדיג זיי פון איטאַליען, שפּאַניען, דענמארק און אזוי ווייטער, און אָנצייגען אויף אייניגע אינטערעסאַנטע שטריכען, וועלכע זיינען אייגענטימליך פאַר יעדען פון די דאָזיגע לענדער.[1] מען וואָלט אויך געדאַרפט דערמאָנען די סלאַווישע בעפעלקערונגען פון עסטרייך און די באַלקאַנען, צווישען וועלכע עס עקזיסטירט נאָך דער „פאַמיליען־פערבאַנד" און דער „ניט־צוטיילטער הויזהאַלט".[2] איך איל זיך אָבער צו רעדען וועגען רוסלאַנד, וואו דיזעלבע נייגונג צו געגענזייטיגער שטיצע נעהמט אָן געוויסע נייע און ניט פאָראוים־געזעהענע פאָרמען. חוץ דעם, ווען מיר בעטראַכטען די דאָרף־געמיינדע אין רוסלאַנד, קאָנען מיר זיך בענוצען מיט דער גרויסער מאַסע מאַטעריאַלען, וואָס אייניגע זעמסטוואָס האָבען צונויפגע־קליבען בעת זייער גרויסער הויז צו הויז אויספאָרשונג, וואָס האָט

---

1) זעה אָנהאַנג XVIII

2) וועגען די באַלקאַנען זעה לאַוועלעי'ס „פרימיטיווע אייגענטום".

אַרומגענומען אַ בעפעלקערונג פון כמעט צוואַנציג מיליאָן פּויערים אין פערשיידענע טיילען פון לאַנד. [1]

פון דער גרויסער צאָהל פאַקטען, וואָס איז געזאַמעלט געוואָרען דורך די רוסישע אַנקעטען, קען מען ציהען צוויי וויכטיגע שלוסען. אין מיטעלרוסלאַנד, וואו אַ פול דריטעל פון די פּויערים זיינען גאַנץ רואינירט געוואָרען (דורך שווערע שטייערען, צו־קליינע חלקים פון ניט־פּראָדוקטיווער ערד, רויבערישע רענטען און זעהר שטרענגע איינמאָהנונג פון די שטייערען אין יאָהרען פון אונגערעטעניש), האָט זיך אין די ערשטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר נאָך דער בעפרייאונג פון די לייבאייגענע אַרויסגעוויזען אַ בעשטימטע טענדענץ איינצופיהרען פּריוואַטאייגענטום אין לאַנד אינערהאַלב די דאָרף־געמיינדען. אַ סך פעראָרימטע פּויערים „אָהן פערד“ האָבען אַוועקגעוואָרפען זייערע חלקים, און די דאָזיגע שטיקלעך ערד זיינען געוואָרען דאָס אייגענטום פון די רייכערע פּויערים, וועלכע האָבען געהאַט עקסטראַ הכנסות פון האַנדעל, אָדער זיי זיינען אָנגעקומען צו זייטיגע סוחרים, וועלכע קויפען־אויף לאַנד, דערהויפּט כדי עס אָבצוגעבען די פּויערים אין אַרענדע פאַר הויכע רענט. מען מוז אויך דערביי בעמערקען, אַז צוליעב אַ פערזעהן אין דעם לאַנד־אויסקויף־געזעץ פון יאָהר 1861 איז געוועזן זעהר לייכט אויסצוקויפען די פּויערשע ערד פאַר זעהר אַ ביליגען פּרייז,[2] און די רעגיערונגס בעאַמטע האָבען דאָס רוב אָנגעווענדט זייער גרויסען איינפלוס צו גונסטען פון פּריוואַט־בעזיץ און געגען דעם קאָמונאַלען בעזיץ. דאָך אָבער, זינט די 80־גער יאָהרען

---

1) די פאַקטען מכח דער דאָרף־געמיינדע, וואָס געפינען זיך אין כמעט הונדערט בענדער (פון 450) פון די דאָזיגע אויספאָרשונגען, זיינען קלאַסיפיצירט און רעזומירט אין אַן אויסגעצייכענט גוטער אַרבייט פון וו. וואָראָנצאָוו „קרעסטיאַנסקאָיע אָבשטשינאַ“, פּעטערבורג, 1892, וועלכע, אַחוץ וואָס עס האָט אַ טעאָרעטישען ווערטה, ענטהאַלט אַ רייכען קאָמפּענדיום פון פאַקטען בנוגע דעם ענין. די דאָזיגע אַנקעטע האָט אויך אַרויסגערופען אַ גרויסע ליטעראַטור, אין וועלכער די פראַגע פון דער מאָדערנער דאָרף־געמיינדע קומט צום ערשטען מאָל אַרויס פון דעם געביעט פון אַלגעמיינע פּראַזען און ווערט אַוועקגעשטעלט אויף דעם סאָלידען באַזיס פון זיכערע און אין אַלע פּרטים בעקאַנטע פאַקטען.

2) דער אויסקויף האָט געדאַרפט אָבגעצאָהלט ווערען אין 49 יאָהר

האָט ווידער אָנגעהויבען בלאָזען אַ שטאַרקער ווינד געגען דעם פּריוואַטען בעזיץ פון לאַנד אין די מיטעלרוסישע דערפער, און די מאַסע פּויערים, וועלכע שטעהען אין מיטען צווישען די רייכע און זעהר אָרימע, ווענדען אָן ענערגישע מיטלען אויפצוהאַלטען די „אָבשטשינאַ". וואָס געהערט די פרוכטבאַרע דרום־סטעפּעס, וועלכע זיינען איצט די העכסט בעפעלקערטע און רייכסטע טיילען פון איראָפּעאישען רוסלאַנד, זיינען זיי אין 19טען י. ה. מעהרסטענטיילס קאָלאָניזירט געוואָרען לויט דעם סיסטעם פון פּריוואַטאייגענטום אָדער אָקופּאַציאָן (ד. ה. בחזקה, כל זמן איינער זיצט אויף דער ערד און צאָהלט שטייערן), וואָס איז אין דער פאָרם סאַנקציאָנירט געוואָרען פון דער רעגיערונג. זינט אָבער עס איז דאָרט איינגעפיהרט געוואָרען פערבעסערטע מעטאָדען פון אַגריקולטור מיט דער הילף פון מאַשינעריע, האָבען די פּויערימשע אייגענטימער ביסלעכווייז אַליין אָנגעהויבען איבערצוגעהן פון פּריוואַט אייגענטום צום קאָמונאַלען בעזיץ, און מען קען שוין איצטער געפינען אין אַט דעם תבואה־אוצר פון רוסלאַנד אַ זעהר גרויסע צאָהל פון זיך אַליין־פאָרמירטע דאָרף־געמיינדען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אַ קורצע צייט צוריק.1)

די קרים און דער טייל לאַנד, וואָס ליעגט צפון־צו פון קרים (טאַווריטשעסקע גובערניע), פאַר וועלכע מיר האָבען גענויע פאַקטען, גיבען אונז אַן אויסגעצייכענטען ביישפּיעל פון דער דאָזיגער בעווע־

דורך אַ געוויסע יעהרליכע סומע. מיט דער צייט, ווען דער גרעסטער טייל איז שוין געווען אָבגעצאָהלט, איז געוואָרען אַלץ לייכטער אויסצוקויפען עס אינגאַנצען. און אַזוי ווי מען האָט געקאָנט אויסקויפען יעדען איינגעטיילטען חלק אינדיווידועל, האָבען זיך די הענדלער דערמיט בענוצט און האָבען אָבגעקויפט די חלקים בחצי חנם פון די רואינירטע פּויערים. שפּעטער האָט מען דורכגעפיהרט אַ געזעץ, וואָס האָט פערבאָטען אַזעלכע קניות.

1) וו. וו. אין זיין „קרעסטיאַנסקאָיע אָבשטשינאַ" האָט גרופּירט אינאיינעם אַלע פאַקטען בנוגע דער דאָזיגער בעוועגונג. וועגען דער שנעלער אַגריקולטור ענטוויקלונג פון דרום רוסלאַנד און דער פערשפּרייטונג פון מאַשינען, קאָנען די ענגלישע לעזער געפינען ידיעות אין די קאָנסול'ס בעריכטען (פון אָדעסאַ און טאַגאַנראָג).

גונג. אָט די טעריטאָריע האָט זיך אָנגעהויבען קאָלאָניזירען, נאָכ־דעם ווי זי איז אַנעקסירט געוואָרען צו רוסלאַנד אין יאָהר 1783, פון איינוואַנדערער פון גרויס־רוסלאַנד, קליין־רוסלאַנד און ווייס־רוסלאַנד — קאָזאַקען, פרייע און אַנטלאָפענע לייבאייגענע — וועל־כע זיינען אָנגעקומען איינצעלווייז אָדער אין קליינע גרופּען פון אַלע ווינקלען פון רוסלאַנד. צוערשט האָבען זיי זיך גענומען פאַר פיה־צוכט, דערנאָך אַז זיי האָבען אָנגעהויבען בעאַרבייטען די ערד, האָט יעדער איינער פעראַקערט אַזוייפיעל וויפיעל ער האָט געקאָנט. ווען אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע נאָכפראַגע אויף ערד — אַזוי ווי די אימיגראַציע איז געוואַקסען און עס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען בעסערע אַקעראייזענס — האָבען זיך אָנגעהויבען ביטערע מחליקות צווישען די איינגעוואַנדערטע. די מחליקות האָבען אָנגע־האַלטען יאָהרען־לאַנג, ביז וואַנען אָט די מענשען, וועלכע זיינען פריהער ניט געווען פערבונדען דורך קיינע געגענזייטיגע בענדער, זיינען ביסלעכווייז געקומען צום שכל, אַז מען מוז מאַכען אַ סוף צו די מחליקות, איינפיהרענדיג אָבשטשינאַ־אייגענטום. זיי האָבען געפאַסט בעשלוסען, אַז דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַל־טען אין אינדיווידועלען בעזיץ, זאָל פון דאַן אָן און ווייטער זיין זייער געמיינשאַפטליך אייגענטום, און זיי האָבען עס אָנגעהויבען אויסצוטיילען און איבערטיילען לויט די געוועהנליכע אָבשטשינאַ רעגעלען. די בעוועגונג האָט ביסלעכווייז זיך פיעל פערשפּרייט, און אויף אַזאַ קליינער טעריטאָריע, ווי די טאַווריטשעסקע גובערניע, האָבען די סטאַטיסטיקער געפונען 161 דערפער, אין וועלכע קאָמו־נאַלער בעזיץ איז איינגעפיהרט געוואָרען פון די פויערים־אייגענטי־מער אַליין, דערהויפּט אין די יאָהרען 1855—1885, אַנשטאָט דעם אינדיווידועלען בעזיץ. אַ גאַנצע רייה פערשיידענע טיפּען פון דאָרף־געמיינדען איז אויף דעם אופן פריי אויסגעאַרבייט געוואָרען פון די איינוואַנדערער.1) וואָס עס מאַכט דעם דאָזיגען קאָמונאַלען

1) אין איניגע פעלען זיינען זיי אָנגעגאַנגען זעהר פאָרזיכטיג. אין איין דאָרף האָבען זיי אָנגעהויבען דערמיט, וואָס זיי האָבען פעראייניגט אַלע לאָנקעס, אָבער נישט מעהר ווי אַ קליין טייל פון די פעלדער (אָן ערד 5 אַקער פאַר אַ מענשען) אַלס קאָמונאַל אייגענטום; די איבעריגע ערד האָבען זיי געהאַלטען אין פריוואַט־בעזיץ. שפּעטער, אין די יאָהרען 1862־64 איז דאָס סיסטעם אויסגעשפּרייט געוואָרען, אָבער ערשט אין

איינפיהר נאָך מעהר אינטערעסאַנט, איז דער פאַקט, וואָס ער איז פאַרגעקומען ניט נאָר צווישען די גרויס־רוסען, וועלכע זיינען געווען געוועהנט צו א דאָרף־געמיינדליכען לעבען, נאָר אויך צווישען די קליין־רוסען, וועלכע האָבען אונטער דער פּוילישער הערשאַפט שוין לאַנג פערגעסען די דאָרף־געמיינדען, ווי אויך צווישען די גריכען און בולגאַרען, און אפילו ביי די דייטשען, וועלכע האָבען אין זייערע רייכע און האַלב־אינדוסטריעלע וואָלגאַ־קאָלאָניעס שוין לאַנג אויס־געאַרבייט זייער אייגענעם טיפּ פון א דאָרף־געמיינדע.1) די מאַחמע־דאַנישע טאַטערן פון טאַורישער גובערניע האַלטען נאַטירליך זייער לאַנד לויט דעם מוסלמאַנישען געוועהנהייטס געזעץ, א מין בע־שרענקטעם פּערזענליך אייגענטום; אָבער אפילו ביי זיי איז אין איינציגע פעלען איינגעפיהרט געוואָרען די אייראָפּעאישע דאָרף־געמיינדע. וואָס געהערט די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען פון טאַורי־שער גובערניע, איז דער פּריוואַט־בעזיץ פון לאַנד אָבגעשאַפט גע־וואָרען ביי זעקס עסטהאָנישע, צוויי גריכישע, צוויי בולגאַרישע, איין טשעכישען און איין דייטשען דאָרף.

אָט די בעוועגונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצען גע־געגנד פון די פרוכטבאַרע סטעפּען פון דרום. מען קען אָבער געפינען בעזונדערע ביישפּיעלען פון דעם אויך אין קליין רוסלאַנד. אַזוי געפינען מיר, אַז אין אַ געוויסע צאָהל דערפער פון טשערניגאָווער גובערניע זיינען די פויערים פריהער געווען פּריוואַט בעזיצער פון זייער ערד; זיי האָבען געהאַט בעזונדערע געזעצליכע דאָקומענטען פאַר זייערע שטיקער ערד, און זיי פלעגען פערדינגען און פערקויפען זייער ערד ווען זיי האָבען געוואָלט. אָבער אין די פופציגער יאָהרען פון 19טען י. ה. האָט זיך אָנגעהויבען צווישען זיי אַ בעוועגונג צו גונסטען פון דעם קאָמונאַל־בעזיץ — דער הויפּט ארגומענט דערפאַר איז געווען דער פאַקט, וואָס עס איז אַלץ מעהר געוואַקסען די צאָהל פון פעראָרימטע פאַמיליעס. צוערשט האָט איין דאָרף איינגעפיהרט די רעפאָרם, דערנאָך האָבען שוין די אַנדערע נאָכגעטהאָן; דער

1884 איז דער קאָמונאַל בעזיץ איינגעפיהרט געוואָרען פאָלשטענדיג. (וו. וו., „קרעסטיאַנסקאָיע אָבשטשינאַ“, ז. 14—1.)

1) וועגען דער מענאָניטישער דאָרף־געמיינדע זעה א. קלאוז, „נאַשי קאָלאָניי“, פעטערבורג, 1869.

לעצטער פאַל וואָס מיר ווייסען, דאַטירט פון יאָהר 1882. עס פערשטעהט זיך, עס זיינען פאָרגעקומען מחליקות צווישען די אָרימע, וועלכע שטעלען זיך איין געוועהנליך פאַר דעם קאָמונאַלען בעזיץ, און די רייכע, וועלכע ווילען געוועהנליך בעסער דעם אינדיווידועלען בעזיץ; און די מחליקות האָבען אָפט געדויערט יאָהרען נאָכאַנאַנד. אין אייניגע פלעצער, וואו מען האָט ניט געקאָנט בעקומען די איינשטימונג, וואָס דאָס געזעץ האָט דאַמאָלסט געפאָדערט, האָט זיך דער דאָרף צוטיילט אין צווייען: איין טייל איז געבליבען ביי דעם אינדיווידועלען בעזיץ און דער אַנדערער האָט איינגעפיהרט דעם קאָמונאַלען בעזיץ; אַמאָל פלעגען זיי שפּעטער זיך צונויפגיסען אין איין געמיינדע, און אַמאָל פלעגען זיי בלייבען אַזוי צוטיילט.

בנוגע מיטעלרוסלאַנד איז עס אַ פאַקט, אַז אין פיעל דערפער וואו עס איז געוואַקסען אַ נייגונג צו דעם אינדיווידועלען בעזיץ, האָט זיך זינט דעם יאָהר 1880 אָנגעהויבען אַ מאַסען־בעוועגונג צו גונסטען פון דעם ווידער־איינפיהרען די דאָרף־געמיינדע. אפילו פויערים־בעזיצער, וועלכע האָבען יאָהרען־לאַנג געלעבט אונטער דעם אינדיווידואַליסטישען סיסטעם, האָבען זיך מאַסענווייז אומגעקעהרט צו די קאָמונאַלע אינסטיטוציעס. אַזוי צ. ב. ש. איז געוועזן אַ היבשע צאָהל געוועזענע־לייבאייגענע, וועלכע האָבען בעקומען נישט מעהר ווי אַ פערטעל פון די רעגעלמעסיגע ערד־חלקים, אָבער דערפאַר האָבען זיי עס געקראָגען פריי פון אָבצאָהלונג און אַלס אינדיווידועלען בעזיץ. אין יאָהר 1890 האָט זיך אָנגעהויבען צווישען זיי (אין קורסק, ריאַזאַן, טאַמבאָוו, אָריאָל און אַנדערע גובערניעס) אַ ווייטפערשפּרייטע בעוועגונג צונויפצולעגען אַלע זייערע חלקים אינאיינעם און איינפיהרען די אָבשטשינאַ. די „פרייע ערדאַרבייטער" (וואָילניע כליעבאָפאַשצי), וועלכע זיינען בעפרייט געוואָרען פון לייבאייגענשאַפט אונטער דעם געזעץ פון יאָהר 1803, און האָבען געקויפט זייערע ערד־חלקים — יעדע פאַמיליע בעזונדער — זיינען איצט כמעט אַלע אונטער דעם אָבשטשינאַ סיסטעם, וועלכען זיי האָבען אַליין איינגעפיהרט. אָט די אַלע בעוועגונגען האָבען זיך אָנגעהויבען גאָר ניט לאַנג צוריק, און עס שליסען זיך אָן אָן זיי פויערים פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען אויך. אַזוי צ. ב. ש. די בולגאַרען פון טיראַספּאָלער אויעזד, וועלכע האָבען אָבגעלעבט 60 יאָהר אונטער דעם סיסטעם פון פּריוואַט אייגענטום, האָבען איינ־

געפיהרט די דאָרף־געמיינדען אין די יאָהרען 1882—1876. די דייטשע מענאָניטען פון בערדיאַנסק האָבען אין יאָהר 1890 געקעמפּפט איינצופיהרען די דאָרף־געמיינדע, און די קליינע פּויערים־בעזיצער צווישען די דייטשע באַפּטיסטען האָבען אַגיטירט אין זייערע דערפער פאַר דערזעלביגער זאַך. נאָך איין ביישפּיעל: אין סאַמאַרער גובערניע האָט די רוסישע רעגיערונג איינגעפיהרט בתורת עקספּערימענט, אין די 40־גער יאָהרען פון 19טען י. ה., 103 דערפער אויפ׳ן יסוד פון פּריוואַט אייגענטום. יעדער הויזהאַלט האָט בעקומען אַ פּראַכטפולען ערד־חלק פון 105 אַקער. אין יאָהר 1890 האָבען פון די 103 דערפער די פּויערים פון 72 דערפער שוין געלאָזט וויסען זייער פערלאַנג איינצופיהרען די אַבשטשינאַ. איך נעהם אָט די אַלע פאַקטען פון דעם אויסגעצייכענטען ווערק פון וו. וו. וועלכער גיט פּשוט איבער אין אַ קלאַסיפיצירטער פאָרם די פאַקטען, וואָס זיינען פערצייכענט געוואָרען אין דער פריהער־דערמאָנטער הויז־אַנקעטע.

אָט די בעוועגונג צו גונסטען פון געמיינדען־בעזיץ געהט אינגאַנצען להיפּך צו די היינטיגע עקאָנאָמישע טעאָריען, וועלכע האַלטען אַז די אינטענסיווע ערד־בעאַרבייטונג קאָן ניט געהן צוזאַמען מיט דער דאָרף־געמיינדע. דאָס בעסטע אָבער וואָס מען קאָן זאָגען וועגען די דאָזיגע טעאָריען איז, אַז מען האָט זיי קיינמאָל ניט געשטעלט צו דער פּראָבע פון ערפאַהרונג: זיי געהערען צום געביעט פון פּאָליטישער מעטאַפיזיקע. די פאַקטען, וואָס מיר האָבען פאַר אונז, בעווייזען פערקעהרט, אַז וואו נאָר די רוסישע פּויערים זיינען, אַ דאַנק געוויסע גינסטיגע אומשטענדען, ניט אַזוי פּעראָרימט ווי זיי זיינען דורכשניטליך אומעטום, און וואו נאָר עס האָבען זיך איינגעפונען מענשען מיט וויסען און איניציאַטיווע צווישען זייערע שכנים, דאָרט ווערט די אַבשטשינאַ ערשט דער ריכטיגער מיטעל איינצופיהרען פערשיידענע פערבעסערונגען אין אַגריקולטור, ווי בכלל אין דאָרפישען לעבען. אין אָט דעם פאַל, ווי אַנדערסוואו, איז די געגענזייטיגע הילף אַ בעסערער מיטעל וואָס פיהרט צום פּראָגרעס, איידער די מלחמה פון אַלע אַנטקעגען אַלעמען, ווי מען קען עס זעהן פון די פאָלגענדע פאַקטען.

אונטער דער רעגיערונג פון ניקאָליי דעם ערשטען פלעגען פיעלע קרוין־בעאַמטע און לאַנד־פּריצים צווינגען די פּויערים איינצופיהרען

קאָמונאַלע ערד־אַרבייט אויף קליינע שטיקער פון דער דאָרפישער ערד, כדי ווידער אָנצופילען די קאָמונאַלע שפייכלערס, נאָכדעם ווי זיי זיינען אויסגעליידיגט געוואָרען דורך הלואות פון תבואה, וואָס מען האָט געמאַכט צו די אָרימע מיטגליעדער. אַזוי ווי די דאָזיגע קאָמונאַלע בעאַרבייטונג פון אַ טייל ערד איז געווען פערבונדען ביי די פויערים אין די מוחות מיט זייערע ערגסטע עראינערונגען פון „פּאַנשציזנע" (לייבאייגענשאַפט), האָבען זיי עס אַוועקגעוואָרפען אַזויבאַלד ווי לייבאייגענשאַפט איז אָבגעשאַפט געוואָרען; איצט אָבער הויבען עס אָן די פויערים ווידער איינצופיהרען פון זיך אַליין. אין איין אויעזד (אָסטראָגאָרסק, אין קורסקער גובערניע) איז געווען גענוג די איניציאַטיווע פון איין פערזאָן ווידער אויפצולעבען די קאָמונאַלע ערד־אַרבייט אין פיער פינפטעל פון אַלע דערפער אין דעם אויעזד. דאָס אייגענע טרעפט מען אָן אין מעהרערע אַנדערע ערטער. אין אַ בעשטימטען טאָג קומען די געמיינדע־מענשען צו דער אַרבייט: די רייכערע מיט אַן אַקער־געשפּאַן אָדער אַ פערד און וואָגען, און די אָרימערע קומען נאָר מיט זייערע אַרבייטס־הענד; מען רעכענט זיך אָבער ניט וויפיעל אַרבייט יעדער איינער האָט געטהאָן. די תבואה, וואָס מען קלייבט אריין פון די דאָזיגע פעלדער, ווערט דערנאָך געברויכט אויסצולייהען די אָרימערע מיטגליעדער — דאָס רוב ניט על מנת להחזיר — אָדער מען שטיצט דערמיט יתומים און אלמנות, אָדער עס געהט אויף'ן דאָרף־קלויסטער, אָדער פאַר דער שוהל, אָדער אָבצוצאָהלען אַ געמיינדע־חוב.1)

ווי מען קאָן דערוואַרטען פון מענשען, וואָס לעבען אונטער דעם סיסטעם פון דער דאָרף־געמיינדע, אַזוי געפינען מיר טאַקע אַז אַלע אַרבייטען, וואָס געהען אריין אַזוי צו זאָגען אין דער רוטין פון דאָרפישען לעבען (פעררייכטען די וועגען און בריקען, די וואַסער־דאַמען,

---

1) אַזוינע קאָמונאַלע ערד־אַרבייט געפינען זיך אין 159 דערפער פון די 195 אין גאַנצען אָסטראָגאָזשק אויעזד; אין 150 פון די 187 דערפער פון סלאָוויאַנאָסערבסק אויעזד; אין 107 אָבשטשינאַס פון אַלעקסאַנדראָווסק, 93 אין ניקאָלאַיעווסק, 35 אין עליסאַוועטגראַד. אין איין דייטשע קאָלאָניע טהוען זיי אַזוינע קאָמונאַלע ערד־אַרבייט כדי אָבצוצאָהלען אַ חוב פון דער געמיינדע. אַלע העלפען מיט אין דער אַרבייט, אָבוואויל דעם חוב האָבען געמאַכט בלויז 94 הויזהאַלטער פון אַ סך הכל פון 155.

דרענירען די זומפּען, מאַכען בעוואַסערונג־קאַנאַלען, האַקען דעם וואַלד, זעצען בוימער א. אז. וו.) ווערען געטהאָן פון די גאַנצע גע־מיינדען. די ערד ווערט גענומען אין אַרענדאַ און די לאַנקעס ווערען געקאָסעט אינאיינעם פון דער גאַנצער געמיינדע — פון אַלעמען, יונג און אַלט, מענער און פרויען, ווי טאָלסטאָי האָט עס אַזוי שעהן בעשריבען.1) אַזוינע אַרבייטען זיינען פון די מעשים בכל יום, אומעטום איבערן גאַנצען לאַנד. אָבער די דאָרף־געמיינדע איז אויך בשום אופן ניט פיינדליך צו די מאָדערנע אַגריקולטור־פערבעסערונ־גען, ווען זי האָט נאָר בכח זיי איינצופיהרען ,און ווען דאָס נויטיגע וויסען, וואָס איז געוועהנליך נאָר דעם רייכענ׳ס פּריווילעגיע, פער־בלאַנדזשעט אַמאָל אויך צום פויער אין שטיבעל.

מיר האָבען אויבען דערמאָנט, אז אין דרום־רוסלאַנד האָבען זיך שנעל פערשפּרייט די פערבעסערטע אַקעראייזענס, און ווי עס צייגט זיך אַרוים זיינען אין פיעל פעלען די דאָרף־געמיינדען גופא געוועזען בעהילפליך אין פערברייטען זייער געברויך. די געמיינדע האָט געקויפט אַן אַקעראייזען, האָט געמאַכט אַ פּראָבע מיט איהם אויף אַ טייל פון דער קאָמונאַלער ערד, און האָט אָנגעוויזען דעם פאַבריקאַנט אויף איינינגע נויטינגע אויסבעסערונגען; אָפטמאָל האָבען געמיינדען אויך מיטגעהאָלפען אָנצוהויבען פאַבריצירען ביליגע אַקעראייזענס אַלס אַ דאָרף־אינדוסטריע. אין מאָסקווער אויעזד, וואו די פויערים האָבען אונלענגסט געקויפט 5,560 אַקערס אין פינף יאָהר, איז דער אָנשטויס דערצו געקומען פון יענע געמיינדען, וועלכע אַרענדירען אינאיינעם ערד, צוליעב דעם ספּעציעלען צוועק איינצופיהרען אַ פערבעסערטע ערד־קולטור.

אין צפון־מזרח פון רוסלאַנד, אין וויאַטקער גובערניע, האָבען קליינע אַסאָציאַציעס פון פויערים, וועלכע פאָהרען אַרום מיט זייערע ווערהער־מאַשינען (אויסצובלאָזען די מעקענע פון תבואה), וואָס ווערען פאַבריצירט אַלס אַ דאָרף־אינדוסטריע אין איינעם פון די אייזען־רייכע אויעזדען, פערשפּרייט דעם געברויך פון אַזוינע מאַ־שינען אין די אַרומיגע גובערניעס. די זעהר ווייטע פערשפּרייטונג

1) רשימות פון אַזוינע אַרבייטען, וואָס זיינען אָנגעמערקט געוואָ־רען פון די זעמסטוואָ סטאַטיסטיקער, קאָן מען געפינען אין די „קרעס־טיאַנסקאָיע אָבשטשינאַ“ פון וו. וו., ז. 600—459.

פון דרעש־מאשינען אין סאמארער, סאראטאווער און כערסאָנער גובערניעס נעהמט זיך פון דער טהעטיגקייט פון די פויערימשע אסאָציאציעס, וועלכע קאָנען בעהויפטען צו קויפען א טהייערע מאשין, בעת דער איינצעלנער פויער קאָן עס ניט. און אין דערזעלבער צייט, וואָס מיר לעזען כמעט אין אַלע עקאָנאָמישע טראַקטאטען, אַז די דאָרף־געמיינדע איז פעראורטיילט געוואָרען אונטערצוגעהן זינט מען האָט געמוזט איינפיהרען די וועקסעל־ווירטהשאַפט (ראָטיישאָן אָוו קראָפּס) אנשטאָט דעם דריי פעלדער־סיסטעם, זעהען מיר ווי אין רוסלאַנד נעהמען א סך דאָרף־געמיינדען די איניציאַטיווע איינצופיהרען די דאָזיגע וועקסעל־ווירטשאַפט, פונקט ווי זיי האָבען עס געטהאָן אין ענגלאַנד. נאָר איידער די פויערים נעהמען אָן דעם דאָזיגען סיסטעם, טיילען זיי אוים א געוויסען שטח פון די געמיינדע־פעלדער פאר אַן עקספּערימענט אין זייהען גראָז, און די געמיינדע קויפט די זריעה.[1] אויב די פּראָבע לאָזט זיך אוים גוט, געפינען זיי קיין שום שוועריגקייט ניט איבערצוטיילען זייערע פעלדער אזוי, אַז עס זאָל זיך פּאסען צו דעם פינף־אָדער זעקס־פעלדער־סיסטעם.

אָט דאָס סיסטעם ווערט איצט געברויכט אין הונדערטער דערפער פון מאָסקווער, טווערער, סמאָלענסקער, וויאַטקער און פּסקאָווער גובערניעס.[2] וואו זיי קאָנען אָבשפּאָרען גענוג לאַנד,

---

1) אין מאָסקווער גובערניע פלעגט די פּראָבע געוועהנליך געמאַכט ווערען אויף דעם פעלד, וואָס איז געווען אָבגעלעגט פאַר דער קאָמונאַלער בעאַרבייטונג.

2) אייניגע ביישפּיעלען פון אַזוינע און עהנליכע פערבעסערונגען זיינען געבראַכט געוואָרען אין „פּראַוויטעלסטווענני וויעסטניק", 1894, נומ. 256—258. אַסאָציאַציעס צווישען די „פויערים אָהן פערד" האָבען אָנגעהויבען צו בעווייזען זיך אויך אין דרום־רוסלאַנד. נאָך אַ זעהר אינטערעסאַנטער פאַקט איז די שנעלע ענטוויקלונג אין דרום־מערב סיביר פון צאָהלרייכע קאָאָפּעראַטיווע מעלקערייען אויף צו מאַכען פּוטער. הונדערטער אַזוינע קאָאָפּעראַטיווען האָבען זיך פערשפּרייט אין טאָבאָלסקער און טאָמסקער גובערניעס, און קיינער האָט אין אָנהויב ניט געוואוסט פון וואַנען די איניציאַטיווע פאַר דער בעוועגונג האָט זיך גענומען. געקומען איז זי פון די דענישע קאָאָפּעראַטיווען, וועלכע פלעגען עקספּאָרטירען זייערע

גיבען אָב די געמיינדען אַ געוויסען שטח אויף פאַר פּרוכט־קולטור. און ענדליך, די שנעלע פערשפּרייטונג, וואָס איז אונלענגסט פאָרגע־קומען אין רוסלאַנד, פון קליינע מוסטער־פערמען, סעדער, גרינס־גערטנער און זייד־וואָרעם קולטור־פּלעצער — וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען ביי די דאָרף־שוהלען, אונטער דער ליטונג פון די שוהל־לעהרער, אָדער פון פריייוויליגע אָרגאַנאַמען — איז אויך אַ רעזולטאַט פון דער שטיצע, וואָס זיי האָבען בעקומען פון די דאָרף־געמיינדען.

אויסער דעם נעהמען די געמיינדען אונטער גאַנץ אָפט אַזוינע פּערמאַנענטע פערבעסערונגען, ווי דרענאַזש און בעוועסערונג. אַזוי צ. ב. ש. זיינען אין דריי אויעזדען פון מאָסקווער גובערניע — וועלכע זיינען אין אַ גרויסען טייל אינדוסטריאַליזירט — אויסגע־פיהרט געוואָרען אין די לעצטע 10 יאָהר דרענאַזש־ארבייטען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב אין ניט ווייניגער ווי פון 180 ביז 200 פערשיי־דענע דערפער, ביי וועלכע די געמיינדע־מענשען האָבען אַליין געאַר־בייט מיט זייערע גראַבאייזענס. אין אַן אַנדער ווינקעל פון רוס־לאַנד, אין די טרוקענע סטעפּעס פון נאָוואָאוזענסקי אויעזד, האָבען די געמיינדען אויסגעבויט איבער אַ טויזענד וואַסער־דאַמען פאַר זייערע טייכען און האָבען אויסגעגראָבען עטליכע הונדערט טיעפע ברינעמער. אין אַ רייכע דייטשע קאָלאָניע, ווייעדער, אין דרום־מזרח רוסלאַנד, האָבען די געמיינדע־לייט, מענער און פרויען צוגלייך, געאַרבייט פינף וואָכען כסדר אויפצובויען אַ וואַסער־דאַם, צוויי מייל די לענג, פאַר דעם צוועק פון בעוועסערונג. וואָס וואָלטען פעראיינ־צעלטע מענשען געקאָנט אויפטהאָן אין אַזאַ קאַמפּף געגען דעם טרוקענעם קלימאַט? וואָס וואָלטען זיי געקאָנט דערגרייכען יעדערער פאַר זיך, אין דער צייט ווען דרום־רוסלאַנד האָט געליטען פון דעם מירמעלטהיער־אַנשיקעניס, און אַלע איינוואוינער פון לאַנד, סיי רייכע, סיי אָרימע, געמיינדע־לייט און אינדיווידואַליסטען, האָבען געמוזט ארבייטען מיט די אייגענע הענד לויז צו ווערען פון דער

---

אייגענע בעסטע פּוטער און קויפען פּראָסטע פּוטער פאַר זייער אייגענעם געברויך אין סיביר. נאָך עטליכע יאָהר פון אַזוינע האַנדעלס־בעציהונגען, האָבען זיי איינגעפיהרט אייגענע מעלקערייען אין סיביר. איצטער איז דורך זייער אונטערנעהמונג אויסגעוואָקסען אין סיביר אַ גרויסער עקס־פּאָרט־האַנדעל.

צרה? די פּאָליציי קאָן אין אַזוינע זאכען ניט העלפען: פעראייניגונג איז די איינציג־מעגליכע תרופה.

נאָכדעם ווי איך האָב אזוי פיעל גערעדט וועגען דער געגענזייטיגער הילף און שטיצע, וואָס די ערד־ארבייטער פּראַקטיצירען אין די „ציוויליזירטע“ לענדער, געפין איך, אז איך וואָלט נאָך געקאָנט אָנפילען אַ גרויסען באַנד מיט ביישפּיעלען פון'ם לעבען פון הונדערטער מיליאָנען מענשען, וועלכע לעבען אויך אונטער דער אַפּעקונסטוואָ פון מעהר אָדער וועניגער צענטראַליזירטע שטאַאטען, אָבער זיינען ניט בעריהרט געוואָרען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע און די מאָדערנע אידעען. איך וואָלט געקאָנט בעשרייבען דאָס אינערליכע לעבען פון אַ טערקישען דאָרף און זיין נעצווערק פון בעוואונדערענסווערטהע געגענזייטיגער הילף־מנהגים און איינפיהרען. בלעטער איך איבער מיינע נאָטיצען, וואָס זיינען פול מיט ביישפּיעלען פון פּויערשען לעבען אויף קאַווקאַז, טרעף איך אָן העכסט ריהרענדע פאַקטען פון געגענזייטיגער שטיצע. איך געפין די אייגענע מנהגים אין דער אַראַבישער ד י ע מ מ אַ אַ און דער אפגאַנישער פּ ו ר ר אַ, אין די דערפער פון פערסיע, אינדיע און יאַווא, אין דער „ניט־צוטיילטער פאַמיליע“ פון די כינעזער, אין די לאַגערן פון די האַלבע נאָמאַדען פון צענטראַל־אַזיע און די נאָמאַדען פון ווייטען צפון. זוכענדיג צווישען די נאָטיצען, וואָס איך האָב גענומען אָהן אַ סדר פון דער ליטעראַטור וועגען אַפריקאַ, געפין איך זיי איבערפילט מיט עהנליכע פאַקטען — פון העלפער, וואָס ווערען צונויפגערופען אריינצונעהמען די תבואה פון פעלד, פון הייזער, וואָס ווערען געבויט מיט דער הילף פון אַלע איינוואוינער פון דאָרף (אָפטמאָל צו פעררעכטען דעם חורבן וואָס „ציוויליזירטע“ גזלנים האָבען ביי זיי געמאַכט), פון מענשען, וואָס העלפען איינער דעם אַנדערען אין אַן אונגליקספאַל, וואָס בעשיצען רייזענדע, און אַזוי ווייטער און ווייטער. און ווען איך לעז דורך אַזוינע ווערק ווי פּאָסט'ס קאָמפּענדיום פון אַפריקאַנישען געוועהנהייטס־רעכט, פערשטעה איך, פאַר וואָס די דאָזיגע בעפעלקערונגען זיינען זיך ניט צולאָפען אין די וועלדער, טראָץ אַלע טיראַנייען, אונטערדריקונגען, בערויבונגען און איבערפאַלען, טראָץ שטאַם־מלחמות, מענשענפרעסערישע קעניגען, בעטריגערישע מכשפים און פריעסטער,

שקלאווען־יעגער, און דערגליכען; פארוואס זיי האבען אויפגעהאל־
טען א געוויסע קולטור און זיינען פערבליבען מענשען, אנשטאט
ארונטערצופאלען צו דעם שטאנד פון ארום־אירענדע פאמיליעס פון
די אויסשטארבענדע אראנג־אוטאנס. דער פאקט איז ,אז די שקלאַ־
ווען־יעגער, די עלפאנט־ביין רויבער, די קריעגערישע קעניגען, די
מעטאבעלער און מאדאגאסקארער „העלדען“ פערגעהען, לאזענדיג
נאך זיך שפורען, וואס זיינען אנגעצייכענט מיט בלוט און פייער,
אבער דער קערן פון די געגענזייטיגע הילף אינסטיטוציעס, געוועהנ־
הייטען און מנהגים, וואס זיינען אויסגעוואקסען אין דעם שטאם און
אין דער דארף־געמיינדע, בלייבט. און אט דאס האלט די מענשען
פעראייניגט אין געזעלשאפטען, אפען פאר'ן פראגרעס פון ציוויליַ־
זאציע און גרייט אנצונעהמען דעם פראגרעס, ווען די צייט וועט
קומען, בעת זיי וועלען טאקע קריגען ציוויליזאציע אנשטאט קוילען.
דאס אייגענע קאן מען זאגען אויך וועגען אונזער ציוויליזירטער
וועלט. די נאטירליכע און די סאציאלע אומגליקען געהען פאריבער.
גאנצע בעפעלקערונגען ווערען פון צייט צו צייט פעראָרימט און פער־
הונגערט; די סאמע קוואלען פון לעבען ווערען פערניכטעט ביי
מיליאנען מענשען, וועלכע זיינען אריינגעווארפען געווארען אין דעם
שטאדטישען פאופעריזם; דער פערשטאנד און די געפיהלען פון
מיליאנען ווערען פער'סם'ט פון די לעהרען, וואס זיינען אויסגעאר־
ביים געווארען אין די אינטערעסען פון די וועניגע. דאס אלץ איז
גאנץ זיכער א טייל פון אונזער עקזיסטענץ. אבער דער קערן פון
די נעגענזייטיגער שטיצע אינסטיטוציעס, געוועהנהייטען און מנהגים
בלייבט לעבען אין די הערצער פון די מיליאנען; דאס האלט זיי
צוזאמען. און זיי האלטען זיך ליעבערסט ביי אט די מנהגים, גלויַ־
בענס און טראדיציעס, איידער אנצונעהמען די לעהרען פון א מלחמה
פון אלע אנטקעגען אלעמען, וועלכע ווערען זיי אונטערגעטראגען אין
דעם נאמען פון וויסענשאפט, אבער וועלכע זיינען לגמרי גאר ניט
קיין וויסענשאפט.

## קאפיטעל VIII

# געגענזייטיגע הילף אין היינטיגער געזעלשאַפט

## (פאָרטגעזעצט)

דאָס ענטשטעהן פון אַרבייטער־יוניאָנס, נאָכדעם ווי די גילדען זיינען פער־ניכטעט געוואָרען דורכ'ן שטאַאַט. — זייערע קאַמפפען. — געגענזייטיגע הילף אין סטרייקס. — קאָאָפּעראַציעס. — פרייע פעראייניגונגען פאַר פערשיידענע צוועקען. — זעלבסטאָפּפערונג. — אונצעהליגע פעראיינען פאַר צוזאַמען־ווירקען אויף אַלע מעגליכע געביעטען. — געגענזייטיגע הילף אין לעבען פון די אָרימסטע קוואַרטאַלען. — פּערזענליכע הילף.

בעטראַכטענדיג דאָס אַלטעגליכע לעבען פון די דאָרפישע בעפעלקערונגען פון אייראָפּאַ האָבען מיר געזעהן, אַז דאָס לעבען פון די פויערים, ניט קוקענדיג אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון די היינטיגע שטאַאַטען צו פערניכטען די דאָרף־געמיינדע, איז אינגאַנצען דורכגע־דרונגען מיט געוואוהנהייטען און מנהגים פון געגענזייטיגער הילף און שטיצע. מיר האָבען געפונען, אַז עס זיינען נאָך פערבליבען וויכ־טיגע שפּורען פון קאָמונאַלען ערד־בעזיץ, און אַזוי באַלד ווי די געזעצליכע שטערונגען , וואָס האָבען ניט דערלאָזען קיין דאָרפישע אַסאָציאַציעס, זיינען לעצטענס אָבגעשאַפט געוואָרען, האָט זיך שנעל פערשפּרייט אַ נעצווערק פון פרייע פעראייניגען פאַר אַלערליי עקאָ־נאָמישע צוועקען צווישען די פויערים ; און עס איז קלאָר, אַז די טענדענץ פון דער דאָזיגער יונגער בעוועגונג איז אויפצובויען עפּעס אַ מין פעראייניגונג, וואָס זאָל זיין עהנליך צו דער דאָרף־געמיינדע פון אַמאָליגע צייטען. צו אַט אַזוינע שלוסען זיינען מיר געקומען אין פאָריגען קאַפּיטעל, און איצטער דאַרפען מיר נאָך אונטערזוכען, וואָסערע אינסטיטוציעס פאַר געגענזייטיגער שטיצע קאָן מען געפי־נען אין היינטיגער צייט צווישען די אינדוסטריעלע בעפעלקערונגען.

די לעצטע דריי הונדערט יאָהר זיינען די אומשטענדען אין די שטעדט געווען פונקט אזוי אונגינסטיג פאר דעם וואקסען פון אזוינע אינסטיטוציעס, ווי זיי זיינען געווען אין די דערפער. עס איז פאקטיש גוט בעקאנט, אז בעת די מיטעלאלטערליכע שטעדט זיינען אונטערדריקט געוואָרען אין 16טען י. ה. דורך די וואקסענדע מיליטערשטאאטען, זיינען אלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען צוזאמענגעהאלטען די האנדווערקער, מייסטערס און סוחרים אין די גילדען און שטעדט, פערניכטעט געוואָרען מיט גרויסער אכזריות. די זעלבסטרעגיערונג און די זעלבסטשטענדיגע יוריסדיקציע פון די גילדען און פון די שטעדט זיינען אָבגעשאפט געוואָרען; די טרייהייט שבועה צווישען די ברידער פון א גילדע איז געוואָרען א קרימינאל־אקט אנטקעגען דעם שטאאט; דאָס אייגענטום פון די גילדען זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען אויפ'ן אייגענעם אופן, ווי די לענדערייען פון די דאָרף־געמיינדען; און דער שטאאט האָט אריינגענומען אין זיינע הענד די אינערליכע און טעכנישע אָרגאניזאציע פון יעדען געווערב. געזעצען, וואָס זיינען שטענדיג געוואָרען אלץ גרויזאמער, זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען, כדי ניט צו דערלאָזען קיין שום פעראייניגונג צווישען די האנדווערקער. פאר א געוויסער צייט האָט דער שטאאט נאָך געדולדעט עפּעס א שאָטען פון אַן אָרגאניזאציע ווי די אלטע גילדען זיינען געווען: סוחרי'שע גילדען האָבען געמעגט עקזיסטירען, אונטער דעם בעדינג זיי זאָלען פריי בעוויליגען געוויסע געלד־סומען פאר די קעניגען, און אייניגע האנדווערקער־גילדען האָט מען געלאָזט עקזיסטירען אלס אדמיניסטראטיווע אָרגאנען. אייניגע גילדען פון דעם סאָרט שלעפּען נאָך עד היום זייער בעדייטונגסלאָזע עקזיסטענץ. דאָס אָבער, וואָס איז פריהער געווען די לעבענס־קראפט פון דעם מיטעלאלטערליכען לעבען און אינדוסטריע, איז שוין לאנג פערלאָרען געגאנגען אונטער דער צעדריקענדער משא פון דעם צענטראליזירטען שטאאט.

אין ענגלאנד, דאָס לאנד וואָס קאָן דיענען אלס דער בעסטער ביישפּיעל פון דער אינדוסטריעלער פּאָליטיק פון די מאָדערנע שטאאטען, זעהען מיר, אז דער פּארלאמענט האָט שוין אין 15טען י. ה. אָנגעהויבען די צערשטערונג פון די גילדען, נאָר די שאַרפסטע מיטלען געגען זיי האָט ער ספּעציעל אָנגענומען דעם נעקסטען יאָהרהונדערט. הענרי דער 8טער האָט ניט נאָר רואינירט די

אָרגאַניזאַציע פון די גילדען, נאָר ער האָט אויך קאָנפיסקירט זייער אייגענטום, און, ווי טולמאַן סמיטה האָט געשריבען, מיט נאָך ווייניגער צערעמאָניעס און ענטשולדיגונג, איידער ער האָט ארויס־געוויזען בעת ער האָט קאָנפיסקירט די גיטער פון די מאָנאַסטירען.1) עדוואַרד דער 6טער האָט פערענדיגט זיין ארבייט, 2) און מיר געפינען שוין אין דער אַנדער העלפט פון 16טען י. ה., ווי דער פּאַרלאַמענט שליסט אַלע דיספּוטען צווישען די געווערקשאַפטס־לייט און די סוחרים, וועלכע פלעגען פריהער געשלאָסען ווערען אין יעדער שטאָדט בעזונדער. דער פּאַרלאַמענט און דער קעניג האָבען ניט נאָר געמאַכט געזעצען פאַר אַלע אַזוינע דיספּוטען, נאָר האַלטענדיג אין אויג די קרוין־אינטערעסען וואָס זיינען פערבונדען מיט די עקספּאָרטען, האָבען זיי באַלד אויך אָנגעהויבען בעשטימען וויפיעל לעהרלינגען עס דאַרפען זיין אין יעדען געווערב, און רעגולירען אין מינדסטען פּרט אפילו די טעכניק פון יעדער פאַבריקאַציע — דאָס געוויכט פון די שטאָפען, די צאָהל פעדים אין אַן אייל טוך, און דערגלייכען. מען מוז אָבער זאָגען, אַז זייער אריינמישען זיך האָט געהאַט גאָר ווינציג ערפאָלג, ווייל אַזוינע דיספּוטען און טעכנישע פראַגען, וועלכע פלעגען הונדערטע יאָהרען כסדר געשלאָסען ווערען דורך אַן אָבמאַך צווישען ענג־פערבונדענע גילדען און פעדערירטע שטעדט, ליעגען גאָר אינגאַנצען אויסער דער מאכט פון דעם צענטראַליזירטען שטאַאַט. דאָס שטענדיגע אריינ־מישען זיך פון די שטאַאַט־בעאַמטע האָט פּאַראַליזירט די געווערבען און לגמרי רואינירט די מעהרסטע פון זיי; און די פּאָליטישע עקאָנאָמען פון 18טען י. ה., וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען אַנטקעגען

---

1) טולמין סמיטה, „ענגליש גילדס", לאָנדאָן, 1870, ז. 43.

2) דער אַקט פון עדוואַרד דעם 6טען — דער ערשטער אַקט פון זיין ממשלה — האָט בעפוילען איבערגעבען דער קרוין „אַלע פריינדשאַפט־און ברודערשאַפט־פעראיינען און אַלע גילדען, וואָס געפינען זיך אין בערייך פון ענגלאַנד, וועלס און דעם קעניג'ס אַנדערע לענדער, ווי אויך אַלע לאַנדגיטער, גרונדשטיקער און אַנדערע ערבשטיקער, וואָס געהערען צו זיי אָדער צו וועמען עס איז פון זיי." דאָרט גופא. זעה אויך אָטשענקאָווסקי, „ענגלאַנד'סווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג אים אויס־גאַנג דעם מיטעלאַלטערס", יענא, 1879, קאַפּיטלען 2 און 5.

דעם שטאַאט'ס רעגולירען די אינדוסטריען, האָבען נאָר אויסגע־דריקט די אונצופריעדענהייט, וואָס איז דאַמאָלסט געווען ווייט פערשפרייט. דאָס וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָבגעשאַפט דאָס דאָזיגע אריינמישען זיך פון די ביוראָקראַטען אין דער אינדוסטריע, איז בעגריסט געוואָרען אַלס אַ בעפרייאונגס־אַקט, און די אנדערע לענדער האָבען באַלד זיך גענומען אַ ביישפּיעל פון פראַנקרייך.

קיין בעסערען ערפאָלג האָט דער שטאַאט ניט געהאַט אויך מיט דער רעגולירונג פון דעם ארבייטס־לוין. אין די מיטעלאַלטער־ליכע שטעדט, ווען דער אונטערשייד צווישען די מייסטערס און די לעהרלינגען אָדער געזעלען האָט זיך אָנגעהויבען צו־שאַרף ארויס־צווייזען אין 15טען י. ה., זיינען געשאַפען געוואָרען געזעלען־פערבאַנ־דען, וועלכע האָבען אָפטמאָל אָנגענומען אַן אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער, אַלס געגענמאַכט צו די פעראייניגען פון די מייסטערס און קויפליים. איצטער האָט דער שטאַאט זיך אונטערגענומען אויסצוגלייכען זייערע סכסוכים, און לויט דעם עליזאַבעטישען סטאַטוט פון יאָהר 1563, האָט דער פריעדענסריכטער געדאַרפט בעשטימען דעם ארבייטס־לוין אַזוי, עס זאָל גאַראַנטירען די געזעלען און לעהרלינגען אַ „בעקוועמען" לעבען. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אַז די ריכטער זיינען געווען אונבעהאָלפען אין מאַכען שלום צווישען די געגענגעזעצטע צדדים און האָבען קיין מאַכט ניט געהאַט צו צווינגען די מייסטערס זיי זאָלען פאָלגען זייערע בעשלו־סען. דאָס געזעץ איז ביסלעכווייז געוואָרען אַ טויטער בוכשטאַב, און איז אָבגעשאַפט געוואָרען סוף 18טען יאָהרהונדערט. אין דערזעלבער צייט אָבער, וואָס דער שטאַאט האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער פונקציע צו רעגולירען דעם ארבייטסלוין, האָט ער פונדעסטוועגען פאָרטגע־זעצט שטרענג צו פערבאָטען אַלע פעראייניגונגען, וואָס די געזעלען און לוין־ארבייטער האָבען אָרגאַניזירט, כדי צו פערגרעסערען זייער לוין, אָדער וועניגסטענס איהם ניט צו לאָזען פאַלען נידעריגער איידער אַ געוויסען גראַד. דורכ'ן גאַנצען 18טען י. ה. האָט דער שטאַאט געמאַכט געזעצען געגען די ארבייטער יוניאָנס, און אין יאָהר 1799 האָט ער ענדליך פערבאָטען אַלערליי סאָרטען פעראייני־גונגען, אונטער דער דראָהונג פון שווערע בעשטראָפונגען. פאַקטיש האָט דער בריטישער פּאַרלאַמענט געפאָלגט אין דעם פאַל דעם

ביישפיעל פון דעם פראנצויזישען רעוואָלוציאָנערען קאָנווענט, וועלכער האָט ארויסגעגעבען אין 1793טען יאָהר א דראקאָנישען געזעץ געגען אלע ארבייטער קאָאַליציעס — יעדע קאָאַליציע צווי־שען א געוויסער צאָהל בירגער האָט זיך גערעכענט ווי אַן אַטענטאַט אנטקעגען די סואווערעניטעט פון שטאאט, וועלכער האָט די עובדא, ווי עס האָט געהייסען, צו בעשיצען אלע זיינע אונטערטאַנען גלייך. די ארבייט פון פערניכטען די מיטעלאַלטערליכע יוניאָנס איז אויף דעם אופן געווען פאָלענדיגט. סיי אין שטאָדט, סיי אויפ'ן דאָרף האָט דער שטאאט געוועלטיגט איבער איינצעל־מענשען, וועלכע זיינען געווען קאַפּוואָס פערבונדען צווישען זיך, און איז געווען גרייט צו שטערען דורך די שטרענגסטע מיטלען די ווידער־אויפ־בויאונג פון וועלכע עס איז בעזונדערע פערבאַנדען צווישען זיי. אָט אזוינע בעדינגונגען זיינען עס געווען, אונטער וועלכע די טענדענץ צו געגענזייטיגער הילף האָט געדאַרפט זיך דורכלעגען א וועג אין 19טען יאָהרהונדערט.

איז דען נאָך נויטיג דאָ צו זאָגען, אז קיינע פון די דאָזיגע מיטלען האָבען ניט געקאָנט פערניכטען יענע טענדענץ? דורך דעם גאַנצען 18טען יאָהרהונדערט זיינען די ארבייטער־יוניאָנס שטענדיג ווידער אויפגעבויט געוואָרען.1) זיי האָבען ניט אויפגע־הערט צו עקזיסטירען אפילו אונטער די אכזריות'דיגע פערפאָלגונגען פון די געזעצען פון די יאָהרען 1797 און 1799. די ארבייטער האָבען אויסגענוצט יעדען פערזעהן פון געזעץ, יעדע געלעגענהייט, וואָס די מייסטערס האָבען דורכגעלאָזען און זיי ניט גע'מסר'ט, כדי אָנצור־האַלטען זייער אָרגאַניזאַציע. אונטער דער מאַסקע פון אונטער־שטיצונגס פעראיינען, בעערדיגונגס־געזעלשאַפטען, אָדער געהיימע ברודערשאַפטען, האָבען זיך די יוניאָנס פערשפּרייט אין דער אינ־דוסטריע פון די וועבער, צווישען די שעפּילדער מעסער־שמידען, די קויהלען־גרעבער, און עס האָבען זיך געבילדעט שטאַרקע פעדע־

1) זעה אין סידני וועב'ס ווערק וועגען די אַסאָסיאַציעס, וואָס האָ־בען עקזיסטירט אין יענער צייט. די לאָנדאָנער האַנדווערקער זיינען, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געווען בעסער אָרגאַניזירט, איידער אין די יאָה־רען 20—1810.

ראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, כדי צו שטיצען זייערע צווייגען אין צייט פון סטרייקס און פערפאָלגונגען.1)

דער צוריקרוף פון די געזעצען געגען פעראייניגונג (די „קאָמ־בינייישאָן לאָוס") אין יאָהר 1825 האָט געגעבען דער בעוועגונג אַ נייעם שטופּ. יוניאָנס און נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַלע טריידס,2) און ווען ראָבערט אָווען האָט געגרינדעט זיין „גראַנד נאַשיאָנאַל קאָנסאָלידייטעט טריידס־יוניאָן", האָט ער אין עטליכע מאָנאַט געקאָנט פערצייכענען אַ האַלבען מיליאָן מיטגליעדער. עס איז אמת, אַז אָט די פּעריאָדע פון פער־העלטניסמעסיגער פרייהייט האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. אין די דרייסיגער יאָהרען פון 19טען י. ה. האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען פערפאָלגונגען, און די בעקאַנטע גרויזאַמע פעראורטיילונגען פון דער צייט צווישען 1832 און 1848 זיינען געקומען באַלד נאָכדעם. די „גראַנד נאַשיאָנאַל יוניאָן" איז אויפגעלעזט געוואָרען, און איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען די פּריוואַט אונטערנעהמער, און די רעגיערונג אין איהרע אייגענע פאַבריקען, אָנגעהויבען צווינגען די אַרבייטער, אָבצורייסען אַלע פערבינדונגען מיט די יוניאָנס און אונטערצושריי־בען „דעם דאָקומענט", וואָס איז פערפאַסט געוואָרען פאַר דעם צוועק. יוניאָן־לייט זיינען פערפאָלגט געוואָרען אין די מאַסען אונטער דעם „מאַסטער ענד סערוואַנט אַקט", און עס איז גענוג געווען, אַז דער מייסטער זאָל אָנקלאָגען די אַרבייטער פאַר אַ כלומרשט שלעכטער אויפפיהרונג, מען זאָל זיי גלייך אַרעסטירען און פעראורטיילען.3) סטרייקס זיינען אונטערדריקט געוואָרען אויף אַן אויטאָקראַטישען אופן, און די שרעקליכסטע אורטיילען

---

1) זעה סידנעי און ביטריס וועב „חיסטאָרי אָוו טרייד־יוניאָניזם", לאָנדאָן, 1894, ז. 21—38.

2) „דהי נאַשיאָנאַל אַסאָסיאיישאָן פאָר דהי פּראָטעקשאָן אָוו לייבאָר" האָט איינגעשלאָסען אַן ערך פון 150 בעזונדערע יוניאָנס, וועלכע האָבען געצאָהלט הויכע בייטרעגע און האָבען געהאַט אַ מיטגליעדערשאַפט פון אַרום 100,000 אַרבייטער. די „בילדערס יוניאָן" און די „מיינערס יוניאָן" זיינען אויך געווען גרויסע אָרגאַניזאַציעס (וועב, דאָרט גופא, ז. 107).

3) איך האַלט זיך אָן וועב'ס ווערק, וועלכעס איז פול מיט דאָקומענ־טען, וואָס בעשטעטיגען זיינע אויספיהרונגען.

זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען פאַר דערקלערען אַ סטרייק, אָדער פאַר זיין אַ דעלעגאַט פון די סטרייקער — שוין ניט צו רעדען פון די מיליטערישע אונטערדריקונגען פון סטרייק־אויפשטאַנדען, אָדער פון די פעראורטיילונגען, וואָס זיינען געקומען נאָך די אָפטע אויס־ברוכען פון געוואַלדטהאַטען. פּראַקטיצירען געגענזייטיגע שטיצע אונטער אַזוינע אומשטענדען איז געוויס ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. און דאָך, ניט קוקענדיג אויף די אַלע שוועריגקייטען, וועלכע אונזער דור קאָן זיך קוים פאָרשטעלען, האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַן אויפלעבונג פון די יוניאָנס אין יאָהר 1841, און די צונויפשליסונג פון די ארבייטער איז זינט יעמאָלט שטענדיג געגאַנ־גען פאָרווערטס. נאָך אַ לאַנגען קאַמפּף, וואָס האָט אָנגעהאַלטען איבער הונדערט יאָהר, איז דאָס רעכט צו פעראייניגען זיך געוואונען געוואָרען, און איצט געהערען צו די טרייד־יוניאָנס כמעט אַ פערטעל פון אַלע רעגעלמעסיג־בעשעפטיגטע ארבייטער, ד. ה. אַן ערך א מיליאָן און אַ האַלב מענשען.1)

1) זינט די פערציגער יאָהרען זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדע־רונגען אין דער האַלטונג פון די רייכע קלאַסען צו די יוניאָנס. פונ־דעסטוועגען האָבען די באַסעס אפילו אין די זעכציגער יאָהרען געמאַכט אַ שטאַרקע פּראָבע מיט פעראייניגטע קרעפטען צו צוברעכען אַלע יוניאָנס דורך אַן אַלגעמיינעם לאָק־אויט, וואָס האָט בעריהרט גאַנצע בעפעלקערונ־גען. ביז דעם יאָהר 1869 איז דער איינפאַכער אָבמאַך צו סטרייקען און די דערקלערונג פון אַ סטרייק דורך פּלאַקאַרדען, שוין ניט צו רעדען ווע־גען פּיקעטען, אָפטמאָל בעשטראָפט געוואָרען, ווי פאַר דעם פערברעכען פון געוואַלט־דראָהונג. ערשט אין יאָהר 1875 איז דער „מאַסטער ענד סער־וואַנט אַקט" צוריקגערופען געוואָרען, פריעדליכעס פּיקעטען איז ערלויבט געוואָרען און „געוואַלט און דראָהונג" אין דער צייט פון אַ סטרייק איז ניט גערעכענט געוואָרען מעהר פאַר אַ ספּעציעלען פערברעכען, נאָר האָט געהערט צו דעם געביעט פון „קאָמאָן לאָו". דאָך האָט מען אפילו אין דעם דאָק־אַרבייטער סטרייק, אין יאָהר 1887, געמוזט אויסברענגען אונטער־שטיצונגס־געלדער אויף צו קעמפּפען אין די קאָורטס פאַר דעם רעכט צו פּיקעטען, און אין די פערפאָלגונגען פון די לעצטע עטליכע יאָהר שטעקט ווידער אַ געפאַהר, די ערשאָבערטע רעכט זאָלען ניט פערשווינדען ווי אַ חלום.

וואָס געהערט די אַנדערע אייראָפּעאישע שטאַאַטען, איז גענוג צו זאָגען, אַז ביז דאָ גאָר ניט לאַנג זיינען אַלערליי סאָרטען יוניאָנס בעשטראָפט געוואָרען ווי קאָנספּיראַציעס, און דאָך עקזיסטירען זיי אומעטום, ווען אפילו זיי מוזען אָפטמאָל אָננעהמען די פאָרם פון געהיימע געזעלשאַפטען. אין דער זעלבער צייט האָבען די סטרייקס פון די 90גער יאָהרען אונז געגעבען קלאָרע ביישפּיעלען פון דעם פערנעהם און כח פון די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל פון די „נייטס אָוו לייבאָר“ אין די פעראייניגטע שטאַאַטען און די אַרביי־טער פעראיינען אין בעלגיען. מען דאַרף אָבער אויסערדעם ניט פערגעסען, אַז דער פאַקט אַליין פון געהערען צו אַ יוניאָן, שוין אָבגעזעהן פון די פערפאָלגונגען, מיינט פאַר'ן ארבייטער ניט ווענינ אָפּפערען אין געלד, צייט און ניט־בעצאָהלטער אַרבייט, און עס שליסט אויך שטענדיג איין די ריזיקע צו פערלירען די אַרבייט נאָר דערפאַר אַליין, וואָס ער איז אַ יוניאָן־מאַן.1) דערצו איז נאָך דאָ דער סטרייק, אויף וועלכען דער יוניאָן־מאַן מוז אַלעמאָל זיין גע־פּאַסט, און די ביטערע ווירקליכקייט פון אַ סטרייק איז, וואָס דער קליינער קרעדיט פון ארבייטער'ס פאַמיליע ביים בעקער און קרעמער ווערט גיך אויסגעשעפּט, דער סטרייק־בענעפיט קלעקט ניט אפילו אויף ברויט, און דער הונגער לאָזט זיך באַלד אָנזעהן אויף די קינ־דערשע געזיכטער. פאַר דעם וואָס לעבט אין נאָהענטער בעריהרונג מיט די ארבייטער, איז אַ פערצווייגענער סטרייק אַ העכסט האַרצ־רייסענדעס בילד; און מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס אַ סטרייק האָט געמיינט פערציג יאָהר צוריק אין ענגלאַנד, און וואָס

---

1) אַ וועכענטליכער בייטראַג פון 6 פּענס, ווען דער פערדיענסט פון דער וואָך איז 18 שילינג, אָדער אַ בייטראַג פון אַ שילינג, ווען דער פער־דיענסט איז 25 שילינג אַ וואָך, מיינט אַ סך מעהר איידער געבען 9 פונט פון אַ וועכענטליכער הכנסה פון 300 פונט. דאָס רוב מיינט עס אָבּרייסען פון עסען; און ווען עס מאַכט זיך אַ סטרייק אין אַן אַנדער יוניאָן, מוז מען אָפט נאָך פערדאָפּלען דעם בייטראַג. די קלאָרע בעשרייבונג פון דעם טרייד־יוניאָן לעבען פון אַן אַרבייטער, וואָס ווערט געבראַכט אין דעם אויבענדערמאָנטען בוך פון מר. און מרס. וועב (ז. 431 און ווייטער) גיט אַן אויסגעצייכנטע אידעע וויפיעל אַרבייט עס פאָדערט זיך פון אַן ענג־לישען יוניאָן־מיטגליעד.

עס מיינט נאָך איצטער, אומעטום אין די ניט גאַנץ רייכע טיילען פון אייראָפּאַ. סטרייקס ענדיגען זיך שטענדיג, אפילו איצטער, מיט אַ פאַלשטענדיגער רואינירונג און מיט אַ געצוואונגענער עמיגראַציע פון גאַנצע בעפעלקערונגען; און דערצו, דערשיסען סטרייקער פאַר דער קלענסטער אורזאַך, אָדער גאָר אָהן אורזאַך,1) איז עד היום נאָך אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך אין אייראָפּאַ (און אַמעריקאַ).

און דאָך זיינען יעדען יאָהר פאַראַן טויזענדער סטרייקס און לאָק־אויטס אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ — די שווערסטע און פערצויגענסטע קאַמפּפען זיינען בדרך כלל די אַזוי אָנגערופענע „סימפּאַטיע סטרייקס“, אין וועלכע מען טרעט אַרויס צו שטיצען חברים אין אַ לאָק־אויט, אָדער צו שיצען די רעכט פון די יוניאָנס. און בעת אַ טייל פון דער פּרעסע איז גרייט צו דערקלערען, אַז סטרייקס ווערען אַרויסגערופען דורך „אָנשרעקונגען“, קאָן מען אָבער הערען, ווי די וואָס לעבען צווישען די סטרייקער, רעדען מיט בעוואונדערונג וועגען דער געגענזייטיגער הילף און שטיצע, וואָס זיי צייגען שטענדיג אַרויס. יעדערער האָט געהערט וועגען דער קאָלאָסאַלער מאַסע אַרבייט, וואָס פרייוויליגע אַרבייטער האָבען אויפגעטהאָן, אָרגאַניזירענדיג הילף אין דער צייט פון דעם לאָנדאָנער דאָק־אַרבייטער סטרייק; וועגען די מינען־אַרבייטער, וועלכע האָבען בייגעטראָגען, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַליין וואָכענלאַנג געגאַנגען ליידיג, פיער שילינג אַ וואָך צו דעם סטרייק־פאָנד, אַזוי באַלד ווי זיי האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען; וועגען דעם מינען־אַרבייטער׳ס אלמנה, וועלכע האָט געבראַכט אַלץ וואָס איהר מאַן האָט אָבגעשפּאָרט פאַר׳ן לעבען און עס אָבגעגעבען דעם סטרייק־פאָנד, בעת׳ן גרויסען אַרבייטער־קאַמפּף פון יאָרקשייר אין יאָהר 1894; וועגען דעם לעצטען לעבעל ברויט, מיט וועלכען דער אַרבייטער טיילט זיך אַמאָל מיט זיינע שכנים; וועגען די ראַדסטאָק מינען־אַרבייטער מיט זייערע גרינס־גערטנער, וועלכע האָבען איינגעלאַדען פיער הונדערט מינען־אַרבייטער פון בריסטאָל זיי זאָלען קומען נעהמען זייער חלק קאַר־

---

1) זעה די דעבאַטען וועגען דעם סטרייק פון פאַלקענאַי אין עסטרייך, פאַר דעם עסטרייכישען רייכסטאַג, דעם 10טען מאַי, 1894, וואו דער פאַקט איז פאָלשטענדיג אָנערקענט געוואָרען פון מיניסטעריום, ווי אויך פון דעם אייגענטימער פון דער מינע.

טאָפּעל און קרויט; און אַזוי ווייטער. אַלע צייטונגס־קאָרעספּאָנ־דענטען האָבען, אין פערלויף פון דעם גרויסען מיינער־סטרייק אין יאָרקשייר, אין 1894, געוואוסט פון אַ סך פון אַזוינע פאַקטען, הגם ניט אַלע קאָרעספּאָנדענטען האָבען געקאָנט שיקען בעריכטען פון אַזעלכע „זייטיגע“ זאַכען צו זייערע צייטונגען.1)

דער יוניאָניזם איז אָבער נאָך ניט די איינציגע פאָרם, אין וועל־כער עס דריקט זיך אויס דעם אַרבייטער׳ס בעדערפעניש פון געגענ־זייטיגער שטיצע. עס זיינען פאַראַן אחוץ דעם די פּאָליטישע פער־איינען, וועלכע פיעלע אַרבייטער בעטראַכטען אַלס וויכטיגער פאַר׳ן טובת הכלל, איידער די טרייד־יוניאָנס, וואָס האָבען היינטיגע צייטען גאַנץ בעשרענקטע אויפגאַבען. עס פערשטעהט זיך, דער פאַקט אַליין פון בעלאַנגען צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי קאָן נאָך ניט דיענען פאַר אַ בעווייז פון אַ געגענזייטיגער־הילף טענדענץ. מיר ווייסען אַלע, אַז די פּאָליטיק איז אַ פעלד, אויף וועלכען די ריין־עגאָיסטישע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט טרעטען אַריין אין העכסט פער־וויקעלטע קאָמבינאַציעס מיט אַלטרואיסטישע בעשטרעבונגען. אָבער יעדער ערפאַהרענער פּאָליטיקער ווייס, אַז אַלע גרויסע פּאָליטישע בעוועגונגען האָבען זיך אויפגעהויבען צוליעב גרויסע און אָפט גאַנץ ווייטע צוועקען, און די שטאַרקסטע בעוועגונגען זיינען געווען די, וועלכע האָבען אַרויסגערופען די גרעסטע ניט־פעראינטערעסירטע בעגייסטערונג. אַלע גרויסע היסטאָרישע בעוועגונגען טראָגען אָט דעם כאַראַקטער, און פאַר אונזער דור קאָן דער סאָציאַליזם דיענען אַלס ביישפּיעל פון אַזאַ בעוועגונג. „בעצאָהלטע אַגיטאַטאָרען“ — איז דאָס ליעבלינגס־ווערטעל פון די, וועלכע ווייסען גאַרנישט וועגען דער דאָזיגער בעוועגונג. דער אמת איז אָבער — און איך רעד נאָר פון דאָס, וואָס איך ווייס פערזענליך — אַז ווען איך וואָלט געפיהרט אַ טאָג־בוך פאַר די לעצטע 35 יאָהר, און וואָלט פערצייכענט אין איהם אַלע פאַקטען פון איבערגעבענקייט און זעלבסט־אויפאָפּפערונג, וואָס איך האָב בעגעגענט אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, וואָלט דער לעזער פון אַזאַ טאָג־בוך נאָכאַנאַנד געהאַלטען דאָס וואָרט

---

1) אַ סך אַזוינע פאַקטען קאָן מען געפינען אין דעם „דיילי כראָניקעל“ און טיילווייז אויך אין דעם „דיילי ניוס“ פון אָקטאָבער און נאָוועמבער פון יאָהר 1894.

„הערָאיזם“ אויף די ליפּען. די מענשען אָבער, וועגען וועלכע איך וואָלט דאַרטען געדעדט, זיינען ניט געווען קיין העלדען; זיי זיינען געווען געוועהנליכע מענשען, וואָס זיינען בעגייסטערט פאר א גרויסער אידעע. יעדע סאָציאַליסטישע ציימונג — און עס זיינען פאַראַן הונדערטער אין איירָאפּא אליין — האָט איהר געשיכטע פון יאָהרען פון אויפאָפּפערונג, אָהן יעדער האָפנונג אויף בעלוינונג, און אין דער גרעסטער מעהרהייט פון די פעלען, אפילו אָהן שום פערזענליכער אמביציע. איך האָב געזעהן פאמיליעס, וועלכע האָבען ניט געוואוסט מיט וואָס זיי וועלען דורכלעבען דעם מאָרגענדיגען טאָג — דער מאַן איז באָיקאָטירט פון אלעמען אין זיין קליין שטעדטעל פאר זיין מיטארבייטען אין דער ציימונג, און די פרוי האַלט אוים די פאמיליע מיט דעם ביסעל, וואָס זי קאָן פערדיענען פון נעהען — ווי זיי האָבען זיך אָבגעמאַטערט אזוי יאָהרען לאַנג, ביז וואַנען זיי האָבען געמוזט זיך צוריקציהען, זאָגענדיג צו די חברים, אָהן א שום קלאַנג פון פאַרוואורף: „טהוט איהר די ארבייט ווייטער; מיר קאָנען שוין מעהר ניט!“ איך האָב געזעהן מענשען, וואָס זיינען געווען קראַנק אויף שווינדזוכט און האָבען עס געוואוסט, און דאָך פלעגען זיי ארומלויפען אין שנעע און אין נאַסקייט פאַר־צובריימען פערזאמלונגען; קורץ פאר'ן טויט פלעגען זיי נאָך אליין האַלטען רעדעס, און צולעצט, בעת אזא ארבייטער האָט געמוזט אוועק אין שפּיטאָל, פלעגט ער זאָגען: „נו, פריינד, מיט מיר איז שוין אוים; די דאָקטוירים זאָגען, אז איך קאָן מעהר ניט לעבען ווי עטליכע וואָכען. זאָגט די חברים, אז עס וועט מיר זיין א פרייד, ווען זיי וועלען קומען מיך בעזוכען“. — איך האָב געזעהן פאַקטען, וועלכע מען וואָלט אָנגערופען „אידעאַליזירונג“, ווען איך וואָלט דאָ דערצעהלט וועגען זיי; און אפילו די נעמען פון די דאָזיגע מענשען, וועלכע זיינען כמעט געווען אונבעקאַנט, אחוץ אין דעם ענגען קרייז פון זייערע פריינד, וועלען באַלד פערגעסען ווערען, ווען זייערע פריינד וועלען אויך אוועקגעהן פון דער וועלט. באמת ווייס איך אליין ניט וואָס מען דאַרף מעהרער בעוואונדערען: די אונבעגרעניצטע איבערגעבענקייט פון אָט די איינצעלנע, אָדער די גאַנצע סומע פון קליינע איבערגעבענקייט־טהאַטען פון דער גרויסער מאַסע? יעדעס פּעקיל פערקויפטע ציימונגען, יעדע פערזאמלונג, יעדע הונדערט שטימען, וואָס זיינען געוואונען געוואָרען אין א

סאָציאַליסטישען וואהל־קאַמפּף, שטעלען מיט זיך פאָר אַזוי פיעל ענערגיע און אָפּפער, פון וועלכע דער זייטיגער מענש האָט קיין שום בעגריף ניט. און וואָס די סאָציאַליסטען טהוען איצטער, איז געטהאָן געוואָרען אין יעדער פאָרטשריטליכע און פאָלקס־פּארטיי, סיי פּאָליטישע, סיי רעליגיעזע, אין דער פערגאַנגענהייט. אַלע פריהערדיגע פאָרטשריטען זיינען אויפגעטהאָן געוואָרען דורך אַזוינע מענשען און דורך אַזאַ איבערגעבענקייט.

די קאָאָפּעראַציעס, דערהויפּט אין ענגלאַנד, ווערען אָפט בעשריבען אַלס אַ „אינדיווידואַליזם אויף אַקציעס"; און עס איז קיין ספק ניט, אַז אין זייער איצטיגער פאָרם העלפען זיי ענטוויקלען אַ קאָאָפּעראַטיווען עגאָיזם, ניט נור בנוגע דער געמיינשאַפט בכלל, נור אויך צווישען די מיטגליעדער גופא. עס איז אָבער פונדעסטוועגען זיכער, אַז אין אָנהויב האָט די בעוועגונג געטראָגען אַ כאַראַקטער פון גענענזייטיגער הילף. אפילו איצטער זיינען איהרע היציגסטע טהוער איבערצייגט, אַז קאָאָפּעראַציע פיהרט די מענשהייט צו אַ העכערער האַרמאָנישער שטופע פון עקאָנאָמישע בעציהונגען; און פערברענגענדיג אַ געוויסע צייט אין עטליכע פּלעצער פון צפון־ענגלאַנד, וואו די קאָאָפּעראַציעס זיינען בעזונדערס ענטוויקעלט, איז אונמעגליך ניט איינצוזעהן, אַז אַ גרויסע צאָהל פון די איינפאַכע מיטגליעדער האַלטען זיך אויך ביי דערזעלביגער מיינונג. די מעהרסטע פון זיי וואָלטען פערליערען זייער אינטערעס אין דער בעוועגונג, ווען זיי וואָלטען ניט געהאַט אָט דעם גלויבען; און מען מוז מודה זיין, אַז אין די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען צווישען די מיטגליעדער ברייטערע אידעאַלען פון אַן אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד און פון סאָלידאַריטעט צווישען די פּראָדוצירער. עס איז אָהן צווייפעל פאַראַן איצט אַ טענדענץ איינצופיהרען בעסערע בעציהונגען צווישען די אייגענטימער פון די קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען און די אַרבייטער.

די בעדייטונג פון קאָאָפּעראַציע אין ענגלאַנד, האָלאַנד און דענעמאַרק איז בעקאַנט, און אין דייטשלאַנד, דערהויפּט אויפ'ן רהיין, זיינען די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען שוין געוואָרען אַ

וויכטיגער פאקטאָר פון אינדוסטריעלען לעבען.1) רוסלאַנד אָבער איז אפשר דער בעסטער געביעט וואו צו שטודירען די קאָאָפעראַציע אין איהרע אונענדליך־פערשיידענע פאָרמען. אין רוסלאַנד איז עס אַ נאַטירליך געוויקס, אַ ירושה נאָך פון מיטעלאַלטער; און בעת אַ פאָרמעלע קאָאָפעראַטיווע געזעלשאַפט וואָלט זיך געדאַרפט ראַנגלען מיט אַ סך געזעצליכע שטערונגען און מיט דעם אונצוטרויען פון דער ביוראָקראַטיע, איז די ניט־פאָרמעלע קאָאָפעראַציע — דער אַ ר ט ע ל — דורכגעדרונגען אין עצם לעבען פונ׳ם רוסישען פויער. די געשיכטע „ווי מען האָט געשאַפען רוסלאַנד“ און ווי סיביר איז קאָלאָניזירט געוואָרען, איז די געשיכטע פון די יאַגד־ און האַנדעל־אַרטעלען אָדער גילדען, וועלכע האָבען געפיהרט צו די דאָרף־געמיינדען. איצטער געפינען מיר דעם אַרטעל אומעטום: אין יעדער גרופע פויערים, וועלכע געהט אוועק פון דעמזעלביגען דאָרף אויף אַרבייט אין פאַבריק, אין אַלע בוי־ווערק פאַכען, צווישען די פישער און די יעגער, ביי די אַרעסטאַנטען אויפ׳ן וועג קיין סיביר, ביי די פאַקענטרעגער אויף די אייזענבאַהנען, די שיק־יונגען פון דער בערזע, די אַרבייטער פון טאַמאָזשנע, אומעטום אין די דאָרף־אינדוסטריען, וועלכע בעשעפטיגען ביז זיעבען מיליאָן מענשען — מיט איין וואָרט, מיר געפינען די אַרטעלען פון קאָפ ביז די פיס פון דער אַרבייטס־וועלט, אי בעשטענדיגע אי צייטווייליגע, סיי פאַר פראָדוקציאָן, סיי פאַר קאָנזומציאָן אונטער זייערע אַלע מעגליכע פאָרמען. גרויסע אַרטעלען האַלטען עד היום אין אַרענדע אַ סך פיש־פאַנג פלעצער אויף די טייכען וואָס פאַלען אַריין אין קאַספּישען ים; דער טייך אוראַל געהערט צו אַלע אוראַלער קאָזאַקען, וועלכע טיילען איין און טיילען איבער די פאַנג־פלעצער — אפשר די רייכסטע אין דער וועלט — צווישען די דערפער, אָהן שום אַריינמישען זיך פון דער זייט פון דער רעגיערונג. דער פיש־פאַנג אויפ׳ן אוראַל, די וואָלגאַ און אַלע טייכען פון צפון־רוסלאַנד ווערט בעטריבען דורך אַרטעלען. אַחוץ אָט די בעשטענדיגע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַראַן גאָר אָהן אַ

1) די 31,473 פראָדוקטיווע־ און קאָנזומענטען־פעראיינען פון מיטעל־רהיין האָבען געוויזען אַרום דעם יאָהר 1890 אַ יעהרליכע הוצאה פון 18,437,500 פונט שטערלינג; 3,675,000 פונט זיינען בעוויליגט געוואָרען דורכ׳ן יאָהר אין הלוואות.

צאָהל צייטווייליגע ארטעלען, וואָס ווערען געשאפען פאר יעדען ספּעציעלען צוועק. ווען צעהן אָדער צוואַנציג פויערים פון א געוויסען געגענד קומען אין א גרויסער שטאָדט ארבייטען אלס וועבער, סטאָליארעס, מויערער, שיפ־בויער און דערגלייכען, אָרגאַניזירען זיי זיך אַלע אין אַן ארטעל. זיי דינגען א דירה, נעהמען א קעכין (זעהר אָפט שטעלט זיך טהאָן די ארבייט די פרוי פון איינעם פון זיי), קלייבען אויס א „סטאַראָסטא“, עסען אַלע אינאיינעם, און יעדער איינער צאָהלט זיין חלק פאר׳ן עסען און קווארטיר אין קאַסע פון ארטעל. א פּארטיי ארעסטאַנטען אויף׳ן וועג קיין סיביר טהוט אַלעמאָל אויך אַזוי, און דער סטאַראָסטא, וואָס זיי וועהלען אויס, איז דער אָפיציעל־אַנערקענטער פערמיטלער צווישען די ארעסטאַנטען און דעם מיליטערישען הויפּט פון דעם „קאָנוואָי“, וואָס פיהרט די ארעסטאַנטען. אין די קאַטאָרזשנע טורמעס האָבען די ארעסטירטע דיזעלביגע אָרגאַניזאַציע. די פּאַקען־טרעגער אויף די באַהנען, די שיק־יונגען פון דער בערזשע, די ארבייטער אויף׳ן טאַמאָזשנע, די שטאָדטישע שליחות־טרעגער, וואָס די אָרגאַניזאַציע איז פעראַנטוואָרטליך פאר יעדען מיטגליעדער, האָבען אַזאַ גוטע רעפּוטאַציע, אַז די סוחרים געטרויען אַן ארטעל־מיטגליעד די גרעסטע סומע געלד אָדער באַנק־פּאַפּירען. אין די בוי־ווערק פאַכען אָרגאַניזירען זיך ארטעלען פון 10 ביז 200 מיטגליעדער, און די גרויסע פּאָדריאַטשיקעס ציהען אַלעמאָל פאָר צו האָבען צו טהאָן מיט אַן ארטעל, איידער מיט בעזונדער־געדונגענע ארבייטער. די פּראָבע, וואָס דאָס קריעגס־מיניסטעריום האָט ניט לאַנג צוריק געמאַכט, אריינצוטרעטען אין דירעקטע בעציהונגען מיט פּראָדוקטיוו־ארטעלען, וואָס האָבען זיך אָרגאַניזירט אין די הויז־אינדוסטריען ספּעציעל צוליעב דעם צוועק, און זיי געבען א בעשטעלונג אויף שטיוועל און אַלערליי מעשענע און אייזערנע ארטיקלען, האָט זיך ארויסגעצייגט העכסט צופריעדענשטעלענד; אַזוי איז אויך די אייזענגיסעריי פון וואָטקינסק, וואָס די רעגיערונג האָט אָבגעגעבען אין ארענדע צו אַן ארבייטער־ארטעל, מיט א יאָהר זיעבען־אַכט צוריק, געוועזען א גרויסער ערפאָלג.

מיר קאָנען אָט אַזוי זעהן אין רוסלאַנד, ווי די אַלטע מיטעל־אַלטערליכע אינסטיטוציע, וועלכע דער שטאַאט האָט ניט געשטערט (ווענינגסטענס אין איהר ניט־פאָרמעלער ערשיינונג), איז געבליבען

לעבען עד היום און נעהמט אָן די פערשיידענסטע פאָרמען לויט די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער אינדוסטריע און האנדעל. וואָס געהערט די באלקאנען, דער טערקישער אימפעריע און קאווקאז, האָבען די אלטע גילדען זיך אויפגעהאלטען דאָרטען אינגאנצען. די „עס־נאפס" אין סערביען האָבען אינגאנצען אויפגעהאלטען זייער מיטעל־אלטערליכען כאראקטער: זיי שליסען איין אי די מייסטערס, אי די לוין־ארבייטער, זיי רעגולירען דעם פאך און זיינען אויך אינסטי־טוציעס פאר געגענזייטיגער שטיצע ביי דער ארבייט און אין פאל פון קראנקהייט.1) די „אמקארי" אויף קאווקאז, און דערהויפט אין טיפליס, האָבען נאָך אחוץ אָט די פונקציעס אויך א היבשען איינ־פלוס אויפ'ן מוניציפאלען לעבען.2)

אין פערבינדונג מיט די קאָאָפעראציעס האָב איך אפשר אויך געדארפט דערמאָנען די אונטערשטיצונגס פעראיינען, די „אָדד פעללאָוס" פעראיינען, די קלובען אין די דערפער און שטעדט צו בעזאָרגען מעדיצינישע בעהאנדלונג, די בעקליידונג־ און בעערדי־גונגס־פעראיינען, די קליינע פעראיינען וואָס ווערען אָפט אָרגאני־זירט צווישען די פאבריק־מיידלעך, וואו זיי צאָהלען איין עטליכע פענים א וואָך און דערנאָך ציהען זיי דורך א גורל די סומע פון א פונט שטערלינג, פאר וועלכער מען קען שוין עפּעס קויפען, און אזוי ווייטער. אין אלע אזוינע פעראיינען און קלובען קאָן מען געפינען א רעכט ביסעל געזעלשאפטליכקייט און לעבענס־פריידען, ווען אפילו דער „דעביט און קרעדיט" פון יעדען מיטגליעד ווערט גענוי אויס־גערעכענט. עס זיינען אָבער פאראן אזוי פיעל געזעלשאפטען, וואָס זיינען געבויט אויף דער גרייטקייט צו אָפּפערען צייט און געזונד, און אפילו דאָס לעבען, ווען נויטיג, אז מיר קאָנען פאָרברייגגען א סך ביישפּיעלען פון די בעסטע פאָרמען פון געגענזייטיגער שטיצע.

צום אלעם ערשטען מוז מען דאָ דערמאָנען די רעטונגס־שיף געזעלשאפט („לייפבאָאט אסאָסיאיישאָן") אין ענגלאנד און אנדערע

1) „בריטיש קאָנסולאר רעפּאָרט", אפּריל 1889.

2) א וויכטיגע פאָרשונג וועגען דעם ענין איז פערעפענטליכט גע־וואָרען אין רוסיש, אין די „זאפּיסקי" פון דער קאווקאזער געאָגראפישער געזעלשאפט, באנד VI 2, טיפליס, 1891, פון ק. עגיאזאראָוו.

עהנליכע אינסטיטוציעס אויפ'ן קאָנטינענט. די ענגלישע געזעל־שאַפט האָט איצט אריבער דריי הונדערט רעטונגס־שיפלעך אויף דעם ים־ברעג פון די ענגלישע אינזלען, און זי וואָלט איצט שוין געהאט צוויי מאָל אזוי פיעל שיפלעך, ווען די פישער־לייט וואָלטען ניט געווען אזוי אָרים, אז זיי האָבען ניט ביכולת זיי צו קויפען. די מאַנשאַפטען פון די שיפלעך בעשטעהען אָבער פון וואָלונטערען, וועמעס גרייטקייט צו אָפּפערען זייער לעבען כדי צו ראַטעווען מענ־שען, וועלכע זיינען זיי אַבסאָלוט פרעמד, האָלט יעדען יאָהר אויס די שטרענגסטע פּראָבע: יעדען ווינטער ווערען אייניגע פון די מוטיגסטע לעבענס־רעטער פערלאָרען אין די שטורעמדיגע וואסערען. און ווען מיר פרעגען אָט די מענשען, וואָס טרייבט זיי צו ריזיקירען זייער לעבען אפילו ווען עס איז ניטאָ קיין פערשטענדיגע אויסזיכט אויף ערפאָלג, איז זייער ענטפער אַ שטייגער אזוי: אַ שרעקליכער שנעע־שטורעם, וואָס האָט געטריבען איבער'ן לאַמאַנש, האָט געבור־שעוועט אויף דעם פלאַכען, זאַמדיגען ברעג פון אַ קליינעם דערפעל אין קענט, און אויפ'ן זאַמד ניט ווייט פונ'ם דערפעל האָט דער ים ארויסגעוואָרפען אַ קליינע איין־זעגעל שיף, וואָס איז געווען אָנגע־לאָדען מיט אַפּעלסינען. אין אָט די ניט־טיעפע וואסערען קאָן זיך נאָר האַלטען אַ פלאַך־דעקיגע לאָדקע פון אַ גאַנץ איינפאַכער ארט, און ארויסשיפען זיך אין איהר אין אזא שטורעם־ווינד האָט געהייסען זיך לאָזען אויף אַ במעט זיכערען טויט. און דאָך האָבען זיך די מענשען אַוועקגעלאָזט אין איהר, האָבען געקעמפּפט מיט'ן ווינד שטונדען לאַנג, און די לאָדקע האָט זיך צוויי מאָל איבערגעקעהרט. איין מאַן איז דערטרונקען געוואָרען, די אַנדערע האָט דאָס וואסער ארויסגעוואָרפען אויפ'ן ברעג. איינער פון אָט די ארויסגעוואָר־פענע, אַן אינטעליגענטער ברעג־וועכטער, איז אויף מאָרגען געפונען געוואָרען ליעגענדיג אַ צו'הרג'עטער און אַ האַלב פערפראָרענער אין שנעע. איך האָב איהם געפרעגט, ווי אזוי האָבען זיי זיך דאָס בעשלאָסען צו מאַכען אזא פערצווייפעלטען פערזוך? „איך ווייס אליין ניט" — איז געווען זיין ענטפער: — „דאָרטען אין ים האָבען זיך מענשען געטרונקען; דער גאַנצער דאָרף איז געשטאַנען אויפ'ן ברעג און אַלע האָבען געזאָגט, אז עס וואָלט געווען אַ משוגעת צו לאָזען זיך אויפ'ן ים, אז מיר וועלען קיינמאָל ניט קאָנען דורכשניי־דען די ברויזענדע וואַלען. מיר האָבען געזעהן פינף אָדער זעקס

מענשען אָנגעקלאַמערט אַן זעגעלבוים, וועלכע האָבען אונז געגעבען פערצווייפעלטע סיגנאַלען. מיר האָבען אַלע געפיהלט, אַז מען מוז עפּעס טהאָן פאַר זיי, אָבער וואָס האָבען מיר געקאָנט טהאָן? עס איז אַוועק איין שטונדע, צוויי שטונדען און מיר זיינען נאָך אַלץ דאָרט געשטאַנען. עס איז אונז אַלעמען געוועזן שווער אויפ'ן האַרצען. מיט איינמאָל האָט זיך אונז געדאַכט, אַז מיר הערען זייער געשריי דורכ'ן פייפען פון שטורעם־ווינד: זיי האָבען מיט זיך אַ קליין אינגעל. דאָס האָבען מיר שוין לענגער ניט געקאָנט אויסהאַלטען. „מיר מוזען געהן", האָבען מיר אלע אויף איין מאָל אויסגערופען. די ווייבער האָבען אויך אַזוי געזאָגט; זיי וואָלטען געקוקט אויף אונז ווי אויף פייגלינגע אויב מיר וואָלטען ניט געגאַנגען — הגם אויף מאָרגען האָבען זיי געזאָגט, אַז מיר זיינען געוועזן נאַרען, וואָס מיר זיינען געגאַנגען... ווי איין מאַן האָבען מיר זיך געוואָרפען אויף דער לאָדקע און זיך אַוועקגעלאָזט. די לאָדקע האָט זיך איבערגעקעהרט, אָבער מיר האָבען זי ווידער אויפגעשטעלט. דאָס ערגסטע איז געוועזן, ווען דער אומגליקליכער... האָט זיך דערטרונקען ביי דער זייט פון לאָדקע און מיר האָבען איהם בשום אופן ניט געקאָנט ראַטעווען. דאַן איז געקומען אַ מורא'דיגער וואַל, די לאָדקע האָט זיך ווידער איבערגעקעהרט און עס האָט אונז אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן ברעג. די מענשען פון שיף זיינען געראַטעוועט געוואָרען דורך די לאָדקע פון ד., און אונזער לאָדקע האָט מען געכאַפּט עטליכע מייל פון דאַנען. מיך האָט מען געפונען אויף מאָרגען אין שנעע."

דאָס אייגענע געפיהל האָט געטריבען די מינען־גרעבער פון רהאָנדאַ וואַלעי, ווען זיי זיינען געגאַנגען ראַטעווען זייערע חברים פון דער פערפלייצטער מינע. זיי האָבען געמוזט דורכקריכען אַ קופּה קויהלען פון 96 פוס דיק, כדי צוצוקומען צו זייערע לעבעדיג־בעגראָבענע חברים. אָבער ווען עס איז זיי נאָך געבליבן ,זוג צוקריכען 9 פוס, האָט זיי אַרומגעכאַפּט דער מינען־גאַז. זייערע לאָמפּען האָבען זיך אויסגעלאָשען און זיי האָבען זיך געמוזט צוריקציהען. אַרבייטען אונטער אַזוינע אומשטענדען האָט געהייסען ריזיקירען יעדען אויגענבליק צוריסען צו ווערען פון אַן עקספּלאָזיאָן. אָבער דאָס קלאַפּען פון די בעגראָבענע אַרבייטער האָט זיך נאָך אַלץ געהערט, די מענשען האָבען נאָך געלעבט און גערופען נאָך הילף, און עטליכע

מינען־ארבייטער האבען זיך פרייווילינ ארויסגערופען צו ריזיקירען מיט'ן לעבען און געהן זיי ראטעווען; און בעת זיי זיינען ארונטער אין דער מינע, האבען זייערע ווייבער זיי נאכגעקוקט מיט שטילע טרערען אין די אויגען — אבער קיין ווארט האבען זיי ניט געזאגט זיי אבצוהאלטען.

אט דאס איז דער תמצית פון דער מענשליכער פסיכאלאגיע. אחוץ אויפ'ן שלאכטפעלד, וואו מענשען ווערען צורייצט ביז משוגעת, „קאנען זיי ניט אריבערטראגען" אויפרופען נאך הילף, ביז וואנען זיי ענטפערען ניט אויף זיי. דער העלד געהט, און וואס דער העלד טהוט, פיהלען אלע, אז זיי מוזען עס אויך טהאן. די סאפיזמען פון מוח קאנען ניט בייקומען דעם געפיהל פון געגענזייטיגער הילף, ווייל דאס געפיהל האט זיך איינגעזויגען אין בלוט דורך טויזענדער יאהרען פון מענשליכען געזעלשאפטליכען לעבען און הונדערטער טויזענדער יאהרען פון פאר־מענשליכען לעבען אין געזעלשאפטען.

מען קאן אונז אבער פרעגען: „און וואס ווענסטו זאגען וועגען דעם פאל אין הייד־פארק, וואו מענשען זיינען דערטרונקען געווארען אין דעם סערפענטיין־טייך אין מיטען פון א גרויסען עולם, פון וועלכען קיינער האט זיך ניט א ריהר געטהאן זיי צו ראטעווען? אדער וואס קאן מען זאגען וועגען דעם קינד, וואס איז אריינגעפאלען אין רידזשענט'ס פארק קאנאל — אויך אין געגענווארט פון א יום־טוב'דיגען עולם — און איז געראטעט געווארען נור דורך דעם איינפאל פון א מיידעל, וואס האט אריינגעלאזען אין וואסער א ניופאנדלאנד הונד, וועלכער האט איהם ארויסגעשלעפט?" דער ענטפער אויף דעם איז גאנץ פשוט. דער מענש איז א פראדוקט אי פון זיינע מיטגעבוירענע אינסטינקטען, אי פון זיין ערציהונג. ביי די מינען־ארבייטער און די זעע־לייט רופען ארויס זייער געמיינשאפטליכע בעשעפטיגונג און זייער טאג־טעגליך נאהענטעם צוזאמענלעבען א געפיהל פון סאלידאריטעט, און די געפאהרען, וואס דינגלען זיי ארום, ערציהען אין זיי מוט און טאפפערקייט. פערקעהרט וויעדער, אין די שטעדט, וואו עס פעהלען אזוינע געמיינשאפטליכע אינטערעסען, האדעוועט זיך אויס א גלייכגילטיגקייט, און דער מוט און די טאפפערקייט, וועלכע האבען זעלטען א געלעגענהייט זיך ארויסצואווייזען, פערשווינדען אדער געהען אוועק אין אן אנדער ריכטונג. אחוץ דעם לעבט אין די דערפער פון די מינען־ארבייטער

און די פישער־לייט די טראַדיציע פון דעם העלד פון דער מינע און פון ים, אַרומגעוויקעלט אין אַ פּאָעטישען גלאַנץ. וואָסערע טראַ־דיציעס קאָן אָבער האָבען דער ערב־רב פון אַ לאָנדאָנער עולם? די איינציגע טראַדיציעס, וואָס זיי וואָלטען געקאָנט האָבען געמיינ־שאַפטליך, האָט געדאַרפט געשאַפען ווערען פון דער ליטעראַטור; אָבער אַזאַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיך פערגלייכען מיט די דאָרפישע העלדען־געשיכטען, איז כמעט ניט בנמצא. די גייסטליכע פליסען זיך נאָר צו בעווייזען, אַז אַלץ וואָס שטאַמט פון דער מענשליכער נאַטור איז זינדיג, און אַז אַל דאָס גוטס אין מענשען קומט פון אַן איבערנאַטירליכען אורשפּרונג, און זיי איגנאָרירען מעהרסטענטיילס די פאַקטען, וועלכע קאָנען זיי ניט דיענען פאַר אַ ביישפּיעל פון הימלישער בעגייסטערונג אָדער גאָט׳ס גנאָד. און וואָס געהערט די וועלטליכע שרייבער, איז זייער אויפמערקזאַמקייט געריכטעט נאָר אויף איין סאָרט העראָיזם — דער העראָיזם, וואָס פערשטאַרקט דעם געדאַנק פון שטאַאַט. זיי בעוואונדערען נאָר דעם רוימישען העלד, אָדער דעם סאָלדאַט אויפ׳ן שלאַכטפעלד, און געהען פערביי די העל־דישקייט פון פישער, ניט שענקענדיג איהם קיין שום אויפמערקזאַמ־קייט. דער דיכטער און דער מאַלער קאָנען נאַטירליך אַמאָל ווערען געריהרט פון דער שעהנקייט פון דעם מענשענ׳ס הארץ בכלל; אָבער זיי קענען נאָר זעלטען־ווען דאָס לעבען פון די אָרימע קלאַסען, און בעת זיי קאָנען בעזינגען אָדער מאָלען דעם רוימער אָדער דעם קריעגס־העלד אין דער קאָנווענציאָנעלער אומגעבונג, קאָנען זיי ניט איינדרוקספול בעזינגען אָדער מאָלען דעם העלד, וואָס בעגעהט זיינע העלדישקייטען אין די בעשיידענע אומגעבונגען, וועלכע זיינען זיי פרעמד. ווען זיי וואַגען דאָס צו טהאָן, קומט עס דערפאַר אַרויס נישט מעהר ווי אַ פּוסטע פראַזע.[1]

1) ענטלויפען פון אַ פראַנצויזישער טורמע איז זעהר שווער; אַמאָל אָבער האָט געטראָפען, אַז אַן אַרעסטאַנט איז אין יאָהר 1884 אָדער 1885 ענטלאָפען פון איינער פון די פראַנצויזישע טורמעס. עס האָט איהם אָבגעגאָלטען אויסצובעהאַלטען זיך דעם גאַנצען טאָג, אָבוואויל מען האָט באַלד געקלאַפּט טרעוואָגע און די פויערים פון דעם געגענד האָבען איהם אומעטום אַרומגעזוכט. דעם נעקסטען טאָג איז ער געלעגען פערבאָרגען אין אַ גראָבען, דערביי נעבען אַ קליינעם דערפעל. מעגליך אַז ער האָט

די אונצעהליגע פעראיינען, קלובען און פערבאנדען פאר די צוועקען פון צייט־פערטרייב, פון שטודיום און פארשונג, פון בילדונג און אזוי ווייטער, וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט אזויפיעל אויסגעוואקסען, אז עס וואלט גענומען יאהרען בלויז אויסצורעכענען זייערע נעמען, זיינען נאך אן אויסדרוק פון דער אייביג־ווירקענדער טענדענץ, וואס רופט די מענשען צו פעראייניגונג און גענענזייטיגער שטיצע. איניגע פון אט די פעראיינען, גלייך ווי די מחנות יונגע פויגלען פון פערשיידענע מינים, וואס קומען צוזאמען אין הערבסט, האבען דעם איינציגען צוועק צו געניסען דאס לעבען אינאיינעם. יעדער דארף אין ענגלאנד, דער שווייץ, דייטשלאנד און אזוי ווייטער,

---

געוואלט גנב'ענען עפעס עסען, אדער וועלכע עס איז קליידער, כדי צו קאנען ארומבווארפען פון זיך זיינע טורמע־קליידער. אזוי ווי ער איז געלעגען אין גראבען, האט דערווייל אויסגעבראכען א פייער אין דארף. ער האט געזעהן ווי א פרוי איז ארויסגעלאפען פון איינעם פון די ברענענדיגע הייזער און האט געהערט איהרע פערצווייפעלטע געשרייען, זיך בעטענדיג מען זאל ראטעווען איהר קינד אין אן אויבערשטען עטאזש פון א ברע־נענדיג הויז. קיין איינער האט זיך ניט אבגערופען. דאן איז דער ענטלאפענער ארעסטאנט ארויסגעשפרונגען פון זיין בעהעלטעניש, האט זיך אריינגעריסען אין פייער, און מיט א פער'שרפה'טען געזיכט און אנ־געצונדענע קליידער האט ער ארויסגעבראכט דאס קינד א לעבעדיגעס פון פייער און אבגעגעבען דער מוטער. פערשטעהט זיך, דער זשאנדארם, וועל־כער איז דערצו גלייך אנגעקומען, האט איהם באלד ארעסטירט אויפ'ן ארט. מען האט איהם אוועקגעפיהרט צוריק אין טורמע. אלע פראנ־צויזישע צייטונגען האבען בעשריעבען די פאסירונג, אבער קיינע פון זיי האט זיך ניט אינטערעסירט צו פערלאנגען אז מען זאל איהם בעפרייען. ווען ער וואלט בעשיצט א טורמע־וועכטער פון אן אנפאל פון זיינעם א חבר־ארעסטאנט, וואלט מען געמאכט פון איהם א העלד. אבער זיין טהאט איז נאר געווען מענשליך, זי האט דעם שטאאט־אידעאל ניט געבראכט קיין נוצען, ער אליין האט עס ניט צוגעשריבען צו א פלוצלימדיגע בעגייסטע־רונג פון גאט'ס גנאד — איז עס געווען גענוג מען זאל איהם גלייך פער־געסען. אפשר האט מען איהם נאך מוסיף געווען זעקס אדער צוועלף מאנאט טורמע פאר וואס ער האט גע'גנב'עט — דעם „שטאאטס אייגענטום" — די טורמע קליידער.

האָט זיינע קריקעט־, פוסבאָל־, טעניס־, קעגעל־, אָדער טויבען־
קלובען, מוזיקאַלע אָדער געזאַנג־פעראיינע. אַנדערע פעראיינען
זיינען נאָך מעהר פערשפּרייט, און אייניגע, ווי צום ביישפּיעל דער
פערבאַנד פון בייסיקל־פאָהרער, האָט פּלוצלינג זיך מורא'דיג ענט־
וויקעלט. הגם די מיטגליעדער פון אָט דעם פערבאַנד האָבען צווי־
שען זיך גאָר ניט געמיינשאַפטליכעס, אַחוץ זייער ליעבע צו פאָהרען
בייסיקל, האָט זיך שוין אויסגעבילדעט צווישען זיי א מין פריי־
מאַסאָנעריי פאַר געגענזייטיגער הילף, דערהויפּט אין די ווייטע, פער־
וואָרפענע העקען, וואו עס קומען ווייניג בייסיקליסטען צופאָהרען.
זיי קוקען אויף א „סי איי סי" קלוב (סייקליסטס' אַלייאַנס קלאָב)
אין אַ דאָרף, ווי אויף אַן אייגענער היים, און פיעלע פעסטע פריינד־
שאַפטען זיינען געשלאָסען געוואָרען אויף זייער יעהרליכען צונויפ־
פאָהר. די „קעגעל־ברידער" אין דייטשלאַנד זיינען אַן עהנליכע
געזעלשאַפט; אַזוי אויך די טורנ־פעראיינען (וועלכע האָבען 300,000
מיטגליעדער אין דייטשלאַנד), די ניט־פאָרמעלע ברודערשאַפט פון
רודערער (וואָס שיפען זיך אויף די טייכען) אין פראַנקרייך, די יאַכט־
קלובען, א. אַז. וו. אַזוינע פעראיינען, פערשטעהט זיך, ענדערען ניט
די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, זיי העלפען אָבער,
דערהויפּט אין די קליינע שטעדטלעך, צו פערגלעטען די סאָציאַלע
אונטערשיעדען, און אַזוי ווי זיי האָבען אַלע א טענדענץ צוזאַמענ־
צושליסען זיך אין גרויסע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פער־
באַנדען, העלפען זיי גאַנץ זיכער דעם וואוקס פון פערזענליכען
פריינדשאַפטליכען פערקעהר צווישען אַלערליי סאָרטען מענשען,
וואָס זיינען צושפּרייט אין אַלע טיילען פון דער וועלט.

די אַלפּען־פעראיינען, דער יאַגד־שוטץ־פעראיין אין דייטש־
לאַנד, וועלכער האָט אריבער 100,000 מיטגליעדער — יעגער, שטו־
דירטע וואַלד־קענער, זאָאָלאָגען און גלאַט נאַטור־ליעבהאָבער —
און די אינטערנאַציאָנאַלע אָרניטאָלאָגישע געזעלשאַפט, וועלכע
שליסט איין, זאָאָלאָגען, פויגעל־ציכטער און איינפאַכע דייטשע
פויערים, טראָגען אויך דעמזעלביגען כאַראַקטער. זיי האָבען ניט נאָר
אויפגעטהאָן אין עטליכע יאָהר א גרויסע מאָס זעהר ניצליכע אַר־
בייט, וואָס נאָר גרויסע געזעלשאַפטען קאָנען ריכטיג טהאָן (צונויפ־
שטעלען לאַנדקאַרטען, בויען שוטץ־הייזער, בערג־וועגען; פאָרשונ־

גען פון טהיער־לעבען, פון שעדליכע אינזעקטען, פון פויגעל־וואַנדערונגען א. אַז. וו.), נאָר זיי שאַפען אויך נייע פערבינדונגען צווישען מענשען. צוויי בערג־קלעטערער פון פערשיידענע נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע בעגעגענען זיך אין אַ שוטץ־הויז אויף קאַווקאַז, אָדער דער פּראָפעסאָר און דער פּויער, ביידע אָרניטאָלאָגען, וועלכע פערווילען אין איין הויז, זיינען שוין מעהר ניט קיין פרעמדע איינע מיט די אַנדערע. אַזוי אויך די „אַנקעל טאָבי'ס סאָסייעטי" פון ניו־קאַסעל, וועלכע האָט געווירקט אויף איבער 300,000 אינגלעך און מיידלעך זיי זאָלען קיינמאָל ניט פערניכטען די פויגעל־נעסטען און זאָלען זיך בעגעהן גוטהערציג מיט אַלע בעלי־חיים, האָט זיכער אויפגעטהאָן אַ סך מעהר פאַר דער ענטוויקלונג פון מענשליכע געפיהלען און צו שאַפען אַ געשמאַק פאַר נאַטור־וויסענשאַפט, איידער הונדערטער מאָראַל־פּרעדיגער און די מעהרסטע פון אונזערע שולען.

מיר קאָנען ניט אויסלאָזען, אפילו אין אָט דער שנעלער איבערזיכט, די טויזענדער וויסענשאַפטליכע, ליטעראַרישע, קינסטלערישע און בילדונגס־געזעלשאַפטען. ביז איצטער האָבען די וויסענשאַפטליכע קערפּערשאַפטען, וועלכע דער שטאַאט האָט גענוי קאָנטראָלירט און אָפט אויך אונטערשטיצט, זיך אין אַלגעמיין בעוועגט אין אַ גאַנץ ענגען קרייז, און אָפט האָט מען אויף זיי געקוקט איינפאַך ווי אויף געלעגענהייטען צו בעקומען אַ שטאַאט־שטעלע, בעת די שמאָלקייט גופא פון זייער קרייז האָט אָהן צווייפעל געפיהרט צו קליינליכע אייפערזוכט מחליקות. ביי דעם אַלעם איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז אפילו אַזוינע געזעלשאַפטען פערגלעטען אויך ביז אַ געוויסער מאָס די חלוקים פון יחוס, פון פּאָליטיק און פון רעליגיע; בעת אין די קלענערע און ווייטערע שטעדטלעך ווערען די וויסענשאַפטליכע, געאָגראַפישע אָדער מוזיקאַלישע געזעלשאַפטען, דערהויפּט יענע, וועלכע אַפּעלירען צו אַ גרעסערען קרייז פון אַמאַטערען, קליינע צענטערס פון אינטעלעקטועלען לעבען — אַ מין רינג, וואָס קייטעלט צוזאַמען דאָס ברעקעל שטעדטעל מיט דער גרויסער, ברייטער וועלט, און אַ פּלאַץ וואו מענשען פון זעהר פערשיידענע פּאָזיציעס בעגעגענען זיך אויף אַ גלייכען פוס. כדי צו קאָנען אָבשאַצען דעם פולען ווערטה פון אַזוינע צענטערס, מוז מען זיך בעקענען מיט זיי, צום ביישפּיעל, אין סיביר. וואָס געהערט די אונצעהליגע ערציהונגס און בילדונגס פעראיינען, וועלכע הויבען ערשט איצט אָן אַרונטער־

צוזעצען די מאָנאָפּאָל פון שטאאט און קירך איבער דער ערציהונג, איז גאנץ זיכער, אז זיי וועלען אין אַ קורצער צייט ווערען די הויפּט קראַפט אויף אַט דעם געביעט. די פריבעל פעראייגען האָבען מיר שוין צו פערדאנקען דעם קינדערגארטען סיסטעם, און די פיעלע פּאָרמעלע און ניט־פּאָרמעלע בילדונגס־געזעלשאפטען האָבען מיר צו פערדאנקען דעם הויכען מאסשטאב פון פרויען־בילדונג אין רוסלאנד, אבוואויל די דאָזיגע געזעלשאפטען און גרופען האָבען די גאנצע צייט געהאט צו קעמפפען געגען דעם ווידערשטאנד פון דער מעכטיגער רעגירונג. 1) עס איז בעקאַנט, אַז די פערשיידענע פעדאגאָגישע געזעלשאפטען אין דייטשלאנד האָבען אויפגעטהאָן פיעל גוטעס אין אויסארבייטען די הייניגע מעטאָדען ווי צו לערנען וויסענשאפטען אין די פּאָלקסשולען. אין די דאָזיגע געזעלשאפטען געפינען אויך די לעהרער זייער בעסטע שטיצע. ווי עלענד וואָלט דער איבערגעארבייטער און וועניג־בעצאָהלטער לעהרער זיך גע־פיהלט אָהן זייער הילף! 2)

---

1) דער מעדיצינישער אינסטיטוט פאר פרויען (וואָס האָט געגעבען רוסלאנד דאָס גרעסטע טייל פון איהרע 700 פרויען־דאָקטוירים), די פיער שולען וואָס רופען זיך „די העכערע פרויען־קורסען“, אין וועלכע עס זיינען געווען אין יאָהר 1887, ווען מען האָט זיי צוגעמאַכט, אַרום טויזענד סטודענטינס, (זיי זיינען ווידער געעפענט געוואָרען אין יאָהר 1895), און די העכערע קאָמערץ־שול פאר פרויען, זיינען דורכאויס אַ רעזולטאַט פון דער ארבייט פון די דאָזיגע פּריוואַטע געזעלשאַפטען. די זעלבע געזעלשאַפטען האָבען מיר צו פערדאנקען דעם הויכען מאַסשטאַב, וואָס די פרויען־גימנאַזיען האָבען דערגרייכט זינט זיי האָבען זיך גע־עפענט אין די 60יגער יאָהרען. די הונדערט גימנאַזיען, וואָס זיינען איצט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער אימפּעריע (מיט איבער 70,000 שילער), פערגלייכען זיך מיט די היי־סקולס פאר מיידלעך אין ענגלאַנד; אַלע לעהרער אָבער מוזען זיין געענדיגטע פון אוניווערזיטעטען.

2) דער „פעראיין פיר פערברייטונג געמיינניצליכער קענטניסע“, הגם ער צעהלט מעהר ווי 5,500 מיטגליעדער, האָט שוין געעפענט מעהר ווי 1000עפענטליכע און שול ביבליאָטעקען, האָט אָרגאַניזירט טויזענדע לעקציעס און האָט אָבגעדרוקט העכסט ווערטהפולע ביכער.

אַט די אַלע פעראיינען, געזעלשאַפטען, ברודערשאַפטען, פער־באַנדען, אינסטיטוטען און אַזוי ווייטער, וועלכע צעהלען זיך איצטער אין די צעהנדליגע טויזענדער אין איירָאָפּאַ אַליין, און פון וועלכע יעדער איינצעלנער פעראיין שטעלט מיט זיך פאַר אַן אונ־געהויערע סומע פון פרייוויליגע, אונאייגענווציגע און ניט־בעצאַהל־טע אָדער ניט־גענוג בעצאַהלטע ארבייט — וואָס זיינען זיי אויב ניט אַזויפיעל ערשיינונגען, אונטער אַן אונענדליכער פערשיידענהייט פון פאָרמען, פון דערזעלביגער אייביג־לעבענדער מענשליכער טענדענץ צו געגענזייטיגער הילף און אונטערשטיצונג? כמעט דריי הונדערט יאָהר האָט מען די מענשען ניט דערלאָזען פערבינדען זיך אַפילו פאַר ליטעראַרישע, קינסטלערישע און בילדונגס צוועקען. געזעלשאַפטען האָבען זיך געקאָנט אָרגאַניזירען נאָר מיט דעם וויסען און אונטער'ן שוץ פון דער רעגירונג אָדער פון דער קירך, אָדער זיי האָבען געמוזט עקזיסטירען אַלס געהיים־געזעלשאַפטען, אַ שטייגער ווי די פריי־מאַסאָנען. איצטער אָבער אַז דער ווידערשטאַנד פון שטאַאַט איז געבראָכען, וואַקסען זיי אויס אומעטום און כאַפּען ארום אַלע פיעל־זייטיגע צווייגען פון מענשליכער טהעטיגקייט. זיי הויבען אָן בעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער און העלפען בלי ספק — ביז אַזאַ גראַד, וואָס מיר האָבען ביז איצט נאָך ניט געקאָנט אָבשאַצען, — ארונטערצוברעכען די ווענט, וואָס די רעגירונגען האָבען אויפגעבויט צווישען די נאַציאָנאַליטעטען. טראָץ די קנאה, וואָס ווערט ערצויגען פון דער סוחרישער קאָנקורענץ, און טראָץ די שנאה, וואָס ווערט אַרויסגערופען דורך די רוחות פון אַ צעפוילטער פערגאַנגענהייט, וואַקסט דאָס בעוואוסטזיין פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט אי צווישען די לייטענדע גייסטער פון דער וועלט, אי צווישען די אַרבייטער־מאַסען, זינט זיי האָבען אויך געוואונען דאָס רעכט פון אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען. און עס איז דערביי קיין ספק ניט, אַז אַט דער גייסט פון סאָלידאַריטעט האָט געהאַט אַ געוויסען איינפלוס ניט צו דערלאָזען צו אַ אייראָפּעאישען קריעג אין די לעצטע דרייסיג יאָהר.

די רעליגיעזע וואוילטהעטיגקייט־פעראיינען, וועלכע שטעלען אויך פאַר מיט זיך אַ גאַנצע וועלט פון ארבייט, מוזען גאַנץ זיכער דאָ אויך דערמאָנט ווערען. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז די גרויסע מעהרהייט פון זייערע מיטגליעדער ווערען בעוועגט פון די

זעלביגע געגענזייטיגע הילף־געפיהלען, וועלכע ליעגען אין דער טבע פון דער גאנצער מענשהייט. ליידער ווילען די רעליגיעזע לעהרער פון די מענשען דוקא צושרייבען די דאָזיגע געפיהלען צו אַן איבער־נאַטירליכען מקור. פיעלע פון זיי מאַכען די בעהויפּטונג, אַז בעוואוסטזיניג געהאַרכט ניט דער מענש דעם רוף פון געגענזייטיגער הילף, כל זמן ער ווערט ניט אויפגעקלערט דורך די לעהרען פון דער בעשטימטער רעליגיאָן, וועלכע זיי פּערטרעטען, און די מייסטע פון זיי, אַזוי ווי סען אוגוסטין, ווילען ניט צוגעבען, אַז די „היידנישע ווילדע" בעזיצען אַזוינע געפיהלען. מעהר ווי דאָס, דאָס ערשטע קריסטענטום, ווי אַלע אַנדערע רעליגיאָנען, האָט אייגענטליך טאַקע אפּעלירט צו די ברייטע מענשליכע געפיהלען פון געגענזייטיגער הילף און סימפּאַטיע; די קריסטליכע קירך אָבער האָט געהאָלפען דעם שטאַאט אויסראָטען אַלע בעשטעהענדע אינסטיטוציעס פון געגענ־זייטיגער הילף און שטיצע, וועלכע זיינען עלטער פאר איהר, אָדער האָבען זיך ענטוויקעלט אויסער איהר. און אַנשטאָט געגענ־זייטיגער הילף, וואָס יעדער ווילדער רעכענט, אַז ער איז עס שולדיג זיין שטאַם־ברודער, האָט זי געפּרעדיגט צדקה, וועלכע טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ הימעלשער בעגייסטערונג און ממילא שליעסט עס איין אַ געוויסע גדלות אין דעם וואָס גיט, איבער דעם וואָס נעהמט. מיט אָט דער בעגרעניצונג, אָבער אָהן אַ שום כונה צו בעליידיגען יענע, וואָס האַלטען זיך פאַר אַן אויסדערוועהלטע קערפּערשאַפט, בעת זיי טהוען איינפאַך מענשליכע טהאַטען, מעגען מיר זיכער בעטראַכטען די זעהר גרויסע צאָהל רעליגיעזע וואויל־טהעטיגקייט־פעראיינען אַלס אַ פאָלגע פון דערזעלביגער געגענ־זייטיגער הילף־טענדענץ.

אָט די אַלע פאַקטען בעווייזען, אַז דאָס אונבעקימערטע האַבעוועןפאַר די פּערזענליכע אינטערעסען, ניט האָבענדיג קיין איינזעהעניש מיט די בעדערפעניסען פון אַנדערע מענשען, איז ניט דער איינציגער כאַראַקטער־שטריך פון היינטיגען לעבען. נעבען אָט דער עגאָאיסטישער שטרעמונג, וועלכע פאָדערט אַזוי גאוה׳דיג די ראָליע פון פיהרערשאַפט אין די מענשליכע עסקים, בעמערקען מיר אַ האַרטנעקיגען קאַמפּף פון די דאָרפישע און אַרבייטער־בעפעלקע־רונגען וויעדער איינצופיהרען בעשטענדיגע אינסטיטוציעס פון גע־

גענזייטיגער הילף און שטיצע: און מיר ענטדעקען א ווייט־פערשפרייטע בעוועגונג אין אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט, וואס שטרעבט איינצופיהרען אלע־ליי פערשיידענע, מעהר אדער וועניגער בעשטענדיגע, אינסטיטוציעס צוליעב דעמזעלביגען צוועק. אבער ווען מיר געהען איבער פון דעם עפענטליכען לעבען צום פריוואט־לעבען פון דעם היינטיגען מענשען, ענטדעקען מיר ווידער גאר א נייע, זעהר ברייטע וועלט פון געגענזייטיגער הילף און שטיצע, וועלכע געהט נאר דערפאר דורך אונבעמערקט פון די מעהרסטע סאציאלאגען, ווייל זי איז בעשרענקט אויף דעם ענגסטען קרייז פון דער פאמיליע און פערזענליכער פריינדשאפט. 1)

---

1) זעהר וועניגע סאציאלאגישע שרייבער האבען דעם ענין געשאנקען זייער אויפמערקזאמקייט. דר. איהערינג איז איינער פון זיי און זיין ארבייט איז זעהר לעהררייך. ווען אט דער גרויסער דייטשער יוריסט האט אנגעפאנגען זיין פילאסאפיש ווערק „דער צוועק אים רעכט“, האט ער געהאט בכונה צו אונטערזוכען „די טרייבקרעפטען, וועלכע רופען ארויס דעם געזעלשאפטליכען פארטשריט און האלטען איהם אויף“ און אויף דעם וועג געפינען „די טעאריע פון דעם געזעלשאפטליכען מענשען“. ער האט צוערשט אונטערזוכט די עגאאיסטישע קרעפטען, איינשליסענדיג דעם היינטיגען לוין־סיסטעם און דעם צוואנג אין די פערשיידענע פאליטישע און סאציאלע געזעצען. און לויט זיין גענוי־אויסגעארבייטען פלאן, האט ער געהאט בכונה אבצוגעבען דעם לעצטען פאראגראף פון זיין ווערק פאר די עטהישע קרעפטען — דעם פליכט־געפיהל פון געגענזייטיגער ליעבע — וועלכע דיענען דעמזעלביגען צוועק. ווען ער האט אבער גענומען אונטערזוכען די סאציאלע פונקציעס פון אט די צוויי פאקטארען, האט ער געמוזט אנשרייבען א צווייטען באנד, צוויי מאל אזוי גרויס ווי דער ערשטער, און דאך האט ער בעוויזען צו בעהאנדלען נישט מעהר ווי די פערזענליכע פאקטארען, פאר וועלכע מיר קאנען אין די ווייטערדיגע זייטען אבגעבען בלויז א פאר שורות. ל. דארגון האט בעהאנדעלט דעמזעלביגען געדאנק אין זיין בוך „עגאיזמוס אונד אלטרואיזמוס אין דער נאציאנאלעקאנאמיע“, לייפציג, 1885, און האט צוגעגעבען איניגע נייע פאקטען. ביכנער'ס „ליעבע“ און איניגע בעארבייטונגען פון דעם בוך, וואס זיינען ערשיענען אין ענגלאנד און אמעריקא, בעהאנדלען דעמזעלביגען ענין.

אונטער דעם היינטיגען געזעלשאַפטליכען סיסטעם זיינען אַלע פעראייניגונגס־בענדער צווישען די איינוואוינער פון איין גאַס אָדער איין נאַכבאַרשאַפט אויפגעלעזט געוואָרען. אין די רייכערע קוואַרטאַלען פון די גרעסערע שטעדט לעבען מענשען אינאיינעם און ווייסען אַפילו ניט ווער עס זיינען זייערע שכנים פון דער צווייטער טהיר. אין די גאַסען אָבער וואו די מאַסען וואוינען, קענען די מענשען איינער דעם אַנדערן זעהר גוט און קומען נאָכאַנאַנד אין געגענזייטיגער בעריהרונג. נאַטירליך, קליינליכע מחליקות קומען פאָר אין די געדיכטע געסלעך אַזוי גוט ווי אַנדערסוואו; עס וואַקסען אָבער אויס געוויסע גרופּירונגען לויט די פּערזענליכע נייגונגען, און אין אַזוינע קרייזען קומט פאָר אַזויפיעל געגענזייטיגע הילף, פון וועלכער די רייכערע קלאַסען האָבען קיין בעגריף ניט. ווען מיר קוקען זיך צו, צום ביישפּיעל, צו די קינדער פון אַן אָרימער נאַכבאַרשאַפט, וועלכע שפּיעלען זיך אויפ׳ן גאַס, אויפ׳ן קירך־הויף, אָדער אויף אַ פעלד, בעמערקען מיר גלייך, אַז עס עקזיסטירט צווישען זיי אַן ענגער צוזאַמענבונד, ווען אַפילו זיי רייסען זיך אַרום צווישען זיך; און אַז דער דאָזיגער צוזאַמענבונד בעשיצט זיי פון אַלערליי סאָרטען אומגליקען. זאָל אַ קינד זיך נייגעריג איינבויגען אַ קוק צו טהאָן איבער אַ גראָבען וואו מען לעגט אַ וואַסער־טרויב, שרייט גלייך אויס אַנאַנדער פּיצעל קינד: „געה אַוועק, ׳עסט קריגען די קדחות־פיבער פון דעם גראָבען!“ „ניט קלעטער דאָרטען אויפ׳ן וואַנד, דער באַהן ׳עט דיך איבערפאָהרען אויב דו׳סט אַרונטערפאַלען! געה ניט צו נאָהענט צו דער קאַנאַווע! עס ניט די יאַגדעס, ס׳איז סם — דו וועסט שטאַרבען!“ דאָס זיינען די ערשטע לעקציעס, וואָס דאָס קליינוואַרג בעקומט, ווען עס קומט זיך צונויף מיט זיינע חברים אין דרויסען. וויפיעל קינדער, וואָס זייערע שפּיעל־פּלעצער זיינען די טראָטוארען אַרום „די אַרבייטערס׳ מוסטער־הייזער“, אָדער די ברעגען פון טייך און די בריקען איבער די קאַנאַלען, וואָלטען איבערגעפאָהרען געוואָרען פון די וועגענער, אָדער וואָלטען דערטרונקען געוואָרען אין די שמוציגע וואַסערן, ווען עס וואָלט ניט געווען אָט דער סאָרט געגענזייטיגער הילף! און ווען עס טרעפט, אַז אַ בחור׳ל איז אַריינגעפאַלען אין אַ קאַנאַווע, אָדער אַ מיידעלע מיט לאַנגע צעפּלעך האָט זיך דאָך אַרונטערגעקולעט אין וואַסער אַריין, הויבען די חברה־קינדער אויף אַזאַ מין

געשריי, אַז די גאַנצע נאָכבאַרשאַפט לויפט זיך צונויף געבען הילף.

דאַן קומט דער פערבאַנד פון די מוטערס. „איהר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען" (האָט מיר אונלענגסט דערצעהלט אַ פרוי אַ דאָקטאָר, וועלכע וואוינט אין אַן אָרימער נאָכבאַרשאַפט) „וויפיעל זיי העלפען איינע די אַנדערע. ווען אַ פרוי האָט גאָרנישט צוגעגרייט, אָדער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צוצוגרייטען, פאַר'ן קינד וואָס זי האָט ערוואַרטעט — און ווי אָפט דאָס טרעפט! — ברייגגען אַלע שכנות, יעדערע עפּעס־וואָס, פאַר דעם ניי־געבוירענעם. איין שכנה פּאַסט אויף די קינדער, אַנאַנדערע קומט אַריין אַכטונג געבען אויפ'ן הויז, די גאַנצע צייט וואָס די מוטער ליעגט אין קינפּעט". דאָס איז אַ געוועהנליכע ערשיינונג; אַלע וואָס לעבען צווישען די אָרימע דערצעהלען וועגען דעם. מיט טויזענדערליי קליינינקייטען אונטערשטיצען די מוטערס איינע די אַנדערע און גיבען אַכטונג אויף פרעמדע קינדער. אַ דאַמע פון די רייכערע קלאַסען מוז זיך אויסלערנען אַ געוויסע איינגעהאַלטענקייט — צי עס איז גוט אַזוי, צי שלעכט, זאָלען זיי אַליין בעשליסען — צו קאָנען פערבייגעהן אַ דערפרוירען און הונגעריג קינד אין גאַס, ניט בעמערקענדיג עס. די מוטערס אָבער פון די אָרימערע קלאַסען האָבען עס זיך ניט אויסגעלערנט. זיי קאָנען ניט פערטראָגען דאָס אַנבליק פון אַ הונגעריגען קינד; זיי מוזען איהם געבען עסען, און זיי גיבען טאַקע. „ווען די שול־קינדער בעטען ברויט, איז זעלטען אַז די אָרימע זאָגען זיי אָב, אָדער ריכטיגער — זיי זאָגען זיי קיינמאָל ניט אָב", שרייבט מיר אַ פריינדין, וועלכע האָט עטליכע יאָהר געאַרבייט אין ווהייטשעפּעל, אין פערבינדונג מיט אַן אַרבייטער־קלוב. אָבער אפשר וועלען מיר בעסער געבען נאָך עטליכע אויסצוגען פון איהר בריעף: —

„אויפּפּאַסען אויף אַ קראַנקען שכן אָדער שכנה, ניט דערוואַרטענדיג די מינדסטע געצאָהלט דערפאַר, איז אַן אַלגעמיינער רעגעל צווישען די אַרבייטער. דאָסגלייכען, ווען אַ פרוי האָט קליינע קינדער און מוז געהן אַרבייטען, גיט אַנאַנדער מוטער אַכטונג אויף די קינדער."

„ווען די ארבייטער וואָלטען זיך איינער דעם אַנדערן ניט אויסגעהאָלפען, וואָלטען זיי גאָרניט געקאָנט עקזיסטירען. איך קען פאַמיליען, וועלכע העלפען איינער דעם אַנדערן נאָכאַנאַנד מיט געלד, מיט עסען, מיט קויהלען, וועלכע העלפען אויסהאָדעווען די קינדער, העלפען אין אַ צייט

פון קראַנקהייט, אָדער ווען איינער שטאַרבט אין דער פאַמיליע.“

„מיין און דיין“ ווערט אָבגעהיט אַ סך ווניגער צווישען די אָרימע, ווי ביי די רייכע. זיי באָרגען נאָכאַנאַנד איינער ביי דעם אַנדערן שיך, קליידער, היט א. ד. ג. זאַכען, וואָס זיי דארפען גלייך האָבען, ווי אויך אַלערליי ווירטשאַפט־כלים.“

„לעצטען ווינטער (אין יאָהר 1894) האָבען די מיטגליעדער פון פעראייניגטען ראַדיקאַלען קלוב צונויפגעקליבען צווישען זיך אַ ביסעל געלד און האָבען אָנגעפאנגען נאָך ניי־יאָהר צוטיילען פריי ברויט און זופּ די קינדער וואָס געהען אין שול. ביסלעכווייז איז די צאָהל קינדער געוואַקסען, ביז זיי האָבען געהאַט צו בעזאָרגען 1,800 קינדער. דאָס געלד איז געקומען פון זייטיגע מענשען, אָבער די גאַנצע ארבייט איז געטהאָן געוואָרען דורך די קלוב־מיטגליעדער. מאַנכע פון זיי, וועלכע זיינען געווען אויסער אַרבייט, פלעגען קומען פיער אוהר פאַר־טאָג וואַשען און שעהלען די גרינסען; פינף פרויען פלעגען קומען אַרום 9 אָדער 10 אַ זייגער (נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעטהאָן זייער הויז־אַרבייט) העלפען קאָכען, און פלעגען בלייבען ביז 6 אָדער 7 אוהר וואַשען די געשיר. און מיטאָג־צייט, צווישען צוועלף און האַלב נאָך איינס, פלעגען קומען פון צוואַנציג ביז דרייסיג אַרבייטער העלפען דערלאַנגען די זופּ, און זיינען געבליבען אַזוי לאַנג וויפיעל צייט זיי האָבען געקאָנט אָב־רייסען פון זייער מיטאָג־שטונדע. דאָס האָט אָנגעהאַלטען צוויי מאָנאַט. קיינער האָט קיין שום געצאָהלט ניט געקריגען.“

מיין פריינדין האָט מיר איבערגעגעבען אויף פערשיידענע איינצעל־פעלען, פון וועלכע איך קלייב דאָ אויס די מעהר טיפּישע:

„אַ מוטער האָט אָבגעגעבען איהר מיידעלע, אַנניע וו., אויף האָדע־וואַניע ביי אַן אַלטער פרוי אין ווילמאָנט סט. אין קורצען איז די מוטער געשטאָרבען, און די אַלטע פרוי, וועלכע איז אַליין געווען זעהר אָרים, האָט ווייטער געהאַלטען דאָס קינד אָהן אַ גראָשען געצאָהלט. ווען די אַלטע פרוי איז אויך געשטאָרבען, איז דאָס קינד, וואָס איז ערשט אַלט געווען בלויז פינף יאָהר, נאַטירליך געווען פערנאַכלעסיגט און אַרומ־געריסען; עס האָט זיך אָבער באַלד געפונען אַנאַנדער פרוי, מרס. ס., אַ שוסטער׳ס ווייב, מיט אייגענע זעקס קינדער, וועלכע האָט איהר צוגענומען צו זיך. אונלענגסט, ווען דער מאַן איז געווען קראַנק, האָט די גאַנצע פאַמיליע פּשוט ניט געהאַט גענוג צו עסען.

דאָ ניט לאנג האָט מרס. מ., אַ מוטער פון זעקס קינדער, אויפגעפּאַסט אויף מרס. מ—ג, וועלכע איז געלעגען קראַנק צו בעט, און האָט דאָס עלטסטע קינד גענומען צו זיך.... אָבער צי דען דאַרפט איהר אַזוינע פאַקטען? דאָס זיינען דאָך די געוועהנליכסטע זאַכען... איך קען אויך מרס. ד. (עס ווערט אָנגעגעבען דער אַדרעס), וועלכע האָט אַ נייה־מאַשין און נייהט נאָכאַנאַנד פאַר אַנדערע, קיינמאָל ניט נעהמענדיג קיין שום געצאָהלט, אָבוואויל זי האָט אַליין פינף קינדער און איהר מאַן צו בעגייהען... און אַזוי ווייטער."

עס איז קלאָר פאַר יעדען איינעם, וואָס קען וויפיעל עס איז דאָס לעבען פון דעם אַרבייטער־קלאַס, אַז ווען עס וואָלט ביי זיי ניט פאָרקומען קיין געגענזייטיגע הילף אין אַ גאַנץ גרויסען ערך, וואָלטען זיי קיינמאָל ניט געקאָנט זיך דורכשלאָגען דורך זייערע אַלע מאַטערנישען. עס איז נאָר אַ צופאַל, ווען אַן אַרבייטער־פאַמיליע קאָן אויסלעבען איהרע יאָהרען און ניט דורכמאַכען אַזוינע אומשטענדען, ווי אין דעם קריזיס, וואָס דער סטענגע־וועבער דזשאָזעף גוטטערידזש האָט בעשריבען אין זיין אויטאָביאָגראַפּיע. 1) אויב זיי געהען ניט אַלע צו גרונד אין אַזוינע פעלען, דאַרפען זיי עס פערדאַנקען דער געגענזייטיגער הילף. אין גוטטערידזשעס' פאַל האָט אַן אַלטע ניאַנקע, וועלכע איז אַליין געווען שרעקליך אָרים, זיך בעוויעזען פונקט אין דער צייט, ווען די פאַמיליע איז געזונקען אין אָבגרונד, און האָט געבראַכט ברויט, קויהלען און בעט־צייג, וועלכע זי האָט בעקומען אויף קרעדיט. אָבער אָהן דער דאָזיגער הילף פון אַנדערע אָרימע לייט, וויפיעל מעהר פאַמיליען וואָלטען יעדען יאָהר איינגאַנצען פערזונקען אין אָבגרונד! 2)

---

1) „ליכט און שאָטען אין'ם לעבען פון אַ האַנדווערקער" (ענגליש), קאָווענטרי, 1893.

2) פּועלע רייכע לייט קאָנען ניט פערשטעהן, ווי אַזוי די גאָר אָרימע קאָנען העלפען איינע די אַנדערע, ווייל זיי שטעלען זיך ניט פאָר פון וואָס פאַר אַ קליינער סומע שפּייז אָדער געלד עס הענגט אָפטמאָל אָב דאָס לעבען פון אַן אָרימאַן. לאָרד שעפטסבורי האָט פערשטאַנען די דאָזיגע שרעקליכע וואַרהייט, ווען ער האָט געגרינדעט דעם „פאָנד פאַר מיידלעך, וואָס פערקויפען בלומען און סאַלאַט" („פלאָווערס ענד וואָטער־קרעסס גערלס' פאָנד") צו לייהען די מיידלעך אַ הלואה פון אַ פונט

מר. פלימסאָל, וועלכער האָט געלעבט אַ געוויסע צייט צווישען די אָרימע אויף 7 שילינג, 6 פּענס אַ וואָך, האָט געמוזט מודה זיין, אַז די גוטהערציגע געפיהלען צו די אָרימע לייט, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבען זיין לעבען צווישען זיי, האָבען זיך געענדערט אויף „אַ האַרציגע אַכטונג און בעוואונדערונג". ווען ער האָט געזעהן, ווי די בעציהונגען צווישען די אָרימע זיינען דורכגעדרונגען מיט געגענזייטיגער הילף און אונטערשטיצונג, און האָט קענען געלערנט די איינפאַכע וועגען, אין וועלכע די דאָזיגע שטיצע ווערט געגעבען. נאָך אַן ערפאַהרונג פון פיעל יאָהרען איז ער געקומען צום שלוס, אַז: „ווען מען דענקט זיך איבער, איז אייגענטליך די גרעסטע מעהרהייט פון די אַרבייטער דיזעלביגע מענשען ווי די, צווישען וועלכע איך האָב געלעבט". 1) די ערציהונג פון יתומים, אַפילו אין

סטערלינג און מאַנכעס מאָל אויך צוויי פונט סט., כדי זיי זאָלען האָבען מיט וואָס צו קויפען אַ קאָרב מיט בלומען, ווען דער ווינטער קומט אָן און זיי געפינען זיך אין אַ טרויעריגער לאַגע. די הלואות האָט מען געגעבען מיידלעך, וועלכע האָבען „קיין סיקס פּענס ביי דער נשמה ניט געהאט", און דאָך האָבען זיי אַלעמאָל געקריגען אַנאַנדער קבצן, וואָס האָט ערב געווען פאַר זיי. „פון אַלע בעוועגונגען, אין וועלכע איך האָב אַנטייל גענומען, — האָט לאָרד שעפטסבורי געשריבען — האַלט איך דעם פאָנד פאר די בלומען־מיידלעך אַלס דעם ערפאָלגרייכסטען... ער האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1872, מיר האָבען געהאט פון 800 ביז 1000 אויסשטענדיגע הלואות, און מיר האָבען אין דער גאַנצער צייט קיין 50 פונט סט. ניט פערלאָרען... ווען עס איז געגאַנגען פערלאָרען — אונטער די אומשטענדען האָט עס גאָר אַ קליינעם בעטרעף — איז די סבה געווען קראנקהייט אָדער אַ טויט־פאַל, קיינמאָל ניט בעטרוג". („דהי לייף אנד וואָרק אָוו דהי סעווענטה עירל אָוו שאפטסבורי", פון עדווין האָדדער, באַנד III, ז. 322, לאָנדאָן, 6־1882) מעהר פאַקטען וועגען דעם פונקט קאָן מען געפינען אין טש. בוטה'ס „לייף אנד לייבאָר אין לאָנדאָן", באַנד I; אין מיסס בעאטריס פאָטטער'ס „פּיידזשעס פראָם אַ וואָרק גערל'ס דיואַרי" (נייננטינטה סענטיורי, סעפּט. 1888, ז. 310) און אַזוי ווייטער.

1) סאמועל פלימסאָן „אָור סימען", ביליגע אויסגאַבע, לאָנדאָן, 1870, ז. 110.

די אָרימסטע פאַמיליען, איז אַזאַ וווייט־פערשפּרייטער מנהג, אַז מען קאָן עס בעשרייבען אַלס אַן אַלגעמיינער רעגעל. אַזוי, צ. ב. ש., ביי די מינען־אַרבייטער האָט זיך אַרויסגעצייגט, נאָך די צוויי עקספּלאָזיאָנען אין וואָררען וועיל און אין לונד היל, אַז „כמעט אַ דריטעל פון די מענשען, וואָס זיינען דער'הרג'ט געוואָרען, האָבען אויסגעהאַלטען, ווי די בעזונדערע קאָמיסיעס האָבען פעסטגעשטעלט, אַנדערע קרובים אַ חוץ זייערע ווייבער און קינדער." „האָט איהר נאָכגעדענקט — פרעגט מר. פּלימסאָל — וואָס דאָס הייסט? די רייכע און די וואָוילהאַבענדע טהוען עס אויך גאַנץ געוויס. אָבער בעטראַכט נאָר דעם אונטערשיעד". בעטראַכט וואָס עס מיינט געבען אַ שילינג אויסצוהעלפען אַ חבר'ס אַלמנה, אָדער 6 פּענס צושטייער אויף די קאָסטען פון אַ לויה, פאַר אַן אַרבייטער, וואָס פערדיענט 16 שילינג אַ וואָך און האָט אַ ווייב מיט 5 אָדער 6 קינדער צו דערנעהרען. 1) אָבער אַזוינע בייטרעגע זיינען פון די מעשים בכל יום צווישען די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט, אַפילו אויף קלענערע זאַכען איידער אין טויטען־פעלען, און אויסהעלפען דעם אַנדערן מיט אַרבייט איז די געוועהנליכסטע זאַך אין זייער לעבען.

1) דאָרט גופא. פּלימסאָן לעגט צו: איך וויל ניט אַרונטערמאַכען די רייכע, אָבער איך מיין, אַז מען מעג צווייפלען, צי אָט די אייגענשאַפטען זיינען אַזוי פיעל ענטוויקעלט ביי זיי, ווי ביי די אָרימע. וואָרים הגם פיעלע פון זיי האָבען אָרימע קרובים, וועלכע מאָנען ביי זיי שטיצע, האָבען דאָך די דאָזיגע אייגענשאַפטען ניט אַזוינע אָפטע געלעגענהייטען צו ווערען אויסגעאיבט. עס זעהט אויס, אַז רייכקייט דערשטיקט אין אַ סך פעלען די מענשליכקייט פון די רייכע, און זייערע סימפּאַטיען ווערען, איך וועל ניט זאָגען פיעל שמעלער, אָבער זיי נעהמען אָן, אַזוי צו זאָגען, אַ קלאַסען־כאַראַקטער: זייערע סימפּאַטיען דערוועקען זיך נאָר פאַר די לײדען פון זייער אייגענעם קלאַס און אויך פאַר די ליידען פון מענשען, וואָס שטעהען אין אַ העכערן קלאַס פאַר זיי. זעלטען־ווען אַז זיי סימפּאַטיזירען מיט נידעריגערע פאַר זיך, און זיי זיינען אַ סך מעהר געניגט צו בעוואונדערן אַ געוויסע מוטהיגע טהאַט... איידער צו בעוואונדערן די שטענדיגע טאַפּפערקייט און גוטהערציגקייט, וועלכע זיינען די טאָג־טעגליכע שטריכען פון אַן ענגלישען אַרבייטער'ס

געווים פעהלען אויך ניט קיין האנדלונגען פון געגענזייטיגער הילף און שטיצע צווישען די רייכערע קלאסען. נאטירליך, ווען מען דענקט פון די אכזריות, וואס די רייכערע ארבייט־געבער ווייזען ארוים צו זייערע ארבייטער, פיהלט מען זיך געגוייגט צו ווערען זעהר שטארק פעסימיסטיש בנוגע דער מענשליכער נאטור. פיעלע מוזען נאך געדענקען די צארנדיגע פעראכטונג, וואס איז ארויס־גערופען געווארען בעת דעם גרויסען יארקשייר סטרייק פון יאהר 1894, ווען די מינען־בעזיצער האבען געריכטליך פערפאלגט איניגע אלטע מינען־ארבייטער, וועלכע האבען צונויפגעקליבען א ביסעל קויהלען פון א פערלאזענער שאכטע. און אפילו אז מיר זאלען שוין לאזען אן א זייט די שרעקליכע מעשים אין די צייטען פון קאמפף און בירגער־קריעג, ווי א שטייגער די אויסשלאכטונג פון טויזענדער ארעסטירטע ארבייטער נאכ'ן פאל פון דער פאריזער קאמונע — ווער קאן לעזען, צום ביישפיעל, ניט אויפציטערענדיג, די ענטדעקונגען פון די ארבייט־קאמיסיעס פון ענגלאנד אין די 40יגער יאהרען, אדער לארד שאפטסבורי'ס ווערטער וועגען „די שרעקליכע פערוויסטונגען פון מענשליכע לעבענס אין די פאבריקען, וואו מען האט געשיקט קינדער פון מושב עניים, אדער פשוט אויפ־געקויפט קינדער אין גאנצען לאנד צו פערקויפען זיי אלס שקלאפען צו דער פאבריק" 1) — ווער קאן דאס לעזען און ניט נשתומם ווערען פון דער ניעדעריגקייט, אויף וועלכער דער מענש איז פעהיג, ווען גרויסע פראפיטען שטעהען אין קאן? מען מוז אבער צוגעבען, אז עס איז ניט רעכט ארויפצוווארפען די גאנצע שולד פון אזוינע האנדלונגען אויף דער פערברעכערישקייט פון דער מענשליכער נאטור. זיינען דען ניט געווען די לעהרען פון די וויסענשאפטס־מענער, און אפילו פון א היבשען טייל פון די גייסטליכע, ביז דא גאר ניט לאנג, לעהרען וואס האבען איינגעפלאנצט אונצוטרויען, פעראכטונג און כמעט שנאה צו די ארימערע קלאסען? האבען ניט וויסענשאפטס־מענער געלערנט, אז זינט לייבאייגענשאפט איז אב־

לעבען" — און פונקט אזויפיעל פון דעם לעבען פון די ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט.

1) „לייף אוו דהי סעווענטה עירל אוו שאפטסבורי", פון עדווין האדדער, באנד I, ז. 137-38.

געשאפט געוואָרען איז אָרימקייט א סמן פון פערדאָרבענקייט? ווי וועניג פאָרשטעהער פון דער קירך האָבען געהאט דעם מוט צו טאדלען די קינדער־מערדער, און וויפיעל, פערקעהרט, האָבען געלערנט, אז די ליידען פון די אָרימע און אפילו די שקלאפעריי פון די ניגערס איז דער הייליגער ווילען פון דעם רבש״ע! איז ניט דער נאָנקאָנפאָרמיזם אין ענגלאנד געווען גרעסטענטיילס א פאָלקס־פראָטעסט אנטקעגען די אכזריות'דיגע בעהאנדלונג פון די אָרימע דורך די אָפיציעלע קירך?

מיט אזוינע גייסטיגע פיהרער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די געפיהלען פון די רייכערע קלאסען זיינען געוואָרען, ווי מר. פלימסאָל האָט בעמערקט, ניט אזויפיעל אָבגעטעמפט, ווי „אין קלאסען געטיילט“. זיי זיינען זעלטען אַרונטערגעגאנגען צו די אָרימע, פון וועמען די וואוילהאבענדע זיינען אָבגעטיילט דורך זייער אַרט לעבען, און וועמען זיי קענען איבערהויפט ניט פון דער בעסערער זייט אין זייער אַלטעגליכען לעבען. צווישען זיך אָבער — אַראָברעכענענדיג די ווירקונג פון דער געלדזוכט־ליידענשאפט און די אונזיניגע פערשווענדערייען, וואָס רייכקייט ברייגנט מיט — צווישען זיך, אין דעם קרייז פון דער פאמיליע און זייערע פריינד, פראקטיצירען די רייכע די אייגענע געגענזייטיגע הילף און שטיצע, ווי די אָרימע. דאָקטאָר איהערינג און ל. דארגון זיינען פאָל־שטענדיג גערעכט ווען זיי זאָגען, אז אויב מען וואָלט געקאָנט סטאטיסטיש אויסרעכענען די אַלע געלדער, וואָס געהען איבער פון איינעם צו דעם אַנדערן אין דער פאָרם פון גמילות חסדים און אונטערשטיצונג, וואָלט דער סך הכל געווען אונגעהויער גרויס, אפילו אין פערגלייך מיט די געשעפטען פון וועלט־האנדעל. און ווען מיר וואָלטען געקאָנט צולעגען צו דעם, ווי מען דארף עס זיכער טהאָן, אַלץ וואָס ווערט פערברויכט אויף גאסטפריינדשאפט, קליינע געגענ־זייטיגע טובות, אויף העלפען איינאָרדענען אַנדערע מענשען'ס עסקים, אויף מתנות און נדבות, וואָלטען מיר זיכער ערשטוינט געוואָרען פון זייער בעדייטונג אין דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע. אפילו אין דער וועלט, וואָס ווערט רעגירט פון דעם קאָמערציעלען עגאָיזם, בעווייזט אזא אויסדרוק ווי צ. ב. ש. „יענע פירמע האָט אונז בעהאנדעלט האַרטהערציג“, אַז עס גיט אויך א פריינדליכע בעהאַנדלונג, דער היפך פון דער האַרטהערציגער, ד. ה. דער שטרענג־

געזעצליכער בעהאנדלונג; און יעדער קאמערסאנט ווייס וויפיעל פירמעס עס ווערען יעדען יאהר געראטעוועט פון באנקראט דורך די פריינדליכע שטיצע פון אנדערע פירמעס.

וואס געהערט צו די צדקות און טובת הכלל־ארבייטען, וועלכע ווערען פרייוויליג געטהאן פון אזויפיעל וואוילהאבענדע פערזאנען, ווי פון די ארבייטער, און דערהויפט פון די פראפעסיאנעלע מענשען, ווייס יעדער איינער די ראליע, וואס די צוויי סארטען וואויל־טהאטען שפיעלען אין היינטיגען לעבען. אויב דער אמת'ער כאראקטער פון דעם סארט וואוילטהאט ווערט אפט פערשמוצט דורך דער שטרעבונג צו קריגען א נאמען, פאליטישע מאכט, אדער געזעלשאפטליכע אויסצייכענונג, קאן דאך קיין ספק ניט זיין, אז אין די מעהרסטע פעלען קומט דער טריעב פון די זעלביגע געגענ־זייטיגע הילף־געפיהלען. אפטמאל טרעפט, אז מענשען וועלכע האבען אנגעקליבען רייכטימער, געפינען ניט אין דעם די צופריעדענ־שטעלונג, וואס זיי האבען דערוואַרט. אנדערע ווידער הויבען אן צו פיהלען, אז וויפיעל די נאציאנאל־עקאנאמען זאלען ניט רעדען וועגען רייכקייט אלס די בעלוינונג פאר פעהיגקייט, איז דאך ז י י ע ר בעלוינונג צו א גרויסע. עס דערוועקט זיך אין זיי דאס בעוואוסטזיין פון דער מענשליכער סאלידאריטעט; און הגם דאס לעבען פון דער „הויכער" געזעלשאפט איז אזוי איינגעארדענט, אז עס פערשטיקט דעם דאזיגען געפיהל דורך טויזענדער קינסטליכע מיטלען, דאך טרעפט אמאל אז ער קריגט די אויבערהאנד, און דעמאלט זוכען זיי אן אויסגאנג פאר אט דער טיעפער מענשליכער בעדערפעניש און גיבען אוועק זייער פערמעגען אדער זייערע קרעפטען פאר עפעס א זאך, וואס וועט לויט זייער מיינונג דיענען צום נוצען פון כלל.

מיט איין וואָרט: ניט די פערניכטענדע קרעפטען פון דעם צענטראליזירטען שטאאט, און ניט די לעהרען פון געגענזייטיגען האס און אונדערבארימליכען קאמפף, וואס זיינען געקומען, בעפוצט אין א וויסענשאפטליכער בעקליידונג, פון דיענסטפערטיגע פילא־סאפען און סאציאלאגען, האבען ניט געקאנט אויסווארצלען דעם געפיהל פון מענשליכער סאלידאריטעט, וואס ליעגט אזוי טיעף אין דעם מענשענ'ס מוח און הארצען, ווייל דער געפיהל ציהט זיין יניקה פון דער גאנצער ביזאהעריגער ענטוויקלונג. דאס, וואס איז

א רעזולטאט פון דער ענטוויקלונג זינט איהרע גאר ערשטע שטופען, קאן ניט פערניכטעט ווערען פון איין ערשיינונג פון דערזעלביגער ענטוויקלונג. די בעדערפעניש פון געגענזייטיגער הילף און שטיצע, וואס האט די לעצטע צייט געפונען א מקום מקלט אין דעם ענגען קרייז פון דער פאמיליע, אדער צווישען די שכנים אין ארימען קווארטאל, אין דאָרף אדער ביי די געהיימע ארבייטער־פעראיינען, לאזט זיך וויעדער הערען אפילו אין אונזער היינטיגער געזעלשאפט, און מאנט איהרע רעכט צו זיין, ווי זי איז אלעמאל געוועזען, דער הויפט־פיהרער אויפ'ן וועג פון ווייטערדיגען פראגרעס. אט דאס זיינען די אויספיהרען, צו וועלכע מיר מוזען קומען, ווען מיר דענקען גרינדליך נאך די גרופען פאקטען, וואס זיינען בקיצור אויסגערעכענט געווארען אין די לעצטע צוויי קאפיטלען.

# שלום־וואָרט

ווען מיר נעהמען איצטער צונויף די לעהרען, וואָס מיר קאָנען ארויסטראָגען פון דער אונטערזוכונג פון דער היינטיגער געזעלשאפט, אינאיינעם מיט די פאקטען בנוגע דער וויכטיגקייט פון געגענזייטיגער הילף פאַר דער ענטוויקלונג פון דער טהיערען־וועלט און פון דער מענשהייט, קאָנען מיר ארויספיהרען פון אונזער פאָרשונג די פאָלגענדע שלוסען.

אין דער טהיערען־וועלט האָבען מיר געזעהן, אז די גרעסטע מעהרהייט פון די מינים לעבען אין געזעלשאפטען, און אז זיי געפינען אין דער פעראייניגונג די בעסטע וואָפען פאַר דעם קאמפף אום לעבען: נאטירליך, פערשטעהענדיג דעם אויסדרוק אין זיין ברייטען דארווינישען זין — ד. ה. ניט ווי א קאמפף פאַר די טרוקענע מיטלען פון עקזיסטענץ, נאָר ווי א קאמפף געגען אלע נאטירליכע אומשטענדען, וואָס זיינען אונגינסטיג פאַר דעם מין. די מינים בעלי חיים, ביי וועלכע דער אינדיווידועלער קאמפף פערנעהמט דעם קלענסטען פלאַץ און די געגענזייטיגע הילף האָט דערגרייכט די העכסטע ענטוויקלונג, זיינען אונבעדינגט די צאָהלרייכסטע, געפינען זיך אין דער בעסטער לאַגע און זיינען מעהר איידער אלע אנדערע גרייט פאַר ווייטערן פאָרטשריט. דער געגענזייטיגער שוץ, די מעגליכקייט צו גרייכען א הויכען עלטער און אנקלייבען ערפאהרונג, די העכערע גייסטיגע ענטוויקלונג און דער ווייטערער וואוקס פון געזעלשאפטליכע געוועהנהייטען, פערזיכערן דעם קיום פון דעם מין, זיין פערשפרייטונג אויף א גרעסערן געביעט און זיין ווייטערע פראָגרעסיווע ענטוויקלונג. פערקעהרט, וויעדער, די ניט־געזעלשאפטליכע מינים זיינען אין דער גרעסטער מעהרהייט פון די פעלען פעראורטיילט צום אונטערגעהן.

אריבערגעהענדיג דערנאָך צום מענשען, האָבען מיר געפונען, אז ער האָט געלעבט אין קלאנען און שטאמען שוין אין דעם גאָר ערשטען אָנהויב פון דער שטיין־צייט, אז ער האָט שוין ענטוויקעלט

א גאַנצע רייה פון געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס אויף זיין נידעריגער ווילדער שטופע, אין קלאַן און אין שטאַם; און מיר האָבען געפונען, אַז די גאַר ערשטע שטאַם־מנהגים און געוועהנהייטען האָבען געגעבען דער מענשהייט דעם קערן פון די אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרען די הויפּט־פאָרמען פון ווייטערן פאָרטשריט. פון דעם ווילדען שטאַם איז ארויסגעוואַקסען די באַרבאַרישע דאָרף־געמיינדע; דאַן האָט זיך ענטוויקעלט אַ נייער, ברייטערער קרייז פון געזעלשאַפטליכע מנהגים, איינפיהרען און אינסטיטוציעס, וועלכע לעבען נאָך טיילווייז אפילו איצטער, געבויט אויף די פּרינציפּען פון געמיינשאַפטליכען בעזיץ און פערטיידיגונג פון אַ געוויסען געביעט, אונטער דער יוריסדיקציע פון דער דאָרפישער פאָלקס־פערזאַמלונג און אין דער פעדעראַציע פון דערפער, וועלכע האָבען אַנגעהערט, אָדער האָבען געגלויבט אַז זיי האָבען אַנגעהערט, אָן איין פעלקערשאַפט. און ווען נייע פאָדערונגען האָבען מיטגעבראַכט די מענשען צו זוכען אַ נייעם וועג, האָבען זיי עם געפונען אין דער שטאָדט, וועלכע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ דאָפּעלטען נעצווערק: געביעט־איינהייטען (ד. ה. די דאָרף־געמיינדען) פערבונדען מיט די גילדען, וועלכע זיינען ענטשטאַנען פון דער געמיינזאַמער בעשעפטיגונג ביי אַ געוויסער קונסט־אָדער האַנד־ווערק, אָדער פאַר דעם צוועק פון געגענזייטיגער בעשיצונג און פערטיידיגונג.

און שליסליך האָבען מיר אין די לעצטע צוויי קאַפּיטלען געבראַכט פאַקטען צו בעווייזען, אַז הגם דאָס אויפקומען פון׳ם שטאַאט נאָך דעם מוסטער פון אימפּעריאליסטישען רוים האָט געמאַכט אַ געוואַלטזאַמען סוף פון אַלע מיטעלאַלטערליכע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבען געדיענט די צוועקען פון געגענזייטיגער שטיצע, האָט אָבער אָט די נייע פאָרם פון ציוויליזאַציע ניט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטען. דער שטאַאט, וואָס איז געבויט אויפ׳ן באַזיס פון ניט־פערבונדענע איינצעלנע מענשען, פאַר וועלכע ער וויל זיין דער איינציגער פעראייניגונגס־באַנד, האָט ניט דערפילט זיין צוועק. די טענדענץ צו געגענזייטיגער הילף האָט ענדליך צעבראָכען זיינע אייזערנע געזעצען; זי איז ערשיענען פון דאָס ניי און זיך ווידער אויסגעדריקט אין אַן אונענדליכער צאָהל פון פעראייניגונגען, וועלכע שטרעבען אומצופאַסען אַלע זייטען פון לעבען

און אַריינגעהמען אין זייערע הענד אַלץ, וואָס דער מענש האָט גויטיג צום לעבען און צו וויעדערשאַפען אַלץ, וואָס דאָס לעבען פערצעהרט.

מען וועט וואהרשיינליך איינווענדען געגען דעם, אַז אויב אַפילו די געגענזייטיגע הילף שטעלט מיט זיך יאָ פּאָר איינעם פון די פאַקטאָרען פון ענטוויקלונג, דעקט זי דאָך ניט מעהר ווי איין זייט פון די מענשליכע בעציהונגען; אַז נעבען אָט דער שטרעמונג, ווי מעכטיג זי זאָל ניט זיין, איז פאַראַן, און איז אַלעמאָל געווען, די אַנדער שטרעמונג — די זעלבסט־בעהויפּטונג פון דעם אינ־דיווידום, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין זיינע אָנשטרענ־גונגען צו געווינען פערזענליכע־אָדער קלאַסען־הערשאַפט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און גייסטיג, נאָר אויך אין זיין פיעל וויכטיגערער, הגם וועניגער דייטליכער, אויפגאַבע דורכצוברעכען די בענדער, מיט וועלכע דער שטאַם, די דאָרף־געמיינדע, די שטאָדט און דער שטאַאַט בינדען דעם איינצעלנעם, און וועלכע האָבען די טבע צו ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערהאַרטעוועט און שטייף. מיט אַנדערע ווערטער, מיר מוזען בעטראַכטען אויך אָט די זעלבסט־בעהויפּטונג פון דעם אינדיווידום אַלס אַ פּראָגרעסיווען עלעמענט.

עס איז קלאָר, אַז קיין איבערבליק איבער עוואָלוציע קאָן ניט זיין פאָלשטענדיג, סיידען מען זאָל אַנאַליזירען אָט די ביידע הער־שענדע שטרעמונגען. די זאַך איז אָבער, וואָס די זעלבסט־בעהויפּ־טונג פון׳ם אינדיווידום אָדער פון גרופּען אינדיווידומען, זייערע קאַמפּפען פאַר הערשאַפט און די קאָנפליקטען וואָס זיינען געקומען דערפון, זיינען שוין אַנאַליזירט און בעשריבען געוואָרען און אַפילו גלאָריפיצירט געוואָרען זינט די אוראַלטע צייטען. עס איז אַ פאַקט, אַז ביז דער לעצטער צייט האָט דוקא די שטרעמונג אַליין געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם עפּישען פּאָעט, דעם כראָניקער, דעם היסטאָריקער און דעם סאָציאָלאָג. די היסטאָריע, ווי זי איז ביז אהער געשריבען געוואָרען, איז כמעט אינגאַנצען אַ בעשרייבונג פון די מיטלען און וועגען, דורך וועלכע די טעאָקראַטיע, די מיליטערישע מאַכט, די אויטאָקראַטיע און שפּעטער די הערשאַפט פון די רייכע קלאַסען איז איינגעפיהרט, פעסטגעשטעלט און אויפגעהאַלטען געוואָרען. די קאַמפּפען צווישען אָט די קרעפטען שטעלען פאַקטיש צונויף דעם גאַנצען אינהאַלט פון דער געשיכטע. מיר קאָנען

דעריבער רעכענען, אז די בעדייטונג פון׳ם אינדיווידום אלס פאקטאר אין דער מענשליכער געשיכטע איז גענוג בעקאנט — הגם עס איז נאך געבליבען א סך פלאץ פאר א נייער אונטערזוכונג פון דעם ענין, לויט דעם פלאן וואס איז אקארשט אנגעוויזען געווארען. דאגעגען, דעם פאקטאר פון גענעגזייטיגער הילף האט מען ביז איצט גאר אין גאנצען פערזעהן: די שריפטשטעלער פון היינטיגען און עבר׳דיגען דור האבען עס פשוט אבגעלייקענט אדער אפילו אויסגעלאכט. דעריבער איז נויטיג געווען פריהער פאר אלץ צו בעווייזען די אונגעהויערע ראליע, וואס אט דער פאקטאר שפיעלט אין דער ענטוויקלונג אי פון דער טהיערען־וועלט, אי פון די מענשליכע געזעלשאפטען. און ערשט ווען דאס איז שוין פאלשטענדיג אנערקענט, וועט מען קאנען זיך נעהמען פערגלייכען די וויכטיגקייט פון דיביידע פאקטארען.

עס איז קלאר פון אויבען אויף, אז אבשאצען זייער פערהעלטניסמעסיגע בעדייטונג דורך א מעהר אדער ווייניגער סטאטיסטישער מעטאדע איז אונמעגליך. איין איינציגע מלחמה, ווי מיר אלע וויסען, קאן פערשאפען א סך מעהר שלעכטס, דירעקט און א צייט שפעטער, איידער הונדערטע יאהרען פון אונגעשטערטער טהעטיגקייט פון דעם געגענזייטיגען הילף־פרינציפ קאן ארויסברייגגען גוטעס. ווען מיר זעהען אבער, אז אין דער טהיער־ען־וועלט געהען פראגרעסיווע ענטוויקלונג און געגענזייטיגע הילף האנד אין האנד, בעת פערקעהרט, דער קאמפף אינערהאלב פון דעם מין געהט צוזאמען מיט א רעגרעסיווער ענטוויקלונג; ווען מיר בעמערקען ווידער, אז ביים מענשען איז אפילו דער ערפאלג אין קאמפף און מלחמה פראפארציאנעל אבהענגיג פון דער ענטוויקלונג פון געגענזייטיגער הילף אין יעדער פון די צוויי קעמפפענדע נאציאנען, שטעדט, פארטייען אדער שטאמען, און אז אין פראצעס פון ענטוויקלונג האט אפילו די מלחמה גופא (אויף ווי ווייט זי קאן ווירקען אין דער ריכטונג) געדיענט די צוועקען פון געגענזייטיגער הילף אין דער נאציאן, אין שטאדט אדער אין שטאם — קאנען מיר שוין בעקומען א בעגריף וועגען דעם הערשענדען איינפלוס פון דעם פאקטאר פון געגענזייטיגער הילף אלס אן עלעמענט פון פראגרעס. אבער מיר זעהען אויך, אז די געגענזייטיגע הילף און איהרע כסדר׳דיגע ענטוויקלונגען האבען בעשאפען די ריכטיגע צושטאנדען

פון געזעלשאַפטס־לעבען, אין וועלכע דער מענש האָט בעקומען די מעגליכקייט אויסצובילדען זיינע קונסט־ווערק, זיין וויסען און זיין גייסט; און אַז די פעריאָדען, ווען די אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געבויט אויף דער טענדענץ פון געגענזייטיגער הילף האָבען געגרייכט זייער העכסטע ענטוויקלונג, זיינען אויך געווען די פעריאָדען פון גרעסטען פּראָגרעס אין קונסט, אינדוסטריע און וויסענשאַפט. אין דער ווירקליכקייט בעווייזט אונז די פאָרשונג פון דעם אינערליכען לעבען פון די מיטעלאַלטערליכע שטעדט און פון די אַלטע גריכישע שטעדט, אַז די קאָמבינאַציע פון געגענזייטיגער הילף, ווי זי האָט זיך פּראַקטיצירט אין דער גילדע און אין דעם גריכישען קלאַן, מיט אַ ברייטער איניציאַטיווע, וואָס איז געבליבען פאַר'ן אינדי־ווידום און דער גרופּע, מחמת דעם פעדעראַטיווען פּרינציפּ, האָבען געגעבען דער מענשהייט די צוויי גרעסטע פעריאָדען פון איהר געשיכטע — די אַלטע גריכישע שטאָדט און די פעריאָדע פון די מיטעלאַלטערליכע שטעדט; בעת פערקעהרט, די פערניכטונג פון יענע אינסטיטוציעס אין די שפּעטערדיגע שטאַאַט־פעריאָדען פון דער געשיכטע, שטימט אין ביידע פעלען מיט דעם אריינטרעטען פון אַ שנעלען אונטערגאַנג.

וואָס געהערט דעם ראַשיגען אינדוסטריעלען פאָרטשריט, וואָס איז פאָרגעקומען אין 19טען י. ה. און וועלכען מען בעצייכענט גע־וועהנליך אַלס אַ טריאומף פון די פּרינציפּען פון אינדיווידואַליזם און קאָנקורענץ, איז גאַנץ זיכער, אַז דער דאָזיגער פאָרטשריט האָט אַ פּיעל טיעפערען אורשפּרונג. נאָכדעם ווי עס זיינען געמאַכט געוואָרען די גרויסע ענטדעקונגען פון 15טען י. ה., דערהויפּט די ענטדעקונג פון לופט־דרוק, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַ רייהע פאָרטשריטען אין פיזיקע — און זיי זיינען געמאַכט געוואָרען אונ־טער דער אָרגאַניזאַציע פון דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט — נאָכדעם ווי אָט די ענטדעקונגען זיינען געמאַכט געוואָרען, האָט שוין נויטיגערווייז געמוזט קומען די ערפינדונג פון דער דאַמפּף־מאַשין מיט דער גאַנצער רעוואָלוציע, וואָס די עראָבערונגען פון אַ נייער מאַכט בריינגט מיט זיך מיט. ווען די מיטעלאַלטערליכע שטעדט וואָלטען דערלעבט צוצופיהרען זייערע ענטדעקונגען צו דעם פּונקט, וואָלטען די עטישע פאָלגען פון דער רעוואָלוציע, וואָס די דאַמפּף־מאַשין האָט מיטגעבראַכט, געווען גאַנץ אַנדערע, אָבער די רעוואָ־

לוציע אליין פון דער טעכניק און וויסענשאפט וואלט אונבעדינגט געוועזן דיזעלביגע. אין דער אמת'ן איז עס נאך אן אפענע פראגע, צי דער אלגעמיינער אונטערגאנג פון די אינדוסטריען, וואס איז געקומען נאך דער פערניכטונג פון די פרייע שטעדט, און האט זיך דער עיקר געלאזט מערקען אין ערשטען טייל פון 18טען י. ה., האט ניט א רעכט ביסעל אבגעהאלטען דאס אנקומען פון דער דאמפף־מאשין מיט דער גאנצער שפעטערדיגער אינדוסטריעלער רעוואלוציע. ווען מיר בעטראכטען די ערשטוינענדע שנעלקייט פון אינדוסט־ריעלען פארטשריט פון דעם 12טען ביז'ן 15טען י. ה. — אין וועבעריי, מעטאל־ארבייט, ארכיטעקטור און נאוויגאציע — און קלע־רען איבער צו וועלכע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען דער דאזיגער פארטשריט האט געפיהרט ביים סוף פון 15טען י. ה. — מוזען מיר זיך פרעגען, צי האט ניט די אלגעמיינע אבשוואכונג פון קונסט און אינדוסטריע אין אייראפא נאכ'ן אונטערגאנג פון דער מיטעלאלטער־ליכער ציוויליזאציע, אדרבא גאר געשטערט די מענשהייט צו ציהען אלע מעגליכע נוצען פון יענע וויסענשאפטליכע ערגאבערונגען. דאס וואס עס איז פערשוואונדען דער קינסטלער־האנדווערקער, אדער דאס וואס גרויסע שטעדט זיינען רואינירט געווארען און דער פער־קעהר צווישען זיי איז אבגעשטארבען, האט אודאי ניט געקאנט העלפען דער אינדוסטריעלער רעוואלוציע; און עס איז טאקע א פאקט, אז דזשיימס וואטט האט פערבראכט צוואנציג יאהר אדער מעהר פון זיין לעבען אויף צו מאכען זיין ערפינדונג פראקטיש־ניצליך, ווייל ער האט אין 18טען י. ה. ניט געקאנט געפינען, — וואס ער וואלט זעהר לייכט געקאנט געפינען אין מיטעלאלטערליכען פלארענץ אדער בריגגע, — גוטע בעלי־מלאכות, וואס זאלען קאנען אויסארבייטען זיינע איינפעלע אין מעטאל און געבען די טיילען פון זיין מאשין די אבגערונדעטקייט און פינקטליכקייט, וואס די דאמפף־מאשין פאדערט.

צושרייבען, אלזא, דעם אינדוסטריעלען פראגרעס פון 19טען י. ה. צו דעם קריעג פון אלע געגען אלעמען, וואס ער האט פראקלא־מירט, הייסט דענקען ווי דער מענש, וועלכער ווייס ניט די ריכטיגע אורזאכען פון רעגען און שרייבט עס צו דעם קרבן, וואס ער האט געבראכט זיין ליימענעם געטץ. פאר דעם אינדוסטריעלען פארט־שריט, ווי פאר יעדען אנדער נצחון איבער דער נאטור, זיינען גאנץ

געוויס געגענזייטיגע הילף און נאָהענטע פערבינדונגען, איצט ווי אַמאָל, אַ סך מעהר ניצליך איידער דער געגענזייטיגער קאַמפף.

די העכערע וויכטיגקייט פון דעם פּרינציפּ פון געגענזייטיגער הילף ווייזט זיך אָבער אינגאַנצען אַרויס דערהויפּט אויפ׳ן געביעט פון דער עטהיק. אַז די געגענזייטיגע הילף איז דער ווירקליכער פונדאַמענט פון אונזערע עטהישע בעגריפען, איז דאַכט זיך קלאָר גענוג. אָבער וואָס פאַר אַ מיינונג מען זאָל ניט האַלטען מכח דעם ערשטען אורשפּרונג פון דעם געגענזייטיגען הילף־געפיהל אָדער אינ־סטינקט — צי מען זאָל איהם דערקלערען דורך אַ׳ביאָלאָגישער אור־זאַך, צי דורך אַן איבערנאַטירליכער אורזאַך — איין זאַך איז זיכער, אַז מיר מוזען זוכען די שפּורען פון זיין ערשטען אָנהויב אַזוי ווייט צוריק, ווי אויף די נידעריגסטע שטופען פון דער טהיערען־וועלט, און פון דאַן אָן קאָנען מיר נאָכפאָלגען זיין ניט־אונטערבראָכענע ענט־וויקלונג, טראָץ פיעלע שטערונגען, דורך אַלע שטופען פון דער מענש־ליכער ענטוויקלונג, ביז אויף היינטיגען טאָג. אפילו די נייע רעלי־גיאָנען, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען פון צייט צו צייט — אַלעמאָל אין אַזוינע עפּאָכען, ווען דער פּרינציפּ פון געגענזייטיגער הילף האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן אין די טעאָקראַטיען און דעספּאָטישע שטאַאַטען פון מזרח, אָדער בעת די רוימישע אימפּעריע איז געזונקען — אפילו זיי האָבען בלויז ווידער בעשטעטיגט דעמזעלביגען פּרינ־ציפּ. זיי האָבען געפונען זייערע ערשטע אָנהענגער צווישען די אָרימע און נידעריגע, אין די אונטערסטע און אונטערדריקטסטע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, וואו דער געגענזייטיגער הילף־פּרינציפּ איז די נויטווענדיגע גרונדלאַגע פון טאָג־טעגליכען לעבען; און די נייע פאָרמען פון פעראייניגונג, וואָס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין די גאָר ערשטע בודדהיסטישע און קריסטליכע געמיינדען, אין די ברודערשאַפטען פון מעהרען און דערגלייכען, האָבען אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ צוריקקעהר צו די בעסטע פאָרמען פון געגענ־זייטיגער הילף אין דעם פּרימיטיווען שטאַם־לעבען.

יעדעס מאָל אָבער ווען עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פּערזוך זיך אומצוקעהרען צו אָט דעם אַלטען פּרינציפּ, איז זיין גרונד־אידעע אַליין אויסגעברייטערט געוואָרען. פון דעם קלאַן האָט ער זיך אויסגע־שפּרייט צו דער פעלקערשאַפט, דאַן צו דער פעדעראַציע פון פעלקער־שאַפטען און נאָך ווייטער, צו דער נאַציאָן, ביז ענדליך — ווענינ־

סטענס אין אידעאל — צו דער גאנצער מענשהייט. אין דערזעלבער צייט איז ער אויך עדעלער געוואָרען. אין פּרימיטיווען בודדהיזם, אין אורשפּרינגליכען קריסטענטום, אין די שריפטען פון אייניגע מאַהמעדאַנישע לעהרער, אין די ערשטע רעפאָרמאַציאָנס־בעוועגונגען, און דערהויפּט אין די עטישע און פילאָזאָפישע בעוועגונגען פון 18טען י. ה. און פון דער היינטיגער צייט, ווערט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער פערוואָרפען דער געדאַנק פון נקמה אָדער פון פערגעלטונג: גוטס פאַר גוטס און שלעכטס פאַר שלעכטס. דער העכערער בעגריף אז מען טאָר ניט נעהמען „קיין נקמה פאַר שלעכטס" און אז מען דאַרף פריי געבען דעם אַנדערען מעהר וויפיעל מען דערוואַרט פון איהם צו קריגען, ווערט פּראָקלאַמירט אַלס דער אמת'ער פּרינציפּ פון מאָראַל — א פּרינציפּ וואָס איז העכער איידער די גענויע אויסגעמאָסטענקייט, פּינקטליכע אָרענטליכקייט און טרוקענע גערעכטיגקייט, און איז זעהר מסוגל צו ברענגען גליקליכקייט. און דער מענש ווערט אויפגעפאָדערט ניט צו לאָזען זיך פיהרען אין זיינע האַנדלונגען בלויז פון דעם געפיהל פון ל י ע ב ע, וועלכער בעציהט זיך אַלעמאָל אויף פּערזאָנען, אָדער אין בעסטען פאַל אויפ'ן שטאַם, נאָר פון דעם ב ע וו ו א ו ס ט ז י י ן פ ו ן ז י י ן א י י נ ה י י ט מיט יעדען מענשליכען וועזען.

אין דער אָנווענדונג פון געגענזייטיגער הילף, וועלכע מיר קאָנען צוריקפיהרען צו די ערשטע אָנהויבען פון ענטוויקלונג, געפינען מיר אויף דעם אופן דעם פּאָזיטיווען און אונצווייפעלהאַפטען אורשפּרונג פון אונזערע עטהישע בעגריפען; און מיר קאָנען בעהויפּטען, אז אין דעם עטהישען פּראָגרעס פון מענשען האָט די הויפּט־ראָליע געשפּיעלט די געגענזייטיגע שטיצע, ניט דער געגענזייטיגער קאַמפּף. אין דער ברייטער אָנווענדונג פון געגענזייטיגער הילף אויך אין אונזער צייט, זעהען מיר די בעסטע גאַראַנטיע פאַר א נאָך מעהר דערהויבענער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ראַסע.

# אַנהאַנג

## I — מחנות שמעטערלינגען, וואַסער־פליעגען א. ד. ג.

(צו זייטע 30)

מ. ס. פּיפּפּערס האָט פּערעפּענטליכט אין „נאַטורקונדינג טיד־שריפט פאָר נעדערלאַנדש אינדיע“, 1891, טייל ל., זייט 198 (רע־צענזירט אין „נאַטורוויסענשאַפטליכע רונדשאַו“, 1891, באַנד 6, זייט 573), אינטערעסאַנטע פאָרשונגען וועגען די מאַסען־אויספּלוגען פון שמעטערלינגען, וואָס קומען פאָר אין האָלענדיש אָסט־אינדיע, ווי עס זעהט אויס, אונטער דעם איינפלוס פון די גרויסע צוג־ווינדען, פער־אורזאַכט פון דעם מערב־מאָנסון. אַזוינע מאַסען־אויספּלוגען קומען געוועהנליך פאָר אין די ערשטע מאָנאַטען נאָך דעם איינטרעטען פון דעם מאָנסון, און אינדיווידומען פון ביידע געשלעכטער נעהמען בכלל אנטייל דעריין, אָפטמאָל אָבער בעשטעהען די מחנות פון אינדיווידומען, וואָס געהערען צו דריי פערשיידענע מינים פון דער גאַטונג עאופּהאָעאַ. עס זעהט אויס, אז דער צוועק פון די דאָזיגע אויספּלוגען איז אויך די געשלעכטליכע צוזאַ־מענקונפט. עס איז, פערשטעהט זיך, גאַנץ מעגליך, אז די אויס־פלוגען זיינען ניט אַ רעזולטאַט פון איבערלעגטער האַנדלונג, נאָר פיעל מעהר אַ פאָלגע פון נאָכאַהמונג, אָדער פון דעם וואונש נאָכצו־פליהען די איבעריגע.

בעיטס האָט געזעהן אויפ׳ן טייך אַמאַזאָן די געלבע און אָראַנזש־פאַרביגע קאַללידריאַס „זיך פערזאַמלען אין געדיכט־געפּאַקטע מאַסען, אָפטמאָל צוויי אָדער דריי מעטער אין אומפאַנג, אַלע מיט זייערע פליגלען אָנגעשטעלט אין דער הויך, אַזוי אַז דער ברעג טייך האָט אויסגעקוקט ווי אויסגעלעגט מיט קראָקוס־בעיטען.“ זייערע וואַנדערענדע מחנות, וואָס זיינען אַריבערגעפלויגען דעם טייך פון צפון צו דרום, „האָבען זיך געצויגען אָהן אַן אונטער־ברעכונג פון פריהמאָרגען ביז זונען־אונטערגאַנג.“ („נאַטוראַליסט אָן דהי אַמאַזאָן“, ז. 131).

די וואַסער־פליעגען קומען זיך צונויף, בעת זייערע לאַנגע וואַנ־דערונגען איבער די פּאַמפּאַס, אין צאָהללאָזע מחנות, וועלכע ענט־האַלטען אינדיווידומען פון פערשיידענע מינים (הודסאָן „נאַטוראַ־ליסט אָן דהי לאַ פּלאַטאַ“, ז. 30 און ווייטער). די היישעריקען (גראַס־האָפּערס — זאָניאָפּאָראַ טאַרסאַטאַ) זיינען אויך זעהר געזעל־שאַפטליך (הודסאָן, דאָרט גופא, ז. 125).

---

## II — די מוראַשקעס.

(צו זייטע 34)

פּיער הובער׳ס „פאָרשונגען וועגען די מוראַשקעס“ (אַ בוך, וואָס איז ערשיענען צוערשט אין יאָהר 1810, אין זשענעווע, און שפּעטער אין אַ ביליגער אויסגאַבע, אין יאָהר 1861, פון וועלכען ווערק עס האָבען געדאַרפט זיין שטאַרק פערשפּרייט ביליגע אויסגאַבען אין אַלע שפּראַכען), איז ניט נאָר די בעסטע אַרבייט איבער דעם געגענ־שטאַנד, נאָר איבערהויפּט אַ מוסטער פון אַווירקליך־וויסענשאַפט־ליכער פאָרשונג. דאַרווין איז געווען גאַנץ גערעכט, וואָס ער האָט פּיערר הובער׳ן געהאַלטען פאַר אַ גרעסערען נאַטור־פאָרשער אפילו ווי זיין פאָטער (פראַנסואַ הובער) איז געווען. יעדער יונגער נאַטור־פאָרשער מוז לעזען דאָס בוך, ניט נאָר צוליעב די פאַקטען, וואָס עס ענטהאַלט, נאָר כדי צו לערנען זיך די מעטאָדען פון פאָרשונג. ווי צו האָדעווען מוראַשקעס אין געמאַכטע גלעזערנע נעסטען; ווי צו מאַכען אַלע עקספּערימענטען, וואָס די שפּעטיגערע פאָרשער, אויך לובבאָק, האָבען געמאַכט — קאָן מען אַלץ געפינען אין הובער׳ס וואונדערפולען קליינעם ווערק. די לעזער פון פּראָפעסאָר פאָרעל׳ס און לובבאָק׳ס ווערק ווייסען גאַנץ געוויס, אַז אי דער שווייצארישער פּראָפעסאָר, אי דער ענגלישער געלעהרטער, זיינען צוגעטראָטען צו זייער אַרבייט אין אַ קריטישער שטימונג, מיט דער כונה אָבצו־שלאָגען הובער׳ס בעהויפּטונגען בנוגע די וואונדערבאַרע אינסטינק־טען פון גענגענזייטיגער הילף ביי די מוראַשקעס; אָבער נאָך אַ גע־נויער אונטערזוכונג האָבען זיי נאָר געקאָנט בעשטעטיגען די דאָזיגע בעהויפּטונגען. לײדער אָבער איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מענשליכער נאַטור, אַז ער וועט גערן גלויבען יעדע בעהויפּטונג

וועגען דעם מענשענ׳ס כח צו ענדערען ווען ער וויל די ווירקונג פון די נאַטור־קרעפטען, און אין דער זעלבער צייט וועט ער ניט וועלען צוגעבען בעוויזענע וויסענשאַפטליכע פאַקטען, וועלכע פיהרען צו פערקלענערען דעם מרחק צווישען דעם מענשען און זיינע מיט־ברידער פון דער טהיערישער וועלט.

מר. סאַדהערלענד („אָרידזשין ענד גראָוטה אָוו מאָראַל אינ־סטינקט") האָט הפנים אַנגעפאַנגען זיין בוך מיט דער כונה צו בע־ווייזען, אַז אַלע מאָראַלע געפיהלען האָבען זיך גענומען פון די עלטע־רענ׳ס אויפפאַסונג און דער פאַמיליען־ליעבע, וועלכע ערשיינען נאָר ביי די וואַרים־בלוטיגע בעלי־חיים; ממילא זוכט ער צו פערקלענערען די בעדייטונג פון דער סימפאַטיע און קאָאָפּעראַציע, וואָס מען גע־פינט ביי די מוראַשקעס. ער ציטירט ביכנער׳ס בוך „דאָס גייסטעס־לעבען דער טהיערע" און איז אויך בעקאַנט מיט לובבאָקס עקספּערי־מענטען. וואָס געהערט הובער׳ס און פאָרעלל׳ס ווערק, פּטר׳ט ער זיי אָב מיט דעם פאָלגענדען זאַץ: „אָבער זיי — ביכנער׳ס ביישפּיע־לען פון סימפּאַטיע צווישען מוראַשקעס — ליידען אַלע, אָדער דאָס רוב פון זיי, פון אַ געוויסען סענטימענטאַלען צוג... וואָס עס פּאַסט זיך מעהר פאַר שוהלביכער, איידער פאַר פאָרזיכטיגע וויסענשאַפט־ווערק; און ד א ס ז ע ל ב ע ל אָ ז ט ז י ך א ו י ך ז אָ־ג ע ן (די אונטערשטריכען זיינען מיינע) וועגען איינינע פון הובער׳ס און פאָרעלל׳ס בעקאַנטע א נ ע ק ד אָ ט ע ן" (באַנד I, זייט 298).

מר. סאַדהערלאַנד גיט ניט געווי אָן, וועלכע אַנעקדאָטען ער מיינט; אָבער מיר שיינט, אַז ער האָט מסתמא קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט דורכצולעזען הובער׳ס און פאָרעלל׳ס ווערק. נאַטור־פאָרשער, וועלכע קענען די דאָזיגע ווערק, געפינען ניט אין זיי קיין „אַנעקדאָטען".

דאָ קאָן מען דערמאָנען פּראָפעסאָר גאָטטפריעד אַדלערז׳ס ווערק וועגען די מוראַשקעס אין שוועדען (1886). עס איז קוים נויטיג צו זאָגען, אַז הובער׳ס און פאָרעלל׳ס בעאָבאַכטונגען, וועלכע זיינען אַזוי חדוש׳דיג פאַר מענשען, וואָס האָבען פריהער ניט שטו־דירט דעם געגענשטאַנד, ווערען פאָלשטענדיג בעשטעטיגט פון דעם שוועדישען פּראָפעסאָר (ז. 136 און 137).

פּראָפעסאָר ג. אַדלערז ברייננט אויך זעהר אינטערעסאַנטע

עקספּערימענטען צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון דאָס, וואָס הובער האָט שוין בעאָבאַכטעט: אַז מוראַשקעס פון צוויי בעזונדערע נעס־טען אַטאַקירען ניט איינע די אַנדערע אַלעמאָל. איינעם פון זיינע עקספּערימענטען האָט ער געמאַכט מיט די מוראַשקעס טאַפּי־נאָמאַ עראַטיקום, און אַן אַנדערען — מיט דעם גע־וועהנליכען מין רופא. אַנקלייבענדיג אַ גאַנצען נעסט אין אַ זעקעל, האָט ער עס אויסגעשאָטען זעקס פוס ווייט פון אַן אַנדער נעסט. דאָס האָט ניט אַרויסגערופען קיין געשלעג צווישען זיי, נאָר די מוראַשקעס פון צווייטען נעסט האָבען גלייך גענומען אוועק־טראָגען די פּופּען (די ניט־גאַנץ־ענטוויקעלטע יונגע מוראַשקעס) פון די ניי־געבראַכטע. בדרך כלל, ווען פּראָפ. אַדלערז האָט צונויפגע־בראַכט אַרבייטענדע מוראַשקעס פון פערשיידענע נעסטען, וועלכע האָבען געהאַט מיט זיך זייערע פּופּען, איז ניט פאָרגעקומען צווישען זיי קיין געשלעג, נאָר ווען ער האָט צונויפגעפיהרט מוראַשקעס אָהן זייערע פּופּען, פלעגט זיך אָנהויבען אַ געשלעג (ז. 186—185).

ער האָט אויך פערפאָלקאָמט פאָרעלל׳ס און מאַק־קוק׳ס בעאָב־אַכטונגען וועגען די „פעלקער" פון די מוראַשקעס, וועלכע בעשטעהען פון אַ סך נעסטען, און לויט זיינע אייגענע אָבשאַצונגען, אַז אין יעדען נעסט פון דעם מין פאָרמיקאַ עקזעקטאַ געפינען זיך אַ דורכשניט פון 300,000 מוראַשקעס, קומט ער צום שלוס, אַז אַזוינע „פעלקער" קאָנען האָבען צעהנדליגע אָדער הונדערטע מיליאָ־נען איינוואוינער.

מעטערלינק׳ס אויסגעצייכענט־געשריבענעס בוך וועגען ביענען, הגם עס ענטהאַלט ניט קיין נייע בעאָבאַכטונגען, וואָלט געווען זעהר ניצליך, ווען עס וואָלט געווען ווייניגער פערשטעלט פון „מעטאַפי־זישע" ווערטער.

אַן אויסגעצייכענטער סך הכל פון די לעצטע ווערק וועגען די מוראַשקעס־ערדבעאַרבייטער געפינט זיך אין ברעהם׳ס פראַנצויזי־שער אויסגאַבע, צוזאַמענגעשטעלט פון זש. קינקעל ד׳הערקולעי.

---

## III — געגענזייטיגע הילף ביי שפּערלינגען.

(צו זייטען 47, 59)

די לעצטע יאָהרען איז מיר אויסגעקומען צו בעאָבאַכטען געזעל־

שאפּטען פון שפּערלינגען אין גערטענדעל פון אונזער הייזעל אין בראָמלעי. עס איז בעקאַנט, אַז די שפּערלינגען זיינען גרויסע געשלעג־פיהרער און בעסנים (סאַנגווינוקער), און רייסען זיך אָפּט־ארום פאַר אַ קליינוגקייט. אָבער דערפאַר שטעלען זיי זיך שטארק איין איינער פאַר דעם אַנדערען, און דאַן מאַכען זיי אַזוינע געוואַל־טען, אַז איהר ווערט ניט־ווילענדיג אויפמערקזאַם אויף זיי. אַזוי צ. ב. ש., האָט איינמאָל אַ פּאָרעל שפּערלינגען זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט, וואָס אין ווינקעל דאַך פון אונזער שכנ'ס הויז איז אַרויסגעפאַלען אַ ציעגעל, און האָט זיך דאָרט אויסגעבויט אַ נעסט. די דראָסלען (אַזוינע זינג־פויגלען מיט שווארצע פעדערען), באַטש זיי לעבען ווינטער בשלום מיט די שפּערלינגען און שפּייזען זיך אינ־איינעם, פונדעסטוועגען ווי עס ווייזט אויס וואַרפען זיי אַמאָל אַרויס די יונגינקע שפּערלינגען פון זייערע נעסטען. נו, האָט זיך אַ דראָ־סעל געמאַכט אַ מאָדע קומען שרעקען דאָס דאָזיגע פּאָרעל שפּער־לינגען. ער פלעגט קומען צופליהען, זיך אַוועקזעצען אויפ'ן רינע פון דאַך, נעבען זייער נאָרע, און פלעגט זיך אַמאָל סטאַרען צוקריכען צום נעסט דורכ'ן דורכגאַנג אונטער די דאַך־ציעגעל. דאַן פלעגען אַלע שפּערלינגען פון אונזער גערטענדעל אויפהויבען אַ שרעקליכען טומעל, מיט גרויס בעס אַנפליהען און אַרויפשפּרינגען אויפ'ן דראָ־סעל און איהם צווינגען אָבצוטרעטען. מיר האָבען אַלעמאָל גע־וואוסט ווען דער דראָסעל איז צוגעפלויגען צום נעסט פון די שפּער־לינגען — אַזאַ קוויטשעריי און טומעל איז אונמעגליך ניט צו בעמערקען.

אויך אַזאַ טומעל, נאָר פון אַן אַנדער סאָרט, פלעגען די שפּער־לינגען אויפהויבען, ווען אַ יונג פויגעלע פלעגט אַרויספאַלען פון אַ נעסט. דער ליאַרם און אויפרעגונג אין אַזוינע פעלען איז געווען אונ־געוועהנליך, און מיר פלעגען זיך שוין גלייך דערוויסען פון דער מעשה. די קאָלאָניע פלעגט זיך בערוהיגען ערשט דאַן, ווען מען האָט אויפגעהויבען דאָס קליין־פויגעלע (אויב ניט וואָלטען איהם די קעץ אויפגעגעסען) און מען האָט איהם אַוועקגעזעצט אין אַ לעדיגען צימער מיט אַן אָפענעם פענסטער. זיין מוטער פלעגט דאַן צו־פליהען צו איהם, זיך אַוועקזעצען אויפ'ן ראַהם פון פענסטער, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, פלעגט זי אַמאָל אויך אַריינפליהען אין צימער. צו אָבענד צו, אָדער אויף מאָרגען, פלעגט זי איהם

ארויסלאָקען אויפ׳ן דאַך פון אַ צוגעבויטען שטיבעל, וואָס איז צוגע־
קומען צום פענסטער. דאַן פלעגט ארום איהם גלייך צונויפפליהען
פון ערגעץ־וואו אַ גאַנצע מאַסע שפּערלינגען, און זיי האָבען אַלע
משונה׳דיג געליאַרעמט — אפּנים פון שמחה; און דער יונגינקער
האָט זיך אָנגעקליבען מיט מוטה, האָט זיך איינגעקעהרט ווי עס איז
אַראָבפּליהען פון דאַך און האָט זיך אויסגעלערנט פליהען.

---

## IV — פעראייניגונגען צו בויען נעסטען.

(צו זייט 60)

אַדיבאָנ׳ס טאָג־ביכער („אַדיבאָן ענד היז דזשוירנאַלס“, ניו
יאָרק, 1898), דערהויפּט די וואָס זיינען שייך צו זיין לעבען, אין די
דרייסיגער יאָהרען (פון פאָריגען יאָהרהונדערט), אויף די ברעגעס פון
לאַבראַדאָר און סט. לאָרענס טייך, ענטהאַלטען אויסגעצייכענטע
בעשרייבונגען פון די נעסט־בויענדע פעראייניגען פון די וואַסער־
פויגלען. רעדענדיג וועגען „דעם פעלזען“, איינעם פון די אינזלען
פון מאַגדאַלען אָדער אַמהערסט, האָט ער געשריבען: — „אום עלף
אוהר האָב איך פון מיין שיף געקאָנט גאַנץ קלאָר דערזעהן זיין שפּיץ
און האָב געדענקט, אַז ער איז בעדעקט מיט שנעע, עטליכע פוס דיק.
עס האָט אויסגעזעהן, ווי דער שנעע האָט פערדעקט יעדעם טייל פון
זיינע פלאַכע, ארויסשטעקענדע טרעפּ“. דאָס איז אָבער גאָר ניט
געווען קיין שנעע: דאָס זיינען געווען ווייסע טעלפּעל־פויגלען, וועלכע
זיינען זיך רוהיג געזעסען אויף זייערע אייער, אָדער אויף זייערע ניי־
אויסגעבריהטע פויגעלעך, — מיט די קעפּלעך אויסגעדרעהט צו דער
זייט וואו דער ווינד האָט געבלאָזען, כמעט אָנריהרענדיג איינע די
אַנדערע, זיצענדיג אָט אַזוי אין רעגעלמעסיגע רייהען. די לופט פון
אויבען, אַן ערך הונדערט עלען איבער דעם פעלזען, ווי אויך אַ גע־
וויסע שטרעקע ארום איהם, „איז געווען פול מיט פליהענדע פויגלען,
וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ געדיכטער שנעע וואָלט געפאַלען די־
רעקט איבער אונז.“ קיטטיוואַקע־מעווען און לוממען האָבען גע־
בריהט אויפ׳ן זעלבען פעלזען („דזשוירנאַלס“, באַנד 1, ז. 360—363).

ניט ווייט פון דעם אינזעל אַנטיקאָסטי איז דער ים „בוכשטעב־
ליך געווען בעדעקט מיט לוממען און קליינע פינגווינען (אַלקאַ

טאָרדאַ).״ אַביסעל ווייטער איז די לופט פול געווען מיט די סאַמעט־ענטלעך. אויף די פעלזען פון דער בוכטע זיינען געזעסען און גע־בריהט די זילבער־מעווען, די ים־שוואַלבען (גרויסע, אַרקטישע און וואַהרשיינליך פאָסטער׳ס), די טרינגאַ פּוזיללאַ, די ים־מעווען, די אַלקען, די סקאָטער־ענטען, די ווילדע גענז (אַנסער קאַנאַדענזיס), דער רויט־בריסטיגער מערגאַנזער, די קאָרמאָראַנען א. אַז. וו. דער־הויפּט זיינען געווען אַ סך ים־מעווען; „זיי פלאָגען שטענדיג אַלע אַנדערע פויגלען, טרינקען אויס זייערע אייער און עסען אויף זייערע יונגע״; „זיי פערנעהמען דאָ דעם פּלאַץ פון די אָדלערען און האַביכטען״.

אויפ׳ן מיססורי ,אַריבער סט. לואי, האָט אַדיבאָן געזעהן, אין יאָהר 1843, גייער און אָדלערען בריהען זייערע אייער קאָלאָניעס־ווייז. ער דערמאָנט „לאַנגע ליניען פון הויכען ברעג, אַרומגערינגעלט פון מורא׳דיג גרויסע קאַלך־פעלזען מיט מאָדנע לעכער, וואו מיר האָבען געזעהן ווי עס פליעגען אַריינפליהען פאַרנאַכט גייער און אָדלערען״ — אייגענטליך, ווי ע. קועס בעמערקט אין אַ הערה (באַנד 1, ז. 458), זיינען עס געווען טערקישע בוזאַרדס און פליכעוואַטע אָדלערען.

איינס פון די בעסטע בריהונגס־פּלעצער נעבען די בריטישע ברעגעס זיינען די פאַרנע־אינזלען, און מען קאָן געפינען אין טש. דיקסאָנ׳ס ווערק „אַמאָנג דהי בוירדס אָוו נאָרטהערן שיירס״ אַ לע־בעדיגע בעשרייבונג פון די דאָזיגע פּלעצער, וואו צעהנדליגע טויזענ־דער מעווען, ים־שוואַלבען, עידער־ענטען, קאָרמאָראַנען, רעגענ־פייפער, אויסטער־פאַנגער, לוממען און לונדען קומען זיך צוזאַמען יעדען יאָהר. „ווען מען קומט צו נעהנטער צו די דאָזיגע אינזלען, איז דער ערשטער איינדרוק, אַז אָט די מעווען (די קלענערע, מיט די שוואַרצע רוקענדלעך) האָבען מאָנאָפּאָליזירט דעם גאַנצען געגענד: אַזוי פיעל זיינען זיי דאָרטען פאַראַן. עס דוכט זיך ווי די לופט איז אָנגעפילט מיט זיי, און דער באָדען און די נאַקעטע פעלזען זיינען בעדעקט מיט זיי; און ווען אונזער שיפעל איז ענדליך צוגעקומען צום שטיינערנעם ברעג און מיר זיינען מיט חשק אַרויסגעשפּרונגען אויף דער יבשה, זיינען די פויגלעך געוואָרען טומלדיג אויפגע־רעגט, און האָבען אַזוי לאַנג פּראָטעסטירט מיט זייערע געשרייען, ביז וואַנען מיר זיינען ניט אָבגעפאָהרען״ (ז. 219).

אינטערעסאנטע בעמערקונגען וועגען דער שייכות צווישען דער ענטוויקלונג פון פאמיליען־לעבען ביי די לאנגפיסיגע פויגלען און דער פערקלענערונג פון דער צאהל אייער, וואס זיי זיצען אוים, האט געמאכט א. ס. פאליאקאוו אין דער נאטורפארשער־געזעלשאפט פון פעטערבורגער אוניווערזיטעט (פראטאקאל פון דער זאאלאגישער אבטיילונג, 17טען דעצ., 1874).

---

## V. — צי די גרויסע פויגלען העלפען די קליינע ביים איבערוואנדערן?

(צו זייט 62)

אן ענגלישער נאטורפארשער און זאאלאג (דזשיימס עד. הארטינג, „רעקריאיישאן אוו א נאטוראליסט") האט בעטראכט אין א בעזונדער קאפיטעל פון זיין בוך די אלע פעלען, וואס זיינען איהם געווען בעקאנט וועגען דעם, אז די גרויסע פויגלען העלפען אמאל די קליינע ביים איבערוואנדערן, וועלכע זעצען זיך דאן אויף זיי צווישען די שולטערן. *אבסאלוט־זיכערע* פאקטען זיינען ניטא, היות ווי עס איז כמעט אונמעגליך, קוקענדיג פון אונטען, צו זעהן א פויגעל, וואס זיצט אויף אן אנדערער; נאר ערפאהרענע נאטורפארשער־ארניטאלאגען האלטען דעם פאקט פאר זעהר וואהרשיינליך.

די פאלגענדע זיינען די פאקטען, וואס הארטינג האט צונויפגעקליבען. דער בעקאנטער ארקטישער פארשער, דר. דזש. רע, אין זיין בעריכט צו דער לינעאישער געזעלשאפט האט מיטגעטיילט, אז די אינדיאנער פון דעם שטאם קריע (אין הודסאן־לאנד) האבען בעהויפטעט, אז איינע פון די קלענערע וואנדערענדע פויגלען זעצט זיך אברוהען בעת'ן אריבערפליהען אויף דער קאנאדער גאנז. די אינדיאנער פון אט דעם שטאם בעטרייבען אין א גרויסער מאס א געיעג אויף אט דער גאנז, וועלכע זיי טרעפען אן ווען זי פליהט אריבער פון די דרום־לענדער אין זייער טעריטאריע. דאס איינענע האט דער דר. רע געהערט פון די אינדיאנער אויף די ברעגעס פון דעם אטאבאסקי און די „גרייט סלייוו לייקס", וועלכע וואוינען ארום 1500 ווערסט צו צפון־מזרח פון די פריהער־דערמאנטע אינדיאנער.

דר. לעננעפּ (אין זיין בוך „בייבל קאַסטאַמס אין בייבל לענדס") דערמאַנט וועגען אַ סך קליינע פויגלעך, וועלכע פליהען אריבער פון פּאַלעסטינאַ אין אַראַביע און עגיפּטען אויפ'ן רוקען פון די בושלען. ווען די בושלען פליהען פון צפון צו דרום, פליהען זיי נידעריג, און די קליינע פויגלעך פליהען אַרויף אויף זיי. אָפטמאָל הערט זיך דאָס צוויטשערן פון די פויגעלעך, בעת זיי זיצען שוין אויף די שולטערן פון די גרויסע פויגלען. וועניגסטענס זאָגען אַזוי די אָרטיגע איינוואוינער; מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז קיינער צווייפעלט ניט וועגען דעם, אַז די קליינע פויגלעך מאַכען דורך זייער אַריבערפליהען אינאיינעם מיט די גרויסע — דאָס איז אַן אַלגעמיין־בעוואוסטער פאַקט. דאָס צוויטשערן אָבער פון די קליינע איז פאַר זיך אַליין נאָך ניט קיין בעוויז, אַז זיי זעצען זיך אויף די גרויסע.

דער אַמעריקאַנער, פּראָפעסאָר קלייפּאָל, זאָגט אָבער, אַז ער האָט זיך פּערזענליך איבערצייגט, בעת ער איז געווען אויפ'ן אינזעל קריט, אַז די עק־פּאַכערס און אַנדערע קליינע פויגלעך, איבערפליהענדיג פון אייראָפּאַ אין די דרום־לענדער, זעצען זיך אויפ'ן רוקען ביי די בושלען. צוערשט האָט ער עס ניט געוואָלט גלויבען, נאָר ווען אַ פישער האָט אין זיין געגענוואַרט אויסגעשאָסען אין אַ מחנה אַריבערפליהענדע בושלען, האָט קלייפּאָל אַליין געזעהן ווי די דאָזיגע פויגעלעך האָבען זיך אויפגעהויבען פון אויבען פון דער דאָזיגער מחנה און זיינען פערשוואונדען („נייטשור", 24טען פעברואַר, 1881).

אַ דייטשער שריפטשטעלער, אַדאָלף עבעלינג, האָט דיזעלבע זאַך אָפט געהערט דערצעהלען אין קאַירא, און דער בעריהמטער דייזענדער און אָרניטאָלאָג, הייגלין, האָט איהם געזאָגט אין קאַירא, אַז ער האַלט דעם פאַקט פאַר גאַנץ וואהרשיינליך, אָבוואויל פּערזענליך האָט ער ניט געהאַט קיין געלעגענהייט דאָס צו בעשטעטיגען.

דער בעוואוסטער שוועדישער רייזענדער, העדענבערג, בעהויפּטעט, אַז ער האָט אַליין אָפט געהערט, אויפ'ן אינזעל ראָדאָסאַ, די שטימען פון קליינע פויגעלעך, וועלכע האָבען איבערגעוואַנדערט צוזאַמען מיט די שטאָרכען; און איינמאָל האָט ער אַליין געזעהן עטליכע פויגעלעך, וואָס זיינען אַרונטערגעפליגען פון די רוקענס פון די שטאָרכען, בעת זיי זיינען אָנגעקומען אויפ'ן אינזעל.

ט. ה. נעלסאָן האָט געשריבען אין ענגלישען זשורנאַל „דהי

זאַלאַדזשיסט" (פעברואר, 1882, ז. 73), אז דער אויפזעהער פון וואסער־דאם ביים אויסגוס פון טייך טעעס, אין ענגלאנד, שטעהענדיג דעם 16טען אָקטאָבער, אין אַ טרוקענעם קאלטען וועטער, ביים ברעג דאַם, האָט ער דערזעהן אַן איילע, (סאַווא אין רוסיש), וועלכע איז געפלויגען פון ים אַ פערמאַטערטע, און האָט בעמערקט עפּעס אויף איהרע שולטערן. די איילע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטריק־ווערק, 15 פוס ווייט פון איהם, און באַלד איז ארונטערגע־שפּרונגען פון איהר רוקען אַ קליין פויגעלע און איז אַוועקגעפלויגען איבער'ן דאַם. איידער ער האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן ביקס, איז די איילע אַוועקגעפלויגען, דאַס פויגעלע אָבער האָט ער דערשאָסען, און דער דאָרטיגער זאָאַלאָג האָט בעשטימט, אַז עס איז געוועזן אַ גאָלד־פעדעריג צוינקעניגעל.

אזא קליינטשיק, שוואַך־פליהענד פויגעלע וואָלט קוים געקאָנט אליין אריבערפליהען דעם דייטשען ים אנטקעגען ווינט. עס וואנדערט אָבער רעגעלמעסיג און קומט צופליהען אין ענגלאנד אַלעמאָל פריהער פאַר'ן וואַלד־האָהן (וואודקאָק) און מען רופט עס טאקע דערפאַר אין ענגלאנד „דער אריינברייננגער פון וואַלד־האָהן" (וואודקאָק פּיילאָט). די פישערלייט פון די דאָזיגע וואסער־ברעגען האָבען אָפט בעמערקט, ווי דאַס דאָזיגע פויגעלע זעצט זיך אויף זייערע שיפלעך.

מיט איין וואָרט, רעזומירענדיג דאַס, וואָס מיר ווייסען וועגען דער פראגע, קאָנען מיר זאָגען דאָס פאָלגענדע: די זאָאַלאָגען האָבען קיין פּאָזיטיווע, בעשטימטע בעאָבאַכטונגען וועגען דעם ניט געמאַכט. די אָרטיגע איינוואוינער אָבער פון די געגענדען, וואוהין די פויגעלעך קומען צו פליהען, זיינען בכלל זיכער, אַז די קליינע פויגעלעך, וועלכע קומען צו פליהען צוזאמען מיט די גרויסע פויגלען, זעצען זיך ביי די גרויסע אויפ'ן רוקען — מעגליך אָבער, אַז דאָס פּאַסירט נאָר צום סוף פון זייער רייזע איבער'ן ים.

---

## VI — צופּאַסונגען אויסצובייד̄ען קאָנקורענץ. עקוואַטאָר־פּאַס פון אפריקא.

(צו זייט 64)

צום גליק איז ביז היינטיגען טאָג נאָך פאַראַן איין געגענד,

וואו דאָס לעבען פון די חיות איז פערבליבען דאָס זעלבע ווי אמאָל, איידער עס איז אָנגעקומען דער מענש, א בעוואָפּענטער מיט פייער־געוועהר. דאָס איז דער עקוואַטאָר־פּאַס פון אפריקא, וועגען וועל־כען מיר האָבען אַן אויסגעצייכענטען ווערק פון ק. ג. שיללינג („ווימה פלאשלייט ענד רייפל“, 2 בענדער, לאָנדאָן, 1906; (דער אָריגינאַל איז אין דייטש; איך האָב זיך בענוצט מיט דער ענגלישער איבערזעצונג) — א שרייבער, וועלכער איז גוט בעקאַנט צווישען זאָאָלאָגען אַלס אַן אויטאָריטעט וועגען טהיערען־לעבען אין אפריקא און אַן עקספּערט־נאַטור־פאָרשער.

אין דרום־אפריקא — זאָגט ער — האָבען די ווייסע און די אָרטיגע איינוואוינער, בעוואָפּענט מיט פייער־געוועהר, אויסגע־הרג׳ט אונגעהויערע צאָהלען ווילדע חיות, אזוי אז אייניגע מינים זיינען אינגאַנצען פערשוואונדען און דער אויסזעהן גופא פון דער טהיערען־בעפעלקערונג איז גאָר געוואָרען אַנאַנדערער. „אזוי זיינען פערשוואונדען: דער ווייס־עקיגער ג נ ו (אזא מין אַנטעלאָפּ), דער באָנטעבאָק־הירש, דער בלעסבאָק, די קוואַגא, די בארג־זעברא, דער שעהנער, וויסליכער אַנטעלאָפּ, דער קאַפּ׳שער בופעלאָקס, דער עלפאַנט, דער אזוי־גערופענער נאָז־האָרן, דער שווארצער נאָז־האָרן (רהינאָצעראָס), דער זשיראַף, דער היפּאָפּאָטאַמוס און דער שטרויס — מיט דער אויסנאַהם פון עטליכע געבליבענע וואַריעטעטען פון די ערשטע דריי מינים“. דערביי דאַרף מען געדענקען, אז מען פלעגט זיי בעגעגענען אין אונצעהליגע מאַסען נאָך אין דעם ערשטען דריטעל פון 19טען יאָהרהונדערט, און פריהערדיגע צייטען זיינען זיי געווען נאָך מעהר צאָהלרייך.

אפילו אויפ׳ן עקוואַטאָר־פּאַס פון אפריקא ווערט זייער צאָהל אויך קלענער, און מען בעגעגענט שוין ניט די זעבּרעס סטאַדענוויז, ווי פּראָפ. ג. מייער האָט זיי געזעהן (זעה זיין בוך „קילימאַנ־דזשאַראָ“), עטליכע יאָהר פריהער פאַר שיללינגס׳עס עקספּעדיציע; די סטאַדעס פון די עלפאַנטען און בופעלאָקסען זיינען אויך פיעל שיטערער געוואָרען. נאָך אַלעם דעם, לעבען מאַסען חיות נאָך אַלץ אין גרויסע געזעלשאַפטען, און די פעראייניגונגען פון פערשיידענע מינים, וואָס שיללינגס דערמאָנט, זיינען מערקווירדיג.

אויף די בערג־פלאַכען פון עקוואַטאָרישען טייל אפריקא, נאָך די גרויסע רעגענס, ווערען אונגעהויערע שטרעקען אין דריי וואָכען

פערטרונקען פון וואסער, און אַלע נידעריגע פלעצער ווערען זומפּען אָדער אָזערעס, וועלכע ציהען־צו אונגעהויערע צאָהלען פון אַלע מעגליכע חיות, וואָס בעוואוינען דעם גאַנצען טרוקענעם שטח פון די הויכע סטעפּעס. „אונצעהליגע מחנות גנז און ענטלעך האָבען בעדעקט די אויבערפלעך פון די אָזערעס — שרייבט שיללינגס — און אויף די ברעגעם האָבען זיך געפּיטערט טויזענדער גנו און זעברעס; פון די וויטסטע גרעניצען פון די הויכע סטעפּעס האָבען זיך צונויפגעקליבען די נאָז־האָרנס אין זייערע געוועהנליכע טרינק־פלעצער צווישען די שילף־ראָהרען; עס האָבען זיך אויך אומגע־קעהרט די וואַסער־בעק, די האַרטעבעסטען, (אַזוינע אָרטען אַנטע־לאָפּען), די גאַזעלען און איינינע בופעלאָקסען" (ז. 91 און 92).

די בעשרייבונג פון דעם לעבען אויף די ברעגעם פון אָט די צייטווייליגע אָזערעס, וואָס שיללינגס האָט געגעבען, ווי אויך זיינע אויסגעצייכענטע פאָטאָגראַפיעס — וועלכע ער האָט טיילווייז גענומען ביי נאַכט ביי אַ שנעלען פלאַם — זיינען מערקווירדיג דערמיט, וואָס זיי בעווייזען וועלכע גרויסע מאַסען פערשידענ־אַרטיגע חיות עס קלייבען זיך צוזאַמען אין די דאָזיגע ערטער, און ווי זיי גיט זיך איין צוזוקומען סטאַדענווייז ביי נאַכט זיך אָנצו־טרינקען, ניט ווערענדיג פערצוקט פון די לייבען, וואָס קלייבען זיך אויך דאָרטען צונויף, נאָר אַ דאַנק דער וואַכזאַמקייט און פאַרזיכ־טיגקייט פון זייערע מרגלים און וועכטער. גלייך ווי די זון פער־געהט, ביז אויף מאָרגען פריה, הויבען אָן צו פליהען צו דער אָזערע הונדערטע טויזענדער פערשידענע פויגלען און עס קומען זיך אָנ־טרינקען די פערשידענאַרטיגסטע זויגטהיערען. עס איז אינטערע־סאַנט, אַז אויף זיינע ערשטע עקספּעדיציעס האָט שיללינגס געזעהן, ווי לייבען געהען אויף געיעג מחנות'ווייז, און מען קאָן עס אויך זעהן אויף זיינע ביינאַכטיגע פאָטאָגראַפיעס. אויף איין פאָטאָ־גראַפיע זעהען זיך דריי לייבען, וואָס גנב'נען זיך אונטער צו זייער רויב. שיללינגס האָט קיינמאָל ניט געזעהן מעהר ווי זיבען לייבען צוזאַמען (ז. 133); אָבער ווען נאָר אַ לייב האָט אַ ברום געטאָן ביי נאַכט, האָבען זיך גלייך אָבגערופען עטליכע אַנדערע לייבען. איינמאָל, ווען אויפ'ן ברעג פון אַ צייטווייליגער אָזערע האָבען זיך צונויפגעקליבען זעהר פיעל פערשיידענע חיות, און שיללינגס האָט געהערט דאָס ברומען פון אַ סך לייבען, האָט ער

זיך געגומען אויף מאַרגען פריה פונאַנדערקלייבען זייערע שפּורען: „איך האָב זיך איבערציינט — שרייבט ער — נאָך די געפונענע שפּורען, אַז וועניגסטענס דרייסיג לייבען האָבען בעזוכט דעם אָרט דורך דער נאַכט" (ז. 132). „אַ געעהרטער ענגלישער בעאָבאַכטער (שרייבט ער אויף ז. 345) האָט איינמאָל געזעהן 27 לייבען צוזאַמען." אין דער צייט וואָס שיללינגס האָט דורכגעמאַכט זיינע עקספּעדיציעס, איז עס געוועזן אַ געוועהנליכע זאַך צו טרעפען עטליכע לייבען צוזאַמען געהן אויף געיעג.

---

## VII — די געזעלשאַפטליכקייט פון חיות.

(צו זייט 68)

דער אומשטאַנד, וואָס די חיות האָבען געלעבט מעהר געזעלשאַפטליך, בעת דער מענש האָט זיי וועניגער פערפאָלגט, ווערט בעשטעטיגט דורך פיעלע פאַקטען, פון וועלכע מען קאָן זעהן, אַז די חיות וועלכע לעבען איצטער אין איינזאַמקייט, אין די געגענדען וואָס זיינען בעוואוינט פון מענשען, לעבען סטאַדעסווייז אין די ניט־בעפעלקערטע געגענדען. אזוי האָט פּזשעוואַלסקי געפונען אויף די אויסגעטריקענטע פּלאַטאָ־וויסטענישען פון צפון־טיבעט בערען וואָס לעבען אין געזעלשאַפטען. ער דערמאָנט צאָהלרייכע „סטאַדעס יאַקס, קהולאַנס, אַנטעלאָפּען און אַפילו בערען". די בערען, זאָגט ער, לעבען אויף די זעהר צאָהלרייכע קליינע גריזונעס און זיינען אַליין אַזוי גרויס אין צאָהל, אַז „ווי די איינגעבוירענע האָבען מיר פערזיכערט, האָבען זיי אָפט געפונען צו הונדערט ביז הונדערט און פופציג בערען שלאָפען צוזאַמען אין איין הייהל" (דער יאָהר־בעריכט פון דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט פאַר דעם יאָהר 1885, ז. 11). אין סקאָרעסבי'ס צייטען, ד. ה. אין די צוואַנציגער יאָהרען פון 19טען י. ה., זיינען די ווייסע בערען געוועזן אַזוי צאָהלרייך און האָבען געלעבט אין אַזוינע גרויסע סטאַדעס, אַז סקאָרעסבי (אַ גוטער בעאָבאַכטער) האָט זיי פערגליכען מיט סטאַדעס שעפּסען. די האָזען (לעפּוס לעהמאַני) לעבען אין גרויסע געזעלשאַפטען אויף דער טראַנסקאַספּישער טעריטאָריע (נ. זארודני, אין בולעטין פון דער מאָסקווער נאַטורפאָרשער געזעלשאַפט, 1889). די קליינע קאַליפאָרניער פוקסען, וועלכע לעבען,

ווי ס. האַלדען זאָגט, ארום דעם ליקק אַבזערוואַטאָריום אויף א געמישטער דיעטע פון מאַנזאַניטאַ יאַגדעס און די היהנער פון די אַסטראַגאַמען", זיינען ווי עס שיינט, אויך זעהר געזעלשאַפטליך. אפילו די לייבען, ווי מיר האָבען געזעהן אין דעם פאָריגען אַנהאַנג, געהען אויף געיעג געמיינשאַפטליך אין דעם נאָך ווילדען טייל פון עקוואַטאָר־שטח פון אפריקא.

אייניגע זעהר אינטערעסאַנטע ביישפּיעלען פון ליעבע צו געזעל־שאַפט ביי חיות געפינען זיך אין ס. דזש. קאָרניש'עס ווערק „אַנימאַלס אט וואָרק אנד פּליי" (לאָנדאָן, 1896). אַלע בעלי חיים, בעמערקט ער גאַנץ ריכטיג, האָבען פיינט איינזאַמקייט. ער ברייננגט אויך אמוזאַנטע ביישפּיעלען וועגען דער געוועהנהייט פון די פערידי־הינד אויסצושטעלען וועכטער. די דאָזיגע געוועהנהייט איז אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט אין זיי, אַז זיי האַלטען שטענדיג א וועכטער אַפּילו אין לאָנדאָנער זאָאָלאָגישען גאַרטען און אין דעם „זשאַרדען ד'אַקקלימאַטאַסיאָן" אין פּאַריז (ז. 46).

פּראָפעסאָר קעססלער איז געוועזען גאַנץ גערעכט אַנווייזענדיג, אַז צוליעב דעם וואָס די יונג־אויסגעזעסענע פויגעלעך האַלטען זיך אויף איינאיינעם אין הערבסט, ענטוויקלען זיך ביי זיי געפיהלען פון געזעלשאַפטליכקייט. מר. קאָרניש (אין זיין אויבען דערמאָנטען בוך) האָט געגעבען אייניגע ביישפּיעלען פון שפּיעלערייען ביי יונגע זויגטהיערען, ווי דהיינו יונגע שעפּסלעך, וועלכע האָבען ליידענ־שאַפטליך ליעב זיך צו שפּיעלען און „לויפט נאָך מיר נאָך", אָדער אין „איך בין בעל הבית" (איך האָב אליין מעהרערע מאָל געזעהן ווי זיי שפּיעלען זיך אין דעם שפּיעל) ; ווי אויך זייער ליידענשאַפט צו מאַכען שווערע שפּרונגען. יונגע הירשען האָבען ליעב צו שפּיעלען אין „כאַפּ מיך", און כאַפּען מיינט ביי זיי אָנריהרען מיט'ן נעזיל. אויסערדעם האָבען מיר דאָס אויסגעצייכענטע ווערק פון קאַרל גראָסס „דהי פּליי אָוו אַנימאַלס".

---

## VIII — די אָראַנג־אוטאַנען זיינען אַמאָל געוועזען מעהר געזעלשאַפטליך.

(צו זייט 81)

ווי עס איז צו זעהן פון דעם ווערק פון פּראָפ. עדוואַרדאָ בעק־

קאַרי, דעם איטאַליענישען באָטאַניקער, וועלכער האָט אַרומגערייזט אין סאַראַוואַקאַ (באָרנעאָ), ראָטען אויס די דאָרטיגע איינוואוינער די אָראַנג־אוטאַנגען מיט זייערע דיענע, פערגיפטעטע קוילען, וואָס זיי בלאָזען אַרויס, ליעגענדיג אין אַ בעהעלטעניס, דורך אַ לאַנגע רעהר. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די אָראַנג־אוטאַנגען ציהען פאָר אונטער אַזוינע אומשטאַנדען צו פיהרען אַן איינזאַמען לעבען; עס זיינען אָבער פאַראַן פאַקטען, וואָס ווייזען אָן, אַז פריהער האָבען די אָראַנג־אוטאַנגען יאַ געוואוסט פון געזעלשאַפטליכקייט, און אַפילו איצטער קלייבען זיי זיך אַמאָל צונויף אין ניט־גרויסע גרופּען, ווען די פרוכט דוריאַנאַ ווערט צייטיג. — „די בעסטע צייט פאַר געיעג אויף די אָראַנג־אוטאַנגען, שרייבט בעקקאַרי, איז ווען די דאָזיגע פרוכט ווערט פערטיג. מען קאָן זיי דאַמאָלסט לייכט געפינען צו פינף, זעקס אָדער מעהר אויף איין בוים. בעת איך בין געוועזען אין מאַראָפּאַ האָבען די אָראַנג־אוטאַנגען אַרומגעבלאָנדזשעט אין די וועלדער זוכענדיג שפּייז, און עס איז ניט גרינג געוועזען זיי צו געפינען, דערהויפּט עטליכע צוזאַמען. פון דעסטוועגען האָב איך געזעהן 8 זייערע אין איין טאָג, 4 אויף איין בוים". אַפילו די וואַריעטעט טיאַפּינג, וועלכע איז קלענער איידער די וואַריעטעט קאַססען, בעווייזט זיך אויך אין גרופּען, און די דאַיאַקען זאָגען, אַז פיעלע פון זיי בעווייזען זיך אַרום די דערפער, ווען די פרוכט דוריאַנאַ ווערט צייטיג (רייזען אין די גרויסע וועלדער פון באָרנעאָ", ענגלישע אויסגאַבע, ז. 204).

בעקקאַרי האָט אויך געזעהן אַ סך פון זייערע נעסטען אָדער לאַגער־פּלעצער. „דאָס וואָרט „נעסט", שרייבט ער, פּאַסט זיך זעהר צו זייערע געלעגערס אָדער אָברוה־פּלעצער, וועלכע זיי ריכטען צו אויף די ביימער, וואו זיי וואוינען פאַר אַ שטיקעל צייט. זיי מאַכען זיך אַ געלעגער פון אָנגעבראָכענע צווייגלעך און לעגען זיי אויס דאָרט וואו דער בוים צוטיילט זיך אויף צוויי. עס זעהט זיך ניט קיין שום פערזוך צונויפצוקלייבען די צווייגען ווי עס געהער צו זיין, אָדער מאַכען עפּעס אַ פאָרהאַנגעל. עס ווערט פּשוט געמאַכט אַ פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער די חיה קאָן זיך אוועקלעגען. די נעסטען פון די אָראַנג־אוטאַנגען, וועלכע איך האָב געזעהן, זיינען אפנים געוועזען נאָר פאַר איין פּערזאָן. עס קאָן זיין, אַז אַ פּאָריל בויט זיך אַ מעהר בעקוועמען געלעגער, איך האָב אָבער קיין זאַך

נישט געפונען, וואָס זאָל אָנצייגען אויף הויזליכע געוועגהייטען ביי אָט די פרימאַטען" (ז. 143). דאָך, אויף אָנצוקלייבען שפּייז קומען די אָראַנג־אוטאַנען זיך אָפטמאָל צוזאַמען עטליכע אינ־איינעם.

---

## IX— די מניעות צו איבערבעפעלקערונג.

(צו זייט 106)

הודסאָן אין זיין אויסגעצייכענטען בוך „נאַטוראַליסט אן דהי לאַ פּלאַטאַ" (קאַפּיטעל 3), האָט אַ זעהר אינטערעסאַנטע בעשרייבונג וועגען דער פּלוצלונגדיגער פערמעהרונג פון אַ געוויסען מין מייז, און וועגען די פאָלגען פון דער דאָזיגער פּלוצלונגדיגער „לעבענס־כוואַליע".

„אין די זומער־מאָנאַטען פון די יאָהרען 1872, שרייבט ער, האָבען מיר געהאַט אַ סך זונענשיין מיט אָפטע, קורצע רעגענס, אזוי אַז אין די הייסע מאָנאַטען איז ניט געוועזען קיין דוחק אין ווילדע בלומען, ווי עס פלעגט אָפט פּאַרקומען אין די פאָריגע יאָהרען." דער סעזאָן, הייסט עס, איז געוועזען זעהר גינסטיג פאַר די מייז, און „די דאָזיגע פרוכטבאַרע קליינע ברואים האָבען זיך שנעל אַזויפיעל פערמעהרט, אַז די הינט און די קעץ האָבען כמעט אויסשליסליך געלעבט אויף זיי. די פוקסען, וויזעלטהיערען און אָפּאָסומס האָבען געמאַכט פון זיי גרויסאַרטיגע מאָהלצייטען, און אפילו דער אינזעקטען־פרעסערישער אַרמאַדילאָ האָט זיך גענומען כאַפּען מייז." די עופות זיינען געוואָרען רויבעריש און „די געלע טיראַנען־פויגלען און די גווירא־קוקוק האָבען קיין אַנדער זאַך ניט געכאַפּט אַ חוץ מייז." אין הערבסט זיינען אָנגעקומען מאַסען שטאָרכען און קורץ־אויערדיגע אוילען אויף הנאה האָבען פון דער אַלגעמיינער סעודה. דאַן איז געקומען אַ זעהר טרוקענער ווינטער; די גראָז איז אויפגעגעסען געוואָרען אָדער עס איז צעטריקענט געוואָרען אין שטויב, און די מייז, ניט האָבענדיג מעהר קיין שפּייז און בעשיצונג, האָבען אָנגעהויבען אויסצושטאַרבען. די קעץ האָבען זיך אַוועקגעשלייכט צוריק אין די הייזער; די קורץ־אויערדיגע אוילען — אַ מין וואָס וואַנדערט אַרום — איז אַוועקגעגאַנגען, און די קליינע אוילען וואָס וואוינען אין גריבער, זיינען אזוי אָבגעצעהרט

געוואָרען, אַז זיי האָבען קיין כח ניט געהאַט צו פליהען, און „האָבען זיך אַרומגעדרעהט נעבען די הייזער אַ גאַנצען טאָג, אויסקוקענדיג אויף עפּעס אַ ביסען.“ אונגלויבליכע צאָהלען שעפּסען און בהמות זיינען געפאַלען יענעם ווינטער אין אַ זעהר קאַלטען מאָנאַט, וואָס איז געקומען נאָך דער אויסטריקעניש. וואָס געהערט די מייז, מאַכט הודסאָן די בעמערקונג, אַז נאָך דער גרויסער רעאַקציע איז קוים געבליבען אַ שריד ופליט פאַרטצווזעצען דעם מין.“

דער דאָזיגער ביישפּיעל האָט נאָך אַ ספּעציעלען אינטערעס דערמיט וואָס ער בעווייזט, ווי אַ פּלוצלונגדיגע פערמעהרונג פון אַ מין אויף די הויכע פליינען און בערג־פּלעבען, ציהט גלייך צו פיינד פון אַנדערע טיילען פון די פליינען, און אויך אַז די מינים, וועלכע זיינען ניט בעשיצט דורך אַ געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, מוזען על פּי נויט פאַלען אַ קרבן פאַר זייערע שונאים.

נאָך אַן אויסגעצייכענטען ביישפּיעל צום פּונקט גיט דער־זעלביגער פּערפאַסער פון דער אַרגענטינישער רעפּובליק. דער קאָיפּו איז דאָרטען אַ געוועהנליכער גריזון — ווי אַ ראַץ אין אויס־זעהן, אָבער די גרויס ווי אַן אָטטער. ער איז אַ וואַסער־חיה לויט זיין דגילות און זעהר געזעלשאַפטליך. „אין אָבענד, שרייבט הוד־סאָן, קומען די קאָיפּוס אַלע אַרויס שווימען און שפּיעלען זיך אין וואַסער, און שמועסען צוזאַמען אין מאָדנע טענער, וואָס קלינגען ווי די זיפצען און קרעבצען פון פערוואונדעטע און קראַנקע מענשען. דער קאָיפּו, וואָס האָט אַ ווייכע פוטער־פעל אונטער די לאַנגע גראָבע האָהר, פלעגט פיעל עקספּאָרטירט ווערען נאָך אייראָפּאַ, נאָר אַרום 60 יאָהר צוריק האָט דער דיקטאַטאָר ראָסאַס אַרויסגעגעבען אַן אוקאַז, וואָס האָט פערבאָטען צו כאַפּען די דאָזיגע חיה׳לעך. דער פּועל יוצא איז געווען, אַז די חיה׳לעך האָבען זיך אונגעהויער פער־מעהרט, און אוועקוואַרפענדיג זייער וואַסער־לעבען, זיינען זיי גע־וואָרען ערד־וואוינער און וואַנדערער. און זיינען געוואָרען פול אומעטום אַרומזוכענדיג שפּייז. פּלוצלונג איז אויף זיי אָנגעפאַלען עפּעס אַן אונבעקאַנטע מגפה, פון וועלכער זיי זיינען שנעל אומ־געקומען און זיי זיינען כמעט אינגאַנצען אויסגעראָטעט געוואָרען (ז. 12).

אויסראָטונג דורך די הענד פון מענשען פון איין זייט, און דורך אַנשטעקענדע קראַנקהייטען פון דער אַנדער זייט, זיינען אָט

אזוי די הויפּט שטערונגען, וועלכע לאָזען די מינים זיך ניט צופיעל פערמעהרען — ניט די קאָנקורענץ פאר די לעבענס־מיטעל, וואָס איז געוועהנליך גאָר ניטאָ; וואו די קאָנקורענץ קומט יאָ פאָר, מיידען עס אוים די חיות ביז א געוויסען גראד דורך אויסוואנדערונגען אָדער דורך אָן איבערבייט פון זייער שפּייז.

פאַקטען וואָס בעווייזען, אַז אפילו לענדער וועלכע האָבען א סך א מילדערן קלימאט איידער סיביר, זיינען אויך אזוי ניט גענוג בעפעלקערט, קאָן מען ברייננען אין די צעהנדליגע. אין בעיטס׳ גוט־בעקאנטען ווערק געפינען מיר דיזעלביגע בעמערקונג אפילו וועגען די ברעגעם פון דעם טייך אמאזאָן.

„עס זיינען, אמת, פאראן — האָט בעיטס געשריבען — פערשיידענאַרטיגע זויגטהיערען, פויגלען און רעפּטיליען, זיי זיינען אָבער צעוואָרפען אויף א גרויסען שטח און שרעקען זיך זעהר פאר מענשען. דער געגענד איז אזוי גרוים און אזוי איינאַרטיג בעדעקט מיט וואלד, אַז מען בעגעגענט גרויסע צאָהלען בעלי חיים נאָר אין זייטע צווישענרוימען, וואו עס געפינט זיך עפּעס א ספּציעלער אָרט, וואָס איז מעהר אָנציהנד איידער די אַנדערע ערטער“ (נאַטור־ראַליסט אן דהי אמאזאָן, 6טע אויפלאגע, ז. 31).

דער פאקט איז נאָך מעהר אויפפאלענד דערמיט, וואָס די פאונא פון בראזיליע, וועלכע איז אָרים אין זויגטהיערען, איז ווייט ניט אָרים אין פויגלען, און די בראזילישע וועלדער קאָנען צושטעלען גענוג שפּייז פאר פויגלען, ווי מען קאָן עס זעהן פון א ציטאטע, וואָס מיר האָבען פריהער געבראכט וועגען די פויגעלשע געזעלשאַפטען. און דאָך זיינען די וועלדער פון בראזיליע, פּונקט ווי די וועלדער פון אזיע און אפריקא, ניט איבערבעפעלקערט, נאָר אדרבא צו־ווענייג בעפעלקערט. דאָס אייגענע איז ריכטיג בנוגע די פּאמפּאסען פון דרום־אמעריקא, וועגען וועלכע הודסאָן בעמערקט, אַז עס איז ווירקליך ערשטוינענד מען זאָל אויף אזא ברייטע טעריטאָריע, וואָס איז בעדעקט מיט גראָז און אזוי אָנגעמאָסטען פאר גראָז־עסענדע בעלי חיים, מעהר ניט געפינען ווי איין קליינעם מין מעלי גרה׳דיגע פיה. ווי בעקאַנט פיטערן זיך איצטער אויף א טייל פון די דאָזיגע פּרעירים מיליאָנען שעפּסען, בהמות און פערד, וועלכע מענשען האָבען איינגעפיהרט. פויגלען זיינען אין די פּאמפּוסען פאראן ווענינ אי אין מינים, אי אין צאָהל.

## X — צופּאַסונגען אויסצומיידען קאָנקורענץ.

(צו זייט 108)

מאַסען ביישפּיעלען פון אַזוינע צופּאַסונגען קאָן מען געפינען אין די ווערק פון אַלע נאַטור־פאָרשער, וועלכע האָבען שטודירט דאָס לעבען פון די בעלי חיים אין דער נאַטור גופא. אַלס איין אינטערעסאַנטען ביישפּיעל פון אַלע איבעריגע קאָן דיענען דער האָריגער אַרמאַדיללאָ, וועגען וועלכען וו. ה. הודסאָן זאָגט, אַז „ער האָט זיך אויסגעקליבען אַן אייגענעם סאָרט לעבען פאַר זיך און דעריבער געדייהט ער, בעת זיינע קרובים שטאַרבען גאַנץ שנעל אויס. זיין שפּייז איז העכסט פערשיעדענאַרטיג. ער עסט אַלערליי סאָרטען אינזעקטען און גראָבט אויס ווערים און לאַרווען פון עטליכע צאָלל טיעף אין דער ערד. ער האָט זעהר ליעב אייער און יונגע פויגעלעך; ער עסט אַ נבילה פונקט אַזוי גערן ווי דער יאַסט־רעב, און ווען ער האָט ניט קיין פליישיגס, בענוגענט ער זיך מיט אַ וועגעטאַריאַנישע דיעטע — ער עסט קלעווער און אפילו קוקורוזע־קערנער. דעריבער ווען אַנדערע בעלי חיים הונגערן, איז דער האָריגער אַרמאַדיללאָ אַלעמאָל פעט און שטאַרק" („נאַטוראַליסט אָן דהי לאַ פּלאַטאַ", ז. 71).

די אַנפּאַסונגס־פעהיגקייט פון דעם קיביץ־פויגעל מאַכט מעגליך די זעהר ברייטע פערשפּרייטונג פון דעם דאָזיגען מין. אין ענגלאַנד „פיהלט ער זיך פונקט אַזוי היימיש צווישען די פערזייהטע פעלדער, ווי אין די ווילדע פלעצער". טש. דיקסאָן זאָגט אין זיין בוך „בוירדס אָוו נאָרדהערן שיירס" (ז. 67): „פערשיעדענאַרטיג־קייט פון שפּייז איז נאָך מעהר דער רעגעל ביי די דויב־פויגלען". אַזוי צ. ב. ש. דערוויסען מיר זיך פון דעמזעלביגען פערפאַסער (ז. 60 און 65), אַז „די קאָרשונעס פון די בריטישע זומפּען נעהרען זיך ניט נאָר אויף קליינע פויגלען, נאָר אויך אויף קראָטען און מייז, אויף זשאַבעס, יאַשצערקעס און אינזעקטען, בעת דאָס רוב פון די קלענערע שאַקאַלען נעהרען זיך גרעסטענטיילס אויף אינזעקטען".

דער זעהר לעהררייכער קאַפּיטעל, וואָס וו. ה. הודסאָן ווידמעט דער פאַמיליע קריך־פויגלען פון דרום־אַפריקאַ איז נאָך אַן אויס־געצייכענטער ביישפּיעל פון די אופנים, ווי אַזוי אַ גרויסער טייל פון דער טהיערען־בעפעלקערונג מיידט אויס קאָנקורענץ און דער־

גרייכט א זעהר היבשע פערמעהרונג אין א געוויסער געגענד, ניט בעזיצענדיג קיינע פון די וואפען ·וואס ווערען געוועהנליך בעטראכט אלס א גרינדליכע נויטוועגדיגקייט אין דעם קאמפף פאר עקזיסטענץ. די דאזיגע פאמיליע קריך־פויגלען איז פערשפרייט איבער אן אונ־געהויערן שטח, פון דרום־מעקסיקא ביז פאטאגאניע, און עס זיינען שוין בעקאנט ניט ווענינער ווי 290 מינים, וואס געהערן צו 46 גאטונגען, און דער הויפט־שטריך פון דער גאנצער פאמיליע איז די גרויסע פערשיעדענארטיגקייט אין די געוועגהייטען פון איהרע מיט־גליעדער.

ניט נאר די פערשיידענע גאטונגען און מינים האבען ספעציעל איינענע געוועגהייטען, נאר אפילו דערזעלביגער מין קאן אפטמאל האבען פערשיידענע רגילות׳ן אין פערשיידענע געגענדען. „איינינע מינים קסענאפס און מאגארניס קלעטערן ווי די האלץ־פיקער ווערטיקאל אויף די בוימער־שטאמען צו זוכען אינזעקטען, אבער ווי די מייז־פויגלען (סיניצא, אויף רוסיש), זוכען זיי אויך ארום די קליינע צווייגלעך און די בלעטער אויף דעם סאמע ברעג פון די צווייגען, אזוי אז זיי זוכען ארום דעם גאנצען בוים, פון ווארצעל ביז די בלעטער אויפ׳ן העכסטען שפיץ. דער סקלע־דורוס, אבוואויל ער איז אן איינוואוינער פון די טונקעלסטע וועלדער און איז פערזארגט מיט שארפע געבויגענע נעגעל, פון דעסטוועגען זוכט ער ניט זיין שפייז אויף די בוימער, נאר אויס־שליסליך אויף דער ערד צווישען די ארונטערגעפאלענע צעפוילטע בלעטער; נאר דער חידוש איז, אז ווען ער דערשרעקט זיך פאר עפעס, פליהט ער ארויף אויפ׳ן שטאם פון דעם נעהנטסטען בוים, קוועטשט זיך צו צו איהם אין א ווערטיקאלער פאזיציע, און בלייבענדיג אזוי שטיל און בעוועגונגסלאז מיידט ער אויס די גע־פאר ענטדעקט צו ווערען, צוליעב זיין טונקעלען קאליר וואס בע־שיצט איהם.“ און אזוי ווייטער. זיי אונטערשיידען זיך אויך זעהר שטארק אין זייערע געוועגהייטען פון בויען נעסטען. אזוי געפינט מען, אז אין איין און דערזעלביגער גאטונג בויען דריי מינים א ליימענעם נעסט ווי אן אויווען, א פערטער בויט א נעסט פון שטעקלעך אין די בוימער, און א פינפטער גראבט זיך א לאך אין זייט פון א ברעג פון א טייך, ווי אן אייזפויגעל.

אט די זעהר גרויסע פאמיליע, וועגען וועלכער הודסאן זאגט,

אז זי פילט אָן „יעדען טייל פון דעם דרום־אמעריקאַנער קאָנטינענט, דען עס איז ווירקליך ניטאָ א קלימאַט, א באָדען, אָדער א געוויקס, וואָס האָט ניט א וועלכען עס איז מין פון אָט די פויגלען“, — געהערט, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, „צו די ווענינגסטענסבעשיצטע פויגלען“. ווי די ענטלעך, וואָס סיעווערצאָוו האָט דערמאָנט (זעה אין טעקסט), האָבען זיי ניט קיין קרעפטיגען שנאָבעל און ניט קיין קלויען־נעגעל; „זיי זייען שרעקעדיגע בעשעפעניסען, וואָס ווייזען ניט ארויס קיין ווידערשטאַנד און האָבען ניט קיין כח אָדער וואָפען; זייערע בעוועגונגען זיינען ניט אזוי שנעל און ניט אזוי ענערגיש ווי ביי אַנדערע פויגלען, און זייער פליה איז זעהר א שוואַכער“. זיי בעזיצען אָבער — ווי אי הודסאָן, אי אזאַרא האָבען בעמערקט — „אין א גרויסער מאָס דעם געזעלשאַפטליכען אינסטינקט“, אָבוואויל „די בעדינגונגען פון זייער לעבען, וואָס פאָדערן איינזאַמקייט, שטערן זעהר פיעל די געזעלשאַפטליכע געוועהנהייטען“. זיי קאָנען ניט איינפיהרען אַזוינע גרויסע געמיינשאַפטען אויסצובריהען זייערע אייער, וועלכע מיר טרעפען אָפט אָן ביי די ים־פויגלען, ווייל זיי לעבען אויף די אינזעקטען פון די בוימער און מוזען פאָרזיכטיג דורכזוכען בעזונדער יעדען בוים — און זיי טהוען זייער זאַך אויף אַ זעהר געשעפטמעסיגען אופן — אָבער דערפאַר רופען זיי נאָכאַנאַנד איינע די אַנדערע אין די וועלדער, „שמועסענדיג איינע מיט די אַנדערע איבער לאַנגע שטרעקען“. זיי פעראייניגען זיך אין די „וואַנדערענדע מחנות, וועלכע זיינען אזוי גוט בעקאַנט פון בעיטס’ בילדליכער בעשרייבונג; און הודסאָן איז געקומען צו דער איבערציינונג, אַז אָט „די דענדראָ־קאָלאַפטידע זיינען איבעראַל אין דרום־אַמעריקאַ די ערשטע, וועלכע פעראייניגען זיך פאַר געמיינשאַפטליכע טהאַטען, און אַז די פויגלען פון אַנדערע פאַמיליען געהען זיי נאָך און פעראייניגען זיך מיט זיי, וויסענדיג פון ערפאַהרונג, אַז וואו זיי געהען קאָן מען דערוואַרטען א רייכען ביסען“. עס איז איבעריג צו צולעגען, אַז הודסאָן האָט א הויכע מיינונג וועגען זייער פערשטענדיגקייט. געזעלשאַפטליכקייט און אינטעליגענץ געהען אַלעמאָל האַנד אין האַנד.

## XI — דער אורשפּרונג פון דער פּאַמיליע.

(צו זייט 124)

אין דער צייט בעת איך האָב געשריבען אָט דעם קאַפּיטעל אין טעקסט, האָט עס אויסגעזעהן ווי די אַנטראָפּאָלאָגען וואָלטען אַלע געהאַט איינגעשטימט, אַז די פּאַטריאַרכאַלישע פּאַמיליע, ווי מען געפינט זי ביי די אידען און אין רוימישען קעניגרייך, איז אַ לפי ערך שפּעטערע ערשיינונג אין די מענשליכע אינסטיטוציעס. זינט יענער צייט אָבער זיינען פּערעפּענטליכט געוואָרען איניגע ווערק, וועלכע בעשטרייטען די אידעען, וואָס זיינען פּאָרגעבראַכט געוואָרען פון באַכאָפען און מאַקלענאַן, סיסטעמאַטיזירט געוואָרען דערהויפּט דורך מאָרגאַן, און ווייטער ענטוויקעלט און בעשטעטיגט געוואָרען דורך פּאָסט, מאַקסים קאָוואַלעווסקי און לובבאָק. די וויכטיגסטע פון די דאָזיגע ווערק זיינען: די אַרבייט פון דעם דענישען פּראָפעסאָר ס. נ. סטאַרקע („די פּרימיטיווע פּאַמיליע", 1889), און פון דעם העלסינגפאָרסער פּראָפעסאָר עדוואַרד וועסטערמאַרק („די געשיכטע דער מענשליכען עהע, 1891, און אַ צווייטע אויסגאַבע אין 1894). עס האָט געטראָפען מיט אָט דער פראַגע וועגען די פּרימיטיווע אינסטיטוציעס פון דער עהע דאָס איינענע, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דער פראַגע וועגען די פּרימיטיווע אינסטיטוציעס פון לאַנד־אייגענטום. ווען מאַורער און נאַססע'ס אַנשויאונגען וועגען דער דאָרף־געמיינדע, וועלכע זיינען ווייטער ענטוויקעלט געוואָרען פון אַ גאַנצער שולע בעגאַבטע פאָרשער, זיינען אָנגענומען געוואָרען ביי אַלע מאָדערנע אַנטראָפּאָלאָגען אויפ'ן געביעט פון די פּרימיטיווע קאָמוניסטישע אינסטיטוציעס פון קלאַן, זיינען ערשיענען אַזוינע ווערק פון פוסטעל דע קולאַנזש'ס אין פראַנקרייך, פ. סיבאָם'ס, דעם אָקספאָרד פּראָפעסאָר'ס אין ענגלאַנד, און איניגע אַנדערע, וועלכע האָבען פּרובירט — מיט מעהר גלאַנץ איידער ווירקליכער פאָרשונגס־טיעפקייט — אונטערצוגראָבען די דאָזיגע אידעען און אַרויפצואַרפען אַ צווייפעל אויף די אויספיהרען, צו וועלכע די מאָדערנע פאָרשונג איז געקומען (זעה פּראָפ. ווינאָגראַדאָוו'ס פאָררעדע צו זיין מערקווירדיגען ווערק „ווילליינירדזש אין ענגלאַנד"). אַזוי אויך ווען די אידעען וועגען דער אָבוועזענהייט פון דער פּאַמיליע אויף דער שטאַם־שטופע פון דער מענשהייט

האָט אָנגעהויבען אָנגענומען צו ווערען פון די מעהרסטע אַנטראָפּאָלאָגען און פאָרשער פון די אוראַלטע רעכטס־פערהעלטניסע, האָבען זיי נויטיגערווייז אַרויסגערופען אַזוינע ווערק ווי סטאַרקע'ס און וועסטערמאַרק'ס, אין וועלכע דער מענש איז פאָרגעשטעלט געוואָרען, אין איינקלאַנג מיט דער אידישער טראַדיציע, ווי ער וואָלט אָנגעפאַנגען זיין געזעלשאַפטליך לעבען מיט דער פאַמיליע, — מיט דער פּאַטריאַרכאַלישער פאַמיליע, פערשטעהט זיך, — און ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געהאַט דורכגעמאַכט די שטופען, וואָס זיינען בעשריבען געוואָרען פון מאַקלענאַן, באַכאָפען אָדער מאָרגאַן. די דאָזיגע ווערק, פון וועלכע די גלענצענד־געשריבענע „געשיכטע דער עהע“ איז בעזונדערס ווייט פערשפּרייט געוואָרען, האָבען אָהן צווייפעל געהאַט אַ געוויסע ווירקונג: די וואָס האָבען ניט געהאַט די געלעגענהייט צו לעזען די דיקע בענדער, וואָס די מחליקה האָט אַרויסגערופען, האָבען אָנגעהויבען צו צווייפלען; בעת איינִיגע אַנטראָפּאָלאָגען, וואָס זיינען יאָ געווען בעקאַנט מיט דעם ענין, אַ שטייגער ווי דער פראַנצויזישער פּראָפעסאָר דורקהיים, האָבען אָנגענומען אַ פּשרה'דיגע, אונבעשטימטע האַלטונג.

קיין דירעקטע שייכות מיט דער ספּעציעלער אויפגאַבע פון אַ ווערק וועגען געגענזייטיגער הילף האָט די דאָזיגע מחליקה ניט. דער פאַקט, אַז מענשען האָבען געלעבט אין שטאַמען פון די ערשטע שטופען פון ענטוויקלונג אָן, ווערט ניט בעשטריטען אַפילו פון די, וועלכע פיהלען זיך שאָקירט פון דעם געדאַנק, אַז מענשען האָבען געקאָנט דורכלעבען אַזאַ שטופע, ווען די פאַמיליע, ווי מיר פערשטעהען זי היינט, האָט ניט עקזיסטירט. דער ענין אָבער איז אינטערעסאַנט פאַר זיך אַליין און פערדיענט מען זאָל איהם דערמאָנען, אָבוואויל מען מוז צוגעבען, אַז כדי איהם געהעריג צו בעהאַנדלען וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבען אַ גאַנצען בוך.

ווען מיר זוכען אויפצוהויבען דעם שלייער, וואָס פערדעקט פון אונז די אוראַלטע אינסטיטוציעס, און דערהויפּט אַזוינע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען עקזיסטירט ביים ערשטען ערשיינען פון מענשליכע וועזענס, קומט אונז אוים — היות ווי עס קאָנען דאָך ניט זיין קיין דירעקטע עדות — אָבצוטהאָן די זעהר מיהזאַמע אַרבייט פון נאָכזוכען אויף צוריק יעדע אינסטיטוציע, און גענוי בעמערקען אַפילו איהרע שוואַכסטע שפּורען אין די עקזיסטירענדע

געוועגהייטען, מנהגים, טראַדיציעס, ליעדער, פאָלק־לאָר א. ד. ג. דאָן, צונויפבינדענדיג די בעזונדערע רעזולטאַטען פון יעדערער פון אַט די בעזונדערע פאָרשונגען, מוזען מיר אין געדאַנק ווידער אויפ־שטעלען די געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט געווען אויף דער צוזאַ־מען־עקזיסטענץ פון אַט די אַלע אינסטיטוציעס. מען קאָן שוין ממילא דערפון פערשטעהן וואָס פאַר אַן אונגעהויערע מאַסע פאַקטען און וואָס פאַר אַ גרויסע צאָהל גענויע פאָרשונגען איבער בעזונדערע פונקטען עס פאָדערט זיך, כדי צו קאָנען קומען צו אַ וועלכען עס איז זיכערן שלום. דאָס איז טאַקע וואָס מען געפינט אין די מאָנו־מענטאַלע ווערק פון באַכאָפען און זיינע נאָכפאָלגער, און וואָס מען געפינט ניט אין די ווערק פון דער אַנדער שול. די מאַסע פאַקטען, וואָס פראָפ. וועסטערמאַרק האָט דורכגעוואָרפען, איז אָהן צווייפעל גרויס גענוג, און זיין ווערק איז גאַנץ געוויס זעהר ווערטהפול אַלס אַ קריטיק; עס קאָן אָבער קוים פועל זיין, אַז די וועלכע קענען די ווערק פון באַכאָפען, מאָרגאַן, מאַקלענאַן, פאָסט, קאָוואַלעווסקי און אַנדערע, אין אָריגינאַל, און זיינען בעקאַנט מיט דער שטה פון דער דאָרף־געמיינדע, זאָלען בייטען זייער מיינונג און אָננעהמען די פאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען־טעאָריע.

אזוי ערלויב איך מיר צו זאָגען, אַז די אַרגומענטען, וואָס וועסטערמאַרק האָט גענומען פון די בעקאַנטע געוועגהייטען פון די פּרימאַטען, האָבען ניט דעם ווערטה, וואָס ער שרייבט צו צו זיי. די ידיעות, וואָס מיר האָבען וועגען די פאַמיליען־פערהעלטניסען ביי די געזעלשאַפטליכע מינים אַפּפען פון היינטיגע צייטען, זיינען זעהר ניט זיכערע, און דיביידע ניט־געזעלשאַפטליכע מינים, דער אָראַנג־אוטאַן און דער גאָרילאַ, מוזען אויסגעשלאָסען ווערען פון דער דיסקוסיאָן, ווייל זיי ביידע, ווי איך האָב אָנגעוויזען אין טעקסט, זיינען גאַנץ קלאָר אויסשטאַרבענדע מינים. נאָך וועניגער ווייסען מיר וועגען די פערהעלטניסען, וואָס האָבען עקזיסטירט צווישען די זכרים און נקבות ביי די פּרימאַטען, וועלכע האָבען געלעבט אַרום דעם סוף פון דער טערציערער פעריאָדע. די מינים, וועלכע האָבען דאַן געלעבט, זיינען וואהרשיינליך שוין לאַנג אויס־געשטאָרבען, און מיר האָבען ניט די קלענסטע אַהנונג וואָסערע פון זיי איז געווען די אוראַלטע פאָרם, פון וועלכער עס האָט זיך ארויסגעוויקעלט דער מענש. אַלץ וואָס מיר קאָנען זאָגען מיט

וויפיעל עס איז וואהרשיינליכקייט איז, אַז עס האָבען געמוזט עקזיסטירען פערשיידענע פאַמיליען־און שטאַם־פערהעלטניסע ביי די פערשיידענע מינים אַפּען, וועלכע זיינען אין יענע צייטען געווען זעהר צאָהלרייך; און אַז די געוועהנהייטען פון די פּרימאַטען האָבען זינט יעמאָלט זיך געמוזט זעהר פיעל ענדערן, אויפ'ן זעלבען שטייגער ווי עס זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אַפילו אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר אין די געוועהנהייטען פון א סך אַנדערע מינים זויגטהיערען.

די דיסקוסיאָן מוז דעריבער אינגאַנצען געפיהרט ווערען נאָר בנוגע צו די מענשליכע אינסטיטוציעס; און אין דער גענויער אונטערזוכונג פון יעדען בעזונדער שפּור פון יעדער אוראַלטער אינסטיטוציע, *אין פערבינדונג מיט אַלעם דעם, וואָס מיר וויסען וועגען יעדער אַנדער אינסטיטוציע פון דעמזעלבען פאָלק אָדער דעמזעלביגען שטאַם,* ליעגט די הויפּט־שטאַרקייט פון דער אַרגומענטאַציע פון דער שטה, וואָס בעהויפּטעט, אַז די פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליע איז אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט א פערהעלטניסמעסיג שפּעטען אורשפּרונג.

דער פאַקט איז, אַז ביי די פּרימיטיווע מענשען איז פאַראַן א גאַנצער קרייז פון אינסטיטוציעס, וועלכע ווערען פאָלשטענדיג פערשטענדליך, ווען מיר נעהמען אָן די אידעען פון באַכאָפען און מאָרגאַן, אָבער זיינען לגמרי אונפערשטענדליך אָהן זיי. אַזעלכע זיינען: דאָס קאָמוניסטישע לעבען פון קלאַן, כל זמן ער האָט זיך ניט צושפּאָלטען אין בעזונדערע פּאָטערשאַפט־פאַמיליען; דאָס לעבען אין „לאַנגע הייזער“ און אין קלאַסען, וואָס וואוינען אין בעזונדערע לאַנגע הייזער, לויט דעם אַלטער און דער שטופע פון מינדיגקייט, ווען די יונגע לייט ווערען גערעכענט פאַר דערוואַקסענע מיטגליעדער פון שטאַם (מ. מאַקליי, ה. שורץ); די בעגרעניצונג אויף דעם פּערזענליכען אָנקלייבען פון אייגענטום, פון וועלכע מיר האָבען געגעבען אייניגע ביישפּיעלען אויבען אין טעקסט; דער פאַקט, וואָס די פרויען, וועלכע מען האָט אַוועקגענומען פון אַנאַנדער שטאַם, האָבען אַפריהער געהערט צום גאַנצען שטאַם, איידער זיי זיינען געוואָרען פּריוואַט אייגענטום; און אַנדערע עהנליכע אינסטיטוציעס, וועלכע לובבאָק האָט אַנאַליזירט. אָט דער ברייטער קרייז פון אינ־

סטיטוציעס, וועלכער איז ביסלעכווייז אָבגעשוואַכט געוואָרען און ענדליך אינגאַנצען פערשוואונדען אין דער שטופע פון דער דאָרף־געמיינדע, שטעהט אין פאָלקאָמענעם איינקלאַנג מיט דער טעאָריע פון „שטאַם־עהע"; די שולע אָבער פון דער פאַטריאַרכאַלישער פאַמיליע געהט זיי פערביי און שענקט זיי כמעט קיין אויפמערק־זאַמקייט ניט. דאָס איז געוויס ניט דער ריכטיגער וועג ווי צו בעהאַנדלען דאָס פּראָבלעם. פּרימיטיווע מענשען האָבען ניט מעהרערע אינסטיטוציעס, וואָס שטעהען איינע איבער דער אַנדערער אָדער נעבען דער אַנדערער, ווי מיר האָבען איצטער. זיי האָבען נאָר איין אינסטיטוציע, דעם קלאַן, וועלכע פערקערפּערט אַלע געגנזייטיגע פערהעלטניסען פון די מיטגליעדער פון דעם קלאַן. עהע־פערהעלטניסען און אייגענטום־פערהעלטניסען זיינען קלאַן־פערהעלטניסען. און דאָס ווענגיסטע, וואָס מיר מעגען דער־וואַרטען פון די פערטיידיגער פון דער פאַטריאַרכאַלישער פאַמיליען־טעאָריע איז, זיי זאָלען אונז בעווייזען, ווי אַזוי דער אָקאָרשט־דערמאָנטער קרייז פון אינסטיטוציעס (וועלכער ווערט שפּעטער פערשוואונדען) האָט געקאָנט עקזיסטירען ביי אַ קבוץ פון מענשען, וועלכע לעבען אונטער אַ סיסטעם, וואָס איז אַקוראַט דער היפך פון די דאָזיגע אינסטיטוציעס — דאָס סיסטעם פון בעזונדערע פאַמיליעס, וועלכע ווערען רעגיערט פון אַ „פּאַטער פאַמיליאַס".

מען קאָן אויך ניט אָנערקענען קיין וויסענשאַפטליכען ווערטה אין דער מעטאָדע, ווי אַזוי די פערטיידיגער פון דער פאַטריאַר־כאַלישער טעאָריע זוכען אָבצו'פּטר'ן געוויסע ערנסטע שוועריג־קייטען. מאָרגאַן, צ. ב. ש., האָט בעוויזען דורך אַ היבשע צאָהל פאַקטען, אַז ביי אַ סך פּרימיטיווע שטאַמען עקזיסטירט אַ שטרענג־אָבגעהיט „סיסטעם פון גרופּען־קלאַסיפיקאַציע", און אַז אַלע אינ־דיווידומען פון איין קאַטעגאָריע אַדרעסירען איינער דעם אַנדערן ווי זיי וואָלטען געווען ברידער און שוועסטער, בעת די אינדיווידומען פון אַן אינגערער קאַטעגאָריע רופען אָן זייער מוטער'ס שוועסטער מוטער, א. אַז. וו. זאָגען אַז דאָס מוז זיין אַן איינפאַכער „פאַסאָן דע פּאַרלע" — אַן ארט רעדען וואָס דריקט אויס רעספּעקט צו עלטערע — איז זיכער אַ לייכטע מעטאָדע אָבצו'פּטר'ן די ארבייט פון דערקלערן, פאַרוואָס עפּעס האָט אָט דער ספּעציעלער אופן ווי אויסצודריקען רעספּעקט און ניט קיין אַנדער אופן עקזיסטירט ביי

אַזויפיעל פעלקער פון פערשיידענער אָבשטאַמונג, און איז ביי פיעלע פון זיי אַפילו געבליבען לעבען ביז היינטיגען טאָג? מען מעג אודאי מודה זיין, אַז „מאַ“ און „פּאַ“ זיינען די לייכטסטע קלאַנגען אויס־צורעדען פאַר אַ קינד; די פראַגע איז אָבער — פאַרוואָס ווערט אָט דער טייל פון „קינדער־שפּראַך“ געברויכט פון דערוואַקסענע מענשען, און דוקא אָנגעווענדעט צו אַ געוויסער, שטרענג־בעשטימ־טער קאַטעגאָריע פּערזאָנען? פאַר וואָס ביי אַזויפיעל שטאַמען, וואו די מוטער און איהרע שוועסטער ווערען אָנגערופען „מאַ“, ווערט דער פאָטער בעצייכענט מיט'ן נאָמען „טיאַטיאַ“ (וואָס איז ענליך צו דיאַדיאַ, אַן אָנקעל), „דאַד“, „דאַ“ אָדע „פּאַ“? פאַר־וואָס דער נאָמען מוטער, וואָס מען גיט די טאַנטעס פון דער מאַמעס צד, ווערט שפּעטער פערביטען אויף אַ בעזונדער נאָמען? און אַזוי ווייטער. ווען מיר דערוויסען זיך אָבער, אַז ביי אַ סך ווילדע נעהמט דער מוטער'ס שוועסטער פונקט אַזאַ פעראַנטוואָרטליכען טייל אין אויסהאָדעווען דאָס קינד, ווי די מוטער אַליין, און אַז די אַנדער „מוטער“ (דער מוטער'ס שוועסטער) וועט זיך אָפּפּערן, ווען דער טויט נעהמט צו אַ בעליעבט קינד, כדי איהם צו בעגלייטען אויף זיין רייזע אויף יענער וועלט — דערזעהען מיר געוויס אין אָט די נעמען עפּעס טיעפערעס איידער אַ פּשוט'ן „פאַסאָן דע פּאַרלע“, אָדער אַרט רעדען, וואָס דריקט אויס רעספּעקט. ספּעציעל נאָך, ווען מיר געפינען אַז עס עקזיסטירט גאָר אַ גאַנצע גרופּע פון אַזוינע איבערגעבליבענע נעמען (לובבאָק, קאָוואַלעווסקי און פּאָסט האָבען זיי גרינדליך אונטערזוכט), וועלכע ווייזען אַלע אָן אויף איין ריכ־טונג. עס פערשטעהט זיך, מען קאָן זאָגען, אַז די פערוואַנדשאַפט רעכענט זיך פון דער מוטער'ס זייט, „ווייל דאָס קינד האַלט זיך אויף מעהרער ביי זיין מוטער“; אָדער מען קאָן דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אַ מאַן'ס קינדער פון עטליכע ווייבער פון פערשיידענע שטאַמען געהערען צו זייערע מוטערס' קלאַנען, ווייל דער ווילדער „פערשטעהט ניט קיין פיזיאָלאָגיע“: אָבער דאָס זיינען ניט קיין אַרגומענטען, וואָס ענטשפּרעכען אַפילו וויפיעל־ניט־איז די ערנסט־קייט פון די פראַגען, וואָס ליעגען אין די פאַקטען. ספּעציעל ווען עס איז בעוואוסט, אַז דער חוב צו טראָגען דער מוטער'ס נאָמען, שליסט אויך איין די אָנגעהעריגקייט צו דער מוטער'ס קלאַן אין אַ ל ע הינזיכטען: ד. ה. עס שליסט איין דאָס רעכט אויף אַ טייל

פון אלץ וואס געהערט דעם קלאן פון דער מוטער, ווי אויך דאס רעכט אויף זיין בעשיצונג, קיינמאל ניט אנגעגריפען צו ווערען פון זיינע מיטגליעדער, און דעם חוב צו נעהמען ראכע פאר בעליידיגונגען געגען איהם.

אפילו ווען מיר זאלען צוגעבען פאר א מאמענט, אז אזוינע ערקלערונגען זיינען צופריעדענשטעלענד, וואלטען מיר אבער באלד אויסגעפונען, אז מען מוז האבען א בעזונדער ערקלערונג פאר יעדער קאטעגאריע פון די פאקטען — און די פאקטען זיינען זעהר צאהל־רייך. ווען מיר דערמאנען בלויז עטליכע, האבען מיר: די איינ־טיילונג פון די קלאנען אין קלאסען, בעת עס זיינען ניט פאראן קיינע צוטיילונגען בנוגע דעם אייגענטום אדער געזעלשאפטליכער שטעלונג; די עקזאגאמיע (הייראט אויסער׳ן שטאם) און די פאלג־ליכע מנהגים, וואס לובבאק האט אויסגערעכענט; די בלוט־ברידער־שאפט און א רייה עהנליכע מנהגים. וואס בעצוועקען אנצו־ווייזען אויף דער איינהייט פון אבשטאמונג; די ערשיינונג פון פאמיליען־געטער נאכדעם ווי עס האבען שוין עקזיסטירט שטאם־געטער; דער ווייבער־בייט, וועלכער עקזיסטירט ניט נאר ביי די עסקימאזען אין צייטען פון נויט, נאר איז אויך ווייט פערשפרייט ביי א סך אנדערע שטאמען פון א גאנץ אנדער אבשטאמונג; די לויזקייט פון די הייראט־בענדער, וואס מיר געפינען אויף די נידעריגערע שטופען פון ציוויליזאציע; די פיעלפאכע הייראטען, ווען מעהרערע מענער הייראטען איין ווייב. וואס געהערט צו זיי נאך דער רייה; די אבשאפונג פון די עהע־בעשרענקונגען אין דער צייט פון פעסטליכ־קייטען, אדער אין יעדען פינפטען, זעכסטען, אדער אנאנדער טאג; דאס צוזאמענוואוינען פון פאמיליען אין „לאנגע הייזער“; דער אומשטאנד וואס דער חוב צום ערציהען דעם יתום פאלט, אפילו אין א שפעטערע פעריאדע, אויפ׳ן אנקעל פון דער מוטער׳ס צד; די היבשע צאהל איבערגאנגס־פארמען, וואס בעווייזען דעם שטופענ־ארטיגען איבערגאנג פון מוטער־אבשטאמונג צו פאטער־אבשטא־מונג; די בעגרעניצונג פון דער צאהל קינדער דורכ׳ן קלאן — ניט דורך דער פאמיליע — און די אבשאפונג פון דעם דאזיגען שטרענגען פערבאט אין צייטען פון וואוילשטאנד; דער פאקט, וואס די פאמיליען־בעשרענקונגען קומען נאך די קלאן־בעשרענקונגען; וואס די אלטע קרובים האבען זיך געאפפערט אין די אינטערעסען

פון שטאַם; דער „לעקס טאַליאָנים" פון שטאַם און אַ סך אַנדערע געוועגהייטען און מנהגים, וועלכע זיינען געוואָרען אַ „פאַמיליען־אַנגעלעגענהייט" נאָר דאַן, ווען די פאַמיליע אין מאָדערנעם זין פון וואָרט איז ענדליך אויפגעבויט געוואָרען; די חתונה־און ערב חתונה־צערעמאָניעס, פון וועלכע מען קאָן געפינען אויספאַלענדע ביי־שפּיעלען אין די ווערק פון סער דזשאָהן לובבאָק און אייניגע מאָ־דערנע רוסישע פאָרשער; דער פאַקט וואָס עס זיינען ניטאָ קיינע הייראַט־פּייערליכקייטען וואו עס גילט נאָך די מוטערליכע אָבשטאַ־מונג, און די ערשיינונג פון אַזוינע פייערליכקייטען ביי די שטאַמען, וואָס האַלטען זיך אָן דער פּאַטערליכער אָבשטאַמונג — אַט די אַלע און פיעלע אַנדערע 1) פאַקטען בעווייזען, ווי דורקהיים בעמערקט, אַז „די עהע, אין היינטיגען זין פון וואָרט, איז נאָר געדולדעט געוואָרען און האַט בעגעגענט שטערונגען פון קרעפטען, וואָס זיינען געוועזן פיינדליך צו איהר." אַזוי אויך די פערניכטונג בעת איינער שטאַרבט פון אַלץ וואָס געהערט צו איהם פערזענליך; און ענדליך די גאַנצע אונגעהויערע מאַסע לעבען־געבליבענע פיהרונגען, 2) מיטהען, (וואָס זיינען אָנגעוויזען געוואָרען פון באַכאָפען און זיינע פיעלע נאָכפאָלגער), פאָלק־לאָר, א. ד. ג., קומען זיך אַלע צוזאַמען אין איין און דערזעלביגער ריכטונג.

עס פערשטעהט זיך, דאָס אַלעס בעווייזט נאָך ניט, אַז ס'איז געוועזן אַ פעריאָדע, ווען די פרוי איז בעטראַכט געוואָרען אַלס העכער פאַר'ן מאַן, אָדער אַז זי איז געוועזן דער „הויפט" פון קלאַן; דאָס איז אַ גאַנץ בעזונדערער ענין, און מיין פערזענליכע מיינונג איז, אַז אַזאַ פעריאָדע האַט קיינמאָל ניט עקזיסטירט. עס בעווייזט אויך ניט, אַז ס'איז אַמאָל געוועזן אַ צייט, ווען עס האָבען גאָרניט עקזיס־טירט קיינע שטאַם־בעשרענקונגען אויף דעם פערקעהר צווישען די געשלעכטער — דאָס וואָלט געוועזן אַבסאָלוט געגענגעזעצט צו אַלע

---

1) זעה „מעררידזש קאַסטאָמס אין מעני לענדס" פון ה. נ. הוטשינ־סאָן, לאָנדאָן, 1897.

2) פיעל נייע און אינטערעסאַנטע פאָרמען פון אַזוינע פיהרונגען זיינען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען פון ווילהעלם רודעק, אין זיין „גע־שיכטע דער עפפענטליכען זיטליכקייט אין דויטשלאַנד", און אַנאַליזירט פון דורקהיים אין „סאָציאָלאָגישע יאַהרביכער" (פראַנצ.), באַנד 2, ז. 312.

בעקאַנטע פאַקטען. אָבער ווען מען בעטראַכט אַלע פאַקטען, וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט אַרויסגעבראַכט געוואָרען, אין זייער צוזאַמענהאַנג איינע מיט די אַנדערע, איז אוּנמעגליך ניט צו אַנער־קענען, אַז אויב עס האָבען אפשר זיך איינגעפונען איינצעלנע פאַר־לעך מיט זייערע קינדער אין דעם פּרימיטיווען קלאַן, זיינען אַזוינע אַנאַפּנג־פאַמיליען געווען נאָר געדולדעטע אויס־נאַהמען, אָבער ניט די אינסטיטוציעס פון דער צייט.

---

## XII—די פערניכטונג פון פּערזענליכען אייגענטום אויפ'ן קבר

(צו זייט 138)

אין דעם מערקווירדיגען ווערק פון דזש. מ. דע גראָאָט („דהי רעלידזשיאָז סיסטעמס אָוו טשאַינאַ“, לעידען, 97-1892) געפינען מיר אַ בעשטעטיגונג פון דער אידעע, וואָס איז אַרויסגעזאָגט גע־וואָרען אין טעקסט. אין כינאַ (ווי אין אַנדערע לענדער) איז געווען אַ צייט, ווען גאָר דאָס פּערזענליכע אייגענטום פון פּער־שטאָרבענעם איז פערניכטעט געוואָרען אויף זיין קבר — זיינע בעוועגליכע גיטער, זיינע קנעכט, אפילו זיינע פריינד און וואַסאַלען, און פערשטעהט זיך, זיין אַלמנה. די מאָראַליסטען האָבען געמוזט אָנפיהרען אַ שווערען קאַמפּף איידער זיי האָבען פּועל געווען צו מאַכען אַ סוף פון דעם מנהג.

ביי די ענגלישע ציגיינער איז דער מנהג צו פערניכטען אַלע מטלטלים פון געשטאָרבענעם פערבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג. דאָס גאַנצע פּערזענליכע אייגענטום פון דער ציגיינערשער קעניגין, וועלכע איז געשטאָרבען אין יאָהר 1896, אין דער סביבה פון דער שטאָדט סלו, איז פערניכטעט געוואָרען אויף איהר קבר. די ערשטע זאַך האָט מען דערשאָסען איהר פערד און איהם בעגראָבען. דערנאָך האָט מען צעבראָכען און פערברענט איהר וואָגען מיט'ן ביידעל, אין וועלכען זי פלעגט אַרומפאָהרען, די געשפאַנען פון די פערד און די קליינע חפצים פון איהר בעליבתישקייט. די מעשה איז געווען בעשריבען אין איניגע צייטונגען, און ביי מיר געפינען זיך נאָך די אויסשניטען.

## XIII — די „ניט־געטיילטע פאַמיליע"

(צו זייט 171)

איינינע ווערטהפולע ארבייטען וועגען דער דרום־סלאווישער זאַדרוגאַ, אָדער „פיעלפאכע פאמיליע", אין פערגלייך מיט אנדערע פאָרמען פון פאמיליען־אָרגאניזאציע, זיינען פערעפענטליכט געוואָרען נאָך דעם ווי דאָס בוך איז געווען אָנגעשריבען. ערנסט מילער'ס אָבהאנדלונג (אין „יאהרבוך דער אינטערנאציאָנאלער פעראייניגונג פיר פערגלייכענדע רעכטסוויסענשאפט אונד פאָלקס־ווירטהשאפטסלעהרע", 1897) און א. ע. געשצאָוו'ס „זאדרוגא אין בולגאריא" און „דאָס אייגענטום און ארבייט פון דער זאדרוגא אין בולגאריען" (ביידע ווערק געשריבען אין דער בולגארישער שפראַך). איך מוז אויך דערמאָנען די גוט־בעקאנטע פאָרשונג פון באָגישיטש („דע לא פאָרמע דיטע „אינאָקאָזנא" דע לא פאמיללע רוראלע שעז לע סערבעסעט לע קראָאטעס", פאריז, 1884), וועלכע איז ניט אריין אין טעקסט.

---

## XIV — דער אורשפרונג פון די גילדען

(צו זייט 233)

דער אורשפרונג פון די גילדען איז אן ענין, וועגען וועלכען עס זיינען געווען פיעל חלוקי דעות. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז געווערקשאפט־גילדען, אָדער „קאָלעגיען" פון בעלי מלאָכות האָבען עקזיסטירט אין אלטען רוים. ווי מען קאָן ווירקליך זעהן פון א שטעלע אין פלוטארך, האט נומא ארויסגעגעבען געזעצען וועגען זיי. „ער האָט איינגעטיילט דאָס פאָלק", זאָגט זיך דאָרטען, „אין געווערבען... בעפעהלענדיג זיי צו האָבען ברודערשאפטען, פעסטליכקייטען און פערזאמלונגען. און האָט אָנגעוויזען וועלכע גאָטעס־דיענסטען זיי זאָלען אנשטאלטען צו די געטער, לויט דער ווירדע פון יעדער קערפערשאפט". עס איז אָבער כמעט זיכער, אז דער רוימישער קיסר האָט ניט ערפונדען אָדער איינגעפיהרט די דאָזיגע געווערקשאפט־קאָלעגיען: זיי האָבען שוין געהאַט עקזיסטירט אין אלטען גריכענלאנד. לויט אלע וואהרשיינליכקייטען, האט ער זיי בלויז געשטעלט אונטער זיין קעניגליכער געזעצגעבונג, פונקט ווי פיליפ לע בעל, 15 הונדערט יאָהר שפעטער, האָט געשטעלט די

געוועקשאַפטען פון פראַנקרייך, צו זייער גרויסען שאָדען, אונטער דער קעניגליכער אויפזיכט און געזעצגעבונג. איינער פון נומאַ׳ס נאָכפאָלגער, סערוויאוס טוליאוס, האָט אויך, ווי מען זאָגט, ארויס־געגעבען איניגע געזעצען בנוגע די קאָללעגיען. 1)

עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירליך, אַז די היסטאָריקער זאָלען זיך שטעלען די פראַגע, צי די גילדען, וועלכע האָבען זיך אַזוי שטאַרק פונאַנדערגעבליהט אין 12טען י. ה., און אפילו אין 10טען און 11טען י. ה., זיינען ניט אויפגעלעבטע פעראייניגונגען פון די אַלטע רוימישע „קאָללעגיען" — דערהויפּט נאָך ווען מען געפינט, אַז זיי זיינען געווען, ווי עס איז צו זעהן פון דער פריהערדיגער ציטאַטע, גאָר עהנליך צו די מיטעלאַלטערליכע גילדען. 2) עס איז ווירקליך בעקאַנט, אַז קאָרפּאָראַציעס פון אָט דעם רוימישען טיפּ האָבען עקזיסטירט אין דרום־גאַלליען ביז אין 5טען יאָהרהונדערט אריין. אויסערדעם האָט מען געפונען אין פּאַריז, אויפגראָבענדיג ערגעץ וואו די ערד, אַן אויפשריפט וואָס בעווייזט, אַז אין לוטעציאַ האָט עקזיסטירט אַ קאָרפּאָראַציע פון „וואַסער־מענשען" (נאַוטע) אונטער דעם קיסר טיבעריוס; און אין חאַרטאַ, וואָס מען האָט געגעבען די פּאַריזער „וואַסער־סוחרים", אין יאָהר 1170, רעדט זיך וועגען זייערע רעכט, ווי זיי עקזיסטירען „אַב אַנטיקוואָ" (משנים קדמוניות). 3) עס וואָלט דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט געווען, ווען די דאָזיגע קאָרפּאָראַציעס וואָלטען זיך געהאַלטען אין פראַנק־רייך אין די ערשטע צייטען פון מיטעלאַלטער, נאָך דעם אריינ־דרינגען פון די באַרבאַרען.

אָבער ווען מען גיט עס אפילו צו, איז אַלץ ניטאָ קיין גרונד צו האַלטען, אַז די האָללאַנדישע קאָרפּאָראַציעס, די נאָרמאַנדישע גילדען, די רוסישע „אַרטעלען", די גרוזינישע „אַמקאַרי" א. אַז. וו. האָבען אַלע אויך געמוזט אונבעדינגט האָבען אַ רוימישען אָדער

1) ע. מאַרטין סט. לעאָן „די געשיכטע פון די האַנדווערקער־קאָרפּאָראַציעס פון זייער אורשפּרונג ביז זיי זיינען אונטערדריקט געוואָרען אין יאָהר 1791", א. אַז וו. (פראַנצ.) פּאַריז, 1897.

2) דאָס רוימישע „סאָדאַליטיאַ", ווי ווייט מיר קאָנען אורטיילען, (זעה דעמזעלבען פערפאַסער, ז. 9) ענטשפּרעכט די קאַבילישע „קאָפּס".

3) דאָרט גופא, ז. 51.

אפילו א ביזאַנטישען אורשפּרונג. געוויס איז דער פּערקעהר צווישען די נאָרמאַנען און דער הויפּט־שטאָדט פון דער מזרח־רוימישער אימפּעריע געווען זעהר א לעבעדיגער, און די סלאַווען (ווי עס איז בעוויזען געוואָרען פון די רוסישע היסטאָריקער און דערהויפּט פון דאַמבאַ) האָבען אין דעם דאָזיגען פּערקעהר גענומען א לעבעדיגען אנטייל. די נאָרמאַנען און די רוסען, הייסט עס, האָבען געקאָנט אימפּאָרטירען די רוימישע אָרגאַניזאַציע פון געווערקשאַפט־קאָרפּאָראַציעס אין זייערע אייגענע לענדער. ווען מיר זעהען אָבער, אז דער ארטעל איז געווען דער גרונדשטריך פון אַלטעגליכען לעבען ביי אַלע רוסען שוין אין 10טען י. ה., און אז דער דאָזיגער ארטעל, אַבוואויל קיין געזעצגעבונג האָט ביז דער לעצטער צייט איהם ניט רעגולירט, האָט אַקוראַט דיזעלביגע כאַראַקטערצייכען ווי דער רוימישער „קאָלעגיום" און די וועסט אייראָפּעאישע גילדע, זיינען מיר נאָך מעהר גענויגט צו האַלטען, אז די מזרח־גילדע האָט נאָך אפילו אַן עלטערן אורשפּרונג איידער דער רוימישער „קאָלעגיום". די רוימער האָבען פּאַקטיש גאַנץ גוט געוואוסט, אז זייערע „סאָדאַ־ליטיאַ" און „קאָללעגיאַ" זיינען דאָס, וואָס די גריכען האָבען אָנגערופען „העטערי" (מארטין ס. לעאָן, ז. 2), און אויף וויפיעל מיר זיינען בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון די מזרח־לענדער, קאָנען מיר בעהויפּטען, און מיר האָבען דאַכט זיך קיין טעות ניט, אז די גרויסע מזרח־פעלקער, ווי אויך עגיפּטען, האָבען אויך געהאַט די זעלביגע גילדען־אָרגאַניזאַציעס. די גרונדשטריכען פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע זיינען דיזעלביגע וואו מיר זאָלען זיי ניט געפינען. עס איז א פּעראייניגונג פון מענשען, וואָס בעטרייבען דיזעלביגע פּראָפעסיאָן אָדער האַנדווערק. אָט די פּעראייניגונג האָט, פּונקט ווי דער פּרימיטיווער קלאַן, איהרע אייגענע געטער און איהר אייגע־נעם גאָטעסדיענסט, וועלכע ענטהאַלטען אַלעמאָל געוויסע מיס־טעריען, וואָס זיינען אייגענטימליך פאַר יעדען בעזונדערען פּעראיין. די פּעראייניגונג בעטראַכט אַלע איהרע מיטגליעדער ווי ברידער און שוועסטער — מעגליך (אין אָנהויב) אויך מיט אַלע פּאָלגען, וואָס אזא קרובה'שאַפט האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אין דער גענס, אָדער וועניגסטענס מיט אזוינע צערעמאָניעס, וואָס האָבען אָנגעוויעזען אָדער סימבאָליזירט די קלאַן־פּערהעלטניסען צווישען ברודער און שוועסטער. און צולעצט האָבען מיר אין אַמ

דער פעראייניגונג אַלע התחיבות'ן פון געגענזייטיגער שטיצע, וועל־
כע האָבען עקזיסטירט אין דעם קלאַן, און דאָס זיינען: די אונמעג־
ליכקייט צו בעגעהן אַ מאָרדטהאַט אינערהאַלב פון דער ברודער־
שאַפט, די קלאַן־פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר'ן געריכט, און די
התחיבות, אין פאַל פון קלענערע מחליקות, פאַרצוברענגען די זאַך
פאַר די ריכטער, אָדער בעסער געזאָגט, פאַר די פערמיטלער פון
דער גילדע־ברודערשאַפט. די גילדע — קאָן מען זאָגען — איז אויף
דעם אופן געבויט לויט דעם מוסטער פון קלאַן.

איך בין דעריבער גענויגט צו דענקען, אַז דיזעלביגע בעמער־
קונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין טעקסט בנוגע דעם אור־
שפרונג פון דער דאָרף־געמיינדע, פאַסען פונקט אַזוי גוט אויף דער
גילדע, דעם אַרטעל און אויף די האַנדוועדקער־ און שכנים'שע־
ברודערשאַפטען. ווען די בענדער, וועלכע האָבען פריהער פער־
אייניגט די מענשען אין זייערע קלאַנען, זיינען לויז געוואָרען צוליעב
די וואַנדערונגען, דעם אויפטרעטען פון פאַטערליכע פאַמיליען און
דער וואַקסענדער פערשיידענאַרטיגקייט פון די בעשעפטיגונגען —
האָט די מענשהייט בעשאַפען אַ נייע טעריטאָריעלע
פערבינדונג אין דער פאָרם פון דער דאָרף־געמיינדע. און
נאָך אַ פערבאַנד — אַ בעשעפטיגונגס־פערבאַנד — איז
אויסגעאַרבייט געוואָרען אויפ'ן געביעט פון אַ פאַרגעשטעלטער ברו־
דערשאַפט: עס איז געשאַפען געוואָרען אַ „פאַרגעשטעלטער קלאַן",
וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט צווישען צוויי אָדער עטליכע מענ־
שען דורך דעם „געמיש פון בלוט־ברודערשאַפט" (דאָס סלאַווישע
„פאָבראַטימסטוואָ"), און צווישען אַ גרעסערע צאָהל מענשען פון
פערשיידענע אָבשטאַמונגען, ד. ה. פון אַזוינע וואָס שטאַמען אָב פון
פערשיידענע קלאַנען און וואוינען אין דערזעלבער שטאָדט אָדער
דעמזעלבען דאָרף, (אָדער אפילו אין פערשיידענע שטעדט אָדער
דערפער) — דורך דער פראַטרי, העטערי, אמקאַרי, אַרטעל, גילדע.[1]

---

1) עס איז צו בעוואונדערען מיט וואָס פאַר אַ קלאָרקייט אָט די־
זעלביגע אידעע איז אויסגעדריקט אין אַ בעקאַנטען זאַץ ביי פלוטאַרך
וועגען נומאַ'ס געזעצגעבונג פאַר די געווערב־קאָלעגיען. „אויף דעם אופן
— האָט פלוטאַרך געשריבען — איז ער געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט
פערטריבען פון שטאָדט יענעם גייסט, וועלכער האָט בעוואויגען מענשען צו

וואָס געהערט דער אידעע און פאָרם פון דער דאָזיגער אָרגאַ־ניזאַציע, זיינען איהרע עלעמענטען שוין אַנגעוויזען געוואָרען אין דער פעריאָדע פון „ווילדקייט" און זיינען איבערגעגעבען געוואָרען ביז דער גאַנץ לעצטער צייט. מיר ווייסען, אז עס זיינען פאַראַן אין די קלאַנען פון אלע ווילדע בעזונדערע געהיימע אָרגאַניזאַציעס פון קריעגס־פיהרער, מכשפים, יונגע לייט א. ד. ג., און אויך מיסטעריען, אין וועלכע עס ווערען איבערגעגעבען די ידיעות וועגען געיעג און קריעג־פיהרונג, מיט זייערע ענטשפרעכענדע שבועות און צערעמאָ־ניעס (מאַסקירטע טענץ א. ד. ג.). אָט די סאָרטען געווערב־מיסטע־ריען, וועלכע מיקלוכא מאַקליי האָט אָנגערופען מיט'ן נאָמען „קלובען", זיינען לויט אלע וואהרשיינליכקייטען געווען די פּראָטאָ־טיפּען פון די צוקינפטיגע גילדען.1)

---

זאָגען: „איך בין אַ סאַבינער", אָדער „איך בין אַ רוימער", אָדער „איך בין טאַציוס' אַן אונטערטאַן", אָדער „איך בין אַן אונטערטאַן פון ראָמו־לוס". מיט אַנדערע ווערטער: דורך די קאָלעגיען איז פערניכטעט געוואָ־רען דער געדאַנק פון פערשיידענער אָבשטאַמונג.

1) ה. שורץ'ס ווערק, וואָס גיט זיך אָב מיט די „אַלטער־קלאַסען" און געהיימע פערבאַנדען אין פערלויף פון די ערשטע (באַרבאַרישע) שטופען פון ציוויליזאַציע, („אַלטער־קלאַסען און מענערפערבענדע: איינע דאַר־שטעלונג דער גרונדפאָרמען דער געזעלשאַפט", בערלין, 1902), וואָס איז מיר אָנגעקומען צו זעהן בעת איך האָב געהאַלטען אין לעזען די קאָרעקט־טורען פון אָט דעם בוך, ענטהאַלט אַ מאַסע פאַקטען, וועלכע בעשטעטיגען די אויבענגעבראַכטע השערה וועגען דעם אורשפּרונג פון די גילדען. די קונסט פון בויען דאָס גרויסע קאָמונאַל־הויז און דערביי ניט בעלייזדיגען די גייסטער פון די אויסגעהאַקטע ביימער; די קונסט פון שמיעדען די מעטאַלען אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל בעפריעדיגען די פריינדליכע גייס־טער, וועלכע היטען די מעטאַלען; די סודות פון געיעג און די סעקרעטען פון די צערעמאָניעס און מאַסקירטע טענץ, וואָס זיינען גורם דעם ערפאָלג פון יאַגד; די קונסט פון אויסלערנען די אינגלעך פערשיידענע מלאכות; די געהיימע מיטלען ווי אָבצוטרייבען די כשוף פון די פיינד, און פאָלגליך די קונסט פון קריעג־פיהרונג; די מלאכה צו מאַכען לאָדקעס, נעצען פאַר'ן פיש־פאַנג, פאַנג־שטריק פאַר חיות און פאַסטקעס פאַר פויגלען; און ענד־ליך די ווייבערשע מלאכות פון וועבען און פאַרבען — אָט די אלע זאַכען

בנוגע צו דעם אויבענדערמאָנטען ווערק פון ע. מארטין־סיינט־לעאָן וויל איך צולעגען, אז עס ענטהאלט זעהר ווערטהפולע ידיעות וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון די געווערבען אין פאריז (ווי עס איז צו זעהן פון בואלאָ׳ס ווערק „דאָס בוך פון די בעלי מלאכות“, פראַנ.) און אַ גוטע רעזומע פון די ידיעות, וואָס זיינען שייך צו די קאָמונעס פון פערשיידענע טיילען פון פראַנקרייך, מיט אַלע ביאָגראַפישע אָנ־ציינונגען. מען מוז אָבער געדענקען, אז פאריז איז געווען אַ „קעניגליכע שטאָדט“ (ווי מאָסקווע אָדער וועסטמינסטער) און בכן האָבען די פרייע אינסטיטוציעס פון דער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט קיינמאָל דאָרטען ניט געגרייכט אַזאַ ענטוויקלונג ווי אין די פרייע שטעדט. זיי שטעלען ווייט ניט פאָר מיט זיך „דאָס בילד פון אַ טיפּישער קאָרפּאָראַציע“, נאָר פערקעהרט, די פּאַריזער קאָרפּאָראַציעס, „געבוירען און ערצויגען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער מלוכה“, האָבען טאַקע צוליעב דעם גופא קיינמאָל ניט געקאָנט גרייכען דעם וואונדערבארען וואוקס און דעם איינפלוס אויפ׳ן גאַנ־

---

זיינען אין די אַלטע צייטען געווען מלאכות און „קונסטען“, וואָס האָבען געמוזט בלייבען געהיימניסען, כדי צו קאָנען דורכגעפיהרט ווערען מיט ערפאָלג. (אין ענגליש האָט דאָס וואָרט „קרעפט“ די בעדייטונג אי פון מלאכה, אי פון כשוף.) זיי זיינען דעריבער איבערגעגעבען געוואָרען פון די ערשטע צייטען אָן אין געהיימע געזעלשאַפטען אָדער „מיסטעריען“ בלויז צו די, וואָס האָבען אויסגעהאַלטען זעהר אַ שטרענגע פּראָבע ביים אַריינטריט. ה. שורץ בעווייזט ווי דאָס לעבען פון די ווילדע איז דורכ־געדרונגען פון געהיימע געזעלשאַפטען און „קלובען“ (פון קריעגפיהרער און יעגער), וועלכע האָבען פונקט אַזאַ אַלטע אָבשטאַמונג, ווי די עהע־קלאַסען אין די קלאַנען, און זיי ענטהאַלטען שוין אַלע עלעמענטען פון דער צוקינפטיגער גילדע: געהיימניס, אונאבהענגיגקייט פון דער פאַמיליע און אַמאָל אויך פון קלאַן, געמיינזאַמען דיענסט צו ספּעציעלע געטער, גע־מיינשאַפטליכע מאָהלצייטען, אייגענע יוריסדיקציע אין דער געזעלשאַפט און ברודערשאַפט. די קוזנע און דאָס הויז, וואו עס שטעהען די לאָד־קעס, זיינען געוועהנליך אָבטיילונגען, וואָס געהערען צו מענער־קלובען; די „לאַנגע הייזער“ אָדער „פּאַלאווערס“ ווערען געבויט פון ספּעציעלע בעלי־מלאכות, וועלכע ווייסען דעם סוד ווי צו מפצה זיין די ייוסטער פון די אויסגעהאַקטע בוימער.

צען שטאָדטישען לעבען, וועלכע זיי האָבען בעקומען אין צפון־מזרח פון פראנקרייך, אין ליאָן, מאָנפעלליע, נימע א. אז. וו., אָדער אין די פרייע שטעדט אין איטאליע, פלאמאנדיע, דייטשלאנד א. אז. וו. און דוקא דאָס, וואָס דער מחבר האלט פאר א מעלה, איז גאָר געווען א חסרון. דען ער אליין בעווייזט אויספיהרליך אין פערשיידענע טיילען פון זיין בוך, ווי דאָס אריינמישען זיך פון דער קייזערליכער מאכט אין רוים און פון דער קעניגליכער מאכט אין פראנקרייך האָט צערשטערט און פאראליזירט דאָס לעבען פון די פאך־גילדען.

---

## XV — דער מארק און די מיטעלאלטערליכע שטאָדט.

(צו זייט 249)

אין א ווערק וועגען דער מיטעלאלטערליכער שטאָדט („מארקט אונד שטאדט אין איהרעם רעכטליכען פערהעלטניס“, לייפציג, 1896) האָט ריעטשעל ענטוויקעלט די אידעע, אז מען מוז זוכען דעם אור־שפרונג פון די דייטשע מיטעלאלטערליכע פריישטעדט אין דעם מ א ר ק. דער אָרטיגער מארק, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אונטערן שוץ פון א בישאָף, א קלויסטער, אָדער א פרינץ, האָט אָנ־געקליבען ארום זיך א בעפעלקערונג פון הענדלער און בעלי־מלאכות, אָבער ניט קיין ערדבויער. די סעקציעס, אין וועלכע די שטעדט זיינען געוועהנליך געווען איינגעטיילט, וואָס זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען פון מארק־פלאץ און זיינען בעזעצט געוואָרען, יעדע סעקציע מיט בעלי מלאכות פון א ספעציעלען פאך, דיענען, לויט זיין מיינונג, אלס א בעווייז פאר זיין טעאָריע: די סעקציעס האָבען געוועהנליך צו־נויפגעשטעלט די אלטע שטאָדט, בעת די נייע שטאָדט איז געווען א פויערשער דאָרף, וואָס האָט געהערט צו א פרינץ אָדער דעם קעניג. די ביידע טיילען זיינען רעגיערט געוואָרען לויט פערשיידענע געזעצען.

עס איז אודאי אמת, אז דער מארק האָט געשפיעלט א וויכטיגע ראָליע אין דער ערשטער ענטוויקלונג פון אלע מיטעלאלטערליכע שטעדט, דערמיט וואָס ער האָט בייגעטראָגען צו דער פערגרעסערונג פון דעם רייכטום פון די בירגער און האָט אין זיי ארויסגערופען געדאנקען פון אונאָבהענגיגקייט; אָבער, ווי עס איז שוין בעמערקט געוואָרען פון קארל הענעל — דעם וואויל־בעקאנטען פערפאסער פון

א זעהר גוטען אלגעמיינעם ווערק איבער די דייטשע מיטעלאלטער־ליכע שטעדט („די ענטשטעהונג דעם דייטשען שטעדטע וועזענס", לייפציג, 1898) זיינען די שטאדטישע געזעצען און די מארק־געזעצען געוועזען גאנץ בעזונדערע זאכען. ער קומט צום שלוס (בעשטעטיגענ־דיג אויף דעם אופן די אנזיכטען, וואס זיינען ארויסגעזאגט געווארען דא אין אונזער בוך), אז די מיטעלאלטערליכע שטאדט האט געהאט א דאפעלטען אורשפרונג. עס זיינען אין איהר געוועזען צוויי בעפעל־קערונגען, וואס האבען געלעבט זייט ביי זייט, איינע א דארפישע, די אנדערע א ריין שטאדטישע"; די דארפישע בעפעלקערונג, וואס האט פריהער געלעבט אונטער דער ארגאניזאציע פון דער „אלל־מענדע" אדער דארף־געמיינדע, איז אינקארפארירט געווארען אין דער שטאדט.

בנוגע די הענדדלער־גילדען פערדיענט ספעציעל דערמאנט צו ווערען די ארבייט פון הערמאן וואן דען לינדען („לע גילד מארשאנד דאן לע פיי־בא א מאיאן אזש", גאנד, 1896). דער פערפאסער געהט דורך די שטופענארטיגע ענטוויקלונג פון זייער פאליטישער מאכט און פון דער אויטאריטעט, וואס זיי האבען ביסלעכווייז בעקומען איבער דער אינדוסטריעלער בעפעלקערונג, דערהויפט איבער די טוך־הענדלער, און בעשרייבט דעם פערבאנד, וואס די האנדווערקער האבען געשלאסען, כדי צו קעמפפען אנטקעגען זייער וואקסענדער מאכט. דער געדאנק, וואס איז ענטוויקעלט געווארען דא אין בוך וועגען דעם ערשיינען פון די האנדעלס־גילדען אין א שפעטערער פעריאדע ווען עס האבען אנגעהויבען אונטערצוגעהן די שטאדטישע פרייהייטען, געפינט אויף דעם אופן א בעשטעטיגונג אין וואן דען לינדען'ס פארשונגען.

---

## XVI — די דארף־געמיינדע אין ענגלאנד און איהרע היינטצייטיגע שפורען.

(צו זייטען 302, 305, 326)

בעת איך האב פערפערטיגט די רוסישע אויסגאבע פון אט דעם בוך, אין אנהויב 1907, האב איך בעקומען דעם מערקווירדיגען ווערק פון דר. גילבערט סלאטער, „די איינצוימונג פון די געמיינדע־לענדערייען, געאגראפיש בעטראכט" אין דעם געאגראפישען זשורנאל

פון דער לאָנדאָנער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, פאַר יאַנואַר, 1907. —דר. סלאַטער אונטערזוכט אין דעם דאָזיגען ווערק ניט אַזוי די איינצוימונג פון די געמיינשאַפטליכע פּוסטע און פיטער־לענדער, ווי די איינצוימונג פון די בעאַרבייטעטע פעלדער, וועלכע זיינען פערבליבען — אָפטמאָל ביז דער גאַנץ לעצטער צייט — אין געמיינשאַפטליכען געברויך (און וועלכע זיינען אַמאָל איבערגעגאַנגען אין פּריוואַט־בעזיץ). כדי צו דערקלערען זיין געדאַנק, נעהמט ער אַלס ביישפּיעל די דערפער קאַסטאָר און וועלזוואָרס נעבען פּיטערבאָראָ, וואו די איינצוימונג, וועלכע האָט צערשטערט די געמיינדע, איז פאָרגעקומען ערשט אין דעם יאָהר 1892. אין אָט די צוויי דערפלעך זיינען אַלע הייזער, אויסער די מיהל און די אייזענבאַהן־סטאַנציע, געווען צונויפגעשפּאַרט אַרום קירך און פאַזשע דעם גרויסען וועג. הינטער די הייזער זיינען געלעגען פערצוימטע פלעצער אויף צו פּיטערען די פערד. ווייטער, צו צפון־און דרום־צו האָבען זיך געצויגען פעראַקערטע פעלדער, אָהן וועלכע עס איז אָבצוימונגען, אחוץ וואר־ניט־וואו נאָך געבליבענע סטעזשקעס, וואָס זיינען ערטערווייז געווען פערוואַקסען מיט שטרויכען.

אַלע בעלי־בתים פון דעם דאָזיגען דאָרף, אַרום צוואַנציג אין צאָהל, האָבען געהאַט „פּאַסען“, פּונקט ווי אין דער רוסישער אָבשטשינאַ. אַזוי צ. ב. ש. האָט דער רעקטאָר (דער גלח פון קירך) געהאַט 100 אַקער לאַנד אין 145 בעזונדערע פּאַסען (סטריפּס), וואָס זיינען מיט קיין זאַך ניט אָבגעטיילט געווען פון אַנדערע פּאַסען, אחוץ מיט אַ בעט־שניט וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט'ן אַקער. אינמיטען פון די דאָזיגע בעאַרבייטעטע פעלדער זיינען איבערגעלאָזט געוואָרען עטליכע געמיינשאַפטליכע פּיטער־פּלעצער; אין צפון־מערב'דיגען ווינקעל איז געווען אַ פּוסטער פּלאַץ — אויף דעם אָרט ווי די געוועהנליכע ענגלישע „קאָממאָנס“ — און צו דרום־צו ביים טייך נעו האָבען זיך געצויגען די געמיינשאַפטליכע לאָנקעס, וועלכע זיינען געווען איינגעטיילט אין נאָך קלענערע פּאַסען איידער אין די פעראַקערטע פעלדער. אָט די אַלע פּאַסען, אפילו פון די פעראַקערטע פעלדער, זיינען געווען אונטערוואָרפען די געמיינדע־רעכט פון פּיטערען די פיה.

אַלס ביילאַגע צו דר. סלאַטער'ס בוך געפינט זיך אַ פּלאַן פון דאָרף לאַקסטאָן, וועלכער איז פערבליבען עד היום אין געמיינשאַפט־

ליכען בעזיץ, און אַט דער פּלאַן איז מערקווירדיג עהנליך, כמעט אַ פּינקטליכע קאָפּיע פון די פּלענער פון די רוסישע אָבשטשינאַס, ווי מיר געפינען זייאין דעם בעקאַנטען ווערק פון פּ. פּ. סעמיאָנאָוו.

דער דאָרף, די אָבשטשינאַ, זאָגט סלאַטער, איז דאַן געווען אַן אגריקולטור־איינהייט, ניט אַ פּויערשער הויף. דער פּאַרמער האָט געמוזט ארבייטען ניט לויט זיין פּאַנטאַזיע, נאָר לויט דעם פּלאַן וואָס איז געמיינשאַפטליך אויסגעארבייט געוואָרען פון דער גע־מיינדע. דער סיסטעם פלעגט זיין דער געוועהנליכער פערפּאַל־קאָמטער דריי־פעלדער־סיסטעם, ד. ה. 1) ווייץ, 2) זומער־תבואה און 3) אָנשטאָט אַ פּוסטער — ארבעס, לינזען א. ד. ג.

יעדען פריהלינג פלעגען אַלע בעלי־בתים זיך צונויפקלייבען און בעשטימען יעדען איינעמס רעכטען לויט דער צאָהל חלקים (סטינטס), וואָס ער שטעלט פאַר. אויף די געמיינשאַפטליכע פיטער־פעלדער האָט אַ חלק פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס רעכט צו פיטערען איין פערד, אָדער צוויי קיה, אָדער צעהן שעפּסען. די לאַנקעס זיינען געווען אָפען פאַר אַלע בעלי־בתים פון דעם ערשטען אויגוסט ביז דעם צווייטען פעברואר; די ווינטער־און זומער־פעלדער — פון שניט־צייט ביז'ן פערזעען, און וואָס געהערט דעם דריטען פעלד, פלעגט מען יעדען יאָהר בעשטימען, מיט וואָס מען זאָל עס פערזעען און ווען מען זאָל עס עפענען פאַר דער געמיינ־שאַפטליכער פּאַשע.

ווען דער געמיינשאַפטליכער בעזיץ איז צערשטערט געוואָרען, איז דער גאַנצער שטח צובּרעקעלט געוואָרען אין אַ געוויסע צאָהל פאַרמס, און יעדער פּאַרמער האָט געמוזט ארומצוימען זיין ערד.

אַט דאָס זיינען די אינטערעסאַנטע פּונקטען, וואָס דר. סלאַטער האָט ענטדעקט. נאָכהער האָט ער אונטערגענומען גאָר אַ גרויסאַר־טיגע ארבייט. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז הגם דאָס פער־כאַפּען פון די געמיינשאַפטליכע לענדערייען איז דורכגעפיהרט גע־וואָרען, אין 18טען און 19טען יאָהרהונדערט, אין גאַנץ ענגלאַנד און וועלס, זיינען פון דעסטוועגען ווייט ניט אומעטום אָבגעצוימט גע־וואָרען די אַקער־פעלדער. אין פיעלע קאָונטיעס זיינען אָבגעצוימט געוואָרען בלויז די פּוסטע און די פיטער־פעלדער. דאַן האָט דער פּערפּאַסער גענומען לייענען יעדען אָבצוימונגס־אַקט בעזונדער, כדי אויסצוגעפינען וויפיעל עס איז אין יעדען פאַל בעזונדער פערניכטעט

געוואָרען דער געמיינשאַפטליכער ערד־בעזיץ אויף אַקער־ערד (אויסער לאַנקעס און פּוסטע פעלדער). און ער האָט צוזאַמענגעשטעלט א רשימה: וואָס פאַר אַ טייל פון גאַנצען שטח פון יעדער קאָונטי איז פערבליבען אַלס אַקער־פעלדער אין געמיינשאַפטליכען בעזיץ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין איינינע קאָונטיעס האָט עס אויסגעמאַכט אַ פערטעל (אין בערקשייר, יאָרקשייר, ווילטשייר), און אַ דריטעל (אין נאָרפאָלק, נאָטינגהאַם, בעק, קעמברידזש), אָדער גאָר ארום אַ העלפט (אין יאָרק, אָקספאָרד, בעדפאָרד, רעטלאַנד, הונטינגדאָן, נאָרטהאַמפּטאָן) פון דעם גאַנצען שטח פון דער אַקערפעהיגער און ניט אַקערפעהיגער ערד פון דער קאונטיע.

אין די דאָזיגע אַלע פעלען איז אָבער קיין איבערטיילונג פון דער ערד שוין ניט פאָרגעקומען. די פּאַסען אין פערשיידענע פעלדער האָבען געהערט צו יעדען בעזיצער פון דור צו דור, זינט זיי זיינען אָנגעקומען (אָפּטמאָל אויך על פּי קניה) צו דעם אָדער יענעם פון די געמיינדע־מיטגליעדער. נאָר שוין זייענדיג פּריוואַט בעזיצער פון זייערע פּאַסען האָבען די מיטגליעדער פאַר הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנד אַלץ געפיהרט אַ געמיינשאַפטליכע בעל־בתישקייט, *פערבעסערענדיג דערביי דעם סיסטעם פון דער ערד־בעאַרבייטונג.*

דער סיסטעם פון יאָהר־יעהרליכער געמיינדע־איבערטיילונג פון דער ערד, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „רון ריג“ אין שאָטלאַנד און ווײלס, „רון דייל“ אין אירלאַנד און „ריג אָלד רעננאַ!“ אין קייטסנעס, עקזיסטירט נאָך ביז הייניגען טאָג אין שאָטלאַנד און וואַהרשיינליך ערגעץ־וואו אויך אין אירלאַנד. אין מיטען 19טען יאָהרהונדערט איז עס אפילו געווען זעהר ווייט פערשפּרייט. וועגען דעם האָט אויך גערעדט וויליאַם מאַרשאַל, וועלכען מיר האָבען דערמאָנט אין טעקסט, בעשרייבענדיג פערשיידענע טיילען פון ענגלאַנד.

בכלל איז די אַרבייט פון דר. סלאַטער, וואָס איז געווען געדרוקט אין זשורנאַל פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, אויף וועלכער ער האָט אָבגעגעבען פערצעהן יאָהר פון זיין לעבען, פול מיט די אינטערעסאַנטעסטע פאַקטען וועגען דער געמיינשאַפטליכער בעאַקערונג, וועגען דעם „פעראייניגטען אַקער“, וועגען פערמעריי זאַלבעפערט צוזאַמען, און בכלל וועגען די פערשיידענע טיפּען פון דער דאָרף־געמיינדע אין פערשיידענע טיילען פון ענגלאַנד.

דר. סלאטער'ס בוך „דהי ענגליש פעזאנטרי ענד דהי ענקלאָ־זשור אָוו קאָממאָן פיעלדס", וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון דער שול פאר עקאָנאָמיע, אין יאָהר 1907, איז פול מיט אינטערע־סאנטע פאקטען. פון דאָרטען קאָן מען זעהן, אז אין יאָהר 1873, בע־גרינדעט אויף די פאקטען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, האָבען זיך נאָך געפונען געמיינשאַפטליכע פעלדער (אקער־פעלדער, וואָס ווערען נאָך עד היום בעארבייטעט) אין 905 „פארישעס" (קירך־בעצירקען) פון ענגלאנד און וויילס, און זיי האָבען פערנומען 166,593 אקער, און אז אין 500 אנדערע „פארישעס" זיינען געוועזן נאָך ארום הונדערט טויזענד אקער פון אזוינע לענדערייען. דער געמיינשאַפטליכער בעזיץ פון בעאקערטע פעלדער איז אויף דעם אופן פערבליבען אין א צעהנטען טייל פון אלע „פארישעס" פון ענגלאנד און וויילס, טראָץ אלע מיטלען, וואָס דער פארלאמענט האָט אָנגעווענדעט כדי צו דער־שטיקען די דאָזיגע פאָרם פון ערד־בעזיץ.

---

## XVII — וועגען דער דאָרף־געמיינדע אין דער שווייץ.

(צו זייט 309)

די איבערגעבליבענע געמיינדע־בעזיצונגען אין דער שווייץ האָ־בען אָנגענומען אייניגע אינטערעסאנטע פאָרמען, אויף וועלכע דער דאָקטאָר ברופּבאכער האָט פריינדליך געצויגען מיין אויפמערקזאמ־קייט, צושיקענדיג מיר די ווערק וואָס איך דערמאָן שפּעטער.

דער צוגערישער קאנטאָן בעשטעהט פון צוויי טהאַלען: דער טהאַל עגערי און דער דעק פון צוגערישען טהאַל. אין דעם דאָזיגען קאנטאָן געהען אריין — צו געברויכען די טערמי־נאָלאָגיע פון דר. קארל רוטטימאנן — צעהן „פּאָליטישע" געמיינ־דען; ד. ה. געמיינדען, וועלכע שטעלען צונויף אדמיניסטראטיווע איינהייטען. אין „אָט די אלע פּאָליטישע געמיינדען פון צוגערישען קאנטאָן, זאָגט ק. רוטטימאנן, אויסער מענציגען, נייכיינע און דישא, געפינען זיך אינאיינעם מיט פריוואטען אייגענטום פון לאנד, ברייטע טיילען פון טעריטאָריע (פעלדער און וועלדער), וואָס געהע־רען צו גרעסערע און קלענערע געמיינדע־קאָרפּאָראציעס (אללמענד), וועלכע בענוצען זיך מיט זיי געמיינשאַפטליך. אזוינע געמיינדע־

פערבאַנדען זיינען איצט בעקאַנט אין צוגישען קאַנטאָן אונטער דעם נאָמען קאָרפּאָראַציעס. אין די פּאָליטישע קאָמונעס פון אָבערגערי, אונטערגערי, צוג, וואַלכוויל, כאַם, שטיינהאַוזען און כור־נענבערג איז פאַראַן צו איין קאָרפּאָראַציע אין יעדער געמיינדע, נאָר אין דער געמיינדע באַאר זיינען פאַראַן פינף בעזונדערע קאָרפּאָראַ־ציעס."

די רעגיערונג שאַצט דעם אייגענטום פון די דאָזיגע קאָרפּאָראַ־ציעס אין 6,786,000 פראַנק. די סטאַטוטען פון די קאָרפּאָראַציעס אַנערקענען, אַז די בעזיצונגען פון די אַללמענדען איז „זייער געמיינ־שאַפטליכעס אייגענטום, וואָס קאָן ניט אָבגעטיילט און אָבגעריסען ווערען פון זיי און קאָן ניט ווערען פער'משכנ'ט".

די מיטגליעדער פון אָט די קאָרפּאָראַציעס זיינען די אַלטע פאַמיליעס פון די בורגער. אַלע אַנדערע מיטגליעדער פון די גע־מיינדען, וועלכע געהערען ניט צו די אַלטע פאַמיליעס, געהערען ניט צו די קאָרפּאָראַציעס און בענוצען זיך ניט מיט די רעכט אויף די אַלט־געמיינדליכע לענדערייען. אויסער דעם זיינען איינינע פאַמי־ליעס אין עטליכע געמיינדען פון דעם קאַנטאָן אויך בירגער פון דער דאָרף־געמיינדע פון צוג. אַמאָליגע צייטען האָט אויך עקזיסטירט אַ קלאַס תושבים־פרעמדע (בייזאַסען, אַנגעקומענע), וואָס האָבען פער־נומען אַ צווישענדיגע פּאָזיציע צווישען די בירגער און די ניט־בירגער, איצטער אָבער איז שוין אַזאַ קלאַס מעהר ניטאָ. נאָר די בירגער האָבען אַ רעכט אויפ'ן אַללמענד, וועלכע זיינען פערשיידען אין פערשיידענע געמיינדען, און בעציהען זיך אין איינינע געמיינדען אויך אויף די הייזער, וואָס זיינען געבויט אויף דער געמיינדע־ערד. אָט די רעכט, וועלכע רופען זיך „גערעכטיגקייטען", קאָנען ווערען געקויפט, און אפילו מענשען פון פרעמדע לענדער קאָנען זיי קויפען.

אויף דעם אופן האָט דער צופאַל פון פרעמדע אַרויסגעבראַכט אין די געמיינדען פון דער צוגערישער רעפּובליק דאָס אייגענע, אויף וואָס מיאַסקאָווסקי און מ. קאָוואַלעווסקי האָבען אָנגעוויזען אין אַנדערע טיילען פון דער שווייץ. בלויז די יורשים פון די אַלטע געמיינדע־מיטגליעדער האָבען אַ רעכט אויף די געמיינדע־לענדע־רייען, וועלכע זיינען נאָך געבליבען גרויס ביז היינטיגען טאָג. וואָס געהערט צו די איבעריגע איינוואוינער פון יעדער געמיינדע, שטעלען זיי נאָר צונויף אַ „פּאָליטישע געמיינדע". ד. ה. אַן אַדמיניסטראַטיווע

גרופּע, וועלכע האָט ניט אַלס אַזעלכע קיינע רעכט אויף דעם געמיינדע־אייגענטום.

די בעשרייבונג פון דעם פּראָצעס ווי אַזוי די געמיינדע לענדע־רייען זיינען פערטיילט געוואָרען צווישען די געמיינדע־מיטגליעדער צום סוף 18טען יאָהרהונדערט און וועלכע קאָמפּליצירטע פאָרמען פון געברויך עס זיינען דערפון ארויסגעקומען, קאָן מען געפינען אין דר. קאַרל רוטטימאַנן'ס ווערק „די צוגערישען אַללמענד קאָרפּאָראַ־ציאָנען" און פּראָפ. מאַקס גייאור'ס „אַללאַנד לונגען צום שווייצע־רישען רעכט", בערן, 1904 (ענטהאַלט אויך אַ ביבליאָגראַפיע וועגען דעם ענין).

אַן אַנדער ווערק גיט אַן אויסגעצייכענטען בעגריף וועגען דער פריהערדיגער דאָרף־געמיינדע אין בערנער יורא. דאָס איז אַ מאָנאָ־גראַף פון דר. הערמאַן רעננעפּאַהרט „די אַללמענד אים בערנער יורא", ברעסלאַוול, 1905. דאָ זיינען גרויסאַרטיג דערקלערט די פּער־העלטניסען צווישען דעם הערן און די דאָרף־געמיינדען, ווי אויך די ווירטשאַפטליכע פיהרונגען אין די דאָרף־געמיינדען. מיר האָ־בען דאָ אויך אַ בעשרייבונג פון די מיטלען, וואָס די פּראַנצויזען האָבען אָנגענומען בעת זיי האָבען עראָבערט די שווייץ צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט, כדי צו פערניכטען די דאָרף־געמיינדע, צווינ־גענדיג זי צו צעטיילען איהרע לענדערייען און איבערגעבען די ערד, אויסער די וועלדער, אין פּריוואַט־אייגענטום — און טאַקע דאָרט ווערט דערצעהלט, ווי די דאָזיגע געזעצען זיינען דורכגעפאַלען. אַן אַנדער אינטערעסאַנטער טייל פון רעננעפּאַהרט'ס ארבייט בעווייזט, ווי די געמיינדען פון בערנער יורא האָבען די לעצטע פופציג יאָהר געקאָנט ארויסבעקומען די גרעסטע הכנסה פון זייער ערד און פער־גרעסערען איהר פּראָדוקטיוויטעט, ניט פערניכטענדיג דעם געמיינ־שאַפטליכען בעזיץ (זעה זייטען 165 ביז 175).

דער מאָנאָגראַף פון דר. עד. גראַף „די אויפטהיילונג דער אַלל־מענד אין דער געמיינדע שאַעץ", בערן, 1890, דערצעהלט דיזעלבע געשיכטע פון דער דאָרף־געמיינדע, און וועגען דער געצוואונגענער צוטיילונג פון דער ערד אין קאַנטאָן לוצערן.

דר. ברופּבאַכער, וועלכער האָט פּאַרטרעפליך אַנאַליזירט די אַלע ארבייטען אין דער שווייצערישער פרעסע, האָט מיר אויך צוגע־שיקט די פאָלגענדע ווערק: דר. קאַרל בירקלי'ס „די אורשפּרונג דער

איידגענאָסענשאַפט אויס דער מאַרק־גענאָסענשאַפט", ציריך, 1891, דר. קאַרל ביכער'ס לעקציע „די אַלמענדע אין איהרער ווירטשאַפט־ליכען אונד זאָציאַלען בעדויטונג", בערלין, 1902 (זאָציאַלע שטרייט פראַגען", XII) און דר. מאַרטין פאַססבענדערס לעקציע וועגען דעם אייגענעם ענין.

צו בעקענען זיך מיט דער איצטיגער לאַגע פון געמיינדע־אייגענטום אין דער שווייץ קאָן מען אָנווייזען צווישען אַנדערע אויף דעם אַרטיקעל „פעלדגעמיינשאַפט" אין דר. רייכבערג'ס „ווערטער־בוך דער שווייצערישער פאָלקסווירטשאַפט, סאָציאַלער פאָליטיק אונד רעגיערונג", באַנד I, בערן, 1903.

---

## XVIII — נאָך ביישפּיעלען פון געגענזייטיגער הילף, וואָס עקזיסטירט איצטער אין די דערפער פון האָלאַנד.

(צו זייט 320)

דער „בעריכט פון דער נידערלאַנדישער אַגריקולטור־קאָמיסיע" ענטהאַלט פיעלע ביישפּיעלען, וואָס זיינען שייך צו דעם ענין, און מיין פריינד מ. קאָרנעליסען האָט געפעליגסט אויסגעקליבען פאַר מיר די ענטשפּרעכענדע שטעלען פון די דיקע בענדער פון דעם בעריכט.

דער מנהג צו האַלטען איין דרעש־מאַשין, וואָס ווערט געפיהרט פון איין פאַרם צו דער אַנדערער נאָך דער רייה, איז גאַנץ שטאַרק פערשפּרייט אין די נידערלענדער, אַזוי גוט ווי אין אַנדערע לענדער. היע און דאַ אָבער געפינט מען אַ געמיינדע, וועלכע האַלט אַ דרעש־מאַשין פאַר דער געמיינדע בשותפות.

די פאַרמערס, וועלכע האָבען ניט גענוג פערד פאַר'ן אַקער, באָרגען די פערד פון זייערע נאָכבאַרען. דער מנהג צו האַלטען אַ קאָמונאַלען־בוהאַי־אָקס, אָדער אַ קאָמונאַלען זכר־פערד איז זעהר אַלגעמיין.

ווען אַ דאָרף דאַרף הויבען דעם גרונד (אין די נידעריגע געגענ־דען), כדי צו בויען אַ קאָמונאַלע שוהל, אָדער אַ הויז פאַר איינעם פון די בויערן, ווערט געוועהנליך צונויפגערופען אַ „הילף" (בעדע). דאָסזעלבע ווערט געטהאָן ווען אַ בויער דאַרף זיך אַריבערציהען פון

איין אָרט אויף דעם אנדערען. די „בעדע" איז בכלל א ווייט־פערשפרייטער מנהג און קיינער, סיי אָרים, סיי רייך, פערפעהלט ניט זיך אָבצורופען מיט זיין פערד און וואָגען.

דער איינפיהר אז איינינגע ערד־ארבייטער זאָלען געמיינשאפט־ליך אָבדינגען א לאָנקע וואו צו פיטערען זייערע בהמות, געפינט זיך אין פערשיידענע טיילען פון לאנד. עס טרעפט אויך אָפט, אז דער פארמער וואָס האָט אַן אקער און פערד, בעאקערט דאָס לאנד וואָס געהערט צו זיינע געדונגענע ארבייטער.

וואָס געהערט די פארמערשע פעראיינען אויפצוקויפען זריעה, עקספּאָרטירען גרינסען נאָך ענגלאנד א. אז. וו. זיינען זיי איצט פול אומעטום. דאָסזעלבע קאָן מען אויך געפינען אין בעלגיען. אין יאָהר 1896, זיעבען יאָהר נאָכדעם ווי עס האָבען זיך אנגעהויבען גרינדען די פּויערימשע גילדען, צוערשט אין פלעמישען טייל פון לאנד, און בלויז פיער יאָהר זינט זיי זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין דעם וואלון טייל פון בעלגיען, האָבען זיך שוין איינגעפונען 207 אזוינע גילדען מיט א מיטגליעדערשאפט פון צעהן טויזענד.

# אָנצייגער און וואָרט־ערקלערער

וואו עס ווערען אָנגעוויזען די הויפט ענינים פון בוך און נעמען פון די מעהר בעריהמטע פערפאַסער, ווי אויך די בעדייטונג פון איינינע פרעמד־ווערטער.


## א

אַאַזע — אַ פרוכטבאַרער אָרט אין אַ וויסטעניש. — ז. 261.

אבאַ—דער געמיינשאַפטליכער גע־יעג ביי די בוריאַטען.—ז. 191.

אַגריקולטור־קאָאָפעראַטיווען — אין דער שווייץ. — ז. 310.

אָדיבאָן (דזשאהן דזשיימס (1780—1851) אַמעריקאַנער נאַטור־פאָרשער און אָרניטאָלאָג. — ז. 42, 66, 69, 71.

אָדלערס — זייערע פעראייניגונ־גען. — ז. 42—43, 129.

אויסטראַליער איינגעבאָרענע, זייער לעבען און זיטען, ז. 129־131

אויסטריקענונג, וואָס געחט אָן אין צענטראַל אַזיע זינט דער אייז־פעריאָדע, ז. 99, 163.

אולום — דער בוריאַטישער נאָמען פאַר דאָרף־געמיינדע, ז. 189.

איבערגאַנגס־צושטאַנד פון דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע פון די אייראָפּעאישע פעלקער, בעת זיי זיינען געקומען צוערשט אין בעריהרונג מיט די רוימער, ז. 165.

אידעאַליזירונג — די צו־חויכע פאָרשטעלונג פון אַ זאַך, ז. 343.

אידעען און פרינציפּען, די מאַכט וואָס זיי האָבען אויף די שיקזאַ־לען פון דער מענשהייט, ז. 284.

איהערינג דר., בעריהמטער דייט־שער יוריסט, ז. 358, 366.

איזאָלירונג (ווערען אָבגעזונדערט פון די איבעריגע) אלס אַ פאַק־טאָר אין דער ערשיינונג פון נייע וואַריעטעטען, ז. 97—98.

אייז־פעריאָדע, ז. 16—115.

איינהייט פון שטאַם און די איינ־פלוסען, וועלכע האָבען גע־שטרעבט זי צו פערניכטען, ז. 58—157.

אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַרי־טעט, ז. 356.

אינסטינקט פון געמיינשאַפטליכ־קייט און סאָלידאַריטעט, ז. 12,13.

אכזריות פון די „ווילדע" און היינטיגע ציוויליזירטע פערגלי־כען, ז. 146.

פון ארבייט־געבער צו זייערע ארבייטער, ז. 365.

אַלטום, דר. ב., אַ דויטשער וואלד־קענער, ז. 104.

אַלטרואיסטישע (טובת הכלל'דיגע) בעשטרעבונגען אין גרויסע פּאָ־ליטישע בעוועגונגען, ז. 342.

אָליגאַרכיע (די הערשאַפט פון אַ קלײנעם קלאַס) פון די סוחרים, ז. 250.

אַלעאוטען, נאָהענטע קרובים פון די עסקימאָזען, זייער שטאַם-מאָראַל, ז. 138—40.

אַנאַיאַ — בעשיצונג פון אָנגריפען, ביי די קאַבילען, ז. 196. ביי די קאַווקאַזישע פעלקער, ז. 199.

אַמאַטערען (ז. 354) „ליעבהאָבער" פון אַ געוויסען צווייג פון וויסענשאַפט אָדער קונסט, אין געגענזאַץ צו די „פּראָפעסיאָנעלע", וואָס בעשעפטיגען זיך דערמיט אַלס זייער פּראָפעסיאָן.

אַסאָציאַציעס געפינען זיך אויף אַלע שטופען פון ענטוויקלונג, ז. 82, 83.

אַפּפען, זייער געזעלשאַפטליכקייט, ז. 79—82.

אַרבייטער - אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד אין די יאָהרען פון די שווערסטע פערפאָלגונגען, ז. 337.

אַרבייטער-קאָנגרעסען אין מיטעלאַלטער, ז. 256.

אַרטעלען, די רוסישע גילדען און קאָאָפּעראַציעס, ז. 230, 345.

אַריבערגאַנג-וואַריעטעטען, זייער פערניכטונג, ז. 95—100.

אַרכיטעקטור-ווערק פון די מיטעלאַלטערליכע שטעדט, ז. 223, 273 און ווייטער.

אַרכעאָלאָגען (פאָרשער פון אַלטערטהימער) ז. 117.

אָרניטאָלאָג — דער וואָס גיט זיך אָב מיט דעם שטודיום פון פויגלען, ז. 353.

„אַריפמעטישער אַרגומענט", גענומען פון מאַלטוס'ן, ז. 100

## ב

באַכאָפען י., בעריהמטער פערפאַסער פון „מוטערעכט", ז. 113, 121.

באַרבאַרען-וואַנדערונגען, דיאורזאַך דערפון, ז. 64—163.

באַרבאַרישע יוסטיץ, הויפטשטריך ז. 182.

בודיאַטען, די מאָנגאָלישע, זייערע דאָרף-געמיינדען און לעבענספיהרונגען, 192—188.

בושלען — זייער געזעלשאַפטליכקייט, פאָרזיכטיגקייט און פערשטאַנד, ז. 51—50.

בושמענער — זייער לעבען און געזעלשאַפטליכקייט, ז. 27—125

בייששפּיעלען פון געגענזייטיגער הילף צווישען אָרגאַניזירטע אַרבייטער, ז. 341 און ווייטער.

ביכנער לודוויג, ליעבע און סימפּאַטיע ביי חיות; אויסזעצונג געגען זיין הויפט אידעע, ז. 11, 12.

ביענען, געגענזייטיגע הילף ביי, ז. 40—37

אַנטי-סאָציאַלע אינסטינקטען — ז. 39.

בישאָפען, וואָס האָבען פערטיידיגט די פרייהייטען פון די שטעדט, זיינען געוואָרען הייליגע, ז. 221

בלוט־ראַכע, די ערקלערונג פון דעם מנהג, ז. 142—159.

בעיטס וו. (אַן ענגלישער נאַטור־פאָרשער) פערפאסער פון „אַ נאַ־טורפאָרשער אויפ׳ן טייך אַמאַ־זאָן“, ז. 13, 103.

בעפרייאונג פון די שטעדט אין 12טען י. ה., ז. 235

בעשרענקונג פון הייראַט פער־העלטניסען — די ערקלערונג דערפון, ז. 125.
אַנטקעגען צופיעל געבורטען ביי די ווילדע, ז. 142.

ברעהם אלפרעד (1829—1884) דייטשער נאַטורפאָרשער, ז. 43, 49, 51, 52, 58, 80.

ג

גאָטעס־אורטייל, ז. 179

גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען אין העכסטען גראַד אַ געזעלשאפט־ליכע פעהיגקייט, ז. 88

גילדע אַ נייע פאָרם פון פעראייני־גונג, ז. 224 און ווייטער.
איהר גרונד־כאַראַקטער, ז. 232.

גלייכגילטיגקייט צו געמיינשאפט־ליכע אינטערעסען פון די שטאָד־טישע איינוואוינער, ז. 350.

געגענזייטיגע הילף צווישען די אָרימע, ז. 359 און ווייטער.
צווישען די רייכע, ז. 365.

געדאַנק פון גערעכטיגקייט — די גרונדלאַגע, אויף וועלכער עס איז אויפגעבויט געוואָרען די אויטאָריטעט פון די קעניגע און פעאָדאַלע הערשער, ז 209.

געזעלשאַפטליכקייט — אַן אַל־געמיינער שטריך אַפילו ביי רויב־פויגלען, ז. 43.
גיט דעם גרעסטען פאָרצוג אין קאַמפף פאר עקזיסטענץ, ז. 87.

געטהע אַלס נאַטור־פאָרשער, ז. 10.

געמיינשאַפטליכע ערד־ארבייט אַן אַלגעמיינע פאָרם פון פרימי־טיווער אַגריקולטור, ז. 174 און ווייטער.

געמיינשאַפטליכע מאָהלצייטען, וואָס ווערען אָבגעהיט אַלס טראַ־דיציע, ז. 175.

גערעכטיגקייט־געפיהלען — אַ פאָרבעדינג פון געזעלשאפטלי־כען לעבען, ז. 88.

„גראַנד נאשיאָנאַל יוניאָן“ פון ראָבערט אָוועז, אין ענגלאַנד, סוף די צוואַנציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ז. 338.

גרונד־אידעען אין דעם 11טען י. ה. — זעלבסט־פערטרויען, פע־דעראַליזם און זעלבסטשטענדיג־קייט פון יעדער גרופע, ז. 284.

גריזונעס זייערע ענטוויקעלטע פאָרמען פון געגענזייטיגער הילף, ז. 68—73.

ד

דאיאַקס (אין באָרנעאָ), זייער בלוט־ראַכע, ז. 151.
זייער מאָראַל, ז. 152—153.

דאָפעלטע מאָראַל אין דער גאַנ־צער מענשליכער ענטוויקלונג, ז. 57—156.

דאָקומענטען, אַ סך הכל פון 52, וואָס מוזען אָנגעשריבען ווערען אין פראנקרייך, איידער די מינדסטע געזעלש. אַרבייט קאָן געטהאָן ווערען, ז. 300.

דאַרווין, טשאַרלז, קאמפף פאַר עקזיסטענץ אַלס פאקטאָר פון ענטוויקלונג, ז. 23—19;
דער קאמפף צווישען די איינ־צעלנע פון דעמזעלבען מין, ז. 92 און ווייטער;
די מענשליכע אָבשטאַמונג פון געזעלשאַפטליכע אַפּפען, ז. 114;
די געזעלשאַפטליכע פעהיגקיי־טען פון מענשען זיינען די הויפּט ווירקענדע קראַפט פון זיין ווייטערדיגער ענטוויקלונג, ז. 153.

דאָרף־געמיינדע — אַ נייע פאָרם פון געזעלשאַפטליכער אָרגאַני־זאַציע, ז. 166 און ווייטער.
אַ נאַטורליכער פּראָדוקט פון דער שטאַם־אָרגאַניזאַציע, ז. 168.
ליטעראַטור וועגען דער דאָרף־געמיינדע, פוס־נאָט צו ז. 168.
ביי די איינגעבוירענע פון אַמע־ריקא, ז. 200.

הויכטצייטיגע איבערבלייבונגען, ז. 304 און ווייטער.

דיעמאַא — די פאָלקספערזאמלונג פון דער קאַבילישער דאָרף־גע־מיינדע, ז. 192 און ווייטער.

דראַקאָנישע געזעצען (ג ר ו י־ז א מ ע, מ ע ר ד ע ר י ש ע געזעצען, אַ נאָמען נאָך דעם גריכישען געזעצגעבער דראַקאָ) געגען אַרבייטער ק אָ אַ ל י־צ י ע ס (פעראייניגונגען), אין ענגלאַנד, אין יאָהר 1799, אין פראַנקרייך אין יאָהר 1793, ז. 337.

דרייער־געריכטען אין דער באַר־באַרישער געזעלשאַפט, ז. 179.

דרענאַזש (ז. 330) אָבציהען וואַ־סער פון זומפּיגע פלעצער דורך גראָבענס.

## ה

האָבּבס׳ שטאַנדפּונקט וועגען דער נאַטור פון מענשען, ז. 111
„האָבעזישע" מלחמה פון יעדען אנטקעגען אַלעמען, (נאָך דעם ענגלישען דענקער ט אָ מ אַ ס ה אָ ב ב ע ס, געלעבט אין 17טען י. ה.), ז 23, 34.

האָזען און קראָליקעס — זייערע פערשיידענע טעמפּעראַמענטען, ז. 73.

האָטענטאָטען — זייער לעבען און געזעלשאַפטליכקייט, ז. 127־29.

האַנדעלס־גילדען, ז. 250 פוסנאָט.

האַנדעל־שטעדט פון איטאַליע, ז. 222.

האַנזאַ, נאָרד־דייטשע און פלעמי־שע, ז. 270.

האַקסלי, זיין בליק אויף דער נאַ־טור פון די בעלי חיים, ז. 24—23, 112.

הודסאָן וו., פערפאַסער פון „אַ נאַטוראַליסט אַן לא פּלאַטאַ", ז. 85, 86.

היישעריקען און שמעטערלינגען, זייערע געמיינשאַפטען, ז. 30 און אָנהאַנג 1.

הירשען, זייערע צופעליגע וואַנדע־רונגען אויף׳ן אמור, ז. 76־77.

## וו

וואַטט דזשיימס, דער ערפינדער פון דאַמפּף־מאַשין, ז. 374.

וואַלליים, אַלפרעד ראַסעל, ז. 93.

וואַלונטערען — פריוווילליגע, ז. 348.

וואסער־הייזלעך פון דער שטיין־צייט, ז. 118.

וואריעטעטען, ערשיינונג פון נייע, ז. 96.

ווערגעלד, וואָס מען האָט גע־דאַרפט בעצאָהלען פאַר פערלע־צונגען, ז. 183.

וועניאַמינאָוו א. (אַ בעריהמטער רוסישער מיסיאָנער).
זיינע בעמערקונגען וועגען די אלעאוטען, ז. 138.
זיין אַרבייט צווישען די טונגו־זען, קאַמטשאַדילען און טשוק־טשען, ז. 143.

וועקסעל־ווירטהשאַפט (ז. 329) אַ געוויסער סיסטעם צו פער־זעען די פעלדער יעדען יאָהר מיט עפּעס אַנדערס.

ווערק, אין וועלכע מען קאָן גע־פינען בעשרייבונגען פון געגענ־זייטיגע הילף ביי בעלי חיים, הערה צו ז. 26.

## ז

זאָאָלאָגיע (די וויסענשאַפט וועגען אַלע בעלי חיים) — קומט צום שלוס, אַז די עלטסטע פאָרם פון געזעלשאַפטליכען לעבען איז גע־ווען די גרופּע, די פעלקערשאַפט און ניט די פאַמיליע, ז. 114.

זויג־טהיערען, פעראייניגונג און געגענז. הילף איז ביי זיי דער רעגעל, ז. 65.
ביישפּיעלען פון געזעלשאַפטליכ־קייט ביי אַלע מינים, ז. 64-91.

זעלבסט־בעהויפּטונג פון'ם יחיד — אַלגעמיינע בעמערקונג וועגען איהר ראָליע און ענטוויק־לונג פון דער מענשהייט, ז. 16-17, 371.

זשוקעס, געגענזייטיגע הילף צווי־שען דעם מין, וואָס הייסט טוי־טען־גרעבער, ז. 30—31.

## ט

טאָפּאָגראַף — בעשרייבער פון געגענדען און פּלעצער.

טהעאָקראַטישע שטאַאטען (ז. 215) — ממשלת כהנים, רעגי־רונג אין נאָמען פון רעליגיאָן.

טיילאָר עדוארד ב. ענגלישער אַנטראָפּאָלאָג, ז. 113, 119.

טריאַדען (פּאָעמען אָדער בעשריי־בונגען פון דריי געגענשטאַנדען אָדער פּאַסירונגען אונטער איין נאָמען), אין וועלכע עס זיינען איבערגעגעבען געוואָרען די אינ־סטיטוציעס פון די באַרבאַרען, ז. 178.

טשערנישעווסקי'ס בעמערקונג, „פון שלעכטס קאָן קיין גוטס ניט אַרויסקומען", ז. 107.

## י

יונגערע גילדען, זייערע אויפ־שטאַנדען, ז. 259-60.

יוריסדיקציע פון די געמיינדען, ז. 217 און ווייטער.
פון די גילדען, ז. 258.

## ל

לאַנד־פערבאַנדען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסען אַנשטאַט די פריהערדיגע בלוט־פערבאַנדען, ז. 166.

לאָרד שעפטסבורי, זיין פאָנד פאַר בלומען־מיידלעך, ז. 362, פוס־נאָט.

לובבאָק, סער דזשאהן, (אַן ענגלי־שער נאַטורפאָרשער), ז. 115, 127.

לוינארבייט אין די מיטעלאַלטער־ליכע שטעדט, ז. 253.

ליכטענשטיין (אַ בעריהמטער רייזענדער), ז. 126.

לעהרלינג און מייסטער אין די מיטעלאַלטערליכע גילדען, ז. 3—252.

## מ

מאַלטוס, זיין פאָרשטעלונג וועגען אַ קאמפף פון אַלע אַנטקעגען אַלעמען, ז. 21.

מאַקלענאַן דזשאהן פ., פערפאַסער פון „שטודיען אין אוראַלטער געשיכטע, „די פּאַטריארכאַלע טעאָריע" א. א. ז. 113, 121.

מאָראַלישע אויטאָריטעט פון דער דאָרף־געמיינדע, ז. 1־180.

מאָראַלישע פּרינציפּען פון די באַרבאַרען, ז. 6־184.

מאָרגאַן, ליואיס ה. (אַמעריקאנער פעלקער־פאָרשער), ז. 121.

מאַרק־פלאַץ פון די ערשטע באַר־באַרישע צייטען, ז. 248 און ווייטער.

מוסטער־פערמען אין רוסלאַנד, ז. 330.

מוראַשקעס, זייער געגענזייטיגע הילף, ז. 37—32.

מיטליידם - געפיהל ביי ווילדע חיות, ז. 90.

מיטעלאַלטערליכע פרייע שטעדט, די עהנליכקייט אין די הויפּט־שטריכען פון זייער גע־בוי, ז. 246, די ליטעראַטור וועגען דעם, ז. 247 פוסנאָט. די קאמפּען וואָס זיי האָבען געהאַט אַנצופיהרען געגען די פריצים, ז. 260 און ווייטער. די פער־צווייגטע מלחמות צווישען זיך גופא, ז. 265. וואָס זיי האָבען אויפגעטהאָן פאַר דער אייראָפּע־אישער ציוויליזאַציע, אורזאַכען פון זייער אונטערגאַנג, ז. 279 און ווייטער.

מיליטערישע טעאָריע פון דעם אורשפּרונג פון הערשאַפט, ז. 212.

מיקלוכא־מאַקלאַי, זיין לעבען אין נייגווינעא, ז. 132.

„מיר", די רוסישע דאָרף־געמיינ־דע, ז. 173, 297.

מלחמות און רייסערייען צווישען מענשען, ז. 62—160.

מנהגים פון געגענזייטיגער הילף אין היינטיגע צייטען, אין דער שווייץ, ז. 11—307.

אין פראנקרייך און אַנדערע לענדער, ז. 311 און ווייטער.

מסחר אין מיטעלאַלטער, ז. 242 און ווייטער.

מעין סער הענרי, (ענגלישער יו־ריסט), ז. 113.

מעלי־גרה'דיגע, זייער געזעל־שאַפטליכקייט, ז. 78—75.

## נ

נאַטור, וואָס זי לערנט אונז בנוגע דער עקזיסטענץ און דעם פּראָ־גרעס, ז. 109.

נאַטירליכע מניעות פון אַ צו־שטאַרקער פערמעהרונג, ז. 21, 101, 103.

נאָנקאָנפאָרמיזם אין ענגלאנד — די ניט־צושטימונג צו דער ענגלישער קירך, ז. 366.

נאָרמאַנען — די ריכטער און קניאַזען ביי די רוסישע סלאַווען, ז. 211.

ניט־צוטיילטע פאַמיליע אָדער הויז ווירטשאפט, ז. 169-70.

נעאָליטישע פעריאָדע (די נייעס־טע אָדער שפּעטערע שטיין צייט), ז 116.

נעגאַריאַ — די דאָרף־געמיינדע ביי די מאַלאַיער, ז. 200.

## ס

סאַגאַס און עפּישע דיכטונגען (ז. 182).

סאַגאַ — אַלט סקאַנדינאַווישע לעגענדען און היסטאָרישע ער־צעהלונגען.

עפּיק — אַ פּאָעטישע בעשרייבונג פון גרויסע פּאַסירונגען אָדער מעשים פון בעריהמטע העלדען.

סאַוואָנאַראָלאַ גיעראָנימאָ, זיין ענטפער צו דער שטאָדט פלאָרענץ אין 15טען י. ה., ז. 286.

סאָפיזמען — פּשט'לער און דריידלער פון מוח, ז. 350.

סואווערען (ז. 200) — איבער־האַר.

סואווערעניטעט (ז. 237) — די איבערהערשאַפט, די העכסטע מאַכט.

סוסליקעס, די שרעקליכע פיינד פון די תבואה־פעלדער אין דרום רוסלאַנד, ז. 69, 105.

„סינדיקאַט־אגראָקאָל", די פראַנ־צויזישע אַסאָציאַציעס פון ערד־אַרבייטער, ז. 315.

סיעווערצאָף, אַ רוסישער זאָאָלאָג, ז. 28, 42, 43, 56.

ספּענסער הערבערט, ז. 9, 22, 82.

## ע

עגאָאיסטישע שטרעמונגען אין היינטיגען לעבען, ז. 357.

עטהיק — מאָראַל־לעהרע, ז. 375. עטהישער פּראָגרעס איז געבויט אויף געגענזייטיגער שטיצע, ז. 376.

עלפאַנטען, זייערע „פאַמיליען־פערבינדונגען", ז. 78.

עמבריאָלאָגיע — די וויסענשאַפט וואָס בעהאַנדעלט די ערשטע ענטוויקלונג פון אַן אָרגאַניזם. די עמבריאָלאָגיע פון די מענש־ליכע אינסטיטוציעס, מיינט זייער גאָר ערשטע ענטוויקלונג (ז. 113).

ענג־גייסטיגער אינדיווידואַליזם, אַ פאָלגע פון'ם שטאַאַט, ז. 293.

ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, איהר כאַראַקטער, ז. 162. ענטוויקלונג פון נאַציאָנען, ז. 186.

„ענקלאָזשור - אַקטס", זייער אמת'ער צוועק אַבצושאַפען דאָס סיסטעם פון געמיינדע אייגענ־טום, ז. 301.

עסקימאָזען — זייער לעבען, געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, אייגענטום־פערטיילונג א. אַ. וו. ז. 134—140.

עקאָנאָמישער פּאָרטשריט פון די איטאַליענישע שטעדט אין דעם 12טען י. ה., ז. 266.

פּ

פּאַפּעריזם — דער צושטאַנד פון קבצנות, ז. 332.

פּאַטריאַרכאַלע פאַמיליע, ז. 165, 171.

פּאַליאַקאָוו איוואַן סעמיאָנאָוויטש, אַ רוסישער זאָאָלאָג, ז. 29, 59.

פּאַלעאָ־עטנאָלאָגיע — פּאַלעאָ מיינט אוראַלטע און עטנאָלאָגיע — וויסענשאַפט וועגען דעם אורשפּרונג פון פעלקער און ראַסען. ז. 113.

פּאָליגאַמישע פאַמיליע (ווען אַ מאַן האלט מעהרערע ווייבער).

מאָנאָגאַמישע (ווען דער מאַן האלט איין ווייב), ז. 114.

פּאַלעאָליטישע פּעריאָדע — די אוראַלטע שטיין־צייט, ווען מענשען האָבען זיך בענוצט בלויז מיט כלים און געצייג פון שטיינער. ז. 115.

פּאָסט, דר. א. הערמאַן, דייטשער יוריסט, ז. 113.

פּאַפּאַגיי — זיינע לעבענס־געוועהנהייטען, ז. 52—54.

פּאַפּואַסען — זייערע זיטען און מנהגים, ז. 131־32.

פּויערים־אַסאָציאַציעס אין רוסלאַנד, ז. 329.

פּליאָצען (ז. 113), די לעצטע שיכט פון דער געאָלאָגישער פּעריאָדע, וואָס הייסט די טערציערע (דריטע).
די מיטעלסטע שיכט הייסט מ י אָ צ ע ן, די ערשטע שיכט הייסט א י אָ צ ע ן.
די געאָלאָגישע פּעריאָדען זיינען איינגעטיילט אין פּרימערע (ערשטע), סעקונדערע (צווייטע) און טערציערע (דריטע).

פּעליקאַנעם — זייער פיש־פאַנג, ז. 46.

פּערמאַנענטע (וואָס האָט אַ קיום אויף שטענדיג), פּערבעסערונגען פון די פעלדער, ז. 330.

פּסק־ארויסגעבער — זיינען גענומען געוואָרען פון געוויסע פאַמיליען און האָבען געהאַט אַ גרויסע אויטאָריטעט, ז. 210.

פּראָגרעסיווע ענטוויקלונג פון די מינים קאָן ניט זיין בעגרינדעט אויף די פּעריאָדען פון שאַרפער קאָנקורענץ, ז. 7.

פּריוואַט־אייגענטום אין לאַנד, ז. 171 און ווייטער.

פּרימיטיווע מענשען, זייער כאַראַקטעריסטיק, ז. 154־157.

פּרימיטיווע פעלקער, די לענדער וואו זיי וואוינען, ז. 119־20.

פּרימיטיווער קאָמוניזם ביי די פּאַפּואַסען, ז. 132.
ביי די פייערלענדער, ז. 134.
ביי די עסקימאָזען, ז. 136.

פּרעירי־הינט, אַמעריקאַנער, זייערע געזעלשאַפטען, ז. 70.

## פ

פאַטער־מאַרד ביי די ווילדע, די ערקלערונג דערפון, ז. 144-46.

פאַמיליע, די השערה אַז דער מענשליכער מין האָט אָנגעהויבען זיין לעבען אין קליינע אומוואַנדערענדע פאַמיליען, ז. 112-114.
איהרע ערשטע שפּראָצען, ז. 123.

פאַמיליען־אַסאָציאַציעס ביי די העכערע בעלי חיים, ז. 41.

פאָרטשריט פון ענטוויקלונג — ניט געבויט אויף איבערלעבונגען פון אומגליקס־צייטען, ז. 106.

פאָרטשריט פון קונסטווערק אונטער דעם מיטעלאַלטערליכען גילד־סיסטעם, ז. 257.

פויגלען — זייערע אויספלוגען מחנות׳ווייז און אַנדערע געוואוינהייטען פון געגענז. הילף, ז. 45—54.
זייערע וואַנדערונגען און נעסטען־בויען, ז. 55—63.
די געמיינשאַפטען פון זייערע יונגע, ז. 60.
זייערע טענץ און געזענג, ז. 84—86.

„פויגעל־בערג״, ז. 57.

פעאָדאַליזם — זיין געשיכטע און די בעסטע היסטאָריקער, וועלכע האָבען בעשריבען די ענטוויקלונג פון געוואַלדהערשאַפט, ז. 215.

פעאָדאַלע באַראָנען, ז. 262.

פעדעראַטיווער פּרינציפּ פון מיטעלאַלטער, ז. 271.

פעדעראַציעס פון שטעדט און דערפער אין 12טען יאָהרהונדערט, ז 268—70.

פערד־פאַמיליע, אין די אזיאַטישע סטעפּעס, ז. 74.
זייערע אמאָליגע וואַנדערונגען, ז. 75.

פריי־פאַפּיערען (טשאַרטערס) פון די שטעדט, ז. 234 און ווייטער.

פרייע שטאָדט פון מיטעלאַלטער, ז. 233 און ווייטער.
אַלס ניט־צענטראַליזירטער שטאַאַט, ז. 236.
אַלס דאָפּעלטע פעדעראַציע, ז. 238.
איהר הויפּט־אויפגאַבע און גרונדלאַגע, ז. 239.

פריעדליכקייט פון מענשען, ז. 187.

פריעדליכקייט פון די באַרבאַרען. די סבה וואָס זיי זיינען שפּעטער פערקנעכט געוואָרען, ז. 207 און ווייטער.

פרעבעל־פעראיינען, ז. 355.

## צ

צדקות און טובת־הכלל־אַרבייט, ז. 367.

צווייג־בילדונג פון די דאָרפישע געמיינדען, ז. 178.

צוריק־רוף פון די געזעצען געגען אַרבייטער־יוניאָנס אין ענגלאַנד, אין יאָהר 1825, ז. 338.

צענטערס פון אינטעלעקטועלען לעבען, ז. 354.

צערשטערונג פון די גילדען אין ענגלאַנד זינט דעם 15טען י. ה. ז. 334—39.

צפון־אזיע, די גרויזאמקייט פון דער נאַטור, שפּאַרעוודיגקייט פון דער טהיערען־בעפעלקערונג, ז. 6—5.

ק

קאָאָפּעראציעס אין ענגלאנד און אַנדערע לענדער, ז. 47—344.
קאַבילען — זייער לעבען און פיהרונגען, ז. 196—192
קאָוואלעווסקי מאקסים, רוסישער געלעהרטער, ז. 113.
קאווקאזער בערג־פעלקער, זייער לעבען און מנהגים, ז. 199—197.
קועס, דר. עליאָט, אַמעריקאנער נאַטור פאָרשער, 48, 59.
קאַטהעדראלען פון די מיטעלאַל־טערליכע שטעדט, אַלס סימבאָל פון זייערע פעראייניגטע האנד־ווערקען, ז. 275.
קיך־רעשטלעך אָדער אָבפאלען, ז. 18—117.
קאָלאָניאַלע שטופען אין דער ענטוויקלונג פון טהיערען־וועלט, ז. 9.
קאָמונאלע הייראט, ז. 122.
קאָמפּענדיום — אַ קורץ־געפאַס־טעס ווערק וועגען אַ געוויסען ענין, ווי פאָסט׳ס קאָמפענדיום פון אַפריקאַנישען געוועהנהייטס־רעכט, ז. 331.
קאמפף פאר עקזיסטענץ אין זיין ברייטען און ענגען זין, ז. 23—20.
די ראַליע פון קאמפף און קאָנ־קורענץ, 109—91.
קאניבאליזם (מענשענפרעסעריי), ערקלערונג פון דעם אורשפּרונג און זיין שפּעטיגער ענטוויק־לונג, ז. 49—147.
קאָנסטרוקטיווע כחות פון די פאָלקסמאַסען, אין 10טען און 11טען י. ה., ז. 220.
קאָף — אַן אסאָציאַציע ביי די קאַבילען, עהנליך צו די מיטעל־אַלטערליכע גילדען. ז 196 און וויטער.
קאָרשונעס, זייער געזעלשאפטליכ־קייט, ז. 45—43.
קונסטווערק פון די מיטעלאַלטער־ליכע שטעדט, ז. 8—277.
קיביץ־פויגעל, זיין מוטהיגע אטא־קע אויף גרויסע רויב־פויגלען, ז. 48.
קינדער־מאָרד ביי די ווילדע, די ערקלערונג דערפון, ז. 144־141.
קלאַן־אָרגאַניזאַציע, בנוגע די הייראט־פערהעלטניסען, ז. 121.
קלאַסען־כאראקטער פון די סימ־פאטיען פון די רייכע, ז. 364 פוסנאָט.
קליינע פויגלעך זיינען גובר די שטאַרקע רויב־פויגלען אַ דאנק זייער געזעלשאַפטליכען ווירקען, ז. 49.
קעסלער, זיין לעקציע וועגען דעם געזעץ פון געגענזייטיגער הילף, ז. 8, 28—25.
קריסטליכע גלחים אַלס פסק־אַרויסגעבער, ז. 12—211.

קרעבסען, זייערע געמיינשאפטלי־ כע וואַנדערונגען צום ים; די הילף וואָס זיי האָבען אַרויסגע־ צייגט אַ געפאַלענעם חבר אין דעם אקוואריום אין בריטאן; זייער האַלטען וואַך, ז. 32—31.

ר

ראַבירונג פון די דאָרף־געמיינ־ דען, אין פראנקרייך, זינט דעם 16טען י. ה., ז. 296. אין ענג־ לאנד, זינט דעם 15טען י. ה, ז. 300. אין דייטשלאנד, עסט־ רייך און בעלגיען, ז 303.

ראַצען, די ביבער און ביזעם־ראַ־ צען, זייער געמיינשאַפטליכע אַרבייט, ז. 72—71.

רוססאָ'ם בליק אויף דער נאַטור, ז. 24.
זיין אידעאַליזירען די ווילדע, ז. 154.

רוסישע „אָבשטשינאַ", ז. 322 און ווייטער.

רעזולטאַטען פון געגענזייטיגער הילף אין דער מיטעלאַלטערלי־ כער שטאָדט, ז. 271 און ווײ־ טער.

רעטונגס־שיף געזעלשאַפט אין ענגלאנד, ז. 49—347.

רעליגיעזע וואוילטהעטיגקייט־ פעראיינען, ז. 57—356.

רעפאָרמאַציאָנס־בעוועגונג, איהר קאָנסטרוקטיווער אידעאַל, ז. 290.

רעקלו עליזע, ז. 127.

רעקלו עלי, ז. 143

ש

שטאַאַט, די טעאָריע אַז אַלע גע־ זעלשאַפטליכע עסקים מוזען זיין אונטערוואָרפען צו איהם, ז. 292.

שטאַאַטליכע רעגולירונג פון די אינדוסטריען, ז. 336.

שטאָדט ־ מויערן, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרען אין 9טען און 10טען י. ה., ז. 218.

שטעדט פון מיטעלאַלטער, זייער בעפרייאונג, ז. 216 און ווייטער.

שטרייטען, וואָס קומען פאַר צווי־ שען די „ווילדע" — זייער אור־ זאַך, ז. 133.

שפייז, געברויך פון אַ נייעם סאָרט, אלס סבה פון נייע וואַריעטעטען, ז. 98.

שפערלינגען — ווי זיי טיילען זיך מיט שפייז, ז. 47—46.
זייער אַטאַקע אויפ'ן שפארבער, ז. 50.

# מעמואַרען פון אַ רעוואָלוציאָנער

פון

## פעטער קראַפּאָטקין

איבערזעצט פון ג. ד י י ו ו י ד.

אונטער דער רעדאקציאָן פון דר. י א מעריסאָן.

## יובילעאום אויסגאַבע

מיט אַ פאָררעדע פון געאָרג בראַנדעס.

דאָס בוך איז אַן אויטאָביאָגראַפיע פון פעטער קראָפּאָטקין און ענטהאַלט געטרייע און העכסט אינטערעסאַנטע בילדער פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון רוסלאַנד, דער שווייץ, פראַנקרייך און ענגלאַנד.

526 זייטען פון גרויסען פאָרמאַט, געבונדען, קלאָטה, 75 סענט נעט.

דע לוקס אויסגאַבע, האַלב לעדער און סילק, עקסטרא פאַפּיער,

$1.50 נעט. פּאָרטאָ פריי.

---

# געגענזייטיגע הילף

## פון פעטער קראַפּאָטקין

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן

$1.50 נעט. פּאָרטאָ פריי.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען צו דעם סעקרעטער פון דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט":

S. MARGOLIES, BOOK STORE, 1560 MADISON AVENUE, NEW YORK

אויך צו קריגען אין אַלע בוך־האַנדלונגען.

# די קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

אַפּעלירט צו אַלע גענאָסען און סימפּאַטיזירער צו ווערען איהרע מיטגליעדער און העלפען פערשפּרייטען אויפקלעהרונג און בילדונג צווישען דעם אידישען פאָלק.

די געזעלשאַפט האָט אָנגענומען די פאָלגענדע סטאַטוטען:

1. דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז אַרויסצוגעבען סאָציאַל־וויסענשאַפטליכע ווערק אין אידיש.

2. יעדער איינער, וואָס סימפּאַטיזירט מיט דער אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט און צאָהלט איין 1 דאָלאַר אַ יאָהר, קאָן אויפגענומען ווערען אַלס מיטגליעד.

3. יעדער מיטגליעד בעקומט צוגעשיקט פריי אַלע ביכער, וואָס די געזעלשאַפט גיט אַרויס דורכ׳ן יאָהר.

4. איין מאָל אַ יאָהר (אין מאָנאַט יאַנואַר) קומט פאָר אַ גענעראַל־פערזאַמלונג פון אַלע מיטגליעדער, אויף וועלכער עס ווערט אָבגעגעבען אַ יעהרליכער בעריכט פון דער טהעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט און עס ווערט געוועהלט אַ דריטעל פון פערוואַלטונגס־ראַטה.

## אַלס פּרעמיום

פאַר נייע מיטגליעדער, וואָס שיקען אַריין זייער $1.00 בייטראַג פאַר דעם יאָהר 1914, גיט די געזעלשאַפט איהרע פריהערדיגע אויסגאַבען פאַר האַלב פּרייז:

די מעמואַרען, דע לוקס אויסגאַבע, פאַר 75 סענט.
(פאַר פּאָרטאָ 25 סענט עקסטראַ).

די געגענזייטיגע הילף, פאַר 50 סענט.
(פאַר פּאָרטאָ 12 סענט עקסטראַ).

שיקט אייערע בייטרעגע צו אונזער טרעזשורער:

**Dr. J. A. Maryson, 250 East Broadway, New York**